STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01523

HANTBUKH FUN DER VELT-LITERATUR, PRESE, KUNST UN VISNSHAFT

Leon Golden

Permanent preservation of this book was made possible
by Shirley L. Van Bourg
in honor of Judy Nicholson and
Barbara Steinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

האַנטבוך

פון דער וועלט־ליטעראַטור, פּרעסע,

קונסט און וויסנשאַפט / ערשטער באַנד

י. מאטעניקא

האַנטבוך

פֿון דער וועלט-ליטעראַטור, פּרעסע, קונסט און וויסנשאַפֿט

צוזאַמענגעשטעלט דורך ל. גאָלדין

ערשטער באַנד:

אַבאָוויאַן — ברעשקאָ-ברעשקאָווסקאַיאַ

י. מאַטענקאַ

פֿאַרלאַג „אַוואַנגאַרד", וואַרשע

Printed in Poland

Podręcznik literatury,
prasy, sztuki i nauki
opracował L. Goldin

Wydawnictwo Awangarda, Warszawa 1931.

געזעצט אין „הומאניטע",
שוו. יערסקע 32.

Drukarnia „Rekord"
Warszawa, Dzika 18.

אדרעס פאר קארעספאנדענץ :
Spółdz. wyd. „Bycher"
Warszawa, Nalewki 2a,
dla wyd. Awangarda.

אַ ר י י נ פ י ר

1. די פאָרליגנדיקע אַרבעט איז דער ערשטער באַנד פון אַ ברייספאַרטראַכטן „האַנטבוך פון דער וועלט-ליטעראַטור, פּרעסע, קונסט און וויסנשאַפט". דער צוזאַמענשטעלער האָט משך איבער צען יאָר מיטגעאַרבעט אין איינעם פון די גרעסטע יידישע פאַרלאַגן און אַזוי-אַרום געשטאַנען אין צענטער פון דער בוך-פּראָדוקציע, געווען אין דירעקטן פאַרבונד מיטן יידישן מאַסן-לייענער. די דאָזיקע צייט האָט אים געבראַכט צום אויספיר, אַז דער יידישער מאַסנלייענער איז איינער פון די אינטעליגענטסטע, פון די פילבאַרסטע, פון די אַ ק ט י וו ס ט ע לעזער אין דער וועלט. דער יידישער מאַסן-לייענער האָט אַ גיריק אויג, אַן אָפן אויער פאַר יעדער דערשיינונג אויפן ליטעראַרישן, וויסנשאַפטלעכן אָדער פּאָליטישן געביט. אָט אויף אין אַ קליינער מאָס צו שטילן דעם דאָזיקן ד ו ר ש ט איז געווידמעט דער דאָזיקער באַשיידענער פּרווו.

דער צוזאַמענשטעלער גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז דער פאַרנעם פון דער אַרבעט איז אַ גרויסער – אפשר אַ גרעסערער, ווי ס'קאָן זיך פון אויבנאויף אויסווייזן. אין טויזנטער, טויזנטער שטעט און שטעטלעך, דערפלעך און ישובים, גאַרן מענטשן נאָך אַ וואָרט אויפקלערונג, נאָך אַ וועגווייזער אין זייערע גייסטיקע בלאָנדזשעניש. און אָט קומט אַ מענטש, אַן איינגאַנצן פאַר זיי אומבאַקאַנטער, אַן אומגעבעטענער, און זאָגט: לייענט, און איר וועט אַ סך געוויירער ווערן. צי איז עס נישט צופיל געשטעלט אויף זיך? – מעגלעך, אַז יאָ. אָבער זאָל מען נעמען אין אַכט, אַז די פאָרליגנדיקע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן געוויסנהאַפטיק, אַז ביים באַאַרבעטן דעם „האַנטבוך" האָט דער מחבר אַ סך געשעפּט פון ערשטקלאַסיקע, ערנסטע קוואַלן, צומטייל באַקומען דאָס מאַטעריאַל פון דער ערשטער האַנט, אַז יעדע פּערזאָן, וואָס ווערט דאָ באַרירט, איז שטרענג קאָנטראָלירט און פאַרגלייכט געוואָרן.

2. זאָל דאָ גלייך געזאָגט ווערן: דער צוזאַמענשטעלער שרעקט זיך נישט פאַרן וואָרט: ט ע נ ד ע נ ץ. דער אונטערגעשריבענער באַקענט זיך מיט שטאָלץ צו י ע נ ע ם טייל מענטשן, וואָס האָבן זיך שוין פון לאַנג צוגעאייגנט דעם איינציקן ריכטיקן מעטאָד פון פאָרשן, פון באַנעמען: דעם אופן

פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, פון דיאַלעקטישן דענקען. און זאָל קיינער נישט וואַגן אים מאַכן צוליב דעם אַ פאָרוואורף: טענדענץ האָט אַזוי מעטום, אַלעמאָל עקזיסטירט; אָבער נאָך קיינמאָל איז זי נאָך נישט אַזוי בולט אַרויסגעטרעטן, ווי היינט, אין דער עפּאָכע פון צעפאַל פונעם קאַפּיטאַליזם און די פעסטע, זיכערע אָנקומענדיקע טריט פון דעם נייעם וועלט-סדר, פון קאָלעקטיוון פאַרמעג און גלייכער פרייד פון אַלע מענטשן — פון סאָציאַליזם.

טענדענץ? אדרבא, ווו איז זי נישטאָ? דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון געשיכטע, פון לעבן, פון גייסטיקן שאַפן — אַלץ דאָס איז דורכגעזאַפּט מיט אָט דעם מאָדנעם, קלאָמפּערשט-שרעקלעכן וואָרט. דער אַרבעטער ביים וורקשטעל, דער פויער ביים אַקער, דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענט בּאַ זיין רעכנטישל, די אַרבעטער-פרוי, דאָס צעניעריקע לערניינגל — אַלע פילן זיי פּיינלעך די טענדענץ — די זיי פּיינטלעכע, די זיי פאַרסמענדיקע. די קאַפּיטאַליסטישע פרעסע, דאָס בירגערלעכע קינאָ, דאָס היינטצייטיקע בוך, די שול, דער טאָגטעגלעכער שטייגער לעבן — צי טראָגט עס נישט דעם בולטן סטעמפּל פון אונדזער עפּאָכע, אַזוי גוט ווי אַלע פאָרמען פון גייסטיקן און מאַטעריעלישן לעבן האָבן געהאַט אויף זיך דעם אָפּדרוק פון זייער געגעבענער עפּאָכע?

יאָ, איינזייטיקייט. יאָ, די מאָס פון באַציונג צו פּראָגרעסיווער מענטשלעכקייט. אַ קליינער בּיישפּיל: די „בריטישע ענציקלאָפּעדיע", די גרעסטע אין איר מין אויף דער וועלט, דאָס טיפסטע, גרינדלעכסטע האַנט-בוך, גיט אָפּ פאַרן וואָרט „בייז-באָל" — אַ מין באַלעם-שפּיל פאַר רייכע זינדלעך — 15 60-שורהדיקע עמודים, מיט אַן אַ שיער בּילדער און אויפנאַמען — גראָד 9 מאָל אַזויפיל, וויפל זי גיט אָפּ, למשל, פאַר עפּעס אַ רעלאַטיוויטעט-טעאָריע פון אַ געוויסן אַלבערט איינשטיין. די רעדאַקציע רעכנט זיך מיטן עלעמענט, וואָס וועט זי לייענען — און אין דערזעלבער ליניע וויל זיך אויך האַלטן דער צוזאַמענשטעלער, נאָר פון דער פאַרקערטער — ריכטיקער — זייט.

3. אין זינען פון דעם אויבנגעזאָגטן, האָט זיך דער צוזאַמענשטעלער געמיט אויך אַנטשפּרעכנדיק צו שאַפן די פאָרעם פונעם „האַנטבוך".

וואָס איז געווען די קריטעריע, די מאָס ביים באַאַרבעטן דעם מאַטעריאַל? קלאָר, אַז אינעם „האַנטבוך" קומען נישט אַריין אַלע מענטשן פון אַלע פעלקער און אַלע צייטן, וואָס האָבן נאָר אָנגעשריבן אַ בוך, רעדאַגירט אַ צייטונג, געמאָלן אַ בילד. דעם צוזאַמענשטעלער גייט אין דער ערשטער ריי צו געבן די מער פּאָפּולערע, די, וואָס זייער נאָמען האָט ביי אַזאַ אָדער אַנדער געלעגנהייט אָפּגעקלונגען אין אויער פונעם יידישן לעזער; ער וויל געבן די כאַראַקטעריסטישסטע פאָרשטייער פון אַלע צייטן, די, וואָס האָבן — אין פּאָזיטיוון, צי אין נעגאַטיוון זינען — אָפּגעשפּיגלט זייער צייט, אירע מיינונגען און באַגערן, די שטרעמונגען פון דעם קלאַס, צו וועלכן זיי האָבן געהערט.

פ אַ ר ק י ר צ ו נ ג ע ן :

א. אַ. — און אַנדערע	פס״ד — פסיידאָנים
אַ. ג. — אַזוי-גערופענע	צ. אַ. — צווישן אַנדערע
א. נ. — אונטערן נאָמען	○— געבוירן
ז. — זע	▪ — געשטאָרבן.
י״ה — יאָרהונדערט	

די מאָנאָגראַפיע אַ נ ט אָ ק אָ ל ס ק י איז אָנשטאָט אויף עמוד 105, געדרוקט אויף עמוד 109.

די מאָנאָגראַפיע ב ז ש אָ ז אָ ווס ק י — אָנשטאָט ע׳ 340 — אויף ע׳ 510.

די לעזער, וואָס וועלן צושטעלן דעם אויסגעדרוקטן קופּאָן, וועלן קאָנען באַקומען דעם צווייטן באַנד פון דעם האַנטבוך מיט דער הנחה פון אַ דריטל פּרייז.

פ אַ ר לאַ ג „אַ וואַ נ גאַ ר ד״

קופּאָן

צו באַקומען דעם צווייטן באַנד

„האַנטבוך פון דער וועלט-ליטעראַ-טור, פּרעסע, קונסט און וויסנשאַפט״

מיט אַ הנחה פון 33%.

דער יידישער לעזער איז אַ מאַסנלעזער. דערום — די פּאָפּולערע שפּראַך און סטיל. דעם יידישן לעזער אינטערעסירט קודם-כל די פּראָגן פון היינט — דערפון די אַ ק ט ו ע ל ק ײ ט, דאָס געבן די פּערזאָנען פון היינט, אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען אפשר נישט ספּעציעל פּאָפּולער, אָבער וואָס קאָנען נאָך אַרויסשווימען אויפן האָריזאָנט פון דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט. ווי ס׳איז צו זען, איז אויך ספּעציעל אַכט געלייגט געוואָרן אויף די געשעענישן פון דער לעצטער צייט.

4. דער אַלגעמיינער פּ ל אַ ן פונעם „האַנטבוך” איז מער-ווייניקער אַזאַ: דער צווייטער באַנד זאָל אַנטהאַלטן פון ג. ביז ו. איינשליסלעך, דער דריטער — ז—מ, דער פערטער — נ—פּ, דער פינפטער — צ—ש. אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נויטיק, זאָל נאָך אַרויס דער ז ע ק ס ט ע ר באַנד — הוספות און אויסבעסערונגען. אחוץ דעם ווערט נאָך גענומען אין באַטראַכט צו געבן אַ ספּעציעלן באַנד „אַלוועלטלעכע ליטעראַטור און קונסט” — אין קורצע, געפּאַסטע אָפּהאַנדלונגען לויטן א״ב פון די פ ע ל ־ ק ע ר, געשריבן פון ערשטקלאַסיקע כּוחות. יעדער באַנד זאָל דערשיינען אַלע פערטל יאָר.

געוויס איז דער איצטיקער באַנד נאָר אַ קליינער טייל פון דער אויסגערעכנטער אַרבעט. אָבער זאָל דער לעזער נעמען אין אַכט, אַז אויך דער איצטיקער באַנד איז געשאַפן געוואָרן אין אומגעהייער-שווערע, אומ־דערטרעגלעכע באַדינגונגען — סיי אין הינזיכט פון מאַטעריאַל-פּאַרגרייט, ווי אין הינזיכט פון מאַטעריעלע מעגלעכקייטן.

אוודאי — אויך ט ע כ נ י ש לאָזט זיך דער באַנד אַסך איבער צו ווינטשן. קודם-כל איז ער צו קליין, ס׳קומען אַריין בלויז אַ 2—3 אותיות. דאַן — ער איז כמעט אינגאַנצן ווי אָן אילוסטראַציעס, בעת אַזעלכע בי־כער גייען דאָס רוב רייך אילוסטרירט. טאָ לאָמיר זאָגן: אויך די אויסגאַבע פונעם באַנד אַזוי ווי ער איז — איז אָנגעקומען זייער שווער. און פון דעם, ווי ער וועט אויפגענומען און פאַרשפּרייט ווערן, הענגט-אָפּ די טעכ־נישע אויסגאַבע — און די אויסבעסערונג — פון די ווייטערדיקע בענד. שוין איצט ווערט געזאַמלט אַ גרויסע צאָל בילדער, כּדי ביים סוף פון דער אויסגאַבע צו געבן גאַנצע בויגנס אַזוי מיט פאָטאָגראַפיעס פון די געדאַכטע פּערזאָנען, ווי מיט פאַרביקע רעפּראָדוקציעס פון די געדאַכטע קונסטווערק, ווי אויך בילדער פון די דערמאַנטע ווויסנשאַפטלעכע מכשירים מיט געהעריקע דערקלערונגען. אָבער דאָס איז אַלץ — ווי געזאָגט — אין דער גרעסטער מאָס אָפּהענגיק פון דער פאַרשפּרייטונג פונעם איצטיקן באַנד.

דער צונויפשטעלער וויל צעברעכן די מחיצה צווישן מחבר און לעזער, צווישן לערער און תּלמיד. ער וועט מיט דער גרעסטער פרייד אויפנעמען יעדעס וואָרט פון מיטאַרבעט, פון קריטיק מצד די לעזער. די אויסגאַבע פונעם „האַנטבוך” איז נישט געמאַכט געוואָרן צוליב פּוסטן צייט־פאַרטרייב. דער אונטערגעשריבענער וויל, אַז די ברייטע לעזער-מאַסע זאָל זיך אַקטיוו אין אָט דער אַרבעט באַטייליקן, אַרויסזאָגן אירע מיינונגען,

אורטיילן. דאָס וועט זיין דער בולטסטער סימן, אַז דאָס האַנטבוך האָט באמת פאַרפולט אַ בלייז אין דער ברייטסטער יידישער לעזער-מאַסע. און אָט וועגן דעם גייט עס דאָך!

חברים יידישע מאַסנלייענער — יידישער האָרעפּאַשניק, יידישער אַר-בעט-אינטעליגענט, יוגנטלעכער אַרבעטער — נעמט די דאָזיקע אויסגאַב אין אייערע אייגענע הענט אַריין, שרייבט דעם צוזאַמענשטעלער אייערע מיי-נונגען, שיקט אייערע אויסבעסערונגען — אייך איז זי געווידמעט, זי איז **אייערס**. און נאָר איר האָט די גרעסטע דעה איבער איר.

ד. ג.

א

אבאָוויאַן כאַטשאַטור (1804—1848), אַרמעניִשער דיכטער און ראָמאַניסט. זיין ראָמאַן „אַרמעניעס וווּנדן", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויפן אַראַרטישן דיאַלעקט, דינט פאַרן יסוד פון דער נייער אַרמעניִשער ליטעראַרישער שפּראַך.

אבדערהאַלדען עמיל (1877 °), באַרימטער דייטשער ביאָכעמיקער, היינט צו-טאָג — דירעקטער פון פיזיאָלאָגישן אינסטיטוט אין דייטשלאַנד. געמאַכט אַ ריי וויכטיקע אַנטדעקונגען אויפן געביט פון פיזיאָלאָגיע פון חיות. אַרויסגעגעבן אַ פּאָפּולערן און טאַלאַנטפול-אָנגעשריבענעם לערבוך פון פיזיאָלאָגישער כעמיע. דאָס וויכטיקסטע בוך: „האַנטבוך פאַר ביאָכעמישע אַרבעטס-מעטאָדן".

אבו עדמאָן (1828—1885), פראַנצויזישער שרייבער און פּובליציסט. באַרימט פון זיין העפטיקן קאַמף קעגן דעם קלער. נאָך דער דייטש-פראַנצ. מלחמה (1870—1871) געגרינדעט אַ מעסיק-רעפּובליקאַנישן זשורנאַל „דאָס 19טע יאָרהונדערט". ראָמאַנען: „דרייסיק און פערציק", „דער מענטש מיטן צעהאַקטן אויער", „דעם נאָטאַרס נאָז", „פּראָווינצער שידוכים" א. אנד., אין וועלכע ער בלייבט געטריי זיין אַנטי-קלעריקאַלער ליניע.

אבו-ז-זיא, טעוופיק ביי (1848 °), טערקישער שרייבער, איינער פון די גרינדער פון דער מערבדיקער שול אין דער טערקישער ליטעראַטור. אין דער יוגנט אָנטיילגענומען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. נאָכן צוריקקומען, זיך דערווייטערט פון פּאָליטישן לעבן, רעדאַגירט אַ ריי צייטונגען: „דער גאָרטן", „דער פאַקעל" א. אַנד. אַ דראַמע „באַשערטער טויט" און אַ היסטאָריש-קריטיש בוך „טיפן פון דער אָסמאַנישער ליטעראַטור". אַרויסגעגעבן אַ פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק א. נ. „אַבו-ז-זיאַס ביבליאָטעק".

אבו-ל-אלא אל מאַארי (973—1057), אַראַבישער דיכטער און געלערטער, געפרעדיקט אַן אַסקעטישן לעבנשטייגער און געווען אַ שאַרפער קריטיקער פונעם איסלאַם. אין זיין ווערק „ריזאַלאַט אַל גהופראַן" מאַכט ער אפילו אַ מין פּאַראָדיע אויף דער איסלאַמישער פאָרשטעלונג איבער עולם-הבא. פאַרן טויט האָט ער אפילו אונטערגענומען צו פאַרפאַסן אַ נייעם, אויסגעבעסערטן קאָראַן.

אַבו-ל-וועפאַ (940—998), אַראַבי־שער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער. אָנגעשריבן אַ וויכטיקן טראַקטאַט איבער טריגאָנאָמעטריע און אַסטראָנאָמיע.

אַבו-ל-באַזי-בעבאַדור (1603—1663), כיווישער דיכטער און היסטאָריקער. באַרימט דורך זיין בוך „דער ספר־היוחסין פון די טערקן“, וואָס איז אָנגעשריבן אויף דער טשאַגאַטאַישער שפּראַך.

אַבו-ל-פאַראַדוש-אַלי (897—967), וואַנדערנדיקער אַראַבישער מחבר. דער־הויפּט זיך קונה־שם געווען דורך זיין גרויסער אַנטאָלאָגיע פון אַראַבישע דיכטער „קיטאַב-אַל׳אַגאַני“ (דאָס בוך פון לידער). דאָס בוך איז אַן אוצר פון אַראַבישער פאָלקס-שאַפונג און אַ קוואַל צום דערלערנען דאָס אַראַבישע לעבן, עטיק און שטייגער אין דער פאַראיסלאַמישער און נאָך-איסלאַמישער עפּאָכע. צו די דיכטונגען האָט אויך א. פ. א. צוגעגעבן די ביאָגראַפיעס פון די דיכטער.

אַבו-נאָוואַס (750—810), באַקאַנטער אַראַבישער דיכטער, אַ הויף-זינגער ביים באַרימטן קאַליף הרון-אַל-ראַשיד. ביז היינטיקן טאָג — דער באַליבטסטער דיכטער ביים אַראַבישן פאָלק. אין זיינע לידער באַזינגט ער די רוישיקע מאָלצייטן, ליבע, ווין, פרויען. ווי-נישט-ווי מערקט זיך אויך אין זיינע לידער אַ פריי-רעליגיעזע נאָטקע.

אַבו-ציבנאַ (איבן סינאַ) (980—1037), אַראַבישער פילאָזאָף און רופא. געשריבן אַסך איבער מעטאַפיזיק, לאָגיק און פסיכאָלאָגיע. זייער פּאָפּולער איז געווען זיין מעדיצינישע בוך „קאַנאָנע“, וואָס האָט אין מיטלעלטער געדינט פאַרן מקור פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. די מאַכמעדאַנישע כלי־חודש האָבן אים אַריינגעלייגט אין קרם. א. צ. האָט אויך געשריבן איבער נאַטורוויסנשאַפט, אַלכעמיע און אַסטראָנאָמיע.

אַביך הערמאַן ווילהעלם (1806—1886), דייטשער געאָלאָג, זיך קונה־שם געווען אויפן געביט פון אויספאָרשן ערדציטערנישן, אייזבערג אאַוו. אָנגעשריבן אַסך ווערק. דאָס וויכטיקסטע — „געאָלאָגישע פאָרשונגען אין די קאַווקאַזער לענדער“.

אַביכט העגריק (1835—1863), פּוילישער פובליציסט און פרייהייט-קעמפער. צוליב די רדיפות פון דער צאַרישער מאַכט אַנטלאָפן קיין פאַריז, ווו ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט „פויליש פאָלק“. די דייטשע פאָליצײ אין פויזן האָט מיט אים געפירט אַ פּראָוואָקאַטערישע קאָרעספּאָנדענץ, אָנגעבנדיק זיך אַלס אַ גרופּע פּוילישע פאַרשווערער. ד. יאָר 1862 איז אַ. צוריקגעקומען קיין וואַרשע, געגרייט זיך צו אַ טעראָריסטישן אַקט, אָבער די רוסישע פּאָליצײ האָט אים אויסגעשפּירט און יוני 1863 אויפגעהאָנגען.

אַבילגאַרד אברהם (1744—1809), נאָרוועגישער מאָלער, באַגרינדער פון דער נאָרוועגישער מאָלעריי-שול, דער לערער פון טאָרוואַלדסענען (ז.)

אַבע ערנסט (1840—1905), דייטשער פיזיקער, בעיקר אויפן געביט פון אָפּטיק. דער גרינדער פון דער באַרימטער

פאַבריק פון קאַרל צ ײ ס אין יענא. אָנגעזעענער ליבעראַלער טוער. איינגעפירט אין דער צייס-פאַבריק אַ פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון די אַרבעטער, פון דער מלוכה און פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט. די רווחים פון דער פאַבריק צעטיילט — אַ טייל פאַר די אַרבעטער, אַ טייל אויף בילדונגס-צוועקן. וויכטיקסטע ווערק: „געזאַמלטע אָפּהאַנדלונגען״.

אַבעג ר י כ אַ ר ד (1869--1910), דייטשער כעמיקער. געמאַכט אַ ריי אַנטדעקונגען פון אומאָרגאַנישער און פיזישער כעמיע. אַ גרויסן שם האָט זיין בוך „האַנטבוך פון אומאָרגאַנישער כעמיע״, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט פ. א ו י ע ר ב אַ כ ן.

אַבעל נ י ל ס ה ײ נ ר י ך (1802—1829), נאָרוועגישער געלערטער, איינער פון די גרעסטע מאַטעמאַטיקער אין 19טן י. ה. נישט געקוקט אויף זיין יונגקייט, האָט ער אָבער אַריינגעבראַכט אין דער מאַטעמאַטישער וויסנשאַפט אַ ריי נייע געזעצן, בעיקר – די טעאָריע פון עליפּטישע און היפּערעליפּטישע פונקציעס.

אַבעלאַר פ י ע ר (1079-1142), פראַנצויזישער פילאָזאָף, טעאָלאָג און דיכטער. אין דער פילאָזאָפיע — דער שפּעטער פונעם „קאָנצעפּטואַליזם״. אַ דרייסטער ראַציאָנאַליסט, איז ער מוטיק אַרויסגעטרעטן קעגן דעם מיסטיציזם אין דער טעאָלאָגיע, צוליב וואָס מ'האָט אים עפנטלעך באַשולדיקט אין אַפּיקורסות. ער איז געווען דער באַגרינדער פון יענער ריכטונג אין דער סכאָלאַסטיק, וואָס וויל באַגרייפן מיטן ש כ ל

דעם מהות פון דער רעליגיע. די מיסטיקער האָבן געזאָגט: „איך גלייב, כדי צו פאַרשטיין״, בעת אַ. האָט געהאַלטן: „איך פאַרשטיי, כדי צו גלייבן״. אין זיין באַרימט בוך Sic et non (יאָ און ניין) ברענגט ער אַ ריי ראיות פון די הייליקע כתבים, ווו ס'ווערט געגעבן פאַרשידנאַרטיקע ענטפערס אויף איינע און דיזעלביקע פּראָבלעמען. ד. יאָר 1121 און 1142 האָט אים די קירך 2 מאָל געלייגט אין חרם און פייערלעך פאַרברענט זיינע ביכער. דאָס האָט אים שטאַרק געערגערט: ער האָט נאָך אַלץ נישט באַשלאָסן איבערצורייסן מיט דער קירך. — אַ. האָט אויך געשריבן לאַטייניש לידער. אַ. האָט אַדורכגעמאַכט אַ טראַגיש לעבן: ער האָט אין געהיים חתונה-געהאַט מיט זיין פּלימעניצע עלאָיזע. אויס נקמה איז איר פאָטער אים באַפאַלן און מסרס געווען. באַרימט איז זיין בריוו-אויסטויש מיט זיין פרוי עלאָיזע.

אַבערקראָמבי ל ע ס ע ל ס (1881o), היינטצייטיקער ענגלישער דיכטער. אין זיינע „אינטערלודיעס און פּאָעמעס״ הערשט רעאַליסטישע דראַמאַטיק, אָבער שפּעטער ווערט ער שוין אַ טיפּישער מעטאַפיזיקער. צו די ווערק פון זיין שפּעטערדיקן פּעריאָד געהערן „דער נייער גאָט״, „דעם לצס איבערלעבעניש״; דאַן קערט ער זיך ווידער אום צו רעאַליזם: „דער סוף פון דער וועלט״. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַן עסייאיש ווערק „טאָמאַס האַרדי״ און „טעאָריע פון קונסט״.

אַבראַהאַמס מ אַ ק ס (1875—1922), דייטשער פיזיקער-טעאָרעטיקער. דערפירט מאַקסוועלס עלעמענטאַרע עלעקטראָ־דינאַמיק צו אַ פאַרפולקומט סיסטעם.

א. ווערט געהאַלטן פאַרן גרינדער פון דער טעאָריע פון עלעקטראָן. הויפּט-ווערק: „טעאָריע פון דער עלעקטריציטעט" (לעצטע אויסגאַבע — 1923).

אבראמאָוויטש ר. (1879ס), פס"ד פון אברהם ריין. רוס. פּובליציסט. לכתּחילה אַ בונדיסט, דערנאָך — רעכטער מענשעוויק. ג. לאַנגיעריקער מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד", ג. רעדאַקטער פון די רוסישע בונדישע אויסגאַבן, וווּ ער האָט געשריבן אונטערן פסד. „מאָוויטש". פירער פון רעכטן פליגל אין דער פּאַרטיי. אין די יאָרן פון רעאַקציע (1906—1910), אָנגעפירט מיט דער ליקווידאַטארישער שיטה, געוואָרפן דאַן דעם לאָזונג „די רעוואָלוציע איז געענדיקט". ביים אָנהויב פון דער וועלט-מלחמה זיך געפונען אין אויסלאַנד, גלייך פאַרנומען אַ סאָציאַל-מיליטאַריסטישע פּאָזיציע, געהערט צו די א. ג. „פאַרטיידיקלער". נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע זיך געשטעלט אין לאַגער פון די פאַרביסנסטע קעגנער פון דער ראַטנמאַכט. 1920 אַוועק קיין אויסלאַנד, וווּ רעדאַגירט צוזאַמען מיט י. מאַרטאָוו (ז.) דעם „סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק", וווּ ער אַרבעט נאָך ביז היינטיקן טאָג. מיטגליד פון דער אויסלענד. דעלעגאַציע רוסישע ס. ד., מיטגליד פון אויספירקאָמיטעט פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל. אייראָפּעישער קאָררעספּאָנדענט פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס".

אבראמאָווסקי עדוואַרד (1868—1918), פּוילישער סאָציאָלאָג, פּסיכאָלאָג, אַנאַרכיסטישער עסטעטיקער, פּיאָנער פון דער בירגערלעכער קאָאָפּעראַציע

אין פּוילן. זינט 1915 ביזן טויט געווען פּראָפעסער פון פּסיכאָלאָגיע אויפן וואַרשעווער אוניווערזיטעט, געשריבן אַסך אויף דעם געביט, ווי אויך אַ גרעסער בוך „געדאַנקען איבערן זכרון". איבערגעלאָזט אויך 2 בענדער „כתבים", וואָס ווערן דורך די אָנהענגער פון דער „ריינער" קאָאָפּעראַציע אין פּוילן געהאַלטן פאַרן א. ב. פון זייער באַוועגונג.

אבּרעו קאַפּיסטראַנאָ דע (1853—1927), בראַזילישער היסטאָריקער. דער גרעסטער פאָרשער פון דער פאַרגאַנגענהייט פון בראַזיליע, איינער פון די בעסטע קענער פון דער אינדיאַנישער פראַגע. געקענט כּמעט אַלע אינדיאַנישע דיאַלעקטן. צ. א. געשריבן: „די געשיכטע פון בראַזיליע פאַרן 16טן י"ה", „קאַפּיטלען פון דער קאָלאָניאַלער געשיכטע" „ראַ-טקסאַ-הוני-קואי, די שפּראַך פון די קאַיסינאַס" א. אַנד. ווערק.

אגאיאַן קאַזאַראָס (1840—1911), אַרמענישער שרייבער. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין פּשוטער פאָלקס-שפּראַך. געשריבן בעיקר אויסן אָרעמען און באַלמעלאָכישן שטייגער. ווערק: „אָרוט-ווין און מאַנועל", „די צווי שוועסטער", „די שפּינערין" און אַ ריי קינדער-מעשהלעך.

אגאנבּאָר פּאַמפילי וויטאָריאַ (1865—1910), איטאַליענישע דיכטערין, געווען אונטערן איינפלוס פון ד'אַנונציאָ (ז.), אָבער אָן זיין פּאָמפּע און פּאָזע, פול מיט אמתער ליידנשאַפט און נאַטירלעכער קראַפט. לידער-זאַמלונגען: „די אייביקע לעגענדע" און „נייע ליריק", וואָס פאַרשאַפן איר אַ בכבודיק

אָרט אין דער נייער איטאַליענישער פּאָעזיע.

אגאסיס אַלעקסאַנדער (1835—1910), שווייצאַרישער געאָלאָג, אַ זון פון זשאַן-לואי-רודאָלף אַ. (זע). בעיקר זיך פאַרנומען מיט איכטיאָלאָגיע (פיש-וויסנשאַפט).

אגאסיס זשאַן-לואי-רודאָלף (1807—1873), אָנגעזעענער שווייצאַרישער זאָאָלאָג, געאָלאָג און געאָגראַף, געאַרבעט אַסך אין אַמעריקע. געגרינדעט ביים ניי-קעמברידזשער אוניווערזיטעט אַ מוזעום פאַר פאַרגלייכנדיקער אַנאַטאָמיע. געפאָרשט אויך די אייזבערג. אָנגעשריבן „עטיודן איבער די אייזבערג" און „די סיסטעם פון די אייזבערג". אָבער נישט געקוקט אויף זיין גרויסער קענטעניש, איז ער געווען אַן אַנטשידענער קעגנער פון דאַרווינען (זע) און געהאַלטן, אַז אַלץ איז געשאַפן פון גאָט. דאַרווין און העקעל האָבן אים אין זייערע אַרבעטן פולשטענדיק באַזיגט.

אגאראָניאַן אַוועטיס (1870°), אַרמענישער שרייבער פון דער ראָמאַנטישער שול. ווערק: „אַ טראָפּן מילך", „אַ שטיקל ברויט", „פּאַלאַס פורגוני", „דער שוואַרצער פויגל", „אויפן וועג צו פרייהייט" א. אַנד. היינט-צו-טאָג וווינט אַ. אין אויסלאַנד.

אגול מאַרי קאַטרין זאָפי (1805—1876), פּס"ד דעניעל שטערן, פראַנצויזישע שרייבערין; איר צווייטער מאַן איז געווען דער באַרימטער פּיאַניסט פראַנץ ליסט (ז.); אירע באַציונגען מיט ל. באַהאַנדלט זי אין איר ראָמאַן „נעלידאַ". אַ וויכטיקן געשיכטלעכן ווערט האָט איר „געשיכטע פון

דער רעוואָלוציע 1848". אָנגעשריבן אויך „מאָראַלישע עטיודן", ווו זי באַהאַנדלט דעם קאַמף צווישן מאָראַל און ליידנשאַפט, „דאַנטע און געטהע, דיאַלאָגן" און „מיינע זכרונות". — די צווייטע טאָכטער פון איר פאַרבינדונג מיט ליסט, קאָזימאַ, האָט 1870 חתונה-געהאַט מיט ריכאַרד וואַגנער (ז.) און געשטאָרבן אַפּריל 1930.

אגילערא רויס ווענטוראַ (1820—1881), שפּאַנישער דיכטער און פרייהייט-קעמפער. אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט געווען אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון די פראַנצויזישע ראָמאַניסטן. אָנגעשריבן לידער-זאַמלונגען „נאַציאָנאַלע אָפּקלאַנגען", „עלעגיעס", ווי אויך עטלעכע דראַמעס.

אגריפּאַ פון נעטעסהיים היינריך קאָרנעל (1486—1535), דייטשער געלערטער, איינער פון די ערשטע הומאַניסטן. אויסגעשטאַנען אַסך רדיפות מצד דער קירך. בעיקר זיך איינגעשטעלט פאַר די „מכשפות" און בכלל קעגן דעם גלויבן אין כישוף. אַלס פאַרטיידיקער אין אַ געוויסן משפט איבער אַ „מכשפה" אויסגעפועלט אפילו איר באַפרייונג. אָנגעשריבן: „וועגן דער פאַלשקייט פון די וויסנשאַפטן", „די געהיימעניש פון דער פילאָזאָפיע", ווי אויך אַ ריי קלענערע טראַקטאַטן. די געשיכטע-שרייבער פון זיין צייט שילדערן אים פאַר אַ כישופמאַכער.

אגריקאָלאַ געאָרג (1490—1555), דייטשער מינעראַלאָג, ווערט געהאַלטן פאַרן שעפער פון דער וויסנשאַפטלעכער מינעראַלאָגיע. אויף אים האָבן זיך ביזן 19טן י"ה געשטיצט אַלע מינעראַלאָגישע פאָרשונגען. זיינע וויכטיקסטע ווערק (אין לאַטיין): „דאָס

גצזעץ פון מעטאַלן", דיאַלאָגן, „וועגן דער נאַטור", „דאָס געזעץ פון פרייער מעטאַליק".

אגריקאָלא ר ו ד אָ ל ף (הויסמאַן), (1485—1443), דייטשער פילאָזאָף, איינער פון די ערשטע הומאַניסטן אין דער פילאָזאָפיע. פאַרן פרווושטיין און אויסגאַנגפונקט פון דער נייער פילאָזאָפיע געהאַלטן דעם געזונטן פאַרשטאַנד. געשריבן אָפהאַנדלונגען, צווישן אַנדערע — אויך אַ בריוו איבער הומאַניסטישער פעדאַגאָגיק.

אדאַמא וואַן זשעלטעמאַ קאַרעל ס. (1924—1877), האָלענדישער דיכטער, מאַרקסיסטישער ליטעראַטורקריטיקער. שוין אין זיין בוך „די גרונדלאַגע פון דער נייער פּאָעזיע" (1908) ווענדט ער זיך קעגן די היינטצייטיקע ליטעראַרישע ריכטונגען און אַנטוויקלט נייע קונסט־טעאָריעס אין זינען פון זיין פאַרטיי. אַלס דיכטער האָט ער, צ.א., אָנגעשריבן: „איינזאַמע לידער", „זינגענדיקע שטימען", „פרייע פערזן", „ס'גייט אויף דער קאַמף".

אדאַמיאַן מ אַ ר ש אַ ק — אַרמענישער מוזיקער אויסן אָנהייב היינטיקן י"ה.

אדאַמס ד ז ש אָ ן (1826—1735), באַרימטער אין זיין צייט אַמעריקאַנישער פּובליציסט און קעמפער פאַר אומאָפּהענגיקייט פון די צפון־אַמעריקאַנישע קאָלאָניעס.

אדאַמס ד ז ש אָ ן ק ו ק (1892—1819), ענגלישער אַסטראָנאָם. געוועזן פּראָפעסער פון אַסטראָנאָמיע אויפן קעמברידזשער אוניווערזיטעט. שטיצנדיק זיך אויף די אומרעגולערקייטן אין די באַוועגונגען פון דעם פּלאַנעט אוראַן,

האָט ער אַנטדעקט דעם פּלאַנעט נ ע פּ ט ו ן.

אדאַמס וו אָ ל ט ע ר ס י ד נ י י (1876◦), צפון־אַמעריקאַנישער אַסטראָנאָם. זינט 1923 — דירעקטער פון דער גרעסטער אַסטראָנאָמישער אָבסערוואַטאָריע אין דער וועלט — מאַונט ווילסאָן. אָנגעשריבן אַסך אַרבעטן איבער דער זון־ און שטערן־ספּעקטראָסקאָפּיע.

אדאַמס ד ז ש ע נ י (◦1860), היינטצייטיקע אמער. פּובליציסטין, רעפאָרמלערין, פירערין פון די ליבעראַלע פרויען־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. בירגערלעכע פּאַציפיסטין, פּאָרזיצערין פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ליגע פאַר פרידן און פרייהייט". ביכער: „20 יאָר סאָציאַלע פרויענאַרבעט אין טשיקאַגאָ", „די סעטלעמענט־אַרבעט", „די שטימע פון פעלקער איבער דער מלחמה".

אדאַמעץ ל ע אָ פּ אָ ל ד (◦1861), עסטרייכישער געלערטער, איינער פון די בעסטע קענער פון בהמות־צוכט אין אונדזער צייט. ווערק: „די אָפּשטאַמונג פון אונדזער הויזרינדער", „עטיודן איבער דער קאַראַקול־שאָף", „לערנבוך פון בהמות־צוכט" (אַרויס דאָס י. 1924 אין 4 שפּראַכן מיטאַמאָל).

אדאַמקעוויטש אַ ל ב ע ר ט (1850—1921), פּוילישער דאָקטער, געלעבט און געאַרבעט אין ווין. געאַרבעט איבער אַלע פאָרמען פון נעוראָפיזיאָלאָגיע און נעוראָפּאַטאָלאָגיע, איבער דער ראַקקראַנקייט, וואָס ער האָט געגלויבט אויסצוהיילן מיט זיין דערפינדונג „קאַנקראָין". צ. אַ. אָנגעשריבן די פּאָלגנדיקע ערשטראַנגיקע ווערק: „די היילונג

פון ראַק", „דער געהירן, אַלס אָרגאַן פון דער נשמה", „די פונקציע־שטערונגען פון דעם גרויס־געהירן".

אַדאַן אַדאָלף־שאַרל (1803—1856), פראַנצויזישער קאָמפּאָזיטער. די באַקאַנטסטע שאַפונגען זיינע זענען: די אָפּערע „דער פּאָסטיליאָן פון לאָנזשומאָ" און די באַלעטן: „זשיזעל" און „דער זעגלער".

אַדאַן ווילי דע ליל — ז' ווילי דע ליל אַדאַן.

אַדאַן פּאָל (1862—1920), פראַנצויזישער שרייבער. אין זיינע ראָמאַנען אַדורכגעפירט אַ קאָנסעקווענטע אימפעריאַליסטישע און מיליטאַריסטישע ליניע, באַלעבט אין זיי דעם גייסט פון נאַפּאָלעאָן דעם 1טנס עפּאָכע. צו די וויכטיקסטע (און גאַנגבאַרסטע) ראָמאַנען געהערן: „קראַפט", „דאָס קינד פון אויסטערליץ", „די שלאַכט ביי אודע". אין צענטער פון זיין שאַפונג שטייט די פאַמיליע עריקור, ווו ער שילדערט איר אַנטשטיי, ווי זי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו בויען — ביז אויף היינטיקן טאָג, ווען די אור־אייניקלעך פון דערדאָזיקער משפחה אָרגאַניזירן גרויס־קאַפּיטאַליסטישע טרעסטן (דער ראָמאַן „טרעסט"). דער ראָמאַן „די אומבאַקאַנטע שטעט" פאַרהערלעכט די קאָלאָניאַלע פּאָליטיק פון פראַנצויזישן אימפעריאַליזם.

אַדראַיוקאָוו וולאַדימיר (° 1863), היינטצייטיקער רוסישער קונסטקריטיקער און ביבליאָגראַף. גרינדער און פּאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „פריינד פון בוך".

אַדי ענדרע (1877—1919), אונגאַרישער שרייבער, דער אידעישער פירער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „מערב־

דיקע", מיטגעאַרבעט אין אַ סך צייטונגען. אין זיין דיכטונג קומט צום אויסדרוק דער יאוש פונם געבילדעטן בורזשואַ, וואָס פילט זיך הילפלאָז און דערשראָקן פּנים־אל־פּנים מיט דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציאָנערער כוואַליע. די לעצטע פּאָעמען — אַגב, ליטעראַריש גאַנץ שוואַך — זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישן גייסט.

אַדיסאָן דזשאָזעף (1672—1719), ענגלישער שרייבער־פּובליציסט און ליבעראַלער טוער. מחבר פון אַ פּאָליטישער טראַגעדיע אין קלאַסישן סטיל „קאַטאָן". געגרינדעט ליבעראַלע זשורנאַלן „דער פּלאַפּלער", „דער צוקוקער", „דער אפּוטרופּס", וואָס האָט געלייגט דעם גרונדשטיין פאַר דער מאָדערנער ענגלישער זשורנאַליסטיק. ער האָט אויך דער ערשטער איינגעפירט דעם שטייגער־ראָמאַן אין בריוו.

אַדיקעס עריך (° 1866), דייטשער פילאָזאָף; אידעאַליסט און מעסיקער קאַנטיאַנער. אַזוי זאָגט ער: „די מאַטעריע איז נאָר דער פּראָדוקט פון אונדזער גייסט, זי עקזיסטירט בלויז ווי אַ צושטאַנד פון אונדזער באַוווסטזיין". צו די וויכטיקערע ווערק: „קאַנטס סיסטעמאַטיק, ווי אַ סיסטעם־בילדנדיקער פאַקטאָר", „קאַנט קעגן העגעל".

אַדלער זשול (° 1865), פראַנצויזישער מאָלער־אימפּרעסיאָניסט. די טעמאַטיק פון זיינע בילדער איז ענג פאַרבונדן מיט דער גרויסער שטאָט, מיט דער אָרעמקייט און מיטן פּראָלעטאַריאַט. צו די באַקאַנטסטע לייוונטן געהערן: „פרימאָרגן אין פּאַריז",

„פאַריזער גאַס", „אַ מיטאָג אין אַ
ביליקער קיך", „שיף-אַרבעטער", „דאָס
צאָפּגיין אין קוילנגרוב", „דער שטרייק
אין קרעזאָ". אַ. איז אַן אָפיציעלער
מיטגליד פון דער פראַנצ. סאָציאַליס-
טישער פאַרטיי.

אדלער מאַקס, היינטצייטיקער דייַ-
טשישער ס.ד.־ישער פילאָזאָף. מיט-
אַרויסגעבער פונעם זשורנאַל „מאַרקס-
שטודיען". באַגרינדעט אַן אייגנאַרטיקע
פילאָזאָפישע שיטה, אין וועלכער ער
באַמיט זיך צו פאַרייניקן דעם מאַרקסיזם
מיטן קאַנטיזם. — אין פּראַקטישן פּאָ-
ליטישן לעבן — אַן אויסגעשפּראָכענער
רעפאָרמיסט.

אדלער אַלפרעד (1870 ○), עסט-
רייכישער דאָקטער-פּסיכיאַטער, וווינט
אין ווין. דער שעפער פון דער אַ. ג.
אינדיווידואַל-פּסיכאָלאָגיע.
אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס דעמדאָזיקן
געביט.

אדלער וויקטאָר (1852—1918),
גרינדער און פירער פון דער עסטריי-
כישער ס.ד.שער פאַרטיי. תחילת געווען
אַן אַדוואָקאַט. צוגעשטאַנען צו דער
סאָצ. באַוועגונג דאָס יאָר 1880. 1886
געגרינדעט אַ צייטונג „גלייכקייט",
פון וועלכער ער איז אויך די גאַנצע
צייט געווען רעדאַקטער. אין דערדאָ-
זיקער צייט געפירט אַ האַרטנעקיקן
קאַמף קעגן יעדן אָפּנויג פון דער
מאַרקסיסטישער ליניע אין דער אַר-
בעטער-באַוועגונג. אָבער אין די היסטאָ-
רישע אויגוסט-טעג 1914 אַליין געשטימט
אין פּאַרלאַמענט—און געהייסן די אי-
בעריקע סאָצ. דעפּוטאַטן שטימען, —
פאַרן קריגס־בודזשעט. דאָס יאָר 1915
געוואָרפן דעם „אָריגינעלן" געדאַנק,
אַז מען דאַרף קומען אין פאַרשטענ-

דיקונג מיט די ס. ד. פּאַרטייען פון
די אַנטאַנט-לענדער. דערווייל, הייסט
עס, דאַרף מען ווייטער פירן די מלחמה.
געשטאָרבן אין אַ סימבאָלישן טאָג —
9 נאָוועמבער 1918, ווען די רעוואָלו-
ציאָנערע כוואַליע האָט פאַרכאַפּט דאָס
לאַנד און אויפן ווינער ראַטהויז איז
אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ רויטע פאָן.
„געשטאָרבן אַדלער — געבוירן די רע-
וואָלוציע".

אדלער פרידריך (1879 ○), אַ זון
פון וויקטאָר אַ. (זע). היינטצייטיקער
פירער פון דער עסטרייכישער ס. ד.,
סעקרעטאַר פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.
די ערשטע יאָרן פון זיין סאָציאַליס-
טישער טעטיקייט פאַרברענגט אין דער
שווייץ, 1910—1911 רעדאַקטירט דעם
שווייצאַרישן ס.ד.־אָרגאַן „פאָלקס-רעכט".
ביים אויסברוך פון דער מלחמה איז
אַ. געווען סעקרעטאַר פון דער ס. ד.
פאַרטיי אין דער שווייץ. 1916 זיך
אומגעקערט קיין עסטרייך. ד. 21 אָק-
טאָבער 1916 דערשאָסן דעם עסטרייכישן
פּרעמיער־מיניסטער גראַף שטירק.
דאָס ספּעציעלע געריכט האָט אים
פאַרמשפּט צו טויט-שטראָף, דערנאָך
פאַרביטן אויף 18 יאָר צוואַנגס-אַרבעט.
אַ.׳ס רעדע אויפן געריכט מאָלט אונדז
זיין דעמאָלטיקן נשמה-געמיט: נישט
גלויבן אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון
די מאַסן, נאָר אומגלויבן, פאַרלוירנקייט,
יחידישע שטימונגען — דאָס איז דער
פאָן, אויף וועלכן ער איז באַגאַנגען
דעם אַטענטאַט. די רעוואָלוציע פון
1918 האָט אים באַפרייט פון תּפיסה.
אַ צייט-לאַנג געווען דער אָנפירער פון
דעם אַ.ג. 2 1/2 אינטערנאַציאָנאַל, ביז צו
זיין אַריינגיסן זיך אין 2טן אינטערנ.
זיין טעטיקייט אין די שטורמישע

רעוואָלוציע־יאָרן 1919—1921 איז געווען הויפּטזאַכלעך געווידמעט דעם קאַמף קעגן דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אדעלונג פרידריך (1768—1843), דײַטשער רייזנדער און געאָגראַף, בעיקר זיך אינטערעסירט מיטן צפון־ און דרום-געביט פון רוסלאַנד. געזאַמלט רייזע-באַשרײַבונגען פון אויסלענדער איבער רוסלאַנד און אַרויסגעגעבן „אַ קריטישער איבערבליק איבער די רייזנדע אין רוסלאַנד".

אהאָ יוכאַני פּס"ד פון ברופעלד (1861—1921), איינער פון די גרעסטע פינלענדישע שרייבער, רעאַליסט. אָנגעהויבן שרייבן אין די 80ער יאָרן, ווען ס'זענען אויפגעקומען אַ ריי פּראָבלעמען: פרויענפּראָבלעם, שול-פּראָבלעם, אַרבעטער-פּראָבלעם א. אַנד. דידאַקטיקע פראַגן זענען געווידמעט זײַנע ראָמאַנען „די אײַזנבאַן", „דעם פּאַסטאָרס פרוי", דערנאָך האָט ער זיך געווידמעט היסטאָרישע ראָמאַנען: „פּאַו", „פרילינג און פרעסטלעך". די לעצטע יאָרן האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן: „דאָס געוויסן", „דער פרוש פון דער וועלט" א. אַנד. — די לעצטע ווערק זײַנע זענען אָנגעזאַפּט מיט שנאה צום קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט רויִנירט די עקזיסטענצן פון אַזויפיל קליינע באַלעבעסלעך. זײַן אידעאַליזירטער העלד איז אַן ערדאַרבעטער, וואָס שאַפט דורך שווערער מי זײַן וווילשטאַנד.

אואינסטענלי דזשעראַרד (17-טער י"ה), ענגלישער פּובליציסט און אַגיטאַטאָר אויס דער צייט פון דער ערשטער ענגלישער רעוואָלוציע. אַ מערקווירדיקער טיפּ: לכתחילה איז ער

געווען אַ גאַנץ באַלעבאַטישער מענטש אין לאָנדאָן. ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מחלוקת צווישן דעם פּאַרלאַמענט און דעם קעניג טשאַרלז I, האָט זיך או. אַרײַנגעוואָרפן אין פלאַם פון קאַמף. ער האָט אויפגעגעבן זײַן גאַנץ האָב און גוטס, אַוועק אין דאָרף און אָנגעהויבן צו אַגיטירן פאַר זײַן נײַעם געדאַנק: די גאַנצע ערד דאַרף געהערן צו אַלע מענטשן. ער האָט זיך געשאַפן אַביסל מיטשטימער און אָנגעהויבן דעמאָנסטראַטיוו גראָבן ערד. מ'האָט זיי אַרעסטירט; אויפן פאַרהער האָבן זיי דערקלערט, אַז זיי ווילן דורכפירן צו גלייכן פאַרמעג אויף דער וועלט, אָבער נאָר אויף אַ פּאַסיוון וועג, נישט אַנטקעגנשטעלנדיק זיך דער מאַכט. דאָס געריכט האָט זיי פאַרמשפּט צו זייער הויכע געלטשטראָפן. — או. האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור, אין וועלכער ער באַשרײַבט זײַן וועלט-אַנשויונג: „דאָס געזעץ אין פרידן אויף דער פּלאַטפאָרם פון אמתער זעלבסטפאַרוואַלטונג" — אין וועלכער ס'איז שטאַרק קענטיק דער אײַנפלוס פון טאָמאַס מאָרס (ז) אוטאָפּיע. אין דער בראָשור גיט ער אַ שאַרפע קריטיק איבער דעם צושטאַנד פון יענער צײַט. די הויפּטשטריכן פון זײַן „געזעץ" זענען: 1) געמיינזאַמע ערד; 2) הויז-אינדוסטריע; 3) פּראָדוקטן באַקומט מען נאָר דורך גרויסע געזעלשאַפטלעכע קראָמען; 4) צוואַנג-לימוד און צוואַנג-אַרבעט; 5) די צענטראַלע מאַכט געהערט צום פּאַרלאַמענט, די אָרטיקע — צו די קאָמונאַלע אײַנריכטונגען; 6) די כּלי־קודש בלײַבן, אָבער זייער חוב איז נאָר צו לערנען, מחמת רעליגיע ווערט פאַרווערט; 7) פולשטענדיק פרײַע חתונה; 8) גאָלד און זילבער ווערן

אַרויסגעצויגן פון פּאַרקער. — או. ווערט געהאַלטן פאַר איינעם פון די פּאַר־לוימער פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם; ער האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּ־געשפּיגלט די אינטערעסן און וועלט־אָנשויונג פונעם דעמאָלטיקן פּראָלע־טאַריאַט.

אוּאָלאַסטאָן טאָמאַס ווערנאָן (1821—1878), ענגלישער ענטאָמאָלאָג (אינזעקטנפאָרשער), כּמעט אַ גאַנץ לעבן אַרומגעפאָרן איבער די ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן מיט וויסנשאַפטלעכע צוועקן. אָנגעקליבן אַן אומגעהייערע צאָל מינים זשוקעס און אַנדערע אינ־זעקטן, וואָס געפינען זיך היינט אין בריטישן מוזעום. אָנגעשריבן אויך עטלעכע ווערק איבער זיין געביט, ווי אויך עטלעכע גרויסע אילוסטרירטע קאַטאַלאָגן.

אוּדאַל ניקאָלאַס (1504—1556), ענגלישער געלערטער און דראַמאַטורג, מחבר פון דער ערשטער ענגלישער מאַראַנענער קאָמעדיע „ראָיסטער דאָי־סטער", ווי אויך אַסך אַנדערע. א. האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם פרי־ענגלישן טעאַטער פון יענער צייט.

אוּדען לוקאַס, וואַן (1595—1642), האָלענדישער מאָלער און ראַדירער, אַ געטרייער תּלמיד פון רובענסן.

אוּהל פרידריך (1825 — 1906), עסטרייכישער ראָמאַניסט, באַקאַנט פון זיינע „טעאַטער־פּרינצעסין", „די משפּחה פּראַגשטיין", „די באַטשאַפּטערין" און אַנד.

אוּהלאַנד יאָהאַן לודוויג (1787—1862), איינער פון די גרעסטע און פּאָפּולערסטע דייטשע דיכטער ביז אויף

היינט־צו־טאָג. דעביוטירט ד. יאָר 1807 מיט אַלט־דייטשע באַלאַדן, וואָס ווערן לויט זייער שיינקייט און קרעפטיקייט פאַרגליכן מיט געטהעס און שילערס מייסטערווערק. אָנטיילגענומען, ווי אַ נאַציאָנאַלער ליבעראַל, אין פּאָליטישן לעבן, געווען מיטגליד אין ווירטעמ־בערגער לאַנדטאָג. ד. י. 1815 אַרויס־געגעבן אַלע זיינע לידער אין אַ בוך אונטערן נאָמען „געדיכטן". אָנגעשריבן 2 דראַמעס: „ערנסט, דער הערצאָג פון שוואַבן" און „לודוויג דער באַיער". או. איז אויך געווען אַ גלענצנדער קענער און היסטאָריקער פון דער וועלט־ליטעראַטור. אויף דעם געביט האָט ער פאַרעפנטלעכט: „דאָס אַלטפראַנצויזישע עפּאָס", „דאָס מיטאָס פונעם נאָר". ווי איינער פון די פעיקסטע דייטשע עטנאָגראַפן און פאָלקלאָריסטן, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ גרויסע זאַמלונג „אַלטע הויך־ און נידערדייטשע פאָלקס־לידער".

אוּווערס אַרטור (1838 — 1915) דייטשער אַסטראָנאָם, גלענצנד אַדורכ־געפירט עפּאָכאַלישע באָאָבאַכטונגען אין דער גרינוויטשער אָבסערוואַטאָריע. צו די וויכטיקסטע אַרבעטן געהערט זיין קאַטאַלאָג פון 9789 שטערן.

אוּטריע פּיער זשיסטען (1806—1880), באַקאַנטער פראַנצויזישער מאָלער, ליטאָגראַפירער און גראַפיקער. פון די וויכטיקסטע בילדער: „שעליס קבורה", „אויסקוק אין לאָנדאָן", „אַ האָלענדישע שטאָט" און אַסך אַנדערע.

אוּטאַמאַראַ קיטאַגאַוואַ (1754—1806), איינער פון די באַקאַנטסטע יאַפּאַנישע מאָלער; זיינע אַרבעטן זענען דורך דער יאַפּאַנישער קריטיק הויך געשאַצט געוואָרן. געווען אין

אין זיינער צייט זייער פּאָפּולער און באַקומען דעם נאָמען „אוקיאָ־יע־כוקאָ נאָ־זאָ" — דער גרויסער מייסטער פון פאָלק. זיינע מאָלערייען געפינען זיך אויך אין אַסך אייראָפּעישע מוזייען.

אוטעשעגאָוויטש אָ ג נ י אָ ס ל אַ וו (1818 — 1869), סערביש־כאָרוואַטישער דיכטער, באַקאַנט בעיקר דורך זיינע נאַציאָנאַלע פאָלקס־לידער, וואָס זענען אַ לאַנגע צייט געווען שטאַרק פּאָפּולער ביים פאָלק. זיין פּאָפּולערסטע זאַך איז די פּאָעמע „לעדעלקאָ", וואָס איז אָנ־געשריבן מיט הייסן גלויבן אין דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג פון די סערבן און כאָרוואַטן.

אוטשעלאָ פּ אַ אָ ל אָ (1397—1475), איטאַליענישער מאָלער. געהייסן, אייגנט־לעך, פּאַאָלאָ די דאָנאָ, נאָר צוליב זיין ליבשאַפט צו מאָלן פייגל האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אוטשעלאָ. אויסגעמאָלן פאַרשידענע פּאַסאַדעס אין די עלטסטע איטאַליענישע קלויסטערס — פאַרשטייט זיך, בלויז אויף רעליגיעזע טעמעס. פון די מוזייען פאַרמאָגט או.ס בילדער דער לוווּר, דאָס לאָנדאָנער מוזיי, ווי אויך די פלאָרענטינישע מוזייען.

אווידאַ פּס"ד פון עליזאַ דע ראַמע (1840—1912), באַקאַנטע ענגלישע רעַ־אַליסטישע שרייבערין, אָנגעשריבן לערך 70 ביכער; צו די וויכטיקסטע געהערן: „אונטער צוויי פענער", „פּעק", „אין שטאָט און דאָרף", „צוויי קליינע היל־צערנע שיכלעך", „פריינדשאַפט"; גע־שעפּט אירע טיפּן פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע, סיי דער ענגלישער, סיי דער אַנדערלאַנדיקער, בעיקר — דער איטאַליענישער; דידאָזיקע טיפּן האָט זי געמאָלט אין אַ גאַנץ נעגאַטיווער ליכט; או. מאָלט אויך זייער נישט סימפּאַטיש די פ ר ו י. — אירע ווערק זענען פול מיט מרה־שחורהדיקן, סקעפּ־טישן אינהאַלט: אַלץ איז באַשערט, אַלץ ענדיקט זיך שלעכט - אָבער אין שטאָט טרעפט עס גיכער, ווי אין דאָרף, און ביי פרויען גיכער, ווי ביי מענער; אין טייל אירע ווערק פילט זיך אפילו אַ מין רחמנות צו דער אַריסטאָקראַטיע. — אַן איבער־צייגטע דעמאָקראַטין און אפילו ראַ־דיקאַלין, זעט זי אין דער אַריסטאָ־קראַטיע נאָר גיריקייט, אייגננוץ, אי־בערזעטיקייט; געשריבן אויך פּובליציס־טישע אַרטיקלען, וואָס ווייזן, אָבער, אויף פּאָליטישער נאַיווקייט; 1897 אַרויסגעלאָזט זיי אין אַ ספּעציעלן בוך „פּאָליטישער און סאָציאַלער עלנט אין איטאַליע".

אויף יידיש איז פאַראַן או"ס „ראָמאַן פון אַ הונט".

אווין ר אָ ב ע ר ט (1796 — 1870), שאָטלענדישער באָטאַניקער, הויפּטזאַכ־לעך זיך פאַרנומען מיט דער פלאָרע אין א י נ ד י ע. אָנגעשריבן עטלעכע וויכטיקע ווערק איבער דער אינדישער געוויקסנוועלט, וואָס האָבן אויך אַן אינדוסטריעלע און פאַבריקאַציע־באַ־דייטונג, ווי איבער וואָל, ליין א.אַ. זיינע וויכטיקסטע ווערק: „אינדישע פלאָרע" (איז נישט פאַרענדיקט געוואָרן), „אי־לוסטראַציעס פון אינדישער באָטאַניק" (2 טיילן) א. אַנד.

אווילד אָ ס ק אַ ר פ י נ ג ע ל אָ פ ל אַ־ה ע ר ט י ו י ל ס (1856—1900), באַרימ־טער ענגלישער דיכטער. דערצויגן געוואָרן אין אַ רייך הויז, ביי אַ מו־טער — אַ דיכטערין, האָט ער זיך פון דער פריער יוגנט אָן אָפּגעגעבן

מיט פּאָעזיע, אין וועלכער ס'האָט זיך געפּילט די אָנמאַכט פון דעם בירגערלעכן אינטעליגענט און דער ווילן צו אַנטלויפן פון דער וועלט. שוין פאַר זײַן ערשט ווערק „ראַווענאַ" האָט ער באַקומען אַ ליטעראַטור־פּריז. זײַן שאַרפזיניקייט און דאָס נישט־רעכענען זיך מיט אַלע אָנגענומענע מנהגים אין דער וועלט האָבן אים גלײַך געמאַכט אַ שם, און שוין אַלס 25יעריקן מאַן האָט מען אים אײַנגעלאַדן אויף אַ טור איבער אַמעריקע, ווו ער איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן. דאָרט האָט ער פּראָפּאַגירט דעם לאָזונג „קונסט לשם קונסט" און דעם פּרינציפּ פון „ריינער" עסטעטיק, אָן וועלכע די בורזשואַזע פיליסטערס פון דער גאַנצער וועלט האָבן זיך גערן אָנגעכאַפּט. אין אַמעריקע אויך אָנגעשריבן אַ דראַמע „וועיאַ", דערציילונגען און ראָמאַנען: „דער גליקלעכער פּרינץ", „דאָס פאַרברעך פון לאָרד אַרטור סעוויל", „דאָס הויז פון מילגרוימען" — די אָפּיציעלע ענגלישע קריטיק האָט דאַן וועגן אים געשריבן, אַז ער איז „דאָס גאָניאַלסטע קינד פון ענגלישן פאָלק בײַ הײַנטיקן טאָג" (1890). דאַן האָט ער אויך אָנגעשריבן זײַן באַרימט בוך „דאָס בילד פון דאָריאַן גריי" — דער אָפּשפּיגל פונעם נײַעם עסטעטיקער. צו זײַנע באַרימטסטע דראַמעס געהערן: „דער פעכער פון לעדי ווינדערמער", „די פּרוי פון אומוויכטיקייט", „דער אידעאַלער מאַן", „די וויכטיקייט צו זײַן ערנסט", ווי אויך „שלומית", וואָס ער האָט געשריבן אויף פראַנצויזיש. 1895 געמאַכט פאַרשידענע אַנטדעקונגען אין דער הויכער ענגלישער געזעלשאַפט איבער דעם מאַרקיז פון ק י נ ס ב ע ר י, פאַרוואָס דאָס געריכט האָט אין מאַי

י. י. פאַרמשפּט צו 2 יאָר פעסטונג. נאָכן אַרויסקומען פון תּפיסה האָט ער געלעבט אין פּאַריז אונטער אַ פרעמדן נאָמען — סעבאַסטיאַן מעלמוט. אין פּאַריז אָנגעשריבן די „באַלאַדע פון רעדינגער תּפיסה". אין תּפיסה האָט ער אויך אָנגעשריבן זײַן אויטאָביאָגראַפיע „דע פּראָפונדיס", וואָס זײַנע בעלי־חובות האָבן צוגענומען און 1905 עס פאַרעפנטלעכט. — או. איז דער טיפּישער פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ סוף 19טן י"ה, מיט אַלע אירע זוכענישן און פוסטעפּאַסנעקייט.

אויף יידיש זענען פאַראַן או'ס עטלעכע ווערק: „דע פּראָפונדיס", „דאָס בילד פון דאָריאַן גריי", „שלומית", ווי אויך אַ רײַ קלענערע נאָוועס

אויעיסקי קאָ ר נ ע ל (1897—1823), פּוילישער דיכטער, געהערט צו דער ראָמאַנטישער שול; אויף זײַנע דיכטונגען ליגט דער סטעמפּל פון שווערער בענקשאַפט נאָך זײַן פאָטערלאַנדס פרײַהייט; פון די באַקאַנטסטע ווערק: „ירמיהס קלאָג", „שלמה המלכס לידער", „בלומען אָן ריח", „פאַרוועלקטע בלעטער", „קאָשטשושקאָס לוויה" א. אַנדערע; זײַן גרעסערע פּאָעמע „מיטן רויך פון שרפות" גילט נאָך ביז הײַנט פאַר אַ האַלב־אָפיציעלן פּוילישן הימן.

אולאָא אי פּערײַראַ דאָן ל ו י ס (1660—1590), שפּאַנישער דיכטער, געטרײַ געדינט דעם שפּאַנישן קעניג און זײַן הויף. זײַן וויכטיקסטע פּאָעמע איז „רחל", וואָס שילדערט די ליבע פון קעניג אַלפאָנס VIII צו אַ יידיש מיידל רחל, וואָס די גראַנדן האָבן זי דערהרגעט, כּדי צו באַפרײַען דעם קעניג פון אונטער איר אײַנפלוס. — נישט

געקוקט אויף דעם קנעכטישן און חניפהדיקן כאַראַקטער פון דער פּאָעמע, ווי בכלל פון אויס גאַנצער דיכטונג, פאַרמאָגט אָבער „רחל" שטאַרקע פּאָעטישע טענער און ווערט נאָך ביז היינט הויך געשעצט אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור.

אולאַן-אַטאַרטשי, היינטצייטיקער מאָנגאָלישער שרייבער, אָנטיילגענומען אין די פּאַרטיזאַנישע קאַמפן קעגן דער צאַרישער און שפּעטער קעגן די אויסלענדישע מאַכטן. צ. אַ. אויך אָנגעשריבן אַ בוך „טולבאָ-נוט", זכרונות פון אַן אָנטיילנעמער. דאָס בוך האָט זייער אַ גרויסן געשיכטלעכן און ליטעראַרישן ווערט.

אולבאַך לואי (1822—1889), פראַנצויזישער שרייבער, מיטגליד פון דער פּאַריזער קאָמונע; געהאַט אַ שאַרפע פעדער, געדרוקט אין „פיגאַראָ" און זיין אייגענעם זשורנאַל „דער גלאָק" שאַרפע היסטאָרישע און היינטצייטיקע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ ריי פּראָצעסן. נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע פאַרמשפּט צו 3 יאָר תפיסה, פאַרביטן אין דער צווייטער אינסטאַנץ — אויף 3 חדשים. צו די באַקאַנטערע ווערק, וואָס זענען אויך נישט פריי פון סאָציאַלן אונטערשלאַק, געהערן: „די שטים פון בלוט", „אַנטאָנעטס מאַן", „די געשיכטע פון אַ מוטער מיט אירע קינדער", „זכרונות פון אַ מערדער", „קינדער פון טויט" א. אַנד.

אולוג בעג מחמד איבן שאַכרוך (1393—1449), טאָטערישער אַסטראָנאָם, אַן איייניקל פונעם גרויסן קריגער טאַמערלאַן. געגרינדעט אין סאַמאַרקאַנד אַן אַסטראָנאָמישע אָבסער-

וואַטאָריע, דערפירט דעמדאָזיקן וויסנשאַפטצווייג אין טאַטאַריע צו אַ הויכן צושטאַנד; האָט אויפגעטון אַסך אויפן דאָזיקן געביט, פאַרפאַסט עטלעכע ביכער פון גאָר גרויסן באַטייט, ווי אויך אַן אויספירלעכן קאַטאַלאָג פון די שטערן, געשריבן אויף אַראַביש.

אולמאַן וויגאָ (1848—1911), נאָרוועגישער געלערטער און פּאָליטישער טוער, איינער פון די פאָרגייער פון דער הומאַניסטישער פּעדאַגאָגיק אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. אָנגעשריבן אַ צענדליק וויסנשאַפטלעכע היסטאָרישע ווערק און האַנטביכער; 1885 אויסגעוויילט געוואָרן אין סטאָרטינג (פּאַרלאַמענט) און געווען דער פירער פון דער ראַדיקאַל-סאָציאַליסטישער פראַקציע, אָנגעפירט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן אַ העפטיקן קאַמף קעגן דעם קעניג און קעגן דעם מיליטאַריסטישן שוועדן.

אולמאַניס קאַרל (ג. 1877), לעטישער פּובליציסט און מלוכהמאַן, די שטאַרקסטע און פּאָפּולערסטע פּאָליטישע פיגור אין היינטיקן לעטלאַנד. לידער פונעם „פויערבונד", די רעאַקציאָנערסטע לעטישע אָרגאַניזאַציע. שטודירט אַגריקולטור אין דייטשלאַנד און אין די פאַראייניקטע שטאַטן; 1913 רעדאַגירט די אַגראַר-צייטונג „סעמע". אויף דער פּובליציסטישער און פּאָליטישער אַרענע זיך אַרויסגערוקט אין די מלחמה-יאָרן, בעת לעטלאַנד איז געווען אָקופּירט דורך דייטש מיליטער. דאַן איז אוו. געווען דער פירער פונעם אַ. ג. דעמאָקראַטישן בלאָק, וואָס האָט זיך אָריענטירט אויף דער אַנטאַנט און באַקעמפט דעם דייטשן אָקופּאַנט. 18 נאָוועמבער 1918, ווען ס'איז פּראָקלאַ-

מאַטענקאָ

מירט געוואָרן די לעטישע רעפּובליק, איז או. געוואָרן איר ערשטער פּרעמיער־מיניסטער. אונטער זיין פּרעמיעריי האָט אויך לעטלאַנד געפירט די מלחמה קעגן דער רויטער אַרמיי. די לעצטע צייטן, אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַר־שטאַרקטן רעאַקציאָנערן קורס אין לעט־לאַנד, רוקט זיך או. ווידער אַרויס אויפן אויבנאָן.

אולע אָ ט אָ (1820–1876), באַקאַנטער דייטשער וויסנשאַפטלער און פּאָפּולאַ־ריזאַטער פון נאַטורוויסנשאַפט, איי־נער פון די ערשטע און בעסטע פּאָ־פּולאַריזאַטערס. פון די בעסטע ביכער: „פיזיקאַלישע ניסים“, „די וואונדער פון דער שטערנוועלט“, „פאַרוואָס און דערפאַר“, „די ערד און די דערשיי־נונגען אויף איר אויבערפלאַך“.

אולפּיאַנוס דאָמיציוס (170—228), רוימישער יוריסט, האָט אַ קאָ־לאָסאַלן באַטייט פאַר דער רוימישער געזעצגעבונג, וואָס אויף איר שטיצט זיך אויך דער וועלט-גרעסטער טייל פון היינטצייטיקן בירגערלעכן ציוויל־קאָ־דעקס. די וויכטיקסטע פּונקטן פונעם רוים. געז. געהערן צו זיין פעדער — לערך אַ דריטחלק פון דעם גאַנצן. או. האָט באַטראַכט דאָס געזעץ פון פילאָזאָפיש-עטישן שטאַנדפּונקט. ער האָט געזאָגט: „דאָס געזעץ איז די קונסט פון גוטס און שלעכטס“ — הייסט עס, אַז דאָס געזעץ דאַרף זיין בהסכם מיט דער מאָראַל. ער האָט אויך אַדורכגעפירט אין זיינע פּראָיעקטן די ליניע, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, נישט געקוקט אויף זייער סאָ־ציאַלער לאַגע — און דערום איז פאַראַן צווישן אַלע מענטשן אַ נאַטירלעכער בונד. אין דער פראַגע פון ש ק ל אַ פ ע ר ײ

האָט או. פאַרנומען אַ צווייידייטיקע שטעלונג: געוועזן צווישן זיינע פּראָ־יעקטן אַ פּונקט, אַז שקלאַפעריי איז אומעטיש און דעריבער דאַרף מען עס אונטערברענגען; אָבער אין עפנטלעכן לעבן דווקא אונטערגעהאַלטן דידאָזיקע אינסטיטוציע און אַליין געהאַט אַ היפּש ביסל קנעכט. — געפאַלן בעתן בונט פון די פּרעטאָריאַנישע זעלנער.

אולפילאַ (1311—1381), גאָטישער טעאָלאָג. באַקאַנט דערמיט, וואָס ער האָט איבערגעזעצט דעם תנ"ך און די ברית־חדשה אויף גאָטיש.

אולריך טיטוס (1813–1876), דיי־טשער דיכטער; פון זיינע לידער איז צומייניסט באַקאַנט די גרויסע פּאָעמע „דאָס הויכע ליד“, וואָס איז דערשינען ערב דער רעוואָלוציע פון 1848 — אַ פילאָזאָפיש-פּאָעטישער אויסדרוק פון הומאַניטאַרישן פּאַנטעאיזם. אַליין אַ גאַנץ קאָנסערוואַטיווער מענטש, האָט אים אָבער די ריזיקע ערב־רעוואָלו־ציאָנערע באַגייסטערונג אויך אַרומגע־כאַפּט. „דאָס הויכע ליד“ האָט אפילו אַ געוויסע צייט געהערט צו די הימ־נען פון די „48ער“ אין דייטשלאַנד.

אולשטיין אַקציע-געזעלש. גרעס־טער דייטשער צייטונג-פאַרלאַג, געגרינ־דעט ד. יאָר 1877 דורך לעאָפּאָלד או. זינט 1898 גיט ער אַרויס די פאַר־שפּרייטסטע דייטשע צייטונג, די בירגערלעך-ראַדיקאַלע „בערלינער מאָרגנ־פּאָסט“, (600—700 טויזנט עקז.). 1914 אָפּגעקויפט די ערנסטע „פאָסישע צייטונג“, וואָס עקז. זינט 1704 (60 טויז. עקז.). גיט נאָך אַרויס: „ב. צ. אַם מיטאַג“ (איבער 200 טויז. עקז.), „טעמ־פּאָ“, אַ לייכט בלאַט פאַרן דורכשניט־לעכן בירגער (דערשיינט זינט 1928, היינט — בערך 100 טויז.), „דאָס בלאַט

פאַר דער הויז-פרוי" — אַ וואָכנבלאַט
אין 350 טויז.; דעם רעקאָרד שלאָגט
אָבער דאָס וואָכנבלאַט „בערלינער אי-
לוסטרירטע צייטונג" — 2 מיליאָן עקז.;
אַחוץ דעם — חודש-זשורנאַלן: „אוהו",
„די דאַמע", „די קאָראַלע" א. אַ גאַנ-
צע ריי פאַך-זשורנאַלן. פּאָליטיש שטייען
דידאָזיקע אַלע פרעסע-אָרגאַנען פון
יענער זייט באַריקאַדע.

אומינסקי וולאַדיסלאַוו (1875°),
פּוילישער ווּיסנשאַפט-פּאָפּולאַריזאַטער
און שרייבער פאַר יוגנט, אָנגעשריבן
אַסך פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ליטע-
ראַטור און יוגנט-ביכער, ווי אויך
רעדאַגירט די „ביבליאָטעק פאַר אַלע-
מען" (1904—1908), און „פאַמיליע-
אָוונטן" (1909—1912).

אונאַמונאָ מיגעל דע (1864°),
גרויסער היינטצייטיקער שפּאַנישער גע-
לערטער און שרייבער, איבערצייגטער
פרײַדענקער און פייערדיקער רעפּוב-
ליקאַנישער טוער, געהערט צו די באַ-
ליבטסטע פערזענלעכקייטן פון היינטיקן
שפּאַניע. 1892 געוואָרן דאָקטער פון
פילאָזאָפיע און פּראָפעסער פון גריכי-
שער ליטעראַטור אויפן אוניווערזיטעט
אין סאַלאַמאַנקאַ, 1900 געוואָרן רעקטער
פונעם דאָזיקן אוניווערזיטעט. צו דער-
זעלבער צייט האָט ער גענומען אַן
אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן
לעבן, ווי אַ דרייסטער באַקעמפער פון
דער מאָנאַרכיסטישער קאָרופּציע. די
רעגירונג האָט דאַן, אויס נקמה, אים
צוגענומען דעם רעקטאָראַט און בכלל
פאַרווערט צו האַלטן לעקציעס. דאַן
האָט ער זיך גענומען צו ליטעראַטור,
צו פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, צו
ראָמאַנען און לידער. צו די וויכטיקסטע
ליטעראַרישע ווערק אוּ'ס געהערן:

„נעבלאַ", „אַבעל סאַנטשעז", פאַר זיין
גרעסט ווערק האַלט מען אָבער „דער
טראַגישער סענטימענט פונעם לעבן".
זיינע לידער, הגם זיי זענען דרייסט
אין זייער פרײַדענקערישער און רע-
פּובליקאַנישער טענדענץ, האָבן אָבער
אַ שפּאָר ביסל מיסטיק אין דער פאָרעם.
זייער פּאָפּולער איז אויך זיין בוך
„פון מיין לאַנד", פול מיט ליבשאַפט
צו זיינע פאָלקס-ברידער, און „דאָן
קיכאָט און סאַנטשאָ", ווו ער דערפירט
דעם דאָן-קיכאָטיזם צו אַ דערהויבענער
אידעע. — בעת דער מיליטעריש-פאַ-
שיסטישער איבערקערעניש פון פּרימאָ
דע ריוועראַ ד. יאָר 1923 איז או.
פאַרשיקט געוואָרן אויף די קאַנאַרישע
אינדזלען, פון וואַנען ער איז אַנט-
לאָפן קיין פּאַריז, ווו ער האָט געוווינט
ביז די לעצטע צייטן, פעברואַר 1930,
ווען פּרימאָ דע ריוועראַ איז געגאַנגען
אין דעמיסיע. די שפּאַנישע פאָלקס-
מאַסן האָבן אים וואַרעם באַגריסט. —
אין גלות אין פּאַריז האָט או. גענומען
אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער אַרבעט פון
דער שפּאַנישער און אַנדערע פּאָליטישע
עמיגראַציעס, ווי אויך אָנגעשריבן אַ
פילאָזאָפיש ווערק „די גסיסה פונעם
קריסטנטום".

אונגער פלאָריאַן (1543•), פּוי-
לישער געלערטער און דרוקער, אָנגע-
שריבן „אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען
פון דריי יאָר" און „אַסטראָנאָמישע
דערקלערונגען"; 1522 געגרינדעט אין
קראָקע די ערשטע דרוקעריי אין פּוילן.

אונגער פראַנץ (1800—1870), עסט-
רייכישער פיזיקער און באָטאַניקער,
אָנגעשריבן אַסך ווערק איבער דידאָזיקע
ביידע געביטן; געווען אויך אַ גרויסער
קענער אויפן געביט פון דער פּאַלע-

אַנטאָלאָגיע — די פאַרשטייּנונג פון געוויקסן. צו די וויכטיקסטע אַרבעטן געהערן: „איבער קרישטאָלבילדונגען און די פלאַנץ-צעלעס", „אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פון פלאַנצן", „די אורוועלט", „געאָלאָגיע פון אייראָפּעישע וואַלדביימער" און אַ גרויסער „פרווו פון געשיכטע פון דער פלאַנצנוועלט".

אונגער רודאָלף (1872 ○), דייטשער שרייבער און ליטעראַטור-קריטיקער, פּראָפעסער פון ליטעראַטורגעשיכטע אויפן געטענבערגער אוניווערזיטעט. באַקאַנט פון זיינע גרינטלעכע שטודיעס איבער געטען און זיין עפּאָכע. אַחוץ דעם אויך אָנגעשריבן: „פילאָזאָפישע פּראָבלעמען אין דער נייער ליטעראַטורוויסנשאַפט", „פון נתן דעם בעל-חכמה ביז פאַוסטן", „וועלטאַנשויונג און דיכטונג". אַ טעאָרעטיקער פון „דיכטונג צוליב דיכטונג".

אונדסעט זיגריד (1882 ○), נאָרוועגישע שרייבערין. דעביוטירט אין דער ליטעראַטור ד. יאָר 1912 מיט אַ מישט-גרויסער דערציילונג „יעני", וווּ זי שטעלט דרייסט אַוועק אין צענטער דאָס עראָטישע פּראָבלעם. אַ צייט-לאַנג האָט זי איבערגעלעבט אַ רעליגיעזן קריזיס, וואָס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס זי איז אַריבער צו דער רוימיש-קאַטוילישער קירך. פון אירע באַקאַנטסטע ווערק זענען: „קריסטינע, די טאָכטער פון די בערג", „דער בלומענקראַנץ", „דער קרייץ" — ראָמאַנען אויף דער פאָן פון מיטלעלטער, 13 און 14 י"ה. ד. יאָר 1928 האָט זי די שוועדישע נאָבעל-אַקאַדעמיע באַשאָנקען מיט דער נאָבעל-פּרעמיע. 1929 אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „דער ביס פון אַ שלאַנג".

אונדערוווד אָסקאַר ווײַלדער (1929—1862), אַמעריקאַנישער פּאָליטיקער, מיטגליד פון דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, איינער פון די גרעסטע רעאַקציאָנערן אין דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק. ד. יאָר 1919 דורכגעפירט אין סענאַט, ווו ער איז געווען אַ מיטגליד, אַן אַנטישטרייק-געזעץ אין דער אייזנבאַן-אינדוסטרי; העפטיק באַקעמפט די פרויען-גלייכבאַרעכטונג. ד. יאָר 1927, בעת דעם אַל-אַמעריקאַנישן קאָנגרעס, איז או. געווען דער פירער פון דער צפון-אַמעריקאַנישער דעלעגאַציע; די צילן פון דעם קאָנגרעס זענען געווען אונטערצוּוואַרפן ביידע אַמעריקאַנישע קאָנטינענטן דער צפון-אַמעריקאַנישער העגעמאָניע. אָנגעשריבן אַ בוך זכרונות „דער זאַמדיקער באָדן פון דער פּאַרטייאישקייט".

אונצער יאָהאַנע שאַרלאָטע (1882—1724), דייטשע דיכטערין; באַקאַנט דערמיט, וואָס זי האָט אין איר לידערבוך „פּרוּוון פון זיטלעכע און צערטלעכע געדיכטן" שטאַרק אונטערגעשטראָכן דאָס עראָטישע פּראָבלעם און דרייסט אויסגעלאַכט די צניעותדיקע פרויענמאָראַל פון איר צייט.

אונרוה פריץ פאָן (1885 ○), דייטשער שרייבער. שטאַמט פון אַן אַריסטאָקראַטישער משפחה, געווען אַן אָפיציר פון דער פּרייסישער קעניגלעכער גוואַרדיע. זיינע ערשטע פּיעסן „אָפיצירן" און „לואיס פערדינאַנד, פּרינץ פון פּרייסן" (1914) האָבן אין זיינער צייט אַרויסגערופן גרויס אויפזען. בעת דער וועלטמלחמה איז ער צוגעטיילט געוואָרן צו דער סוויטע פון קרוינפּרינץ. הגם ער האָט נישט געקעמפט אויפן שלאַכטפעלד, האָט ער אַבער

געזעסן דעם שוידער פון דער מלחמה אין די לאַזאַרעטן, אויף די אינספעקציעס מיטן קרוינפּרינץ; דאָס האָט אים דערשיטערט, און ער ווערט אַ דעקלאַרירטער שונא פון מיליטאַריזם. 1916 אָנגעשריבן אַ פּאַציפיסטישע דראַמע „אָפּערגאַנג", וואָס איז דורך דער מיליטערישער מאַכט קאָנפיסקירט געוואָרן. ווייטער אָבער פון אָט דעם מין פּאַסיוון פּאַציפיזם איז ער נישט געגאַנגען. נאָך דער מלחמה געוווינט אין דער שווייץ: זיין אינטעליגענטיש, צעבראָכן געמיט האָט געוואָלט געפינען אַ תּיקון ווייט פון די גרויסע, עפּאָכאַלישע קאַמפן. אָנגעשריבן דאָרט אַ טרילאָגיע: „געשלעכט", „די פליגל פון דער ניקע", „היינריך אויס אַנדערנאַך און באָנאַפּאַרטע"—ווו ער דערווייזט די צעפּוילטקייט פון דער יונקערישער און מיליטערישער וועלט. זיין פאָרעם איז אַן אָריגינעל־עקספּרעסיאָניסטישע. 1926 זיך אומגעקערט קיין דייטשלאַנד. אין די ליטעראַרישע קרייזן אין דייטשלאַנד איז ד. יאָר 1928 אַרויסגעקומען אַ שטיקל מהומה איבער דעם, וואָס מ'האָט אים פאָרגעלייגט אין דער שרייבער־אַקאַדעמיע. סוף־כּל־סוף איז ער אַריין.

אוסאָניוס דעסימוס מאַגנוס (310–395), לאַטיינישער דיכטער, איינער פון די לעצטע גרויסע פאָרשטייער פון דער רוימישער קולטור. די וויכטיקסטע ווערק: „עפּיגראַמאַטאַ", „פּאַרענטאַליאַ"— הספּדים איבערן טויט פון זיינע קרובים, און אַ 20 אידיליעס.

אוסטיאַנאָוויטש ניקיטאַ (1811–1879), אוקראַינישער דיכטער און פרייהייט־קעמפער, געווען אין זיינער צייט זייער באַליבט ביי די ברייטסטע

אוקראַינישע מאַסן אין גאַליציע, ווו ער האָט געלעבט און געשאַפן. 1849 געגרינדעט אַ צייטונג „וויסטניק" מיט אָפענע זעלבשטענדיקייט־טענדענצן; די עסטרייכישע מאַכט האָט די צייטונג פאַרמאַכט. מיטגעאַרבעט אין אַסך גאַליצישע צייטונגען און זשורנאַלן, געשריבן אויך אויף פויליש. זיינע לידער זענען אַרויס אין אַ בוך „געדיכטן".

אוסטערי פּאַול (1768–1831), שווייצאַרישער באָטאַניקער, באַקאַנט אָבער בעיקר פון זיין פּאָליטישער טעטיקייט. געהאַט גרויסע פאָרשערישע פעיקייטן, אָבער די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט און אים געמאַכט פאַר אַן איבערצייגטן דעמאָקראַטישן רעפּובליקאַנער; געשריבן זייער פיל אַרטיקלען אין דער שווייצאַרישער פּרעסע, אויסגעשטאַנען רדיפות מצד דער צענזור און גערירכטמאַכט, דאָך זיך ווי עס איז אַדורכגעשלאָגן און געגרינדעט ד. יאָר 1798 די צייטונג „שווייצאַרישער רעפּובליקאַנער". אויסגעוויילט אין סענאַט פון דער העלוועטישער רעפּובליק, האָט או. פאָרגעלייגט אַ גאַנצע ריי פּראָיעקטן און תּקנות, וואָס האָבן געזאָלט ענדערן דעם גאַנצן עקאָנאָמישן סדר אין דער שווייץ; די מערהייט האָט עס אָבער אָפּגעוואָרפן. — זיין זאַמלונג אַרטיקלען „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע" (אַחוץ פּאַריז) איז די גרעסטע, וואָס איז פאַראַן ביז היינטיקן טאָג.

אוסטערליץ פרידריך (ס 1862), עסטרייכישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער טוער, לידער פון דער פּאַרטיי ביז היינטיקן טאָג; רעדאַקטער פון איר צענטראַל־אָרגאַן — די ווינער „אַרבייטער־

צייטונג״. געהערט צום עקסט־רעכטן פליגל אין דער עסטרייכישער פּאַרטיי און בכלל אין צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

אוספּענסקי גלעב (1840–1902), רוסישער שרייבער, „פאָלקיסט״, געשריבן אַסך אויס דעם פויערשן און אָרעמשטאָטישן שטייגער לעבן; אין זיינע ווערק איז בולט זיין גרויסע סימפּאַטיע און ליבשאַפט צום אָרעמען פויערטום און אויפקומענדיקן פּראָלעטאַריאַט. ווי אַן אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט פון עטלעכע רוסישע צייטונגען, האָט ער אַריינגעברענגט אין דער רוסישער געזעלשאַפט דעם הויך פון דעם פּראָגרעסיוון מערב, און זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון פראַנקרייך איבער דער פּאַריזער קאָמונע זענען דורך דער צאַרישער מאַכט קאָנפיסקירט געוואָרן. או. האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער רוסישער אינטעליגענץ פון די 60–80ער יאָרן פון פאָריקן י״ה, מיט אירע אידעאַלן און „גיין אין פאָלק״. דאָס רוב נישט געשריבן קיין גרויסע ווערק, איז אָבער אין זיינע קליינע נאָוועלן אונטער די אַלגעמיינע נעמען: „יום־טוב און אינדערוואָכן״, „די זיטן פון דער ראַסיעריאַיעווער גאַס״, „פון מיין טאָגביכל״ — קלאָר אויסגעדריקט דעם געדאַנקענשטייגער פון די „קליינע מענטשעלעך״ פון דער שטאָט מיט זייער לעבן און דראַנג נאָך בעסערס. — דורך אַ צופאַל איז או. אויסגעקומען צו וווינען אַ לענגערע צייט אין דאָרף; ער האָט זיך צוגעקוקט צום דאָרטיקן לעבן און זיך שטאַרק אַנטוישט אין זיין אידעאַל — דעם פויער; דאָס האָט אים אַריינגעברענגט אין אַ געוואַלטיקער מרה־שחורה און דאָס זאָל אויך זיין איינע פון די סיבות, פאַרוואָס ער איז גייס-

טיק קראַנק געוואָרן און געענדיקט זיין לעבן אין אַ משוגעים־הויז.

אועוועל וויליאַם (1794–1866), באַרימטער ענגלישער געלערטער, אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס כמעט אַלע צווייגן פון דער וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, ווי אויך אַ גרויסע „געשיכטע פון אינדוקטיווע וויסנשאַפטן״, וואָס ווערט געהאַלטן פאַר איינס פון די וויכטיקסטע פילאָזאָפישע ענציקלאָפּעדיעס אויס דער ערשטער העלפט 19 י״ה. געווען אַן אָנהענגער פון עמפּיריזם אין דער פילאָזאָפיע, אָבער מיט אַ ספּעציעלן, אַזוי צו זאָגן, פּלאַטאָניזירנדיקן אונטערשלאַק. געוואָלט פאַראייניקן צוזאַמען דעם עמפּיריזם, פּלאַטאָניזם און קריטיציזם אין איין וויסנשאַפט. אַן אידעאַליסטישער דענקער, האָט ער אין זיינע ווערק אַסך סתירות. דאָך ווערט ער פאַרעכנט צו די טיפסטע קעפּ פון פאַרגאַנגענעם י״ה.

אוענברוגער לעאָפּאָלד (1722–1809), ווינער דאָקטער, דערפונדן די פּערקוסיע — אַ מיטל נאָכצופאָרשן די אינערלעכע אָרגאַנען אויף צו שטעלן אַ דיאַגנאָז פון אינערלעכער קראַנקייט; באַשריבן עס אין זיין בוך „די נייע מענטשנקענטעניש״.

אוער איגנאַץ (1846–1907), דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַט; זינט די יונגע יאָרן גענומען אַ וויכטיקן אָנטייל אין דער פּאַרטיי־אַרבעט. ד. יאָר 1877, אויפן פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר (צווישן די אייזענאַכער און לאַסאַליאַנער, וואָס האָבן געשאַפן די ס.ד. פּאַרטיי) געוואָרן סעקרעטאַר פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיי. אַ פּשוטער אַרבעטער, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שנאה צו דער אינטעליגענץ, אָבער דאָך האָט

מען זיך מיט אים שטאַרק גערעכנט און אַ ריי יאָרן האָט ער געהערט צו די צענטראַלע פיגורן אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. אַזוי איז דאָס יאָר 1887 איבערגעגעבן געוואָרן אים, צוזאַמען מיט בעבעלן און וו. ליבקנעכטן (ז) דער אויפטראָג אויסצואַרבעטן אַ נייעם פּאַרטיי-פּראָגראַם, אָנשטאָט דעם ביז־אַהעריקן, דעם גאָטאַישן. — געווען זייער אַ דורכגעטריבענער און געשיקטער פּאָליטיקער, אַ מייסטער פון קאָמפּראָמיסן; בעת ס'איז אַנטשטאַנען אין דער פּאַרטיי די רעוויזיאָניסטישע שיטה (ז. בערנשטיין), האָט ער אַסך געאַרבעט, כּדי צו דערפירן צו אַ שלום. משך עטלעכע יאָר רעדאַגירט די „בערלינער פרייע פרעסע". געשריבן אין אַלע דעמאָקראַטיקע ס.ד. אָרגאַנען; אָנגעשריבן אויך עטלעכע בראָשורן איבער דער פּאַרטיי-אַרבעט, איבער דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג א. ד. גל., — ווי אויך 2 גרעסערע ביכער: „נאָך צען יאָר" — מאַטעריאַלן איבערן סאָציאַליסטנגעזעץ (ז. בערנשטיין) און „פון גאָטאַ ביז ווידען".

אויער לעאָפּאָלד (° 1845), עסטרייכישער פידלער-פּעדאַגאָג, וווינט אין אַמעריקע. איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער וועלט אויפן געביט פון פידל-פּעדאַגאָגיק. אָנגעשריבן אַן אויסערסט־גוט האַנטבוך פאַר פידל־שפּילן און זכרונות איבער זיין אַרטיס־טישער טעטיקייט.

אויער עדהאַרד (° 1884), אַ זון פון איגנאַץ א. (ז.), בייערישער סאָציאַל-דעמאָקראַט, פּובליציסט. פון 1907 ביז 1925 — רעדאַקטער פון דער מינכענער ס.ד.ישער צייטונג „פּאָסט". אין די יאָרן 1918—1919 געווען איננערן־

מיניסטער אין קורט איזנערס (ז.) קאַבינעט, ווו ער האָט פאַרטראָטן דעם רעכטן פליגל פון דער ס. ד. — אין אַלגעמיין האָט ער אין פאַרלויף פון דער בייערישער רעוואָלוציע געשפּילט אַן אָפן־קאָנטררעוואָלוציאָנערע ראָל. דאָס באַשטעטיקט דער פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען פעברואַר 1925: אַ. האָט באַשולדיקט דעם געוו. ס.ד.ק ווינטער, אַז יענער וואַרפט אים גרונטלאָז פאָר פאַראַט בעת דער בייערישער רעוואָלוציע. אויפן פּראָצעס האָט, אָבער, אַ. גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז ער האָט דערלאַנגט בלומען דעם גראַף אַרקאָ, דער מערדער פון קורט אייזנערן.

אויערבאך בערטאָלד (1812—1882), דייטשער שרייבער, געב. ביי אַן אָרעמען יידישן הענדלער. אין דער יוגנט געווען אָנגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַלע שטימונגען און אין דעם גייסט אָנגעשריבן זיינע ערשטע צוויי ראָמאַנען „ספּינאָזאַ" (1837) און „דער דיכטער און סוחר" (1839) — דאָס האָבן געזאָלט זיין די ערשטע ביכער פון אַ סעריע „געטאָ", וואָס ער האָט פאַרטראַכט. — שפּעטער ווערט ער אַ דייטשער פאָלקס־מענטש. אין זיינע „שוואַרצוואַלדער דאָרף-דערציילונגען" אידעאַליזירט ער דעם דייטשן פויער און ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ שאַרפן קעגנער פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע. צו דעמזעלבן מין געהערן אויך „אויף דער הויך" און „זומערוווינונג אויפן ריין". — מיט דער צייט ווערט אַ. אַ פולבלוטיקער דייטשער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער ראָמאַניסט. זיין ראָמאַן „וואָלפריד" איז שוין אָנגעזאַפּט מיט דער טענדענץ צו מאַכן דייטשלאַנד פאַר אַ גרויסער

אימפעריע. פאַרן דאָזיקן געדאַנק האָט ער געאַרבעט אויך אין דער פובליציסטיק.

אויץ יאָהאַן פעטער (1720–1796), דייטשער דיכטער, געשטאַנען בראש פונעם „פאַרבאַנד פון גאַ׳ישע פּאָעטן״; באַקאַנט זענען זיינע פּאָעמעס „געטלעכקייט״, „שליחותן״ און די קאָמישע עפּאָפּעע „דער זיג פונעם ליבע-גאָט״, ווו ער טרעט־אַרויס קעגן די מאָדערנע שטרעמונגען אין דער קונסט, ווי אויך אַ גרויס ווערק „די קונסט צו זיין שטענדיק פריילעך״.

אור ענדריו (1778–1857) באַקאַנטער ענגלישער כעמיקער און דאָקטער, אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס דיביידע געביטן. זיינע דערפינדונגען און אויפטוען האָבן געהאַט אַ גרויסן באַטייט פאַר דער אויפקומענדיקער ענגלישער אינדוסטרי; האָט געפאָרשט און פעסטגעשטעלט די געזעצן פון דאַמף פון פאַרשידענע פליסיקייטן און דערמיט זייער פיל געהאָלפן דער דאַמף-מאַשין. פון די וויכטיקסטע ווערק: „כעמיש ווערטערבוך״, „פילאָזאָפיע פון פאַבריקאַציע״, „די עלעמענטן פון פאַרבקונסט״.

אורבאַן היינריך (1836–1911), דייטשער קאָמפּאָזיטער און פידלער; זיינע וויכטיקסטע קאָמפּאָזיציעס: די סימפאָניע „פרילינג״ און די אוווערטור „שעכערעזאַדע״ ווערן נאָך געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג ביז היינטיקן טאָג.

אורזין געאָרג פרעדעריק (1797–1849), אָנגעזעענער דענישער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער; אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס דידאָזיקע געביטן, ווי אויך איבע מעכאַניק און טעכניק.

אַרויסגעגעבן זשורנאַלן: „מאַגאַזין פאַר קונסט־מלאכה און האַנטווערקעריי״, „נייער מאַגאַזין״ א. אַנד. אויף זיינע לערביכער האָבן זיך אויסגעבילדעט אַ גאַנצע ריי דענישע וויסנשאַפטלער.

אורי מאָריס (1786–1843), פראַנצויזישער דראַמאַטורג און ליריקער, מחבר פון אַ ריי לייכטע קאָמעדיעס און וואָדעווילן, בפרט פון אָן אַ שיעור לידלעך אויף טאָג-טעמעס. לויט זיינע איבערצייגונגען געווען אַ דעמאָקראַט; בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זענען זיינע אָפּלאַך־לידלעך איבער די ראָיאַליסטן געווען זייער פּאָפּולער; אויך נאָך נאַפּאָלעאָנס איבערקערעניש האָט ער אַריינגעפלאָכטן שטאַרקע פּאָליטישע מאָמענטן אין זיינע אידיליעס, ווי צב״ש אין „די מגפה אין באַרצעלאָן״, „די האַרצרייסנדיקע געשיכטע פון זשעראָם דעם וואַסערטרעגער״ א. אַנד.

אוריצקי מ. (• 1919), רוסישער פובליציסט און רעוואָלוציאָנערער טוער. גענומען אַן ערשטראַנגיקן אָנטייל אין דעם אָקטאָבער־אויפשטאַנד; נאָך דער רעוואָלוציע פאַרנומען עטלעכע וויכטיקע אַמטן אין ראַטפאָלקאָם, געווען איינער פון לעבינס (ז.) נאָענטסטע מיטאַרבעטער. גענומען אַן אָנטייל אין דער באָלשעוויסטישער פרעסע, געגרינדעט אַ ריי באָלשעוויסטישע צייטונגען.

אורעליוס וויקטאָר סעקסטוס, לאַטיינישער היסטאָריקער. מחבר פון „צעזאַרע״ — אַ קורצע געשיכטע פון די רוימישע קיסרים.

אורעליוס מאַרקוס, רוימישער פילאָזאָף און אימפעראַטער. ז׳ מאַרק אורעליוס.

אורעקע ג ר י ג אָ ר ע (1590—1646), אַלט־רומענישער שרייבער, אָנגעשריבן אַ וויכטיק ווערק איבער דער געשיכטע פון מאָלדאַוויע, — דאָס ערשטע ווערק אין דער רומענישער שפּראַך. דער אָריגינאַל האָט זיך ביז היינט נישט דערהאַלטן.

אוירהיבג וו אַ ש י נ ג ט אָ ן (1783—1859), אַמעריקאַנישער אַלזייטיקער שרייבער, געשריבן בעלעטריסטיק, געשיכטע, מאָנאָגראַפיעס. צו די וויכטיקסטע ווערק געהערן: „געשיכטע פון ניו־יאָרק זינט דעם וועלט־באַשאַף ביזן סוף דענישער דינאַסטיע”, אַ סאַטירע „סאַלמאַגונדי” „דערציילונגען פון אַן אַרבעטער”. זיין פריינדשאַפט מיטן מיליאָנער אַסטאָר האָט אים באַוויגן אָנצושרייבן אַ געשיכטע פון דער פאַמיליע אַ. אונטערן נאָמען „אַסטאָריאַ”; דאַן האָט ער אַנטדעקט אין זיך אַ מאָנאָגראַפישן באַרוף און אָנגעשריבן גרויסע מאָנאָגראַפיעס איבער אָליווער גאָלדסמיט, מחמד, קאָלומבוס, וואַשינגטאָן. — ביז היינט זענען נאָך זיינע ווערק אין אַמעריקע זייער פּאָפּולער און ווערן אָפטמאָל איבערגעדרוקט.

אורפע האָ נ אָ ר ע ד׳, מאַרקיז פון וואַלבראָמי (1568—1625), פראַנצויזישער שרייבער און נאָוועליסט. געווען אַ מיטגליד פון מאַסאָנען־אָרדן, יאָרנלאַנג געזעסן אין תפיסה. דאָרט האָט ער אויך אָנגעשריבן זיין גרעסט ווערק „אַסטרעע”, אַ מין דראַמאַטישן ראָמאַן, ווו ער שילדערט אויך די אַוואַנטורעס פון הענרי ד. IV טן. ער האָט אויך אָנגעשריבן צוויי פּאָעמעס: „די סירענע” און „סילוואַניר”.

אושאַר מ אַ ר י אָ (1824—1893), פראַנצויזישער שרייבער, טיפּישער „געלער”

ראָמאַניסט, וואָס די געבאָטן פון דער גאַס זענען פאַר אים די מאָסגעבנדיקסטע. 1857 אויסגעשטעלט אַ קאָמעדיע „די מרשעת”, געשריבן אויס זיין אייגן פאַמיליע־לעבן, וואָס האָט געהאַט אַן אומגעריכטן דערפאָלג און געשפּילט געוואָרן אויף אַלע גרעסערע אייראָפּעישע סצענעס. בולוואַר־ראָמאַנען „ריימאָן”, „גערטרודס חתונה”, „מיין פעטער באַרבאָסו”, „אַנטואַנעט”, „מיין קוזינע” א.אַנד.

אושער ד ז ש ע מ ס (1581—1656), אירלענדישער געלערטער און אַרצבישאָף, געשריבן אַסך ביכער אויף קירכלעכע טעמעס. די באַקאַנטסטע איז די אַפּאָלאָגיע פון דער ענגלישער קירך, ווי אויך „די דאַטעס פון נייעם טעסטאַמענט” שטעלט פאָר אַ כראָנאָלאָגיע פון די געשעענישן אויסן תנ״ך. געשריבן אין לאַטיין.

אוואָגאַדראָ די קוואַרעניאָ, אַ מ אַ ד ע אָ (1776—1856), באַדייטנדיקער איטאַליענישער פיזיקער. אַחוץ פּראַקטישע אַרבעטן פאַרפאַסט אויך אַ ריי ווערק. 1811 אַרויסגעלאָזט אַ בוך א.נ. „אַ פּרוּוו וועגן דעם אופן צו באַצייכענען די אַנטשפּרעכנדיקע עלעמענטאַרע מאָלעקולן פון קערפּערס און די באַציונגען, אין וועלכע זיי גייען אַריין אין דער פאַרייניקונג”. אינעם דאָזיקן בוך זאָגט ער אַרויס איינע פון די וויכטיקסטע השערות אין דער געשיכטע פון דער וויסנשאַפט: ביי דיזעלביקע באַדינגונגען פון טעמפּעראַטור און לופטדרוק, אין גלייכן אַרומנעם פון אַלע גאַזן, איז אויך פאַראַן דיזעלביקע צאָל מאָלעקולן. דאָס איז שפּעטער געוואָרן דער יסוד פון דער מאָלעקולאַרער פיזיק און כעמיע.

אווענאַריוס ריכאַרד (1843—1896), דייטשער פילאָזאָף. דער באַשעפער פונעם עמפּיריאָקריטיציזם, וואָס זעצט־פאָר די טראַדיציע פון ענגלישן עמפּיריזם און פּסיכאָלאָגיזם. דידאָזיקע שיטה פאַרנעמט אַ מיטל־פּאָזיציע צווישן מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם, אָבער אין תוך האָט זי אַ שטאַרקן אָפּנייג צום לעצטן.

אווערראָעס (איבן־ראָשד) (1126—1198), באַקאַנטער אַראַבישער פילאָזאָף. אַ שטרענגער ראַציאָנאַליסט, איז ער גלייך געקומען אין סיכסוך מיט די דינים פון איסלאַם. צוליב זיינע פרייע מיינונגען איז ער אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות. געשאַפן אין דער פילאָזאָפיע די שיטה פון פּאַנטעיזם, וואָס אָנערקענט נאָר דעם כּוח פון דער לאָגיק. — אַ. האָט אָנגעשריבן אַ גרויסן מעדיצינישן טראַקטאַט „די סיסטעם". ער זאָל אויך האָבן דער ערשטער אַנטדעקט פלעקן אויף דער זון.

אווערטשענקאָ אַרקאַדי (1881—1927), רוסישער הומאָריסטישער שרייבער, רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „סאַטיריקאָן" א. אַנד., מיטגעאַרבעט אַלס פעליעטאָניסט אין אַ ריי זשורנאַלן און צייטונגען. זיינע הומאָרעסקעס זענען אויך אַרויס אין באַזונדערע ביכער. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געוווינט אויף עמיגראַציע. אין זיינע לעצטע דערציילונגען, נישט געקוקט אויפן הומאָר, פילט זיך אַ היפּש ביסל פאַרלוירנקייט און האָפענונגסלאָזיקייט.

אויף יידיש איז פאַראַן צ.׳ס „געלעכטער נאָך אַ שטורעם".

אושאַנקור זשאַן באַפּטיסט ד׳, (1730—1814), פראַנצויזישער קונסט־

היסטאָריקער, געלעבט און שטודירט אין רוים. זיין וויכטיקסט ווערק איז „די געשיכטע פון דער קונסט לויט אירע דענקמעלער..." אין 6 בענד.

אַטאַר פעריד עד־דין (1119—1230), פּערסישער דיכטער. געבליבן נאָך אים לערך 100 טויזנט צווייער־שורות, די וויכטיקסטע: „בוך פון עצות".

אַטקינסאָן טאָמאַס וויטלעם (1799—1861), ענגלישער אַרכיטעקטער און לאַנדשאַפט־מאָלער; איינער פון די ערשטע אייראָפּעער, וואָס איז אויסגעפאָרן אין דער לענג און אין דער ברייט דעם גאַנצן וויטן מזרח.

איאַלאַ אי־עררעראַ, אַדעלאַידאַ לאָפּעז, דע (1818—1879), שפּאַנישער שרייבער און פּאָליטיקער, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער מלוכה־איבערקערעניש פון 1868, געווען מיניסטער פאַר קאָלאָניעס און פאָרזיצער פון פאַרלאַמענט. אָנגעשריבן קאָמעדיעס: „אַ מלוכישער מענטש", „שטראָף און פאַרגעבונג", „פראַנסיסקאָ דע האָכאָס", „אַ גרויסער פראָצענט", „דער גלעזערנער דאַך". געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דעם אויפקום פון דער נייער שפּאַנישער רעאַליסטישער דראַמע.

איאַלאַ פערעס דע ראַמאָן (1881 —), שפּאַנישער שרייבער. ווערק: „פאַר גאָטס גרעסטער לויב", אויסן לעבן פון די יעזואיטן, „די פוקסישע לאַפּע", „די צוויי טענץ", „דער גייסטיק־שטאַרקער" און „דער גילגול". פּאָעמעס: „שלום אויפן טראָן", „פּראָמעטעוס" א. אַנד. די לעצטע ראָמאַנען „בעלאַרמינאָ און אַפּאָלאָניאַ", „דער האָניק־חודש", „דער חודש פון ביטערניש" און „די אַרבעטן פון אורמאַן אַנוסימאַנאַ".

איבאַנעז ווִיסענטע בלאַסקאָ (1867—1928), באַרימטער שפּאַנישער שרייבער און פּאָליטישער טוער, רע־פּובליקאַנישער אַגיטאַטער; אַכט מאָל געקליבן געוואָרן אין פּאַרלאַמענט פון זיין היימשטאָט, וואַלענץ. עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן, געוווינט אַ לאַנגע צייט אין אויסלאַנד. אָנגעשריבן זייער אַסך ביכער — פון בעלעטריסטיק ביז פּאָליט. פּאַמפלעטן. צו זיינע באַ־רימטסטע ווערק געהערן: „די קאַטעד־ראַל", „בלוט אויפן זאַמד", „מאַרע נאָסטרום"; די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט האָט אָבער באַקומען זיינע „פיר רייטער פון דער אַפּאָקאַליפּסיס", אַ גרויסע עפּאָפּעע איבער דער וועלטמלחמה, ווו ער ווייזט אַרויס אַן אומגעהייערן האַס צו דייטשלאַנד; די דייטשן, פירט ער דאָרט אויס, זענען שולדיק אין דער וועלטמלחמה; אַ דייטש איז בכלל אַ בלוטדורשטיקע חיה. כמעט אַלע זיינע ראָמאַנען זענען פאַרפילמט געוואָרן. נאָך דער פאַשיסטיש־מיליטע־רישער איבערקערעניש פון פּרימאָ דע ריווערא האָט א. זיך באַזעצט אין פּאַריז, ווו ער האָט געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט די קעגנפאַשיסטישע שפּאַנישע אָרגאַניזאַציעס אויף דער עמיגראַציע.

אויף יידיש: „דער פרויען־גן־עדן" „לונע בענאַמאָר" אאַ.

איבן אַבד ראַביהי (860—940), אַראַבישער דיכטער, געוואַנדערט און געלערנט די קונסט פון דיכטונג. אַחוץ אייגענע לידער, צונויפגעשטעלט אויף אַ גרויסע אַנטאָלאָגיע פון אַראַבישער פּאָעזיע.

איבן אוסאַיביאַ מוואַפאַקו־דין אַבו מחמד (1203—1270), אַראַ־בישער פיזיקער, אַסך אויפגעטון אויף דעם געביט אין זיין היימלאַנד. אָנ־געשריבן אַ בוך „דאָס לעבן פון די פיזיקער".

איבן אַסיר, דער פאַמיליע־נאָמען פון 3 אַראַבישע דיכטער, ברידער. דער עלטסטער, מעדזש אוד דין (1149—1210), איז באַרימט דורך זיין „ענציקלאָפּעדיע פון מנהגים"; דער צווייטער, אַבו־ל־האַסאַן (1160—1234), איז באַקאַנט דורך זיין גרויסער 12בענדיקער „געשיכטע" ביז 1231, די אויסשעפּנדיקסטע געשיכטע פון אַראַבישן פאָלק; מיט אומגעהייערן פלייס האָט ער צונויפגעשטעלט, אויפן סמך פון געשיכטלעכע פאָרשונגען, אַ רשימה פון מחמדס 7.500 מיטשטימער ביים לעבן. דער יינגסטער, דיאַ אוד דין (1163—1239), איז געווען איינער פון די גרעסטע עסטעטיקער און סטי־ליסטיקער אין דער אַראַבישער ליטע־ראַטור. געשריבן קלענערע כתבים, וואָס ווערן אַלע אָנגערופן „קעניגלעכע בריוו".

איבן אישאַק מחמד (*768), אַראַבישער היסטאָריקער, זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן דאָס לעבן פון מחמדן, דערביי אָפּגעוואָרפן אַלע מיסטישע און זייטיקע עלעמענטן און זיך באַנוצט מיטן מעטאָד פון דרייסטן ראַציאָנאַ־ליזם. אָנגעשריבן אַ בוך „דאָס לעבן פון גאָטס שלוח", וואָס האָט באַגעגנט אַ מבול מיט פאָרוואורפן מצד די מחמדנישע כלי־קודש. דער אָריגינאַל איז פאַרפאַלן געוואָרן.

איבן אַראַבי מוהיודען אַבו אַבדאַלאַה (1165—1240), מחמדנישער געלערטער און מיסטיקער, אויסגעווען כמעט דעם גאַנצן מזרח, ווו ער האָט שטודירט מיסטיק; זיין וועלטאָנשויונג פאַלט זיך צונויף מיט היינטיקן פּאַנ־

טעיזם; האָט בגמטריא אויפגעוויזן, אַז ער האָט אַ קאָנטאַקט מיט אַלע נביאים און אפילו מיט גאָט אַליין. ביז היינט זענען געבליבן זיינע לערך 150 אַרבעטן, פון וועלכע די וויכטיקסטע איז זיין צוועלף-בענדיק „בוך פון סודות", אַ גרויסע ענציקלאָפּעדיע פון די דעמאָלטצייטיקע וויסנשאַפטן.

איבן כאַלדון אַבו-זאַיד איבן מחמד (1406—1332), אַראַבישער היסטאָריקער, אָנגעשריבן אַ גרויסע „וועלט-געשיכטע".

איבן-פּאַראַדוש אַ ב ו - ל - וו אַ - ל י ד - אַ ב ד אַ ל אַ ה (1012—962), אַראַבישער היסטאָריקער און רעכטפאָרשער, געלעבט בעיקר אין קאָרדאָווע (היינטיק שפּאַניע), ווו ער איז אויך אַ צייט געווען ק אַ ד י (שטאָט־ריכטער). פון די באַקאַנטסטע ווערק זיינע זענען: „געשיכטע פון געלערטע מענטשן אין אַנדאַלוזיע" און „די געשיכטע פון אַנדאַלוזישע דיכטער".

איבן קוטאַיבאַ אַ ב ו מ ח מ ד (889—828), אַראַבישער שרייבער, סטיליסט, לערער פון פּאָעטיק. צווישן אַנדערע, אויך אָנגעשריבן אַ בוך, וואָס מען וואָלט אָנגערופן אויף יידיש „כל בו" — איבער מלחמה, כאַראַקטער, קונסט, וויסנשאַפט, פריינדשאַפט און פרויען, — זייער ראָל אין געשיכטע, דיכטונג און שפּראַך.

איבסען ה ע נ ר י ק י אָ ה אַ ן (1828—1906), נאָרוועגישער דיכטער און דראַמאַטורג; געבוירן ביי אַ רייכן פאָטער און זייער אַ פרומער מוטער, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף הענריק אי.ס נאַטור; ער איז פון קינדוויַיז-אָן געווען אַ פאַרשלאָסענער אין זיך און אַן אָפּגעזונדערטער. ד. יאָר 1836 האָט

דער פאָטער באַנקראָטירט, די פריינד האָבן זיך אָנגעהויבן פון זיי אָפּקערן, און דאָס האָט פולשטענדיק אָפּגעשלאָסן אי.ס כאַראַקטער: ער איז געוואָרן נאָך ווילדער און פאַרביטערטער, געזוכט איינזאַמקייט און געווייכט פון מענטשן. גיך אַוועקגעפאָרן פון דער היים; די רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן פון 1848 האָבן אים פולשטענדיק פאַרכאַפּט. זיין ערשט ליד איז געווידמעט די אונגאַרישע מאַרטירער, די קעמפער פאַר פרייהייט; אין כריסטיאַניע, דער נאָרוועגישער הויפּטשטאָט, האָט ער זיך צונויפגעטראָפן מיט אָ ל אַ ־ ב ו ל ן, דעם גרינדער פונעם בערגענער פאָלקס־טעאַטער, וואָס האָט אי.ן געשאַפן דעם אַמט פון דירעקטער פון טעאַטער. דאָ האָט איבסען געפונען זיין באַרוף: ער האָט אין זיך דערפילט דעם טאַלענט פון אַ דראַמאַטורג און געשריבן כמעט אויסשליסלעך פּיעסעס: איינע פון זיינע ערשטע זאַכן, „די ליבע־קאָמעדיע" האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם אין זיין היימלאַנד, אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון נאָרוועגיע; אין דערדאָזיקער קאָמעדיע באַהאַנדלט ער די אומגליקלעכע לאַגע פונעם בעסערן יחיד, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט זינלאָזע און נאַרישע מלוכה־איינריכטונגען, וואָס דערשטיקן אין אים יעדן פונק פון זעלבשטענדיקייט. — דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן אַ רייע פּיעסעס אויס דעם מיטלעלטער, ווי „די העלדן פון העלגאָלאַנד", „די יורשים" א. אַנד. — צו די באַרימטסטע פּיעסעס זיינע געהערן „בראַנד", „העדאַ גאַבלער", „פּער גינט", „נאָראַ", „ראָזמערסהאָלם" און „בוימייסטער סאָלנעס", ווו דאָס פּראָבלעם פונעם אינדיווידואַליזם פאַרנעמט דאָס צענטראַלע אָרט. — נאָך דידאָזיקע

דראַמעס, וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן פאַר די בעסטע פּיעסן פון זיין צייט און וואָס זענען געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג כמעט אין אַלע גרעסערע טעאַטערס אויף ביידע האַלבקוילן, האָט אים דער סטאָרטינג (פּאַרלאַמענט) באַשאָנקען מיט אַ לעבנסלענגלעכן געהאַלט. — זיין שאַפונג קאָן צעטיילט ווערן אויף צוויי טיילן: אויף פּאָליטיש-סאַטירישע און אויף פּסיכאָלאָגישע דראַמעס. די אַלגעמיינע פּאַבולע פון דידאָזיקע דראַמעס איז, מער־וויניקער, פאָלגנדיקע: אַ שטאַרקער, העלדישער יחיד טרעט־אַרויס אין אַ קאַמף פאַרן אידעאַל פון אמת. דער קאַמף איז אַ פאַרביטערטער; די וועלט איז פאַלש, צביעותדיק, ליגנעריש; די דעמאָקראַטיע, אָט „די טיראַניע פון דער מערהייט", דאָס געריכט, די שול, די קירך, די חתונה — דאָס זענען אַלץ צביעותדיקע קייטן אויף די פיס פונעם יחיד. דעם קאַמף צווישן דידאָזיקע ביידע כוחות איז טאַקע געווידמעט איבסענס שאַפונג. זיין דאָקטער שטאָקמאַן פונעם „פיינד פון פאָלק" זאָגט: „זעט איר, איך האָב אַנטדעקט, אַז דער שטאַרקסטער מענטש אין דער וועלט איז ד ע ר, וואָס בלייבט איינזאַם". און אויף דער פראַגע: צי קאָן מען לעבן גערעכטיק אין דער היינטיקער געזעלשאַפט?, ענטפערט איבסען אין אַלע זיינע דראַמעס מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין.

— צי קאָן עקזיסטירן גליק ביי די היינטיקע באַדינגונגען, פולשטענדיקע לעבנס־פרייד? — דאָס איז די טעמע פון דעם צווייטן מין דראַמעס, פון די פּסיכאָלאָגישע. און אויך דאָ איז דער ענטפער: ניין! צום צווייטן טיפּ דראַמעס געהערן: „די ווילדע ענטע", „זעונגען", „ראָזמערסהאָלם", „די פרוי פון ים" (די פּאָעטישסטע פון אַלע דראַמעס), „העדאַ גאַבלער" און „בוימייסטער סאָלנעס" (וואָס פאַרמאָגט אויך אַסך אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט). —

א. איז דער פאָרשטייער פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ פונעם סוף פאָריק י"ה. ער איז אין דער קונסט דאָס, וואָס שאָפּענהויער און ניטשע (ז.) — אין דער פילאָזאָפיע, באַקונין און מ. שטירנער (ז.) — אין דער פּאָליטיק. פאַר זיי עקזיסטירט פריער פון אַלץ – דער יחיד, דער אַריסטאָקראַטישער אינדיווידואום. די גרויסע סאָציאַלע קאַמפן אין זיין צייט האָבן אים כמעט ווי ניט אינטערעסירט.

אויף יידיש איז פאַראַן אַ זאַמלונג איבסענס וויכטיקערע דראַמעס אין 4 בענד.

איבערוועג פרידריך (1826—1871), דייטשער פילאָזאָפיע־היסטאָריקער, אַן אַליינלערער. לכתחילה אַן אָנהענגער פון בענעקעס (ז.) עמפּיריציזם, שפּעטער געוואָרן אַן אידעאַליסטישער רעאַליסט, זיך פאַרנומען אין זיינע ווערק מיטן פעסטשטעלן די פאָרמען פון זיין און די פאָרמען פון וויסן. צו זיינע וויכטיקסטע ווערק געהערן: „דאָס סיסטעם פון לאָגיק", „שילער אַלס פילאָזאָף" און אַ ריזיק ווערק „געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע" — אַ בוך, וואָס איז פיל מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן, — די לעצטע אויפלאַגע איז דערשינען ד. יאָר 1928.

איבראַהים אַל־מאַושילי (724—804), אַראַבישער זינגער, האָט געלערנט געזאַנג אויף די אַראַבישע פירשטלעכע הויפן; זאָל האָבן געהאַט אַזאַ שטימע, וואָס האָט נישט געהאַט אין זיין צייט אירס גלייכן.

איגלעסיאַס פּאָסע פּאַבלאָ (1850–1925), שפּאַנישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער, לאַנגיעריקער לידער פון דער שפּאַנישער סאָצ. פּאַרטיי; 1871 געווען סעקרעטאַר פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, געווען עטלעכע מאָל דעפּוטאַט. גרינדער און רעדאַקטער פונעם פּאַרטיי־אָרגאַן „על סאָציאַליסטאַ", עטלעכע מאָל געזעסן אין תּפיסה. נאָך פּרימאָ דע ריוועראָס איבערקערעניש גענומען אַן אָנטייל אין דער אומלעגאַלער אַרבעט. זיין לוויה (1925) איז געווען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע קעגן דעם דיקטאַטורישן רעזשים.

אידריזי אַבו אַבדאַלאַה מחמד (1099–1154), אַראַבישער געאָגראַף. זיין וויכטיקסט ווערק איז „אַל ראָדזשאַרי", אַן אויסשעפּנדיקע ענציקלאָפּעדיע צו יענער צייט איבער דער גאַנצער ערד־קויל, פון די ימען, שטעט, לענדער, אינדזלען און פּראָווינצן. פאַרפאַסט אויך קנאַפּע 100 מאַפּעס פון פאַרשידענע ערד־טיילן.

איהנע ווילהעלם (1821–1902), דייטשער היסטאָריקער, בעיקר אויס דער רוימישער עפּאָכע. אָנגעשריבן „פאָרשונגען אויסן געביט פון רוימישער געזעצגעשיכטע" און „רוימישע געשיכטע", 8 בענד.

איוואַזאָווסקי איוואַן (1817–1900), רוסישער מאָלער־מאַריניסט (ים־מאָלער). געאַרבעט אין איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד, שפּאַניע. בילדער: „דער שטורעם", „כאַאָס", „דאָס שיפל פון טשערקעסישע ים־רויבער", „שטילקייט", „אויפן מיטל־לענדישן ים" און „אינדזל קאַפּרי". צום סוף געמאָלט דאָס רוב אויף

ביבלישע טעמעס: „דער מבול" און „די באַשאַפונג פון דער וועלט". בסך־הכּול געשאַפן לערך 5000 בילדער.

איוואַשקעוויטש יאַראָסלאַוו (°1894), פּוילישער דיכטער פון דער „סקאַמאַנדער"־גרופּע און בעלעטריסט. צו די וויכטיקסטע ווערק געהערן: „דיאָניזיעס", „הילאַרי דעם בוכהאַלטערס זון", „דאָס אַנטלויפן פון באַגדאַד", „די לבנה גייט־אויף" א. אנד.

איזאָקראַטעס (436–338 פאַר קר. גב.), גריכישער פילאָזאָף, היסטאָריקער. זיינע ווערק באַשטייען פון 21 דיאַלאָגן און 9 בריוו, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ גרויסן ווערט פאַרן אויספאָרשן דעם גייסט־געמיט פון יענער צייט.

איזעוּם (420–350 פאַר קר. גב.), גריכישער היסטאָריקער און פילאָזאָף. ס׳זענען באַקאַנט זיינע „וויכּוחים" מיט דעמאָסטענעסן (ז), ווי אויך אַ גרויסע צאָל קלענערע פילאָזאָפישע שריפטן. כמעט אַלע זיינע כּתבים האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביז היינט. די גרעסטע טייל געפינען זיך אין בריטישן מוזעום.

איזראַעלס יוסף (1824–1911), דענישער מאָלער, איינער פון די גרעסטע דענישע מאָלער אויס ד. 19טן י״ה. אָנגעהויבן צו מאָלן אויף ביבלישע טעמעס, איז ער אָבער גיך אַריבער צו סאָציאַלן אינהאַלט, בעיקר אויס דעם אָרעמען פישער־לעבן. צו די באַקאַנטסטע זיינע לייוונטן געהערן: „דאָס אָרעמע דאָרף", „אַליין אין דער וועלט", „ווען מיר ווערן אַלט", „דער אַלמן". פון זיין ערשטן פעריאָד האָט אַ גרויסן שם זיין „דוד זינגט פאַר שאולן". — א. האָט געהאַט אַסך תּלמידים, און דער באַרימטער ווינ־

סענט **וואַן גאָג** (ז.) שרייבט וועגן אים מיט גרויס יראת־הכּבוד.

איזשיקאָווסקי קאַראָל (° 1873), פּוילישער דיכטער, בעלעטריסט, דראַמאַטורג און קריטיקער. אַרויסגעגעבן, אַחוץ אַרטיקלען אין דער פּרעסע: „דעק פון שיף", (אַרט.) „באָוועלן", „דער בעל־טובה פון די גנבים", „פרידריך העבעל", „טאַט און וואָרט", און אַ בוך איבער קינאָ „די צענטע מוזע". — זינט 1928 — אָפיציעלער רעצענזענט אין דער פּ.פּ.ס.ישער צייטונג „ראָבאָטניק".

אייזאַקס כאָרזשע (1895—1837), דרום־אַמעריקאַנישער דיכטער אויס קאָלומביע, געווען אַ צייט קאָלומבישער גענעראַל־קאָנסול אין טשילי. צו זיינע באַקאַנטסטע דיכטערישע ווערק געהערן: „די טונקעלע נאַכט", „דער טייך מאָראָ", אַ דראַמע „שאול", אַ וויסנשאַפטלעך בוך „די ראַדיקאַלע רעוואָלוציע אין אַנטיאָכיע". זיין גרעסט ווערק „מאַריאַ" איז דאָס פּאָפּולערסטע דרום־אַמעריקאַניש בוך נאָך ביז היינט.

אייזלער קאַרל (° 1873), היינטצייטיקער דייטשער פילאָזאָף, שטייט אונטערן איינפלוס פון קאַנטן און פון די אידעאַליסטישע דענקער אויסן 19טן י"ה. צו זיינע וויכטיקסטע ווערק געהערן: „הויפּט־יסודות פון דער פילאָזאָפיע פון גייסטלעבן", „דער צוועק" און „ווערטערבוך פון פילאָזאָפישע באַגריפן" (1927).

אייזנער קורט (1919—1867), ביירישער פּאָליטישער טוער און שרייבער, סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער, געווען אַ געוויסע צייט רעדאַקטער פון בערלינער „פאָרווערטס". נאָכן אויסבראַך פון דער וועלטמלחמה, ווען די

דייטשע ס. ד. האָבן אַזוי מוראדיק פאַראַטן דעם אַרבעטער־קלאַס און געשטימט פאַר דער מלחמה, איז א. פון זיי אַוועק און אָנגעהויבן קעגן זיי אַ העפטיקן קאַמף. בעת דער מלחמה מערערע מאָל אַרעסטירט געוואָרן פאַר קעגנמלחמה־פּראָפּאַגאַנדע. 9 נאָוועמבער 1918, אין טאָג פונעם פאַלן פון דער דייטשער מאָנאַרכיע, אָנגעפירט מיט אַ ריזיקער דעמאָנסטראַציע אין מינכען; קורץ דערנאָך אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעמיער פון דער ביירישער פאָלקסרעגירונג. 21XI 1919 האָט אים גראַף אַרקאָ־וואַלי דערשאָסן אין גאַס צוליב זיינע פילע אַנטהילונגען איבער דער שולד פון די דייטשע רעאַקציאָנערן אין דער מלחמה. צ.אַ. ווערק: „גייסטיקע פּסיכאָפּאַטיע", „אַ יונקער־רעוואָלוציע", „ווילהעלם ליבקנעכט", „דער יום־טוב פון די יום־טובלאָזע" און „די נייע צייט".

אייזענמענגער יאָהאַן אַנדרעאַס (1704—1654), דייטשער אַנטיסעמיטישער שרייבער. געווען פּראָפעסער פון מזרח־שפּראַכן אויפן היידעלבערגער אוניווערזיטעט, וווּ ער האָט אויך אָנגעשריבן זיין באַרימט־געוואָרן בוך „דאָס אַנטדעקטע יידנטום, אָדער באַריכט, ווי די יידן לעסטערן דאָס קריסטנטום", אין וועלכן ער ברענגט אויסצוגן פון 160 יידישע דענקער און שרייבער, וווּ זיי פאַלן אָן אויפן קריסטנטום.

אייכענדאָרף יאָזעף פרייער פאָן (1857—1788), דייטשער דיכטער און ראָמאַניסט, ווערט געהאַלטן פאַרן גרעסטן לירישן דיכטער אויס דער צווייטער פאַזע פון דער דייטשער ראָמאַנטישער שול. זיינע דראַמעס זענען

געשפּילט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג, בפרט „עצעלין פון ראָמאַנאָ“. צו זיינע בעסטע ראָמאַנען געהערן: „אַנונג און קעגנוואַרט“ און „אויסן טאָגבוך פון אַ לא-יוצלח“, „דער לעצטער העלד פון מאַריענבורג“; געשריבן אויך פּראַכטפולע וואַנדער־פּאָעמעס, וואָס צו אַסך האָבן שומאַן און שוּבערט (ז.) פאַרפאַסט מוזיק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט געזאַמלטע ווערק איבער ליטעראַטור־געשיכטע און קריטיק.

אייכענוואַלד יולי (1872°), רוסישער קריטיקער־אימפּרעסיאָניסט. געשריבן אָריגינעלע אָפּהאַנדלונגען איבער דער נייער רוסישער ליטעראַטור.

איימעריקוס ניקאָלאַ (1320—1399), איטאַליענישער גלח, 1356 געוואָרן דער הויפּט-אינקוויזיטער, איינער פון די מוראדיקסטע פאַרפאָלגער פון די נישט־קאַטוילִיקער און אפּיקורסים, שרעקלעכער סאַדיסט און מאַסנמערדער. געווען די רעכטע האַנט פון די פּויבסטן קלימענטוס VII און בענעדיקטוס XII. אָנגעשריבן אַ האַנטבוך צו פירן מיט דער אינקוויזיציע „אינקוויזיטערישע דירעקטאָריע“.

איינטהאָווען ווילעם (1860—1927), דענישער פיזיאָלאָג, געמאַכט אַ ריי אַנטדעקונגען אויפן געביט פון הייל־טעראַפּיע און עלעקטרישער ווירקונג אויפן מענטשלעכן האַרץ. 1924 באַשאָנקען געוואָרן מיטן נאָבעל־פּריז.

איינשטיין אַלבערט (1879°), באַרימטער דייטש-שווייצאַרישער פיזיקער, אַ ייד. ביז 15 יאָר פאַרברענגט אין מינכען, וווּ זיין פאָטער האָט געהאַט אַ טעכנישן אַנשטאַלט, דערנאָך געלערנט אין אַראַו, אין דער שווייץ. שפּעטער

שטודירט פיזיק אין ציריך, שאַפהאַוזען, בערן, דערנאָך — 1909 — ווידער אין ציריך, וווּ ער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט. זיין דיסערטאַציע צום עקזאַמען האָט גלייך אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם אין דער געלערנטער וועלט מיט איר חריפות, אַז מ׳האָט אים דאָסזעלבע יאָר, וואָס ער האָט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט, באַשטימט פאַר אויסערגעוויינלעכן פּראָפעסאָר פון פיזיק און מאַטעמאַטיק אויפן זעלבן אוניווערזיטעט. 1911 איינגעלאַדן געוואָרן אויך אַלס פּראָפעסאָר אין פּראָג, 1913 האָט מען אים אין דייטשלאַנד געשאַפן אַ ספּעציעלן אַמט – דירעקטאָר פונעם קייזער־ווילהעלם פיזיקאַלישן אינסטיטוט. ד. יאָר 1915 האָט ער דערפולט און אַרויסגעגעבן זיין „יסודות פון דער אַלגעמיינער טעאָריע פון רעלאַטיווקייט“ — אַ געדאַנק, וואָס איז אַנטשטאַנען ביי אים נאָך ד. יאָר 1905, אין זיין אַרבעט „וועגן דער עלעקטראָדינאַמיק פון די באַוועגלעכע קערפּערס“. דידאָזיקע טעאָריע האָט אַרויסגערופן אַזאַ רעש אין דער גאַנצער וועלט, אַז ער איז גלייך געוואָרן וועלטבאַרימט. די רעלאַטיוויטעט-טעאָריע האָט געמאַכט אַן אמתדיקע איבערקערעניש אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן וויסן. ד. יאָר 1921 האָט אים דער נאָבעל-אינסטיטוט באַשאָנקען מיטן פּריז פאַר פיזיק. אַ גרויסע טייל פון דער געלערנטער וועלט האָט אָבער זיין טעאָריע נישט געוואָלט אָנערקענען און געהאַלטן, אַז זי איז טאַקע מייסטערהאַפט אויסגערעכנט און מאָטיווירט, אָבער זי האָט נישט קיין באַשטעטיקונג אין ווירקלעכן לעבן. אָבער די גרויסע עקספּעדיציע, וואָס דער קאַרנעדזשי־אינסטיטוט אין אַמעריקע, צוזאַמע



אַלבערט איינשטיין

צייכנונג פון הערמאן שטרוק

ראָבערט אָוען

מיטן ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט, האָבן
אַרויסגעשיקט ספּעציעל אויף נאָכצו־
פֿאָרשן די ריכטיקייט פֿון אײנשטײנס
טעאָריע — האָט זי פֿ ו ל ש ט ע נ ד י ק
ב אַ ש ט ע ט י ק ט. דאָס האָט שוין אינ־
גאַנצן דערוויזן, אַז א. איז אײנער פֿון
די געניאַלסטע יחידים זינט יאָרהונ־
דערטער און אַז זײַן טעאָריע איז אַן
אויפֿטו פֿון אומגעהײערער ווערט. דאַן
האָט מען אין דער וויסנשאַפֿט־וועלט
געשריבן, אַז די גאַנצע מענטשלעכע
וויסנשאַפֿט וועט זיך איצט טײלן: פֿון
נ י ו ט אָ נ ע ן (ז.) ביז אײנשטײנען.
דידאָזיקע בײדע מענטשן האָבן אויפֿן
געביט פֿון פֿיזיק, מאַטעמאַטיק און
אַסטראָנאָמיע באַשאַפֿן גאַנצע עפּאָכעס.
אין אַלגעמײנע שטריכן באַשטײט
א.ס טעאָריע אין פֿאָלגנדיקן: 1) אַלע
דערשײנונגען, סײַ די מעכאַנישע, סײַ
די עלעקטראָדינאַמישע, ווי אויך די
ליכט־דערשײנונגען, קומען פֿאָר גלײַך,
אומאָפּהענגיק דערפֿון, צו וואָסער סי־
סטעם פֿון צוויי, וואָס באַוועגן זיך קעגנ־
זײַטיק צו זיך מיט אַ גלײַכמעסיקער
באַוועגונג זײַ באַציִען זיך. 2) די גיכ־
קײט פֿון ליכט איז גלײַך און באַ־
שטענדיק פֿאַר אַלע סיסטעמען, וואָס
באַוועגן זיך קעגנזײַטיק צו זיך מיט
אַ גלײַכמעסיקער באַוועגונג. — נאָך
פֿאַרשידענע ווײַטערדיקע גלײַכונגען און
פֿאָרשונגען קומט מען צום אויספֿיר,
אַז אַלע קערפּערס, וואָס זענען אין
באַוועגונג לגבי דעם אָבסערוואַטער,
ווײַזן זיך אויס קירצער, ווי אין פֿאַל
פֿון עווענטועלער אומבאַוועגלעכקײט.
זײגערס, וואָס זענען לגבי דעם אָב־
סערוואַטער אין באַוועגונג, גײען פּאַ־
מעלעכער, ווי דיזעלבע זײגערס אין
פֿאַל פֿון עווענטועלן אָפּרו. די מאַסע פֿו־
נעם קערפּער וואַקסט מיט זײַן גיכקײט.

דידאָזיקע העכסט־פּאַראַדאָקסאַלע אויס־
פֿירן זענען אָבער באַשטעטיקט געוואָרן
ביז הײַנט כּמעט אויף אַלע געביטן
פֿון לעבן. פֿון א.ס ווײַטערדיקע גראַ־
וויטאַציע־טעאָריעס דרינגט אַרויס, אַז
די וועלט איז נישט קײן עוקלידישער
רוים, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פֿון
דער מאַטעריעלער גרויס און פֿאָרעם
פֿון דער ערד, נײַערט אַז דער „הוי־
לער" חלל איז אַ פֿיקציע און אַז די
מאַטעריע גיט אים ערשט די פֿאָרעם.
דאָס הײסט, אַז אונדזער וועלט איז
טאַקע אומבאַגרענעצט, אָבער זי האָט
אַן ענדע — אַזוי גוט, ווי אַ קוילנ־
פֿלאַך. דאָס איז אַ פֿולשטענדיקע פֿאַר־
לײקענונג פֿון ניוטאָנס טעאָריע, וואָס
האָט ביז א. געהערשט אין דער פֿיזיק,
אַז דער חלל און די צײַט זענען אַב־
סאָלוט. זי האָט דערוויזן, אַז די מאָסן
פֿון רוים און צײַט זענען ר ע ל אַ ט י ו ו,
כּפֿי־ערך — ד. ה. זײ זענען אָפּהענגיק
פֿון דער סיסטעם, מיט וועלכער מען
מעסט זײ. דידאָזיקע טעאָריע האָט אַסך
געמײנזאַמע שטריכן מיט דער מאַרק־
סיסטישער דיאַלעקטיק: קײן זאַך איז
נישט אַבסאָלוט, אַלץ איז אָפּהענגיק
פֿון די געגעבענע באַדינגונגען.
א.ס טעאָריע איז אפֿילו פֿאַר וויסנ־
שאַפֿט־מענטשן אומגעהײער שווער,
און פֿאַרן ברײטערן עולם — אַבסאָלוט
אומבאַגרײַפֿבאַר. אויף צו פֿאַרשטײן
די טעאָריע פֿון רעלאַטיוויקײט אַזוי,
ווי א. פֿאָרמולירט זי, דאַרף מען זײַן
אַ בקיא אין אַלע וויסנשאַפֿטן פֿון
דער וועלט, ווי אויך אין דער ג ע־
ש י כ ט ע פֿון די וויסנשאַפֿטן. — איז
טאַקע דער געציילט נאָך א. זײער גרויס,
און הײַנט־צוטאָג (1930) איז ער אַ מיט־
גליד פֿון דער ענגלישער קעניגלעכער
געזעלשאַפֿט (די גרעסטע וויסנשאַפֿט־

אינסטיטוציע אין ענגלאַנד); א. איז דער איינציקער נישט-ענגלישער מיטגליד פון דערדאָזיקער געזעלשאַפט. דאַן איז ער ערנפּראָפעסער פון די אוניווערזיטעטן אין אַמסטערדאַם, קאָפּענהאַגען, גענף, מאַנטשעסטער, ראָסטאָק, פּרינסטאָן. אַחוץ זיינע צאָלרייכע שריפטן איבער זיין טעאָריע, איז ער אויך אַ מיט־אַרבעטער אין די זשורנאַלן: פיזיקאַ־לישע צייטשריפט", „ידיעות פון דער רוסישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע", „אַנאַ־לען פון פיזיק" א. אַנד. ד. יאָר 1929 האָט ער פאַרעפנטלעכט 2 אָפּהאַנדלונגען איבער די געזעצן פון גראַוויטאַציע און עלעקטראָ־מאַגנעטיזם, וואָס זאָלן האָבן אַ גרויסע פּראַקטישע באַדייטונג פאַר דעם אויסנוץ פון דער עלעקטרע. — א. איז אין זיינע געזעלשאַפטלעכע אָנשויונגען אַן אויפריכטיקער דעמאָ־קראַט, און הגם ער ווייכט פון פּאָליטיק, נעמט ער אָנטייל אין אַ ריי געזעל־שאַפטלעכע אַקציעס. אַזוי איז באַוווסט זיין אינטערעס צום ציוניזם און זיינע סימפּאַטיעס צום רעוואָלוציאָנערן סאָ־ציאַליזם; ער איז אַ מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער אינטער־נאַציאָנאַלער רויטער הילף, ווי אויך אַ נאָנטער מיטאַרבעטער פון באַרביס׳ (ז.) באַקאַנטן ראַדיקאַלן אָרגאַן „מאָנד".

אייפעל אַלעקסאַנדער גוס־טאַוו (1832—1923), פראַנצויזישער אינ־זשעניער און מעטאַל-בויער, איינער פון די גרעסטע בוי-אינזשעניערן פון 19טן י"ה. אויפגעבויט אין פראַנקרייך לערך 50 בריקן, פּאַסאַדן, וויאַדוקטן. אַ וועלטרום באַקומען ערשט נאָכן אויפבויען דעם ריזיקן אייפעל־טו־רעם אין פּאַריז, וואָס געהערט נאָך היינט צו די העכסטע געביידען אין דער וועלט. — דער טורעם איז פונקט

300 מעטער הויך, איז אינגאַנצן געבויט פון אייזן, און איז אין יעדן פּרט אַ וווּנדער פון דער טעכניק און פון א.ס טעכנישן זשעני. ביים טורעם האָבן געאַרבעט 300 אַרבעטער בייטאָג און ביינאַכט; דאָס בויען האָט געדויערט 2 יאָר, 4 חדשים און 9 טעג; דער טורעם איז געעפנט געוואָרן אין צו־זאַמענהאַנג מיט דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אויסשטעלונג ד. 31 מערץ 1889. דאָס אייזן, וואָס איז פאַרנוצט געוואָרן צום טורעם, וועגט 9 מיליאָן קילאָגראַם. דאָס אויפבויען האָט גע־קאָסט 5 מיליאָן 100 טויז. פראַנק און איז געוועזן אויסגערעכנט אויף אַמאָר־טיזאַציע משך 20 יאָר. אָבער שוין דאָס ערשטע יאָר האָט געברענגט ברוטאָ 7 מיליאָן פראַנק, ד. ה. עס האָט געדעקט דעם זעלבסטקאָסט און נאָך געברענגט 1.900 טויזנט פראַנק ריווח.

אייק יאַן (1390—1440), האָלענדישער מאָלער, איינער פון די שעפער פון דעם רעאַליזם אין דער קונסט, דער באַגרינדער פון דער אַלט־פלאַמאַנדישער שול. ס'רוב געצייכנט פּאָרטרעטן פון גרויסע ריטער און קעניגן.

אייקען רודאָלף־כריסטאָף (1846—1907), באַקאַנטער דייטשער אי־דעאַליסטישער געלערטער. געהאַט אַ גרויסן קרייז תלמידים, פון וועלכע ס'זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן וויכ־טיקע קעפּ אין דייטשלאַנד און אין אויסלאַנד. צו די וויכטיקסטע ווערק זיינע געהערן: „מעטאָדע פון אַריס־טאָטעלישער פאָרשונג", „געשיכטע און קריטיק פון די גרונטבאַגריפן פון דער פילאָזאָפיע", „גייסטיקע שטרעמונגען פון אונדזער צייט", ווי אויך אַ גרויסע

פילאָזאָפישע אַנטאָלאָגיע „די לעבנס־אָנשויונגען פון גרויסע דענקער״.

אילאָוואַיסקי ד., (1832 — 1904), רוסישער היסטאָריקער; זיין נאָמען איז געווען אַ זידל־וואָרט ביי דער פּראָגרעסיווער רוסישער שטודירנדיקער יוגנט אויס דער צווייטער העלפט 19 י״ה: זיינע לערנביכער פאַר געשיכטע, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אָבליגאַטעריש איינגעפירט, זענען פול מיט עם־האַרצישער חניפה צו די צאַרן און אומגעהייערער פאָלקס־שנאה. אויך זיינע לערנביכער, וואָס מ׳האָט געמוזט לערנען אין די פאַרכאַפּטע געביטן, ווי אוקראַינע, פוילן, ווייסרוסלאַנד, קורלאַנד א. אַ. שטעלן פאָר די געשיכטע אין אַן אייגנאַרטיקן שאָוויניסטיש־גרויסרוסישן גייסט.

אילאַקאָוויטש אירענאַ (° 1892), באַקאַנטע פוילישע דיכטערין, פוטוריסטקע. אַרויסגעגעבן „איקאַרס פליען״, „פעניקס׳ טויט״, די „ווונדערלעכע מעשה פון לאַ־פי־טשאַניו״, „לידער פון פוילישער נויט״. 1930 באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע פון דער שטאָט ווילנע.

אילג פאַול (° 1875), היינטצייטיקער שווייצאַרישער דיכטער און דראַמאַטורג און אָנגעזעענער פאַרלעגער. זיין שאַפונג איז שטרענג רעאַליסטיש און נאַטוראַליסטיש. צו זיינע באַקאַנטסטע זאַכן געהערן: „דער לעבנסדראַנג״, „דער שטאַרקער מאַן״, און די דראַמעס: „דער פירער״, „גאָטס מענטש״ א. אַנד.

אילביצקי וואַסיל (1823—1895), אוקראַאינישער שרייבער, אַ גלח. געשריבן אַ סך אויס געאָגראַפיע, נאַטורוויסנשאַפט, עסטעטיק און געשיכטע — אין רעליגיעזן גייסט.

אילעש בעלאַ (° 1893), אונגאַרישער שרייבער און רעוואָלוציאָנער, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער איבערקערעניש פון 1918, פאַרנומען עטלעכע הויכע אַמטן אין דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. — נאָכן זיג פון דער קאָנטררעוואָלוציע זיך באַזעצט אין מאָסקווע. אַ גרויסן שם האָט זיין ראָמאַן אויס דער צייט פון דער רעוואָלוציע „טיסע ברענט״ (פאַראַן אויף יידיש).

אימאָטעפּ (אַרום 3000 יאָר פאַר קר. געב.), אַ באַרימטער פיזיקער און רופא אינעם אַלטן מצרים. זאָל האָבן געווען דער איינציקער דאָקטער אין זיין צייט. אויפגעטון אַסך פיזישע וווּנדער, וואָס ברענגען אין שטוינונג אפילו די פיזיקער פון היינטיקער צייט.

אימערזש סעלווין (° 1849), ענגלישער צייכענער און אילוסטראַטער, היינט צו־טאָג פּראָפעסער פון צייכענען אויפן אָקספאָרדער אוניווערזיטעט. אַ שם האָט באַקומען זיין אַנטימיליטאַריסטישער אַלבום „קונסט, מאָראַל און מלחמה״ (1914), אין וועלכן ער האָט בולט אונטערגעשטראָכן די פאַרניכטנדיקע באַדייטונג פון דער מלחמה אויף דידאָזיקע געביטן. אָנגעשריבן אויך אַ בוך לידער.

אימערמאַן קאַרל לעבערעכט (1796—1840), דייטשער דראַמאַטורג און שרייבער, גענומען אַן אָנטייל אינעם פּאָליטישן לעבן אַלס ליבעראַל. אָנגעשריבן פּיעסעס: „דער ראָמאַנטישער עדיפּוס״, „דאָס טרויערשפּיל אין טיראָל״, „קייזער פרידריך II״. זיין הויפּטווערק איז די פּאָעטישע מיסטעריע „מערלין״, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן לעבן נאָכן טויט. צו זיינע פּראָזע־ווערק געהערן „די עפּיגאָנען״, אַ גרויסע סאַטירע

אויף זיינע צייט-מענטשן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַסך בייז בלוט, און „מינכהויזען", ווי אויך אַן אומפּאַרענדיקטע עפּיק „טריסטאַן און איזאָלדע".

אינגעמאַן בערנאַרד סעווערין (1789—1862), דענישער דיכטער און בעלעטריסט, געווען אין זיין צייט זייער פּאָפּולער אין אַלע סקאַנדינאַווישע לענדער. זיינע ווערק זענען אַרויס אין 41 בענדער; די וויכטיקסטע זענען: „די שוואַרצע ריטער", „מאַסאַניעלאָ און בלאַנקאַ", „די שטים אין דער מדבר", „מאַגנעטיזם אין אַ פּריזירעריי", ווי אויך עטלעכע היסטאָרישע ווערק.

אינגערסאָל ראָבערט גרין (1833—1899), אַמעריקאַנער געלערטער, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם בירגער-קריג 1860, געווען באַרימט אויך אַלס גוטער רעדנער און פּאָלעמיסט. זיינע פרייַדענקערישע אָנשויונגען האָבן אים געשטערט צו שפּילן אַ גרויסע ראָל אין דער אַמעריקאַנישער פּאָליטיק; אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד מיט רעפעראַטן, שטאַרק קריטיקירט דעם תנך.

אויף יידיש: „די טעותן פון משה רבינו".

אינגראַם דזשאָן קעלס (1823—1907), אָנגעזעענער ענגלישער געלערטער און עקאָנאָמיסט, געווען רעדאַקטער פון עקאָנאָמישן אָפּטייל פון דער גרויסער בריטישער ענציקלאָפּעדיע. אָנגעשריבן צווישן אַנדערע: „גרונטשטריכן צו דער געשיכטע פון רעליגיע", „פּראַקטישע מאָראַל".

אינגרעס זשאַן אָגיסט דאָמיניק (1780—1867), פראַנצויזישער מאָלער, איינער פון די גרעסטע פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער שול, געצייכנט היסטאָרישע פּאָרטרעטן, פון וועלכע די

וויכטיקסטע זענען: „אַפּאָטעאָזע פון נאַפּאָלעאָן I", „זשאַן ד'אַרק", „קריסטוס און די דאָקטוירים" א. אַנד. — פאַראַן אויף זיין נאָמען אַ מוזעום פון מאָלעריי אין פראַנקרייך.

אינדזשעלאָו דזשעני (1820—1897), ענגלישע דיכטערין, געשריבן זייער אַסך לידער, וואָס זענען אַריין אין פאָלק און ווערן נאָך געזונגען ביזן היינטיקן טאָג. אָנגעשריבן אויך עטלעכע פּאָעמעס „שרה דע בעראַנזשער", „די געשיכטע פון שיקזאַל" און אַנדערע, ווי אויך אַ גרויסע צאָל קינדערביכלעך.

איסטראַטי פּאַנאַיט (1881°), ראַדיקאַלער רומענישער שרייבער, אַ זון פון אַ גריכישן קאָנטראַבאַנדיסט און רומענישער פּויערטע. זינט 12 יאָר אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט, זיך פאַרנומען מיט כלערליי מלאכות, איבערגעלעבט אָן אַ שיער און דורך דער צייט אָנגעזאַמלט אַן אוצר דערפאַרונגען, זיך אויסגעלערנט פראַנצויזיש. סוף 1920, אין ניצע, אָנגעשריבן אַ בריוו צו ראָלאַנען (ז.) און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. מ'האָט אים אָפּגעראַטעוועט, דעם בריוו איבערגעשיקט צו ר. — ראָלאַן ווערט פאַרוואונדערט איבער דער „גאונישער אויפרודערונג" און שרייבט, אַז דאָס איז דער „ווידוי פון אַ נייעם באַלקאַנישן גאָרקי" (ז.) — דאָס האָט דעצידירט איבער אי.ס גורל. ראָלאַן לייגט אים פאָר צו באַשרייבן זיינע איבערלעבונגען, און דאָ ווייזט זיך אַרויס אַ.ס קאָלאָסאַלער דערציילערישער טאַלאַנט. אָנגעשריבן: „קיראַ קיראַלינאַ", „די היידוקן", „פּעטער אַנגעל" און אַנדערע ביכער. די ראַדיקאַלע קריטיק אין דער גאַנצער

וועלט האָט זייער וואַרעם אויפגענומען זיינע ווערק. זיין שרייבן איז געטריי-נאַטוראַליסטיש, ער שילדערט דאָס לעבן פּשוט, מיט אַלע זיינע גרוילן, מיט אַלע זיינע טונקעלע, מיאוסע זייטן. — ד. יאָר 1927—9 האָט ער באַזוכט דעם ראַטנפאַרבאַנד, באַשריבן עס אין זיין בוך „קעגן אַן אַנדער פייער", אין וועלכן ער טרעט אומגעריכט אַרויס קעגן דעם ר.פ. זייער שאַרף און בייסיק. פאַרשאַפט מיט זיין דאָזיקן אַרויסטריט זייער אַסך פאַרדרוס און באַדויערן ביי דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפט אין דער גאַנצער וועלט. יעדנפאַל, איז דער ענין נאָך נישט גענוג אויפגעקלערט.

אויף יידיש: „פּעטער אנגעל", „קירא קיראַלינא", „הײדוקן".

איפלאַנד אויגוסט ווילהעלם (1759–1814), דייטשער דראַמאַטורג און טעאַטער-טוער. 1796 געוואָרן דירעקטער פון בערלינער פּרייסישן טעאַטער, וווּ ער האָט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט שילערס און געטעס (ז.) דראַמעס. אַליין אויך געשריבן: „די יעגער", „די אַדוואָקאַטן" א. אַנד. — צוזאַמען 16 בענד. געשפּילט אַן ערשטקלאַסיקע ראָל אין דער געשיכטע פונעם דייטשן און בכלל אייראָפּעישן טעאַטער-וועזן.

איסאַקיאַן הורגען (1889 ◦), אַרמענישער פּאָעט און פּאָליטישער טוער. דער פּאָעטער — סאַרקיס אַ. — איז דורך דער טערקישער מאַכט פאַרמשפּט געוואָרן פאַר זיין אָנטייל אין דער פרייהייטס-באַוועגונג צו אייביקער תּפיסה, אָבער ער איז אַנטלאָפן אין רוסישן אַרמעניע. דאָ ווערט אויך הורגען אַ. אַריינגעצויגן אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, ווערט אַ מיטגליד פון דער ס. ד. פאַרטיי, וווּ ער פאַרנעמט דעם פּאָסטן פון רעדאַקטער פון די פאַרטיי-אויסגאַבן. 1911 שרייבט ער אָן זיין ערשטע פּאָעמע „סאַמועל דער פּאַסטוך", 1915 — אַ פּאָעמע „דער הויך פון פרילינג", וווּ ער רעדט וועגן דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע. 1918 ווערט ער רעדאַקטער פון די פאַרטייאישע אָרגאַנען „רויטע טעג" און „רויטע פאָן". די איבעריקע, וויכטיקערע פּאָעמעס: „דער מאָלצייט פונעם אָדלער", „די גלגלתא", „דער אויסברוך פון די וווּלקאַנען", „טיטאַן" און „דער רויטער טייוול". 1925 זיך צוריקגעצויגן פון דער ליטעראַטור און זיך געווידמעט אויסשליסלעך דער פאַרטיי-אַרבעט.

אך אַרציס (1871 ◦), דייטשער פּסיכאָלאָג, דער מחבר פון סיסטעמאַטיש-עקספּערימענטעלן מעטאָד פון זעלבסטדערקענטעניש. צו די וויכטיקסטע ווערק געהערן: „איבער דער ווילנסטעטיקייט און דענקען", „איבער דעם ווילנסאַקט און טעמפּעראַמענט", „איבער דער בילדונג פון באַגריפן" (אַרויס אין 1921).

אַכונדאָוו מירזאַ פעטך אַלי (1812—1878), אַזערביידזשאַנישער ראָמאַניסט, בעיקר קאָמעדיען-שרייבער, ווערט גערופן „דער מחמדנישער מאָליער". האָט אַן אומגעהייערן באַטייט פאַר דער אַזערביידזשאַנישער ליטעראַטור; אַריינגעבראַכט אין איר דעם אייראָפּעישן סטיל און פאָרעם.

אַכמאַטאָווא אַנאַ, פּס"ד פון אַנאַ גאָריענקאָ (1893 ◦), רוסישע דיכטערין. פאַרטראָטן אין דער רוסישער ליטעראַטור מיט עטלעכע זאַמלונגען לירישע לידער „אָוונט" און „שנירלעך קרעלן", אין

וועלכע זי ברענגט אַריין אין דער ליטעראַטור אַ נייעם, אייגנאַרטיקן אַכמאַטאָווישן סטיל; ווערט פאַרעכנט צו די שרייבער פון אַלטן דור. די רעוואָלוציע האָט קיין איינפלוס אויף איר שאַפונג נישט געהאַט.

אכענבאך אַנדרעאַס (1815—1910), דייטשער מאָלער, פייזאַזשיסט. צו די באַקאַנטסטע בילדער געהערן: „שטורעם ביי די שוועדישע ברעגעס" און „דער פיש־מאַרק אין אָסטענדע".

אל־אדיע (9—10 י"ה פאַר קר.), אַביסינישער היסטאָריקער; ער האָט עס אויסגעקריצט אויף אַ שטיין די געשיכטע פון דער אַביסינישער מלכה שבא, וואָס איז געפאָרן קיין כנען צו שלמה המלך.

אלאס לעאָפּאָלדאָ (פס"ד קלאַרין) (1852—1901), שפּאַנישער שרייבער און וויסנשאַפטלער, דער שעפער פון נייעם פסיכאָלאָגישן ראָמאַן אין שפּאַניע. ראָמאַנען: „די רעגענטין", „עטישע דערציילונגען", „זיין איינציקער זון" א. אנד.

אלארקאָן פּעדראָ אַנטאָניאָ (1833—1891), שפּאַנישער שרייבער און פּאָליטישער טוער. צו די באַקאַנטסטע ווערק געהערן: „טאָגבוך פון אַן עדות אין דער אַפריקאַנישער מלחמה" (1859), אַ פּאַטריאָטישע כראָניק, וואָס האָט דעם מחבר געבראַכט גרויס פּירסום. דאַן: „דער דרייעק", „משונהדיקע דערציילונגען" א. אנד. אַ ליבעראַל לויט זיינע אָנשויונגען, האָט ער די־דאָזיקע ליניע אויך אַדורכגעפירט אין זיינע ווערק, ווו ער טרעט־אַרויס קעגן דעם אַלטן, רעאַקציאָנערן שפּאַניע.

אל־באטאני מחמד, אַראַבישער אַסטראָנאָם פון 9 י"ה.

אלבער אויגען (1864—), באַרימטער דייטשער פּיאַניסט, אַ שילער פון פראַנץ ליסט. זינט 1893 ביז 1923 אָנגעשריבן 17 אָפּערעס. צ. אַ. האָט ער אויך קאָמפּאָנירט די אָפּערע „טיפלאַנד", וואָס פאַרמאָגט אַ סאָציאַלן אונטערשלאָק: עס ווערט דאָרט באַרירט דער צוזאַמענשטויס צווישן דעם גוטבאַזיצער מיט זיין פּויער.

אלבער אַלעקסאַנדער מאַרטין (1815—1895), פראַנצויזישער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער, דעמאָקראַט. נאָכן פּאַריזער אויפשטאַנד (1830), האָט ער אַרויסגעגעבן אין ליאָן אַ צייטונג „די קלויבערין". ער האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין ליאָנער אויפשטאַנד ד. יאָר 1834, אַנטלאָפן, 1839 ווידער צוריקגעקומען, 1840 אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „דאָס אַטעליע". ד. יאָר 1848 אַריין אין דער רעגירונג פון דער IIטער פראַנצויזישער רעפּובליק. אויף די מלוכישע אַקטן פלעגט ער זיך דעמאָנסטראַטיוו אונטערשרייבן: Albert, ouvrier (אַלבער, אַרבעטער).

אלבערט דער גרויסער (אַלבערטוס מאַגנוס) (1205—1280), איינער פון די באַדייטנדיקסטע מיטלעלטערלעכע פילאָזאָפן, אַן אָנהענגער פון די פילאָזאָפישע שיטות פון אַריסטאָטעל און פּלאַטאָן, דעיסט. ער האָט אויפגעוויזן, אַז די פילאָזאָפיע פאַרניינט נישט די געטלעכקייט: דאָס זענען צוויי געביטן, וואָס אַרבעטן פּאַראַלעל און פאַרניינען נישט איינע די אַנדערע. — אַחוץ פילאָזאָפיע, האָט אַ. מ. אויך אָנגעשריבן ווערק איבער פיזיאָלאָגיע און מאָרפאָלאָגיע, וואָס איבעראַשן נאָך היינט מיט זייער ריכטיקייט און גענויאיקייט.

אלבערטי לעאָן באַטיסטאַ (1404—1472), איטאַליענישער הומאַניסט, שרייבער, מוזיקער, מאָלער, אַרכיטעקטער, קונסט־קריטיקער — קורץ, אַ פּיל־זייטיקער וויסנשאַפטלער. דערפאַר, אפשר, אַ שטיקל דילעטאַנט אין די־דאָזיקע אַלע געביטן. געבויט פּאַלאַצן, קלויסטערס אין מאַנטואַ, רימעני, פלאָרענץ. אָנגעשריבן לאַטיינישע טראַקטאַטן „איבער מאָלעריי", „די בוי־קונסט", ווי אויך אַ קאָמעדיע „פילאָדאָקסיאָס".

אלברעכט אויגוסט (○ 1890), דייטשער סאָציאַליסטישער פּובליציסט און יוגנט־טוער. סעקרעטאַר פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. צוזאַמענגעשטעלט דאָס „יוגנט-געזאַנג-בוך".

אלדאַנאָוו־לאַנדוי מ. א., היינט־צייטיקער רוסישער שרייבער און ס.ד.ק., אַן אַקטיווער קעגנער פון דער ראַטנ־מאַכט. באַקאַנט זענען די ביכער: „לענין", „דער ניינטער טערמידאָר" (היסטאָרישער ראָמאַן אויס דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע), „דער אינדזל פון הייליקער העלענע" „צייטמענטשן" (1930) א. אַנד.

אלד מאַנוציוס (1447—1516), אַנגעזעענער איטאַליענישער דרוקער און אַרויסגעבער אויס דער ערשטער צייט פון דער דרוקער־קונסט. ד. יאָר 1494 געגרינדעט אַ דרוקעריי, און וועלכער ער האָט מיט אויסערגעוויינלעכער זאָרגעוודיקייט און פראַכט אַרויסגעגעבן די גריכישע און רוימישע קלאַסיקער, ווי אויך די קלאַסיקער פון רענעסאַנס. ער פלעגט דרוקן אויף פּערגאַמענט, אין עטלעכע, קינסטלעריש־צוגעקליבענע פאַרבן, מיט קינסטלעריש־געשניצטע

ראשי־תיבות. זינט 1501 האָט ער דער ערשטער איינגעפירט האַנט־זאַץ. זיינע אויסגאַבן, וואָס הייסן נאָך אים אַלדן, דינען נאָך היינט פאַר אַ מוסטער פון הויכער דרוק־קונסט.

אלדראָוואַנדי אוליס (1522—1605), איטאַליענישער נאַטורפאָרשער. אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס דער נאַטור — בלויז פאַקטן, אָן אייגענע פירושים. זיין וויכטיקסט ווערק הייסט „מאַגנוס אָפּוס" און האָט געזאָלט זיין אַן ענציקלאָפּעדיע פון נאַטורגעשיכטע. די ערשטע דריי בענד פאַרנעמען זיך מיט פייגל, דער פערטער — מיט אינזעקטן. מער איז נישט דערשינען. דער לעצטער באַנד איז אַרויס אַ יאָר פאַר זיין טויט.

אל־האַזאַלי אַבו חמיד, מחמד (1059—1111), אָנגעזעענער אַראַבישער פילאָזאָף און מיסטיקער.

אל־האַזען (11 י"ה), אַראַבישער פיזיקער, געלעבט אין שפּאַניע. הויפּט־זאַכלעך געפאָרשט דעם געביט פון אָפּטיק.

אלוואַרעץ אַלעקסאַנדער (○ אַרום 1860), טשילישער וויסנשאַפטלער, איינער פון די גרעסטע יוריסטן פון היינטיקער צייט. מחבר פון אַסך ווערק איבער אינטערנאַציאָנאַלן רעכט. ד. יאָר 1921 געגרינדעט אין פאַריז, צוזאַמען מיט פאַשול און לאַפּראַדעל (ז.) די „אינטערנאַציאָנאַלע שול פאַר אינטערנאַציאָנאַלן רעכט".

אלוואַרעץ סאַלוואַדאָר (○ 1893), מעקסיקאַנישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט, גרינדער און סעקרעטאַר פון דער מעקסיקאַנישער אַרבעטער־פּאַרטיי. טוער אין דער מעקסיקאַנישער פראַ־

פּעסיאָנעלער באַוועגונג, רעדאַקטער פֿונעם אָפֿיציעלן פּאַרטיי־אָרגאַן.

אַלטדאָרפֿער אַלבּרעכט (1480—1538), דייטשער מאָלער און שטיינ־קריצער, געלעבט אין רעגענסבורג. געשאַפֿן אַסך גראַווירן און קריצערייען אויף רעליגיעזע און שטייגערישע טעמעס. די לעצטע גיבן אַ בולט בילד פֿון דעם מיליטערישן און שטאָטישן שטייגער לעבן אין אייראָפּע אין דער עפּאָכע פֿון שפּעטן פֿעאָדאַליזם.

אַלטינסאַריִן (2 העלפֿט 19טן י״ה), איינער פֿון די גרינדער פֿון דער קיר־גיזיש־קאָזאַקישער ליטעראַטור. אַ פּליי־סיקער פֿאָלקלאָריסט פֿון זיין פֿאָלקס שפּראַך.

אַלטמאַן רודאָלף (1852—1900), דייטשער וויסנשאַפֿטלער, פּראָפֿעסער פֿון אַנאַטאָמיע. געשריבן ווערק איבער דער פּראָטאָפּלאַזמע. זיין וויכטיקסט ווערק: „די עלעמענטאַר־אָרגאַניזמען און זייער באַציִונג צו די קעמערלעך״.

אַלטענבערג פּעטער, פּסד. פֿון ריכאַרד ענגלענדער (1859—1919), עסטרייכישער שרייבער און אימפּרע־סיאָניסט, דער שעפֿער פֿון קאָנצענ־טרירטע עטיודן, וואָס שאַפֿן אַ נייעם סטיל — „טעלעגראַמעס פֿון נשמות״. זיין שאַפֿן צייכנט זיך אויס מיט טיפֿער, פֿיינער זעלבסטאיראָניע און צו דער זעלבער צייט — מיט אומבאַגרענעצטן עגאָיזם און פֿולשטענדיקער אָנשויונגס־לאָזיקייט. אַ. איז דער פֿאָרשטייער פֿון דער באָהעמע, פֿון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, פֿול מיט די פֿיינלעכע סתירות פֿון דער גרויסער שטאָט (ווין), וווּ „פֿאַראַן אַזויפֿיל מענטשן און אַלע זענען אַזוי איינזאַם״. זיין ערשטע זאַמלונג אימפּרעסיעס טראָגט אַ כאַ־

ראַקטעריסטישן נאָמען: „ווי איך זע עס״.

אַליאָכין אַלעקסאַנדער (°1892), רוסישער שאַך־גאון, היינט־צו־טאָג — וועלטמייסטער פֿון שאַך. ער האָט באַשאַפֿן די ריכטונג פֿון „נעאָ־ראָ־מאַנטיזם״, אָדער „אולטראַ־מאָדערניזם״ אין שאָך.

אַליגיערי דאַנטע (1265—1321), ז׳ דאַנטע.

אַליסאָן ענדריו דזשעקסאָן (°1892), אַמעריקאַנישער פּובליציסט, פֿייערדיקער אָנהענגער פֿון גלייכבאַ־רעכטונג פֿון די נעגער. גרינדער פֿון עטלעכע נעגערשע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען אין דער אַמעריקאַנישער פּראָווינץ.

אַליע־כאַנים פּאַטימאַ (°1862), טערקישע שרייבערין. באַקומען אַן אייראָפּעישע דערציִונג, אָבער האַלט זיך פֿאַר אַן אָנהענגערין פֿון טערקישן שטייגער און טראַדיציע. אָנגעשריבן אַסך שטייגער־ראָמאַנען. איר הויפּט־ווערק איז „ניסוואַני איסלאַם״ (מאַכ־מעדאַנישע פֿרויען), וווּ זי שטעלט העכער די מוסולמענישע פֿרויען איבער די אייראָפּעישע.

אַליפּיוס, גריכישער מוזיק־טעאָרע־טיקער פֿון 4טן י״ה. אָנגעשריבן אַ טראַקטאַט „אַריינפֿיר אין דער מוזיק״.

אַלכאַרזמי מחמד איבן מו־סאַ (9 י״ה), אַראַבישער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם. אַסך מחדש געווען אין דער מאַטעמאַטיק. צווישן אַנדערע האָט ער אויך געשאַפֿן אין אַלגעברע די לייזונג פֿון פֿאַרגלייכן פֿון 1טער און 2טער מדרגה.

אַלמאַ טאַדעמאַ לאָרענס (1836—1912), האָלענדישער מאָלער, געלעבט

און געשאַפן אין ענגלאַנד, געהערט צו דער שול פון ענגלישן קלאַסיציזם. ווי אַלע מאָלער פון דערדאָזיקער שול; געצייכנט בילדער פון אַנטיקן לעבן, צו די וויכטיקסטע בילדער געהערן, „פידיוס“, „ווענערעס טעמפל“, „סאַפאָ“:

אַלמאַן ז ש אַ ק (1843°), אָנגעזעענער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פובליציסט, געוו. קאָמונאַר. פאַרן אָנטייל אין דער פאַריזער קאָמונע פאַרשיקט געוואָרן לעבנסלענגלעך קיין נייַ-קאַלעדאָניע, 1879 אַמנעסטירט געוואָרן, אַריינגעטרעטן אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און זיך אָנגעשלאָסן אָן איר רעכטן פליגל. אויפן קאָנגרעס ד. יאָר 1882, בעת ס׳איז געקומען צו אַ שפאַלטונג אויף „פאָסיביליסטן“ (מעסיקע) און מאַרקסיסטן, איז אַ. געוואָרן פירער פון די ערשטע. 1888 געגרינדעט אַ טאָגצייטונג „די אַרבעטער-פאַרטיי“. צוליב זיין אייגנאַרטיקע שטעלונג אין דער פראַגע פון אינטעליגענץ, וואָס ער איז אירער אַ פאַרביסענער קעגנער, איבערגעריסן מיט די פאָסיביליסטן און געגרינדעט אַן אייגענע פאַרטיי א. נ. „סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע פאַרטיי“ (מ׳פלעגט זיי אויך רופן „אַלמאַניסטן“) אונטערן לאָזונג: „די באַפרייונג פון די אַרבעטער איז די זאַך פון זיי אַליין“. די פאַרטיי האָט אָבער קיין איבעריקע אריכת-ימים נישט געהאַט, און אַ. האָט זיך כמעט אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דער פאָליטישער אַרבעט. דאָך איז ער אין זכות פון דער פאַרטיי 2 מאָל אַריין אין פאַרלאַמענט: 1901 און 1906. אַ. האָט מיטגעאַרבעט אין כמעט אַלע פראַנצויזישע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן, אָנגעשריבן: „אונדזער פראָגראַם“

(1895), „דער סאָציאַליזם אין פראַנקרייך“, „זכרונות פון אַ קאָמונאַר“.

אַלמיידאַ-גאַרעט כ אָ אַ ן ב אַ פ טי ס ט אַ ד ע (1799—1854), פאָרטוגאַלישער שרייבער און פאָליטישער טוער. לכתחילה געהערט צו דער קלאַסישער שול (טראַגעדיע „לוקרעציאַ“ א. אַנד.), אין אויסלאַנד האָט ער זיך באַקענט מיט דער ענגלישער און דייטשער ראָמאַנטישער ליטעראַטור און אַרונטערגעפאַלן אונטער זייער איינפלוס. אָנגעשריבן פאָעמעס: „קאַמאָענס“ און „דאָניאַ ביאַנקאַ“, „בלומען אָן פרוכט“, „אַראָפגעפאַלענע בלעטער“; זיינע פיעסן: „כוליאָ וויסענטעס אויטאָ“, „דער ברודער פון לואיס דע סאָוס“ ווערן געהאַלטן פאַר די בעסטע אין דער פאָרטוגאַלישער ליטעראַטור. אַ גאָר גרויסן דערפאָלג האָבן געהאַט זיין „נסיעה אַרום מיין ערד“ און אַ זאַמלונג פאָרטוגאַלישע ראָמאַנסן „ראָמאַנסעיראָ“.

אַלמעריידאַ מ י ג ו ע ל (1883—1917), פראַנצויזישער פובליציסט און פאָליטישער טוער. גאָר יונג אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. לכתחילה געווען אַן אַנאַרכיסט, דערנאָך אַ לינקער סאָציאַליסט; אַ סך מאָל אויך געווען אַרעסטירט. 1912 רעדאַקטירט אַן אייגענע צייטונג „דאָס רויטע מיצל“. בעת דער וועלטמלחמה געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן דער פעלקער-שחיטה און פאַר אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג. דאַן האָט מען אים, אונטערן אויסרייד פון האָבן באַציונגען מיטן שונא, אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. 17 יאַנואַר 1917, נאָך פאַרן משפט, האָט מען אים געפונען אַ טויטן אין דער תפיסהקאַמער.

אַלמקוויסט קאַרל יאָנאַס לאָווע (1866—1793), שוועדישער שריפטשטעלער, דיכטער און פּובליציסט, אָנגעשריבן אַסך לידער און דערציילונגען אויסן פויערשן שטייגער און שטאַנד, אין וועלכע ס׳פּילט זיך אַ שטאַרקע קעגנקלעריקאַלע נאָטקע. אין זיינע ווערק ווערט אויך באַזונדער באַטאָנט דער מאָמענט פון קאַמף פונעם יחיד מיט דער קירך. צוליב אַ פאַלשער מסירה געמוזט ד. יאָר 1851 אַנטלויפן קיין אַמעריקע, געשטאָרבן אין דייטשלאַנד. זיין שענסט ווערק איז „די מיל אין שאָלנור״.

אַליסופי אַבד על־ראַמאַן (986—903), פערסישער אַסטראָנאָם, געוווינט און געאַרבעט אין אַראַביע. איז באַרימט מיט זיין העכסט־וויכטיקער אַרבעט איבער דער שיין פון די שטערן.

אַלסקי א. (° 1892), רוסישער לינקרעוואָלוציאָנערער טוער, אַ קענער פון פינאַנס־פּראָבלעם. אָנגעשריבן עטלעכע ווערק אויס דער פינאַנסיעלער געזעלשאַפטל. וויסנשאַפט.

אַלעגרי גרעגאָריאָ (1652—1584), איטאַליענישער קלויסטערלעכער קאָמפּאָזיטער. פאַרפאַסט אַ באַרימטן כאָראַל „מיסערערע״ (דער בעל־רחמים).

אַלען קליפאָרד דר. (° 1889), ענגלישער פּובליציסט און אַרבעטערטוער. 1912 רעדאַקטירט דעם ערשטן אָפיציעלן אָרגאַן פון דער אַרבעטערפּאַרטיי „דיילי סיטיזען״ („דער בירגער״, טאָגצייטונג). היינט צוטאָג איז ער רעדאַקטער פון די צוויי וויכטיקסטע לייבור־צייטונגען „דיילי העראַלד״ (היינט — 1930 — אַ מיליאָן עקז. טעגלעך) און „ניו־לידער״. מיטגליד פון אויספירקאָמיטעט פון צווייטן

אינטערנאַציאָנאַל. פאַר אַגיטאַציע קעגן דער צוואַנג־מאָביליזאַציע בעת דער לעצטער מלחמה, איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. ער האָט אויך אָנגעשריבן ביכער: „צוואַנג־מאָביליזאַציע און געוויסן״ (1916) און „סאָציאַליזם אין פּראַקטיק״.

אַלעסי גאַלעאַצאָ (1572—1512), איינער פון די גרעסטע איטאַליענישע אַרכיטעקטן; ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן איינגעפירט דעם סטיל פון באַראָקאָ. זיינע געביידן שטייען נאָך ביז היינט אויף די שענסטע פּלעצער פון גענוע, מילאַן און אַנד. שטעט.

אַלעקסאַנדערסאָן ערנסט פרעדעריק ווערנער (־1878), שוועדישער אינזשעניער, אַרבעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, איינער פון די ערשטע און גרעסטע ראַדיאָ־איינפירער אין אַמעריקע, געוו. פּרעזידענט פון דער ראַדיאָ־קאָרפּאָריישן. מחבר פון אַ ריי ערשטקלאַסיקע ווערק אויסן געביט פון ראַדיאָ.

אַלעקסאַנדרי וואַסיל (—1821 1890), רומענישער דיכטער, דראַמאַטורג, דער גרינדער פונעם רומענישן נאַציאָנאַלן טעאַטער. צוליב זיין אָנטייל אין דער באַוועגונג פון 1848 האָט מען אים פאַרטריבן פון לאַנד. א. האָט געזאַמלט רומענישע פאָלקסלידער און אַרויסגעגעבן זיי אין 9 בענד.

אַלעקסאַנדריע, די מעשה וועגן לעבן און אויפטוען פון אַלעקסאַנדער מוקדון. אַנטשטאַנען אַרום 2 י״ה נאָך קריסטוסן אויף גריכיש און איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט ביזן טיפן מיטלעלטער.

אַלעקסיס פּאָל (1901—1847), פראַנ־

צוויזישער שרייבער, אַ תּלמיד פֿון עמיל זאָלאַ (ז.), אַ רעאַליסט דורך־און־דורך. ראָמאַנען: „פּרוי מאַריאַ“, „דער סוף פֿון לוסי פּעלעגרען“, „וואַלאָבראַ“, פּיעסן: „פריילין עפּעלע“, „הער בעטסי“, „די, מיט וועלכער מ׳האָט נישט חתונה“ — ווי אויך אַ וואַרעם אָנדענקבוך: „עמיל זאָלאַ, נאָטיצן פֿון אַ פריינד“.

אַלפּיערי וויטאָריאָ (1749—1803), איטאַליענישער דראַמאַטורג, דער שעפער פֿון דער נייער איטאַליענישער טראַגעדיע. געשטאַמט פֿון אַ גרעפֿישער פאַמיליע, אַרומגערייזט גאַנץ אייראָפּע. אויף דער רייזע זיך איבערגענומען מיט די גרויסע אידעאַלן פֿון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און געוואָרן אירער אַן אַקטיווער אָנהענגער; אָבער זיין קלאַסן־אינסטינקט האָט סוף־כּל־סוף גובר געווען און אַ. איז נישט נאָר געוואָרן אַ פאַרביסענער שונא און באַקעמפער פֿון דער פראַנצ. רעוואָלוציע, נאָר אַפילו אַ פריינד פֿון פראַנקרייך און פראַנצויזישס בכלל. אָנגעשריבן 20 טראַגעדיעס, צ. א. „שאול“, „פיליפּאָ“, „אַנטיגאָנאַ“, אַן אָדע לכּבוד דעם איינעמען די באַסטיליע און 5 אָדעס לכּבוד דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט. שפּעטער — אַ פאַמפלעט „מיזאָגאַלי“ — דער שונא פֿון די גאַלן — קעגן אַלדאָס פראַנצויזישס. לסוף אָנגעשריבן אַ באַנד „זכרונות“.

אַלפּאַרי יוליוס (° 1882), אונגאַרישער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער. ד. יאָר 1904 ווערט ער רעדאַקטער פֿונעם ס. ד. פאַרטיי־אָרגאַן „נעפּשאַוואַ“ (פאָרויס) אין בודאַפּעשט, 1906 ווערט ער אויך רעדאַקטער פֿון דער

יוגנט־צייטונג. ד. יאָר 1907, צוזאַמען מיט ק. ליבקנעכטן און מיט ה. ראָלאַנד־האָלסט (ז.), געגרינדעט דעם סאָציאַליסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל און אַ לענגערע צייט געשטאַנען אָן זיין שפּיץ. אַלס פירער פֿון לינקן פליגל פֿון דער פאַרטיי, געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער קאָאַליציע־פּאָליטיק פֿון די פירער, 1912 האָט מען אים דערפאַר אַרויסגעוואָרפן פֿון דער פאַרטיי. בעת דער וועלט־מלחמה איז ער געווען אַ זעלנער אויפן רוסישן פראָנט, דאַן אַ רוסישער קריגס־געפאַנגענער. אָנטיילגענומען אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ און געוואָרן איינער פֿון די גרינדער פֿון דער אונגאַרישער קאָמפּאַרטיי. 1918 זיך אין געהיים אומגעקערט קיין אונגאַרן און רעדאַגירט דעם אומלעגאַלן פאַרטיי־אָרגאַן „דאָס רויטע בלאַט“. בעת דער אונגאַרישער ראַטנרעפּובליק געווען וויצע־פאָרזיצער פֿונעם ראַטפאָלקאָם. נאָכן פאַלן פֿון דער ראַטנמאַכט אין אונגאַרן אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, דאַן קיין דייטשלאַנד, ווו ער פאַרנעמט פאַרשידענע אַמטן. זינט 1921 — רעדאַקטער פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער פּרעסע־קאָרעספּאָנדענץ“.

אַלצהיימער אַליאָז (1864—1915), דייטשער פּסיכיאַטער, געשריבן אַסך ווערק אויס פּאַטאָלאָגישער אַנאַטאָמיע פֿון גייסטיקע קראַנקייטן, געהערט בשעתו צו די וויכטיקסטע אויטאָריטעטן אויף זיין געביט. זיין קלאַסישע אַרבעט איבער דעם פּראָגרעסיוון פּאַראַליז האָט געלייגט דעם יסוד פֿאַר דער דאָזיקער וויסנשאַפט. אויף זיין נאָמען ווערט אָנגערופן אַ קראַנקייט — אַ מין ספּעציעלע פֿאָרעם פֿון עלטערער שוואַכזיניקייט.

אַלקוּאין (8 י״ה), אַ מיטלעלטערלעכער פּעדאַגאָג. געשריבן פּעדאַגאָגישע ווערק, אין וועלכע ס'קומט צום אויסדרוק דער סכאָלאַסטישער און גאָטספאָרכטיקער כאַראַקטער פון דער מיטלעלטערלעכער שול.

אַלידאַמעס גריכישער פילאָזאָף, סאָפיסט. אַ תּלמיד פון גאָרגיאַס' (ז.) שול. אָנהענגער פון „נאַטירלעכן רעכט", קעגנער פון דער שקלאַפעריי.

אַלקמעאָנעס (6 י״ה פאַר קריסטוס' געבורט), גריכישער רופא און פילאָזאָף. אָנגעשריבן אַ בוך „איבער דער נאַטור", וואָס איז צו אונדז נישט דערגאַנגען. אַן אָנהענגער פון העראַקליט און פּיטאַגאָראַס — געהאַלטן, אַז דער תּוך פון יעדער געשעעניש איז דער קאַמף פון די קעגנזאַצן. אַזוי, צבש., איז דאָס געזונט אַ האַרמאָניע פון צוויי קעגנגעזעצטע כּוחות — טרוקנקייט און נאַסקייט, וואַרעמקייט און קעלט, אאַוו. אויסגעפירט די ערשטע אָפּעראַציע איבער אַן אויג. דערגאַנגען, אַז דאָס דענקען שטאַמט פון מוח, אַז די נערוון זענען קאַנאַלן, וואָס פאַרייניקן די פיל־אָרגאַנען מיטן מוח.

אַלקעוּס (7 י״ה פאַר קריסטוס' געבורט), איינער פון די בעסטע גריכישע דיכטער, דער שעפער פון דער „אַלקעישער סטראָפע". פון זיינע 10 בענד לידער זענען צו אונדז דערגאַנגען בלויז שטיקלעך. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן פון זיין צייט: ווי אַן אַריסטאָקראַט, האָט ער געקעמפט קעגן די פאָלקס־רעגירונגען און איז בכלל געווען קעגן יעטוועדער דעמאָקראַטיע.

אַלקענדי (800 — 870), גרויסער אַראַבישער מאַכמעדאַנישער פילאָזאָף,

רופא, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם. אַ מוטיקער ראַציאָנאַליסט און קאָנסעקווענטער מאַטעמאַטיקער, איז ער אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות מצד די כּלי־קודש פון זיין צייט. אין דער מאַטעמאַטיק האָט ער געזען דעם יסוד פון פילאָזאָפיע, וואָס איר וויזנטלעכער טייל איז נאַטורוויסנשאַפט.

אַמאַגאַ עמיל (1841—1915), פראַנצויזישער פיזיקער, הויפּטזאַכלעך זיך אָפּגעגעבן מיט אויספאָרשן די שייכות פון פאַרשידענע שטענדיקע, פליסיקע און גאַזאַרטיקע קערפּערס מיט דער טעמפּעראַטור און, בעיקר, מיטן לופטדרוק. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז געווען „איבער דעם דרוק פון גאַז". זינט 1902 געווען מיטגליד פון דער פראַנצ. וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע.

אַמאָן אַלפרעד (1866°), טשעכישער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט, היינטצוטאָג — פּראָפעסער פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אויפן פּראָגער אוניווערזיטעט. ס'איז באַקאַנט זיין ווערק „אָביעקט און די עיקר־באַגריפן פון דער טעאָרעטישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע". אינעם דאָזיקן ווערק באַמיט ער זיך צו דערווייזן, אַז מען דאַרף די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פאַרבינדן מיט דער לאָגיק און דער דערקענטעניש־טעאָריע. 1920 פאַרעפנטלעכט אַ שטודיום „די הויפּט־פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליזירונג", ווו ער מאַכט אַן אַנאַליז פון דער מלוכישער סאָציאַליזאַציע בעת דער מלחמה; אַ בראָשור „פּלאַנווירטשאַפט און סאָציאַליזירונג" און „ריקאַרדאָ, אַלס באַגרינדער פון דער טעאָרעטישער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע".

אַמאַר זשול, היינטצייטיקער פראַנצויזישער וויסנשאַפטלער, דירעקטער

פונעם פּאַריזער אינסטיטוט צו דערפּאָרשן פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט. פאַרנעמט זיך בעיקר מיט דער פיזיאָלאָגיע פון אַרבעט.

אמאָרו (אַרום 8 י״ה), באַרימטער אַלט-אינדישער לירי קער, מחבר פון „אמאַרוטיאַשאַקאַ״ — 100 עראָטישע לידער, וואָס זענען געווען אין זיינער צייט געוואַלדיק פּאָפּולער און דערלעבט אָן אַ שיער וואַריאַנטן.

אמבראָס אויגוסט ווילהעלם (1816–1876), דייטשער מוזיק-טעאָרעטיקער און היסטאָריקער. זיך קונה-שם געווען מיט זיין גרויסער, 4בענדיקער „געשיכטע פון מוזיק״.

אמונדסען ראָלד (1872–(?)1928), באַרימטער נאָרוועגישער פּאָל-פאָרשער און רייזנדער. זיין ערשטע נסיעה צום פּאָל האָט ער געמאַכט אין די יאָרן 1903–1905 אַרום די צפון-אַמעריקאַנער ברעגעס. דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט, איז ער אַריבערגעשווומען אויף אַ קליין האַנדל-שיפל דעם ים-וועג פון אַטלאַנטישן ביזן שטילן אָקעאַן; אין דעצעמבער 1911 באַטראָטן דעם דרום-פּאָל. אין די יאָרן 1918, 1919 און 1925 געמאַכט פאַרשידענע רייזעס צום צפון-פּאָל. — זומער 1928 אַרויסגעפלויגן צום צפון-פּאָל, כדי צו ראַטעווען דעם פאַשיסטישן גענעראַל און אַוואַנטוריסטישן „העלד״ דזשאַקאָמאָ נ אָ ב י ל ע (ז.), וואָס איז, אגב, געווען זיין פערזענלעכער קענער. דערווייל האָבן נאָבילען מיט זיינע חברים געראַטעוועט דער רוסישער אייז-ברעכער „קראַסין״ און א. איז פאַרלוירן געוואָרן אָן שום שפור — ביז אויף היינטיקן טאָג. לויט די פאַרשידענע, הגם גאַנץ מינדערוועריקע סימנים,

איז ער אומגעקומען אין די כוואַליעס פונעם אייז-ים.

אמטער ישראל (○ 1881) אַמעריקאַנישער פּובליציסט און ראַדיקאַלער טוער, פון פאַך — אַ מוזיקער און אַ בוכהאַלטער. 1908 געווען רעדאַקטער פון „דייטשער עקספּאָרט-איבערזיכט״, מיטגעאַרבעט אין אַסך אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערע צייטונגען. אָנגעשריבן ביכער: „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן״, „דאָס אינטערנאַציאָנאַלע נעגער-פּראָבלעם״, „די אַגראַרע פראַגע אין די פאַראייניקטע שטאַטן״. — אַפּריל 1930 פאַרמשפּט געוואָרן צו 3 יאָר תפיסה פאַר אָנפירן מיט דער אַרבעטלאָזע-דעמאָנסטראַציע ד. 6 מערץ.

אמיאַן מאַרצעלינוס, (330–401), רוימישער היסטאָריקער. צוזאַמען מיט יוליאַן דעם כופר אָנטיילגענומען אין דער מלחמה קעגן פּערסיע. זיינע היסטאָרישע כתבים נעמען אַרום די צייט פון נירון קיסר ביזן 4טן י״ה. אין דערדאָזיקער „געשיכטע״ ווייזט זיך א. אַרויס ווי אַ טיפער פּסיכאָלאָג און גלענצנדער כאַראַקטער-קענער, ווי אויך ווי אַ קלאַסישער שילדערער.

אמיטשי דזשאַמבאַטיסטאַ (1786–1863), איטאַליענישער פיזיקער און באָטאַניקער, באַקאַנט פון זיינע אַנטדעקונגען דורכן מיקראָסקאָפּ. באַזונדערס וויכטיק זענען זיינע אויפטוען אויפן געביט פון באַפרוכפּערן די בלומען-צמחים. דער ערשטער באַשריבן די באַוועגונג פון פּראָטאָפּלאַזמאַ.

אמיטשיס עדמאָנדאָ דע (1846–1908), איטאַליענישער ראָמאַניסט, נאָוועליסט, פּובליציסט. געשריבן נאָוועלן אויסן לעבן פון די זעלנער („מילי-

טעריש לעבן״), רייזע־איינדריקן פון שפאניע, מאראקא, פראנקרייך, טערקיי. זינט 1894 געווען א מיטגליד פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, געשריבן פאליטישע ארטיקלען אין פארשידענע סאצ. צייטונגען. בארימט איז ער געווארן אדאנק זיין בוך „הארץ״ — א טאגבוך פון א שילער, וואס איז איבערגעזעצט געווארן אין זייער אסך שפראכן אין דער וועלט. אינעם דאזיקן בוך הערשט די נאטוראליסטישע פארעם, אבער וו־נישט־וו רייסן זיך אדורך אויך ראמאנטישע נאטקעס, און ס׳פעלן אויך נישט קיין פאטריאטישע מאטיוון.

אויף יידיש: „הארץ״, „מעשהלעך״.

אמיעל אנרי (1821—1881), שווייצארישער דיכטער און מאראליסט, בעיקר בארימט געווארן אדאנק זיין „אינטימען טאגבוך״ (2 טיילן), וואס איז ארויס נאך זיין טויט. דאס „טאגבוך״ איז א טאלאנטפול־געשילדערטער אפשפיגל פון דער שטימונג פון דער אייראפעישער אינטעליגענץ, וואס האט זיך אנטוישט נאכן פאלן פון דער רעוואלוציע 1848 און וואס פארמאגט נישט דעם כוח און די לעבנסלוסט פון דער בורזשואזיע אויס דער צווייטער העלפט פון 19טן י״ה.

אמיריאן ארסען (° 1918), גרוזינישער פובליציסט און פאליטישער טוער; 1910 אריבער אין מארקסיסטישן לאגער, רעדאקטירט די צייטונג „באקוער ארבעטער״. בעת דער מלחמה געארבעט אין דער מארקסיסטישער „מפהלשער״ צייטונג „פאיקאר״. נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע געווארן א קאמיסאר אין באקו. דעם 28 סעפטעמבער 1918 האט די ענגלישע אקופאציע־מאכט אים, צוזאמען מיט נאך 25 אנגעזעענע גרוזינישע רעוואלוציאנערן, דערשאסן אויף א וויסטן פעלד.

אמירבאנאוופ אטיך (° ארום 1880), טאטערישער בעלעטריסט. 1905 געווארן רעדאקטער פונעם מאכמעדאנישן ראדיקאלן ארגאן „איסלאך״. צ. א. אנגעשריבן א ראמאן „פעטכולא כאזרעט״ — אן אוטאפיע וועגן דעם 21טן י״ה. פארנעמט אין דער טאטערישער ליטעראטור איינעם פון די בכבודיקסטע ערטער.

אמעליבק הערמאן (° 1881), האלענדישער פובליציסט און געזעלשאפטלעכער טוער, פירער פון די קריסטלעך־סאציאלע אין האלאנד. היינט־צוטאג — סעקרעטאר פון דער פעדעראציע פון קריסטלעכע ארבעטער, אקטיווער טוער פון דער קעגנרעוואלוציאנערער פארטיי (אזוי הייסט זי). אנגעשריבן א ריי ביכער איבער דער קריסטלעך־סאציאלער באוועגונג: „די לאגע פון דער קריסטלעכער פראפעסיאנעלער באוועגונג״, „די פראפעריינישע ארבעט און די ארבעטער־פארטרעטערשאפט אין דער אינדוסטרי״ „די קריסטלעך־סאציאליסטישע באוועגונג און די יוגנט־ און פארשידענע בראשורן.

אמעריגא וועספוטשי (1451—1512), שפאנישער ים־רייזנדער, געדינט ביי דער שפאנישער, דערנאך ביי דער פארטוגאלישער רעגירונג, ארומגערייזט די „נייע וועלט״, וואס קאלומבוס (ז.) האט אנטדעקט ד. יאר 1492. פאר א קוועלע פון זיינע רייזעס דינען זיינע בריוו צו לארענצא מעדיטשי און פיערא סאדעריני. 1509 האט דער דייטשער געאגראף מארטין וואנדזעמילער פארגעלייגט אנצורופן די „נייע וועלט״ מיטן נאמען אמעריקע, אויפן נאמען

פון אַמעריגאָ וועספּוטשי — און אַזוי איז געבליבן. דאָס יאָר 1510 איז דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין קעלן אַ מאַפּע אונטערן נאָמען Terra America, און גאָר אינגיכן האָט מען מיטן דאָזיקן נאָמען באַצייכנט דאָס גאַנצע היינטיקע דרום-אַמעריקע. ערשט דער געאָגראַף מ ע ר ק אַ ט אָ ר האָט ד. יאָר 1541 צום ערשטן מאָל אָנגערופן מיטן נאָמען „אַמעריקע" — ביידע העלפטן פון דער היינטיקער אַמעריקאַנישער ערד.

אַמפיטעאַטראָוו אַ ל ע ק ס אַ נ ד ע ר (° 1862), רוסישער שרייבער און פּעליעטאָניסט, גרינדער און רעדאַקטער פון מערערע זשורנאַלן. ד. יאָר 1902 אָנגעשריבן אין דער צייטונג „רוס-לאַנד" אַ באַרימט-געוואָרענע סאַטירע איבער דער רוסישער קייזערלעכער דינאַסטיע ראָמאַנאָוו „די הערן אָבמאַנאָווס" — פונעם וואָרטשפּיל: אָבמאַנאָוו— שווינדלער. די צאַרישע מאַכט האָט דערפאַר אַ.ן אַרויסגעשיקט קיין סיביר. ד. יאָר 1905 אַוועק קיין אויסלאַנד, אַ ריי יאָרן אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אַ רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל „רויטע פאָן". שפּעטער זיך אויך גענומען צו דראַמע און געשיכטע, ווי אויך צו ראָמאַנען,

וואָס האָבן שוין מיט סאָציאַל-פּאָלי-טישע פּראָבלעמען גאָרנישט צו טון. דערהויפּט זענען באַקאַנט זיינע ראָמאַנען איבערן פרויען-פּראָבלעם: „מאַריאַ לוסיעווא", „וויקטאָריאַ פּאַוולאָוונאַ". היינט-צוטאָג — אַ ווייסער עמיגראַנט, איז אויך נאָנטער מיטאַרבעטער פון דער וואַרשעווער טאָגצייטונג „זאַ סוואָבאָדו!"

אַמפּער אַ נ ד ר ע מ אַ ר י (1775— 1836), פראַנצויזישער פיזיקער און מאַטעמאַטיקער. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז פיזיק-עקספּערימענטאַלע און טעאָרעטישע פאָרשונגען איבער מאַגנעטיזם. אַנטדעקט דאָס באַטורגעזעץ, אַז יעדער מאַגנעט באַשטייט פון באַזונדערע קליינע מאַגנעטלעך. זיינע אַרבעטן אויפן דאָזיקן געביט זענען אַזוי עפּאָכאַליש, אַז מ אַ ק ס ו ע ל האָט אים אפילו אַ נאָמען געגעבן „דער ניוטאָן פון עלעקטראָ-מאַגנעטיזם". אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק איז די וויכטיקסטע אַרבעט זיינע: „מאַטעמאַטישע טעאָריע פון עלעקטראָ-מאַגנעטיזם". די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אַרויסגעגעבן אַ פילאָזאָפיש ווערק „פּרווו פון פילאָזאָפיע פון דער וויסנשאַפט".

אַמפּער ז ש אַ ן (1800—1864), אַ זון פון אַנדרע מאַרי אַ. — ליטעראַטור-היסטאָריקער, אַרכעאָלאָג, שפּראַכפאָר-שער. זיין וויכטיקסט ווערק איז „רוי-מישע געשיכטע אין רוים", אין 4 טיילן.

אַנאַנדראַוואַרדבאַנאַ פון קאַשמיר, (9 י"ה), אינדישער דיכטער און גע-לערטער. מחבר פון אַ טראַקטאַט איבער פּאָעטיק „דכוואַניאַלאָקאַ". באַגרינדעט די ע ס ט ע ט י ש ע פּאָעטיק, וואָס שיידט אים אונטער פון דער אַלט-אינדישער פּאָעטיק און דערנענטערט אים צו די גריכישע פילאָזאָפן.

אַנאַקסאַגאָרעס (500—428 פאַר קריסטוסן), גריכישער פילאָזאָף און וויסנשאַפטלער, באַגרינדעט אַן אייגנ-אַרטיקע מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע. לויט אים קומט אויס, אַז די נשמה איז בלויז אָטעם. די העכערקייט פונעם מענטשן איבער דער חיות-וועלט באַ-שטייט נישט אין זיין שכל, נייערט אין די הענט. — פאַר דידאָזיקע טע-אָריעס, ווי אויך פאַר זיין גאָטלאָזיקייט,

האָט מען אים פאַרטריבן פון אַטען.— זיין פילאָזאָפיע שטעלט אים אויף דער הויך פון איינעם פון די גרעסטע מוחות פון אַלטערטום.

אַנאַקסימאַנדרעס (610 — 547 פאַר קריסטוסן), גריכישער פילאָזאָף און וויסנשאַפטלער. ער האָט, דער ערשטער, געמאַכט אַ מאַפּע פון דער ערד און פון די הימלשע קערפּערס, דער ערשטער איינגעפירט אין גריכנלאַנד אַ זונזייגער. אָנגעשריבן אַ ריזיק ווערק „איבער דער נאַטור”, ווו ער פירט אַדורך דעם דיאַלעקטישן געדאַנק פון טעזע—אַנטיטעזע—סינטעזע. זיין סיסטעם, וואָס איז הגם נאַיוו אין דער לייזונג פון די פאַרשידענע פּראָבלעמען, האָט אָבער אַ היסטאָרישן באַטייט, ווי דער ערשטער פּרווו צו דערקלערן דעם נאַטירלעכן אַנטשטיי פון דער וועלט — אָן דער הילף פון רעליגיע.

אַנאַקסימענעס (588–524 פאַר קריסט.), פילאָזאָף, אַ תּלמיד פון אַנאַקסימאַנדרעסן. איינער פון די באַגרינדער פון דער יאָנישער פילאָזאָפיע.

אַנאַקרעאָנטעס (6 י״ה פאַר קר.), גריכישער דיכטער, געלעבט אויף פאַרשידענע קעניגלעכע הויפן. געווען אַ טיפּישער הויף־פּאָעט, געשמייכלט די טיראַנען. זיין סאַטירע האָט קיינמאָל נישט איבערגעשריטן די דערלויבטע מאָס.

אַנגאַרעטיס זיגמאָנט, פּס״ד אַלעקסאַ (○ 1882), ליטווישער פּובליציסט און רעוואָלוציאָנערער טוער. אַריינגעטראָטן אין דער באַוועגונג ד. יאָר 1904, פון דאַן אָן טעטיק אין דער ליטווישער ראַדיקאַלער אַרב.־באַוועגונג. מחבר פון אַ ריי בראָשורן

און „געשיכטע פון דער ליטווישער אַרבעטער־פּאַרטיי” (2 טיילן).

אַנדרושעליקאַ, ברודער בעאַטאָ דע פּיעזאָלאַ (1387–1455), איטאַליענישער מאָלער, מאָנאַך פונעם קלויסטער פון הייליקן מאַרק אין פלאָרענץ. זיין שאַפן טראָגט אַ טיף־רעליגיעזן, ממש עקסטאַטישן סטעמפּל.

אַנדלער שאַרל (○ 1866), פראַנצויזישער היסטאָריקער, איינער פון די בעסטע דייטש־קענער אין פראַנקרייך. צו זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן געהערן: „די נאַטור־פילאָזאָפיע ביי קאַנטן”, „די יסודות פון מלוכה־סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד”, „דער אימפּעריאַליסטישער סאָציאַליזם אינעם היינטיקן דייטשלאַנד” (1912). אינעם דאָזיקן בוך דעמאַסקירט ער די שאָוויניסטישע און אימפּעריאַליסטישע ראָל פון די דייטשע ס. ד. אַ. האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע ווערק איבערן פּאַנגערמאַניזם, ווי אויך אַ 6בענדיקע ביאָגראַפיע פון פר. ניטשע (ז.). ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ היסטאָריש־קריטישן אַריינפיר צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט”, הגם ער אַליין איז נישט קיין מאַרקסיסט.

אַנדערסאָן דזשעמס (1739 — 1808), ענגלישער עקאָנאָמיסט, גרויסער גוטבאַזיצער, פאַרטיידיקט אין זיינע עקאָנאָמישע כתבים די דיפערענציאַלע רענטע.

אַנדערסאָן שערוווד (○ 1876), היינטצייטיקער אַמעריקאַנישער שרייבער; אָנגעהויבן שרייבן צו 40 יאָר. אין זיינע ראָמאַנען שילדערט ער די אינערלעכע פוסטקייט פונעם אַמעריקאַנער בורזשואַ. אָבער ער שילדערט עס קאַלט, אָן פונק פון פּראָטעסט, הגם מיט גרויס טאַלאַנט. זיין ערשטער ראָמאַן הייסט:

„[illegible]ק-פּערטאָנס זון“, „דער יום-טוב פֿון איי“, „די געשיכטע פֿון אַ געשיכטע-דערציילער“, „פּינצטערער געלעכטער“. — די קריטיק געפֿינט אין זיין שאַפֿן די השפּעה פֿון דאָסטאָיעווסקין (ז.).

אַנדערסען אַדאָלף (1879—1818), באַרימטער דייטשער שאַכיסט, דער זיגער אינעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן שאַך-טורניר (לאָנדאָן, 1851). איינער פֿון זיינע גענג האָט באַקומען דעם נאָמען „אומשטערבלעכער“.

אַנדערסען האַנס כריסטיאַן (1875—1805), דענישער דיכטער און פּובליציסט. זיין ערשטע דערציילונג איז געווען „אַ צופֿוסיקע נסיעה פֿון האָלם-קאַנאַל ביז אַמאַגער“, דאַן — „דער אימפּראָוויזאַטער“, „נאָר אַ פֿידלער“ אאַ. באַרימט איז ער ערשט געוואָרן צוליב זיינע פּרעכטיקע מעשהלעך, וואָס ווערן נאָך ביז היינט געלייענט און אַרויסגעגעבן. די מעשהלעך זענען איבערגעזעצט אין 19 שפּראַכן. — אַליין אַ זון פֿון נויט, האָט ער אין זיינע מעשהלעך אַדורכגעפֿלאָכטן מענטשלעכן עלנט מיט לירישן, באַהאַרצטן אָפּטימיזם.

אויף יידיש: „מעשהלעך“.

אַנדערסען עלסינג עמאַנועל (1893 ∘), דענישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט, סעקרעטאַר פֿון דער דענישער ס. ד. פּאַרטיי, רעדאַקטער פֿון איר הויפּט-אָרגאַן.

אַנדערסען נעקסע מאַרטין, דענישער שרייבער—ז' נעקסע-אַנדערסען.

אַנדראַל גאַבריעל (1876—1797), אָנגעזעענער פֿראַנצויזישער מעדיצינער, באַקאַנט מיט זיינע אָריגינעלע פֿאָרשונגען כמעט אין אַלע מעדיצינישע געביטן; זיין וויכטיקסט ווערק איז:

„די מעדיקאַלישע קליניק“, 5 טיילן, ווי אויך אַ גרויסע אַרבעט איבער דער קראַנקהאַפֿטיקייט פֿון בלוט.

אַנדראָניקוס פֿון ראָדאָס (1 יה פֿאַר קר.), רוימישער פֿילאָזאָף, אַ הייסער מיטשטימער און תּלמיד פֿון אַריסטאָטעלעס (ז.), אָנגעשריבן זיין אויסשעפּנדיקע ביאָגראַפֿיע און ביאורים צו אַסך זיינע ווערק.

אַנדריאָלי עלווירא מיכאַל פֿראַנטשעסקאָ (1893—1837), איטאַליענישער מאָלער, אַ זון פֿון אַ איטאַליענער און אַ פּוילישקע. אילוסטרירט אַסך פּוילישע, רוסישע און פֿראַנצויזישע אויסגאַבן (צ. אַ. די קלאַסישע ווערק פֿון דער פּוילישער און רוסישער ליטעראַטור: צו מיצקעוויטש, קראַשינסקי, פּושקין א. אַנד.). זיינע אילוסטראַציעס האָבן בשעתו געהאַט גרויס דערפֿאָלג. פֿאַרן אָנטייל אין דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד 1863 פֿאַרשיקט געוואָרן קיין וויאַטקע, 1873 זיך אומגעקערט קיין וואַרשע, וווּ ער האָט כּסדר געוווינט.

אַנדריוס טאָמאַס (1885—1813), ענגלישער פֿיזיקער-כעמיקער. די 60ער יאָרן האָט ער אַנטדעקט אַ זייער וויכטיקן כּלל אין כעמיע, אַז העכער פֿון אַ באַשטימטער, א. ג. „קריטישער“ טעמפּעראַטור, קאָנען די גאַזן בישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין פֿליסיקייט. אַלע זיינע אָפּהאַנדלונגען און אַנטדעקונגען זענען צונויפֿגעזאַמלט אין בוך „אַנדריוס' וויסנשאַפֿטלעכע בלעטער“, וואָס איז אַרויס נאָך זיין טויט.

אַנדרעע קאַרל (1875—1808), דייטשער געאָגראַף, בעיקר פֿון אַמעריקע. צונויפֿגעשטעלט אַ גרויסע „געאָגראַפֿיע פֿון וועלט-האַנדל“.

אנדרע ס אָ ל אָ מ אָ ן - א ו י ג ו ס ט
(1897—1854), שוועדישער אינזשיניער
און פּאָלאַרער פאָרשער. 1883—1882 גע-
שוועמען צוזאַמען מיט דער שוועדישער
פּאָל-עקספּעדיציע; 18 יולי 1897 אַוועק-
געפלויגן פון שפּיצבערגען צום פּאָל, צו-
זאַמען מיט נאָך 2 חברים, אויף אַ לופטבאַ-
לאָן — און פאַרפאַלן געוואָרן. ערשט
האַרבסט 1930 האָט מען אומגעריכט גע-
פונען דעם לאַגער פון דער עקספּעדיציע,
צוזאַמען מיט די טויטע קערפּערס פון די
אָנטיילנעמער. אַ באַזונדערס גרויסן ווערט
האָט אויך אַ.ס טאָגבוך, וואָס איז נאָך
געבליבן גאַנץ — אַזוי אַז מ'האָט אים אפילו
תוך 1930 אפּגעדרוקט.

אַנדרעיעוו ל ע אָ נ י ד (1919—1871),
אָנגעזעענער רוסישער שרייבער. אין
דער יוגנט פלייסיק שטודירט שאָפּענ-
הויערן און ניטשען, געהאַט נטיות
צו פּעסימיזם, עטלעכע מאָל געפּרוווט
זיך נעמען דאָס לעבן. זיין ערשטע דער-
ציילונג „בערגאַמאָט און גאַראַסקאַ",
האָט געצויגן אויף אים די אויפמערק-
זאַמקייט פון מ. ג אָ ר ק י (ז.), און פון
דאַן אָן איז ער געוואָרן איינער פון
די צומיינסט געלייענטע רוסישע שריפט-
שטעלער. — אַ. איז געווען אַ טיפּישער
פאָרשטייער פון דער פאַרלוירענער
רוסישער בורזשואַזער אינטעליגענץ
אויסן סוף 19טן י"ה מיט אַלע אירע
וואַקלענישן און ספיקותן. דערשראָקן
פון דער באַוועגונג פון די ברייטסטע
פאָלקס-מאַסן, האָבן זיי געזוכט אַ
תיקון אין לעבן אין מיסטישקייט,
עסטעטישקייט, צראַטישקייט אאַוו. —
א.ס שאַפונג איז טיף-פעסימיסטיש,
סימבאָליש, אויסזיכטלאָז („פינצטערער
ווינט", „תהום", „געדאַנק", „דאָס לעבן
פון וואַסילי אויס פיוואַ"). די מלחמה
און רעוואָלוציע (1905—1904) שטויסט

אים צו גרעסערע ווערק, אין וועלכע
דידאָזיקע היסטאָרישע דערשיינונגען
ווערן געשילדערט אויסן קוקווינקל פון
פּריוואַט-מענטשלעכע איבערלעבענישן
(„רויטער געלעכטער", „גובערנאַטער"
„אַזוי איז געווען און אַזוי וועט זיין",
„סאַוואַ", צו די שטערן", „האַר-הונגער",
און „דערציילונג וועגן זיבן געהאָנ-
גענע"). אין דידאָזיקע ווערק ווייזט זיך
אַ. אַרויס ווי אַ היסטערישער, זייטיקער
צוקוקער פון די גרויסע סאָציאַלע
קאַמפן. אַ. אַפּאָטעאָזירט דעם פאַטאָס
פונעם רעוואָלוציאָנערן י ח י ד, אָבער
דער פאַטאָס פון דער רעוואָלוציע,
אַלס ג אַ נ צ ע ר, בלייבט אים פרעמד.
אין „קעניג-הונגער" רעדט ער וועגן
דער רעוואָלוציע מיט אָפענער פאַר-
אַכטונג, און ער וואַרפט-צונויף אין
איין קופּע אַרבעטער, כוליגאַנעס,
פּראָסטיטוטקעס, לומפּנפּראָלעטאַריאַט,
וואָס דערהרגעט שוצלאָזע קינדער,
צינדט-אונטער ביבלאָטעקן און קונסט-
גאַלערייעס. זיין מאָראַלישע צעבראָכנ-
קייט און צווייאיקייט ווייזט זיך אַרויס
אין זיינע ווערק „לעבן פון אַ מענטשן",
„שוואַרצע מאַסקעס", „אַנאַטעמאַ",
„אָקעאַן", „יהודה איש-קריות", „מיינע
נאָטיצן", „אליעזר" — ווי אויך אין
זיינע פּיעסעס „טעג פון אונדזער לעבן",
„גאַודעאַמוס", „יוגנט" א. אנד. — דאָ
ווערט שוין בולט געוויזן דער אומקער
אַ.ס פון רעוואָלוציאָנערע איינדריקן
צו דער טראַגעדיע פון יחיד. — בעת
דער וועלט-מלחמה איז אַ. אַרויסגע-
טרעטן ווי איר פייערדיקער אָנהענגער,
איז אַריינגעטראָטן אין דער רעדאַקציע
פון דער רעאַקציאָנערסטער דאַן צייַ-
טונג „רוסקאַיאַ וואָליאַ" (רוסישער ווילן).
נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש
אַוועק קיין פינלאַנד — צו זיך אין

שלאָס, און פון דאָרטן שטאַרק אַטאַקירט די נייע רעגירונג. פאַראַן אַפילו באַווייזן, אַז ער האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן גענעראַל יודעניטש וועגן ווערן בילדונגמיניסטער ביי אים אין רעגירונג. אָבער סעפטעמבער 1919 איז ער פלוצלינג געשטאָרבן.

אויף יידיש זענען פאַראַן כמעט אַלע א.ס ווערק.

אנהעלי היינריך (○ 1840), באַקאַנטער עסטרייכישער מאָלער, שטרענגער נאַטוראַליסט. צו די באַקאַנטסטע בילדער זיינע געהערן: „די דאַמע אין שוואַרצן", „דער נוקס" און דער פאָרטרעט פונעם שרייבער דיומאַ.

אַנוטשין דמיטרי (1843—1923), באַרימטער רוסישער געלערנטער, הויפטזאַכלעך אויפן געביט פון אַנטראָפאָלאָגיע. 1874 אַרויסגעלאָזט אַ בוך איבער דעם שבט אַינען, וואָס האָט דאַן געציילט עטלעכע הונדערט נפשות, דערנאָך — אַ צאָל ווערק פון פאַרשידענע געביטן. געגרינדעט ביים מאָסקווער אוניווערזיטעט אַן אַנטראָפאָלאָגישן מוזעום, וואָס ווערט געהאַלטן פאַרן גרעסטן אין דער וועלט. אַ. איז אויך געווען אַ גרויסער פאָפולאַריזאַטער, אַרויסגעגעבן פאַרשידענע ביכלעך איבער אַלע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, רעדאַגירט דעם „אַנטראָפאָלאָגישן זשורנאַל". בסך־הכל אָנגעשריבן אַן ערך 600 אַרבעטן, וואָס ער האָט געשאַפן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. אָנטיילגענומען אין פאָליטישן לעבן אַלס ליבעראַל.

אַנונציאַ גאַבריעל ד', פס"ד פון גאַבריעל ראַפאַניעטאַ (○ 1863), באַרימטער גרויס־אימפעריאַליסטישער איטאַליענישער דיכטער. שוין אין דער

מיטלשול געשריבן אָדעס לכבוד דעם קעניג. אין זיינע פריערע ראָמאַנען: „אומשולדיקער קרבן", „די בתולות פון די פעלדזן", און אין דער דראַמע „פאַקעל אין דער געהיימעניש" — שוין דאָרט טרעט ער אַרויס קעגן די נייע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן: דער בורזשואַזיע און דעם פראָלעטאַריאַט, און פאַרהערלעכט די בלויהויטיקע פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע. אין זיינע ווערק „דזשאַקאָנדאַ", „די הנאה", „איזאָטעאַ", „דער חלום אין האַרבסטיקע פאַרנאַכטן", „דער זיג פון טויט"— ווייזט זיך ד'אַ. אַרויס ווי אַן אינדיווידואַליסט־אַמאָראַליסט און באַזינגט די פיזישע ליידנשאַפט, ווי דעם העכסטן געבאָט פון לעבן. אין זיין אַריסטאָקראַטישער שאַפונג האָט אַ. איין „פלעק"— אַ נישט־פאַרענדיקטע פאָעמע איבער גאַריבאַלדין, דעם גרויסן פאָלקס־באַפרייער. אַ. איז געווען נענטער באַפריינדט מיט עלעאָנאָראַ דיוז (ז.), און דידאָזיקע פריינדשאַפט ווערט געשילדערט אין די ווערק „אַ נאַכט אויף קאָפרעראָ" און „פייער". — שפעטער ווערט ד'אַ. דער כמעט־אָפיציעלער טרובאַדור פון דעם איטאַליענישן אימפעריאַליזם. אין זיין דראַמע „שטאַרקער פון טויט" לאָזט ער זאָגן זיין העלד: Te teneo, Africa! — כ'וועל דיך נישט אַרויסלאָזן, אַפריקע! — און שאַפט אַ צווייטן לאָזונג: דער אַדריאַטישער ים מוז ווערן דער איטאַליענישער ים! — ווען איטאַליע איז צוגעשטאַנען צו דער וועלטמלחמה, איז אַ. געוואָרן לופטאָפיציר, געהאַלטן פלאַמענדיקע, בלוטדורשטיקע אימפעריאַליסטישע רעדעס (אַרויס דערנאָך אין אַ בוך אונטערן נאָמען „אין נאָמען פון גרויס־מאַכטיקן איטאַליע"). — זומער 1919

פלוצלינג פאַרכאַפּט די שטאָט פיומע, וועלנדיק דאָרט שאַפן אַ פאָרפּאָסטן פונעם איטאַליענישן קאַפּיטאַליזם אויפן באַלקאַן. היינט צו־טאָג איז ד׳אַ. דער אָפיציעלער העראָלד פון מוסאָלינישן פאַשיזם, אַ בלוטיקער שונא פונעם באַפרייונגס־קאַמף פון די מאַסן. — זיין סטיל איז אַן אָנגעפּלודערטער, אַ באַראָקאַלישער. צו די לעצטע ווערק געהערן: די דראַמעס „רוים“, „די טאָכטער פון יאָרעאָ“, „פראַנטשעסקאָ אויס רימיני“ און אַ ראָמאַן „אפשר יאָ און אפשר נישט“.

אויך יידיש: „דזשאָוואַני עפּיסקאָפּאָ“, „אין אָפּגרונט פון תאווה“ א. אַנד.

אַנטאָנאָוו־אָווסעיענקאָ וו ל אַ ד י מ י ר (ליטער. פס״ד אַ. האַלסקי) (° 1884), רוסישער פובליציסט, שריפטשטעלער, רעוואָלוציאָנער. געענדיקט מיט אַן אויסצייכענונג די יונקער־שול, איז ער צו 18 יאָר אַריינגעטראָטן אין דער ס. ד., 1905 געפּרווט אין פולאַוו (פוילן) מאַכן אַ מיליטערישן אויפשטאַנד; דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן, דאַן איז ער אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, 1906 געווען דער הויפּט־אָרגאַניזאַטער פונעם מיליטערישן בונט אין סעוואַסטאָפּאָל; מ׳האָט אים פאַרמשפּט צום טויט, שפּעטער פאַרביטן אויף 20 יאָר קאַטאָרגע, 1909 אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. ביים אָנהייב מלחמה געהערט צו די אינטערנאַציאָנאַליסטן, געווען רעדאַקטער פון זייערע אויסלענדישע אָרגאַנען „די שטימע“, „אונדזער וואָרט“. יוני 1917 זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, אַריינגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע, גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין די אָקטאָבער־קאַמפן, ווי דער פירער פון די קריגס־אָפּעראַציעס. נאָך דער רעוואָלוציע איז

אַ.־אַ. באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר פון קריג און פלאָט. זינט 1930 — סאָוויעטישער אַמבאַסאַדער אין פוילן.

אַנטאָניאָ ווענעציאַנאָ, איטאַליענישער מאָלער פון 14טן י״ה, געמאַכט אַ ריי פרעסקן אין פאַרשידענע שטעט פון איטאַליע. דער הויפּטמאָטיוו פון זיינע פרעסקן איז דער מענטשלעכער קערפּער.

אַנטאָניוס פון פּאַדואַ (1195—1231), קריסטלעכער מיסיאָנער אין אַפריקע, אָנגעשריבן אַ ריי מיסטישע און אַסקעטישע טראַקטאַטן. די קאַטוילישע קירך האָט אים נאָך זיין טויט קאַנאָניזירט (דערקלערט פאַר אַ הייליקן).

אַנטאָנעלאָ דאַ מעסינאַ (1430—1479), איטאַליענישער מאָלער, בעיקר געמאָלט בילדער אויס דער קריסטלעכער געשיכטע. צו די וויכטיקסטע אַרבעטן געהערן „די קרייציקונג“, „דעם קאָנדאָטיערס בילד“, „דער הייליקער העראָנים“, „דער הייליקער סעבאַסטיאַן“. פאַראַן אַ השערה, אַז ער האָט דער ערשטער דערפונדן דאָס אייל־מאָלן.

אַנטאָנעלי ע ט י ע ן (° 1870), פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט און סאָציאַליסטישער טוער, היינט צו־טאָג — הויפּטרעדאַקטער פון דעם זשורנאַל „די סאָציאַלע דעמאָקראַטיע“, מיטאַרבעטער פון אַ ריי זשורנאַלן. פאַר דער מלחמה אַוועקגעשיקט געוואָרן מיט וויסנשאַפטלעכע צוועקן קיין דייטשלאַנד, בעת דער מלחמה אויסגעשטאַנען פיל צרות, אַלס „פרעמדער“, 1917 געווען אין רוסלאַנד און בייגעוווינט ביידע רעוואָלוציעס; אָנגעשריבן אַ בוך „די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, נאָטיצן פון אַן עד־ראיה“, ווו ער

שרייבּט מיט גרויס ליבּ איבּער איר.
קענער פון קאָלאָניאַלן פּראָבּלעם. —
אָנגעשריבּן: „די סאָציאַליסטישע דע־
מאָקראַטיע און די היינטצייטיקע אידעען",
„די פּרינציפּן פון ריינער עקאָנאָמיע",
„אַרבּעטערשע טעטיקייט", אין וועלכן
ער אַנאַליזירט די אַרבּעטערשע טעטיקייט
אין די אַקציאָנערע געזעלשאַפטן,
„אַפריקע און דער ווערסאַילער שלום".
היינט צו־טאָג — מיטגליד פון פראַנצ.
פּאַרלאַמענט פון דער סאָצ. ליסטע,
געהערט צום צענטער פון דער פּאַרטיי.

אַנטאַרא (דערהרגעט 615), אַראַבּי־
שער דיכטער, מחבר פון איינער פון
די שענסטע „מואַלאַק"ס (פּאָעמעס)
אין דער אַראַבּישער ליטעראַטור. זיין
גאַנץ לעבּן פאַרבּרענגט אין שלאַכטן.
ביז היינטיקן טאָג - דער באַליבּסטער
אַראַבּישער פאָלקס־העלד. פאַראַן אַ
ראָמאַן א. נ. „אַנטאַראָס' געשעענישן".

אַנטואַן אַנדרע (1858°), באַרימ־
טער פראַנצויזישער רעזשיסער, איינער
פון די גרעסטע רעזשיסערן אין דער
וועלט, געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס
אויף דעם אייראָפּעישן טעאַטער. 1891
געגרינדעט דאָס „פרייע טעאַטער",
1897 — „אַנטואַנס טעאַטער". זיין
רעזשי איז געטריי־רעאַליסטיש און
שפּיגלט־אָפּ בולט דעם סאָציאַלן אונ־
טערשלאַק.

אַנטיסטענעס (444—379 פאַר קר.
געבּורט), גריכישער פילאָזאָף, אַדורכ־
געפירט דעם געדאַנק פון אַסקעטישקייט
אין לעבּן און אין גייסט. די קולטור—
האָט ער געהאַלטן — איז אַ מיטל
צו פאַרגרינגערן דאָס לעבּן, און דערום
דאַרף מען זי באַקעמפן. דער מענטש
דאַרף לעבּן בלויז לויט די כללים פון
דער נאַטור. זיין לערע האָט געהאַט

בּשעתה אַ גרויסן איינפלוס. די אַרבּעטנ־
דיקע קלאַסן אינעם אַלטן גריכנלאַנד
האָבּן אים געהאַלטן פאַר זייער
פילאָזאָף.

אַנטיפאָנטעס (450—402 פאַר קר.
געב.), גריכישער סאָפיסט, ווערט גע־
האַלטן פאַרן אורפאָטער פונעם אַנאַר־
כיסטישן געדאַנק. אין זיין גרעסט
ווערק „איבּער דעם אמת", ווייזט
ער אויף, אַז מלוכה, מאַכט און געזעץ
איז נאָר אַ מיטל אין די הענט פון
שטאַרקע צו דערדריקן די שוואַכע.
געגרינדעט אַן אייגענע סאָפיסטישע
שול, וואָס האָט אַרויסגעגעבּן אַ ריי
וויכטיקע גריכישע דענקער.

אַנטשיץ וולאַדיסלאַוו לוד־
וויק דר. (1823—1883), פּוילישער
דראַמאַטורג און פּובּליציסט, דעמאָקראַט.
אָנטיילגענומען אין דער רעוואָלוציע
1846, געזעסן 2 יאָר אין תפיסה. צו
די פּאָפּולערסטע ווערק געהערן די
היסטאָרישע פאָלקס־קאָמעדיעס: „פויערן־
ריסטאָקראַטן", „קאָסציושקאָ אונטער
ראַצלאַוויץ", „יאַן סאָבּיעסקי אונטער
ווין". כמעט אַלע דידאַזיקע פּיעסן
ווערן געשפּילט נאָך ביזן היינטיקן
טאָג.

אַניאָלאָ באַטשאָ (1462 — 1543),
איטאַליענישער אַרכיטעקטער און סקולפּ־
טער, אויפגעשטעלט אין איטאַליע אַ
ריי מאָנומענטאַלע געבּיידעס. אים גע־
הערט אויך דאָס נייס; צו באַצירן די
פענצטער און ווענט פון די פּאַלאַצן
מיט פאַרשידענע סטאַטועס.

אַניעבּקאָוו יורי (1889°), היינט־
צייטיקער רוסישער מאָלער, צייכענער.
זיינע צייכענונגען טראָגן אַן אָריגינעלן
אייגנאַרטיק־אַניעבּקאָווישן כאַראַקטער:
אים ציט בעיקר די גראָטעסקאַרטיקע

און אַנעקדאָטישע זייט פון לעבן און פון זיינע דערשיינונגען. באַרימט איז זיין ציקל זייער־אָריגינעלע אילוסטראַציעס צו בלאָקס (ז.) „צוועלף“. אַר׳יס־געגעבן אויך אַ ציקל בילדער פון די פירער פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אַניענקאָוו פּאַוועל (1887–1812), רוסישער ליטעראַטור־קריטיקער אויס דער צווייטער העלפט 19טן י״ה, ליבעראַל.

אַנסעל עדואַרד (1856°), בעלגישער זשורנאַליסט, עקאָנאָמיסט, איינער פון די גרינדער און פירער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון דער בעלגישער אַרבעטער־קאָאָפּעראַציע. צו 20 יאָר אַריין אין דער סאָצ. באַוועגונג, זיך גלייך אַרויסגערוקט אַלס איינער פון אירע פירער; ד. יאָר 1880 האָט אַ. געשאַפן דעם ערשטן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו „פֿאָרויט“ (פֿאָרויס). שטייט עד־היום אויפן רעכטן פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין דער קאָאָפּעראַציע זעט אַ. אַ מיטל צו באַקעמפן דעם קאַפּיטאַליזם; ס׳איז באַקאַנט זיין וואָרט, אַז די סאָציאַליסטן וועלן באָמבאַרדירן דעם קאַפּיטאַליזם מיט ביליק ברויט און קאַרטאָפל.

אַנסעלם פון קענטערבערי (1109—1033), ענגלישער פילאָזאָפישער סכאָלאַסטיקער, געווען מאָנאַך אין איטאַליע, זינט 1093 — אַרציבישאָף פון קענטערבערי. בהסכם מיט דער פריקריסטלעכער פילאָזאָפיע האַלט ער, אַז דער גלויבן שאַפט די דערקענטעניש („איך גלייב, כדי צו דערקענען“), אָבער ער גיט־צו, אַז דער גלויבן קאָן אויך באַוויזן ווערן דורך דער וויסנשאַפטלעכער אָנשויאונג. זיין הויפּט־ווערק הייסט „פּרוזדור“, ווו ער פירט אַדורך

דעמדאָזיקן געדאַנק. געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף דעקאַרט (ז.) און ספּינאָזע (ז.).

אַנעריאָ דזשאָוואַני (1620–1567), אַ באַקאַנטער איטאַליענישער קאָמפּאָזיטער.

אַנעריאָ פעליטשע (1630–1560), אויך אַ באַרימטער איטאַליענישער קאָמפּאָזיטער, אַ ברודער פון דזשאָוואַני אַ. — פאַרפאַסט מעסעס, מאַדריגאַלעס, וואָס ווערן נאָך ביז היינטיקן טאָג געשפילט אין די איטאַליענישע קירכעס.

אַנפֿאַנטען באַרטעלעמי פּראָספּער (1864–1796), פראַנצויזישער פּובליציסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, סען־סימאָנס (ז.) אַ פייערדיקער מיטשטימער, איינער פון די פּאָרגייער פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם. מיטגעאַרבעט אין אַ ריי סען־סימאָניסטישע זשורנאַלן, 1825 אַרויסגעגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל „דער פּראָדוצירער“, 1830 אָנגעשריבן אַ „טראַקטאַט איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע“, 1832 — „די מאָראַל“ און „דאָס נייע בוך“. — ד. יאָר 1831 צוזאַמען מיט זיינע פריינד (לערך 50 מאַן) זיך באַזעצט אין אַ ישוב הינטער פּאַריז און באַשלאָסן אָנצוהייבן צו לעבן אויף קאָמוניסטישע יסודות — כדי אויסצופּרווון דעם סען־סימאָניזם אין דער פּראַקטיק. די מאַכט האָט, אָבער, די קאָמונע ליקווידירט „פאַר אומזיטלעכקייט און געפערלעכע פּראָפּאַגאַנדע“ און די פירער, צווישן זיי אויך אַ.ן, פאַרמשפּט צו 1 יאָר תפיסה. נאָכן אָפּזיצן געפאָרן, לויטן אויפטראָג פון דער רעגירונג, קיין אַלזשיר, אויספאָרשן די דאָרטיקע מעגלעכקייטן פון קאָלאָניזאַציע, 1843 אָנגעשריבן אַ ווערק „די קאָלאָניזאַציע פון אַלזשיר“. ביזן

טויט געבליבן אַן איבערצייגטער סענ-סימאָניסט.

אַנפאַסי פּאַסקואַלע (1727—1797), פּאָפּולערער אין זיין צייט אי-טאַליענישער אָפּערן-קאָמפּאָזיטער.

אַנצענגרובער לודוויג (1839—1889), עסטרייכישער בעלעטריסט און דראַמאַטורג. ד. יאָר 1870 האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג זיין פּיעסע „דער גלח פון קירכפעלד", וואָס האָט מוטיק אַרונטערגעריסן די מאַסקע פון די כלי-קודש. גרויס אָנזען האָט אויך געהאַט זיין קאָמעדיע „די, וואָס מען מאָלט מיט קאַראַקול". אַ שפּעטערדיקע פּיעסע זיינע „דאָס פערטע געבאָט" שילדערט דעם אומקום פון די, וואָס האָבן נישט באַקומען קיין געזונטע דערציונג און ווערן פאַרלוירן אין דער גרויסער שטאָט — די אַ. ג. „שטאָטישע פּוסטעפּאַסניקעס". צו די באַקאַנטסטע ראָמאַנען אַ.ס געהערן „דער פלעק פון שאַנד", „קאַלענדאַרישע דערציי-לונגען" און „דאָרפישע ווענן". 1902, 13 יאָר נאָך זיין טויט, זענען אויך אַרויס זיינע 2 בענד אינטערעסאַנטע בריוו.

אַנטאָקאָלסקי מאַרק (מרדכי) (1843—1902), באַרימטער רוסיש-יידישער סקולפּטער. געב. אין ווילנע, אין דער יוגנט געווען אַ מצבה-קריצער, אַריין אין דער קונסט-אַקאַדעמיע 1862. צו יענער צייט איז אויפגעקומען אין דער סקולפּטור די ריכטונג פונעם רעאַליזם. לאַנג האָט זיך אַ. געמאַטערט אויף חיונה. ד. יאָר 1871 געשאַפן זיין ערשט גרויס מייסטערווערק „יאָהאַן דער אכזר", וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען און אים באַוואָרנט די מאַטעריעלע זייט. באַלד דערנאָך אַוועק קיין אי-

טאַליע, ווו געשאַפן: „פּיאָטר דער גרויסער", „דער נוצרי פאַרן פאָלק", „סאָקראַטעס' טויט" א. אַנד. 1880 געוואָרן פּראָפעסער. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געשאַפן נאָך די קאָלאָסאַלע סטאַטועס: „ספּינאָזאַ", „מעפיסטאָפעל", אַ דענקמאָל פון אַלעקסאַנדער III, פון יעקאַטערינע II א. אַנד. — זיין זשאַנר איז געווען שטרענג-רעאַליסטיש. אַ. האָט אַנטשידן אָפּגעוואָרפן די פאַרשידענע מאָ-דערנע שולן און געבליבן אַ געטרייער נאַטוראַליסט ביז זיין לעצט ווערק. די רעפּראָדוקציעס פון זיינע סקולפּטורן זענען נאָך ביז היינט זייער פּאָפּולער.

אַנרי פּאָל (1848—1905) און **פּראָ-ספּער** (1849—1903), פראַנצויזישע ברידער — אַסטראָנאָמען, געשטאַנען בראָש פון פּאַריזער אָבסערוואַטאָריום. באַרימט דערמיט, וואָס זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל פאָטאָגראַפירט די שטערן — אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן פעסטגע-שטעלט זייער אָרט אין דער הימלישער ספערע.

אַסטאָן פרענסיס ווילאַם (1877), היינטצייטיקער ענגלישער פיזיקער, נאָבעל-לאַורעאַט. דערפונדן אַן אַפּאַראַט, לויט וועלכן מען קאָן מיט גענויסטער פּינקטלעכקייט פעסט-שטעלן די מאַסן פון די טיילן פון פאַרשידענע עלעמענטן; דערוויזן, אַז די גרעסטע מערהייט עלעמענטן איז אינדערעמתן נאָר אַ געמיש פון פאַר-שידענע עלעמענטן, וואָס פאַרמאָגן דיזעלביקע אייגנשאַפטן, אָבער האָבן אַ פאַרשידענע אַטאָם-אַרטיקע וואָג. אַ.ס אַרבעטן האָבן אַ גרויסן באַטייט פאַר דער היינטצייטיקער וויסנשאַפט איבער דעם בוי פון זאַכן.

אַסטאָרגאַ עמאַנועל ד' (1680—

1857), שפאַנישער מוזיקער, באַקאַנט בעיקר דורך דער פּאָפּולערער רעליגיעזער קאָמפּאָזיציע „סטאַבאַט מאַטער“.

אַסטריוק זשאַן (1684 — 1766), פראַנצויזישער דאָקטער און ביבל־פאָרשער. באַקאַנט דערמיט, וואָס ער האָט דער ערשטער אַרויסגעזאָגט געוויסע ספיקות וועגן דעם תנ״ך, אַז ער איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך עזרא און נחמיה. — געלייגט דעם גרונטשטיין צום קריטישן דערלערנען דעם תנ״ך.

אסי אַדאָלף־אַלפאָנס (1840 — 1886), פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער פּובליציסט, אַגיטאַטער פון 1טן אינטערנאַציאָנאַל (באַקוניסט), קאָמונאַר. בעת דער קאָמונע געווען איינער פון די באַליבסטע קאָמאַנדירן. נאָכן נצחון פון די ווערסאַליאַנער איז אַ. פאַרשיקט געוואָרן קיין ניי־קאַלעדאָניע, ווו ער איז אויך געשטאָרבן.

אסמאַיוס (739—831) אַראַבישער פילאָלאָג און פאָלקלאָריסט, אַ וויכטיקער אָנשפּאַר פאַר די שפּעטערדיקע גראַמאַטיקער און ליטעראַטור־היסטאָריקער. איבערגעלאָזט אַ סך ווערק איבער לעקסיקאָלאָגיע, סיסטעמאַטיזירט לויט די מינים: „דאָס בוך פון פערד“, „דאָס בוך פון קעמלען“, „דאָס בוך פון סינאָנימען“, „דאָס בוך פון קעגנגעזעצטע ווערטער“. — ער האָט אויך צונויפגעשטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פון אַלט־אַראַבישע לידער, וואָס הייסט נאָך אים „אַסמאַיאַט“.

אַסניק אַדאַם, פּס״ד על...י (1838 — 1879), פּוילישער דיכטער, אָנטיילגענומען אין דעם אויפשטאַנד 1863, געווען אַ מיטגליד פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. נאָכן גרויזאַמען דערשטיקן דעם אויפשטאַנד איז אַ. אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד, ווו ער האָט געשריבן פּאַטריאָטישע לידער און דראַמעס. איינער פון די פאָרזאָגער פון דער פּוילישער נאָך־ראָמאַנטישער שול. אַרויסגעגעבן עטלעכע בענד לידער, דראַמען און קאָמעדיעס: „דער קאַמף פון ריכטונגען“, „איובס פריינד“, „די ברידער לערכע“ א. אַנד.

אַעראָבאָע פרידריך (1865°), דייטשער אַגראַר־פּראָפעסער, אַפּאָלאָגעט פון דער גרויסקאַפּיטאַליסטישער אַגראַרווירטשאַפט, אַן אַנטשידענער און פאַרביסענער באַקעמפער פון די סאָציאַליסטישע אַגראַר־פּראָיעקטן. צו זיינע וויכטיקסטע ווערק געהערט „אַלגעמיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע באַטריב־לערע“.

אפאַנאַסיעוו - טשוזשבינסקי אַלעקסאַנדער (1817—1875), רוסישאוקראַינישער שרייבער, אין פּאָליטישן לעבן זיך געהנפעט צו גרויסרוסלאַנד און באַקעמפט דעם געדאַנק פון אוקראַינישער זעלבשטענדיקייט. — פונדעסטוועגן האָט עס אים נישט געשטערט צו שרייבן לירישע לידער — פאַרשטייט זיך, אויף דער רוסישער שפּראַך. — אַ געוויסן וויסנשאַפטלעכן ווערט האָט זיין אוקראַיניש ווערטערבוך, איינס פון די ערשטע, וואָס זענען בכלל דאָ.

אַפּאָלאָניוס (2 העלפט 2 י״ה פאַר קר. געב.), גריכישער סקולפּטער, האָט אַ שם צוליב דעם קאָלאָסאַלן פאַרנעם פון זיינע אַרבעטן. צוזאַמען מיט זיין ברודער טאַוריסק געשאַפן די באַרימטע סקולפּטור „דער פאַרנעזישער אָקס“, וואָס מ׳האָט ד. 16טן י״ה אויסגעגראָבן אין רוים.

אַפּאָלאָניוס פון טיאַן (1 י״ה), פילאָזאָף פון דער ניי־פּיטאַגאָרישער

שול, זאָל האָבן געווען אַ גרויסער בעל־נס. קיין גענויערע פּרטים וועגן אים איז נישטאָ.

אפּאָלאָניוס פון פּערג (2 העלפט 3 י"ה פאַר קריסטוסן), איינער פון די גרעסטע מאַטעמאַטיקער אין אַלטערטום, ווערט גערופן „דער גרויסער געאָמעטער". זיין בוך „קאָניקאַ" (8 בענד) האָט ביז ניוטאָנען געדינט פאַרן הויפּטקוואַל פונעם דאָזיקן צווייג אין דער געאָמעטריע.

אפּאָליבער גיִלאַם (פּס"ד פון אַ. קאָסטראָוויצקי (1830—1918), באַקאַנטער פראַנצויזישער דיכטער און קונסטקריטיקער, דער אייגנטלעכער שעפער פון דער קוביסטישער ריכטונג אין דער קונסט. זיין שלאַגוואָרט איז דאַן געווען: „דער קוביזם וויל געבן צו פילן אַלע זייטן פונעם געגעבענעם אָביעקט מיטאַמאָל". ד. יאָר 1913 אונטערגעשריבן דעם איצט שוין־באַרימטן פוטוריסטישן מאַניפעסט „די פוטוריסטישע קעגנטראַדיציע". צו די בעסטע און אינטערעסאַנטסטע לויט דער פאָרעם ראָמאַנען זיינע, געהערן: „דער פוילנדיקער בעל־מכשף", „דער אפּיקורס און קאָ.", אַ זאַמלונג לידער „אַלקאָהאָל" א. אַנד.

אפּאָני אַלבערט (1846 ◦), אונגאַרישער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער, באַקאַנט פון זיין עקסטן שאָוויניזם און רעאַקציאָנערישקייט. ד. יאָרן 1906—1910 געווען אונג. בילדונגס־מיניסטער, פאַרניכטעט אַלע שולן פון די נישט־אונגאַרישע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַ. איז דער מחבר פון אַ פּראָיעקט אין אונגאַרישן פּאַרלאַמענט, וואָס פאָדערט אָפּצונעמען דאָס וואַלרעכט ביי אַלע, וואָס קענען נישט

לייענען און שרייבן אונגאַריש. אפילו דער דעמאָלטיקער אונגאַרישער פּאַרלאַמענט האָט דעמדאָזיקן אינקוויזיטאָרישן פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. 1917—1918, דאָס לעצטע יאָר פון דער וועלט־מלחמה, איז אַ. ווידער געווען בילדונגס־מיניסטער. — פון זינט דער רעוואָלוציע אַוועק אין שאָטן, 1922 אַרויסגעלאָזט אַ גרויסן באַנד „זכרונות".

אפּולעיוס (2 י"ה), לאַטיינישער דיכטער און פילאָזאָף. פאַרבונדן זיין פילאָזאָפיע מיט אָקולטישע טעאָריעס. אָנגעשריבן אַ בוך „דער גאָלדענער אייזל", וואָס דינט פאַר אַ מוסטער פונעם רעאַלן ראָמאַן. פאַראַן דאָרט אויך אַ דערציילונג וועגן אַמאָר און פּסיכע, וואָס האָט געדינט פאַר אַ סיזשעט פאַר אַן אַ שיער דיכטער און ראָמאַניסטן, מאָלערס און סקולפּטערס — ביז צו היינטיקער צייט.

אפּולעיוס סאַטורנינוס (לערך 100—150 פאַר קר.), רוימישער פאָלקס־טריבון און רעוואָלוציאָנער, פירער פון אַ ריי פּויערישע אויפשטאַנדן אין זיין צייט. פאַרפאַסט אַ ריי אַגראַרע געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס האָבן גורם געווען צו גרויסע אומרוען. בעת איינער אַזאַ שלאַכט איז אַ. ס. אומגעקומען.

אפּטעקמאַן יאָסיפּ (1849 ◦), רוסישער היסטאָריקער פון דער רעוואָלוציע. אין דער יוגנט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אין דער מאַרקסיסטישער גרופּע „טשאָרני פּערעדיעל", געווען רעדאַקטער פון איר אָרגאַן. בעת דער שפּאַלטונג ד. יאָר 1903 אַריבער צו די מענשעוויקעס, אָבער קיין וויכטיקערן אַמט נישט פאַרנומען. ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אַריבער

צו מאַרטאָווס גרופּע אינטערנאַציאָנאַליסטן, 1919 — אָנגענומען די סאָוו. אידעאָלאָגיע. - עד כאן זיין פּאָליטישע אַרבעט. 1905 אַרויסגעלאָזט אַ בוך געשיכטע „די געזעלשאַפט ,ערד און פרייהייט' אין די זיבעציקער יאָרן", שפּעטער אַ בוך איבערן „טשאָרני פּערעדיאָל" און אַ ריי היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען און זכרונות אין פאַרשידענע זשורנאַלן.

אַפּיאַן פּעטער, פּס"ד פון פּ. בענעוויץ, (1495—1552), דייטשער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער, דער בעסטער קאַרטאָגראַף (מאַפּע־צייכענער) פון זיין צייט. ער האָט דער ערשטער אַנטדעקט דאָס באַנוצן פינצטערע גלעזלעך בעת אַ ליקוי־חמה. אָנגעשריבן אַ קאָלאָסאַלע „קאָסמאָגראַפיע פון חלל" און „דאָס אַסטראָנאָמישע קעניגרייך", וואָס באַשרייבט כמעט אַלע דאַן באַקאַנטע קאָמעטן. אינעם דאָזיקן בוך שטעלט ער אויך פעסט געוויסע היסטאָרישע דאַטעס — אויפן סמך פון זיינע אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען.

אַפּעל פּאָל עמיל (1855°), פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער, באַקאַנט פון זיינע פילע אַרבעטן איבער מעכאַניק, געאָמעטריע און טעאָריע פון פונקציעס. זיין וויכטיקסט ווערק ביז אויף היינטיקן טאָג איז זיין „טראַקטאַט פון ראַציאָנעלער מעכאַניק", וואָס באַהאַנדלט די מעכאַניק פון שטרענג-מאַטעמאַטישן שטאַנדפּונקט.

אַפּעלעס 2) העלפט 4 י"ה פאַר קר. געב.) — גריכישער מאָלער. באַקאַנט זענען זיינע בילדער: „אַלכסנדר מוקדון, אַלס זעוס-דונערער", „די אַלעגאָריע" (פאַראַן דערפון אַ שפּעטע וואַריאַנטן) און „אַפראָדיטע אַנאַדאָניענאָ".

אַציםאָנטי קאַרלאָ (1888°), איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט, סעקרעטאַר פון דער איטאַל. אַרבעט-פּעדעראַציע, זינט 1921 דער הויפּט-רעדאַקטער פון איר אָרגאַן „דער סינדיקאַלישער קאַמף" (גייט היינט אַרויס, אונטער מוסאָליניס דיקטאַטור, אומלעגאַל). מחבר פון די ביכער: „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג", „די דירעקטע אַקציע".

אַקאָלאַ עמיל (1826—1891) פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט און געוועזענער קאָמונאַר. פאַר זיינע פרייע מיינונגען און דרייסטער רעפּובליקאַנישער אַגיטאַציע, איז אַ. אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות מצד דער רעגירונג פון דער ווטער אימפּעריע, בעת דער פאַריזער קאָמונע האָט אים די פאַרוואַלטונג פון שטאָט באַשטימט אַלס דעקאַן פון יורידישן פאַקולטעט אויפן פאַריזער אוניווערזיטעט. נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע זיך אויסבאַהאַלטן, דערנאָך ווידער אַרויסגעשוואומען אויף דער פּאָליטישער אויבערפלאַך ד. י. 1876: ער האָט דאַן אויסגעאַרבעט די וואַל־פּלאַטפאָרם פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי צום פאַרלאַמענט; דאָס איז געווען, זינט נאָך דער קאָמונע, ווען דער פראַנצ. אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן מוראדיק טעראָריזירט, דער ערשטער ערנסטער אַרויסטריט פון די סאָציאַליסטן. געשריבן אַסך ווערק אויס דער עקאָנאָמיק, רעכט און פּאָליטישע פראַגן. צ. אַ.: „דאָס אַלגעמיינע געזעץ פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג", „בלעטער פון דער היינצייטיקער געשיכטע", „די

פילאָזאָפיע פון די פּאָליטישע וויסנשאַפטן".

אקאַפּיאַן אַקאָפּ (‎° 1866), אַרמענישער פּראָלעטאַרישער דיכטער, דער אייגנטלעכער שעפער פון דער אַרמענישער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע. צו די וויכטיקסטע ווערק געהערן: „נייער מאָרגן" און „גלייכקייט".

אקפּשורא אָגלו יוסוף-מחמד (‎° 1880), טאָטערישער פּובליציסט און רעוואָלוציאָנערער טוער. גרינדער פון דער צייטונג „טיורק דערנעגי" (טערקישער סנהדרין), וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער יונג-טערקישער באַפרייונגס-באַוועגונג. אַקטיווער קעגנער פון דער אייראָפּעישער קאָלאָניזאַטערישער פּאָליטיק.

אקימענקאָ יאַקאָב, פּס"ד — י. סטעפּאָווי (1883—1921), אוקראַינישער מוזיקער, האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מאָדערנער אוקראַינישער פאָלקס-מוזיק.

אקיף מחמד, טערקישער מאָדערניסטישער דיכטער. הגם ער איז אַן אָנהענגער פון „אייראָפּעיִדירן" טערקיי, שטעלט ער זיך אָבער פאַר די באַפרייונג פון זיין היימלאַנד בלויז דורכן איסלאַם. אין זיין גרויסער פּאָעמע „סעפּאַראַט" (פּאַזעס) באַרירט ער אויך סאָציאַלע מאָמענטן: דעם עלנט פון דער שטאָטישער און דאָרפישער אָרעמקייט, די אויסגעלאַסנקייט פון די הויכע באַאַמטע.

אקסאַקאָוו סערגיי (1791—1859), רוסישער שריפטשטעלער, אַ פּריץ פון אַ „יחוסדיקער" משפּחה. געשריבן די „משפּחה-כראָניק", „כתבים פון אַ יעגער", „די קינדעריאָרן פון באַגראָוון", „דאָס אייניקל" — כמעט אַלץ פון

זיינע אייגענע איבערלעבונגען און פאַקטן, אָבער זייער קינסטלעריש און — פאַר יענער צייט — אָביעקטיוו אָנגעשריבן.

אקסעלראָד אידאַ (‎† 1917), רוסישע שרייבערין און רעוואָלוציאָנערע טוערין, געשריבן בעיקר אויסן געביט פון קונסט-קריטיק. אירע אַרבעטן זענען דורכגעדרונגען מיט שטאַרקן, הויכמוטיקן אָפּטימיזם. „אַל'דאָס גרויסע, שרייבט זי, האָבן אויפגעטון נישט יענע, וואָס טרוימען, נישט יענע, וואָס ליידן פון נויט, נייערט יענע, וואָס קעמפן"... בעת עמיגראַציע אין דער שווייץ מיטגעאַרבעט אין דעם שווייצ. ס.ד.קישן אָרגאַן „בערנער טאָגוואַך" און „דאָס נייע ווערק". אָנגעשריבן אויף דעניש „די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד", אויף דייטש — „געטע, הערדער, האַמאַן, לאַפאַטער", „הערמאַן זודערמאַן" און אַ ריי בראָשורן איבער גאָטפריד קעלער, רוסאָ, ווינקעלמאַן, גערהאַרט האַופּטמאַן (ז.) און איבער כמעט אַלע מאָדערנע רוסישע שריפטשטעלער.

אקסעלראָד ליובאָוו (פּס"ד אָרטאָדאָקס) (‎° 1868), אָנגעזעענע רוסישע מאַרקסיסטישע פילאָזאָפין. צו 16 יאָר אַריין אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַ שטיקל צייט זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דער צאַרישער מאַכט, 1887 אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, מיטגעאַרבעט אין דער רוסישער ס.ד.-פּרעסע אויף ביידע זייטן גרענעץ. איר הויפּט-ענערגיע געווענדעט קעגן די רעפאָרמיסטישע אָפּנויגן אינעם מאַרקסיזם. אָנגעשריבן: „פילאָזאָפישע נאָטיצן" (1906). אין ביידע רעוואָלוציעס 1917 קיין ספּעציעלן אָנטייל נישט גענומען. ביז 1918 געווען אַ מיטגליד פון דער

טענשעוויסטישער פּאַרטיי, דאַן אַרויסגעטראָטן פון איר און זיך געווידמעט מאַרקסיסטישער טעאָריע, איבער וועלכער זי אַרבעט אין ר. פּ. ביז היינט. 1919 אַרויסגעלאָזט אַ בוך „מאַרקס אַלס פילאָזאָף“, דאַן „קריטיק איבער די יסודות פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלעכער לערע און דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם“, פאַרשידענע מאַרקסיסטישע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען איבער ל. נ. טאָלסטאָי, אָסקאַר אויילד (ז.) און אַנד. 1925 פאַרעפנטלעכט „זכרונות און נאָטיצן“.

אַקסעלראָד פּאַוועל (1850–1928), רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פירער. צו 24 יאָר אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, צוגעשטאַנען צו די „באַקוניסטן“, רעדאַגירט זייער אָרגאַן „אַרבעטער“ און אַליין געגרינדעט אַ זשורנאַל „כלל“ (אָבשטשינאַ), — מיט אַ שטאַרק־אַנאַרכיסטישן אָפּנויג. 1878 זיך נענטער צונויפגעטראָפן מיט די רוסישע ס. ד. און אונטער זייער איינפלוס געוואָרן אַן איבערצייגטער סאָציאַל־דעמאָקראַט. ד. יאָר 1880 שאַפט ער, צוזאַמען מיט פּלעכאַנאָוון, דייטשן, איגנאַטאָוון און וויערא זאַסוליטש די ערשטע גרופּע רוסישע ס. ד. „באַפרייונג פון דער אַרבעט“ און הייבט אָן אַ העפטיקן קאַמף קעגן די ס. ר.—צו יענעם פּעריאָד פון זיין לעבן געהערן די פּאָלעמישע ווערק „די אַרבעטער-באַוועגונג און די ס. ד.“, „בריוו צו די רוסישע אַרבעטער איבער דעם באַפרייונגס־קאַמף פונעם פּראָלעטאַריאַט“ א. אַ. מיטגעאַרבעט אין דער צייטונג „סאָציאַל־דעמאָקראַט“, אין דער אַמעריקאַנישער צייטונג „רויטע פאָן“ א. אַנד. מיטן אַנטשטיין פונעם „עקאָנאָמיזם“ הייבט ער אים אָן צו באַקעמפן, שרייבט דאַן: „די היסטאָרישע לאַגע און די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן דער ליבעראַלער און סאָציאַלער דעמאָקראַטיע“, „צו דער פראַגע טאַקטיק פון די רוסישע ס. ד.“, 1900 טרעט ער אַריין אין דער רעדאַקציע פון „איסקראַ“. נאָך דער שפּאַלטונג 1903 אויף באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, ווערט א. דער פירער פון די לעצטע, פאַרעפנטלעכט דאַן אַ בראָשור „צוויי טאַקטיקעס“, אין וועלכער ער האַלט, אַז אין רוסלאַנד דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט קעמפן האַנט־ביי־האַנט מיט דער בורזשואַזיע. ביסלעכווייז ווערט ער אַן אָנהענגער פונעם א. ג. „לעגאַליזם“. ביים אָנהייב וועלט-מלחמה געהערט צום לאַגער פון די „פּאַרטיידיקלער“; דאָך האָט ער אָנטייל־גענומען אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ, אָבער ער האָט דאָרט פאַרטראָטן שטאַרק-שאָוויניסטישע געדאַנקען. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיך געפונען אין אויסלאַנד, געווען ביזן לעצטן טאָג מיטגליד פון צ. ק. פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי, מיטגליד פון ביוראָ פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל. — ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן געווען אַן אָנהענגער פון אַ באַוואָפנטער אינטערווענץ קעגן ראַטנפאַרבאַנד

אַקערמאַן לואיזאַ וויקטאָריאַ (1813–1890), פראַנצויזישע דיכטערין. אין אירע ערשטע ווערק געפינט זי זיך אונטערן איינפלוס פון אַלטן מזרח און דעם העלעניזם. אַ טיפּישע פאָרשטייערין פון דער קרענקלעכער בורזשואַזער אינטעליגענץ סוף פאָריק י״ה, זענען אירע ווערק דורכגעדרונגען מיט

טיפן, געלייטערטן פעסימיזם. מיט די־דאָזיקע שטימונגען איז פול איר „אויטאָביאָגראַפיע פון אַן איינזאַמער" (1882). געשפילט אַ גרויסע ראָל אין דער דיכטער-גרופע „פאַרנאַסיסטן".

אקראָפּאָליטעס געאָרג (1217—1282), ביזאַנטישער היסטאָריקער. זיין „געשיכטע" נעמט אַרום די צייט פונעם איינעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל דורך די קרייצטרעגער ביזן צוריקשטעלן די ביזאַנטישע אימפּעריע (1203—1236). די־דאָזיקע „געשיכטע" איז איינער פון די וויכטיקסטע קוואַלן צום אויספאָרשן יענע צייט.

אראַגאָ דאָמיניק פראַנסואַ (1786—1853), פראַנצויזישער פיזיקער און אַסטראָנאָם, 1830 געוואָרן דירעקטער פון פאַריזער אָבסערוואַטאָריע, איינער פון די געניאַלסטע אַסטראָנאָמען אין 19טן י"ה. 1802 געפאָרן מיט וויסנשאַפטלעכע אויספאָרש־צוועקן אויפן אינדזל מאַיאָרק; דאָן האָבן אים די שפּאַנישע אויפשטענדיקע גענומען אין געפאַנגענשאַפט און אָפּגעהאַלטן ביז 1809. ער האָט אַנטדעקט די כראָמאַטישע פּאָלאַריזאַציע, געמאַכט אַ ריי וויכטיקע עקספּערימענטן איבער עלעקטריציטעט און מאַגנעטיזם, אויסגעפונען די שייכות צווישן דער פּאָלאַרער שיין און די מאַגנעטישע שטורעמס. געשריבן זייער אַסך.

אראַגאָ עטיען (1803—1892), אַ ברודער פון דאָמיניק פראַנסואַ א., כעמיקער, דראַמאַטורג, טעאַטער־דירעקטער, זשורנאַליסט. איבערצייגטער רעפּובליקאַנער, געלעבט אַ בונטאַריש, רעוואָלוציאָנער לעבן, אַנטיילגענומען אין די רעוואָלוציעס און גאַסנקאַמפן פון זיין צייט. 1830, די צייט פון

דעמאָקראַטישע פרייהייטן, געגרינדעט אַ דעמאָקראַטישע צייטונג „רעפאָרם", וואָס די דעמאָלטיקע פראַנצ. רעגירונג האָט גיך פאַרמאַכט.

אראַגאָ פראַנסואַ (1862 ○), היינצייטיקער פראַנצויזישער פּאָליטיקער, הויפּט־רעדאַקטער פון דער גרעסטער פאַריזער גאַסנצייטונג „פּטי פּאַריזיאַן" (דער קליינער פאַריזער), — אַ טיפּיש גרויסקאַפּיטאַליסטישע צייטונג, וואָס פאַרקויפט זיך יעגעם, וואָס גיט מערער. איר פּאָליטישע „ריכטונג" איז: גראָבע טשעקן — אפילו פון שונא. — א. פאַרזענלעך איז אַ מיטגליד פון דער פראַנצויזישער רעפּובליקאַנישער (גרויסקאַפּיטאַליסטישער) פּאַרטיי און איז, ווי איר פאָרשטייער אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט.

אראַיאַ פראַנטשעסקאָ (1700—1767), איטאַליענישער אָפּערן־קאָמפּאָזיטער, געשאַפן די אָפּערעס: „דער כוח פון ליבע און האַס", „טיטוסעס בארעמהאַרציקייט", „צעפאַלעס און פּראָקריס".

אראַנדאַ כאָזע כימענעס (1837—1903), שפּאַנישער מאָלער און אילוסטראַטאָר. אַ שם האָבן זיינע אילוסטראַציעס צו סערוואַנטעס'ס „דאָן־קיכאָט" און דאָדעס „טאַרטאַרען פון טאַראַסקאָן" (ביידע ביכער זענען פאַראַן אין יידיש). צו די באַקאַנטסטע בילדער זיינע געהערן: „אַ פאַרטיע שאָך" און „ביים מבקר־חולה זיין דעם לערער".

אראַני יאַנאָש (1817—1882), אונגאַרישער פּאָעט און פרייהייטס־קעמפער. פון 1847 — ביז 1879 געשריבן די טרילאָגיע „יאַהאַן טאָלדי", „טאָלדיס אָווענט", „טאָלדיס ליבע"—אין וועלכער ער גיט אַ טיפּ פון אַן אונגאַרישן

פאָלקס־אינטעליגענט און פרייהייט־
קעמפער. פאַראַן אַ סברה, אַז די
טרילאָגיע איז אַ.ס אייגענע ביאָגראַפיע.
נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד איז דער־
שטיקט געוואָרן, האָט אַ. זיך אָפּגעגעבן
אויסשליסלעך מיט ליטעראַטור. גע־
שריבן אין אַ האַרציקער פאָלקס־שפּראַך,
האָט ער דערוואָרבן אַסך לעזער און
בכלל געמאַכט צוטריטלעך די ליטע־
ראַטור פאַר די ברייטע פאָלקס־מאַסן.
געווען צוליב דעם זייער באַליבט.

ארבעט יאַקוב (1840 ○), טשעכי־
שער ראָמאַניסט, דער שעפער פונעם
טשעכישן רעאַליסטישן ראָמאַן. צו די
באַדייטנדיקסטע ווערק געהערן: „ביור־
טאַנס מוח", „אַנאַ מאַריאַ", „די באַ־
ריקאַדנקעמפער". אָנגעשריבן אויך אַ
ריי ביאָגראַפיעס פון טשעכישע קינסט־
לער.

ארגונאָוו אַנדריי (1866 ○), רוסי־
שער ס.ר.ישער פובליציסט; זינט די
יונגע יאָרן איז ער געווען אַ ס.ר.־
שער אַגיטאַטער, אויסגעאַרבעט דעם
פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי ס. ר. —
ד. יאָר 1901 געגרינדעט דעם ערשטן,
אין רוסלאַנד, אומלעגאַלן ס.ר.ישן זשור־
נאַל „דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד".
1909 גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין
דעם דעמאַסקירן דעם באַרימטן פּראָ־
וואָקאַטער יעוונאָ אַזעף. בעתן אויס־
בראָך פון דער וועלט־מלחמה איז אַ.
געשטאַנען בראש פון די „פּאַרטיידיק־
לער" — „סאָציאַליסטן", וואָס האָבן
געטענהט, אַז מען מוז פאַרטיידיקן דאָס
צאַרישע פאָטערלאַנד פונעם דייטשן
שונא. נאָך דער פעברואַר־רעוואָ־
לוציע געווען נאָנטער מיטאַרבע־
טער פונעם לעגאַלן ס.ר.ישן אָרגאַן
„נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", דעם אָרגאַן פון

רעכטן פליגל פון דער פּאַרטיי. היינט־
צוטאָג וווינט אַ. אויף עמיגראַציע.

ארגיריאַדעס פּאַוועל (1849–
1901), מאַקעדאָנישער סאָציאַליסט־טוער
און רעוואָלוציאָנער, נאַטוראַליזירט אין
פראַנקרייך. מיטגליד פון צענטראַלן
רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט 1871. אָנ־
געשריבן אַ בוך „פּרווו צו דערפאָרשן
דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם" און
אַ ריי אַנדערע. משך צוועלף יאָר
אַרויסגעגעבן אין פּאַריז אַן אַלמאַנאַך
„דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם".

ארגעלאַנדער פרידריך וויל־
העלם אויגוסט (1799–1875), דייט־
טשער אַסטראָנאָם, אָנגעשריבן אַסך
ביכער איבער אַסטראָנאָמיע. זיין וויכ־
טיקסטע אַרבעט איז אַ קאַטאַלאָג פון
די צפון־שטערן, אין וועלכן ער שטעלט
פעסט דאָס אָרט פון 324.198
שטערן.

ארדיגאָ ראָבערט (1828 – 1884),
איטאַליענישער פילאָזאָף, דער פאָר־
שטייער פונעם פּאָזיטיוויזם אין איטאַליע.
אַ זאַמלונג זיינע פילאָזאָפישע אָפּהאַנד־
לונגען איז אַרויס ד. יאָר 1882 אָ. נ.
„פילאָזאָפישע מאמרים".

ארטוזי דזשאָוואַני מאַריאָ
(1545–1613), אָנגעזעענער איטאַליעני־
שער מוזיק־טעאָרעטיקער. געהערט צו
דער קאָנסערוואַטיווער שול אין דער
מוזיק.

ארטיאָמאָווסקי־הולאַק פּיאָטר
(1790–1865), אָנגעזעענער אוקראַיִנישער
שרייבער, פאַרנעמט אַ חשוב אָרט אין
דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור. שטאַרק
פּאָפּולער זענען ביז נישט לאַנג געווען
אַסך פון זיינע לידער, ווי אויך די
פאָלקס־מעשה „דער באַלעבאָס און דער
הונט".

אריאבהאטא (476—550), אינדישער מאַטעמאַטיקער, פריידענקער. ווערט געהאַלטן פאַר איינעם פון די הויפּט-שעפער פון דער מאָדערנער אַלגעבּרע.

אריאַנעס פלאַוויוס (96—180), גריכישער שרייבער אויס דער רוימישער עפּאָכע, היסטאָריקער און געאָגראַף. דאָס וויכטיקסטע ווערק איז, אָן ספק, „אַנאַבּאַסיס" — די געשיכטע פון אַלכּסנדר מוקדונס מאַרש איבער אַזיע. דאַן — „אינדיע", „אַ נסיעה איבערן שוואַרצן ים" א. אַנד.

אריאָסטאָ לאָדאָוויקאָ (1474—1533), איטאַליענישער שרייבער. זיין גרעסט ווערק איז אַ פּאָעמע אין 46 לידער „דער משוגענער אָרלאַנדאָ". דאָס בוך איז געוואָרן אַזוי באַרימט און באַליבט, אַז מ'האָט אַ נאָמען געגעבן „דער געטלעכער לאָדאָוויקאָ". אין דער פּאָעמע ווערט בולט אָפּגעשפּיגלט דער גייסט פון יענער צייט — דער גייסט פון דער לעבנסלוסטיקער, נאָר-וואָס-אויפגעקומענער, האָפענונגספולער בורזשואַזיע — דראַנג נאָך רייזעס, אַוואַנטורעס, אַנטדעקונגען פון נייע לענדער. דאָס בוך איז אָבער פולשטענדיק אידעענלאָז. — אַ. האָט נאָך אַחוץ דעם אָנגעשריבן פאַרשידענע קאָמעדיעס, סאַטירעס און עטלעכע עלעגיעס. אין דידאָזיקע אַלע ווערק קומען זייער דייטלעך צום אויסדריק די שטריכן פון זיין עפּאָכע: באַוועגלעכקייט און נישט שטאַנדהאַפטיקייט.

אריסטאָטעלעס — אַלט-יידיש: אַריסטו (384—322 פאַר קר. געב.), איינער פון די גרעסטע מוחות אין דער מענטשלעכער געשיכטע, דער גרעסטער דענקער פונעם אַלטן גריכנלאַנד; געאַרבעט און געשריבן איבער

אַלע וויסנשאַפטן, וואָס די דעמאָלטיקע וועלט האָט געקענט; באַגרינדעט און סיסטעמאַטיזירט אַ ריי וויסנשאַפטן און זיי געגעבן אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרעם. אין דער געשיכטע פון יעדער וויסנשאַפט איז אַ.ס שטאַנדפּונקט אַ וויכטיקער עטאַפּ-פּונקט. זיין לאָגיק איבערלערע און דערקענטעניש האָט אָנגעהאַלטן ביזן טיפן מיטלעלטער — אַן ערך 2000 יאָר נאָך זיין טויט. — זיין פאָטער איז געווען אַ רופא אויפן הויף פון מאַקעדאָנישן מלך אַמינטאַ. דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אַ.ס ווילן אַלץ צו זען ממש, צו דערגרונטעווען אַלץ ביזן סאַמע סוף, און נישט פאַרלאָזן זיך אויף קיין סתם סברות. צו 17 יאָר געקומען קיין אַטען און אַריינגעטראָטן אין פּלאַטאָנס (ז.) שול, ווו ער איז געווען 20 יאָר — ביז פּל.ס טויט. צו יענער צייט אָנגעשריבן אַ סעריע דיאַלאָגן (וואָס האָבן זיך נישט דערהאַלטן ביז היינט), אין וועלכע ס'איז קענטיק די השפּעה פון פּלאַטאָנען. ד. יאָר 343 רופט אים אַרויס דער מאַקעדאָנישער קעניג, ער זאָל דערציען זיין 13-יעריקן זון אַלעקסאַנדער, דעם שפּעטער-באַרימטן אַלעקס. מוקדון. אַ. האָט אויף אַל. מוקדון געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג, און אויב אַל. מוקדון איז געווען דער גרעסטער קאָפּ פון צווישן אַלע מלוכה-מענער בשעתו, איז עס געוויס צו פאַרדאַנקען אַ.ן. ווען אַל. לאָזט זיך אַוועק אין זיין מלחמה קעגן פּערסיע, פאָרט אַ. אַריבער קיין אַטען און עפנט דאָרט זיין שול, לעבן דעם טעמפּל פון אַפּאָלאָניוס אויס ליקיי, און דערום ווערט זי אָנגערופן ליקיי (ליצעום). אין דערדאָזיקער שול אַרבעט אַ. משך 12 יאָר (335—323), דורך דער צייט אויך אָנגע-

וויקלט אַ קאָלאָסאַלע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַרישע און לערערישע טעטיקייט, אויף וועלכער ער האָט פאַרטון אַסך מאַטעריעלע מיטלען — צום טייל זיינע אייגענע, צום טייל, וואָס ער האָט באַקומען פון אַלעקסאַנדערן. אין זיין שול האָט ער זיך געפירט אויף אַזאַ שטייגער: ער האָט צעטיילט צווישן די שילער די אַרבעט איבער די פראַגן, וואָס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אין שול און זיי באַגייסטערט, געהייסן אַרבעטן און צונויפגעשמאָלצן די שול אין איין גאַנצקייט. נאָך אַלעקסאַנדערס טויט (323) איז אין אַטען אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד קעגן דער מאַקעדאָנישער העגעמאָניע; אַ.ן, וואָס איז געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דער מאַקעדאָנישער דינאַסטיע, האָט מען באַשולדיקט אין גאָטלעסטערונג; ער האָט געמוזט אַנטלויפן קיין האַלקידע, ווו ער איז אינגיכן געשטאָרבן פון זיין אַלטער מאָגן־קראַנקייט. זיין וויכטיקסטן פאַרמעג — די גרעסטע ביבליאָטעק צו יענער צייט — האָט ער איבערגעלאָזט בירושה זיין תלמיד טעאָפראַסטעס, וואָס ער האָט אים אויך באַשטימט פאַר אָנפירער מיט דער שול. — אַחוץ די פּאָפּולערע אויסגאַבעס, וואָס אַ.האָט אַליין אַרויסגעגעבן — דאָס רוב אין דיאַלאָגישער פאָרעם — האָט ער, צוזאַמען מיט זיינע שילער, — צונויפגעשטעלט אַ ריי גרויסע זאַמלונגען וויסנשאַפטלעכע מאַטעריאַלן און קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער דער וויסנשאַפט פון די אַלט־גריכישע געלערטע. צווישן זיי איז געווען אַ ריזיק ווערק איבער זאָאָלאָגיע (מיט בילדער), ווי אויך אַ ריי כתבים פון רעטאָרישן, געשיכטלעכן און יורידישן אינהאַלט, — צ. אַ. אויך אַ קאָלאָסאַלע זאַמלונג 158 קאָנסטיטוציעס פון אַלט־גריכישע מלוכות. דידאָזיקע אַלע שריפטן האָט מען ביז גאָר נישט לאַנג געהאַלטן פאַר פאַרלוירן, און ערשט די 90ער יאָרן פאָריק י״ה האָט מען זיי געפונען. פאַראַן דאָרט אויך די „קאָנסטיטוציע פון אַטען״, וואָס וואַרפט אַ העלע שיין אויפן גאַנצן אַטענישן סדר ד. 4טע י״ה פאַר קר. — די גרעסטע טייל זיינע ווערק האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביז היינטיקן טאָג. אין דידאָזיקע ווערק זענען מיר אַ גענויע פאָרמולירונג פון די פּראָבלעמען און אַ פיינע טערמינאָלאָגיע, וואָס אַ. האָט אַליין באַשאַפן. כמעט אומעטום האָבן מיר אַ קריטיק פון די פריערדיקע טעאָריעס, ס׳ווערן אַרויסגעבראַכט פאַרשידענע שטאַנדפונקטן און לסוף ווערט אַרויסגעזאָגט זיין, אַ.ס, שטאַנדפונקט, דערביי באַנוצט ער זיך מיט אומגעהייער־רייכן פאַקטישן מאַטעריאַל.

דעם וויכטיקסטן איינפלוס אויף די שפּעטערדיקע דורות האָבן געהאַט אַ.ס לאָגישע טעאָריעס, זיין פיזישע וועלט־אָנשויונג איבער דער נאַטור און זיינע געזעלשאַפטלעך־עטישע טעאָריעס. אין דער ל אָ ג י ש ע ר דערקענטעניש־לערע גייען אַריין 5 ביכער, וואָס האָבן די שפּעטערדיקע יאָרן באַקומען דעם נאָמען „אָרגאַנאָן״. דידאָזיקע 5 ביכער הייסן: „קאַטעגאָריעס״, „איבערן אויספאָרשן״, „אַנאַליטיק״ (2 בענד) און „טאָפּיקאַ״. זיינע אויספירן האָבן געהערשט משך דעם גאַנצן מיטלעלטער; ערשט די אויפקומענדיקע דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישע פילאָזאָפיע האָט זיין דערקענטעניש דורך טעאָריע, אַבסטראַקציע און סברה פאַרביטן אויפן מעטאָד פון עקספּערימענט, אינדוקטיווער דערפאַרונג און מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג.



אַריסטאָטעלעס



הענריק יאָהאַן איבסען

געאָרג בראַנדעס

זיגריד אונדסעט

האַנס כריסטיאַן אַנדערסען

זיין פ י ז י ש ע וועלטאָנשויונג אַנטהאַלט אַכט ביכער: „פיזיק”, צווישן וועלכע ס'איז אויך פאַראַן אַ ספר „מעטאַפיזיק”, 4 ביכער „וועגן דעם הימל”, 2 ביכער „איבער אָפשטאַם און אומקום”, 4 ביכער „מעטעאָראָלאָגיע”, 9 ביכער זאָאָלאָגיע, צו איין בוך איבער באָטאַניק, איבער טיילן פון חיות, איבער באַוועגונג פון חיות, איבער אָפשטאַם פון חיות, איבער עטעמען, איבער פילבאַרקייט און, לסוף, 3 ביכער — „איבער דער נשמה”. אַ. באַקעמפט דאָ פלאַטאָנס טעאָריע איבער דער „טאָפלקייט” פונעם מענטשלעכן לעבן און פירט־אויס, אַז ס'איז פאַראַן א י י ן וועלט — די, וואָס מיר פילן מיט אונדזערע חושים. יעדע זאַך אין דער פיזישער וועלט איז אַ יחיד פאַר זיך; יעדע זאַך קומט־אויף אַדאַנק דער פאַרייניקונג פון אַ פאַסיוון עלעמענט פון „מאַטעריע” מיט אַן אַקטיוון עלעמענט פון „פאָרעם”. אַלע געשעענישן אין לעבן, האָט געהאַלטן אַ., זענען אַ פאַרווירקלעכונג פון מעגלעכקייטן, וואָס האָבן שוין פריער עקזיסטירט; דעמדאָזיקן איבערגאַנג פון מעגלעכקייטן צו אויספירונג האָט אַ. אָנגערופן „ענערגיע” און „ענטעלעכיע”. — ווי מיר זעען, איז עס אַ המשך פון פלאַטאָנס אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע: יעדע זאַך איז פון פאָרויס באַשטימט, יעדער פ י ז י ש ע ר אָביעקט לעבט זיך אויס אין זיין ג ײ ס ט י ק ע ר מעגלעכקייט — און נישט, אַז יעדע דערשיינונג איז אַ רעזולטאַט פון קאַמף פון קעגנזאַצן. — אָבער נישט געקוקט דערויף, זענען זיינע אויספירן געווען אָן אָן ערך העכער פון זיינע צייט־פילאָזאָפיעס מיט זייער „מאַגישן” קוק אויף דער וועלט — ער האָט געפרווט אויף אַ ראַציאָנעלן אופן אַוועקשטעלן די וויסנשאַפט.

צו זיינע ג ע ז ע ל ש אַ פ ט ל ע ך - ע ט י ש ע טעאָריעס געהערן עטלעכע ווערק אונטער איין נאָמען „עטיק”. דער העכסטער ציל פאַרן מענטשן איז — רעכטפאַרטיקייט, אָבער נאָר מיט דער הילף פון שכל. די עטישע מידות פאַרנעמען אַ צ ו ו י ש ן -פּאָזיציע צווישן די צוויי עקסטרעמען: אַזוי למשל, פאַרנעמט דרייסטקייט אַ מיטלפאָזיציע צווישן פחדנות און משוגענע אַנטשלאָסנקייט, צדקה — צווישן קאַרגשאַפט און הולטייסטווע; אומאָפהענגיקע גייסטיקע הויכקייט — צווישן זעלבסדערנידערונג און גרויסהאַלטונג אאַוו. פאַר אַ באַזונדער גרויסע מעלה האַלט אַ. די פ ר ײ נ ד ש אַ פ ט. אין זיין ווערק „פּאָליטיק” פירט ער אויס, אַז דער מענטש איז „אַ געזעלשאַפטלעכע חיה” און אַז ער קאָן אַנטוויקלען זיינע אַלע מעגלעכקייטן בלויז אין דער געזעלשאַפט. די ערשטע פאָרעם צוזאַמענלעבן איז — די משפחה, די לעצטע — מלוכה. די אויפגאַבּ פון דער מלוכה איז צו פאַרזיכערן וווילשטאַנד אַלע בירגער. דאָס איז דער א ײ נ צ י ק ע ר אָביעקטיווער מעסטער, מיט וועלכן מען קאָן מעסטן, צי אין דער געגעבענער מלוכה איז „גוט”, צי „שלעכט”. דערפון דרינגט אַ. אַרויס דריי „גוטע” פאָרמען מלוכישע אָרדענונג: מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטישע רעפובליק, און דריי „שלעכטע” פאָרמען: טיראַניי, אָליגאַרכיע און הערשאַפט פונעם המון. — אַ. באַהאַנדלט גענוי די פאָרמען, ווי אַזוי איין סדר ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטן א.אַ.וו. — כאָטש ער פאַרלאַנגט פאַר די שקלאַפן מענטשלעכע באַהאַנדלונג, איז ער אָבער

קאַטעגאָריש קעגן אײַנגאַנצן אונטערברענגען די שקלאַפעריי. די שקלאַפעריי איז דאָך אײנס פון די מיטלען, ווי דער בירגער קען זיך פאַרזיכערן זײַן וווילשטאַנד. אפילו די נאַטור אַלײן האָט אַזוי צעטײלט די מענטשן: האַרן און שקלאַפן. די קונסט (זײַן בוך „פּאָעטיקאַ") דאַרף נאָכמאַכן די נאַטור, אָבער אין אַן אידעאַלער פאָרעם. זי דאַרף אָפּשפּיגלען די ווירקלעכקייט אויף אַזאַ אופן, אַז דער מענטש זאָל דערהויבן ווערן און זיך לײַטערן דורך איר.

פון אַ.ס ווײכטיקסטע תּלמידים וועלן מיר אָנמערקן: טעאָפראַסטעס, מחבר פון אַ רײ ווײכטיקע ווערק איבער באָטאַניק און קאָנקרעטער פּסיכאָלאָגיע, און עודעמוס, באַקאַנט, אַלס וויסנשאַפט־היסטאָריקער און קאָמענטאַטער פון אַ.ס ווערק.

אַ.ס ווערק זענען שוין אַסך מאָל אַרויס און אין כמעט אַלע שפּראַכן אין דער וועלט. אָבער די פולשטענדיקסטע אויסגאָב איז פון דער בערלינער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

אריסטאָפאַנעס (385–450 פאַר קריסטוס געב.), גריכישער דראַמענדיכטער, אָנגעשריבן איבער 40 ווערק. ער האָט געוווינט אין דער אַטענישער רעפּובליק, ווו די מלוכה איז אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ דעמאָקראַטישער פאָלקס־רעגירונג. אַ., ווי דער פאָרשטייער פון דער גרויס־אַריסטאָקראַטיע, לאַכט אויס דידאָזיקע דעמאָקראַטיע און מאַכט זי צו קלײנגעלט. אין זײַנע קאָמעדיעס „די בבלער", „די רײַטער", „די בינען", „די פרוי אין דער פאָלקס־פאַרזאַמלונג" מאַכט ער גרויס חוזק פון דעם געדאַנק פון

געזעלשאַפטלעך אײגנטום, וואָס איז דאַן אַנטשטאַנען און די נידעריקע קלאַסן. באַזונדער גרויס איז זײַן סאַרקאַזם אין „די אַכאַריער" און „ליזיסטראַטאַ"— דאָרט לאַכט ער אויס די רעזולטאַטן פון דער פּעלאָפּאָנעזישער מלחמה, וואָס האָט זיך שווער אָפּגערופן אויף די פּריצים. — ס'איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז צוזאַמען מיט זײַן פּאָליטישן קאָנסערוואַטיזם איז ער אָבער זײער ראַדיקאַל אין דער געטער־פראַגע. אין זײַנע קאָמעדיעס באַקומט די רעליגיע אויך אַ גאַנץ היבשן גאָב. זײַן שפּראַך איז אַ דרײסטע, אַן אָפענע; אַלץ רופט ער אָן בײַם וואָרן נאָמען, אפילו די מיאוסטע זאַכן. פאַר דער שפּראַך פון זײַנע ווערק האָט ער געשעפּט דעם זשאַרגאָן פון די נידעריקסטע שיכטן: מאַטראָזן, גאַסנמײדלעך, הענדלערס אאַוו. — דאָס גיט־צו זײַנע ווערק זײער אַן אָריגינעלע פאָרעם.

אריסטאָקסענעס (302–354 פאַר קר. געב.), גריכישער מוזיק־טעאָרעטיקער, אַ תּלמיד פון אַריסטאָטעלעסן, מחבר פון איבער 400 אַרבעטן אויס זײַן געביט, וואָס פון זײ זענען צו אונדז דערגאַנגען צוויי: „די יסודות פון האַרמאָניע" און „די יסודות פון ריטמיק". דער גרינדער פון דער לערע איבער דעם אויפנעמען מוזיק.

אריסטאַרכעס פון סאַמאָס (סוף 4 און אָנהײב 3 י"ה פאַר קר.), באַרימטער גריכישער אַסטראָנאָם, דער „קאָפּערניק פון אַלטערטום"; דער ערשטער, וואָס האָט געלערנט איבער דער באַוועגונג פון דער ערד אַרום דער זון און פון דער ערד גופא אַרום איר אַקס. צו אונדזער צײַט איז דערגאַנגען זײַן ווערק „איבער דער לאַגע

און דער גרויס פון דער זון און לבנה;
דאָס ווערק אַנטהאַלט אַן אוצר ריכ-
טיקע געדאַנקען און שאַרפזיניקע מע-
טאָדעס. פאַר זיין לערע איז אַ. געווען
באַשולדיקט אין גאָטלעסטעריי און גע-
מוזט אַנטלויפן פון אַטען.

אריסטיפעס (5 י״ה פאַר קר.
געב.), גריכישער פילאָזאָף, דער וואָרט-
זאָגער פון דער אַריסטאָקראַטיע. האָט
געלערנט, אַז אין צענטער פון דער
וועלט שטייט דער מענטשלעכער „א י ך״.
דער פאַרנינפטיקער מענטש דאַרף
„אַנטלויפן פון דער וועלט״ און זיך
אָפּגעבן נאָר זיך. דער ציל פון אַלע
מענטשלעכע שטרעמונגען איז — דאָס
ג ל י ק. דער מענטש דאַרף אָנפילן
דאָס גליק מיט פאַרנינפטיקן אינהאַלט.

ארכילאָכעס (ערשטע העלפט 7
י״ה פאַר קריסטוסן), אַלטגריכישער
לירישער דיכטער, אָנטיילגענומען אין
אַסך קאַמפן, אומגעקומען אין אַ שלאַכט.
זיין ליריק, פראַכטפול לויט דער פאָרעם,
שפיגלט־אָפּ זיין שטורמיש לעבן און
דערוועקט צו העלדנטום.

ארכימעדעס (287–212 פאַר קריס׳
געב.), דער גרעסטער מאַטעמאַטיקער
פון אַלטערטום. אַלע זיינע אויספירן
באַגרינדעט ער מיט אַזאַ אייזערנער
מאַטעמאַטישער גענויקייט, וואָס איז
געווען אַ נייס אין זיין צייט. געמאַכט
אַ ריי פיזישע און מאַמעטאַמישע אַנט-
דעקונגען, ווי די דערפינדונג וועגן
שרויף; די דערפינדונג איבערן קער-
פער, וואָס ווערט איינגעטונקען אין
פליסיקייט, שטופּט אַרויס פון איר
אַזויפיל אַרומנעם, וויפל ס׳וועגט דער
געגעבענער קערפּער. ווען די רוימישע
חילות האָבן באַלאַגערט סיראַקוז (ווו
ער איז אויך געהרגעט געוואָרן), האָט

ער אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג
און אַנטדעקט פאַרשידענע משא-הייבנ-
דיקע מאַשינען, צ. אַ. דעם פּאָליס-
פּאַסט, ווי אויך מאַשינען צו וואַרפן
שווערע קוילן (די אורפאָרעם פון די
היינטצייטיקע האַרמאַטן). זיינע מיטלען
אויסצופירן געאָמעטרישע אויסרעכע-
נונגען זענען אַזוי פינקטלעך און
פּרעציעז באַרעכנט, אַז זיי דינען נאָך
ביז היינט. אַלע פראַגן פון מעכאַניק
לייזט ער מיט געאָמעטרישע מיטלען.
צו אונדז זענען דערגאַנגען זיינע
פאָלגנדיקע ווערק: צוויי ביכער איבער
דער גלייכגעוויכט פון פלאַכע פיגורן
און אַ בוך איבער דער קוואַדראַטור
פונעם פאַראַמבאָל; אַ בוך איבער מע-
כאַנישן מעטאָד צו געאָמעטריע (גע-
פונען ד. יאָר 1907); צוויי ביכער
איבער דער קויל און אַ צילינדער;
אַ בוך איבער קאַלאָידן און ספעראָידן;
אַ בוך איבערן אויסמעסט פון אַ קרייז;
„פּסאַמיט״, אַ מיטל איבערצוציילן
זאַמד; אַ בוך איבער ספּיראַלישע
ליניעס; צוויי ביכער איבער שווימענ-
דיקע קערפּערס; „סטאָמאַכאָן״, איבער
דעם איבערשטעל פון פלאַכע פיגורן.

ארמאַנד א י נ ע ס (1875–1920), רו-
סישע פּובליציסטין און רעוואָלוציאָנערע
טוערין — „דער טיפּ פון דער נייער
פרוי״, ווי מ׳האָט אויף איר געזאָגט
אין ראַטנפאַרבאַנד. געשטאַמט פון אַ
פראַנצויזישער גרעפישער פאַמיליע, האָט
זי שוין פון די יונגסטע יאָרן זיך
פאַרינטערעסירט מיט געזעלשאַפטלעכע
פראַגן, דאַן זיך אָנגעשטויסן אויפן
סאָציאַליזם און זינט 1904 באַהאַפטן
איר לעבן אויף שטענדיק מיטן אַרבע-
טערקלאַס, געוואָרן מיטגליד פון דער
פּאַרטיי ס. ד., אַוועק צו די באָלשע-

וויקעס. עטלעכע מאָל אַרעסטירט און פֿאַרשיקט געוואָרן. ד. יאָר 1913 געווען רעדאַקטערין פֿון דער באָלשעוויסטישער פּראָווינץ־צייטונג „די אַרבעטערין“. בעת דער מלחמה געווען אין אויסלאַנד, אָנטיילגענומען אין פֿאַרשידענע קעגנ־מלחמה־קאָנפֿערענצן. נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש פֿאַרנומען אַ ריי הויכע אַמטן. 1920 געפֿאָרן מיטן זון צו היילן אים קיין קאַווקאַז, אין סאַמע פֿייער פֿון בירגערקריג; דאָרט האָט זי זיך אָנגעשטעקט מיט כאָלערע און געשטאָרבן.

אַרמסבי הענריך פּרענטיס (1853–1921), אַמעריקאַנישער פֿיזיאָלאָג, אויפֿגעטון אַסך אויף דעמדאָזיקן געביט. באַשאַפֿן אויף דער פּענסילוואַנישער סטאַציע פֿאַר בהמות אַן איינציקן אין זיין מין קאַלאָריעמעטער אויף אויסצופֿאָרשן דעם אומבייט פֿון ענערגיע ביי די שטוביקע בהמות. זיין באַקאַנטסט בוך איז „די פּרינציפּן פֿון בהמישער באַשפּייזונג“.

אַרמסטראָנג וויליאַם דזשאָרדזש (1824–1910), ענגלישער דערפֿינדער אויפֿן הידראַולישן געביט. ד. יאָר 1850 האָט ער דערפֿונדן אַ הידראַולישן אַקומולאַטער, וואָס האָט דערמעגלעכט צו באַנוצן וואַסער אין די פֿאַרשידנסטע אופֿנים.

אַרנאָ אַנטואַן (1837–1885), פֿראַנצויזישער פּובליציסט, רעוואָלוציאָנער, מיטגליד פֿון 1טן אינטערנאַציאָנאַל, קאָמונאַר. ד. יאָר 1870 רעדאַגירט די רעוואָלוציאָנערע צייטונג „מאַרסעליעזע“. בעתן אויסברוך פֿון דער פּאַריזער קאָמונע אָנטיילגענומען אין די גאַסנשלאַכטן, 28 מערץ באַשטימט געוואָרן פֿאַר איר סעקרעטאַר. ביזן לעצטן מאָמענט, ווען טיערס מיליטער האָט שוין אַריינגעמאַרשירט אין שטאָט אַריין, איז אַ. געבליבן אויפֿן פּאָסטן, אונטערגעשריבן די לעצטע באַפֿעלן וועגן באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד. — בעת דער בלוטיקער מאַי־וואָך זיך אויסבאַהאַלטן אין פּאַריז, אָבער די בלוטהינט האָבן אים נאָכגעשפּירט; אַ. האָט זיך קוים געראַטעוועט און אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד; נאָך דער אַמנעסטיע האָט ער זיך אומגעקערט און קורץ דערנאָך געשטאָרבן אין נויט. ביז צום לעצטן אָטעם געבליבן אַ רעוואָלוציאָנער.

אַרנאָלד עדווין (1831–1904), ענגלישער דיכטער און פּובליציסט, איינער פֿון די וויכטיקסטע פֿאָרשטייער פֿון רעליגיעז־פֿילאָזאָפֿישן אידעאַליזם. ד. יאָר 1879 אַרויסגעלאָזט אַ פּאָעמע „דאָס ליכט פֿון אַזיע“ — אַן אַפּאָטעאָז אויף בודאַס לעבן און לערע, וואָס ווייזט אויף גרויס בקיאות אין דער מזרחדיקער מיסטיק און רעליגיע־וויסנשאַפֿט. אין זיין פּובליציסטישער אַרבעט איז אַ. געווען אַ געטרייער דינער פֿונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם.

אַרנו אַרטור (1833–1895), פֿראַנצויזישער שרייבער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער. בעת דער צווייטער אימפּעריע איז אַ. געווען רעדאַקטער פֿון דער דעמאָקראַטיש־ליבעראַלער „געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג“. בעת דער פּאַריזער קאָמונע געווען אַ מיטגליד פֿון ראַט, געהערט צום מעסיקן פֿליגל. נאָך דעם דערשטיקן די קאָמונע איז אַ. אַנטלאָפֿן אין דער שווייץ, דערנאָך קיין בראַזיליע. ד. יאָר 1880, נאָך דער אַמנעסטיע, זיך אומגעקערט, אָנגעשריבן „די געשיכטע פֿון דער פּאַריזער קאָמונע“ און עטלעכע סאָציאַלע ראָמאַנען.

אויף יידיש: אַ קיצור: „די מתים פֿון דער קאָמונע“.

אַרנים בעטינאַ פאָן (1785–1859), די פרוי פון לודוויג יאָאַכים אַ. — דייטשע ראָמאַנטיקערין, געפירט אַ לעבהאַפטן בריוו-אויסטויש מיט י. וו. געטע. ד. יאָר 1835, נאָך געטעס טויט, האָט זי אַרויסגעלאָזט „געטעס בריוו-אויסטויש מיט אַ קינד" — גע-קליבענע בריוו פון געטען צו איר. געהאַט אַן אינטערעס פאַר סאָציאַלע פראַגן און געשריבן אין ליבעראַלן גייסט. אירע צוויי פאָפולערסטע ראָ-מאַנען זענען געווען: „דאָס בוך גע-הערט דעם קעניג" און „שמועסן מיט די דעמאָנען" — האָבן געהערט צו די צומיינסט-געלעזענע ביכער אין די 90ער יאָרן פאָריק י"ה.

אַרנים לודוויג יאָאַכים (1781–1831), דייטשער ראָמאַנטיקער און פאָלק-לאָריסט. געהערט אין זיין צייט צו די באַליבטסטע ראָמאַניסטן. צו זיינע באַקאַנטסטע ווערק געהערן: „גרעפין דאָלאָרעס' אָרעמקייט", „רייכקייט, זינד און תשובה", „די היטער פון דער קרוין". צוזאַמען מיט זיין שוואָגער ברענטאַנאָ (ז.) אַרויסגעגעבן אַ פאָלקלאָריסטישן זאַמלבוך „דעם יינגלס וווּנדערהאָרן", וואָס וואַריאַנטן פון אים זענען נאָך פאַראַן ביז היינטיקן טאָג. צוזאַמען מיט ב.ן אויך אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל פאַר די יונגע ראָמאַנטיקער „דאָס בלאַט פאַר נזירים".

אַרנע אַנטי אַמאַטוס 1867–1925, פינלענדישער מעשהלעך-פאָרשער. גע-שריבן „פאַרגלייכנדיקע מערכן-פאָרשונ-גען" און „די צויבער-מעשיות", אַ פאַר-גלייכנדיקע שטודיע. אויך פאַרעפנט-לעכט אַ גרויסע אָפהאַנדלונג איבער דעם מעשהלע-עלעמענט אין דער וועלט-ליטעראַטור.

אַרסעניעוו קאָנסטאַנטין (1837–1919), רוסישער ליבעראַלער פובליציסט און געזעלשאַפטלעכער טוער, **רעדאַק-טער** פונעם „מבשר פון **אייראָפע**" — אַ זשורנאַל, וואָס האָט **אינעם רוסישן** פאָליטישן לעבן געשפילט **אַ גאַנץ** חשובע ראָל. ער איז אויך געווען איינער פון די רעדאַקטערס **פון בראָק-**האַוזס ענציקלאָפעדיע; גרינדער פון דער „פאַרטיי פאַר דעמאָקראַטישע רע-פאָרמען".

אַרעטינאָ פעטראָ (1492–1556), איטאַליענישער הומאַניסט און דיכטער. אין זיינע ווערק שפיגלט זיך בולט אָפ דער כאַראַקטער פון זיין צייט – מיטן ברייטן פאַרנעם אויפן געביט פון קונסט — זאָרגלאָזע אויסגעלאַסנקייט ביי די רייכע און נויט ביי די מאַסן, פון דער צווייטער זייט. געטריי גע-דינט זיינע אַדעליקע הערן און לויט זייערע פאַרלאַנגען און געשמאַק פאַר-פאַסט פאַמפלעטן, לירישע געדיכטן, סאַטירעס. קיין באַזונדערן ליטעראַרישן ווערט האָבן נישט זיינע שאַפונגען. אָנגעשריבן אַ ריי טראַגעדיעס „געזאַנ-גען" — אין פערזן, וואָס מאָלן אין בולטע פאַרבן דעם געשמאַק פון דער יענערצייטיקער געזעלשאַפט: הויפלייט, געלערטע, זעלנער, קורטיזאַנעס. פאַראַן אויך זיינע „בריוו".

אַרענדס הענרי (1878 ○), אַמע-ריקאַנישער סאָציאַליסט פון עקסט-רעמען פליגל, רעדאַקטער פון דער „אַרבעטער-צייטונג" אין וואַשינגטאָן, אָנגעזעענער רעפאָרמיסטישער פּראָפּע-סיאָנעלער טוער, זינט 1923 — וויצע-פּאָרזיצער פון דער וואַשינגטאָנער אַר-בעט-פעדעראַציע.

אַרענדעל טאָמאַס (1586–1646),

באַקאַנטער ענגלישער געאָלאָג, געזאַמלט אַ מענגע אַנטיקע שטיינערטאָוולען, וואָס מ'האָט אַ נאָמען געגעבן נאָך אים. צווישן זיי איז אויך פאַראַן די „פאַראָסישע כראָניק" — גריכישע געשיכטע, דערפירט ביזן 3טן י"ה פאַר קריסטוס' געב.

ארעניוס סוואַנטע אויגוסט (○ 1859), שוועדישער געלערטער, פיזיקער און כעמיקער. דירעקטער פון נאָבעל־אינסטיטוט פאַר פיזישער כעמיע. זיינע אַרבעטן נעמען־אַרום אַלע געביטן פון נאַטורוויסנשאַפט — פון אַסטראָנאָמיע ביז ביאָלאָגיע. אַ. האָט אָנגעשריבן פיל ווערק אויס די אַלע געביטן. זייער פאָפולער איז זיין בוך „ווי אַזוי אַנטשטייען וועלטן", „די אַלוועלט", „די כעמיע און דאָס היינטיקע לעבן".

ארצט מיכאַל (1916—1840), פוילישער אַרויסגעבער און ענציקלאָפעדיסט, געגרינדעט דעם באַקאַנטן פוילישן פאַרלאַג מ. אַרצט אין וואַרשע. באַקאַנט פון זיין קלאַסישן „ווערטערבוך פון דער פוילישער שפראַך". פאַרפאַסט אויך אַ „ווערטערבוך פון 31.000 פרעמדע אויסדריקן".

ארצטאָווסקי הענריק (○ 1871), פוילישער מעטעאָראָלאָג און פאָרשער פון אַנטאַרקטידע. האָט גרויסע פאַרדינסטן אויפן דאָזיקן געביט. היינטצוטאָג אַרבעט אַ. אין וואַרשע.

ארציבאַשעוו מיכאַיל (1927—1874), רוסישער שרייבער, פאָרשטייער פון די ירידה־שטימונגען ביי דער רוסישער אינטעליגענץ אין די רעאַקציע־יאָרן, וואָס האָבן געלייגט זייער סטעמפל אויף זיין גאַנץ שאַפן. זיינע ערשטע ווערק זענען „לאַנדעס'ס טויט" און „סאַנין" — דאָס לעצטע ווערק האָט

אָנגעמאַכט אַ גרויסן רעש און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַסך שפראַכן; דאָס בוך האָט אויך געברענגט צו פראָצעסן איבער פאָרנאָגראַפיע אין רוסלאַנד, דייטשלאַנד, אונגאַרן. – אויב דאָס ערשטע ווערק איז געשריבן אונטערן איינפלוס פון טאָלסטאָיס מאָראַליזאַטערישע אידעען, איז „סאַנין" אינגאַנצן אַ געמיש פון רוסישער מאָראַליסטיק און אַ מין אייגנאַרטיקן ניטשעאַניזם: „דער מענטש דאַרף פריי און דרייסט זיך איבערגעבן אַלע תענוגים; צווישן אים און דעם גענוס טאָר גאָרניט עקזיסטירן"; קורץ — אַן „איך", וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט פאַר אונדז אין זיין גאַנצער גרייס. מען דאַרף פאַרגעסן אָן דער רעוואָלוציע, מען דאַרף לעבן אין פולן זינען פון וואָרט. אָבער דער קולט פון תענוגים, פון געניסן, האָט אויך זיין אַנטיטעזע: דער פחד פאַרן טויט. און דאָס ווערט אַ.ס צענטראַלע טעמע. אונטער איר פאָן דערשיינען „מיליאָנען", „דער אַרבעטער שעוויריאָוו", פיעסן: „מלחמה", „אייפערזוכט", „דאָס געזעץ פונעם ווילדן מענטשן" און דער גרויסער ראָמאַן „דער קלוב פון זעלבסטמערדער" (שפעטער געענדערט דעם נאָמען אויף „דער לעצטער שטריך"). אַ. האָט געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף דער פאַרלוירענער רוס. בורזש. אינטעליגענץ; לויט זיינע רעצעפטן האָט מען געגרינדעט „ליגעס פון פרייער ליבע", „סאַניניסטן-פאַריינען", א.ד.גל. נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש איז אַ. אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, אַ לענגערע צייט געשטאַנען בראָש פון דעם וואַרשעווער רוסישער טאָגבלאַט „זאַ סוואָבאָדו!" און געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן דעם ראַטנ-

פאַרבאַנד. געשטאָרבן אין וואַרשע.

אויף יידיש זענען פאַראַן כמעט אַלע א.ס בעלעטריסטישע ווערק.

ארצרוני אַנדרע (1898—1847), אָנגעזעענער מינעראַלאָג, באַקאַנט פון זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון קריסטאַלאָכעמיע און קריסטאַלאָפיזיק. צו זיינע וויכטיקסטע ווערק געהערן: „די פאָרשונגען אויפן געביט פון כעמישער קריסטאַלאָגראַפיע" און „פיזיקאַלישע כעמיע פון קרישטאָלן".

ארקאָ געאָרג (1869 ○), דייטשער ראַדיאָטעכניקער. זינט 1903 דירעקטער פון דער ערשטער דייטשער ראַדיאָטעלעגראַפישער פירמע „טעלעפונקען". געשאַפן אין דייטשלאַנד די ערשטע ראַדיאָסטאַציעס.

ארקאדעלט יאַכעט (1557—1514), האָלענדישער קאָמפּאָזיטער, געוווינט און געשאַפן אין רוים. ער האָט אַנטוויקלט דעם מאַדריגאָל — אַ פאָרעם כאָראַלע לירִיק, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן באַטייט אין דער מערב־אייראָפּעישער מוזיק.

ארקאָס רענע (1881 ○), פראַנצויזישער שרייבער און עסייאיסט, באַגרינדער פון דער „עמאַציאָנעלער" פּאָעזיע. שפּעטער און רעדאַקטער פונעם זשורנאַל „אייראָפּע" (זשורנאַל פאַר אינטערנאַציאָנאַלער קולטור) מיט אַ נייגונג צו קאָסמישע טעמעס. בעת דער מלחמה — אַ קליינבירגערלעכער פאַציפיסט. אָנגעשריבן דאַן אַ בוך לידער: „דאָס בלוט פון אַנדערע", ראָמאַנען: „אַלגעמיינער ווילשטאַנד" און „קאַזאַרמע". געגעבן זיין חתימה אונטער ראָלאַנס קעגנמיליטאַריסטישן מאַניפעסט — 1919 „דעקלאַראַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט פון גייסט",

פון פּאָליטישער אַרבעט שטייט אַ גאַנץ ווייט.

ארקרייט ריטשאַרד (1792—1732), ענגלישער מעכאַניקער־דערפינדער. ד. יאָר 1768, צוזאַמען מיטן זייגערמאַכער קעי אויפגעבויט די וועבעריי־מאַשין „יעני", וואָס איז געגאַנגען מיט בלויזער וואַסערקראַפט. פאַראַן אַ סברא, אַז דער אמתער דערפינדער איז געווען קעי. פאַר זיינע, אַ.ס, וויסנשאַפטלעכע אויפטוען, האָט אים דער ענגלישער קעניג אַריינגענומען אין אַדל.

אשעבערענער מיכאַיל (1842—1929), רוסישער ס.רישער טוער, געווען איינער פון די פירער פון דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע ביי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". אַלס אָפיציר, האָט ער ד. יאָר 1863 זיך אָפּגעזאָגט אָנטיילצונעמען אינעם דערשטיקן דעם פּוילישן אויפשטאַנד; מ'האָט אים דאַן פאַרשיקט, איז אַנטלאָפן און זיך גענומען מיט גרויס דערפאָלג צו אָרגאַניזירן די מיליטערישע אָפּטיילונג פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". מ'האָט אים פאַרמשפט צום הענגען, נאָר פאַרביטן אויף שליסלבורגער פעסטונג, ווו ער איז אָפּגעזעסן 21 יאָר. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז ער אַריינגענומען געוואָרן אינעם „מאָסקווער הויז פאַר די וועטעראַנען פון דער רעוואָלוציע". — אָנגעשריבן אַ בוך „זכרונות" און „די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ".

אשערזאָן פּאַול פרידריך אויגוסט (1913—1834), באַרימטער דייטשער באָטאַניקער־סיסטעמאַטיקער. אָנגעשריבן איבער 1.100 אַרבעטן איבער דער פלאָרע פון אייראָפּע, ליביע, נוביע, עגיפּטן. זיין לעצט ריזיק ווערק

איז „סינאָפּסיס פון דער מיטל־אייראָ־פּעישער פלאָרע״, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט 17 יאָר און נישט פאַרענדיקט.

אשקענאזי שמעון (○ 1867), היינטצייטיקער פּוילישער היסטאָריקער, פּראָפעסער פון לעמבערגער אוניווערזיטעט. זיין ספּעציעל פאָרש־פעלד איז דאָס 18טע און 19טע י״ה. אָנגעשריבן עטלעכע פונדאַמענטאַלע ווערק: „פּויליש־פּרייסישער בונד״, „צוויי יאָרהונדערטער״, „פירשט פּאָניאַטאָווסקי״, „פּוילן און רוסלאַנד 1815—1830״, „באַמערקונגען״ א. אַנד. — איינער פון די אידעאָלאָגן פון דער יידיש־פּוילישער אַסימילאַציע; אין זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען — פאַרביסענער רעאַקציאָנער.



ברוך שפּינאָזאַ — סקולפּטור פון מארק אַנטאָקאָלסקי

א

אַבלאַק וואַטראָסלאַוו (1864—1896), בולגאַרישער שפּראַכפאָרשער, צלייגט דעם גרונטשטיין פון דער בולגאַרישער און מאַקעדאָנישער עטנאָגראַפיע און פאָלקלאָר. זיינע אַרבעטן אויס דעמדאָזיקן געביט האָבן אַן ערשטראַנגיקן ווערט.

אַבסטערפעלדער סיגביאָרן (1866—1900), נאָרוועגישער דיכטער, געווינט כסדר אין פּאַריז. דער וויכטיקסטער פאָרשטייער אין דער נאָרוועגישער ליטעראַטור פונעם סימבאָליזם אין מעטערלינקס (ז.) זשאַנר. זיין סטיל איז לאַקאָניש און אויסדריקלעך; זיינע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיט אַ טיף־רעליגיעזער נאָטקע. צו די וויכטיקסטע ווערק זיינע געהערן: „דער רויטער זינגער" (אַ דראַמע), דער ראָמאַן „אַ ליבע־געשיכטע", „דער צלם" און „טאָגבוך פון אַ פּריסטער".

אָבער דאַניעל פראַנסואַ עספּרי (1782—1871), באַקאַנטער פראַנצויזישער קאָמפּאָזיטאָר. פון די באַקאַנטסטע אָפּערעס: „שניי", „דער פריי־מויערער", „שוואַרצע דאָמינאָ". אַ וועלטרום האָט אים פאַרשאַפט די אָפּערע „די לאָרנעטע פון פּאָרטיסי", וואָס האָט אויך אָ.ן אַוועקגעשטעלט בראש פון אַ נייער ריכטונג אין דער פראַנצויזישער מוזיק.

אַבערדיק יאָהאַן געאָרג קאָנראַד (1794—1880), אָנגעזעענער דייטשער פּאָמאָלאָג (אויבסט־פאָרשער), האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דערדאָזיקער וויסנשאַפט. אָנגעזאַמלט איבער 4000 מינים אויבסט. ווערק: „אילוסטרירטער האַנטבוך פאַר דעם אויבסט־וויסן", „קורצע געשיכטע פון מיין לעבן" א. אַסך אַנד.

אַבערפּען שאַרל (1835—1879), פראַנצויזישער ליטעראַטור־היסטאָריקער, באַקאַנט פון זיין גרינדלעכער „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער שפּראַך און ליטעראַטור אין מיטלעלטער".

אַבערניק קאַרל (1816—1855), אונגאַרישער נאַציאָנאַלער דראַמאַטורג, אַדורכגעפירט אין זיינע פּיעסן די טענדענץ פון פילאַנטראָפּיע, ווי די העכסטע מענטשלעכע טוגנט. האָט אים טאַקע די דעמאָלטיקע אַקאַדעמיע באַשאָנקען מיט אַ פּרייז פאַר זיין פּיעסע „דער פּרינץ און דער פויער". ס'איז אויך באַקאַנט זיין טראַגעדיע „געאָרג בראַנקאָוויץ". אַלע זיינע פּיעסן האָבן

געוואַט אין זיינער צייט גרויס דערפאָלג.

אָבראַדאָוויץ דאָסיטיע (1739—1811), סערבישער שרייבער און געלערטער, טעאָלאָג. פאַרפאַסט עטלעכע טיף-פילאָזאָפישע מוסר-ספרים, צ. אַ. „ראָטן פון געזונטן פאַרשטאַנד". געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן און געדרוקט אין דער סערבישער שפראַך. ביז אים האָט מען אין סערביע געדרוקט ביכער מיטן סלאַוויאַנישן א"ב.

אָברוטשעוו וולאַדימיר (° 1863), געאָלאָג און רייזנדער, אַסך אויפגעטון פאַרן אויספאָרשן בוכאַראַ און די איבערקאַווקאַזישע לענדערייען. געשריבן: „איבער כינע", „צענטראַל-אַזיע", „באַריכט פון דער רייזע" — אַ ווערטפולער דאָקומענט פאַר דער געאָגראַפיע פון יענע מקומות.

אָבריען וויליאַם (1852 — 1928), אירלענדישער פובליציסט און קעמפער פאַר אומאָפהענגיקייט, גרינדער פון דער ליגע „אַלץ פאַר אירלאַנד", פאַרמשפט געוואָרן מערערע מאָל צו תפיסה, אָנגעפירט מיט דער אירלענדישער פרייהייט-באַוועגונג ביז ד. יאָר 1918, ווען די „ליגע" האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער סין-פעניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָנגעשריבן עטלעכע ביכער: „אַן אַליוּנצווייג", „אָווגט-שטימונגען" און „די אירלענדישע רעוואָלוציע", (1923).

אָגאַריאָוו ניקאָלאַי (1813—1877), רוסישער דיכטער און פרייהייט-קעמפער, אַ נאָענטער פריינד פון אַ. הערצען (ז.). געווען עטלעכע מאָל אַרעסטירט פאַר געהערן צו אַ רעוואָלוציאָנער קרייזל, די אַ. ג. „אידעאַליסטן פון די 30ער יאָרן". 1857 אַרויסגע־

פאָרן קיין אויסלאַנד, ווו צוזאַמען מיט ה. אַרויסגעגעבן דעם ס.ר.ישן זשורנאַל „קאָלאָקאָל" (דער גלאָק). אַ טרוימערישע נאַטור, האָט ער געפאַטערט די ריזיקע ירושה פון זיין פאָטער (לערך אַ מיליאָן רובל) אויף מאַכן הנחות פאַר זיינע פויערן, פון וואָס ס'האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. זיינע לידער זענען אַדורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צום פויער, צו זיין היימלאַנד, צו אַ גערעכטיק לעבן; אין די 60—70ער יאָרן פון פאָריקן י"ה האָבן זיי געהאַט אַ גאַנץ גרויסן איינפלוס אויף דער דעמאָלטיקער רעוואָלוציאָנער־פאָלקיסטישער רוסישער אינטעליגענץ. זיינע בריוו צו הערצענען ווייזן אויף אַן אינטערעסאַנטן מענטשן, פול מיט ענטוזיאַזם צום פאָלק און גלייכצייטיק אַ שטרענגן שופט איבער זיך אַליין.

אָגניעוו ניקאָלאַי, פס"ד פון מיכאַיל ראָזאַנאָוו (° 1890), היינטצייטיקער רוסישער שרייבער, גענומען אַנענערגישן אָנטייל אין דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, געאַרבעט אין פאַרשידענע בלעטער, אונטער אַ 6—7 פסיידאָנימען, באַקאַנט בעיקר פון זיין בוך „טאָגבוך פון קאָסטיאַ ראַבצעוו"— 2 טיילן (פאַראַן אויף יידיש) — אַ בונט בילד פון דער נייער רוסישער יוגנט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די נייע סאָוויעטישע באַדינגונגען. דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ קאָלאָסאַלן אינטערעס אין דער גאַנצער אייראָפעיִשער לעזער-וועלט.

אָדאָיעווסקי אַלעקסאַנדער (1802—1839), רוסישער דיכטער, אָנטיילנעמער אין דער באַקאַנטער דעקאַבריסטן־פאַרשווערונג פון 1825; נאָכן אַנטדעקן די פאַרשווערונג האָט מען אָ.ן פאַרמשפט צו 15 יאָר קאַטאָרגע.

נאָך 7 יאָר — באַגנעדיקט. — נישט געקוקט דערויף, איז אָ. געבליבן געטריי צו זיינע איבערצייגונגען און אפילו געפרווט צו אָרגאַניזירן אויפסניי אַ רעוואָל. מיליטערישע אָרגאַניזאַציע אין קאַווקאַז. — זיינע לידער, ס׳רוב מיט אַ בולטער רעוואָל. טענדענץ, פלעגט ער נישט פאַרשרייבן. ערשט נאָך זיין טויט האָט זיינער אַן אומבאַקאַנטער פריינד אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג זיינע לידער.

אָדאָיעווסקי װלאַדימיר (1803—1869), אַלזייטיקער רוסישער שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער, געהערט צו דער ליבעראַלער ריכטונג פון זיין צייט, האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן פּאָפּולאַריזירן די קלאַסישע מוזיק אין רוסלאַנד.

אָדאָנאָוועז־ראָסאַ ירמיה (1831—1911), אירלענדישער נאַציאָנאַלער פּובליציסט און פרייהייט־קעמפער, געגרינדעט די באַקאַנטע נאַציאָנאַליסטישע צייטונגען „אירלענדיש פאָלק“, „דאָס פאַראייניקטע אירלאַנד“ א. אַנד. 1865 פאַרמשפט געוואָרן צום טויט. די אירלענדישע באַפעלקערונג האָט אים כמעט איינשטימיק אויסגעקליבן אין פאַרלאַמענט, נאָר די ענגלישע רעגירונג האָט נישט אָנערקענט די וואַלן; דאָך האָט זי אים ד. יאָר 1870 באַגנעדיקט און באַפרייט. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיך צוריקגעצויגן פון אַקטיווער אַרבעט.

אָדיניעץ אַנטאָני עדוואַרד (1804—1885), פוילישער דיכטער און דראַמאַטורג, אַ נאָנטער פריינד פון אַדאַם מיצקעוויטש (ז.), געזעסן אין תפיסה פאַר געהערן צו די פילאַרעטן, אַ האַלב מיסטיש־דעמאָקראַטישע

סעקטע, וואָס איר גייסטיקער פאָטער איז געווען מ. — געגרינדעט די פּראָגרעסיווסטע דאַן צייטונג „דער פריינד פון פאָלק“, דערנאָך רעדאַגירט דעם פאַרשפרייטסטן וואַרשעווער „קוריער וואַרשאַווסקי“. געשריבן אויך לידער און דראַמעס.

אָדבער עלאַס טעאָדאָר (1836—1904), שוועדישער היסטאָריקער און ליבעראַלער טוער. אָנגעשריבן אַסך ווערק אויפן געביט פון שוועדנס געשיכטע. זיינע לערנביכער צו געשיכטע ווערן נאָך ביז היינט גענוצט אין די שוועדישע שולן.

אָהם געאָרג (1787—1854), דייטשער געלערטער, אויפגעטון זייער אַסך אין דער עלעקטריציטעט.

אָהנע זשאָרזש (1848 — 1918), פראַנצויזישער שרייבער, דעמאָקראַטישער פּובליציסט, רעדאַגירט די דעמ. צייטונג „קאָנסטיטוסיאָנעל“. פון די בעלעטריסטישע ווערק: „די קאַמפן פון לעבן“, „די לעצטע ליבע“; זיין לעצט בוך איז „טאָגבוך פון אַ פראַנצויזישן בירגער אין פאַריז בעת דער מלחמה 1914—1918“, ווו ס׳איז אַפילו שטאַרק אַקצענטירט דער פאַציפיסטישער מאָמענט.

אָהריזקאָ יוזעפאַט (—1890), פוילישער שרייבער און פרייהייט־קעמפער, פּובליציסט, גרויסער פינאַנץ־קענער. באַקאַנט איז זיין קריטישע זאַמלונג פון אַלע פוילישע געזעצן אין 8 גרויסע בענד. אַן אָנטיילנעמער אינעם אויפשטאַנד פון 1863, האָט אים דער באַקאַנטער ווילנער תליון, גוב. מוראַוויאָוו, פאַרמשפט 1865 צום טויט, וואָס ס׳איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף 20 יאָר קאַטאָרגע.

אָווידיוס פּובליוס נאַזאָנוס (43 פאַר קר., 17 נאָך קר.) גרויסער רוימישער דיכטער, אַדורכגעמאַכט אַן אַוואַנטוריסטיש לעבן און געשטאָרבן אויף פאַרשיקונג אין געטנלאַנד (היינטיק רומעניע). פון די וויכטיקסטע ווערק זיינע: „העראָידעס" (בריוו פון פרויען פון גריכישע העלדן צו זייערע מענער), „אַמאָרעס", ליבע-עלעגיעס, „די קונסט פון ליבע", „רפואות צו ליבע" א. אנד. זיין וויכטיקסט ווערק איז אָבער „מעטאַמאָרפאָזן" (פאַרענדערונגען), וואָס ער האָט געענדיקט אויף פאַרשיקונג. דאָרט גיט ער אַן אייגנאַרטיקע געשיכטע פון דער וועלט זינט מעשה-בראשית ביז צעזאַרס פאַרוואַנדלט-ווערן אין אַ שטערן.

אָוסיאַניקאָ-קוליקאָווסקי, דמיטרי (1853—1918), רוסישער שפּראַכגעלערטער, אָבער באַרימט דער עיקר מיט זיינע ליטעראַטור-שטודיעס, וואָס האָבן ממש דערצויגן אַ גרויסן טייל רוסישע פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ. פירט דאָרט אַדורך דעם מאַטעריאַליסטישן אַנאַליז פון ליטעראַטור און ווערט דערום פאַרעכנט פאַר איינעם פון די פּיאָנערן אויף דעם געביט.

אָווערבעק יאָהאַנעס אַדאָלף (1826 — 1895), דייטשער אַרכעאָלאָג, זייער אַסך אויפגעטון אויפן געביט פון אויספאָרשן די אַלט-גריכישע געשיכטע. געשריבן אַסך אויס דעם געביט. צו די וויכטיקסטע ווערק געהערן: „קונסט-אַרכעאָלאָגישע פאָרלעזונגען", „מאַטעריאַלן צו דער צעוס-רעליגיע", „גריכישע קונסט-מיטאָלאָגיע".

אָווערסטאָן סעמיועל דזשאָן לאָרד (1796—1883), ענגלישער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט און פינאַנסשרייבער. געשריבן אַסך אָפּהאַנדלונגען אויס דער פינאַנס-וויסנשאַפט, וואָס בילדן דעם יסוד פאַר דער אָ. ג. קערענסי-טעאָריע.

אָווערקאָו טאָמאַס (1798—1873), דענישער דיכטער און ליטעראַטור-היסטאָריקער, אַקטיאָר, רעזשיסער און באַגאַבטער וואָדעוויל-שרייבער; אַרויסגעגעבן אויך דאָס ערשטע טעאַטער-בלאַט אין נאָרוועגיע „דאַגען". זיינע קאָמעדיעס און וואָדעווילן האָבן געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג; אַ טייל פון זיי ווערט געשפּילט נאָך ביז היינט. זיין וויכטיקסט ווערק איז: „געשיכטע פון דענישן טעאַטער" — אַ גרויסע אַרבעט אין 5 בענד.

אָוען ראָבערט (1771—1858), ענגלישער רעפאָרמלער, איינער פון די פאָרגייער פונעם מאָדערנעם סאָציאַליזם. צו 9 יאָר אָנגעקומען אין אַ מאַנופאַקטור-קראָם, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַריבער קיין מאַנטשעסטער, ווו ער איז אין עלטער פון 19 יאָר געוואָרן אַ פאַרוואַלטער פון אַ באַוול-פאַבריק מיט 500 אַרבעטער — צו יענער צייט האָט עס געהייסן איינע פון די גאָר גרויסע פאַבריקן. אַדאַנק זיין ענערגיע און אינטעליגענץ האָט זיך די פאַבריק אַרויסגערוקט אויפן ערשטן אָרט צווישן די ענגלישע באַוול-פאַבריקן. מיט דער צייט האָט זיך די פאַבריק פאַרברייטערט ביז 2000 אַרבעטער, דערפון 500 קינדער פון די אָרעמסטע היימען. אָ. האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זייער גורל, געגרינדעט פאַר זיי אָוונט-שולן, געעפנט עטלעכע קאָאָפּעראַטיווע קראָמען, איינגעפירט געוויסע סאַניטאַרישע איינריכ-

טאַנגען אין די היימען. דאָס האָט אים
געמאַכט אַ שם פאַר אַ פילאַנטראָפּ,
כאָטש ער האָט געוואָלט גיין ווייטער —
ער האָט געהאַט די אַמביציע צו ווערן
אַ געזעלשאַפטלעכער רעפאָרמלער. צו-
זאַמען מיט זיין פריינד, לאָרד שעפ־
טעסבערי, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ
קאַמפּאַניע אַדורכצופירן אין פּאַרלאַמענט
אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט אָנצונעמען
אין די פאַבריקן קינדער אונטער 9
יאָר — וואָס איז געקרוינט געוואָרן
מיט דערפאָלג. דאָס איז געווען דאָס
ערשטע אַרבעט־שוץ־געזעץ אין דער
וועלט. 1813 פאַרעפנטלעכט אָ גרויס
ווערק „די נייע געזעלשאַפט־לערע,
אָדער אָפּהאַנדלונגען איבער די יסודות
פון דעם שאַפן פון מענטשלעכן כאַ־
ראַקטער", אין וועלכן ער פירט־אַדורך
די טעזע, אַז דעם מענטשנס כאַראַק־
טער איז אַ פּראָדוקט פון זיין סביבה,
און אַז אויב מיר ווילן האָבן גוטע,
געזונטע דורות, מוזן מיר די קינדער
דערציען אין אַ געזונטער סביבה. —
אין דער ריכטונג האָט ער אויך גע-
פירט זיין אַרבעט, געשאַפן ביי זיין
פאַבריק פאַרשידענע היגיענישע און
סאַניטאַרע איינריכטונגען. 1815 אַרויס-
געטראָטן מיט אַ פאָרשלאָג צו אַלע
פאַבריקן אין ענגלאַנד, אַז קינדער
אונטער 18 יאָר זאָלן נישט מער אַר-
בעטן, ווי 10 און אַ האַלבע שעה אַ
טאָג; דער פּראָיעקט איז דורך אַ
גרופּע אָ.ס פריינד אַריינגעטראָגן גע־
וואָרן אין פּאַרלאַמענט, אָבער משך
צוויי יאָר האָט מען אים אפילו נישט
געשטעלט אויפן טאָג־אָרדענונג און אָ.
האָט זיך פונעם גאַנצן פּראָיעקט צו-
ריקגעצויגן. אין דער צווישנצייט האָט
ער פּאַרטיק-געמאַכט זיין גרויסן פּראָ-
יעקט פון עקאָנאָמישער און סאָציאַלער
גלייכקייט, וואָס האָט אים אַוועקגע-
שטעלט צווישן די אָנגעזעענסטע פאָר-
שטייער פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם און
קאָאָפּעראַציע. די הויפּט-יסודות פון
דער נייער וועלט־אָרדענונג זענען
פאָלגנדיקע: שאַפן קליינע געמיינדעס,
צו 1200 מענטשן, וואָס זאָלן יעדע
פאַרמאָגן צו 1000—1500 אַקער לאַנד;
אַלע זאָלן לעבן אין אַ גרויסן, פירקאַנ-
טיקן הויז מיט אַ געמיינזאַמער קיך און
עסצימער, יעדע משפּחה זאָל האָבן אַן
אייגענע וווינונג; מיט די קינדער ביז
3 יאָר זאָל זיך פאַרנעמען אַ ספּע־
ציעלער, דערצו אויסגעטיילטער, ראַט.
דידאָזיקע געמיינדעס דאַרפן אַנטשטיין
אינדיווידועל, דורך די פּאַראַפיעס,
שטאַנדן אָדער דער מלוכה; די לעצטע
דאַרף אויך באַשטימען אַ קאָנטראָל-
קאָמיסיע, וואָס זאָל דידאָזיקע גראַנדיעזע
אַרבעט אויפּפּאַסן. די מאַשין — שרייבט
ער דאָרט — האָט פאַראָרעמט אומגע-
הייערע מאַסן פון אונדזער פאָלק;
מוזן מיר זען זיי צוריקצושטעלן; אָבער
מיר דאַרפן זיך פון דער מאַשין נ י ש ט
אָפּזאָגן; פאַרקערט — אין דידאָזיקע
פּראָיעקטירטע אַגראַרע קאָמונעס דאַרף
די מאַשין פאַרנעמען דאָס ערשטע
אָרט; זי וועט איינבערענגען דעם מענטשן
זיינע כוחות און מי. אַזוי־אַרום האָט
אָ. גערעכנט צו לייזן די נויט אין זיין
לאַנד. די קאָמונעס דאַרפן זיין פאַריי-
ניקט אין פעדעראַציעס צו 10, די 10ער אין
100ער, די 100 אין 1000ער און אַזוי-אַרום
זיך פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער
וועלט. לכתּחילה האָבן זיך די „בעסערע"
מענטשן פונעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס
גאַנץ גינסטיק און אַפילו מיט סימ-
פּאַטיע באַצויגן צו זיין פּלאַן; אינ־
טערעסאַנט, אַז אין די גרעסטע ענג-
לישע צייטונגען פון יענער צייט:

„טיימס" און „מאָרנינג פּאָסט" ווערט אַסך אָרט אָפּגעגעבן זיין אידעע. אָבער באַלד נאָכן ערשטן מיטינג אין לאָנדאָן, ווו ער איז אַרויסגעטראָטן, ווי אַן אַנטשיידענער קעגנער פון רעליגיע, האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט אַלע זיינע „הויכע" פריינד. די רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים מיט חשד, און פאַרשטייט זיך, אַז וועגן העלפן אים האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. — דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע פּריוואַטע פריינד און פאַרן צונויפגעזאַמלטן געלט 1825 געקויפט אין אינדיאַנאַ, אין די פאַר. שטאַטן, 30.000 אַקער לאַנד. דאָרט האָט ער אויפגעשטעלט די קאָמונע, וואָס האָט לויט זיינע פּלענער געדאַרפט וויזן דער וועלט, אַז ער איז מיט זיינע פּלענער גענוג רעאַל; די קאָלאָניע האָט ער אַ נאָמען געגעבן „נייע האַרמאָניע". אָבער שוין 3 יאָר שפּעטער איז זיך די קאָמונע צעפאַלן— די מענטשן האָבן נישט געהאַט די פאַרשטענדעניש און די גוטע כוונות, ווי דער שעפער; דאָס האָט אָפּגעקאָסט 40.000 פונט — 4/5 אָ.ס פאַרמעג. — פאַרן עפענען די „נייע האַרמאָניע" האָט ער זיך געווענדעט מיט רופן צו די אַרבעטער, מען זאָל אויך אָרגאַניזירן אַזעלכע מוסטער־קאָלאָניעס. ער האָט אָנגעוויזן, אַז נישט רעפאָרמעס דאַרף מען, נייערט אינגאַנצן ענדערן די געזעלש. אָרדענונג. דער רוף האָט געפונען אַ גינסטיקן אָפּקלאַנג ס'רוב צווישן יונגע אַרבעטער און די יאָרן 1820—1830 זענען אַנטשטאַנען אַסך אַזעלכע קאָמונעס, וואָס האָבן אָבער קיין אריכת־ימים נישט געהאַט. דאָך האָט דער אָפּקלאַנג פון זיין לערע געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין גאַנץ ענגלאַנד;

ס'זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע פאַראיינען פון אַרבעטער צו קעמפן קעגן דער עקספּלואַטאַציע; אָבער די רעפּרעסיעס פון די באַלעבאַטים, מלוכה און געריכט האָבן זיי צעקלאַפּט. נאָכן צוריקקומען קיין ענגלאַנד, האָט זיך אָ. מיטן גאַנצן ברען גענומען שאַפן פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוון, און 1844 איז אַנטשטאַנען דער אַלוועלטלעכער פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוו. גלייכצייטיק מיט דערדאָזיקער פּראַקטישער אַרבעט, האָט ער אָנגעפירט אויך אַ גרויסע טעאָרעטישע און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט פאַר איבערבויען די וועלט־אָרדענונג און פאַר גרונט־רעפאָרמעס אין אַלע צווייגן פון מענטשלעכן לעבן. — אָ.ס באַטייט סיי פאַרן אוטאָפּישן סאָציאַליזם, ווי פאַר דער קאָאָפּעראַציע, איז אַן ערשט־ראַנגיקער. זיין איינפלוס איז געווען ווייט און ברייט אויסער די גרענעצן פון זיין לאַנד און אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן נאָך זיין טויט.

אָוען איוואַר אַנדרעאַס (1813—1896), נאָרוועגישער דיכטער און געלערטער. לכתחילה אַ באָטאַניקער, האָט ער אָנגעהויבן נאָכפאָרשן די אַלט־נאָרוועגישע באָטאַנישע טערמינען און דאָס האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט אפילו געשאַפן פון די אַלט־נאָרוועגישע דיאַלעקטן אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „לאַנדסמאָל". נאָך זיין טויט איז די אידעע אָפּגעפאַלן. באַשאַפן אַן עפּאָכאַלישע גראַמאַטיק פון נאָרוועגיש, ווי אויך אַ גרויסן „לעקסיקאָן פון נאָרוועגישע גלייכווערטלעך".

אָזשיע עמיל (1820—1889), איינער פון די גרעסטע פראַנצויזישע דראַמאַטורגן, אָנגעשריבן לערך אַ 100 פּיעסן,

וואָס כּמעט אַלע זענען געשפּילט געוואָרן אין דער באַקאַנטער „קאָמעדי פראַנסעז“. אין דער מערהייט פּיעסן באַהאַנדלט ער דאָס פּראָבלעם פון דער היינטצייטיקער חתונה־מאָראַל, פאַרטיידיקנדיק די שטרענג־בורזשואַזע זיטלעכקייט. צו די וויכטיקסטע פּיעסן געהערן: „מייסטער גערען“, „מאַדאַם קאַווערלע“, „סאַפאָ“ און „די משפחה פורשאַמבאָל“.

אָזשעשקאָ עליזאַ (1842—1910), פּוילישע שרייבערין, געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער געשטאַלטיקונג פון די פּויליש־יידישע באַציונגען; דער יידישער פראַגע געווידמעט עטלעכע ביכער: „מאיר יעזעפאָוויטש“, „עלי מאַקאָווער“, „מירטאַלאַ“, „איבער דער יידנפראַגע“ א.אַנד. אירע ווערק זענען געווען אין זייער צייט שטאַרק פּאָפולער. צו די וויכטיקסטע ווערק געהערן: „צוויי פּאָלן“, „דער כאַם“, „דעק“ א. אַנד. — אַליין געהערט צו אַן אָנגעזעענער פּריצישער פאַמיליע, האָט זי זיך זייער ליבעראַל באַצויגן צו די פּויערן און בכלל צום אָרעמען מענטשן און צום ייד, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופן שטאַרקע אומצופרידנקייט אין דער רעאַקציאָנערער וועלט. מיטגעהאָלפן אויך אין דער סאָציאַליסטישער און דער פרייהייט־באַוועגונג.

אָטווײַ טאָמאַס (1652—1685), ענגלישער דיכטער און דראַמאַטורג. זיינע טראַגעדיעס „אַלציביאַדעס“ און „דאָן קאַרלאָס“ ווערן נאָך ביז היינט מאָדערניזירט און אויפגעפירט. אין זיינע ווערק פילט זיך אַרויס שאַרפזין, געפיל, וואַרעמקייט; אין דער פאָרעם איז ער דרייסט, רעכנט זיך נישט מיט די אָנגענומענע אויסדריקן און לאָזט

זיינע העלדן רעדן פריי. — פון צווישן די אַנדערע ווערק האָט אַ גרויסן שם געהאַט זיין „יתום“.

אָפּשינאָ בערנאַרדינאָ (1487—1664), איטאַליענישער טעאָלאָגישער שרייבער, באַקאַנט פון זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם פּויבסטנטום. אָנגעשריבן „די טראַגעדיע“, אַ סעריע דראַמאַטישע דיאַלאָגן, „דרייסיק דיאַלאָגן“ — אין וועלכע ער שטעלט אין ספק געוויסע קירך־דינים, צ. אַ. אויך דעם פאַרבאָט פון פּילווייבעריי. זיין באַקאַנטסט בוך איז: „דער אַנטשטיי און צעפאַל פונעם פּויבסטנטום“.

אָבראַמאָוויטש יוליאַן (1850—1917), פּוילישער פילאָזאָף און פּסיכאָלאָג, איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון מעדיומיזם און ספּיריטיזם, אַדורכגעפירט זייער אַסך פאָרשונגען אויס דעם געביט, אָנגעשריבן פיל ווערק איבער פילאָזאָפיע און פּסיכאָלאָגיע. צו די באַקאַנטסטע געהערן: „יסודות פון פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע“, „גייסט און מוח“, „מקורים פון דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער“ א. אַנד. באַגרינדעט, אויף צו דערקלערן די היפּנאָטישע דערשיינונגען, די טעאָריע פון „שטייפע שטראַלן“.

אַלאַספען (18 י״ה), דענישער אַגראָנאָם; באַקאַנט דערמיט, וואָס אַלזייטיק אויסגעפאָרשט די אַגריקולטור אין איסלאַנד, איבער וועלכער ער האָט אויך אָנגעשריבן עטלעכע ווערק.

אַלאַר עריקוס (—1486), שוועדישער היסטאָריקער, דער גרינדער פונעם באַרימטן שוועדישן אוניווערזיטעט אין אופּסאַלאַ, ווו געווען פּראָפעסער פון

טעאָלאָגיע. אָנגעשריבן אַ „געשיכטע פון שוועדן".

אָלאַר פראַנסואַ וויקטאָר (1849 ∘), פראַנצויזישער היסטאָריקער, פּראָפעסער פון געשיכטע אויף דער פּאַריזער סאָרבאָנע. אָנגעשריבן עטלעכע גרויסע ווערק איבער פראַנצויזישער געשיכטע, פילאָזאָפיע, רעוואָלוציע. היינט־צו־טאָג — איינער פון די וויכ־טיקסטע טוער אין דער פראַנצ. „ליגע פאַר מענטשנרעכט", באַקאַנט פון זיינע אַרויסטרעטונגען לטובת אַמנעס־טיע פאַר פּאָליטישע פאַרברעכער. ווי אַ קאָנסעקווענטער בירגערלעכער דעמאָקראַט, באַקעמפט ער אויך די דיקטאַטור אינעם ראַטנפאַרבאַנד.

אָלבערס היינריך ווילהעלם (1758—1840), דייטשער אַסטראָנאָם, אָנגעשריבן אַן ערשטראַנגיקע „מעטאָדע, ווי צומלייכטסטן אויסרעכענען דעם לויף פון אַ קאָמעט", וואָס האָט נאָך ביז היינט נישט פאַרלוירן איר ווערט. 1802 אַנטדעקט דעם קליינעם פּלאַנעט צערעראַ און דערנאָך פּערעראַ, 1807 — די וועסטאַ, 1815 — אַ קאָמעט, וואָס ווערט אָנגערופן נאָך אים — אָלבערס. דער לעצטער קאָמעט ווייזט זיך דער ערד איינמאָל אין 72 1/2 יאָר.

אָלדענבערג הערמאַן (1854—1912), דייטשער סאַנסקריט־געלערנטער, איינער פון די געציילטע, וואָס האָבן באַ־זיצט פולשטענדיק די סאַנסקריטישע שפּראַך און שריפט. איבערגעזעצט אַ ריי ספרים, ווי די „גיטאַ", די „ווי־נאַיאַ", די „שאַטראַס", די הימנען פון ריגוועדאַ. אַליין אָנגעשריבן: „בודאַ, זיין לעבן און לערע", „רעליגיע פון וועדאַ" א. אַסך אַנד.

אָלדריטש טאָמאַס ביילי (1836—1907), אַמעריקאַנישער שרייבער, געשריבן זייער אַסך קלענערע ראָמאַ־נען אין געשמאַק פון דעם דורכ־שניטלעכן אַמעריקאַנישן סנאָב, וואָס דאָס האָט אים געמאַכט אַ נאָמען. פון די באַקאַנטסטע זאַכן: „די מלכה־שבא", „די געשיכטע פון אַ שלעכט יינגל", „איבער זיין קאָפּ" א. אַנד.

אַלטמאַנס יאַן פרעדעריקס פס"ד י. וואַן דען האַגע (1806—1854), האָלענדישער שריפטשטעלער, ווערט געהאַלטן פאַרן פאָטער פון היסטאָרישן ראָמאַן אין האָלאַנד. די בעסטע ווערק: „דער שאָף־פאַסטוך", „דער פאַרהוי־לענער אוצר" א. אַנד.

אַליוואַ פערנאַנד פערעץ דע (1497—1534), שפּאַנישער דראַמאַטורג און מאָראַליסט, אַריינגעבערענגט אין דער ליטעראַטור די גריכישע אַלט־קלאַסישע פאָרעם און האָט דערווּם גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער געשטאַל־טיקונג פון דער שפּאַנישער ליטעראַ־טור. צוליב זיין דרייסטקייט אין די באַהאַנדלטע טעמעס, האָט דער פּריבסט אַסך פון זיינע ווערק אַריינגעלייגט אין חרם. אַ פולע אויסגאַבע פון זיינע ווערק איז דערשינען ערשט 200 יאָר נאָך זיין טויט.

אָליוויע זשוסט (1807—1876), באַקאַנ־טער שווייצאַר. שרייבער, היסטאָריקער און עטנאָגראַף. צ. אַ. אָנגעשריבן ראָ־מאַנען: „הער אַרזשאָן און זיין חבריה", „ריח פון בערג", ווי אויך זייער פיל אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען איבער געשיכטע און שווייצאַרישן פאָלקלאָר.

אָליוועירא מאַרטינס יאָאַקים פּעדראָ דע (1845—1994), פּאָרטוגע־זישער היסטאָריקער, זיין הויפּטווערק

איז די גרינדלעכסטע „געשיכטע פון פּאָרטוגאַל". די לעצטע יאָרן זיך געווידמעט מאָנאָגראַפיעס פון באַזונדערע פאַרדינסטפולע מענטשן אויס דער פּאָרטוגעזישער געשיכטע.

אַליגנעם ווילִיאַם (1828—1889), ענגלישער דיכטער, דערעיקר אָבער באַקאַנט דערפון, וואָס ער האָט געגרינדעט דעם היינט־פּאָפּולערן חודש זשורנאַל „פרעזערס מעגעזין". באַוווסט אויך דערמיט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אירלענדישע פרייהייט־קעמפער, געשריבן אפילו עטלעכע ביכער איבער אירלאַנד.

אַליפאַנט מאַרגאַרעט (1828 — 1897), ענגלישע ראָמאַניסטין, געשריבן בעיקר אויסן ענגלישן און שאָטלענדישן דאָרף־שטייגער. פאַרפאַסט לערך 50 ראָמאַנען און היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, וואָס צו די באַקאַנטסטע געהערן: „געשעענישן אינעם לעבן פון פרוי מאַרגאַרעט מעטלאַנד", „אַ רויז אום יוני", „וואַלענטין און זיינע ברידער", „די באַלאַגערטע שטאָט" „פריידי", „דער צווייטער זון", „דער וואָס וויל נישט, ווען ער קען", „היליקער פראַנציז פון אַסיזי", „ליטעראַטור־געשיכטע פון ענגלאַנד אויסן 19טן י״ה". אַלע אירע ראָמאַנען זענען געווען אין זייער צייט שטאַרק פּאָפּולער.

אַלמעדאַ כאָזע כאָאַקען דע (1780—1847), עקוואַדאָרישער דיכטער און פּאָליטיקער; 1825–1828 געווען אין אייראָפּע אין אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע, געבּרענגט אַהיים די פרייע ווינטן, וואָס האָבן דאַן געבלאָזן און זיך געשטעלט בראש פון אַ רעפּובּליקאַנישן אויפשטאַנד, וואָס האָט זיך אָבער נישט

איינגעגעבן. די שפּאַנישע קריטיק האַלט אים פאַר איינעם פון די דריי־פיר גרעסטע, אויב נישט פאַרן סאַמע גרעסטן שפּאַניש־אַמעריקאַנישן דיכטער. זיין בעסט ווערק הייסט „כּונינס נצחון" אויס דער צייט פון דער שפּאַנישער הערשאַפט אין אַמעריקע, ווי אויך „גענעראַל פלאָרעס" — געשריבן שוין נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע.

אַלנואַ מאַרי קאַטרין (1650—1705), פראַנצויזישע שרייבערין, ווערט געהאַלטן, צוזאַמען מיט פּעראָ, פאַר דער שעפערין פון דער מאָדערנער פראַנצויזישער מעשהלעך־ליטעראַטור. אָנגעשריבן 6 גרויסע בענד „מעשהלעך איבער מכשפות", וואָס האָבן געשפּייזט גאַנצע דורות קינדער. פונעם שטאַנדפּונקט פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק זענען אָ.ס מעשהלעך שעדלעך מיט זייער מיסטישקייט און האַלב־רעליגיעזן גייסט.

אַלסטאָן וואַשינגטאָן (1779—1843), באַקאַנטער אַמעריקאַנישער דיכטער און מאָלער, דאָס רוב אויף רעליגיעזע טעמעס. פון זיינע באַקאַנטסטע לייוונטן: „אליהו הנביא איז מחיה־מתים אַ טויטן", „יעקבס חלום". פון די ביכער: „איניעז, דאָס שפּאַנישע מיידל".

אָמאַר כאַיאַם אַבול פאַטיש אָמאַר איבן איבראַהים על כאַיאַמי (1017–1123), דער גרעסטער פּערסישער דיכטער. זיינע עפּיגראַמען זענען פול מיט טיף־מעלאַנכאָלישער וועלט־אָנשויונג, מיט אויסערסט־אָריגינעלע פּעסימיסטישע און גלייכצייטיק צינישע און טראָציקע געדאַנקען. די „רובאַיאַט" (פירער־שורות) רופן אַרויס באַוווּנדערונג ביזן היינטיקן טאָג. זיי

זענען איבערגעזעצט אין כמעט אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן.

איף ייִדיש איז אויך פאַראַן אַ נישט-פולע איבערזעצונג פון די „רובאיאַט“.

אַמפּטעדאַ געאָרג (פּס"ד ג. עגאָסטאָרף) (○ 1863), פּאָפּולערער אין זיינער צייט דייטשער ראָמאַניסט, געשריבן בעיקר פאַר דער גאַס. צו די וויכטיקערע ווערק געהערן: „ליידנשאַפטן“, „דער צערעמאָניע-מייסטער“ און צענדליקער אַנדערע.

אַנאַטעס (5 י"ה), גריכישער סקולפּטער פון דער עגייאישער שול. צו זיינע באַקאַנטסטע בראָנזענע פיגורן געהערן: „דעמיטראַ“, „הערקולעס“, „אַפּאָלאָ“, „אַ גרופּע העלדן פון טראָיאַ“.

אַנאַמאַקריטוס (530 — 480 פאַר קריסטוסן), אַ פּריסטער און דיכטער אין אַטען; פאַר אַגיטאַציע קעגן דער אַטענישער „טיראַנישער“ מלוכה געוואָרן פאַרטריבן פון לאַנד, געשריבן גרויסע פּאָעמעס קעגן איר. אַנטלאָפן קיין טערקיי, ווו ער האָט אין מערערע לידער דערמוטיקט דעם קעניג קסערקסעס צו באַפאַלן גריכנלאַנד און אומוואַרפן דאָרט די טיראַניי.

אַנגסטרעם אַנדריאַס (1814—1874), שוועדישער פיזיקער; ד. יאָר 1868 אַרויסגעגעבן דעם ערשטן פולן אַטלאַס פון די ספּעקטרן פון כעמישע עלעמענטן.

אָניעל איידזשען (○ 1888), באַקאַנטער היינטצייטיקער אַמעריקאַנישער שרייבער און דראַמאַטורג, דער וואָרטפירער פון דער אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטיש-ליבעראַלער אינטעליגענץ; באַרירט אין זיינע ווערק די סאָציאַלע פּראָבלעמען פון היינטיקער צייט פון זיין „הויכן“, אַריסטאָקראַטישן פּיע-

דעסטאַל. אַסך מאָל באַקומען פּאַרשידענע ליטעראַטור-פּרעמיעס אין אַמעריקע, דאָס לעצטע מאָל — 1928 — פאַר דער דראַמע „דער מאָדנער אַנטראַקט“. פון די באַקאַנטסטע פּיעסן: „הינטערן האָריזאָנט“, „ענני קריסטי“, „די תאווה“, „די לבנה פון קאַריבייי“; אין זיין קריטיק איבער דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע מיט אירע שלעכטע זייטן איז ער בייסיק און שאַרף, אָבער קיין אויסוועג גיט ער נישט אין זיינע ווערק. נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָנקען אויגוסט (○ 1844), אַ ברודער פון ווילהעלם אָ. (ז). בורזשואַזער נאַציאָנאַל-עקאָנאָם, געשריבן זייער אַסך, ווי אויך אַ גרויסע צאָל פּאָלעמיקעס מיט דער מאַרקסיסטישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. געשריבן אויך מערערע מאָנאָגראַפיעס איבער גרויסע פּערזענלעכקייטן. פון די באַקאַנטסטע ווערק: „די געשיכטע פון נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיע“, „לאַסאַל“, „אַדאַם סמיט אין דער קולטור-געשיכטע“ א. אַסך אַנד.

אָנקען ווילהעלם (1831—1905), דייטשער היסטאָריקער. צ. אַ. אָנגעשריבן „אַטען און העלאַס“, „אַריסטאָטעלעס' מלוכה-לערע“ א. אַסך אַנד. טיפּישער מאָנאַרכיסטישער געשיכטע-שרייבער, האָט ער אָנגעשריבן די דייטשע געשיכטע אין קנאַפּע 40 בענד טאַקע אין גייסט פון עקסטן מאָנאַרכיזם.

אָס פּעטער געראַרד וואַן (1776—1389), האָלענדער, איינער פון די גרעסטע מאָלער פון בלומען — אַן אַליינלערער; געאַרבעט דאָס רוב אין דער באַרימטער פּאָרצעליי-פאַבריק אין

סעוור, ווי געמאָלן אויפֿן פּאָרצעלײַ. די פֿראַנצויזן האָבן אים גערופֿן — דער רובענס (ז.) פֿון בלומענמאָלערײַ.

אָסטאַדע אַדריאַן וואַן (1610—1685), באַרימטער האָלענדישער מאָלער, אַ תּלמיד פֿון רעמבראַנדט (ז.). פֿאַר טעמעס צו זײַנע בילדער האָט ער גענומען טיפּן פֿון דער אָרעמקייט, פֿון דאָרף, פֿון פֿויערשן שטייגער. פֿון די באַקאַנטסטע ווערק: „דער קאַטאַרינקע־שפּילער“, „אין אַ כאַטע“, „דער פֿאָלקס־לערער“, „פּויערן אין שענק“, „אַ דאָרפֿישער יום־טובֿ“ און אַסך אַנדערע. זײַנע בילדער זענען צעזייט אין כמעט אַלע גרעסערע אייראָפּעישע שטעט.

אָסטוואַלד ווילהעלם (1853°), דײַטשער כעמיקער, ווערט פֿאַרעכנט צו די גרעסטע כעמיקער פֿון אונדזער צײַט. גלענצנדיקער פּאָפּולאַריזאַטער פֿון דערדאָזיקער וויסנשאַפֿט, פֿאַרנעמט אַ רײַ הויכע וויסנש.־אַמטן. אָנגעשריבן לערך 50 ביכער; פֿון די באַקאַנטסטע: „לערבוך פֿון אַלגעמײַנער כעמיע“, „האַנט־ און הילף־בוך צום אויספֿירן אַלערהאַנט פֿיזיקאָ־כעמישע עקספּערימענטן“, „די איבערווענדונג פֿון וויסנשאַפֿטלעכן מאַטעריאַליזם“, „די שול פֿון כעמיע“ א. אַנד.

אין יידיש זענען ארויס אַ.ס. „שול פֿון כעמיע“ און „די מיל פֿון לעבן“ (געענדערט פֿון אַן אנדער נאָמען).

אָסטלער ריטשאַרד (1789—1861), ענגלישער פּובליציסט און געזעלשאַפֿטלעכער טוער, פֿירער פֿון דער באַוועגונג פֿאַרן 10שעהדיקן אַרבעטסטאָג. פֿאַר זײַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן דעם אַ. ג. אָרעמע־געזעץ אויסן יאָר 1835, איז ער פֿאַרמשפּט געוואָרן צו

3 יאָר תּפֿיסה, ווי ער האָט אויך נישט אָפּגעלאָזט זײַן אַרבעט, אַרויסגעלאָזט דאָרט „פֿליענדיקע בלעטער“ (אַזוי האָבן זיי געהייסן), ווי ער האָט געפֿאָדערט רעפֿאָרמען אין דער אינדוסטרי.

אָסטען דזשעני (1775—1817), ענגלישע שרײַבערין; געלעבט אין אַ באַלעבאָפּישער סביבה, האָט זי אָנגעשריבן מייסטערהאַפֿטע ווערק אויס דעמדאָזיקן שטייגער, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער פֿולבלוטיקייט. פֿון די באַקאַנטסטע ווערק: „געפֿיל און פֿילבאַרקייט“ „עמאַ“, „דער גלח פֿון נאָרטהענדזש“, „די איבערצייגונג“.

אָסטענדאָרף יוליוס (1823—1877), דײַטשער פּעדאַגאָגישער טוער און געלערטער. באַקאַנט דערמיט, וואָס געפֿירט אַ לאַנגיעריקע פּאַרעקשנטע קאַמפּאַניע פֿאַר אַלגעמײַנער בילדונג און פֿאַר אויסגלײַכן די רעכט פֿון אַלע שולן. אָנגעשריבן אַסך פּאַכווערק: „איבער נאַציאָנאַלער דערציונג: פֿאָלקסשול, בירגערשול, העכערע שול“ און אַסך אַנדערע.

אָסטערזעע (1817—1882), האָלענדישער טעאָלאָג, פֿירער פֿון דער קלערִיקאַלער פּאַרטיי. אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס דער טעאָלאָגיע. פֿון די וויכטיקסטע: „דאָס לעבן פֿון יעזוס“, „דער נײַער טעסטאַמענט“, „קריסטלעכע דאָגמאַטיק“, „פּראַקטישע טעאָלאָגיע“ א. אַסך אַנד. — ווי ס'איז צו פֿאַרשטיין, אין קלעריקאַלישן גייסט.

אָסטראָווסקי אַלעקסאַנדער (1823—1886), רוסישער שרײַבער, בעיקר אָבער באַרימט געוואָרן דורך זײַן מעכטיקן דראַמאַטישן טאַלענט. געשריבן דראַמעס אויס דעם לעבן פֿון רוסישן

סוחרישן קלאַס, מוטיק געוויזן זיינע
שוואַרצע זייטן און זיי אַרונטערגעריסן.
צו 27 יאָר אָנגעשריבן זיין באַרימטסטע
ווערק „מיר זענען אייגענע מענטשן —
מיר'ן זיך אויסרעכענען", — וואָס איז
אַפילו נישט אויפגעפירט געוואָרן, אָבער
האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם האַס מצד
די רעאַקציאָנערע קרייזן און מצד דער
מלוכה, וואָס האָט אין אים דערשנאַפּט
„טרפישקייט". דערנאָך אָנגעשריבן:
„אָרעמע מיידל", „אָרעמקייט איז קיין
שאַנד", „לעב נישט אַזוי, ווי דו
ווילסט", „אַ שמאַלצגרוב", „יום־טוב־
דיקער חלום", „נישט צוגעפּאַסט זיך",
„אַ הייס האַרץ", „וועלף און שעפּסן",
„שקלאַפינס", „פון יענער וועלט" א.
אַסך אַנדערע — צוזאַמען לערך 50
פּיעסעס. — אַ טיפער פּסיכאָלאָג, האָט
זיך אָ. אין זיינע פּיעסן אָפּגעגעבן
דעם אויספאָרשן די מענטשלעכע גי־
ריקייט, געוואַלט, רמאות אין איר רו־
סישער פאָרעם און אויף איר קלאַסנ־
פאָן — דעם פּראָבלעם פון „וועלפישן
פּיסק און פוקסישן ווידל". אָ. האָט
אַריינגעבראַכט דעם אייראָפּעישן זשאַנער
אין דער רוסישער דראַמאַטורגיע. נישט
אַלע פּיעסעס האָט די צאַרישע צענ־
זור דערלויבט אויסצושטעלן. ערשט
אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן אַסך אָ.ס
דראַמעס דערזען צום ערשטן מאָל די
ליכטיקע שיין.

אַסטראַציוס יוליוס (1575—1540),
טשעכישער שרייבער, דיכטער און פּע־
דאַגאָג, געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף
די שפּעטערדיקע דורות טשעכישע פּאָ־
עטן, — הגם געשריבן אויסשליסלעך
אין לאַטיין. פון די באַקאַנטסטע ווערק
זענען: „קהלת און ישו הנוצרי", אַ
גרויסער טראַקטאַט איבער פּאָעזיע און

פילאָזאָפיע „געזאַנג איבער דער נוצ־
לעכקייט און וויכטיקייט פון קונסט
און פילאָזאָפיע", ווי אויך אַ גרויסע
זאַמלונג געדיכטן.

אָסיאַן (3 י"ה), קעלטישער באַרד,
אַ זון פון אַ הויכשאָטלענדישן קעניג
פינגהעל. געשאַפן אַ מענגע פאָלקס־
לידער, וואָס האָבן זיך דערהאַלטן אין
די ענגלישע פאָלקסמאַסן ביז אַ שטיק
אין 18טן י"ה. אַ פולע זאַמלונג זיינע
לידער האָט דאָס לעצטע מאָל אַרויס־
געגעבן 1895 דער ענגלישער דיכטער
ייטס (ז).

אָסעליוס לוקאַנוס (5 י"ה פאַר
קר.), גריכישער פילאָזאָף, אָנגעשריבן אַ
טראַקטאַט אין פּיטאַגאָרעישן (ז.) גייסט
„וועגן דער נאַטור און דעם חלל".

אָסענדאָווסקי פערדינאַנד
אַנטאָני (1876), פוילישער שרייבער
און רייזנדער, געווען פאַר דער מלחמה
פּראָפעסער אויף דער העכערער מילי־
טערישער שול און דער שול פאַר
פּאָליטישע וויסנשאַפטן, אָנגעשריבן אַ
צענדליק ביכער אויס כעמיע, עקאָנאָ־
מישער געאָגראַפיע און סחורה־קענטע־
ניש. אַ שם האָט ער אָבער געקריגן
ערשט נאָך דער מלחמה מיט זיינע
רייזע־ביכער; אַן אַקטיווער מיטגליד
פון קאָלטשאַקס רעגירונג, האָט ער נאָך
דעם לעצטנס מפּלה געמוזט אַנטלויפן
פון רוסלאַנד קיין פוילן דורך אַזיע,
אַפריקע; פון דערדאָזיקער רייזע האָט
ער עס אָנגעשריבן אַ 20 ביכער, וואָס
זענען גלייכצייטיק אַרויס, אין זיין
אייגענער איבערזעצונג, אין עטלעכע
אייראָפּעישע שפּראַכן. זייער פּאָפּולער
זענען זיינע ביכער: „איבער דעם לאַנד
פון מענטשן, חיות און געטער", „דער
שאָטן פונעם גרויזאַמען מזרח". „הינטער

דער כינעזישער מויער״, „פלאַמענדי־
קער צפון״, „אונטער די שמיץ פונעם
סאַמום״ א. אַסך אַנדערע. — ד. יאָר
1925 האָט דער באַרימטער שוועדישער
רייזנדער סווען העדין (ז.) עפנט־
לעך דערקלערט, אַז אַסך שטעלן פון
אָ.ס רייזע־ביכער שטימען נישט מיט
דער ווירקלעכקייט און אַז ער איז
אים חושד, אַז ער האָט גאָר די ריי־
זע־באַשרייבונגען געשעפּט פון אַנדערע.
דער ענין האָט בשעתו אַרויסגערופן
גרויס אויפזען און זיך געענדיקט נישט
גאָר גינציק פאַר אָ.ן. — 1930 אַרויס־
געלאָזט אַ גרויס בוך „לענין״, אַ מין
פאַמפלעטישן ראָמאַן, פול מיט בילבו־
לים אויף ל.ן אין גייסט פון די ביי־
ליקע גפלע צייטונגס־אַרטיקלען. אָ.
האָט, אָבער, אַ גוטן חוש פאַר גע־
שעפט און דאָס בוך פאַרקויפט אין 12
שפּראַכן מיטאַמאָל. צוליב דער אַקטו־
אַליטעט פון דער באַהאַנדלטער טעמע
איז דאָס בוך שטאַרק געלייענט גע־
וואָרן.

אָפּיץ מאַרטין (1597—1639), דײַ־
טשער דיכטער און קולטור־טעאָרעטי־
קער, געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן
די קלעריקאַלן. געשריבן זייער אַסך.
פון די באַקאַנטסטע ווערק: „דאָס לויב
פון דעם קריגס־גאָט״, אַ זינגשפיל
„דאַפנע״, וואָס ווערט געהאַלטן פאַר
דער ערשטער דייטשער אָפּערע, אַסך
ליבע־לידער, וואָס איבערראַשן מיט
זייער דרייסטקייט און עראָטישקייט.

אָפלאַהערטי לייאַם, היינטצייטי־
קער אירלענדיש־ענגלישער אַרבעטער־
שרייבער, סאָציאַליסט. באַקאַנט פון
זיינע ראָמאַנען אויס דעם לעבן פון
די ענגלישע אַרבעטער. — זיין באַ־
קאַנטסט בוך איז „די נאַכט נאָך דעם

פאַראַט״ — אַ שילדערונג פון דער
סאָציאַליסטישער פאַרטיי־אַרבעט אין
די אָרעמסטע געגנטן פון אַן אירלענ־
דישער שטאָט. — ס׳איז אינטערעסאַנט,
אַז די גאַנצע אַקציע פונעם דאָזיקן
ראָמאַן קומט פאָר משך איין נאַכט,
און דאָך לייענט ער זיך מיט אומגע־
הייערער שפּאַנונג.

אָפלענעגען ראָבערט ראָדער־
ריק (1814—), אירלענדישער שריפט־
שטעלער און פאָלקלאָריסט, פרייהייט־
קעמפער. רעדאַגירט דעם „איריש
ניישאַנעל מעגעזין״, געשריבן אַסך
ביכער, צ. אַ. דאָס באַרימטסטע איר־
לענדיש בוך אין 19טן י״ה „איידל
בלוט״ און די גרעסטע זאַמלונג איר־
לענדישע אַנעקדאָטן און שפּריכווער־
טער.

אָפענבאַך זשאַק (1819—1880),
פראַנצויזישער אָפּערנקאָמפּאָזיטער, 30
יאָר געווען דיריגענט פון אָרקעסטער
אין טעאַטער פראַנסעז אין פּאַריז. גע־
שאַפן אויך אַ גרויסע צאָל לייכטע
אָפּערעטעס, ווי: „די חתונה ביים
לאַמטערן״, „די שיינע העלענע״, „די
בלויע באָרד״, „דער גרויספירשט״
א. אַנד. — זיין שענסטע אָפּערע איז
„האָפמאַנס מעשהלעך״, וואָס איז נאָך
זייער פּאָפּולער ביז אויף היינטיקס
טאָג.

אָפּענהיימער פראַנץ (1864°),
דייטשער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג,
מיטגליד פון דער ס. ד.־פּאַרטיי, רע־
וויזיאָניסט (ז. בערנשטיין), אָנגע־
שריבן: „טעאָריע פון ריינ(ער) און
פּאָליטישער עקאָנאָמיע״, „וועלטווירט־
שאַפט און נאַציאָנאַלווירטשאַפט״, „דאָס
גרויסע ערד־אייגנטום און די סאָציאַלע
פראַגע״ א. אַנד. — קיין אַקטיוון

אַנטייל אינעם פּאָליטישן לעבן נעמט ער נישט.

אָפּעל פראַנץ, היינטצייטיקער דייַטשער אינזשיניער. ספּעציאַליזירט זיך אויפן געביט פון אויטאָמאָביל און עראָפּלאַן. זומער 1928 קאָנסטרויִרט אַ ספּעציעלן ראַקעטנאַפּאַראַט, וואָס האָט געזאָלט שלאָגן דעם רעקאָרד פון גיכקייט. דער פּרווו האָט זיך נישט איינגעגעבן, דאָך אַרבעט ער נאָך ביז היינט אויפן דאָזיקן געביט.

אָפּערט יוליוס (1825—1910), דייַטשער אַרכעאָלאָג און אָריענטאַליסט; געפאָרשט און געשריבן אַסך איבער דעם אַלטן אשור, בבל, מדי א. אַנד.

אָפּזאָמער קאָרנעליוס (1821—1892), האָלענדישער פילאָזאָף, פאַרטרעט אַן אייגנאַרטיקן מין עמפּיריזם, וואָס איז באַהאַפטן מיט רעליגיעז און גאָט־דערקענטעניש. געשריבן, צ. אַ., אַ „האַנטבוך פון לאָגיק“, „די פילאָזאָפיע פון דער נאַטור“, „דער גאָטסדינסט“ א. אַנד.

אָקאַמפּאָ פלאָריאַן דע (1501—1576), שפּאַנישער מאָנאַך, געשיכטע־שרייבער. אָנגעשריבן די ערשטע „געשיכטע פון שפּאַניע“.

אָקאָנעל דעניעל (1775—1847), אירלענדישער פּאַטריאָט, גרינדער פון אַ ריי אירלענדישע אומאָפּהענגיקייט־אָרגאַניזאַציעס, געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן ענגלאַנד. אָנגעשריבן, צ.אַ., אַ גרינדלעכע געשיכטע פון אירלאַנד.

אָקובאָ טאָשימיטשאָ (1820 — 1878), יאַפּאַנישער מלוכה־מאַן און פּובליציסט, אַן אייפעריקער אָנהענגער פון דער מערבדיקער ציוויליזאַציע, גרינדער פון די ערשטע צייטונגען אין יאַפּאַן לויטן אייראָפּעיִש־קאַפּיטאַליסטישן מוסטער; אַ פאָרשטייער פון דער אייפוּואַכנדיקער יאַפּאַנישער בורזשואַזיע, האָט ער אַדורכגעפירט אַ זיגרייכן קאַמף קעגן דער פעאָדאַלער רעגירסיסטעם. 1875 געוואָרן אינערן־מיניסטער, 1878 אומגעקומען פון אַן אַלט־יאַפּאַנישן פאַנאַטיקער.

אָקטאַוויוס (6 י״ה פאַר קר.), רוימישער פּרעטאָריאַנער און געזעצגעבער; באַקאַנט דערמיט, וואָס ער האָט אינעם רוימישן געזעץ, וואָס דינט היינט פאַר אַ יסוד פון געזעץ כמעט פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַריינגעשטעלט אַ וויכטיקן פּונקט, — דאָס, וואָס ווערט געטון אויס מורא, האָט נישט קיין געזעצלעכן ווערט.

אָקס אַדאָלף סימאָן (1858°), אַמעריקאַנישער צייטונג־אַרויסגעבער, טיפּישער אַמעריק. „זעלף־מייד־מען“ אין דער גרויסקאַפּיטאַליסטישער צייַטונג־אינדוסטריע. צו 14 יאָר געוואָרן אַ דרוקער אין דער צייטונג „נאָקסוויל־קראָניקל“, דערנאָך אָנגעהויבן אַליין אַרויסצוגעבן דעם „לואיסוויל־קוריער“ און אַנדערע צייטונגען אין דער שטאָט טשאַטאַנוגאַ. אַדאַנק זיינע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעיִקייטן האָט ער דערפירט די צייטונג צו אַזאַ מאַטעריעלן וווילשטאַנד, אַז די שטאָט גופא האָט אָנגעהויבן בלייען און מ'האָט אָ.ן באַשטימט פאַר ערנבירגער. ד. יאָר 1896 האָט אָ. אָפּגעקויפט די „ניו־יאָרק־טיימס“, וואָס איז דאַן געשטאַנען אויפן ראַנד פון באַנקראָט. דאָ האָבן זיך אַרויסגעוויזן זיינע גרויסע פעיִקייטן: היינט־צוטאָג (1930) ווערט די „נ. י. ט.“ פאַררעכנט צו די וויכטיקסטע צייטונגען אין דער וועלט. זיין שלאָג־וואָרט איז „אַלע נייעס וואָס איך

האָבן פריער פון אַלע", און צוליב
דעם האַלט ער אויס אַן אייגענע טע-
לעגראַף-סטאַציע, אייגענע פּאָסט-אַנ־
שטאַלטן, אייגענע באַנען און באַן-
ליניעס, פאַרמאָגט אין קאַנאַדע ריזיקע
וועלדער בלויז אויף צושטעלן פּאַפּיר
פאַר דער צייטונג. 1929 האָבן זיינע
קאָרעספּאָנדענטן אויסגעגעבן אויף בלויז
דעפּעשן אַ האַלבן מיליאָן דאָלער.
אויפן 1 יאַנואַר 1930 האָט זיך די צייטונג
געדרוקט אין מיטן וואָך אין 425.000
עקז., זונטיק אין 750.000. פאַרן פאַר-
גאַנגענעם יאָר 1929 האָט די צייטונג
געדרוקט 35 מיליאָן אַנאָנסנשורות. די
רעדאַקציע, אַדמיניסטראַציע און דרו-
קערייען פאַרנעמען אַ קנאַפּע גאַס אין
ניו־יאָרק און די שטאָט האָט דעם
סקווער לעבן דער רעדאַקציע אָנגע-
רופן „ט יי מ ס"־סקווער. — אָ. האָט
אויך אונטערגענומען אַ ריי וויסנשאַפט־
לעכע אונטערנעמונגען פון ערשטקלאַ-
סיקן באַטייט — ספּעציעל פאַר דער
צייטונג. אַזוי האָט ער עס אויסגעהאַלטן
די אונטערנעמונג פון מאַרקאָני (דראָט-
לאָזער טעלעגראַף), לינדבערג (די ערשטע
לופט־נסיעה איבערן אָקעאַן), אַמונדסען,
עלסוואָרט, שעקלטאָן און אויך די
לעצטע בייערד־עקספּעדיציע צום צפון
פּאָל — און פון די אַלע האָט ער
דער ערשטער באַקומען ידיעות. גע־
שלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער אַמערי־
קאַנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אַרויס־
צוגעבן דעם אַמעריקאַנישן ווערטער־
בוך, וואָס בלויז אַן אַדערויף האָט ער
פאַר אים איינגעצאָלט אַ האַלבן מיל־
יאָן דאָלער. הגם ווען אַ באַשטימטער
ריכטונג פון דער צייטונג קאָן נישט
זיין קיין רייד, גילט זי אָבער פאַר
אַ ליבעראַלן אָרגאַן. איר ספּעציעלער
קאָרעספּאָנדענט פונעם ראַטנפאַרבאַנד,

וואָלטער דיוראַנטי, גיט איבער גאַנץ
אָביעקטיוו און אַפילו פּאָזיטיוו די
גרויסע דערשיינונגען, וואָס קומען
דאָרט פאָר. נאָכמער, אַפילו די קאָמו-
ניסטישע צייטונגען אין אַמעריקע ציי־
טירן זייער אָפט ד.ס ידיעות. אין דער
הינזיכט שטייגט ער ווייט אַריבער צום
בעסערן די געלע גרויסע יידישע
צייטונג אין אַמעריקע, דעם „פאָר־
ווערטס".

אָקסענשערנאַ **יאָהאַן גאַברי-
על** (1818—1750), שוועדישער דיכטער,
איז פּאָפּולער ביים פאָלק ביז היינטיקן
טאָג. צו זיינע בעסטע זאַמלונגען גע-
הערן: „דער זומער", „די שעהן פון
טאָג" א. אַנד. פאַרנומען אַ צייט דעם
אַמט פון פּרעמיער־מיניסטער און אַמ-
באַסאַדער אין ווין, ווו ער האָט זיך
באַגייסטערט מיט דער אייראָפּעישער
ציוויליזאַציע און אַריינגעבראַכט אירע
מאָטיוון אין זיינע לידער.

אָקעלאָס **פון לוקאַס** (2 יי"ה פאַר
קר.), גריכישער פילאָזאָף, איבערגע-
לאָזט אַ ווערק איבערן אוניווערסום
פון דער נאַטור און דער אייביקייט
פון דער וועלט — „איבער דער
גאַנצער נאַטור".

אָקענפוס **לאָרענץ** (1851—1779),
דייטשער נאַטורפאָרשער, פילאָזאָף
און וויסנשאַפטלער. צו 28 יאָר גע־
וואָרן אויסעראָרדנטלעכער פּראָפעסער
פון מעדיצין אויפן יענער אוניווערזי־
טעט; 1812 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן
אַ בלאַט „איזיס", וואָס האָט אויפ-
געהויבן אַ העפטיקן קאַמף קעגן די
מאָנאַרכיסטישע מלוכה־פירער און פאַר
דעמאָקראַטישע רעפאָרמען. די רעגי־
רונג האָט זיך געפילט באַדראָט פון דער
צייטונג און אים דאַן געשטעלט אַז אויל-

טימאַטום: אָדער ער זאָל אויפהערן דעם זשורנאַל אַרויסצוגעבן, אָדער זיך אָפזאָגן פון דער קאַטעדער. אַ. האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע און איבער־געטראָגן דעם „איזיס" אין אַן אַנדער שטאָט, וווּ ער איז דערשינען ביז 1848. צ. אַ. געשריבן: „בוך פון נאַטורפי־לאָזאָפיע", „לערבוך פון נאַטורגעשיכטע", „אַלגעמיינע נאַטורגעשיכטע פאַר אַלע שטאַנדן" א. אַסך אַנד.

אַקער יעפּע (° 1866), יוטלענדישער דיכטער, זשורנאַליסט און רעדנער. ער איז דער אמתער דיכטער פון יוטלענ־דישן פאָלק מיט זיין קאַרגער נאַטור און פאַרשלאָסנקייט. זיינע ראָמאַנען זענען דורכגעזאַפּט מיט סאָציאַלן אינ־האַלט. צו די באַקאַנטע ווערק זיינע געהערן: „די קינדער פון צאָרן", „רע־גענס זאַנגען" און אַנדערע. מיטגליד פון דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, געהערט צום לינקן פליגל.

אַקעראַלאַן טערלאָף (1670—1738), אַ בלינדער אירלענדישער דיכ־טער, מחבר פון אַסך ראָמאַנען און הומאָריסטישע מעשיות, וואָס די פּאָ־פולערסטע איז „עצות פאַר שיכורים".

אָר־אָם פּס"ד פון אַרטור אָפּמאַן (1867), הייגטצייטיקער פּוילישער שריי־בער און דיכטער, אַקטיווער פּילסודי־טשיק, העכערער אָפיציר. פאַר דער מלחמה באַזונגען וואַרשע און איר בענקעניש נאָך פרייהייט, הייגט — אַ פאַרביסענער מיליטאַריסט. צו די וויכ־טיקסטע זאַכן: „אַלט־שטאָט", „פּריי־לינג־בלומען", „מעשהלעך". געוועזן רעדאַקטער פונעם „וואַנדערער", „אי־לוסטרירטע וואָכנבלאַט" (דאָס עלטסטע פּוילישע מאָדערנע וואָכנבלאַט) און דעם „פּוילישן זעלנער".

אָראָסיוס פּאַולאָס (8 י"ה), רוי־מישער קירכנגעלערטער און אַוואַנטו־ריסט. אָנגעשריבן אַ גאַנץ טאַנדייטנע „וועלט־געשיכטע", מיט וועלכער ער האָט געוואָלט דערווייזן די היידן, אַז דאָס קריסטנטום האָט אין אַ געוויסן זינען געמילדערט די נויט פון דער מענטשהייט; איז אָבער אינעם דאָזיקן בוך פאַראַן אָן אַ שיער פלאָנטערנישן. כדי צו דערווייזן זיין הויפּט־געדאַנק, האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר איבערדרייען געשיכטלעך־פעסט־געשטעלטע פאַקטן. דאָך האָבן זיך אַסך טעאָלאָגן לאַנגע יאָרן סומך געווען אויף זיינע אויספירן. ביז הייגט זענען דערפון איבערגעדרוקט געוואָרן אַ 200 אויסגאַבעס. אַחוץ דעם אַרויסגעגעבן אַ ביאור צום נייעם טעסטאַמענט (נישט קיין פולער).

אָרביני אַלסיד דעסאָלין (1802—1857), באַקאַנטער פראַנצויזישער פּאַ־לעאָנטאָלאָג, פאָרשער פון פאַרצייטישע חיות, געווען פראָפעסער פון פּאַלעאָנ־טאָלאָגיע אויפן פּאַריזער אוניווערזיטעט, געהאַט אַ רום אין דער גאַנצער וועלט. געמאַכט עטלעכע רייזעס איבער די ווילדסטע און געפערלעכסטע געגנטן אין דער וועלט. געשריבן אַ זייער פּאָפּולערן „עלעמענטאַר־קורס פון פּאַ־לעאָנטאָלאָגיע און געאָלאָגיע", באַריכטן פון די רייזעס א. אַנד.

אָרבעליאַני וואַכטאַנג (1812 — 1890), גרוזינישער דיכטער, געשטאַמט פון אַ פירשטלעכער משפחה. אָנטייל־גענומען אין אַ פּאַטריאָטישער פאַר־שווערונג און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, אָבער שפּעטער חרטה באַקומען און דערהויבן געוואָרן צו אַ רוסישן גענעראַל. זיינע לידער באַציען זיך צו

דער ערשטער עפּאָכע פון זיין לעבן.

אָרטאָדאָקס ז׳ אַקסעלראָד לובאָוו.

אָרטוואַי יאַנאָש (1843—1911), דער וויכטיקסטער אונגאַרישער היסטאָריקער. אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס דער געשיכטע און אפילו אויס דעם פּאַרהיסטאָרישן פּעריאָד און דער אַרכעאָלאָגיע פון אונגאַרן.

אָרטעליוס אברהם (1547—1589), בעלגישער געאָגראַף. באַקאַנט דערמיט, וואָס ד. יאָר 1570 אַרויסגעגעבן זיין „וועלט-בילד" — דעם ערשטן גרעסערן אַטלאַס פון נייע לאַנדקאַרטן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן באַטייט פאַר דער קאַרטאָגראַפיע בכלל.

אָריגענעס (185—254), דער באַקאַנטסטער און איינפלוסרייכסטער טעאָלאָג פון דער אַלטער קירך. זיינע כתבים ווערן געשאַצט אויף איבער 6000. געשריבן זייער אַן אָריגינעלן פירוש צום גאַנצן אַלטן און נייעם טעסטאַמענט (תנך און ברית־חדשה). זיין גרעסט אַפּאָלאָגעטיש ווערק איז אַכטבוך, וואָס גיט אַ גענויעם אַנאַליז פונעם צושטאַנד אין דער קירך ד. 2 י"ה. זיין פילאָזאָפישע הנחה איז געווען די, אַז דאָס קריסטנטום איז אַ קאָסמישע לערע, וואָס אין איר קאָנען זיך אויסלעבן די מענטשן אין אַלע הינזיכטן. זיינע לערעס האָבן באַאיינפלוסט עטלעכע דורות טעאָלאָגן נאָך אים.

אָרלאַנדאָ וויטאָריאָ עמאַנועלע (185...ס), איטאַליענישער יוריסט און מלוכהמאַן, ליבעראַלער פּאָליטישער טוער, געווען בילדונג־מיניסטער אין די יאָרן 1903—1905. געשריבן אַסך איבער רעכט. פון די וויכטיקסטע:

„יסודות פון קאָנסטיטוציע־רעכט", „דאָס אַדמיניסטראַטיווע רעכט". זינט 1890 ביז 1911 אַרויסגעגעבן דעם ערנסטסטן איטאַליענישן יורידישן אָרגאַן „אַרכיוו פאַר עפנטלעכע רעכט". — נאָך מוסאָליניס איבערקערעניש, אַ צייט-לאַנג אים אונטערגעהאַלטן און מיט זיין חסד אויך אַריין אין פּאַרלאַמענט. אָבער נאָך דעם מאָרד איבער דזש. מאַטעאָטי (ז.), זיך אָפּגעטרייסלט פון די פֿאַשיסטן און אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן זיי; געווען דער אָרגאַניזאַטער פון דער איטאַליענישער בירגערלעכער אָפּאָזיציע קעגן דעם פֿאַשיזם.

אָרלי בערנאַרד וואַן (1490—1540), פלעמישער מאָלער, בעיקר געמאָלן אויף קירכלעכע טעמעס. צו זיינע באַקאַנטסטע בילדער געהערן: „מאַדאָנע", „די הייליקע משפחה", „איוב", „די קרייציקונג" — וואָס ווערן נאָך ביז היינט באַוווּנדערט פאַר זייער פולער אויסדרוק־קראַפט.

אָרליק עמיל (1870), טשעכישער מאָלער און האָלצקריצער, באַקאַנט בעיקר פון זיין גרויסער פלאַקאַטן־קונסט. ווערט געהאַלטן פאַר איינעם פון די בעסטע פלאַקאַטיסטן אין דער וועלט.

אָרם ראָבערט (1728—1801), ענגלישער היסטאָריקער, געוווינט און געשריבן הויפּטזאַכלעך איבער אינדיע. זיינע ווערק, דערהויפּט די גרויסע 3-בענדיקע „געשיכטע פון די ענגלישע מיליטער־אַקציעס אין הינדוסטאַן זינט 1745" האָבן אַ גרויסן באַטייט פאַרן דערלערנען די געשיכטע פון דער ענגלישער קאָלאָניאַלער פּאַרכאַפּ־פּאָליטיק.

מאַטענקאַ

אָרסיני פעליטשע (1819—1858), איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער; 1844 אָנטיילגענומען אין דער פּאַטריאָטישער פאַרשווערונג פון די ברידער באַנדיע־ראַ, פאַרורטיילט געוואָרן צו אייביקער קאַטאָרגע, 1846 באַגנעדיקט געוואָרן. ד. 14 יאַנואַר 1858 געשאָסן צום פראַנ־צויזישן קייסער נאַפּאָלעאָן III, ווי צום פאַרטרעטער פונעם איטאַליענישן פאָלק. דער אַטענטאַט האָט זיך נישט איינ־געגעבן און 13 מערץ האָט מען אים געקעפּט. איבערגעלאָזט אַ באַנד אינ־טערעסאַנטע זכרונות, וואָס האָבן אַן ערשטקלאַסיקן באַטייט צום דערפאָרשן די שטימונגען און די רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפטן אין דער עפּאָכע פונעם „פעלקער־פרילינג" — 1848.

אָרעבאַזיוס (4 י"ה), גריכישער רופא און בעל־יועץ פון קייזער יוליאַן, אויף וועמענס באַפעל אַרויסגעגעבן אַ מעדיצינישע ענציקלאָפּעדיע אין 70 בענד; דערנאָך זי פאַרקירצט ביז 9, און שפּעטער ביז 4 בענד. דער גאַנצער קאָמפּלעט איז אַרויס ד. יאָר 1852 אין פּאַריז.

אָרעל מאַקס, פּס"ד פון פּאָל בלוּע (1848—1903), פראַנצויזישער שרייבער און זשורנאַליסט, בעיקר באַרימט גע־וואָרן דורך זיין בוך „דזשאָן בול און זיין אינדזל". פון דאַן אָן איז דזש.ב. געוואָרן דער שם־נרדף פון ענגלענדער.

אָרענשרוּפּ עמיל (1800—1856), דענישער דיכטער, באַקאַנטער ליריקער. ביים לעבן האָט מען אים נישט אָנער־קענט; ערשט נאָכן טויט איז אַרויס זיין זאַמלונג לידער, מיט אַ פאָרוואָרט פון ג. בראַנדעס (ז.), וואָס איז ענ־טוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן. אין

זיינע לידער איז שטאַרק דער עראָטישער מאָטיוו. די פרוי, פיזיש און גייסטיק, פאַרנעמט אין זיי דאָס הויפּטאָרט.

אָרפּי אַכילע ד' (1845 ◦), באַ־קאַנטער איטאַליענישער סקולפּטער; זיין פאָרעם איז שטאַרק־נאַטוראַליסטיש, מיט אַ בולטער סאָציאַלער טענדענץ. די באַקאַנטסטע פיגורן: „די פּאַראַזיטן", „דער פויער" א. אַנד.

אָרקאַן וולאַדיסלאַוו, פּס"ד פון פראַנטשישעק סמרעטשינסקי (1875—1930), פוילישער דיכטער; זיינע טעמעס שעפּט ער פון דער פּילפאַרביקער קאַר־פּאַטער געגנט, פון וואַנען ער האָט געשטאַמט און וווּ געלעבט. באַקאַנט זענען, צ. אַ., זיינע: „איבערן ראָוו", „היינט־צייטיקער הערקולעס", „פּראָמעטעוס'ס חתונה", „קאָסטינאַ נאַפּיערסקי", „אויס אַט דער אומעטיקער ערד", „לידער פון דער צייט", „בריוו פון דאָרף". ד. יאָר 1930 באַשאָנקען געוואָרן מיט דער וואַרשעווער ליטעראַטור־פּרעמיע.

אָרקאַניאַ (1308—1368), איטאַליע־נישער מאָלער און סקולפּטער. ביז היינט פאַראַן זיינע פרעסקן און סקולפּ־טורן אין פלאָרענץ און אַנדערע שטעט אין איטאַליע. זיינע שאַפונגען האָבן אין זיך דעם אָנזאָג פונעם אָנקומענ־דיקן רענעסאַנס.

אָ'שאָנעסי אַרטור ווילי אַם עדגאַר (1846—1881), ענגלישער דיכ־טער און געלערטער. זיינע ווערק זענען געווען אַדורכגענומען מיט סאָציאַל־ראָמאַנטישן אינהאַלט; געשטאַנען אונ־טערן איינפלוס פון וויקטאָר הוגאָ (ז.). פון די וויכטיקסטע ביכער: „מוזיק אין לבנה־שיין" און „לידער פון אַן אַרבעטער".

ב

באָאַס פ ר אַ נ ץ (° 1858), אַמעריקאַניש־דייטשער אַנטראָפּאָלאָג און עטנאָלאָג; בעיקר גפאָרשט די עסקימאָסן און אינדיאַנער אין צפון־מערב־אַמעריקע. דירעקטער פונעם היסטאָריש־אַנטראָפּאָלאָגישן מוזיי אין ניו־יאָרק. געשריבן אַסך טאַקע איבער דידאַקטיקע פּראָבלעמען. דאָס וויכטיקסטע בוך — „קולטור און ראַסע".

באַב י ו ל י ו ס (° 1880), אָנגעזעענער דייטשער טעאַטער־קריטיקער און טעאָרעטיקער. זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן זענען: „נייע וועגן צו דער דראַמע", „נייע קריטיק פון דער בינע" און אַ גרויסע, דרייבענדיקע געשיכטע פון דער וועלט־דראַמע „דער מענטש אויף דער בינע, אַ דראַמאַטורגיע פאַר שוישפּילער". אין דערדאָזיקער געשיכטע ווייזט ער זיך אַרויס פאַר אַן אָנהענגער פונעם אינדיווידואַליסטישן צוגאַנג צו דער געשיכטע, לויט די פּערזאָנען, נישט רעכענענדיק זיך מיט די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און ליטעראַרישע פאַקטאָרן אויס דער געגעבענער עפּאָכע. פון דעם קוקווינקל אויס באַהאַנדלט ער אויך די גאַנצע דראַמאַטורגיע.

באָבאָריקין פּ י אָ ט ר (1921—1836), רוסישער בעלעטריסט, זשורנאַליסט און קונסט־קריטיקער. אָנגעשריבן בערך 90 בענד, ס'רוב ראָמאַנען אין סטיל פון זאָלאַס נאַטוראַליסטישע, סאָציאַלע ווערק. צו די באַקאַנטסטע געהערן „סאָלידע בעלי־טובות", „געשעפטסמענטשן", „כינע־שטאָט", וואָס גיט אַ טעכטיק בילד פון דעם דעמאָלטיקן סוחרישן מאָסקווע; אַ גרויסן סאָציאַלן ווערט האָט אויך זיין ראָמאַן „ער איז קליגער געוואָרן", וווּ ער שילדערט דעם קאַריעריזם אין די 80ער יאָר פאַריק י"ה. שפּעטער ווערט ב. אַן אַפּאָלאָגעט פונעם סוחריש־פאַבריקאַנטישן קלאַס. אין זיינע ראָמאַנען „וואַסילי טיאָרקין", „דער דורכפאַל" אידעאַליזירט ער דעם אייראָפּעיש־געזונענעם רוסישן פאַבריקאַנט מיטן ברייטן האַרצן, אָבער מיטן פעסטן בורזשואַזן קלאַסנבאַוווסטזיין. זיין ראָמאַן „איבער דעם צווייטן" איז אַ נישט־ריכטיקע שילדערונג פונעם קאַמף צווישן די פאָלקיסטן און מאַרקסיסטן סוף פאַריק י"ה. איינער פון זיינע לעצטע ראָמאַנען איז „די שלעפּמאַשין"—אויסן לעבן אויף אַ ווערפפאַבריק. פון זיינע קריטישע אַרבעטן איז דאָס וויכטיקסטע „דער אייראָפּעישער ראָמאַן דאָס 19טע י"ה".

אָנגעשריבן אויך עטלעכע בענדער אינטערעסאַנטע ליטעראַרישע זכרונות.

באַבור זעכיר־עד־דין מחמד (1483—1530), אינדיש־מאַכמעדאַנישער דיכטער און שאַך, דער גרינדער פון דער דינאַסטיע „גרויסע מאָגאָלן“ אין אינדיע, אָנגעפירט אַ ריי בלוטיקע מלחמות. — געשריבן אויף דער טשאַגאַטאַישער שפּראַך. זיין ליטעראַרישע שאַפונג געהערט צום בלי־פּעריאָד פון דער דאָזיקער ליטעראַטור. זיין זאַמלונג לידער ווערט דורך דער קריטיק געהאַלטן, ווי די וויכטיקסטע געשעעניש אין דער ליריק פון די טערקישע פעלקערייען אויסן 15—17 י״ה. זיין סטיל איז גרויסאַרטיק, זיין ווערטערשאַץ איז אומגעהייער רייך און שיין. אַ גרויסן רום האָבן זיינע זכרונות („באַבור־נאַמע“), וואָס זענען אַסך מאָל איבערגעזעצט געוואָרן און דערשינען אין אויסלאַנד.

באַבושקין איוואַן (1873—1906), רוסישער רעוואָלוציאָנערער פּובליציסט, איינער פון די מיטגרינדער פון דער רוסישער ס.ד. פּאַרטיי, מחבר פון די ערשטע ס.ד. פּראָקלאַמאַציעס און בראָשורן, געווען אַסך מאָל אַרעסטירט און פאַרשיקט. נאָנטער מיטאַרבעטער פון דער „איסקראַ“ זינט דעם ערשטן טאָג פון איר דערשיינען, אָנגעפירט אַן אומגעהייערע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. עטלעכע מאָל אַנטלאָפן פון תפיסה. אויף אַן אַגיטאַציע־רייזע צוזאַמען מיט נאָך 5 חברים האָט זיי איינע פון די זשאַנדאַרמישע שטראָף־עקספּעדיציעס אַרעסטירט און אָן שום משפט דערשאָסן. ביז דער לעצטער רגע פאַרן טויט נישט געוואָלט זאָגן, ווער ער איז און אַזוי, „אומבאַ־

וווסט“, געפאַלן פאַר דער רעוואָלוציע.

באָבטשעוו סטעפאַן (° 1853), בולגאַרישער שרייבער און מלוכהמאַן. איינער פון די שוואַרצסטע פיגורן אין דער בולגאַרישער פּאָליטישער וועלט, דער עקאָנאָמישער אידעאָלאָג פון פאַשיזם אויפן בולגאַרישן באָדן. אָנגעשריבן אַסך אַרבעטן אויף רוסיש און בולגאַריש איבער עטנאָגראַפיע, געשיכטע און רעכט־געשיכטע.

באַביטש מיכאַעל (° 1883), אונגאַרישער דיכטער־סימבאָליסט און פירער פון דער דעקאַדענטישער ריכטונג, ווי אויך פון דער גרופּע „מערבדיקע“. זיינע טעאָרעטישע אַרבעטן האָבן געהאַט אַ גרויסן באַטייט פאַרן אויפקום פון דער דעקאַדענטישער שול אין אונגאַרן; זיינע לידער צייכענען זיך אויס מיט זייער ווייכטאָניקייט און לידישקייט. אָנגעשריבן אויך אַ גרויסן ראָמאַן „קאַליף־בושל“. היינט צוטאָג — רעדאַקטער פון זשורנאַל „מערב“. בעת דער ראַטנמאַכט און דעם ווייסן טעראָר אין אונגאַרן, האָט ב. עפנטלעך דערקלערט, אַז ער איז „נייטראַל“.

באַבינע זשאַק (1794—1872), פראַנצויזישער פיזיקער און אַסטראָנאָם. דערפונדן אַן אָפּטישן אינסטרומענט, וואָס דערמעגלעכט גענוי אויסצומעסטן דעם ווינקל פונעם אומקער פון דער פלאַכקייט פון דער ליכט־פּאָלאַריזאַציע — באַבינעס קאָמפּענסאַטער.

באַבינסקי זשאָזעף (° 1857), אָנגעזעענער פראַנצויזישער נערוונפּאַטאָלאָג. זיין וויכטיקסט געביט איז די דיפערענציאַלע דערקענונג צווישן די אָרגאַנישע און א. ג. פונקציאָנאַלישע נערוונקראַנקייטן. ער האָט געשאַפן די טעאָריע פון „פּיטיאַטיזם“, וואָס

האָט געגנוי פּרעציזירט די וויסנשאַפט איבער היסטעריע. אַ גרויסן שם האָט אים אויך געמאַכט זיין אַנטדעקונג איבער דער שייכות פונעם גראָבן פינגער פון פוס און דער אומנאָרמאַלקייט פונעם נערוונסיסטעם.

באַבראָווסקי צעציליע (1876°), רוסישע רעוואָלוציאָנערע שרייבערין און טוערין. צו 18 יאָר אַריין אין דער באַוועגונג (אין וואַרשע), אַרעסטירט געוואָרן, אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, צוגעשטאַנען צו דער אָרגאַניזאַציע „באַפרייונג פון אַרבעט", דערנאָך זיך ווידער אומגעקערט קיין רוסלאַנד, אויסגעשטאַנען רעפּרעסיעס, אַרעסטירט געוואָרן, דערביי איז זי איינמאָל (1906) באַפרייט געוואָרן דורך די אַרבעטער גופא. 1914 רעדאַגירט דעם באָלש. וואָכנזשורנאַל „אַרבעטער-פּראַצע". גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין ביידע רעוואָלוציעס 1917. אָנגעשריבן „נאָטיצן פון אַ פּשוטן אומלעגאַלן" און „חבר אינאָקענטי" (איבער י. דובראָווינסקי).

באַבעל איסאַק (יצחק) (1894°), טאַלאַנטפולער היינטצייטיקער רוסישער בעלעטריסט. דערצויגן אין אַ יידישער סוחרישער פאַמיליע, האָט ער ד. יאָר 1915 אָנגעהויבן שרייבן אין גאָרקיס (ז.) „לעטאָפּיס", אָנטיילגענומען אין בירגערקריג, צ. אַ. אויך אין בודיאָניס רייטער-אַרמיי. אַ גלענצנדער אַנאַליטיקער און פּסיכאָלאָג, איז זיין שפּראַך די שפּראַך פון דער געזונטער דאָרפיש-זעלנערישער מאַסע מיט די אָפּט-קאַריקאַטוריזירטע עלעמענטן פונעם מיטינג- און צייטונגלשון, אָדער גאָר— פון דער אָדעסער (פון וואַנען ער שטאַמט) יידישער אונטערוועלט; די־דאָזיקע שפּראַך-מייסטערשאַפט העלפט

אַסך צום דערקענען די פּסיכיק פון ב.ס העלדן. נישט געקוקט אויף דעם, איז ער אָבער אין תוך אַ ראָמאַנטיקער און אויס אָט דעם קוקווינקל טאַקע באַטראַכט ער דאָס רוב זיינע העלדן, ווי דאָס אָפּשטאַרבנדיקע אַלטע יידיש לעבן, די אויפקומענדיקע רעוו. יוגנט, די פאַרמלחמהדיקע אונטערוועלט — דורך ראָמאַנטישע גלעזער. אַ שטיקל בהלה האָט אַרויסגערופן זיין „רייטער-אַרמיי", ווו ער זאָל האָבן איינזייטיק געשילדערט דעם מענטשנעלעמענט אין בודיאָניס רייטעראַרמיי. פון די וויטערע ווערק: „מיין טויבנשלאַק", און אַ ריי גלענצנדע נאָוועלן. פאַראַן אויף יידיש: „געשיכטע פון מיין טויבנשלאַק", „רויטאַרמייער" א.א.

באַבעף גראַקך (פראַנסואַ נאָעל) — „דער פאָלקס-טריבון" — (1760—1797), פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער, פירער פון דער קאָמוניסטישער „פאַרשווערונג פון גלייכע" בעת דער טערמידאָריאַנישער רעאַקציע אין פראַנקרייך. דערצויגן אין גרויס נויט. האָט ער שוין צו 16 יאָר אָנגעהויבן צו פאַרדינען אויף חיונה. בעת דער רעוואָלוציע פון 1789 געווען אַ קליינער אַרכיוו-באַאַמטער אין רואַ. אַרויסגעלאָזט דאַן אַ בוך „קאַדאַסטער" (פינקט) ווו ער האָט פאָרגעזאָגט די אידעע, פון גלייכקייט צווישן מענטשן, שפּעטער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גרויסער פראַנצ. רעוואָלוציע ביי זיך אין שטעטל, אָבער קיין אָנגעזעען אָרט אין איר נישט פאַרנומען; יענע יאָרן, 1793, זיך אַרומגעטראָגן מיט אַן „אַגראַר-געזעץ", וואָס האָט פאָרגעזאָגט אַ גערעכטיקע צעטיילונג פון דער ערד. נאָך ד. 9 טערמידאָר אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַן אייגענעם „זשורנאַל פון פרייהייט פון פרעסע". א ווייכהאַרציקע

און טרוימערישע נאַטור, איז ער לכתחילה געווען אַ שטאַרקער קעגנער פונעם רויטן טעראָר, הגם געהאַלטן, אַז די יאַקאָבינער פירן אַ צו־פשרהדיקע פּאָליטיק. גאָר גיך דערקענט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע ראָל פונעם טערמידאָר; אויף יענער צייט פאַלט טאַקע אויס זיין זשורנאַל. פון פעברואַר ביז סעפּטעמבער 1795 געזעסן אין תפיסה אין אַראַס, ווו ס'האָבן זיך ענדגילטיק אויסגעקריסטאַליזירט זיינע טעאָרעטישע און פּראַקטישע מיינונגען איבער די רעוואָלוציאָנערע אויפגאַבן. צוזאַמען מיט אַ גרופּע יאַקאָבינער אינטעליגענץ, איז ער אַרויס פון תפיסה אַן אויסגעשמידטער און געשטאַרקטער, אַן איבערצייגטער קאָמוניסט. בכלל האָבן זיך אין די רייען פון די יאַקאָבינער אַדורכגעמאַכט אַ דיפערענציאַציע: ווער ס'איז אָפן איבערגעגאַנגען אין לאַגער פון די הערשער, פון דער קעגנרעוואָלוציע, און ווער, אומצופרידן מיט דער קליינבירגערלעכער יאַקאָבינישער טאַקטיק, ס'איז אַוועק צום קלאַס פון דער אָרעמקייט, צום קאָמוניזם. ב.ס פאַרשווערונג איז געווען פון די ערשטע פאַרזאָגער פון פּראָלעטאַרישן קאָמוניזם. אין זיינע אומצאָליקע אַרטיקלען און כתבים דערווייזט ער, אַז דער רעזשים, וואָס שטיצט זיך אויף פּריוואַטן אייגנטום, האָט אָפּגעלעבט, אַז אייגנטלעך זענען שוין די ברייטסטע מאַסן אייגנטומלאָז. די גרויסע רעוואָלוציע — פירט ער אויס — איז געווען אַ וויכטיקער עטאַפּ אינעם קלאַסנקאַמף, אָבער אינדעראמתן האָט זי געברענגט איין קליקע צו דער מאַכט, אַנשטאָט אַן אַנדערע. דערום דאַרף מען אָרגאַניזירן אַ צווייטע רעוואָלוציע, וואָס זאָל ענדגילטיק „אומוואַרפן די פּאַטריציער און ברענגען צו דער מאַכט די פּלעבייער". ב. האָט זיך דעריבער, צוזאַמען מיט בואָנאַראָטי, דאַרטע א. אַ. געשטעלט בראש פון אַן אומלעגאַלן קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אָנצוקניפּן קאָנטאַקטן מיט די אַרבעטער און זעלנער; אַרויסגעגעבן צוויי זשורנאַלן „דער טריבון פון פאָלק" (שפּעטער האָט מען ב.ן אַזוי גערופן), און „דער באַלייכטער". די „גלייכע" האָבן אויך געשאַפן אַ לעגאַלן קלוב „פּאַנטעאָן", ווו עס פלעגן זיך צונויפטרעפן אַלע אומצופרידענע, רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון גאַנץ פּאַריז. פאַרשטייט זיך, אַז קיין אַגענטן האָבן אויך נישט געפעלט. ד. יאָר 1796 האָט דער קאָמיטעט צונויפגעשטעלט אַ מינימום־פּראָגראַם, וואָס צו טון גלייך נאָכן פאַרכאַפּן די מאַכט: אויף דער גיך אָרגאַניזירן אַ בחינמדיקע ברויט־פאַרטיילונג, איבערפירן דאָס אָרעמקייט אין די אַריסטאָקראַטישע וווינונגען, גלייך אַרויסגעבן פון די לאָמבאַרדן די חפצים א. אַנד. ערשט שפּעטער נעמט מען זיך אָרגאַניזירן אַ פעסטע מאַכט. פון בירגער־רעכט געניסן נאָר די, וואָס פאַרנעמען זיך מיט נוצלעכער אַרבעט; *פיזישע* אַרבעטער באַקומען בירגער־רעכט אָן שום שהיות, אַנטקעגן גייסטיקע — נאָכן דערווייזן זייער רעוואָלוציאָנערע סימפּאַטיע. אַלע איבעריקע איינוווינער האָבן נישט קיין פּאָליטישע רעכט, ווערן געהאַלטן פאַר אויסלענדער און געפינען זיך אונטער אַ שטענדיקער אויפזיכט. אָט דאָס איז געווען ב.ס פּלאַן פון דיקטאַטור פון די האָרעפּאַשניקעס. — ב. איז עטלעכע מאָל געזעסן אין תפיסה, אַרויסגעגעבן זיין זשורנאַל אונטער פאַרשידענע נעמען, אַ צייטלאַנג זיך אויסבאַהאַלטן פאַר

דער מאַכט און אין געהיים געאַרבעט
אָן אַ שיפֿר. דאָס איז געווען פֿרילינג
1797, ווען ס'איז שוין דורך די „גליי־
כע" אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ סטראַ־
טעגישער פּלאַן פֿון אַן אויפֿשטאַנד
אין מאַי י. י. אָבער דערדאָזיקער
הויף־אידעאַלער מענטש האָט נישט
געוואוסט, אַז צווישן זיינע רייען גע־
פֿינט זיך אַ פּראָוואָקאַטער. דאָס איז
געווען אַ קאַפּיטאַן גריזעל, וואָס האָט
די גאַנצע פֿאַרשווערונג פֿאַרשאָטן און
איבערגעגעבן די תּליונים אין די הענט.
דער משפּט איז פֿאָרגעקומען נישט
אין פּאַריז, נאָר אין שטעטל וואַנדאָם. ב.ס
און די איבעריקע ח.ס רעדעס זענען
געווען אַ מוסטער פֿון איידלמוטיקער
רעוואָלוציאָנערער האַרטקייט. קיינער
פֿון זיי האָט זיך נישט געבראָכן און
נישט חרטה געהאַט, כאָטש די גיליאָ־
טינע האָט געוואַרט אויף זייערע קעפּ.
דאָס געריכט, אָנגעשראָקן דורך
דעם דירעקטער באַראַס מיט זיין חבריא,
האָט פֿאַרמשפּט ב.ן מיט דאַרטען צום
טויט, די איבעריקע — צו פֿאַרשידענע
טערמינען, ווי אויך אייביקע תּפֿיסה.
27 מאַי 1797 זענען ב. און דאַרטע
גיליאָטינירט געוואָרן. דער פּראַנצ.
פּראָלעטאַריאַט, אָנגעשראָקן און אויס־
געשעפּט, האָט מאַכטלאָז צוגעלאָזט
די דאָזיקע מערדעריי. אין יענער צייט
פֿון ריזיקן רעוואָל. ענטוזיאַזם און
מסירת־נפֿש, טיילט זיך אויס ב.ס גע־
שטאַלט, ווי איינע פֿון די שענסטע.

באַגאַליובאָוו יעפֿים (ג 1889),
רוסישער שאַכיסט, אָנטיילגענומען אין
אַ צענדליק אינטערנאַציאָנאַלע טורנירן,
אין אַ טייל פֿון וועלכע געגומען דאָס
ערשטע אָרט; האַלט זיך אָן טשי־
גאָרינס (ז.) קלאַסישער טעאָריע.
אַרויסגעגעבן „טשיגאָרינס געקליבענע

פּאַרטיעס" און „געקליבענע פּאַרטיעס".

באָגאָראַז־טאַן וו ל אַ ד י מ י ר
(ג 1865), רוסישער שרייבער און עט־
נאָגראַף, געהערט צו דער פּאַרטיי נאַ־
ראָדנאַיאַ וואָליאַ, פֿאַרשיקט געוואָרן
אויף 10 יאָר, דאָרט דערפֿילט אין זיך
דעם באַרוף פֿון אַן עטנאָגראַף. נאָכן
אָפּקומען די שטראָף איינגעלאַדן גע־
וואָרן קיין אַמעריקע, ווו מיט־אָנגעפֿירט
מיט אַן עטנאָגראַפֿישער עקספּעדיציע
ביים צפֿון־ און שטילן אָקעאַן; 1904
צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, ווי אַן
אומפּאַרטייאישער סאָציאַליסט אַריינ־
געטרעטן אין דומע, נאָר קיין גרויסע
ראָל נישט געשפּילט. געשריבן אויך
דערציילונגען, דראַמעס פֿון רעוואָלו־
ציאָנערן, בעיקר פֿונעם פֿאַרשיקטע־לעבן.
זיינע ווערק זענען אַרויס ד. יאָר 1912
אין 10 בענד. זיינע וויכטיקסטע ווערק
זענען: „מאַטעריאַלן צום דערלערנען
די טשוקאָטישע שפּראַך און פֿאָלקלאָר",
„געגנט־ווערטערבוך פֿון קאָלימישן דיאַ־
לעקט", „נייע אויפֿגאָבן פֿון דער רו־
סישער עטנאָגראַפֿיע אין די פּאָלאַרע
געגנטן", „רויט און שוואַרץ", „די
עסקימאָסן" (ענגליש) א. אַנד.

באָגדאַנאָוו אַלעקסאַנדער, פּס"ד
פֿון אַלעקסאַנדער מאַלינאָווסקי
(ג 1873), רוסישער פֿילאָזאָף, סאָציאָ־
לאָג און עקאָנאָמיסט. יונג צוגעשטאַ־
נען צו דער אַרב.־באַוועגונג, 1903
צוגעשטאַנען צו דער ניי־געגרינדעטער
באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, געהערט צו אַ
ריי אירע אָנפֿירערישע אינסטאַנצן.
1905, אין די „פֿרייהייט־טעג", געגרינ־
דעט די ערשטע לעגאַלע באָלשעוויס־
טישע צייטונג „נייע לעבן", ביך
אַרעסטירט געוואָרן, אָנטיילגענומען
אין עטלעכע אויסלענדישע צוזאַמענ־

פאָרן, נאָר זינט 1907 אָנגעהויבן זיך אָפּצוקערן פון די באָלש.ס, 1909 צוזאַמען מיט לונאַטשאַרסקין און גאָרקין מיטגעגרינדעט די פּאַרטיי-שול אין קאַפּרי (איטאַליע), אָבער די פּאַרטיי האָט זיך פון איר אָפּגעגרענעצט. זינט דאַן קיין אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן נישט גענומען, בעת דער וועלט-מלחמה, ווי אַ דאָקטער, געווען אויפן פראָנט, קיין אָנטייל אין ביידע רעוואָלוציעס 1917 נישט געהאַט; היינט צו-טאָג פאַרנעמט ער אין ראַטנפאַרבאַנד אַ מעדיצינישן אַמט, ווי דער דירעקטער און שעפער פונעם אינסטיטוט פאַר בלוט-טראַנספוזיע. — צו זיין וויכטיקסט און פּאָפּולערסט בוך געהערט „קורצער קורס פון עקאָנאָמישער לערע" (פאַראַן אויף יידיש עטל. אויסג.), וואָס האָט בשעתו (דערשינען 1896) ביז גאָר דער לעצטער צייט דערצויגן דורות יוגנט. דאָס בוך איז אָבער פונעם מאַרקסיסטישן שטאַנדפונקט נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן: פאַראַן דאָרט אויסקרימונגען פון אַ גאַנצע ריי געביטן, ווי צב"ש אין דער קאַטעגאָריע פון ווערט, איבער די געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, אין דער סחורה-ווירטשאַפט אאוו. — דאַן איז באַקאַנט זיין „דערקענטעניש פון היסטאָרישן קוקווינקל", „יסודות פון היסטאָרישן קוק אויף דער נאַטור" א. אַנד., וואָס ווייזן אויך, אַז דער מחבר האָט נישט פולשטענדיק זיך צוגעאייגנט דעם מאַרקסיזם. 1913 אַרויסגעגעבן זיין טעקטאָלאָגיע „אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע-לערע", אַן עמפּיריאָמאָניסטישע אַרבעט. די מאַרקסיסטישע קריטיקער האָבן אים שטאַרק אָנגעגריפן. מיטרעדאַגירט אויך די זאַמלונגען „שטריכן פון רעאַליסטישער וועלט-אָנשויונג", „שטריכן צו דער

פילאָזאָפיע פון מאַרקסיזם", „שטריכן צו דער קאָלעקטיוויסטישער פילאָזאָפיע" א. אַנד.

באָגדאַנאָוו אַנאַטאָל (1834—1897), רוסישער זאָאָלאָג און אַנטראָפּאָלאָג, איינער פון די ערשטע אין אייראָפּע, געשאַפן אין רוסלאַנד אַ גרויסע צאָל געזעלשאַפטן פון די ביידע געביטן, אָנגעשריבן אַ 70 גרעסערע אַרבעטן, אַחוץ אַרטיקלען. גרויס דערפאָלג האָבן געהאַט זיינע לעקציעס „זונטיקדיקע דערקלערונגען איבער די קאָלעקציעס פון פּאָליטעכנישן מוזיי". צו זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן געהערן: „איבער דער פאַרביקייט פון פויגלפליגל", „מעדיצינישע זאָאָלאָגיע" א. אַנד.

באָגדאַנאָוויטש היפּאָליט (1743—1803), רוסישער דיכטער, באַרימט פון זיין פּאָעמע „דושענ'קאָ" — וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין דער דעמאָלטיקער ערנסטער, אָנגעלאָדענער ליטעראַטור דעם טאָן פון לייכטקייט און פראַנצויזישן טאָן.

באָגוסלאַווסקי וואָיטשעך (1757—1829), פּוילישער שרייבער, דער שעפער פונעם פּוילישן טעאַטער. לכתחילה געאַרבעט, אַלס אַקטיאָר, אינעם פראַנצ. טעאַטער אין וואַרשע, אָבער זיך אָפּגעגעבן דעם געדאַנק פון אַ טעאַטער אין פּוילישער שפּראַך, וואָס עס איז אים, נאָך שווערער מי, געלונגען; געהאַט צו קעמפן מיט די איינרעדענישן פונעם אַדל קעגן פּוילישע פּיעסן, ווי אויך מיט דער קאָנקורענץ פונעם פראַנצויזישן און איטאַליענישן טעאַטער. ריכטיק ווערט זיין נאָמען געפייערט אין הייטיקן פּוילן, ווי פון גרינדער פונעם טעאַטער



ג ר אַ ק ך ב אַ ב ע ף

געצייכנט דורך אַן אומבאַקאַנטן מאָלער אויפֿן פּראָצעס אין וואַנדאָם



אַנרי באַרביס

אין דער פּױלישער שפּראַך. אָנגעשריבן 12 בענד סצעניש ווערק, דאָס בעסטע פון וועלכע ס'איז „דער קלאָמפּערשטער נס, אָדער קראַקאָוויאַקעס און גוראַלעס". זיין „געשיכטע פונעם נאַציאָנאַלן טעאַטער" איז אַרויס אין פּשעמישל ערשט ד. יאָר 1884.

באַגראַוו גריגאָרי (הערש) (1825—1885), רוסישער שרייבער, אָפּגעחושכט די יונגע יאָרן אין חדר און ישיבה. געמאַכט מיט זיינע „זכרונות פון אַ ייד" אַ גרויסן רושם אין דער רוסישער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט, אַנטפּלעקנדיק איר אַן אומבאַקאַנטע וועלט, פול מיט אָבסקוראַנטיזם, איבערגלויבן און אַמעראַצישער פרומקייט. ער שילדערט דאָס שטעטל רעאַל, אָן גוזמאות, אָבער אויך אָן סענטימענטן, ווי אַלע יידישע שרייבער נאָך און פאַר אים. מיט זיין בוך האָט ער אויך געעפנט די אויגן אַסך יידן און זיי אָנגעוויזן די לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך. אין די „זכרונות" זענען פאַראַן עטלעכע פּרעכטיקע קאַפּיטלעך, וואָס האָבן ביי דער ליבעראַלער רוס. קריטיק אַרויסגערופן גרויס אויפזען.

באַגראַטוני אַרסען (1790—1861), אַרמענישער דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער, פאָרשטייער פון דער פּסעידאָ־קלאַסישער ריכטונג אין דער אַרמענישער ליטעראַטור. איבערגעזעצט אויף אַלט־אַרמעניש האָמערס (ז.) „איליאַדע", ווי אויך אָנגעשריבן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע עפּישע פּאָעמע „איק דיוצאַן" (דער העלד איק) אויס דער אַלט־אַרמענישער מיטאָלאָגיע. געשריבן אויך אַסך איבער דער אַלט־אַרמענישער שפּראַך.

באַרוען דע קורטענע יאַן

(1845—1930), באַקאַנטער פּוילישער שפּראַכפאָרשער און פריידענקער־טוער. אין אַ ריי זיינע וויכטיקסטע ווערק: „אייניקע פאַלן פון ווירקונג פון דער אַנאַלאָגיע אין דער פּוילישער דעקלינאַציע", ווי אויך אין אַנדערע פירט ער אַריין דעם עלעמענט פון עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין דער שפּראַכנוויסנשאַפט. זיין „איבער דער אַלט־פּוילישער שפּראַך ביזן 14טן י"ה" פאַרנעמט נאָך ביז היינט אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער פּוילישער לינגוויסטיק. געווען באַקאַנט אויך אַלס אומדערשראָקענער ליבעראַלער טוער און יידנפריינד. אָנגעשריבן אויף דידאַקטישע טעמעס זייער אַסך בראָשורן און אַרטיקלען. נאָך דער שפּאַלטונג צווישן די בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע פריידענקער, געשטאַנען בראש פון די ערשטע ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

באַרוויץ ניקאָלאַ (1883 ○), היינטצייטיקער פראַנצויזישער דיכטער, זיך געפונען לכתחילה אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון ווערהאַרן און וויטמען, דערנאָך אַריבער צו די דיכטער—„סימולטאַנעיסטן", וואָס דערוועיזן, אַז יעדעס ווערק אַנטוויקלט זיך ווי אין עטלעכע פּלענער, און אין דער פאָרעם שרייבן זיי טאַקע. אַזוי איז אויך אָנגעשריבן זיין לעצטע פּאָעמע „די טאָפּעלע צייכנס, אָדער דער קאָסמאָגאָרישער מענטש" (1920). ב.־ס אַנדערע ווערק: „דער וועג אין באַרג", „טריומפן", „די שוועסטערס פון שטומקייט", „די מענטשלעכע שטאָט".

באָדלער שאַרל (1821—1867), פראַנצויזישער דיכטער, איינער פון די וויכטיקסטע פאָרשטייער פונעם סים־

באַליזם און דעקאַדענץ. אַ טיף־איי־
דעלע און אינטערעסאַנטע נאַטור. צו
זיין כאַראַקטעריסטיק זענען אינטערע־
סאַנט די פאָלגנדיקע ביאָגראַפישע
פּרטים: אין זיין משפחה איז געווען
אַ ריי משוגעים, דער פאָטער איז אים
פרי אָפּגעשטאָרבן, די מוטער האָט
נאָכאַמאָל חתונה־געהאַט, דער שטיף־
פאָטער האָט אים זייער שלעכט באַ־
האַנדלט; ב. אַליין האָט אויך אומ־
גליקלעך חתונה־געהאַט, געהאַט אַ
גרויסע ירושה, וואָס ער האָט פאַרטרונקען
און פאַרשיכּורט אויף די ראַפינירטסטע
אופנים — ביז אָפּיום און האַשיש
איינשליסלעך. די רעוואָלוציע 1848
האַט ב.ן לפנים פאַרכאַפּט — אָבער
נאָר איר אויסערלעכער עפעקט, נישט
איר פאָליטיש־סאָציאַלער זינען. יענץ
יאָר האָט בכלל געשפּילט אַ גרויסע
ראָל פאַר ב.ן „מיט דער שפע אוטאָ־
פּיעס, וואָס זענען אומגעוויינלעך קאָ־
מיש". ב. באַציט זיך צום לעבן
בעיקר ווי אַן עסטעט. אין זיין אומ־
געהייערער פאַראַכטונג צום גרויסן
בירגערלעכן מענטשן, האָט ער מיט
זיינע מוראדיקע כּף־הקלע־דערציילונגען
אָנגעוואָרפן אויף אים אַ מורא און
שרעק. זיין בעסט ווערק (1857) „די
בלומען פון שלעכטס", ווו ער מאָלט
אין די ערגסטע פאַרבן דעם שרעק־
לעכן מאָנסטער — די שטאָט. דאָס איז
איינס פון די בעסטע אָפּשפּיגלונגען
פון דעם גייסט־צושטאַנד פון יענער
דעקלאַסירטער אינטעליגענץ, וואָס האָט
זיך געוואָרפן צווישן די מיאוסטע
אינטערעסן פון דער בורזשואַזער גע־
זעלשאַפט און, צוליב איר דערציונג
און געשמאַק, נישט געקאָנט גיין מיטן
פּראָלעטאַריאַט און דערום פאַרגעזאָגט
זעלבסטפאַרגעסעניש, ווי דאָס בעסטע

מיטל קעגן דעם. אין זיין צווייט בוך
„דער קינסטלעכער גן־עדן, אָפּיום און
האַשיש" זינגט ער שירה צו דער
שיכּרות און פאַרגעסעניש און פירט
גאָר אויס, אַז „די זאַכן עקזיסטירן
נישט אין דערווירקלעכקייט, די אמת־
דיקע ווירקלעכקייט עקזיסטירט ערשט
נ א ָ ר אין דער פאַנטאַזיע". ב. האָט
געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער
שאַפונג פון די בורזשואַזע סימבאָליסטן
אין דער ליטעראַטור.

באָדמער י אַ ק אָ ב (1783–1698),
דייטשער שרייבער איבער עסטעטיק
און דיכטער, פייערדיקער קעמפער פאַר
דעם אויפלעבן דאָס אַלט־דייטשע אין
דער ליטעראַטור און קעגן דעם איינפלוס
פון דער פראַנצויזישער. זיין „קריטישע
אָפּהאַנדלונג איבער דעם װוּנדערלעכן
אין דער פּאָעזיע" האָט געלייגט דערצו
דעם גרונטשטיין. געשפּילט אין דער
דייטשער ליטעראַטור אַ גרויסע ראָל,
ווי דער אַרויסגעבער פון אַלט־דייטשע
דיכטער־טעקסטן.

באָרנע ד י ו ל אַ ר י (1878 – 1790),
פראַנצויזישער פּאָליטישער טוער, איינער
פון די געטרייסטע אָנהענגער און נאָכ־
גייער פון פ ו ר י ע ן (ז.). געאָפּפערט
זיין גאַנצן פאַרמעג און דאָס דעפּוטאַטן־
בענקל און זיך אַריינגעוואָרפן אין פייער
פון אַגיטאַציע. גענומען אַן אַקטיוון
אָנטייל אין דעם פוריערישן זשורנאַל
„די פאַלאַנגע", אָנגעשריבן צ.אַ. „דער
סאָציאַלער קריזיס", „איבער די פיזיאָ־
לאָגישע האַרמאָניעס", „פּאָפּולערע הי־
גיענע".

באָרע ו י ל ה ע ל ם (1845 ◦), דייי־
שער קונסט־היסטאָריקער און מוזעום־
טוער. האָט אומגעהייערע פאַרדינסטן
פאַר דער פּאָפּולאַריזירונג פון קונסט

ביי די ברייטע דייטשע פאָלקסמאַסן, געגרינדעט, געשאַפן און מיטגעבויט אַ ריי ערשטקלאַסיקע מוזעען און גאַלעריעס. געשריבן, בעיקר, אויסן געביט פון איטאַליענישן רענעסאַנס. די וויכטיקסטע: „רעמבראַנד, באַשרייבנדיקע פאַרצייכעניש פון זיינע געמעלן", „די מייסטער פון די האָלענדישע און פלעמישע מאָלערשולן" א. אַסך אַנד.

באָדע רודאָלף (° 1881), דייטשער געלערטער, באַקאַנט פון זיין סיסטעם פון ריטמישער, אויסדריקבאַרער גימנאַסטיק, וואָס שטעלט זיך פאַר אַ ציל ריטמיש און עקאָנאָמיש אויספירן יעדע פאָרעם פיזישע אַרבעט – סיי מלאכה, סיי ספּאָרט. זיינע הויפּטווערק: „אויסדרוק־גימנאַסטיק", „ריטעם און קערפּער־דערציונג".

באָדען זשאַן (1530–1596), פראַנצויזישער פּאָליטישער דענקער, געשריבן און געשאַפן אויפן געביט פון מלוכה־רעכט און געשיכטע־פילאָזאָפיע. אין זיינע כתבים טרעט ער אַרויס אין אַלגעמיין, ווי דער גאָר־גאָר פריער אָנזאָגער פון דער בורזשואַזיע. זיין ערשט און וויכטיקסט ווערק איז „מעטאָד צום לייכטערן דערלערנען די געשיכטע", אין וועלכן ער טרעט אַרויס פאַר פרייען האַנדל, קעגן דער רעליגיעזער קאַטוילישער פאַנאַטישקייט — אַזוי, אַז מ'האָט אים חושד געווען אין פּראָטעסטאַנטיזם און שיער נישט דערהרגעט בעת דער באַרטאָלאָמעוס־נאַכט. דידאָזיקע געדאַנקען האָבן באַקומען זייער בעסטן אויסדרוק ערשט אין זיין „די זעקס ביכער פון דער רעפּובליק", ווו ער טרעט אַרויס פאַר אַ שטאַרקער מאַכט, אפילו אַן אַבסאָלוטיסטישער; די געזעלשאַפט האָט ער באַטראַכט ווי אַ

ציבור בלוט־ווירטשאַפטלעכע פאַרבאַנדן־משפחות. אָבער די מאַכט דאַרף געהערן נישט נאָר צו אַ יחיד; זי קאָן אויך געהערן צו אַן ענג־געשלאָסענעם ציבור.

באָדען עזשען (1853–1917), פראַנצויזישער סאָציאַליסט, אַ מיטגליד פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אַ בלאַנקיסט, אָנטיילגענומען אין דער פּאַריזער קאָמונע, געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט, אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד, נאָך דער אַמנעסטיע צוריקגעקומען און אָנטיילגענומען אין רעוואָלוציאָנערן לעבן, געווען דער אָרגאַניזאַטער פונעם בלאַנקישן רעוואָלוציאָנערן צענטראַלן קאָמיטעט. אַרויסגעגעבן אַסך בראָשורן, רעדאַגירט די לינק־סאָציאַליסטישע צייטונגען.

באָדענשטעט פרידריך (1819–1892), דייטשער שרייבער, געלעבט אַסך אין רוסלאַנד, איבער וועלכער ליטעראַטור אָנגעשריבן אַסך ביכער. פון זיינע אייגענע ווערק: „לידער פון מירזאַ־שאַפאַ", אַן אָריגינעלע ליריק, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג (1917 איז אַרויס די 264טע אויפלאַגע). איבערגעזעצט אויך אין דייטש אַסך פון די רוסישע און אָריענטאַלישע שרייבער.

באָדען־פּאַועל ראָבערט (° 1857), ענגלישער גענעראַל און שרייבער, דער שעפער פון דעם בירגערלעכן סקויטינג — אָפּטיילן יוגנט, וואָס ווערט פיזיש און גייסטיק דערצויגן אין גייסט פון דער בורזשואַזער מאָראַל. אַליין אַן אולטראַ־פּאַטריאָט און אַ הייסער מיליטאַריסט און אימפּעריאַליסט, אָנטיילגענומען אין אַ ריי קאָלאָניאַלע קאַמפן און בפרט זיך קונה־שם געווען מיטן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד ביי

מעבקינג — ווייל ער מיטן דאָזיקן סקויטינג שאַפן פרישע קאַדרן פיזישע גאַרטיידיקער פונעם בורזשואַזן סדר, ווי אויך אַ פעסטן, פיזיש און אידעיש שטאַרקן מאַטעריאַל פאַר שטרייקברעכער. פון זיינע ביכער זענען די אינטערעסאַנטסטע „סקויטינג פאַר יינגלעך" (מעמוארן) און „וואָס סקויטן קאָנען אויפטון". די ביכער זענען איבערגעזעצט אויף כמעט אַלע אייראָפעישע שפּראַכן. — אינטערעסאַנט, אַז דער ווערטלעכער טייטש פונעם וואָרט „סקאַוט" איז — שפּיאָן.

באַדער פראַנץ (1841—1765), דייטשער מיסטיקער און טעאָלאָג, איינע פון די רעאַקציאָנערסטע פיגורן אין אייראָפּע אָנהייב 19טן י"ה. זיין וויכטיקסט ווערק א. נ. „וועגן דער נייטיקייט, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן, ענגער צו פאַרבינדן די רעליגיע מיט פּאָליטיק" איז אַן אָפּשפּיגלונג פון די שטימונגען אין די רעגירנדיקע אייראָפעישע קרייזן אויס יענער צייט. ער פירט דאָרט אַ קאַמף מיט אַל'דאָס פּראָגרעסיווע: מיטן ליבעראַליזם, מיט בילדונג, מיטן מאַטעריאַליזם, מיט דער קלאַסישער דייטשער פילאָזאָפיע א. אַ. וו. אין יענעם בוך זענען אויך פאַראַן דריי מעמאָריאַלן, וואָס ער האָט געשיקט צו די דריי וויכטיקסטע אייראָפעישע הערשער, ווי אַזוי צו איינפירן „אַן אָרדענונג אין דער וועלט". ער האָט אַליין אָנגערופן זיין פילאָזאָפיע „ספּיריטואַליסטיש-רעאַליסטישע טעזן". קיין גרויסן איינפלוס האָט ער אָבער נישט געהאַט.

באַהושאַרסקי וואַסילי, פסד פון וו. יאַקאָוולעוו (1915—1861), רוסישער היסטאָריקער פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און פּאָליטישער טוער. יונג אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָל. באַוועגונג, אַלס אָפיציר אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די נאַראָדאָוואָלישע קרייזן. אַרעסטירט געוואָרן, פאַרשיקט, סוף 90ער יאָרן אַרויסגעטראָטן ווי אַ לעגאַלער מאַרקסיסט, אָנטיילגענומען אין דעם מאַרקסיסטישן זשורנאַל „נייע וואָרט", דערנאָך צוגעטראָטן צו די ליבעראַלן, שפּעטער אַרויס און צוגעטרעטן צו וול. בורצעווס גרופּע. פאַר דערדאָזיקער צייט רעדאַגירט די אומאָפּהענגיק-ליבעראַלע זשורנאַלן „אָן אַ טיטל", „חבר", „וואָס געווען" (ביליאָיע), אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד, צוריקגעקומען ד. יאָר 1913. — פון זיינע וויכטיקערע היסטאָרישע אַרבעטן: „פאַרטיי נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", „דריי מערבניקעס פון די 40ער יאָרן" (דער מיניסטאָרנקאַבינעט האָט דאָס בוך פאַרניכט), „בלוטיקער סינאָד", „אויס דער געשיכטע פון פּאָליטישן קאַמף די 70ער און 80ער יאָרן", „אַלעקסאַנדער הערצען"; רעדאַגירט אַ זאַמלבוך „מלוכישע פאַרברעכנס אין רוסלאַנד דאָס 19 י"ה", „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג די 60ער יאָרן".

באָולי אַרטור ליאָן (1869 °), ענגלישער געלערטער, איינער פון די גרעסטע טעאָרעטיקער פון סטאַטיסטיקביים היינטיקן טאָג. אַרויסגעגעבן סטאַטיסטישע אַטלאַסן און פאַרגלייכן איבער כמעט אַלע דערשיינונגען פון ענגלישן מלוכישן לעבן. זיין סטאַטיסטיק איז טרוקן, אָן אַסך דערקלערן, און דערפאַר איז זי אַ פּאַטש אין פּנים דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק, וואָס גיט-אָן דאָס, וואָס איז איר באַקוועמער. אין זיינ

טעאָרעטישער אַרבעט איבער סטאַטיסטיק „די מאַטעמאַטישע יסודות פון דער עקאָנאָמיק" ווייזט ער טאַקע אָן אויף דעמדאָזיקן געדאַנק, הגם אין אַ בירגערלעכן, ליבעראַלן מאַנטל. ב.ס אַרבעט איז נאָך אַן איבעריקער באַווייז, אַז אפילו אויפן געביט פון ציפערן האָט אַסך צו זאָגן די טענדענץ און דער אופן פון צוגאַנג. אָנגעשריבן לערך אַ 50 בענד, וואָס ווערן גערעכנט פאַר אַ גלענצנדן קוואַל צום דערלערנען דאָס היינטיקע לעבן אין ענגלאַנד (ווי אויך אַ טייל אַנדערע לענדער), און אפילו די רעגירונג באַנוצט זיך מיט זיינע מאַטעריאַלן.

באַומגאַרטען אַלעקסאַנדער (1762–1714), דייטשער פילאָזאָף, אַ שילער פון כריסטיאַן וואָלף (ז.), געשאַפן אַן אייגענע שיטה אין דער קונסט-דערקענטעניש; זיין הויפטווערק הייסט „עסטעטיק" – דער העכסטער געבאָט פון דער קונסט איז געטריי צו שילדערן דאָס לעבן. זיין באַקאַנטסט ווערק איז די 3בענדיקע „אַקראָמאַטישע עסטעטיק".

באַוער אָטאָ (○ 1882), עסטרייכישער ס. ד. פירער; שטאַמט פון אַ רייכער היים, איז ער שוין אַלס סטודענט אַריינגעטראָטן אין דער פאַרטיי, 1907 אַרויסגעלאָזט אַ בוך „די נאַציאָנאַלע פראַגע און די ס.ד.", וואָס האָט אים גלייך געמאַכט פאַר איינעם פון די פירער פון דער ס. ד. 1908, צוזאַמען מיט פרידריך אַדלער, געגרינדעט דעם חודשניק „קאַמף", וואָס ער רעדאַגירט נאָך ביז היינט. בשעת די גרויסע קאַמפן האַרט פאַר דער וועלט-מלחמה, צווישן די רעוויזיאָניסטן און אָרטאָדאָקסאַלע מאַרקסיסטן, האָט ב. צוזאַמען

מיט ק. קאַוטסקין, ר. הילפערדינגן, ג. עקשטיינען, געשאַפן דעם אַ. ג. אידעאָלאָגישן צענטער, וואָס האָט מיט מאַרקסיסטישער פראַזעאָלאָגיע פאַרדעקט די אָפּאָרטוניסטישע מעשים. בעת דער מלחמה, ווי אַ פראָנטזעלנער, געווען געפאַנגען אין רוסלאַנד, נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע געוווינט אין פעטראָגראַד, געשטאַנען נאָנט צו די מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן; האַלב 1917 זיך אומגעקערט קיין עסטרייך, וווּ א. פסד. ה. וועבער, אַרויסגעגעבן אַ בוך איבער רוסלאַנד אינעם דערמאַנטן גייסט. אין דער ערשטער עסטרייכישער רעפובליקאַנישער רעגירונג פאַרנומען דעם אַמט פון אויסערן־מיניסטער; צייכנט זיך דאַן אויס מיט דעם איידעלן, אָבער העפטיקן קאַמף קעגן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין דער אַרבעטער־מאַסע. 1923, אין זיין בוך „די עסטרייכישע רעוואָלוציע", דערווייזט ער, אַז אייראָפּע איז נאָך נישט רייף פאַר קיין רעוואָלוציע, און אַז קודם-כל דאַרף דער ענגלישער פראָלעטאַריאַט איבערנעמען די פירערשאַפט – דאַן וועט מען קאָנען, אונטער זיין אָנפיר, אַדורכפירן די רעוואָל. אין אייראָפּע. אין די 3 ביכער, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אַלס מיניסטער – „די וועלט־רעוואָלוציע" (אַנאָנים), „באָלשעוויזם אָדער ס. ד.?", „דער וועג צום סאָציאַליזם" (אַלע – 1920–1919), ווערט אונדז קלאָר זיין אידעאָלאָגישער פרצוף – פון אַ צענטרישן סאָציאַליסט, וואָס וויל מיט די איידעלסטע מיטלען דורכפירן די „קאַטאַסטראָפאַלע", אומפאַרמיידלעכע אָפּעראַציע; אַזוי, צבש, איז ער אין הינזיכט פון דער אַגראַר־רעפאָרעם אַן אָנהענגער פון אַנטשעדיקן די גרויסע פריצים. – 1920 געווען

איינער פון די מיטגרינדער פון אַ. ג. 2 און אַ האַלב אינטערנאַציאָנאַל, 1922 אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ פון די 3 אינטערנאַציאָנאַלן אין בערלין, שפּעטער געווען דער הויפּט-איניציאַטער פון דער פאַראייניקונג פונעם 2 און אַ האַלב מיטן 2טן אינטערנאַציאָנאַל. אינעם פאַראייניקטן אי—ל איז ב. איינע פון די הויפּטפיגורן, איז הויפּט־רעפע־רענט הויפּטזאַכלעך איבער דער נאַ־ציאָנאַלער און קאָלאָניאַלער פראַגע, ווו ער וואָרנט דעם אימפּעריאַליזם פאַר דעם ריזיקן דערוואַך-פּראָצעס פון די קאָלאָניאַלע פעלקער און לייגט גלייכער פאַר אַדורכצוקומען דורך געבן קליינע הנחות. אויך זיינע אַרבעטן איבער דער פילאָזאָפיע און דער נאַ־ציאָנאַלער פראַגע זענען פון מאַרק־סיסטישן שטאַנדפּונקט נישט אינגאַנצן אויסגעהאַלטן, ווייל ער ווענדט נישט אָן דעם מעטאָד פון היסטאָרישן מאַ־טעריאַליזם. ער האַלט, למשל, אַז אויך אין דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלן בלייבן נאַציעס; אויך באַהאַנדלט ער די פאַרשידענע פילאָזאָפישע שיטות אָפּגעריסן פון די בצגעבענע אויסערלעכע באַדינגונגען, נייערט אויפן סמך פון זייערע שעפער. די לעצטע צייט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די „לינקע" פראַזעאָלאָגיע, און אָפּגעקערט אַריבער צו דער רעכטער מער־הייט; באַזונדערס איז דאָס געקומען צום אויסדרוק לעצטנס, אין צוזאַמענ־האַנג מיטן אָנגריף פון פאַשיזם אין עסטרייך. ב. האָט דורך פאַרשידענע פאַרלאַמענטאַרישע שפּיצלעך (ער איז סעקרעטאַר פון דער פאַרלאַמענט־פראַקציע) דערמעגלעכט אָנצונעמען די נייע פאַשיסטישע קאָנסטיטוציע און — פון דער אַנדערער זייט — צו צוימען

די רעוו. ברויזן פונעם אַרבעטער־קלאַס. געשפּילט אויך נישט קיין גאָר בכּבֿודע ראָל בעת דעם באַרימטן 15־יולי-אויפשטאַנד ד. יאָר 1927. — חוץ די דערמאַנטע פריער ווערק, נאָך אָנ־געשריבן: „די געשיכטע פון קאַפּיטאַל", „דאָס וועלטבילד פון קאַפּיטאַליזם" א. אַנד.

א ש ויף יידיש: „דער וועג צום סאָציאַליזם", „באַל־עוויזם אָדער ס.ד.?" „דער נעפּ".

באַוער ברונאָ (1809—1882), דײַ־טשער פילאָזאָף, געשטאַנען אַ שטיק צייט אונטערן איינפלוס פון העגעל. די 30ער יאָרן אַוועק נאָך לינקער, אַרויס־געגעבן דאַן „קריטיק פון דער עוואַנ־געליע זינט יאָהאַן", דערנאָך אַ 3־בענדיקע „קריטיק פון סינאָפּטישע עוואַנגעליעס"; צו יענער צייט געווען נאָנט באַפריינדעט מיט ק. מאַרקסן (צוזאַמען געהערט צו אַ יונג־העגעל־יאַנער קרייזל), וואָס האָבן וואָסאַמאָל־ווייטער זיך אָפּגערוקט פון דער פילאָ־זאָפיע צו פראַקטישע אויפגאָבן. צוזאַמען געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַן אַטעיסטישן זשורנאַל, אָבער צוליב די מאַטעריעלע שוועריקייטן זיך געמוזט אָפּזאָגן. 1841 אַרויסגעגעבן אַן אַנאָנימע בראָשור „טראָמפּייט-הילדפונעם שרעקלעכן משפּט איבער העגעלן — דעם אַטעיסט און אַנטי־כריסט", אין וועלכער מאַרקס האָט אויך גענומען אַ שטיקל אָנטייל, דערנאָך „העגעלס לערע איבער רעליגיע און קונסט". אַ גרויסן רעש האָט אָנגעמאַכט זיין ווערק „די יידנפראַגע", אין וועל־כער ער ווייזט אויף, אַז די יידן וועלן עמאַנציפּירט ווערן נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך אַלע אויסשמדן. 1842 האָט מען אים, איבער זיינע אַטעיסטישע אָנשויונגען, צוגענומען די דאָצענטור. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק

און אַרויסגערופן אַ גרויסע ליטעראַטור. צו יענער צייט זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט מאַרקס׳ געדאַנקען איבער פּראַקטישער אַרבעט און בייסיק אויסגעלאַכט זיין גלויבן אין דער מאַסע. דער מאַסע דאַרף מען אַנטקעגנשטעלן — האָט ער געטענהט — קריטיש דענקענדיקע פּערזענלעכקייטן, העלדן, וואָס שאַפן געשיכטע. אויף צו באַגרינדן זיין שטאַנדפּונקט, אַרויסגעגעבן זיין „געשיכטע פון פּאַרטייקאַמף אין דייטשלאַנד 1842—1846״ (3 בענד). נאָכן 1848 יאָר, בעת וועלכן קיין ערנסטן אָנטייל נישט גענומען, פאַרעפנטלעכט „קריטיק פון פּאַולוס שליחות״, דערנאָך אַריבער צו פּובליציסטיק, פאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט פונעם פליגל קאָנסערוואַטאָרן, וואָס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם „פעאָדאַלן סאָציאַליזם״. אָנגעשריבן נאָך אַסך ווערק, צווישן וועלכע דעם אויבנאָן פאַרנעמט דאָס „ווערטערבוך פון מלוכישע און געזעלשאַפטלעכע וויסנשאַפטן״.

באַוער גוסטאַוו (1870 °), היינטצייטיקער דייטשער ס.ד.-טוער, פּראָפעסיאָנעלער לידער, זינט 1912 דעפּוטאַט אין רייכסטאָג. פעברואַר—יולי 1919 געווען אַרבעט-מיניסטער אין דעם טרויעריק־באַרימטן שיידעמאַנס (ז.) קאַבינעט און געפירט אַ קאַמף קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג און הויפּטזאַכלעך קעגן דעם שטרייק-רעכט. יולי 1919 געוואָרן פּרעמיער און אונטער זיין פּרעמיעריי איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער ווערסאַילער טראַקטאַט. געווען נאָך אין עטלעכע מיניסטאָרן־קאַבינעטן, און 1922 — אין דער צייט פון דער גרויסערווירטשאַפטלעכער קאַטאַסטראָפע — געווען וויצע-פּרעמיער

אין דעם צענטריסט ווירטס קאַבינעט און געהאָלפן ראַטעווען דאָס לאַנד פון דער רעוואָלוציע. 1924 איז אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין זיין טעטיקער אָנטייל אין דער גרויסער אַפערע פון די ברידער באַרמאַט. ער האָט דאַן זיך געמוזט אָפּזאָגן פונעם מיניסטערבענקל, פון דעפּוטאַטעריי און בכלל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער ס. ד. פּאַרטיי. דאָך האָט דער רוגז לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און אָנהייב 1926 ווידער אָנגענומען געוואָרן אין אירע רייען. זיינע „פּאַרדינסטן״ זענען דער דייטשער ס. ד. זייער נייטיק. — אָנגעשריבן עטלעכע ווערק איבער אַרבעטער־געזעצגעבונג.

באַוער העראָלד (1873 °), אָנגעזעענער ענגלישער פּיאַניסט, אַ תלמיד פון פּאַדערעווסקין (ז.), זינט 1914 אַוועק קיין אַמעריקע, ווו געגרינדעט די וויכטיקסטע מוזיקאַלישע געזעלשאַפט—בעטהאָווען־אַסאָסייִשן. אַ גרויסער קינסטלער פון פּיאַנאָ, האָט ער אַרומגערייזט מיט קאָנצערטן די וויכטיקסטע שטעט אין דער וועלט.

באַוערנפעלד עדואַרד (1802—1890), עסטרייכישער שרייבער, אָנטייל־גענומען אין דער רעוואָלוציע 1848; געווען שטאַרק פּאָפּולער מיט זיינע קאָמעדיעס, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן אַ געגנוג־בולטן סאָציאַלן אונטערשלאַק און זענען נאָנט צו סאָציאַל־פּאָליטישן פּאַמפלעט. דעם גרעסטן באַטייט האָבן זיינע קאָמעדיעס: „בירגערלעך און ראָמאַנטיש״, „גרויסיעריק״. 1871 זענען אַרויס זיינע ווערק אין 12 בענד.

באַור פערדינאַנד כריסטיאַן (1792—1860), פּראָטעסטאַנטישער קירכהיסטאָריקער. אין זיין הויפּטווערק „די

עפּאָכע פון דער קירכלעכער געשיכטעשרייבונג" פירט ער אַדורך דעם דיאַלעקטישן געדאַנק, אַז די גאַנצע געשיכטע פון דער קריסטלעכער קירך איז אַ קאַמף פון קעגנגעזעצטע ריכטונגען און זייער סינטעזע. הגם געווען אַן אידעאַליסט, געגעבן אָבער אַ גלענצנדן אַנאַליז פון די אינערלעכע קאַמפן אין דער קריסטל. קירך משך די ערשטע יאָרהונדערטער. זיין מעטאָד האָט בשעתו געהאַט אַ רעוואָלוציאָנערן באַטייט, אַזוי אַז די דייטשע בילדונגמאַכט האָט אַ לענגערע צייט נישט געוואָלט אים געבן די טעאָלאָגישע קאַטעדער פון טיבינגענער אוניווערזיטעט. ערשט נאָך אַ דעמאָנסטראַציע פון די סטודענטן האָט זי נאָכגעגעבן. געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון העגעל (ז.).

באַושינגער יוליוס (1860 ○), הייַנטצייטיקער דייטשער אַסטראָנאָם; דירעקטער פונעם בערלינער אויסרעכן־אינסטיטוט, רעדאַקטער פון דעם בערלינער „אַסטראָנאָמישן וואָכנבלאַט" אָנגעשריבן אַ ריי זייער וויכטיקע ווערק איבער הימל־מעכאַניק און אַן ערשטראַנגיק, גרויס ווערק: „די באַשטימונג פון די הימלישע קערפּער".

באַוועריי טעאָדאָר (1862—1915), דייטשער זאָאָלאָג און עמבריאָלאָג. איינער פון די גרעסטע ביאָלאָגן פון דער לעצטער צייט. זיינע אַרבעטן איבער פיזיאָלאָגיע און קעמערלבוי האָבן אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל אין דידאָזיקע וויסנשאַפטן. באַגרינדעט און באַשאַפן די טעאָריע פון „אינדיווידועלקייט פון כראָמאָזן", וואָס האָט געשאַפן אַ באַזע פאַר דער הייַנטצייַטיקער ציטאָלאָגיע פון ירושה. זיין הויפּטאַרבעט איז „אַן אָרגאַניזם, באַ־

קומען אויפן געשלעכטלעכן וועג, נאָר אָן מוטערלעכע אייגנשאַפטן", וואָס האָט אויף אַן אומדערשיטערלעכן אופן דערוויזן, אַז דער הויפּט־טרעגער פון ירושה איז דער פאָטער. ער האָט אויך פאַרטיפט די וויסנשאַפט איבער דער סאָמאַ און די געשלעכטקעמערלעך. זיין לעצטע אַרבעט איז געווען ציטאָלאָגיש צו דערקלערן די אַנדרוגינוס־בינען, ד. ה. יענע בינען, וואָס פאַרמאָגן ביידע געשלעכטער. ער האָט אויך דערקלערט די דערשיינונג פון לאַנצעטניק. — זיינע וויכטיקסטע ווערק, אַחוץ דעם דערמאָנטן: „קעמערלשטודיעס", 7 בענד, „דאָס פּראָבלעם פון באַפרוכפּערונג", „איבער דער אַנטשטייונג פון די אַנדרוגינוס־בינען", „איבער דער אַנטשטייונג פונעם קעגנזאַץ צווישן די געשלעכטקעמערלעך און די סאָמאַטישע קעמערלעך ביי אינזעקטן" א. אַנד.

באָז דזשאַהאַדי טשאַנדראַ (1858 ○), אינדישער פיזיקער און פיזיאָלאָג, געשטודירט אין קאַלקוטאַ און אין קעמברידזש. די יאָרן 1884—1915 געווען פּראָפעסער פון פיזיק אין קאַלקוטער אוניווערזיטעט. פאַרעפנטלעכט משך יענער צייט אַ ריי אַרבעטן איבער עלעקטרע. גלייכצייטיק אויך געאַרבעט איבער פיזיאָלאָגיע און 1902 אַרויסגעלאָזט אַ בוך „רעאַקציע אין לעבעדיקן און טויטן", אין וועלכן ער פירט אַדורך דעם געדאַנק, אַז די מעטאַלן און די פּראָטאָפּלאַזמע פאַלן אויך אַרונטער דער אַלגעמיינער דערשיינונג פון צערייצבאַרקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער אומשטאַנדהאַפטיקייט פון זייער מאָלעקולאַרן געבוי. אין זיינע ווערק: „די

פיזיאָלאָגיע פון פּאַטאָסינטעזע", „דער נערוונמעכאַניזם פון געוויקסן" באַווייזט ער, אַז די צמחים פאַרמאָגן אַ צירקו-לאַטערישע און נערוועזישע סיסטעם. דידאָזיקע געדאַנקען האָבן זיך ביי די אייראָפּעישע וויסנשאַפטלער נישט אָנ-גענומען. 1917 האָט ער געשאַפן אין קאַלקוטאַ אַן ערשטקלאַסיקן פאָרש-אינסטיטוט, ווו ער אַרבעט, צוזאַמען מיט זיינע תּלמידים, איבער דידאָזיקע פראַגן.

באַזאַנקעט בערנאַרד (1848—1925), ענגלישער פילאָזאָף, איינער פון די פאָרשטייער פון ענגלישן ניי-העגעליאַניזם. אָנגעשריבן אַסך ווערק איבער לאָגיק, עסטעטיק, רעכט-פילאָ-זאָפיע, אין וועלכע ער דערווייזט, אַז די וועלט איז אַן אָרגאַנישע גאַנצקייט— נישט ווי דער ענגלישער עמפּיריזם, וואָס צעטיילט די גאַנצע עקספּערימענ-טאַלע וועלט אויף אַ ריי זאַכן, וואָס האָבן נישט קיין געמיינזאַמע שייכות. ב. איז אויך באַקאַנט אַלס פּאָפּולאַרי-זאַטער פון דער פילאָזאָפיע.

באַזאַר סענט-אַמאַן (1791—1832), פראַנצויזישער אוטאָפּיסטישער סאָציאַ-ליסט, דער וויכטיקסטער פאָרשטייער פונעם סען-סימאָניזם (ז.). אַן איבער-צייגטער רעפּובליקאַנער, האָט אים די ווידער-באַלעבונג פון די בורבאָנען געצוווּנגען זיך אינגאַנצן אַריינצוּוואַרפן אין דער פּאָליטישער אַרבעט. לכתּחילה געווען רעדאַקטער און אַרויסגעבער פון דער ראַדיקאַלער צייטונג „שטרענגער שופט". צו דער זעלבער צייט אויך אַרויס-געגעבן אַ ריי אַגיטאַציע-בראָשורן אין ליבעראַלן גייסט. גלייכצייטיק האָט ער אויך אָוועקגעלייגט פיל ענערגיע ביים שאַפן אַ פאַרייניקונג פון זיינע מיט-

שטימער און אָנהענגער אין אַ געזעל-שאַפט „פריינד פונעם אמת", אָנטייל-גענומען דערנאָך אין די אויפשטאַנדן אין בעלפאָר און קאָלמאַר, פאַר וואָס ער איז אונטער די אויגן פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. 1825 זיך באַקענט מיט די לערעס פון סען-סימאָן. זיין טעאָרעטישע באַגאַבונג און די איבער-געלעבטע שטורמישע רעוואָלוציאָנערע דערפאַרונג האָט אים דערמעגלעכט צו פאַרנעמען דאָס חשובסטע אָרט אין דערדאָזיקער באַוועגונג; ב. האָט אייגנטלעך אַריינגעבראַכט דעם וויסנ-שאַפטלעך-פּראַקטישן מעטאָד אין דער נעבלהאַפטער טעאָריע פון ס. סימאָן. 1830 ווידער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל „די לערע פון סען-סימאָן", ווי אויך אָנטיילגענומען אין דער פּראַק-טישער אַגיטאַציע-אַרבעט. פון דעצעמ-בער 1828 ביז אָנהייב 1830 געהאַלטן לעקציעס איבער איר אויף דער גאַס טאַראַן. צוזאַמען מיט אַנפאַנטען (ז.) געהאַלטן געוואָרן פאַרן גייסטיקן פאָטער פון דער סען-סימאָנישער גע-מיינדע. ד. יאָר 1831 איז אַנטשטאַנען צווישן אַ.ן און ב.ן אַ סיכסוך איבער דעם כאַראַקטער פון דער ס.סימ.שער שול, בעת וועלכן ב. איז אַקטיוו אַרויס-געטראָטן קעגן דער טענדענץ צו געבן איר אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. גיך נאָך דער שפּאַלטונג צווישן די סען-סימאָ-ניסטן איז ב. געשטאָרבן. גענויער איבער דעם ז. סען-סימאָן.

באַזאַראָח וו., פסד פון וולאַדימיר רודניעוו (1874°), רוסישער רעוואָל. טעאָרעטיקער און טוער. צו 22 יאָר אַריינגעטראָטן אין דער רעוואָלוציאָנע-רער אונטערערדישער באַוועגונג, גיך אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט קיין

טולאַ, װוּ צוזאַמען מיט באָגדאַנאָװן (ז.) געגרינדעט אַן אומלעגאַלן אַרבעטער־אוניװערזיטעט. װידער פאַרשיקט געװאָרן, עטלעכע יאָר פאַרברענגט אין אויסלאַנד, 1904 אַריינגעטראָטן אין דער באָלשעװיסטישער פראַקציע, אָנטיילגענומען אין כמעט אַלע אירע אויסגאַבן, געװען רעדאַקציע־מיטגליד פונעם צענטראַל־אָרגאַן. 1910 אַרויסגעטראָטן, אָבער איז נישט צוגעשטאַנען צו קיין שום אַנדערער פאַרטיי. — צו דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע זיך באַצויגן נעגאַטיװ. בעת דעם בירגערקריג אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „דער געדאַנק", ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון מאַרטאָװן, דאַנען (ז.) א. אַנד. 1919 אַרויסגעלאָזט אַ זאַמלונג אַרטיקלען „אויפן װעג צום סאָציאַליזם", װוּ ס׳געפינען זיך אומגעריכט סאָציאַל־פּאַטריאָטישע, מיסטיש־רעליגיעזע און אפילו אימפּעריאַליסטישע באַרעכטיקונגען פאַר דער מלחמה. זינט 1922 פאַרנעמט ער זיך בלויז מיט עקאָנאָמישע פראַגן, אָנגעשריבן איבער דעם עטלעכע גרונטװערק, איז אויך אַ מיטגליד פונעם „מלוכהפּלאַן". צו די װיכטיקסטע װערק פון די לעצטע יאָרן: „די קרומליניעס אין דער אַנטװיקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער און ראַטנװירטשאַפט". צוזאַמען מיט אַ. סטיעפּאַנאָװן (ז.) איבערגעזעצט אין רוסיש מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל".

באַזאַראָנקאָשי, היינטצייטיקער מאָנגאָלישער שרייבער און רעװאָלוציאָנער. צ. אַ. אָנגעשריבן אַ פּיעסע א. נ. „די פּילצאָליקע פאַרברעכנס און סעלערס פון די מאָנגאָלישע הויכגעשטעלטע לייט, פּרינצן, באַאַמטע און נעװיינלעכע בירגער. װאָס זענען באַ־

גאַנגען געװאָרן בעת די גרויסע װעלט־קאַטאַסטראָפעס" — אין װעלכער ער שילדערט די קאַמפן צװישן דעם רעװאָלוציאָנערן מאָנגאָליע און כינע, די אינטערװענצן פון די גרויס־אימפּעריאַליסטישע מלוכות א. אַנד. — דאָס װערק האָט גרויס אינטערעס מיט זיין עפּישן פּאַטאָס און אָריגינעל־פאָלקסטימלעכן סטיל.

באַזיליוס װאַלענטינוס, אַ ן אויסגעטראַכטער נאָמען, אונטער װעלכן ס׳האָבן געשריבן און אַרויסגעגעבן זייערע װערק פאַרשידענע אַלכעמיקער פון 15 און 16 י״ה. דאָס ערשטע מאָל האָט דידאָזיקע װערק צונויפגעזאַמלט י. טעלדע (אָנהייב 17 י״ה), װאָס מען האַלט, אַז ער איז טאַקע דער מחבר פון דאָס רוב װערק. מיט דעם ב. װ. איז פאַרבונדן אַ ריי אַנטדעקונגען: די ערשטע ידיעות איבער צינק און ביזמעט, דאָס אַרויסבאַקומען אַ כמעט־ריינעם כעמישן קװעקזילבער, דאָס גענויע אויספאָרשן פון אַנטימאָן, די אַנטדעקונג פון זאַלצזויער, פון זאַלמאַיקישן ספּירט און אַנד. געמישן.

באַזשאַנסקי פּאָרפירי (ס אַרום 1870), איינער פון די באַקאַנטסטע אוקראַיניש־גאַליציאַנישע מוזיקער, קאָמפּאָזיטער, פּובליציסט, מוזיק־טעאָרעטיקער, עטנאָגראַף. 1929 האָט ער פאַרמאָגט די גרעסטע זאַמלונג אוקראַינישע פאָלקסלידער — איבער 4000 נומערן. אָנגעשריבן אויך עטלעכע פאָלקסאָפּערעס „אָלעסיאַ", „מאַריצאַ, די טאָטערשע כלה" א. אַנד., װי אויך עטלעכע טעאָרעטיש־מוזיקאַלישע װערק: „די יסודות פון דער אַלט־אוקראַינישער מוזיקאַלישער האַרמאָניע" א. אַנד.

באַזעדאָוו יאָהאַן בערנהאַרד (1790—1724), דייטשער דערציער, דער באַגרינדער פון דער אַ.ג. פילאַנטראָפּישער ריכטונג אין דער פּעדאַגאָגיק. די יסודות פון דעראָזיקער ריכטונג זענען: דערציונג אין הסכּם מיט דער נאַטור, אָנשויונג, פּראַקטישע צופּאַסונג פון די קענטעניש, פיזישע דערציונג און הומאַניטאַרישקייט, ווי דער הויפּט־פּרינציפּ. ב. האָט אייגנטלעך פאַרברייטערט די אָנשויונגען פון רוסאָ און לעקאָק (ז.). מיט דעמדאָזיקן דערציונג־מעטאָד אויסגעדריקט די פאַרלאַנגען פונעם ליבעראַלן טייל פון הערשנדיקן קלאַס, וואָס האָט געוואָלט געבן די קינדער אַן „אידעאַלע" דערציונג, ד. ה. אויפהאָדעווען זיי פאַר סוחרים און פאַבריקאַנטן. — אינטערעסאַנט איז די שול, וואָס ב. האָט געגרינדעט — „פילאַנטראָפּיק". דאָרט זענען געווען וואַרשטאַטן, פעלד־אַרבעטן, די קינדער האָבן דאָרט געלעבט אין זייער גוטע באַדינגונגען. אָבער נאָך 18 יאָר עקזיסטענץ האָט זי זיך פאַרמאַכט.

באַזען רענע (1853 ○), פּאָפּולערער פראַנצויזישער שרייבער, געבוירן און דערצויגן אין אַ פרומקאַטוילישער, מאָנאַרכיסטישער משפּחה. ב. איז דער פאָרשטייער פונעם פראַנצויזישן „רעגיאָנאַליזם" (פאַראַן אַזאַ שטרעמונג אויך אין פוילן) — פון דער אַ. ג. „פאָלקסטימלעכקייט", בעסער געזאָגט: פּריצישקייט, וואָס וויל אָפּרייסן די פּראָווינץ פון די „שטעדלעכע", פּראָגרעסיווע ווירקונגען פון דער הויפּטשטאָט. איז טאַקע די הויפּט־טעמע פון זיינע ראָמאַנען — די ליבע צו דער ערד, צום דאָרף, צו דער פּראָווינץ, זייער קאַמף מיט דער אינדוסטריעלער שטאָט. אַ גרויספּריץ, אַ מאָנאַרכיסט און אַ פרומער קאַטויל, שילדערט ער אין זיינע ווערק מיט שוואַרצע פאַרבן דעם צעפאַל פון די קליינע באַלעגופים און דעם ווּקס פון דער שטאָט, וואָס נעמט אַלץ צו ביים דאָרף. ב. האָט פאַרמאָגט אַן אומבאַשטרייטבאַרן טאַלענט. פון זיינע וויכטיקסטע ווערק: „מיט דער גאַנצער נשמה", „דאָנאַסיען" און דערציקר „דאָס אויסשטאַרבנדיקע דאָרף". 1918 — אַ גרעסער טעאָרעטיש בוך „די אויפגאָבן פונעם היינטיקן און מאָרגנדיקן טאָג", אין וועלכן ער לייגט פאָר איבערצורעאָרגאַניזירן פראַנקרייך אויף אַן אופן, וואָס וויזט ב.ס העכסט־רעאַקציאָנערן און קלעריקאַלן געדאַנקענגאַנג. — פאַרעפנטלעכט אויך טאַלאַנטפולע רייזע־באַשרייבונגען איבער איטאַליע, סיציליע און שפּאַניע.

באַשינדזשאַגיאַן געאָרג (1858—1925), גרוזינישער מאָלער־פּייזאַזשיסט און שרייבער, געאַרבעט אין איטאַליע און אין דער שווייץ. פאַר די 42 יאָר אַרבעט געמאַכט איבער 2000 לייוונטן. צו די באַקאַנטסטע געהערן: „סוואַנישע אָזערע", „אַררט", „דער טאָל פון אַלאַזאַן" א. אַנד. — געשריבן בעיקר אויס דער נאַטור. מיטגעאַרבעט אין עטלעכע גרוזינישע און אַרמענישע זשורנאַלן.

באָטאָ יאַן (1881—1829), סלאָוואַקישער דיכטער און טוער, איינער פון די קעמפער, אַז די סלאָוואַקישע שפּראַך זאָל ווערן די ליטעראַרישע שפּראַך, געווען אַדורכגעדרונגען מיט די פּאַנסלאַוויסטישע אידעען. זיין טעמאַטיק איז געווען דאָס פאָלק מיט זיינע טרוימען און גרויסע אוצרות;

זיין טאָן איז עלעגיש, פּעסימיסטיש, וואָס אפילו די האָפענונגען אויף אַ גיכער אויפלעבונג פון זיין פאָלק לינדערן נישט; די פאָרעמס איז אַ באַ־לאַדישע: „די מעשה אָן אַ סוף“, „די געלע ליליע“, „די הייליק־שלאַכטנדיקע טרוימען“, ווי אויך עלעגישע „מלחמה־לידער“. זיין וויכטיקסט ווערק איז די ליראָ־עפּישע פּאָעמע אין 9 בילדער „יאַנאָשיקס טויט“ — די מעשה פון דעם פאָלקס־גזלן, וואָס נעמט נקמה אָן די האַרן פאַר דער צוולה פונעם פאָלק.

באַטאַ יאַן, דער יינגערער, פס״ד פונעם היינטצייטיקן גרויסן סלאָוואַקישן דיכטער איוואַן קראַסקאָ (ז.).

באַטאַיל אַנרי (1872—1922), פראַנ־צויזישער דיכטער, דראַמאַטורג. אַרויס־געגעבן עטלעכע בענד לידער: „ווייסע צימער“. „געטלעכע טראַגעדיע“, „קוואַד־ראַטור פון דער ליבע“. דער עיקר, אָבער, באַקאַנט ווי אַ דראַמאַטורג. אַ גרויסער מייסטער פון סצענישן דיאַלאָג, האָט ער באַריירט מאָדערנע, היינט־צייטיקע טעמעס, געשפּילט אויף די נערוון און געלוסטן פונעם צוקוקער. זיינע הויפּט־טעמעס איז געווען פרויענ־ליבע אין אַ בורזשואַזער סביבה, באַ־ווירצט מיט אַ ביליקער מאָראַל. פון די בעסטע זאַכן: „קינד פון ליבע“, „ס׳האָט נישט אויסגעברענט“, „די אויסגעטויטנע“, „נאַרישע מויד“, „חתונה־מאַרש“, „מאַדאַם קאַליבערי“.

באַטוטאַ איבן (1302—1377), דער גרעסטער אַראַבישער רייזנדער; צו 23 יאָר זיך געלאָזט אין וועג און אַרומ־געפאָרן עגיפּטן, פערסיע און מעסאָ־פּאָטאַמיע, מזרח־אַפריקע, דערנאָך, בעת אַ צווייטער רייזע — קליינאַזיע, קרים, דרום־רוסלאַנד, קאָנסטאַנטינאָפּאָל; דאַן דורך בוכאַרע, כאָראַסאַן — אינדיע, די מאַלעדיווישע אינדזלען, ציילאָן, סומאַטראַ, יאַוואַ, דעם מאַלאַיִשן אַרכי־פּעלאַג און פון דאָרט — כינע. נאָך 24 יאָר אַרומפאָרן זיך אומגעקערט אַהיים און דאַן באַזוכט שפּאַניע און פון דאָרט אַוועק קיין טימבוקטו. זיין גרויסע רייזע־באַשרייבונג „מתנה פון אַ באַ־אָבאַכטער“ גיט אַן אוצר מאַטעריאַל איבער דער קולטור אין דידאָזיקע לענדער צו יענער צייט, ווי אויך די גרויסע עקספּאַנסיע פון דער אַראַבישער קולטור.

באַטורין וו., פסד פון ניקאָלאַי זאַמיאַטין (1877 ○), רוסישער רעוואָ־לוציאָנער און היסטאָריקער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַדורכגע־מאַכט אַ שטורמיש, רעוואָלוציאָנער לעבן, געווען רעדאַקטער פון די צייט־ונגען „שטערן“, „אמת“, „פּראָ־לעטאַרישע רעוואָלוציע“. זיין הויפּט־ווערק איז „געשיכטע פון דער ס. ד. אין רוסלאַנד“.

באָטיטשעלי סאַנדראָ פילי־פּעפּי (אָדער 5·) (1444—1510), גרויסער מאָלער אויס דעם איטאַליענישן רע־נעסאַנס. פון דער גאָר־פריער קינדהייט אָן אַרויסגעוויזן אַן אומגעהייערן טאַ־לענט, זיך געלערנט (ביז 1465) ביי פיליפּאָ ליפּין, וואָס אונטער זיין איינ־פלוס געפינען זיך ב.ס פריסטע אַר־בעטן: „די מכשפים“, אָדער „יהודית און הולפורנס“. אין זיין שפּעטערדיקער אַרבעט אַדורכגעפירט די אידעען פון מיטלעלטערלעכן מיסטיציזם מיט דער אַנטיקער פאָרעם. דערפון זענען באַ־קאַנט: זיין גרויסע אַלעגאָריע „עקשנות“, „הייליקער סעבאַסטיאַן“, „פרילינג“.

שפעטער באַצירט אַ ריי פּאַסאַדעס פון קלויסטערס און רײַכע פּאַלאַצן — „משה רבינוס לעבן", „דער לײַטערקרבן". צו זײַנע גרעסטע מייסטערווערק געהערן: „דאָס געבוירן פון ווענערע", „די קרוינונג פון מרים", „די מאַדאָנע מיט די הייליקע", „דער חרם", „ישוס געבוירן"; אויפן אויפטראָג פון זײַן ווילטוער, דעם מעצענאַט מעדיטשי, אילוסטרירט איין עקז. פון דאַנטעס „געטלעכער קאָמעדיע" — 100 צייכענונגען. ב. האָט מיטגעשאַפן אין דער מאָלערײַ אַן אייגנאַרטיקע שול, וואָס איר בולטסטער פאָרשטייער איז פיליפינאָ ליפּי.

באָטיעו כריסטאָ (1847—1876), אָנגעזעענער בולגאַרישער דיכטער, איינער פון די פירער פון דער בולגאַרישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג; די יוגנט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד, ווו זיך אָנגעשטעקט מיט די דאָרטיקע פרייהייט-אידעען, 1866 צוריקגעקומען אַהיים, געהאָלפן דעם פאָטער — אַ פאָלקסלערער — אין קנעלן. גיך אַוועקגעפאָרן קיין רומעניע, אָנטיילגענומען אינעם לעבן פון דער בולגאַרישער עמיגראַציע, אַרויסגעגעבן די צייטונגען „אומאָפּהענגיקייט", „די פאָן", דעם סאַטירישן זשורנאַל „דער וועקער". געפונען זיך דעמאָלט אונטערן איינפלוס פון רעוואָלוציאָנער באַקונין (ז.), זיך באַקענט דאָרט מיט ניעטשאַיעוון (ז.), און אונטער זײַן איינפלוס באַקומען אַ מער-ווייניקער קלאָרן קלאַסנאָנשטעל: זײַן קאַמף האָט ער שוין איצט געווענדעט נישט נאָר קעגן די באַדריקער פון בולגאַריע — די טערקן, נייערט אויך קעגן די באַצווינגער פון די פאָלקס-מאַסן — די בולגאַרישע

פריצים און כלי-קודש. 1876, ווען ס'איז אויסגעבראָכן אין בולגאַריע אַן אויפשטאַנד (אין פּאַנאַגיורישטש), האָט ב. געשאַפן אַן אָפּטייל פרייוויליקע און אַריבער מיט זיי די גרענעץ. דאָס רעגירונג-מיליטער האָט זיי אָבער אַרומגערינגלט און ד. 26 נאָוו. 1876 אַלע אויסגעשאָכטן. זײַנע לידער זענען אַלע רייך אין בילד, אָריגינעל אין פאָרעם; ער באַזינגט אין זיי דעם אַקטועלן פּאָליטישן קאַמף. זײַן באַליבסטער טיפּ איז דער בולגאַרישער הײַדוק, דער טרעגער פון דער פאָלקס-נקמה. באַקאַנטסטע פּאָעמעס: „כאַדזשי דימיטרי", „אין שענק", „צום ברודער", „עלעגיע", „צו מיין געליבטער" - אין די לעצטע פילט זיך אפילו אַ נאָטקע פון יאוש און מידקייט. זײַן ראַציאָנאַליזם דריקט ער בולט אויס אין זײַן ליד „מיין תפילה".

באָטע שאַרל (1713—1780), דער באַגרינדער פון דער קונסט-פילאָזאָפיע אין פראַנקרייך. אַן אָנהענגער פון אַריסטאָטעלעס' (ז.) אידעען, האַלט ער, אַז די קונסט דאַרף „נאָכמאַכן די נאַטור" און פאָרשטעלן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן און געפילן. דער יסוד פון דער שאַפונג איז: צענויפנעמען די באַזונדערע שטריכן פון דעם שיינעם, וואָס איז צעזייט אין דער נאַטור, אין אַ גאַנצקייט, אַ פולשטענדיקערע, ווי די נאַטור גופא. נאָכמאַכן דאַרף מען נישט בלויז, וואָס ס'איז דאָ, נאָר אויך דאָס, וואָס וואָלט געקאָנט זײַן. זײַנע הויפּט-ווערק: „די קונסטן, באַגרינדעט אויף איין יסוד", און „די פיר פּאָעטיקעס: אַריסטאָטעלעס' האָראַצס, ווידאָס, בואַלאָס".

באָטעראָ דזשאָוואַני (1540—1617), איטאַליענישער פּאָליטישער

שרייבער אויס דער רענעסאַנס־עפּאָכע. באַקאַנט זענען זיינע ווערק: „איבער דאָס רעגירן מיט דער מלוכה", „איבער דער גרויסקייט פון דער שטאָט", „איבער אַלגעמיינע אָנטפּלעקונגען". אין די־דאָזיקע ווערק ברענגט ער, צום ערשטן מאָל פאַר יענער צייט, סאָציאָלאָגיע און סטאַטיסטיק; לויט אים איז דאָס פאָלק אַ זאַך, וואָס טויג זיך נישט צו רעגירן און וואָס מוז אומבאַדינגט האָבן אַ מושל איבער זיך. כּדי צו איינשטילן דאָס פאָלק, מוז מען עס אָפּציִען פון פּאָליטיק — דורך אַלגעמיינע אַרבעטן, פייערונגען, אפילו מלחמות, און די גאָר־גרויסע אביונים אַרויסטרייבן פון לאַנד. ווי אַ מענטש פון דער עפּאָכע פון אָנקומענדיקן האַנדלקאַפּיטאַל, טרעט ער אַרויס קעגן צינדזן און מלוכישן האַנדל, וואָס דאָס פאַרשמעלערט די טעטיקייט פון פּריוואַטע אונטערנעמער.

באַטקין סערגיי (1889—1832), באַרימטער רוסישער דאָקטער, איינער פון די גרעסטע קליניציסטן פון אינערלעכע קראַנקייטן אין דער וועלט, זינט 1860 געווען פּראָפעסער אויף דער פּעטערבורגער קליניק, געהאַט אַרום זיך אַ גרויסע צאָל תּלמידים, פון וועלכע ס'זענען שפּעטער אַרויסגעקומען גרויסע געלערטע. זיין גאַנג אין דער מעדיצין איז געווען דער, אַז די טעאָריע מוז זיך אָנבייגן צו די געגעבענע פאַקטן, און נישט פאַרקערט. איבערגעלאָזט אַ קלאַסישן „קורס פון אינערלעכע קראַנקייטן" און „קלינישע לעקציעס". געגרינדעט דעם „אַרכיוו פון דער קליניק פון אינערלעכע קראַנקייטן" און דאָס „קלינישע וואָכנבלאַט". אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — בירגערלעכער ליבעראַל.

באַטשאַני אומבערטאָ (• 1916), איטאַליענישער מאָלער, סקולפּטער, שרייבער — איינער פון די באַגרינדער פון דער פוטוריסטישער ריכטונג. לכתחילה אַן אימפּרעסיאָניסט אין זיינע בילדער, גיט ער 1912 אַרויס אַ מאַניפעסט פון דער פוטוריסטישער סקולפּטור, באַמיט זיך אין זיינע אַרבעטן אָנצווענדן דעם פּרינציפּ פון דינאַמיזם, באַשאַפן אַ „ריינעם, פּלאַסטישן ריטעם". אָנגעשריבן „די פוטוריסטישע סקולפּטור און מאָלעריי".

באַטשאַני יאַנאָש (1845—1763), באַליבטער אונגאַרישער פּאָעט און רעוואָלוציאָנער, אַן אָנגעזעענער טוער פון דער „נאַציאָנאַלער און ליטעראַרישער אויפלעבונג", רעדאַגירט דעם ערשטן אונגאַרישן זשורנאַל „אונגאַרישער מוזיי", אָנטיילגענומען אין מאַרטינאָוויטשס אַנטימאָנאַרכישער פאַרשווערונג. דער כאַראַקטער פון זיין דיכטונג איז אַ פּאָליטישער, געשריבן אויף די טעמעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, פונעם אָנהייב אויפלעבונג פון אונטערגעדריקטן אונגאַרישן פאָלק. זיינע פּראַכטפולע עלעגיעס געשריבן אין תּפיסה.

באַי, פּוילישער שרייבער — ז׳זשעלענסקי טאַדעוש.

באַיער עמיל (1891—1837), פראַנצויזישער צייכענער, מיטגעאַרבעט אין דעם גרעסטן פראַנצויזישן אילוסטרירטן וואָכנבלאַט „אילוסטראַסיאָן". געצייכנט אַסך מלחמה־בילדער 1870—1. אַן אומגעהייערן פּרסום האָט געהאַט זיין בילד „סעדאַן"—וואָס ווייזט די „העלדישקייט־

פונעם קייזער נאַפּאָלעאָן III. נישט בעקוקט אויף דער קאַמפּאַניע פון דער רעגירונג און דער פּרעסע, איז דאָס בילד דאָך שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאָלק און מיטגעווירקט צו דער אַנטי-מאָנאַרכיסטישער באַוועגונג.

באָיאַרדאָ מ אַ ט ע אָ (1434—1494), איטאַליענישער דיכטער, דער באַשאַפער פון דער אַ. ג. „ראָמאַנטישער פּאָעמע". בעלעבט אויפן הויף פון די הערצאָגן ד'עסטע און לכּבוד זיי אָנגעשריבן אויף לאַטייניש „עקלאָגן". זיין אומגליקלעכע ליבע צו אַנטאָניאַ קאַפּראַראַן האָט אים געגעבן שטאָף אָנצושרייבן „דריי ביכער איבער ליבע". 1472 אָנגעהויבן זיין באַרימטע פּאָעמע „דער פאַרליבטער ראָלאַנד" — 69 לידער אין אָקטאַוועס. אין דערדאָזיקער פּאָעמע שטייט אין צענטער די ליבע, אויסגעטווישט אויף אומגעהויער פיל עפּיזאָדן, מיט אויסטערלישע ריזן, קאָלאָסאַלע כּישופמאַכערס, שיינע פייען א. אַנד. ער לויבט דאָרט שטאַרק די ריטערלעכע אידעאַלן. אָט די פּאָעמע האָט אַרויסגערופן אַסך נאָכאַמונגען, פון וועלכע די וויכטיקסטע איז אַ ר י אָ ס ט אָ ס (ז.) „משוגענער ראָלאַנדאָ".

באָיד ע ר נ ס ט (° 1887), אַמעריקאַנישער קריטיקער און ליטעראַטור-היסטאָריקער, אַן אירלענדער, פאַרנעמט זיך בעיקר מיט דער ניי-אירלענדישער ליטעראַטור. זיינע וויכטיקסטע ווערק זענען: „היינצייטיקע אירלענדישע דראַמע", „די ליטעראַרישע ווידערגעבורט פון אירלאַנד", אין וועלכער ער גיט אַ בונט בילד פונעם ווידערגעבורין פון דער נייער אירלענדישער ליטעראַטור (זינט מיטן 19טן י"ה).

באָיטאָ אַ ר י ג אָ (1842—1918), אי-

טאַליענישער קאָמפּאָזיטאָר און דיכטער. צו זיינע ערשטע קאָמפּאָזיציעס געהערן: „די פיר ביימער" און די מיסטעריע „דער אָוונט אין איטאַליע". שפּעטער געוואָרן וואַ ג נ ע ר ס (ז.) אַן אָנהענגער. סוף 60ער יאָרן אַרויסגעגעבן זיין וויכטיקסט ווערק „מעפיסטאָ", דאַן—„אָדע צו דער קונסט", „נירון", איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט אַרום 40 יאָר און נישט פאַרענדיקט, „אָרעסטיאַדע" און אַנד. באַקאַנט אויך אַלס דיכטער א. פס"ד טאָביאַ גאָריאָ. ווערק: „דאָס בוך פון לידער", „ערע". אָנגעשריבן אויך אַלע ליברעטעס צו זיינע אָפּערעס, ווי אויך אַסך — צו פרעמדע.

באָיער י אָ ה אַ ן (° 1872), נאָרוועגישער שרייבער; פרי געוואָרן אַ יתום, געלעבט צווישן פרעמדע מענטשן, פישער, וואָס זייער לעבן האָט ער פּראַכטפול באַשריבן אין דעם בוך „דער לעצטע וויקינגס". זיין דראַמע „דער הל. אָלאַף" איז אַ לעבעדיקע כראָניק פון זיין שטאָט טראָנדיעם. אין די ערשטע ווערק באַוווּנדערט ער די מענטשן פון זיין סביבה און שילדערט זיי מיט גרויס ליבשאַפט. אָבער דער ראָמאַן „דער אַרויסטריט פונעם פאָלק" (1897) האָט פאַרקירעוועט גאָר אויף אַנדערע וועגן. ער פירט דאָרט אַדורך אַ גענויע אַנאַליזע פון דעם מהות פון דער בורזשואַזיע און דערקלערט דער לעצטער אַ הייסן קאַמף. אין זיינע ווייטערדיקע ווערק „דאָס עולה-רגל זיין", „ווייסע בלומען", „טעאָדאָרע" און „ברוטוס" לאַכט ער זי בייז אויס. ער אַנטפּלעקט די בורזשואַזע מידות, איראָניזירט איבער דער בירגערלעכער צרה (דראַמע „דער כּוח פון גלויבן", ראָמאַן „אונדזער קעניגרייך"). זיין

גרויסע פסיכאָלאָגישע באַגאַבונג און דער לענגבסאַמת אין זיינע ווערק שטעלט אים אַוועק אין די ערשטע רייען פון דער סקאַנדינאַווישער ליטעראַטור. דערביי איז זיין קענטשאַפט פון פרעמדע לענדער און פעלקער אַזוי גרויס, אַז זיין ראָמאַן „די ישועה אין ליבע״ אויסן פאַריזער לעבן מאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט אים געשריבן אַן אמתדיקער פראַנצויז. זיין לעצטער ראָמאַן איז אויסן אַמעריקאַנער שמעלץ-טאָפּ „עמיגראַנטן״ (1926). באַקומען אַ וועלטרום נאָך די דערמאַנטע „לעצטע וויקינגס״, „גרויסער הונגער״ און „דער כוח פון פאַלשקייט״.

באַיל אַנטואַן (1799—1858), פראַנצויזישער געלערטער, מחבר פון אַן עפּאָכאַליש ווערק „פאַרשונגען איבער גייסטיקע קראַנקייטן״, וווּ ער באַשרייבט דאָס ערשטע מאָל דעם פּראָגרעסיוון פּאַראַליז. ער האָט דער ערשטער דערוויזן די ענגע שייכות צווישן די סימפּטאָמען פון פּאַראַליז מיט אַ געוויסן פּסיכאָפּאַטאָלאָגישן צושטאַנד און מיט אַ פּאַטאָלאָגיש-אַנאַטאָמישן סובסטראַקט. דאָסדאָזיקע ווערק האָט אַסך אויפגעטאָן אין דעמדאָזיקן געביט און בכלל געפירט צו אַנטוויקלען די פּסיכיאַטריע, ווי אַ וויסנשאַפט. צום 100טן יאָרטאָג, זינט ער האָט פאַרעפנטלעכט דאָסדאָזיקע ווערק (1922), איז אַרויס אין פּאַריז אַ גרויסער זאַמלבוך.

באַיל ראָבערט (1627—1691), ענגלישער פיזיקער און כעמיקער; זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן די אַטמאָספערישע עלעקטריציטעט, געגעבן אַ לפי-ערכדיקע וואָג פון דער לופט, אַנטדעקט די שייכות צווישן דעם דרוק און דער גרויס פון די גאַזן; אַסך

געאַרבעט אויך אויפן געביט פון דער פאַרשפרייטונג און דעם איינשלונג פון דעם קלאַנג אין דער אַטמאָספערע. זיך אויך פאַרנומען מיט פילאָזאָפישע און רעליגיעזע פראַגן. פאַראַן אויך זיין נאָמען אַ געזעץ אין דער פיזיק — די אָפּהענגיקייט פון דעם אַרומנעם פון גאַז פון זיין וואָג.

באַיע שאַרל (1849—1918), פראַנצויזישער אַרכעאָלאָג און קונסט-היסטאָריקער, געהערט צו דער אַ. ג. קולטור-היסטאָרישער שול, וואָס האַלט, אַז צווישן דער קונסט און דעם אַלגעמיינעם קולטורלעבן עקזיסטירט אַ טיפע שייכות. די קונסט איז דער אָפּשפּיגל פון די אידעען און מנהגים פון דער געגעבענער צייט. די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון דער קונסט זענען: לאַנד, ראַסע, רעליגיע, מנהגים. זיין וויכטיקסט ווערק איז „ביזאַנטישע קונסט״, ווי אויך אַ זייער פּאָפּולערע „געשיכטע פון דער קונסט״.

באַיער גאָטליב-זיגפריד (1694—1738), דייטשער וויסנשאַפטלער, היסטאָריקער און פילאָלאָג, דער גרעסטער אין זיין צייט פאָרשער איבער דער רוסישער, כינעזישער, מאַנדזשורישער, מאָנגאָלישער, קעלמיקישער, טיבעטישער געשיכטע און זייערע שפּראַכן. אָנגעשריבן זייער אַסך איבער דידאָזיקע געביטן. געגנוג צו דערמאַנען דעם 26-בענדיקן „לעקסיקאָן פון כינעזישער שפּראַך״, „די וואַראַגן״ און „רוסישע געשיכטע״ — זייער אויסשעפּנדיקע ווערק איבער די אַלטע אויביקע שפּראַכן.

באַיער יאָהאַן (1572—1625), דייטשער אַסטראָנאָם, דער ערשטער צונויפגעשטעלט אַן אַטלאַס פון אַלע שטערן ביז דער זעקסטער גרויס און איינגע-

פירט אַ באַצייכן פון די שטערן לויט דעם שטערן-וועג מיט די אותיות פון גריכיש און מיילוויז לאַטייניש א.ב.

באַך, אַ פאַמיליע דייטשע מוזיקער; דער וויכטיקסטער פאָרשטייער אירער איז דער פאָטער 1) יאָהאַן סעבאַסטיאַן (1685–1750). פון 15טן יאָר אָן אָנגעהויבן זיין מוזיקאַלישע קאַריערע, אַלס זינגער אין שול-כאָר, 1703 באַשטימט געוואָרן פאַר הויף-פידלער אין וויימאַר, 1704 געוואָרן אָרגאַניסט אין אַרנשטאָט, ווו אָנגעשריבן זיינע ערשטע שאַפונגען. אָקטאָבער 1705 זיך געלאָזן צופוס קיין ליבעק, 350 קילאָמעטער, כדי צו הערן דעם אָרגאַניסט בוקסטעהודע. 1707 געוואָרן אָרגאַניסט אין מילהאַוזען, ווו געשאַפן גרויסע מוזיקאַלישע ווערק; דאָרט געשאַפן זיין „קאַנטאַט צוליב דעם אויסקלייבן אַ נייעם מאַגיסטראַט"; דאָס איז די איינציקע פון זיינע 300 קאַנטאַטעס, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ביי זיין לעבן. דאָרט אויך אַרויסגעגעבן איינס פון זיינע שענסטע זאַכן: „אַ טרויער-אַקט". 1708 געאַרבעט אין וויימאַר, 1717 אַוועק קיין קעטען, ווו ס'פאַלט אויס דער פרוכטבאַרסטער פעריאָד פון זיין שאַפן, 1723 קיין לייפציק, ווו פאַרנומען עטלעכע הויכע לערערישע אַמטן און ווו אויך געשטאָרבן. — ער האָט גלענצנדיק באַהערשט דעם סטיל, און אַ טייל זיינע ווערק, צ. א. אויך „די גרויסע מעסע", זענען מייסטערשטיק פון פאָרעם. געשאַפן אַן ערך 200 קירכלעכע קאַנטאַטעס, דאַן „פאַסיעס", מעסעס און אָראַטאָריעס; דערנאָך קאָמפּאָזיציעס פאַרן אָרגאַן, קלאַוועסין—סואיטעס, סימפאָניעס פאַרן קלאַוויר.

דאַן — קאָמפּאָזיציעס פאַר פאַרשידענע אינסטרומענטן און, ענדלעך, פאַר אָרקעסטערס. אַ זאַמלונג אַלע זיינע ווערק איז אַרויס ערשט ד. יאָר 1900 — דורך דער „באַך-געזעלשאַפט". זי נעמט אַרום 59 גרויסע בענד. 2) ווילהעלם פרידעמאַן (1710–1784), י. ס. ב.ס עלטסטער זון, געשאַפן אַסך קאָנצערטן, סאָנאַטעס, פאַנטאַזיעס, סואיטעס פאַרן פאָרטעפּיאַן און אויך אַ סאָנאַטע-טריאָ. 3) קאַרל פיליפּ עמאַנועל (1714–1788), צווייטער זון פון י. ס. ב. כאַראַקטעריסטיש פאַר אים זענען די פשוטע און עלעמענטאַרע טענער — און דאָך קומען דערפון אַרויס מייסטערווערק. זיינע פאָרטעפּיאַן-קאָנצערטן האָבן נישט פאַרלוירן זייער באַטייט ביז אויף היינטיקן טאָג. 4) יאָהאַן כריסטיאַן (1735–1782), יאָהאַן-סעבאַסטיאַנס יינגסטער זון, אָנגעשריבן אַ ריי ערשטקלאַסיקע מוזיקאַלישע ווערק. אויסגעאַרבעט דעם סטיל פונעם זינגאַלעגראָ און דעם קאַמף פון די קעגנגעזעצטע טעמעס אין סאָנאַטישער פאָרעם.

באַך אַלעקסאַנדער (1857 ○), רוסישער געלערנטער, כעמיקער, עקאָנאָמיסט און פּאָליטישער טוער. פון די גאָר יונגע יאָרן אַריין אין דער פּאָליטישער באַוועגונג, פאַרשיקט געוואָרן, געווען אַ מיטגליד פון דער קיעווער אָרגאַניזאַציע ס. ר., 1885 אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, זיך אָפּגעגעבן מיט עקספּערימענטאַלער כעמיע, אויסגעפירט אַ 70 עקספּערימענטאַלע אַרבעטן און אַ ריי מאָנאָגראַפיעס און אַרטיקלען. געווען אויך נאָנטער מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל „וויסנשאַפטלעכער מאָניטער". ד. יאַר 1905 געפירט דעם

אויסלענדישן אָפּטייל פון דער ס.ר.־שער פּאַרטיי. יוני 1917 זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, געאַרבעט אין דעם פּאַרטיי־פאַרלאַג „ברויט און פרייהייט". ערשט אַז די פּאַרטיי איז אַריבער צו באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער ראַטנמאַכט, איבערגעריסן מיט איר. פאַרנעמט היינט אַ פּאָסטן אַלס כעמיקער אין ר. פ. — פון זיינע עקאָנאָמישע אַרבעטן זענען צומיינסט באַקאַנט „קעניג־הונגער". (הייסט אויף יידיש: „שמועסן איבער עקאָנאָמיע").

באַכאַדור־שאַך (1775 — 1862), גרויסער אינדישער דיכטער און פּאָליטישער טוער, דער לעצטער גרויסער מאָגאָל פון טאַמערלאַנס דינאַסטיע מאַכמעדאַנער. בעת דעם אויפשטאַנד פון די מאַכמעד. אינדער קעגן די ענגלענדער (1857) איז ער קעגן זיין ווילן פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַרן גרויסן מאָגאָל. נאָכדעם ווי דער אויפשטאַנד איז געפאַלן, האָט מען אים פאַרשיקט קיין ראַנגון, וווּ ער איז געשטאָרבן.

באַכאָפען יאָהאַן יאַקאָב (1815—1887), שווייצאַרישער געלערטער, יוריסט און עטנאָלאָג. מחבר פון אַן עפּאָכאַליש ווערק „דאָס מוטעררעכט" (1861), וואָס האָט — ווי ענגעלס (ז.) שרייבט — געמאַכט אַ פולשטענדיקע רעוואָלוציע אין דער פראַגע איבער דער געשיכטע פון דער פאַמיליע. ער האָט דער ערשטער אויפגעוויזן, אַז די פאַמיליע איז נישט די ערשטע פאָרעם מענטשלעך געזעלשאַפטלעך צוזאַמענלעבן, אַז פאַר איר האָבן נאָך עקזיסטירט אַן אַ שיער פאָרמען; לכתחילה האָט געהערשט אַן אומגעהייערע אַנאַרכיע אין דער הינזיכט, און די מוטער איז געווען די הערשערין. נישט געקוקט אויף זיין אידעאַליסטישן מעטאָד פאַרשן

און דערויף, וואָס די לעצטע פאָרשונגען האָבן געוואָרפן אַ נייַ ליכט איבער דער פראַגע, האָט אָבער זיין ווערק אַן אומגעהייערן באַטייט. אַחוץ דעם נאָך אַרויסגעגעבן „אַנטיקוואַרישע בריוו". אויפן געביט פון רוימישער געשיכטע איז ב. געווען זייער קאָנסערוואַטיוו, געקעמפט קעגן דער קריטיק פון היסטאָרישע טראַדיציעס.

באַכמאַן געאָרג (1852—1909), באַקאַנטער דייטשער דיכטער, בעיקר געשאַפן אין רוסלאַנד, איבערגעזעצט אין דייטש אַסך קלאַסישע ווערק פון דער ענגלישער, פראַנצויזישער און רוסישער ליטעראַטור. 1910 איז אַרויס זיין זאַמלונג לידער.

באַכמעטיעוו פּאָרפירי (1860—1913), אָנגעזעענער רוסישער געלערנטער, זיך בעיקר געווידמעט דער פראַגע פון דערהאַלטן דאָס לעבן מיט דער הילף פון ווירקונג אויפן אָרגאַניזם מיט נידעריקע טעמפּעראַטורן. לכתחילה אַ פיזיקער, אָבער שוין 1897 זיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיטן אַנאַביאָטישן (לעבנדערהאַלטנדיקן) פּראָבלעם און אויפגעטון אין דעם פרט זייער אַסך. געשאַפן אַ ספּעציעלע שול, וואָס ווערט היינט פלייסיק דערלערנט.

באַכרים פּאַוועל (אַרום 1820—1891), ערשטער ווייסרוסישער פּויערשער שרייבער. פאַראַן וועגן אים זייער ווייניק ידיעות. ס'איז בלויז באַקאַנט זיין ליד „שפּיל, שפּיל, קליין ייִנגל", — אַ לירישע פּאָעמע, אין וועלכער ער באַרירט דאָס ביטערע פּויערשע לעבן אין דער צייט פון פּאַנשטשינע.

באַל דזשאָן (? 1381) ענגלישער רעליגיעזער רעפאָרמלער און מיטלעלטערלעכער רעוואָלוציאָנער. די ערשטע

ידיעות וועגן אים באַציִען זיך צום יאָר 1366. שוין דאַן האָט ער, ווי אַ געוועזענער גלח, געפירט אַ פאָלקס־קאַמף קעגן די קירכלעכע אומאָרדענונגען. זיינע פאָדערונגען האָבן זיך וואָסאַמאָל ווייטער — אַלץ מער ראַדיקאַלער געביטן, אין דער מאָס פון די פאָדערונגען פון פאָלק. לכתחילה האָט ער געפאָדערט אומצוברענגען דעם קירך־מעשר, אָבער דערנאָך איז ער שוין אַריבער צו פאָדערן קאָנפיסקירן דאָס קלויסטער־פאַרמעגן, מבטל מאַכן דעם יעפּיסקאָפּאַט און שניידן די לוינען פון די גלחים. קלאָר, אַז די קירכלעכע מאַכט האָט אים גערודפט, עטלעכע מאָל — דערפאָלגלאָז — געפּרוּווט אַרעסטירן און ערב דעם אויפשטאַנד פון אוּאָט טיילער טאַקע אַרעסטירט. באַפרייט דורך די אויפשטענדער, איז ער געוואָרן דער גייסטיקער פירער און אידעאָלאָג פון טיילערס אויפשטאַנד. דאַן איז ער שוין אַרויסגעטראָטן קעגן דעם עקזיסטירנדיקן סדר בכלל, שטאַרק געזידלט די העכערע קלאַסן און פאָרגעזאָגט אַבסאָלוטע גלייכקייט; אין זיינע אויפרופן פילט זיך ריינער קלאַסנהאַס, ווי דער פאָרשטייער פונעם געדאַנקענגאַנג פון דעם פויערטום און קליינע באַלעמעלאָכעס. ב.ס נאָמען איז געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אין גאַנצן פאָלק, און נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד (15 יולי 1381), האָט מען אים, פון די ערשטע, געהרגעט אויף אַ שרעקלעכן אופן.

באָל פערדינאַנד (1616—1680), האָלענדישער מאָלער, דער בעסטער תּלמיד רעמבראַנדס, געצייכנט מיט בונטער פאַרב און טאָן-ניואַנסן. געצייכנט אַסך אויף מיטאָלאָגישע און רעליגיעזע טעמעס.

באַלאַ דושאַקאָמאָ (°1874), היינטצייטיקער איטאַליענישער קינסטלער־מאָלער. די ערשטע בילדער געצייכנט אויף סאָציאַלע טעמעס, שפּעטער צוגעשטאַנען צום פוטוריזם און זיך אָפּגעגעבן בלויז דער דעקאָראַטיווער און פּאָרעם־זייט. היינט-צוטאָג אַרבעט ער בעיקר אין דער דעקאָראַטיווער קונסט.

באַלאַבאַנאָוו מיכאַיל (°1873), רוסישער ס.ד.קישער פּובליציסט, מענשעוויק. 1905—1906 מיטגעאַרבעט אין מענשעוויסטישן „אָנהייב" און אַנד. מענשעוויסט. אויסגאַבן, 1909 אין „אונדזער אויפגאַנג", „די זאַך", בעת דעם בירגערקריג פאַרנומען אין קיעוו אַ ריי פּעטלורישע אַמטן. אָנגעשריבן עטלעכע ביכער: „די אינדוסטרי אין די יאָרן 1904—1907", „שטריכן צו דער געשיכטע פונעם אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד", „געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד" (1926).

באַלאַבאַנאָווא אַנדזשעליקאַ, רוסיש-איטאַליענישע סאָציאַליסטישע טוערין. 1897 צוגעשטאַנען אין אויסלאַנד צום „פאַרבאַנד פון רוסישע ס. ד.", אָנטיילגענומען אין אַלע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע צוזאַמענפאָרן. 1910—1911 אַריבער קיין איטאַליע, וווּ געווען איינע פון די פירער פון דער ס. ד. פּאַרטיי, צוזאַמען מיט טוראַטי און מוסאָליני (ז.). 1915 אָנטיילגענומען, ווי אַ פאָרשטייערין פון דער איטאַל. פּאַרטיי, אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ, אויסגעקליבן געוואָרן אַלס סעקרעטאַרין פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָמיסיע. אָנהייב וועלט־מלחמה צוגעשטאַנען צו דער גרופּע מענשעוויקעס־אינטערנאַ־

ציאָנאַליסטן (ז. מאַרטאָוו), 1917 אַרייַנגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, געווען אַ נאָנטע מיטאַרבעטערין פֿון לענינען. אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ערשטע סעקרעטאַרין פֿונעם קאָמינטערן, דאָך זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פֿון אירע פּאַציפֿיסטישע אָנשויונגען, 1922 אַוועקגעפֿאָרן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד און אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן אים. איינער פֿון די גרינדער פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן ביוראָ פֿון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, איז זי זיין סעקרעטאַרין ביז היינטיקן טאָג. געשריבן, אַחוץ אומצייליקע אַרטיקלען אין דער פּרעסע, אויך אַ בוך „זכרונות און איבערלעבענישן” (פֿאַראַן אויף יידיש).

באַלאַי זשאַן־סילוויען (1736–1793), פֿראַנצויזישער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער אויס דער צייט פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, געהערט צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, אַ מיטגליד פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג, 1789 געווען בירגערמייסטער (מער) פֿון פּאַריז, 1791 געווען איינער פֿון די אָרגאַניזאַטערס פֿון דער שחיטה אויפֿן מאַרס־פֿעלד — אַן ענטפֿער אויף דער רעפּובליקאַנישער באַוועגונג. אין דער צייט פֿון טעראָר האָט מען אים, ווי אַ מאָנאַרכיסט, גילאָטינירט.

באָלאַנדיסטן, אַן אָרגאַניזאַציע גלחים־יעזואיטן, וואָס איז אַנטשטאַנען אין אַנטווערפּן ד. 17טע י״ה (לערך 1615) און וואָס איר אויפֿגאָב איז געווען און איז צו פֿאַרטיידיקן די קאַטוילישע קירך פֿון קריטיק — געגרינדעט דורך ראָסווייד און באָלאַנד. צו דעם צוועק האָט זי אַרויסגעגעבן און גיט נאָך היינט אַרויס אַ סעריע

„דאָס לעבן פֿון הייליקע” — 65 גרויסע בענד אין קאַלענדאַרישער אָרדענונג, אַחוץ אַ ריי קלענערע סעריעס און באַזונדערע ביכער, וואָס האָבן אויך — אָביעקטיוו גענומען — אַ קאָלאָסאַלן היסטאָרישן באַטייט. אויף אַ שווערער, מיפֿולער אַרבעט זאָגט מען „באָלאַנדישע אַרבעט”.

באַלאַנש פּיער סימאָן (1776–1847), פֿראַנצויזישער מיסטישער פּובליציסט, געווען דער וואָרטזאָגער פֿון דעם טייל אַדל, וואָס האָט אויפֿגעגעבן זיינע פּאָזיציעס און געגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. זיין וויכטיקסטע, נישט־פֿאַרענדיקטע אַרבעט איז: „אָפּהאַנדלונגען איבער דער געזעלשאַפֿטלעכער פֿאַרענדערונג”, אין וועלכער ער גיט דער רעוואָלוציע צו דעם באַטייט פֿון אַ מיסטישער דערשיינונג. ער אָנערקענט די פֿאָלקהערשאַפֿט, און דעם סאָציאַלן פּראָגרעס זעט ער אין דעם פֿאַרווירקלעכן די אידעאַלן פֿון דעמאָקראַטישן קריסטנטום. געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די סען־סימאָניסטן.

באַלאַש בעלאַ (1884), אָנגעזעענער אונגאַרישער קונסט־קריטיקער, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם אונגאַרישן קינסטלערישן לעבן בעת דער דאָרטיקער ראַטנמאַכט, געווען וויצע־פּאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע צו סאָציאַליזירן די טעאַטערס. נאָכן פֿאַלן פֿון דער ראַטנמאַכט ווידמעט ער זיך אויסשליסלעך דער ליטעראַרישער אַרבעט. 1924 אָנגעשריבן דאָס ערשטע ערנסטע בוך איבער דער עסטעטיק פֿון קינאָ „דער געזעענער מענטש, אָדער די קולטור פֿון קינאָ”, אין וועלכן

ער ווייזט אויף, אַז קינאָ איז די גרויסע מאַסנקונסט פון דער צוקונפט, וואָס האָט די שליחות צו באַפרייען די מענטשהייט פונעם טעמפּן ווינקל פון דער בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישער קולטור; זי האָט באַשאַפן די אמתדיקע שפּ ר אַ ך פאַר אַלע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט. נישט געקוקט אויף דעם אומגעהייערן ווערט פונעם בוך, אַלס אַזעלכן, פילט זיך אָבער אַרויס ביי ב.ן אַ צעשוומענע אידעאַליסטיש־פילאָזאָפישע אידעאָלאָגיע.

באַלבאָ ט ש ע ז אַ ר ע (1789—1853), איטאַליענישער שרייבער און פּאָליטישער טוער, באַקאַנט פון זיין קאַמף קעגן דעם פּויבסט און דער קאַטוילישער קירך. אָנגעשריבן, צ. אַ. אַ בוך „די האָפענונג פון איטאַליע", קעגן דעם פּויבסט; ער איז געווען איינער פון די מחברים פון דער קאָנסטיטוציע 1848.

באַלבאָאַ וואַסקאָ נוניעס דע (1475—1517), שפּאַנישער ים־רייזנדער, אָנטיילגענומען אין די ערשטע נסיעות קיין אַמעריקע; ד. יאָר 1513, אַלס דער ערשטער אייראָפּעער, איבערגעשוווּמען דעם פּאַנאַמישן דורכגאָס און צוגעקומען צו די ברעגעס פונעם גרויסן אָקעאַן, וואָס ער האָט אָנגערופן „דרום־ים". ער האָט אויך אַנטדעקט עטלעכע נאָנטע אינדזלען לעבן דעם גרויסן אָקעאַן. נעהרגעט געוואָרן אין קאַמף מיט אַן אַנדער פּאָרשער.

באַלביאַני עדואַרד זשעראַר (1823—1899), פראַנצויזישער זאָאָלאָג, פּראָפעסער פון פאַרגלייכנדיקער עמבריאָלאָגיע. אַנטדעקט און אויסגעפאָרשט געוויסע פּרטים ביי די אינפוזאָריעס; הויפּטזאַכלעך זיך אָפּגעגעבן מיט דער

סעקסועלער און פרוכפּער־פראַגע ביי די מינדסטע און קלענסטע באַשעפענישלעך. עטלעכע פון דידאָזיקע ברוימלעך ווערן אָנגערופן נאָך אים. געגרינדעט דעם צענטראַל־אָרגאַן פון די פראַנצויזישע היסטאָלאָגן „אַרכיוו פון מיקראָסקאָפּישער אַנאַטאָמיע".

באַלדאָווינעטי אַ ל ע ס אָ (1425—1499), פלאָרענטינישער מאָלער און מאָזאַיקער, זיך שטאַרק פאַרנומען מיט מאָלעריי אויף שויבן. אַ פאָרשטייער פון דער עפּאָכע פון פריצן רענעסאַנס, צייכנט ער זיך אויס מיט באַשטימטער רעאַליסטישער טענדענץ; פאַראַן אויך זייער אַסך זיינע פּייזאַזשן.

באַלדווין ד ז ש ע מ ס (° 1861), איינער פון די אָנגעזעענסטע אַמעריקאַנישע פּסיכאָלאָגן, באַקאַנט בעיקר פון זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון גענעטישער פּסיכאָלאָגיע. איינער פון די ערשטע באַגרינדער פונעם ב י אָ ג ע נ ע ט י ש ן געזעץ, ד. ה., אַז יעדער מענטש גייט אַדורך געגוי דיזעלבע וואַנדלונגען אין זיין פּערזענלעכן לעבן, ווי די מענטשהייט אַלס גאַנצע, אין איר געשיכטע. צו זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן: „אַריינפיר אין פּסיכאָלאָגיע", „געשיכטע פון פּסיכאָלאָגיע", 2 בענד, „גענעטישע טעאָריע פון רעאַליטעט", „האַנטבוך פאַר פּסיכאָלאָגיע". איז אויך נאָנטער מיטאַרבעטער פונעם אַמעריקאַנישן „זשורנאַל פון פּסיכאָלאָגיע".

באַלדונג האַנס (1476—1545), גערופן גרין, דייטשער מאָלער, געפונען זיך אונטערן שטאַרקן איינפלוס פון אַלברעכט דירער (ז.), פאַנטאַסט און מיסטיקער, געצייכנט מיסטישע בילדער, מכשפות, הימלישע טעמעס,

פמליא של מעלה א. אַנד. שפּעטער גייט ער אויך איבער צום מאָלן נאַקעטן מענטשלעכן קערפּער.

באַלדיני דזשאָוואַני (° 1845), היינטצייטיקער איטאַליענישער מאָלער, באַקאַנט בעיקר פון אַ ריי גלענצנדע פּאָרטרעטן, וואָס גיבן איבער אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן דעם פולן לעבנס-אויסדרוק פונעם געצייכנטן. זייער פּאָפּולער זענען זיינע בילדער פון וויסטלערן און ווערדין (ז.).

באַלדעזי דזשינאַ (° 1878), איטאַליענישער סאָציאַליסטיש-סינדיקאַלער טוער, אַן אָנגעזעענער פירער פון דער אַלגעמיינער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע; פּאָפּולער, ווי אַ טאַלאַנטפולער פּובליציסט און פינאַנס־קענער; שטייט אויפן סאַמע רעכטן פליגל פון דער איטאַליענישער אַרבעטער־באַוועגונג. דעצעמבער 1924 אויף דער קאָנפערענץ פון דער פעדעראַציע דערקלערט: „מיר האָבן צוויי שונאים — די רעאַקציע און דעם קאָמוניזם”. פונדעסטוועגן שטייט ער אין גאַנץ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די פאַשיסטן און זאָל אפילו אָפיציעל איבערנעמען אַ מיניסטער-פּאָרטפעל.

באַלוצקי מיכאַל (1837 — 1901), פּוילישער שרייבער, ראָמאַניסט און קאָמעדיע־שרייבער, אָנטיילנעמער אין אויפשטאַנד 1863. די ערשטע זאַכן, אונטערן פּסד עלפּידאָן, זענען אַדורכגעדרונגען טאַקע מיט דער אויפשטענדערישער ראָמאַנטיק. וואָס־ווייטער ווערט ער פאָרשטייער פון דער פּראָגרעסיווער בורזשואַזיע אין איר קאַמף מיטן אַדל. ער באַקעמפט שאַרף די קאָנסערוואַטיווע שלאַכטישע איבערבלייבענישן, לויבט אַנטקעגן די אַרבעט-

זאַמקייט פון די פאַבריקאַנטן, סוחרים. אָבער צוזאַמען מיט דעם איינשטילן זיך פון די „בונטאַרישע” שטימונגען פון דער בורזשואַזיע, קערט ער זיך אויך אום אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק צו דער אַפּאָלאָגיע פון אָרדענונג, באַקוועמלעכקייט, צדקה א. אַ. וו. באַקאַנט זענען זיינע קאָמעדיעס: „250.000”, „קלוב פון בחורים”, „רכילות”, „פלירט”, „צוליב אַ שטיק ערד”, „פעטע העכט” (די לעצטע זאַך ווערט נאָך געשפּילט אין וואַרשע ביז היינטיקן טאָג). 1901 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

באַלושעק האַנס (° 1870), היינטצייטיקער טשעכיש־דייטשער מאָלער, גראַפיקער, לעבט און שאַפט אין בערלין. מאָלט בעיקר אויף סאָציאַלע טעמעס. זיינע באַליבסטע העלדן זענען אַרבעטער, וואָס ער מאָלט אפילו מיט אַ געוויסן רחמנות און מיט אַ פאַרלאַנג אַרויסצורופן ביים צוקוקער רחמנות; באַקאַנט זענען זיינע בילדער פון אַרבעטער ביי דער אַרבעט, ביים אָפּרו, ביים שפּאַציר אין די בערלינער פאָרשטעט, אין די פאַרחושכטע שטיבלעך א. ד. גל.

באַלזאַק האָנאָרע דע (1799—1850), באַקאַנטער פראַנצויזישער ראָמאַניסט; איינער פון די טאַלאַנטפולסטע אויסדריקער פון די מאַטעריאַליסטישע טענדענצן פון זיין צייט, פונעם גייסט פון בורזשואַזן פראַנקרייך די ערשטע העלפט 19טע י"ה. אַ מענטש פון אומגעהייערער ענערגיע און אַרבעטפלייס, האָט ער זיך „מיט די עלבויגנס” אַדורכגעשלאָגן אַ וועג אין לעבן, געטרוימט וועגן רייכקייט און רום, און לכתחילה טאַקע אויס דידאַ־

זיקע מאָטיוון זיך גענומען צו דער ליטעראַטור. איז טאַקע איינער פון זיינע באַליבטסטע הויפּט־טיפּן אין אַלע זיינע ווערק אַ מענטש פון גרויסן אונטערנעמערישן גייסט, וואָס קומט צו סוף־כל סוף צו אַ גרויסער קאַריערע. ב. ווערט אָנגערופן „דער פאָטער פון רעאַליזם". ער, מיט זיין לעבנסלויף און אַרבעטמעטאָדן, האָט געוויזן, אַז שרייבעריי איז אייגנטלעך אַ מלאכה, אַז ס'איז פאַלש די מיינונג איבער דער „הייליקער שטימונג" און רוח־הקודש. געאַרבעט האָט ער אין באַשטימטע שעהן, צו דער מינוט אָנגעהויבן און אויפגעהערט. זיין אויג איז אומגעהייער עמפּינדלעך און געטריי; אין זיינע ווערק איז נישטאָ קיין אָרט פאַר פאַנטאַזיעס און אויסטראַכטענישן. ער גיט אונדז פאַקטן, אָבער מיט אַן אומגעווײנלעכער פּינקטלעכקייט און גענויאיקייט. לויט די זשעסטן, לויט די קליידער פון זיינע העלדן דערקענען מיר זייער פאַך. מען קען זאָגן, אז ב. האָט באַהאַנדלט די ליטעראַטור כמעט ווי אַ וויסנשאַפט: אַלע זיינע הנחות שטיצן זיך אויף פאַקטישע, דערווייזענע זאַכן. דעם אויספיר, דעם לאָגישן מוסר־השׂכל מאַכט ער ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט שוין אונדז איבערגעגעבן דעם גאַנצן פאַקטישן מאַטעריאַל. באַרימט איז זיין סעריע ראָמאַנען „מענטשלעכע קאָמעדיע", ווו אַלע ראָמאַנען האָבן די־זעלבע העלדן, דעמזעלבן צוגאַנג, און ווו ער באַהאַנדלט דעם גרויסן ווונדערלעכן אָרגאַניזם, וואָס הייסט מענטשלעכע געזעלשאַפט. די גרויסע סעריע „מענטשלעכע קאָמעדיע" צעפאַלט זיך אויף אונטערסעריעס: „בילדער פון זעלנערלעבן", „בילדער פון פּאָליטישן לעבן", פון דאָרפישן א. ד. גל. צו זיינע בעסטע ראָמאַנען געהערן: „שיגראַנענע לעדער", „די דרייסיק־יעריקע פרוי", „אייזשען גראַנדע", „זוכענישן נאָכן אַבסאָלוטן", „פאָטער גאָריאָ", „פאַרלוירענע אילוזיעס", „צעזאַרע ביראָטאָ", „דאָרפישער גלח", „טונקעלער ענין", „פּויערן" א. אַנד., צוזאַמען איבער 100 ראָמאַנען. זיינע הויפּט־העלדן זענען די דעמאָלט־אויפקומענדיקע פאַרשידענע שיכטן פונעם בורזשואַזן קלאַס, ווי: באַנקירן, באַאַמטע, דיפּלאָמאַטן, גרויסע סוחרים, בערזעלייט, ליטעראַרישע באָהעמע, אַרטיסטן, שפּעקולאַנטן — דידאָזיקע אַלע מענטשן, אַדורכגענומען מיט זוכענישן נאָך מאַכט און גענוס, אין זייער קאַמף פאַר אַרויפאַרבעטן זיך העכער. זייער אָפט זענען דאָס האַרצלאָזע, פאַרקויפטע פרויען, ווי גאָריאָס טעכטער, מוריקע גבירים, ווי גראַנדע, מיניסטערס, וואָס האַנדלען מיט די אינטערעסן פון דער מלוכה, שרייבער און זשורנאַליסטן, וואָס פאַרקויפן זייער פעדער א. אַנד. אינטערעסאַנט, אַז דווקא צום אומגעלונגענסטן קומען ביי אים אַרויס די זעלטענע אידעאַלע טיפּן. ב. איז זייער אָביעקטיוו אין זיינע שילדערונגען, מיט זיינע טיפּן, אָבער דאָך האָט ער כמעט ווי באַוווסטזיניק פאַרמאַכט די אויגן און אויערן אויף די שוואַכע סאָציאַליסטישע פרוון און געדאַנקען, וואָס האָבן זיך שוין דאַן געלאָזט הערן איבער דער וועלט — און זעט נישט קיין אויסוועג צו דעם גאַנצן בייזן, וואָס ער שילדערט. די בעסטע אויסגאַב זיינע ווערק איז אַרויס אין פאַריז 1891—1899 (52 גרויסע בענד), ווי אויך 2 בענד זיינע פּריוואַטע בריוו.

א ו י ף י י ד י ש זענען פאַראַן באַלזאַקס עטלעכע קליינע אומבאַדייטנדיקע ביכער: „פאָטער גאָריאָ", „מאַסקירטע ליבע". דווקא די גרעסטע ווערק ב.ס זענען אויף יידיש נ י ש ט אָ.

באַלטרושייטיס י ו ר ג י ס (1873○) ליטווישער דיכטער און דיפּלאָמאַט; אין דער יוגנט אַ פּאַסטוך, האָט ער, אַדאַנק זיינע פעיקייטן, צו 20 יאָר שוין געענדיקט דעם מאָסקווער אוניווערזיטעט, פיזיש-מאַטעמאַטישן פאַקולטעט, אַרומגעפאָרן אַסך אין דער וועלט, געשריבן לידער, עלעגיעס, דראַמעס. לויט זיינע אָנשויונגען אַ פאָלקס־מענטש און אַ דעמאָקראַט. זינט 1920 ביז 1926 (וואָלדעמאַראַס'ס פאַשיסטישער פוטש אין ליטע) געווען ליטווישער אַמבאַסאַדער אין ראַטנפאַרבאַנד. זיין שאַפונג איז אָריגינעל און, הגם אַ ליריקער, באַמיט ער זיך אָבער אַריינצוברענגען אין זיין שאַפן סוזשעט־מאָמענטן, פאַבולעס. זאַמלונגען לידער: „ערד־טרעפ", „באַרגוועג" א. אַנד.

באָליאַי — פאָטער און זון — צוויי גרויסע אונגאַרישע מאַטעמאַטיקער. 1) וו אָ ל פ ג אַ נ ג (1775—(?)184), באַקאַנט בעיקר פון זיין „פּרווו פאַר יוגנט אין דער עלעמענטאַרער און העכערער מאַטעמאַטיק דורך אַן אינטואיטיוון מעטאָד, ספּעציעל דערצו באַשאַפן". 2) י אַ נ אָ ש (1802—1860), באַגרינדעט דעם באַקאַנטן דיאַלאָג איבער די פּאַראַלעלע ליניעס (נישט־עוקלידישע געאָמעטריע). אויסגעשטאַנען בעתן לעבן אַסך צרות מצד די אָפיציעלע וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן באין־אופן נישט אָנערקענט זיינע דערוויזן און אויספירן, אַוועק אין איינזאַמקייט, ווו געאַרבעט מיט אומגעהייערן פלייס, אָנגעשריבן דאָרט „רוים־לערע", אַ גע-

אָמעטרישן טראַקטאַט. געשטאָרבן צעבראָכן אין האַלב־משוגענעם צושטאַנד, 5 יאָר איידער זיין טעאָריע איז דורך אַלעמען אָנערקענט געוואָרן. זיין הויפּטווערק איז „ביטראָג", וואָס אַנטהאַלט די אַבסאָלוט־אמתדיקע וויסנשאַפט איבער רוים, וואָס איז אומאָפּהענגיק פון דער ריכטיקייט אָדער פאַלשקייט פון עוקלידעס'ס עלפטער אַקסיאָמע (וואָס וועט, אַ פּריאָרי, קיינמאָל נישט געלעזט ווערן), מיט אַ ביילאָג פון קוואַדראַטור פון קרייז אין פאַל פון דער פאַלשקייט פונעם פּאָסטולאַט". צו זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג (1902) האָט די אונגאַרישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אַרויסגעגעבן אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון דעם „ביטראָג".

באָלין ווי ל ה ע ל ם (1835○), דייטשער פילאָזאָף, פייערבאַכיאַנער (ז.), משך 44 יאָר (1869—1913) געווען פּראָפעסער פון פילאָזאָפיע אויפן העלזינגפאָרסער אוניווערזיטעט. זיין וויכטיקסט ווערק איז „לודוויג פייערבאַך, זיין ווירקן און זיינע צייטמענטשן", איבער לייבניץ און ספּינאָזע. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ נייע איבערגעאַרבעטע אויפלאָג פ.ס אַלע ווערק און אַ בוך בריוו פון פ. צו אים: „לודוויג פייערבאַך אין זיין בריוו־אויסטויש און ירושה".

באַלינג מ י כ ע ל (1866—1925), אָנגעזעענער דייטשער דיריגענט פון דער וואַגנערשער שול, דער בעסטער קענער פון ריכאַרד וו אַ ג נ ע ר (ז.), רעדאַקטער פון אַלע זיינע ווערק, 20 יאָר (ביזן טויט), אָנגעפירט מיט דעם באַרימטן וואַגנער־אָרקעסטער אין דייטשלאַנד.

באָלינגברוק ה ע נ ר י ס ע נ ט־ד ז ש אָ ן (1678—1751), ענגלישער פילאָ-

זאָף און פּאָליטישער טוער; געשטאַמט פון גאָר-הויכע אַדל-קרייזן, איז ער געווען דער עקסטרעמסטער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי טאָרי, געווען אַ לענגערע צייט אויסערן-מיניסטער, געפירט פאַרשידענע אינטריגעס וועגן דער טראָנבאַזעצונג אין גייסט פון די אינטערעסן פון די גוטבאַזיצער; די פּלענער האָבן זיך נישט איינגעגעבן, ב. איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, צוריקגעקומען, און דאַן זיך אָפּגערוקט פון פּאָליטיק. — אין דער פילאָזאָפיע איז ב. דער גרעסטער פאָרשטייער פונעם ענגלישן דעיזם: ער פאָרוואַרפט קאַטעגאָריש דעם געדאַנק וועגן עפּעס אַ פּערזענלעכן גאָט, נייערט גאָט איז אַ מין נעבל-האַפט-אָנקערפּערלעך וועזן, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, „איינגעפעדעמט" וואָס מען דאַרף און זיך איינגאַנצן אָפּגעזאָגט פון „פּראַקטישער אַרבעט". דערפון נעמט זיך ב.ס אַביסל חוזקדיקע באַציונג צו טעאָלאָגישע טעאָריעס און צו רעליגיע-וויסנשאַפט. פונדעסטוועגן איז ער כּלל נישט קיין קעגנער פון דער קירך און פונעם קלער: זיין קלאַסנאינסטינקט האָט אים אונטערגעזאָגט דעם פולשטענדיק-ריכטיקן געדאַנק, אַז דאָס זענען גלענצנדע מיטלען צו פאַרשקלאַפן די מאַסן. ער האָט גאַנץ ציניש דערקלערט, אַז יעדער מענטש פון זיין קלאַס מעג זיך טראַכטן, וואָס ער וויל, מיטן תּנאי, אַז ער זאָל זין נישט דערוועגן צו פאַרשפּרייטן זיינע געדאַנקען אינעם פאָלק. געווען אַ פּערזענלעכער פריינד פון וואָלטער און ס וו י פ ט (ז.), וואָס האָט אויסגענוצט ב.ס נסיעות און געשעענישן אין זיינע „גוליווערס נסיעות".

באַלינטיניאַנו ד ו מ י ט ר ו, פּסד פון ד. ק אָ ס מ אַ ד (1872–1826), רומע-

נישער דיכטער און פּאָליטישער טוער; געלעבט אין פּאַריז. נאָך דער רעוואָלוציע 1848 אַרויסגעטריבן געוואָרן, אַרומגעוואַנדערט איבערן מזרח, אָנגעשריבן צוויי ביכער „נסיעות איבער סיריע און פּאַלעסטינע", „נסיעות איבער דונאַי און בולגאַריע", זיך אומגעקערט קיין רומעניע, געווען אַ שטיקל צייט מיניסטער אין קוזאַס רעגירונג: פון אויסערן-ענינים און שפּעטער — פון בילדונג. נאָך קוזאַס טויט אַוועק פון פּאָליטישן לעבן, געשטאָרבן אין נויט. ב.ס דיכטונג צייכנט זיך אויס מיט איר ראָמאַנטישן כאַראַקטער; זיינע וויכטיקסטע ווערק: „היסטאָרישע לעגענדעס", „בלומען פון באָספּאָר", די נאַציאָנאַלע עפּאָפּעעס „טראָיאַנידע", ראָמאַנען „מאַנאָיל", „העלענאַ" און הומאָריסטישע זאַמלונגען „באַלאָנטניאָדן".

באַלמאָנט ק אָ נ ס ט אַ נ ט י ן (° 1867), באַקאַנטער רוסישער דיכטער; טיפּישער פאָרשטייער פון די יורדישע, יחידישע שטימונגען פון דער רוסישער אינטעליגענץ אין די יאָרן פון שוואַרצער רעאַקציע. אין דער יוגנט אָנטיילגענומען אין די אומרוען, אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אוניווערזיטעט פאַר אָנטייל אין זיי, 1905 געדרוקט אין אויסלאַנד עטלעכע רעוואָלוציאָנערע לידער, אָבער גיך זיך געשלאָגן על-חטא, זיך געווענדעט צו די אינדיווידועלע מאָטיוון, אַדאַנק וועלכע באַקומען דעם רום. 1913 זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד וואַרעם באַגריסט פון דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ און בירגערלעכע ליטעראַטור-פאָרשטייער. אין זיינע לידער פאַראַכט ער אונדזער היינטיק לעבן, „דאָסדאָזיקע בעט-

לערישע לעבן, אָן שטורעמס, אָן פּאַרסירונגען, דעם קאַלטן האַלבנעבל אָן קלאַנג, אָן פייער". אַנאָנימע זענען זיינע ביכער: „אונטער צפונדיקן הימל", „אין אין־סוף", „שטילקייט". שפּעטער נייגט ער איבער צו גרויס־בורזשואַזער איבערמענטשלעכקייט, צום שטיין איבער אַט דער וועלט — אַ מין ניטשעאַניזם אין דער פּאָעזיע. זיינע זאַמלונגען פון יענעם פּעריאָד זענען: „מיר'ן זיין ווי די זון", „נאָר ליבע", „ליטורגיע פון שיינקייט", „פייגל אין דער לופט" א. אַסך אַנד., אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן, ביי דעם גאַנצן טיפּיש־אינדיווידואַליסטישן איבערמענטש־מאָטיוו — אויך אַ פּראַכטפולע פאָרעם; ער האָט, אָן שום ספק, אַריינגעבראַכט זייער אַסך אין דער רוסישער דיכטערשפּראַך און אַ גרויסן צושטייער אין דער אַנטוויקלונג פון איר מוזיקאַלישקייט. אַ גוטער קענער פון אַסך שפּראַכן, נישט נאָר אייראָפּעישע, נאָר אויך עטלעכע אָריענטאַלישע, האָט ער אויך מייסטערהאַפט איבערגעזעצט די לידער פון אויסלענדישע דיכטער — ביז יאַפּאַנישע פאָלקסלידער. — אַ דעקאַדענט און סימבאָליסט, האָט ער גלייך ביים אויסברוך פון דער וועלטמלחמה פאַרנומען אַ שאָוויניסטישע שטעלונג, געשריבן בשעתו קריגהעצערישע לידער. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע העפטיק זי באַקעמפט, אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און גילט נאָך ביז היינט פאַר דעם וויכטיקסטן ליטעראַרישן פאָרשטייער פון דער ווייסער עמיגראַציע. 1928 געמאַכט אַ פּאָליטישע דערקלערונג, אַז ווילנע דאַרף געהערן צו ליטע, וואָס דאָס האָט אין דער טייל עמיגראַציע, וואָס אָריענטירט זיך אויף פוילן, אַרויסגע-

רופן גרויס כעס.

באַלען הענדריק וואַן (1575—1632), פלאַמאַנדרישער מאָלער, געאַרבעט אין אַנטווערפּן און רוים, געהאַט גרויס דערפאָלג און אַרויסגעגעבן וויכטיקע שילער, ווי: וואַן־דייק, סניידערס. זיין ספּעציאַליטעט זענען געווען קלענערע בילדער אויף רעליגיעזע, מיטאָלאָגישע אָדער אַלעגאָרישע טעמעס. ער אַליין האָט געצייכנט בלויז די פיגורן; דעם פּייזאַזש און די פּאָן האָבן געצייכנט זיינע תלמידים. זיינע פאַרבן זענען בונט און גלאַנציק, זיין אופן צייכענען איז גראַציעז, דין און זייער גענוי.

באַלפור אַרטור דזשעמס (1848—1930), ענגלישער געזעלשאַפטלעכער טוער און געלערטער, לידער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. שוין צו 26 יאָר אַריין אין פּאַרלאַמענט, ווי אַ קאָנסערוואַטיווער פאָרשטייער, 1886 געווען מיניסטער פאַר שאָטלאַנד, 1887— פאַר אירלאַנד; זיך קונה־שם געווען מיט זיין אכזריותדיקן דערשטיקן די אירלענדישע פרייהייט־באַוועגונג, וואָס האָט פאַרלאַנגט אַגראַר־רעפאָרעם און אויטאָנאָמיע; אַ צייט לאַנג פאַרנומען פאַרשידענע אַמטן אין דער ענגלישער מלוכישער היעראַרכיע. 1902 ביז 1905 געווען ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער; אויפן דאָזיקן אַמט געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן דייטשלאַנד, געשאַפן די באַוואָפנטע באַזע פאַר דער מלחמה 1914 (דער קאָמיטעט „צו באַשיצן דאָס לאַנד"), געשלאָסן אַ ריי מיליטערישע אָפּמאַכן מיט פראַנקרייך און יאַפּאַן. בעת דער מלחמה אַריין אין דעם קאָאַליציע־קאַבינעט, אונטער לאָיד דזשאָרדזשס אָנפירונג, אַלס ערש-

טער לאָרד פון אַדמיראַליטעט. 1917 געפאָרן קיין אַמעריקע מיטן ציל צו פועלן ביי דער אַמעריקאַנישער רעג־גירונג אַריינצוטרעטן אין דער מלחמה, וואָס עס איז אים געלונגען. — נאָך דער מלחמה פאַרטראַטן ענגלאַנד אויף כמעט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפע־רענצן, געווען דער פירער פון די „האַרטע", ד. ה. פון דער טייל קאָ־אַליציע, וואָס האָט געוואָלט ענדגילטיק רואינירן דייטשלאַנד. נאָוועמבער 1917 אַרויסגעגעבן די באַקאַנטע באַלפור־דעקלאַראַציע אין ענין־פּאַלעסטינע, וואָס איז געווען זייער אַ געשיקטער מאַנעוור אויסצונוצן דעם כּוח פונעם אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום אין די ענג־לישע קאַמפּן קעגן טערקיי. בכלל איז ב. געווען אַ געשיקטער פּאָליטיקער, האָט פאַרשטאַנען אויסצונוצן דעם גע־געבענעם מאָמענט פאַר די אינטערעסן פון זיין קלאַס. ער איז דער אָפּשפּיגל פון יענע סאָציאַלע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער קאָנסער־וואַטיווער פאַרטיי — פון אַ פּריצישער איז זי געוואָרן אַ גרויס־בורזשואַזע פאַרטיי. דאָס ווייזט זיך אויך אַרויס אין זיינע טעאָרעטישע אָנשויונגען אויף אַ ריי פראַגן פון דער ענגלישער עקאָנאָמיק. — חוץ פּאָליטיקער, איז ב. אויך געווען פילאָזאָף. צו זיינע באַקאַנטסטע ווערק געהערן, צ. אַ.: „פילאָזאָפישע ספּיקות", „די יסודות פון גלויבן", „געדאַנקען איבער דער נייער טעאָריע פון זאַכן", „פּרינציפּן פון פרייען האַנדל", „איבער דער פיסקאַלישער רעפאָרעם", „גאָטהייט און מענטשלעכקייט", „גאָטהייט און גע־דאַנק" (1923).

באָלצמאַן לודוויג (1844—1906), עסטרייכישער פיזיקער און מאַטעמאַ־

טיקער, אַסך אויפגעטון אויפן געביט פון קינעטישער גאַז־טעאָריע — וואָס איז זייער נאָענט צו איינשטיינס (ז.) טעאָריע וועגן דער בראָונישער באַוועגונג. דאָך האָבן זיינע אויפטוען אַרויסגערופן העפטיקע וויכוחים אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט, וואָס האָבן ב.ן געברענגט צו מרה־שחורה און זעלבסטמאָרד. ער האָט אויך דערפונדן דאָס געזעץ וועגן דער טעמ־פּעראַטור פון אַ שוואַרצן קעגנשטאַנד א. אַנד. זיינע ווערק צייכענען זיך אויס מיט זייער גענויאיקייט און שאַרפ־זין. פון די גאָר וויכטיקע ווערק „פאָרלעזונגען איבער גאַזטעאָריע", „פאָרלעזונגען איבער די פּרינציפּן פון מעכאַניק".

באָלק לואיס, היינטצייטיקער האָ־לענדישער אַנטראָפּאָלאָג, באַקאַנט פון זיינע אַרבעטן אויס פאַרגלייכנדיקער אַנטראָפּאָלאָגיע. זיינע פאָרשונגען אי־בער דער פילאָגעניע פון ציינער־סי־סטעם, מאָרפאָלאָגיע פון מוח, מענטש־לעכן שאַרבן, געשלעכט־אָרגאַנען, קער־פּער־מעטאַמעריע א. אַנד. האָבן אַסך אויפגעטון אין דער אַנטראָפּאָגעניע. אָנגעשריבן אויך עטלעכע ווערק אי־בער ראַסן־אַנטראָפּאָלאָגיע. פון די וויכטיקסטע ווערק: „איבער מעטאָפיזם", „איבער פילאָגעניע און פּרימאַטנגע־ביין" און אַנד. אָנגעזעענער מיטאַר־בעטער אין דער „צייטשריפט פאַר מאָרפאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע".

באָמאַן עלי דע (1798—1874), באַ־קאַנטער פראַנצ. געאָלאָג, זיך געוויד־מעט הויפּטזאַכלעך דער געאָלאָגיע און דער בערג־רייכקייט פון פראַנקרייך. געשריבן אויך אַסך אויס דער טעאָריע פון בערג־בילדונגען, באַגייט דערין

זייער אַסך.

באָמאַנואַר פּיליפּ דע (אַרום 1250–1296), באַקאַנטער יוריסט און דיכטער פונעם מיטלאַלטערלעכן פראַנקרייך. פאַרפאַסט אַ זאַמלונג נאָרמאַלע געזעצן פון באָוועזי, איינער פון די וויכטיקסטע קוואַלן צו דערלערנען יענע עפּאָכע. אינעם דאָזיקן בוך זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאָר אָריגינעלן פּאָליטישן דענקער, ווי דער אידעאָלאָג פון דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע, אָנהענגער פון אַ שטאַרקער האַנט און העפטיקער קעמפער קעגן די פעאָדאַלע פּריווילעגן. פון זיינע לידער זענען באַקאַנט די ריטערישע פּאָעמעס און סאַטירעס.

באָמאַרשע פּיער אָגיסטען קאַראָן (1732–1799), פראַנצויזישער שרייבער, איינער פון די בעסטע פאָרשטייער פונעם אַ. ג. דריטן שטאַנד ערב דער גרויסער רעוואָלוציע. אַדורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן, אָנגעמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם מיט זיינע פּראָצעסן קעגן אַ געוויסן לאַ-בלאַש איבער אַ ירושה. ב. האָט דעם פּראָצעס פאַרשפּילט, און האָט דאַן אָנגעהויבן אַ פייערדיקן קאַמף קעגן דער אַלטער אָרדענונג בכלל און דער יוסטיץ בפרט. ער האָט דאַן אַרויסגעלאָזט זיינע „זכרונות", וואָס האָבן אויפגעדעקט די אַלע שוידערלעכע, עקלהאַפטע זייטן פון דער דעמאָלטיקער פראַנצ. יוסטיץ און האָבן געמאַכט אויף דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. דער קעניג האָט דערזען די געפאַר פונעם דאָזיקן בונטאַר און האָט אים דערנענטערט צו זיך און געמאַכט פאַר אַ מיליאָנער. — ב. איז געווען אַ גרויסער קענער פון דער קלאַסישער

טראַגעדיע און געפאָדערט אַ רעאַליסטישע דראַמע, וואָס זאָל שילדערן דעם שטאָט-מענטש, דעם באַלמעלאָכע, דעם פאָלקס-מענטש. אין דער הינזיכט איז זיין טרילאָגיע קאָמעדיעס „דער סעווילישער גאָלער", „פיגאַראָס חתונה" און „די פאַרברעכערישע מוטער" איינס פון די שענסטע און פּאָפּולערסטע ווערק. דער העלד פון דער טרילאָגיע, דער גאָלער פיגאַראָ, איז דער טיפּ פונעם נייעם מענטשן פון פאָלק, וואָס מיט זיין שאַרפזין, פלינקייט, דערפינדערישקייט און קאָלאָסאַלער לעבנפרייד שטעלט ער אויס צו-נאַר דעם אַריסטאָקראַט אַלמאַוויוואַ, דעם פאָרשטייער פון דער פוילער, אָנגעפלודערטער, שווער-באַוועגלעכער און טעמפּער אַריסטאָקראַטיע. אַזוי-אַרום האָט „פיגאַראָ" געהאַט אַ גרויסע רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג, ווייל ער האָט אַריינגעברענגט אין דער ליטעראַטור דעם מענטש פונעם דריטן שטאַנד אין אַן אומגעהייער-פּאָזיטיווער ליכט. אויך די פאָרעם פון ב.ס קאָמעדיעס איז אַ רעוואָלוציאָנערע פאַר יענער צייט — מיט איר רייכער פאַנטאַזיע, מיט דער כסדר זיך אַנטוויקלענדיקער אַקציע, אין דעם גיכן, שאַרפזיניקן דיאַלאָג, אין די לעבעדיקע בילדער אויס דער דעמאָלטיקער ווירקלעכקייט און דעם לעבן און באַוועגונג. „פיגאַראָס חתונה" איז אויך באַאַרבעט געוואָרן פאַר אַן אָפּערע דורך ראָסיני (ז.).

באָמבאַטשי ניקאָלאַ (1879°), איטאַליענישער לינק-רעוואָלוציאָנערער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער, פון פאַך — אַ לערער. אַ מיטגליד פון דער סאָצ. פּאַרטיי געוואָרן 1901, משך עטלעכע יאָר געווען סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי און אַקטיווער רעוואָלו-

ציאָנערער טוער. בעת דער אימפּ. מלחמה געפירט אַן אויסגעהאַלטענע אַנטימיליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדע, פאַרמשפט צו תּפיסה, זינט 1921 אַ מיטגליד פון דער קאָמפּאַרטיי, דעפּוטאַט. געפינט זיך אין אויסלאַנד. רעדאַקטער פון אַ גרויסער צאָל פּאַרטייאישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַנען.

באַמבערגער לודוויג (1823—1899), דייטשער פּאָליטישער טוער און פינאַנץ־קענער. אָנטיילגענומען אין דער רעוואָלוציע פון 1848, אַנטלאָפן קיין פראַנקרייך און זיך אומגעקערט אַהיים ערשט 1866. דערנאָך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן, ווי אַ פאָרשטייער פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, העפטיק פאַרטיידיקט דעם פרייען האַנדל. געווען אַ מיטגליד פון רייכסטאָג. אַסך געהאָלפן ביים אָרגאַניזירן די מלוכישע געלט־סיסטעם און די מלוכה־בענק. זייער באַקאַנט זענען זיינע טיף־גרינדלעכע אַרבעטן איבער דעם געלט־פאַרקער.

באָן זשאָרזש, היינטצייטיקער פראַנצויזישער זאָאָלאָג און חיות־פּסיכאָלאָג, איינער פון די געציילטע גרעסטע ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט, אַנטדעקט אַ מענגע מינים חיהלעך און אינזעקטן. דערהויפּט אַסך אויפגעטון אויפן געביט פון דערפאָרשן די ים־ אָן־חוץ־השדרהדיקע חיהלעך. אָנגעשריבן זייער אַסך אָפּהאַנדלונגען און ביכער.

באָנאַלד לואי גאַבריעל אַמבראָוז (1753—1840), פראַנצויזישער פּאָליטישער טוער און שרייבער, אידעישער פירער פון דער „ווייסער" עמיגראַציע אויסן סוף 18טן און אָנהייב 19טן י"ה; געקעמפט אַ שטיקל צייט מיט געווער אין האַנט קעגן דער

רעוואָלוציאָנערער מאַכט. 1796 פאַרעפנטלעכט זיין ווערק „טעאָריע פון פּאָליטישער און רעליגיעזער מאַכט", וואָס די דירעקטאָריע האָט קאָנפיסקירט. נאָכן 18טן ברומער (נאַפּאָלעאָנס איבערקערעניש), האָט ער אין פראַנקרייך אַרויסגעגעבן, צוזאַמען מיט שאַטאָבריאַנען (ז.), דעם „פרנצ. מערקור". 1815 אריין אין פּאַרלאַמענט און פאַרטרעטן דאָרט די אולטראַ־ראָיאַליסטן, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין בייסיקער צונג און שאַרפע פעדער. אַ שונא פון דער רעוואָלוציע לויטן קלאַסנאינסטינקט און טעמפּעראַמענט, האָט ער זיך באַמיט צו געבן זיינע געפילן אַ ראַציאָנעלן לבוש. אין זיין מלוכה־וויסנשאַפט פירט ער אויס, אַז די געזעלשאַפטלעכע מלוכה־אָרדענונג ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור, אַזוי גוט ווי די משא פון קערפער; דערפון מאַכט ער דעם אויספיר, אַז אַלע געזעלשאַפטן קאָנען האָבן נאָר איין פאָרעם, אַז דער מענטש איז אומעטום דערזעלבער, אַז יעדע געזעלשאַפט שטיצט זיך אויף אויטאָריטעט און אַז די מענטשלעכע — אויף מאָנאַרכיע. זיין רעליגיעזע מעטאַפיזיק („טראַדיציאָנאַליזם") איז אַזוי רעגרעסיוו און אָבסקוראַנטיוו, אַז אפילו די קאַטוילישע קירך האָט זיך פון איר אָפּגעזאָגט.

באָנאָמי איוואַנאָע (1873 ◦), איטאַליענישער פּאָליטישער טוער, געווען לכתחילה אַ סאָציאַליסט און אַ צייט — רעדאַקטער פונעם „אַוואַנטי", דערנאָך אַרויס פון דער פּאַרטיי, ווייל נישט מסכים געווען מיט איר אינטערנאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק און געשאַפן די פּאַרטיי „רעפאָרמיסטן"; בעת דער מלחמה — הייסער מיליטאַריסט, אָנ־

הענגער פון איטאַליעס אַנטייל, פּאַרנומען עטלעכע מיניסטער-פּאָסטנס, 1921–1922 געווען פּרעמיער-מיניסטער פון אַ קאָאַליציע-רעגירונג פון אַלע פּאַרטייען, אַחוץ די קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און עקסט-רעכטע. אָבער אונטער זיין פּרעמיערייִ זענען פּאָרגעקומען די לעצטע טאַקטישע סאָציאַלע קאַמפן אין לאַנד, וואָס האָבן זיך געענדיקט מיט מוסאָליניס מאַרש.

באַנאַר פּיער (1867°), פראַנצויזישער מאָלער, באַקאַנט פון זיין אָריגינעלן צוגאַנג צו דער קונסט און דעם אופן אויספירן, וואָס דערמאָנט שטאַרק אָן דער מאַניער פון די יאַפּאַנישע מייסטערס. צו זיינע באַקאַנטסטע בילדער געהערט „דאַפניס און קלאָע”; אילוסטרירט אויך ווערלענס (ז.) „פּאַראַלעלן”.

באַנג הערמאַן יאָאַכים (1858–1912), דענישער שרייבער. געבוירן און דערצויגן אין אַן אַלטער גלחישער משפּחה, מאָלט ער אין זיינע ווערק דעם האָפענונגסלאָזן פּעסימיזם פון די אויסגעשלאָגענע רעשטלעך פון די אַמאָל-פּריווילעגירטע שיכטן און שטאַנדן. זיין ערשטער ראָמאַן איז „האָפענונגסלאָז-אומקומענדיקע”, ווו עס איז בולט דער סוביעקטיווער אַנשטעל און באַציונג פון מחבר. טיפער פּעסימיסט, האַלט ב., אַז דאָס לעבן האָט נישט קיין ציל, נישט קיין באַרעכטונג, און דעריבער אַנטלויפט ער פון דער ווירקלעכקייט און הייבט אָן שרייבן אויס דער פאַרגאַנגענהייט. אַזוי איז ער אויך אין זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען טיף-פּעסימיסטיש און מיסטיש: ער גלייבט נישט, אַז דענעמאַרק זאָל קאָנען קומען צו זיך נאָכן קלאַפּ פון

דייטשלאַנד (דער ראָמאַן „טענע”). פון די גאָר-וויכטיקסטע ווערק: „עקסצענטרישע נאָוועלן” (רייזע-באַשרייבונגען איבער אייראָפּע), „געהיימנישפולע דערציילונגען”, „פיר טייוולאָנים” און דער גרויסער ראָמאַן „אָן אַ היים”, ווי אויך אַ בוך אינטערעסאַנטע זכרונות „צען יאָר”. געווען אויך באַגאַבטער טעאַטער-טוער, רעזשיסער אין טעאַטער רעזשאַן אין פּאַריז, דירעקטאָר פון טעאַטערס אין בערלין, מינכען און קאָפּענהאַגען.

באַנד אָליווער (1760–1798), אירלענדישער רעוואָלוציאָנערער פּובליציסט און טוער; איינער פון די ערשטע געוואָרפן דעם לאָזונג צו פּאַרייניקן אַלע אירלענדער און איינצופירן פּאַרלאַמענטאַרישע רעפאָרמען, געשריבן איבער דעם אַסך און געהאַלטן רעדעס, עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט. געזען, אַז מיט גוטן וועט מען גאָרנישט מאַכן, איז ער, צוזאַמען מיט זיינע אָנהענגער, אַריבער צו פּראָפּאַגירן באַוואָפנטן קאַמף מיט דער ענגלישער מאַכט, געווען איינער פון די פירער פון דער מיליטערישער צוגרייטונג צום אויפשטאַנד. מערץ 1798 אַרעסטירט געוואָרן און פאַרמשפּט צום הענגען; צוליב דער מעכטיקער כוואַליע פּראָטעסטן, איז אים די טויט-שטראָף פאַרביטן געוואָרן; דאָך האָט מען אים אינגיכן געפונען אַ טויטן אין תּפיסה. פאַראַן אַ מיין, אַז די רעגירונג האָט באַפוילן אים צו פאַרסמען.

באַנדיערא אַטיליאָ (1817–1844), און עמיליאָ (1819–1844), צוויי ברידער, איטאַליענישע פרייהייט-קעמפער, געפירט אַ העפטיקן קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון איטאַליע פון אונטערן עסטרייכישן יאָך. צוליב די רדיפות

אַנטלאָפן קיין קאָרפו, יולי 1844 בראַש פון 20 פאַרשווערער אויסגעשטיגן אין קאַלאַבריע, ווו זיי האָבן גערעכנט אַרויסצורופן אַן אויפשטאַנד. די עסטרייכישע מאַכטהאָבער האָבן זיי אָבער באַלד געכאַפּט און דערשאָסן.

באַנדעלאָ מ אַ ט ע אָ (1562–1480), איינער פון די פּאָפּולערסטע איטאַליענישע נאָוועליסטן, דער צווייטער נאָך באָקאַטשיאָ (ז.). געווען אַ מאָנאַך, אַרומגעפאָרן האַלב איירָאָפּע, געווען באַקאַנט מיט אַלע גרויסע איטאַליענישע פירער פון זיין צייט, איבערגעלעבט אַסך איינדרוקן און דערפון טאַקע געשעפּט סיזשעטן צו זיינע אינטערעסאַנטע נאָוועלן. אָנגעשריבן לערך 200 נאָוועלן; זיי פאַרמאָגן נישט קיין ערשטקלאַסיקן קינסטלערישן ווערט, אָבער גיבן דערפאַר אַ בולט־רעאַלע שילדערונג פון די אינטימע זייטן פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט. דידאָזיקע נאָוועלן זענען אַסך מאָל געוואָרן איבערגעדרוקט און געדינט פאַר סיוזשעטן פאַר פיל שפּעטערדיקע שרייבער.

באָנדפילד מ אַ ר ג אַ ר ע ט (1873 ◦), ענגלישע פּראָפעסיאָנעלע און סאָציאַליסטישע טוערין; אין די יונגע יאָרן אַריין אין דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג, אונטערן איינפלוס פון ק. האַרדי (ז.) אַריין אין דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, דערנאָך אין לייבאָר־פּאַרטיי, ווו זי פאַרנעמט ביז היינט אַ ריי הויכע אַמטן, בעיקר איבער אַרבעט צווישן פרויען. אין דער ערשטער רעגירונג פון מעקדאָנאַלד, ווי אויך אין דער צווייטער (1929) פאַרנומען דעם אַמט פון אַרבעט־מיניסטער, איז אַ שטענדיקער מיטגליד פונעם

אַרבעט־ראַט ביי דער פעלקער־ליגע. — פאַרנעמט אַן עקסט־רעכטע שטעלונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַן אָנהענגערין פון קלאַסן־מיטאַרבעט, געווען איינע פון די פאַרביסנסטע קעמפערינס קעגן דער דערנענטערונג פון די ענגלישע און רוסישע פּראָפ. פאַריינען.

באַנדראָווסקי־קאַדען י ו ל י ו ש, פּוילישער שרייבער — ז' קאַדען־באַנדראָווסקי יוליוש.

באָנהער ר אָ ז (1899—1822), פראַנצויזישע קינסטלערין, צו 21 יאָר שוין אויסגעשטעלט אין באָרדאָ אירע בילדער, ווו זי האָט געצייכנט בעיקר בהמות, וואָס דערדאָזיקער זשאַנער איז דערנאָך געוואָרן איר ווייכטיקסטער. די בעסטע בילדער אירע געהערן צום סוף 40ער — אָנהייב 50 יאָרן. פון די באַקאַנטסטע: „דער קאָסער”, „דער פערד־יאַריד” א. אַנד.

באַנוויל ט ע אָ ד אָ ר פ ל אָ ר ע ן (1891–1823), פראַנצויזישער דיכטער, זשורנאַליסט און טעאַטער־קריטיקער; רעפּובליקאַנער לויט זיינע איבערצייגונגען און אָפּשטאַם, דעביוטירט ער אין דער ליטעראַטור, ווי אַ ראָמאַנטיקער, אָבער שפּעטער עוואָלוציאָנירט צו דער ליטעראַרישער שול פון די „פּאַרנאַסער”. — זיין „טראַקטאַט איבער פראַנצויזישער פּאָעזיע” איז געווען פאַר זיי אַ מין אַני־מאמין; ווערט דער וואָרטזאָגער פון דער ריכטונג „קונסט לשם קונסט” און שרייבט זיינע רעשיקע זאַמלביכער: „קאַריאַטידעס” און „סטאַלאַקטיטעס”. נאָכן פאַלן פונעם אויפשטאַנד אין די יולי־טעג 1848 אָנגעשריבן פאַרביטערט־סאַרקאַסטישע „אַקראָבאַטישע אָדעס”, פול מיט אָפענער שנאה און גאַליקייט

צו דער זיגרייכער בורזשואַזיע. דידאָזיקע שאַפונגען איבעראַשן ממש מיט זייער שאַרפזין און סטיל. — שפּעטער דערנענטערט ער זיך צו די ליבעראַלע קרייזן און ווערט „מאָדיש“. אָבער גיך אַנטוישט ער זיך אין דער ליבעראַלקייט פון דער צווייטער אימפּעריע און שרייבט זיינע „נייע אַקראָבאַטישע אָדעס“, וואָס זענען ממש אַ מוסטער פון סטיל און בייסיקער סאַטירע. בעת דער פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה לאָזט ער אַרויס זיינע סאַרקאַסטישע „פּרייסישע באַלאַדעס“; שפּעטער שרייבט ער זאַמלונגען: „פּוילעכע באַלאַדעס“, „גאָלדענע ריטמען“, אין וועלכע ער קומט צום אויספיר, אַז „נאָר די רעוואָלוציע קאָן ברענגען צו דער באַפרייונג פון דער קונסט“, ווייל זי וועט אונטערברעכן איר אָפּהענגיקייט פונעם בורזשואַזן געשמאַק און דערמיט פאַרבינדן די אינטעליגענץ מיטן פאָלק. אין זיין לעצט בוך „קאַמייען“ גיט ער זייער סימפּאַטישע סילועטקעס פון קאָמונאַרן און אַנדערע העלדן פון די באַריקאַדן.

באָנזעלס וואַלדעמאַר (1881 ○), דייטשער שרייבער, וואָס אויף זיין שאַפונג האָט אַרויפגעלייגט אַ שווערן סטעמפּל דער גייסטיקער קריזיס פון דעם קאַפּיטאַליסטישן שוווּנג. אַרומגעוואַנדערט אַסך איבער נאָענטן און ווייטן מזרח, געפירט אַ נע־וונד לעבן, צוריקגעקומען 1905 מיט עטלעכע ביכער רייזע־באַשרייבונגען, ווו ער אידעאַליזירט דעם אַוואַנטוריזם: „די פּאַסירונגען פון אַ טענצערין“, ווו ער פּראָפּאַגירט דעם קולט פון לעבן און נאַטור. צו זיינע בעסטע ווערק געהערן:

דאָס קינדערביכל „די בין מאַיאַ“ (1926 אין דייטשלאַנד די 614טע טויזנט) און דאָס רייזע־בוך „אין אינדיע“. אינעם לעצטן בוך באַמערקט ער נישט די סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען, נייערט ער מאָלט אינדיע, ווי אַ לאַנד, ווו אַלץ גייט־צו שטיל, פויל, פול מיט דער טויזנטיאָריקער חכמה, ווו גוטס און שלעכטס איז גלייך אינטערעסאַנט און צוציענדיק. די אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט אים דערנענטערט צו די אַ. ג. „אַקטיוויסטן“ — אַ ליטער. גרופּע קעגנער פון דער מלחמה און אפילו אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע; בראש פון דער באַוועגונג זענען געשטאַנען די שרייבער היינריך מאַן, איוואַן גאָל און פר. ווערפעל (ז.). ער האָט דאַן אָנגעשריבן די ביכער „דאָס היימלאַנד פון טויט“ און „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד קעגן אַלעס“. נאָך דער רעוואָלוציע, ווען ס'איז אין גאַנץ מערב־אייראָפּע אַנטשטאַנען דער קולט פון עקזאָטישקייט און מיסטיק, איז ב. ווידער אַריין אין דער מאָדע און געוואָרן גערן געלייענט. צו יענער צייט איז אַרויס זיין טרילאָגיע א. נ. „כּתבים פון אַ נע־וונדניק“, „מענטשלעכע וועגן“, „עראָס און דאָס עוואַנגעליום“ און „אידיאָטן און העלדן“. 1926 אַרויסגעגעבן אַליין אַ מין „קרן פון אַלע זיינע ווערק“ א. נ. „דער וואַנדערער צווישן שטויב און שטערן“.

אויף יידיש: „די בין מאַיאַ“.

באַנזען יוליוס (1830—1881), דייטשער פילאָזאָף, דער שעפער פון דער „רעאַלער דיאַלעקטיק“, ווי ער רופט זי אַליין אָן, אָבער זי האָט נישט קיין שייכות נישט מיט העגעלס (ז.) דיאַלעקטיק, נישט מיט מאַרקס'ס מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק. ער האַלט, אַז

אין דער וועלט זענען פאַראַן סתירות, וואָס גלייכן זיך קיינמאָל נישט אויס — בלויז טעזעס און אַנטיטעזעס. זיין וועלט־אַנשויונג טראָגט אַ בולט־פּעסימיסטישן כאַראַקטער. די מענטשלעכע דערקענטעניש קאָן נישט פאַרשטיין נישט די וועלט, נישט זיך אַליין. דעם געדאַנק וועגן די אייביקע סתירות ווענדט ער אויך אָן צו דער געזעלשאַפט־לערע. די געזעלשאַפטלעכע אומגלייכקייט איז אייביק, ווייל זי איז מעטאַפיזיש. דער סאָציאַליזם איז אַן אילוזיע, וואָס וועט בקרוב זיך אויסוועבן. — ער איז דער אידעאָלאָג פון דער דייטשער מיטלבורזשואַזיע און דערצו פון יענער סטאַדיע, ווען זי האָט זיך אַנטוישט אין דער בורזשואַזער רעוואָלוציע און אָנגעוווירן דעם גלויבן — אַזוי אין דער בורזשואַזיע, ווי אינעם אַרבעטערקלאַס. זיין לערע האָט נישט געהאַט אין דייטשלאַנד קיין שום איינפלוס. דאָס וויכטיקסטע ווערק: „דער ווידערשפּרוך אינעם וויסן און וועזן פון דער וועלט", 2 בענד.

באַנטינג פרעדעריק (○1891), אַמעריקאַנישער געלערטער און פיזיאָלאָג, 1922 אַנטדעקט צוזאַמען מיט בעסט דעם אינסולין, וואָס האָט געשאַפן אַן עפּאָכע אין דער היילונג פון צוקער־קראַנקהייטן. 1923 באַקומען דערפאַר די נאָבעל־פּרעמיע.

באָנטש־ברויעוויטש וולאַדימיר (○1873), רוסישער רעוואָלוציאָנערער טוער, עטנאָגראַף און היסטאָריקער. צו 16 יאָר אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אוניווערזיטעט, צו 19 שוין אַנטיילגענומען אַקטיוו אין דער אַרבעט פון דער ס. ד., אויפן צוזאַמענפאָר 1903 צוגעשטאַנען צו די באָל־

שעוויקעס, געוווינט דאַן אין אויסלאַנד. אָנגעפירט מיט דער אויסלענדישער טעכניק, אָנטיילגענומען אין די וויכטיקסטע פּרעסע־אָרגאַנען, ווי „פּראָוויס", „פּראָלעטאַריער", „אונדזער געדאַנק", „דער אָנזאָגער פון לעבן", „עכאָ", „די כוואַליע" און „די זאַך". אָנהייב 1905 אַריבערגעקומען קיין רוסלאַנד, ווו געאַרבעט אומלעגאַל, 1907 געגרינדעט דעם לעגאַלן זשורנאַל „לעבן און וויסן", ווי אויך מיטגעאַרבעט אין כמעט אַ.ע. זשורנאַלן און טאָגצייטונגען, צווישן אַנד. — אויך אין דער „פּראַוודאַ", אין וועלכער ער אַרבעט־מיט זינט איר אַנטשטיין ביז היינטיקן טאָג. — פון זיינע וויכטיקערע אַרבעטן: „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען אין רוסלאַנד", 13 העפטן, „שטריכן צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע" א. אַנד. הויפּטרעדאַקטער פון דעם קאָאָפּעראַטיוון זשורנאַל „לעבן און וויסן".

באָנינגטאָן ריטשאַרד פּאַרקס (1801—1828), באַקאַנטער ענגלישער מאָלער, פּייזאַזשיסט; געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די פראַנצ. מאָלער פון זיין צייט און זיי געוויזן אַ וועג אַנידערש צו פאַרשטיין און דערלערנען די נאַטור. אַסך בייגעשטייערט צו דער היינטצייטיקער אימפּרעסיאָניסטישער שול — מאַנע, מאָנע, פּיסאַראָ (ז.).

באָנע שאַרל (1720—1793), שווייצאַרישער זאָאָלאָג, באָטאַניקער און פילאָזאָף. שוין מיט זיין ערשטן זאָאָלאָגישן אויפטו אַרויסגערופן אויפזען — ער האָט אַנטדעקט דעם פּאַרטאָגענעז ביים בלאַטליוז; גיך דערנאָך אַנטדעקט די אָנגעשלעכטלעכע פּרוכפּערונג

ביי בוימווערעם, ווי אויך אַ ריי וויכטיקע עטעם- און פאַרמער־פּראָצעסן ביי פאַרשידענע שרצים. פון זאָאָלאָגיע איז אַרויס זיין 2 בענדיקער „טראַקטאַט איבער אינזעקטאָלאָגיע”, פון באָטאַניק — „פאָרשונגען איבער דעם פיל־חוש ביי געוויקסן”, ווו ער שרייבט צו די געוויקסן דאָס פילן. הגם אין זיינע ווערק און פאָרשונגען צעשיידט ער זיך נישט מיט דער טעאָלאָגיע, איז אָבער אין זיי פאַראַן אַ געזונטער קערן עוואָלוציאָנערע באַציונג צום לעבן און צו זיין אַנטשטיי. ער פירט אַדורך אַ גראַדאַציע פון די מינדסטע, די פילנדיקע געוויקסן — ביזן מענטש און די מלאכים. — אין דער פילאָזאָפיע איז דערדאָזיקער עלעמענטאַר-מאַטעריאַליסטישער, עמפּירישער (דערפאַרונגדיקער) עלעמענט נאָך שטאַרקער געקומען צום אויסדרוק, כאָטש — פאַראַן אַסך טעאָלאָגישע און ספּיריטואַליסטישע אין זיי. אַזוי ענדיקט ער די שטייגערונג פון די בעלי־חי נישט אויפן מענטשן, נייערט ער גייט נאָך ווייטער און פירט — ביז גופלאָזע גייסטער, אַזוי־אַרום צום געדאַנק פון השארת־הנפש. — דידאָזיקע אייגנאַרטיקע וועלט־אַנשויונג לאָזט זיך דערקלערן אויך טיילווייז מיט דעם, וואָס ב. האָט געלעבט ווייט פונעם צענטער — אין אַ קליין דערפל, איז אין דער קינדהייט טויב געוואָרן און אין די מיטעלע יאָרן, פון צו־שטאַרקע פאָרשונגען מיטן מיקראָסקאָפּ, כמעט בלינד געוואָרן. — זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן: „פּרווו פון פּסיכאָלאָגיע, אָדער באַטראַכטונגען איבער נשמה־פּראָצעסן”, „אַנאַליטישער פּרווו איבער די מעגלעכקייטן פון דער נשמה”, „דער פילאָזאָפישער פּאַלענגענעזיס, אָדער די אידעען איבער דעם

פאַרגאַנגענעם און קומענדיקן צושטאַנד פון לעבעדיקע באַשעפענישן”.

באַגנעף, ברידער 1) לעאָן (1882–1914) און 2) מאָריס (1884–1914), פראַנצויזישע שרייבער, וואָס האָבן זיך געווידמעט אויסצופאָרשן די אַרבעט־באַדינגונגען אין דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. זייער ערשטע אַרבעט איז געווען איבער די אַרבעטער אין שעדלעכע אינדוסטריי־צווייגן: „מלאכהס, וואָס טייטן”. זייערע בעסטע ווערק זענען: „דאָס טראַגישע לעבן פון די אַרבעטער”, און „דער אַרבעטער־קלאַס”. פאַר מאַטעריאַל צו זייערע ביכער שעפן זיי אָפיציעלע פאַבריק־, מעדיצינישע און פאַריין-אַנקעטעס, ווי אויך זייערע אייגענע באַאָבאַכטונגען. דידאָזיקע טרוקענע ציפערן און פאַקטן ווירקן דערשיטערנדיקער, ווי די שענסטע פּאָעזיע. — די דערמאָנטע ביכער האָבן זיי אָנגעשריבן בשותפות; באַזונדער האָט לעאָן אָנגעשריבן אַ בוך „אָבערווילִיע”, און מאָריס — „דידיע, דער מענטש פון פאָלק”.

באַנערדזשי אופּענדראַ נאַט, היינטצייטיקער אינדישער טעראָריסט, נאַציאָנאַליסט, איינער פון די פירער פון דער טעראָריסטישער באַוועגונג 1905–1911 קעגן דער ענגלישער מאַכט; אויסגעשטאַנען אַסך רדיפות מצד דער רעגירונג, 1908 פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכער תפיסה, 1919 אַמנעסטירט געוואָרן. היינט-צו-טאָג–פירער פונעם לינקן פליגל „סוואַראַדזשיסטן” און רעדאַקטער פון זייער וואָכנאָרגאַן „אַטמאַ סאַקטי” (פרייער גייסט). אָנגעשריבן אויך: „זכרונות פון אַ רעוואָלוציאָנער”.

באַנערדזשי ס ע ר ע נ ד ר אַ נ אַ ט
(° 1848), אינדישער שרייבער און פּאָ-
ליטישער טוער, געענדיקט דעם לאָנדאָ-
נער אוניווערזיטעט. 1875 געגרינדעט
די בריטיש-אינדישע אַסאָציאַציע און
רעדאַגירט די גרעסטע אינדישע פּאָלי-
טישע צייטונג „בענגאַל“ און זי געמאַכט
פאַר דער טריבונע פון דער לעגאַלער
אינדישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. זיין
פּלאַטפאָרם איז באַשטאַנען: רעפאָרמען
אין די ראַמען פון דער ענגלישער אָקו-
פּאַציע. געווען זייער פּאָפּולער אין די
קרייזן פון דער אינדישער בורזשואַזער
אינטעליגענץ און צוויי מאָל געווײלט
געוואָרן פאַר פאָרזיצער פונעם נאַציאָ-
נאַלן קאָנגרעס. ד. יאָר 1882 צונויפגע-
רופן אין קאַלקוטאַ דעם אַ. ג. ריפּאָנישן
קאָלעדזש. 1905—1911 זיך געשטעלט
בראָש פון דער אַנטי-ענגלישער באַוועג-
גונג, פאַרביטערט, וואָס ענגלאַנד האָט
געמאַכט אַ חלוקה פון בענגאַל. אָבער
אויך אין יענעם מאָמענט איז ער אַ רע-
פאָרמיסט און באַקעמפט די עקסטרע-
מערע פּאָליטיק פון ג אַ נ ד י (ז.). די ענג-
לישע מאַכט אָנערקענט זיינע פאַרדינסטן
און באַשטימט אים פאַר מיניסטער פון
זעלבסטפאַרוואַלטונג און געזונט אין
דער בענגאַלישער רעגירונג. זינט דאַן
פאַרלירט ער אינגאַנצן זיין איינפלוס.
באַקאַנט זיין אויטאָביאָגראַפיע: „אַ פאָלק
אין אַקציע“.

באָנקור פּ אָ ל ז ש אָ ז ע ף (° 1873),
פראַנצויזישער פּאָליטישער טוער, פּוב-
ליציסט, אַדוואָקאַט, איינער פון די לי-
דער פון דער פראַנצויזישער סאָציאַלי-
סטישער פּאַרטיי. אין פּאָליטישן לעבן,
ווי אַ בירגערלעכער דעמאָקראַט, אַריין
ד. יאָר 1899, 1909 אַריין אין פּאַרלאַ-
מענט, 1910 געוואָרן אַרבעט-מיניסטער.
בעת דער מלחמה געווען אַ פייערדיקער

מיליטאַריסט, 1916 אַריין אין דער סאָצ
פּאַרטיי. נאָך דער מלחמה באַשטימט
געוואָרן ווי אַ שטענדיקער דעלעגאַט
פון פראַנקרייך ביים פעלקערבונד. ב.
איז אַן אַקטיווער אָנהענגער פון אַ קאָ-
אַליציע צווישן די סאָציאַליסטן מיט דער
בורזשואַזיע. וואָס פאַר אַ „הייסער“
סאָציאַליסט ער איז, קאָן דינען זיין
דערקלערונג ד. יאָר 1926, אַז אין פאַל
פון אַ סתירה צווישן די אינטערעסן פון
אינטערנאַציאָנאַל מיט די אינטערעסן
פון פראַנקרייך, וועט ער זיך אַנטשיידן
שטעלן אויף דער זייט פון דער לעצ-
טער. אַז דאָס איז נישט סתם גערעדט,
באַווייזט זיין גאַנצע טעטיקייט, פּובלי-
ציסטישע, פאַרלאַמענטאַרישע, רעדנערי-
שע (ער איז איינער פון די בעסטע
רעדנערס אין היינטיקן פראַנקרייך), ווי
אויך זיין באַרימטער פּראָיעקט צו מי-
ליטאַריזירן דאָס לאַנד „אין פאַל פון
אָנפאַל מצד דעם שונא“ — אין וועלכן
ער פירט אַדורך ד אָ ס ע ר ש ט ע מ אָ ל
דעם באַשלוס פון באַוואָפנען פ ר ו י ע ן.
אַ פאַרביסענער קעגנער פון ראַטנפאַר-
באַנד, אַן אָנהענגער פון מיליטערישן
אַריינמיש, האָט ער אויף דער זשענעווער
אַנטוואָפענונגס-קאָנפערענץ מאַי 1926
אַריינגעטראָגן אַ שינוי צום פּאַראַגראַף 16
פונעם סטאַטוט פון דער פעלקער-ליגע,
וואָס האָט אַ ציל צו פאַרשאַרפן די באַ-
ציונגען מיט דייטשלאַנד און רוסלאַנד.—
זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן: „דער עקאָ-
נאָמישער פעדעראַליזם“, „די רעפּובליק
און די צענטראַליזאַציע“ א. אַנד.

באָס לואיס (1846—1912), אַמעריקאַ-
נישער אַסטראָנאָם, זינט 1904 ביזן טויט
געווען דירעקטער פונעם מערידיאַניש-
אַסטראָנאָמישן אָפּטייל ביים קאַרנעדזשי-
אינסטיטוט. באַשאַפן אַ פונדאַמענטאַלע
סיסטעם שטערן-לאַגע, לויט וועלכער

ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרן זייער אַ וויכטיקער קאַטאַלאָג מיט 6.188 שטערן.

באַסאָוו סערגיי (1869°), היינטצייטיקער רוסישער שרייבער, רעוואָלוציאָנער. בעת דער צאַרישער מלחמה עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט, אָפּגעקומען אַכט יאָר אויף פאַרשיקונג. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער טעראָר־אָרגאַניזאַציע פון די ס. ר., 1906 אַרויסגעלאָזן, א. פסד. וויערכאָיאַנצעוו, אַ מעשהלע אין פערזן „פערד־שפרינגערל", וואָס איז געוואָרן אומגעהייער פּאָפּולער און אַרויס אין אַ האַלבן מיליאָן עקז. שפּעטער האָט מען עס קאָנפיסקירט. געשריבן נאָך אַסך רעוואָלוציאָנערע זאַכן אין אַ מערכנהאַפטן סטיל, נאָך דער רעוואָלוציע — מעשהלעך פונעם נייעם לעבן.

באַסאַנאָ — אַ פאַמיליע איטאַליענישע מאָלער פון 16—17 י"ה, וואָס האָט פאַרטראָטן אַן אייגנאַרטיקע צווייג אין דער ווענעדישער שול. געהייסן דאַ־פּאָנטע, נאָר באַקומען דעם נאָמען ב. פון דער שטאָט, פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט: 1) דזשאַקאָמאָ — דער פירער פון דער שול, אַ גלענצנדער קאָלאָריסט. די באַקאַנטסטע בילדער: „דאָס אַנטלויפן פון עגיפּטן", „די טויפונג פון דער הייליקער לוציליע". זיינע צוויי זין: 2) דזשאַמבאַטיסטאַ (1553—1613) און 3) דזשעראָלאַמאָ (1521—1566) קאָפּירן אים אינגאַנצן. 4) לעאַנדראָ (1558—1623), אַ באַקאַנטער אין זיין צייט פּאָרטרעטנמאָלער. 5) פראַנטשעסקאָ (1549—1592), דער טאַלאַנטפולסטער פון אַלע; צו זיינע באַקאַנטסטע בילדער געהערן: „הערקולעס ביים הימלישן

וועבשטול" א. אַנד. 6) פראַנטשעסקאָ (1470—1540), דזשאַקאָמאָס פאָטער — געצייכנט שטרענג לויטן סטיל מאַדאָנעס.

באַסטיאַ פרעדעריק (1801—1850), פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט, אַליין געווען אַ גרויסער ערד־באַלעבאָס און גוטבאַזיצער. העפטיק פאַרטיידיקט דעם עקאָנאָמישן ליבעראַליזם קעגן די פּראָטעקציאָניסטן און סאָציאַליסטן. דערפירט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע צו די משונה־דיקסטע, וויסנשאַפטלעך־גערופענע „וווּלגאַרע" גרענעצן. לויט אים קומט אויס, אַז דער ווערט פון אַ פּראָדוקט ווערט נישט פעסטגעשטעלט לויט דער אַרבעט, וואָס מען לייגט אין איר אַריין, נאָר לויט דער טירחה, וואָס דער קונה ברענגט זיך איין. דער ריווח איז דער באַלוין פונעם קאַפּיטאַליסט, פאַר די „געפעליקייטן", וואָס ער טוט; רענטע איז דער ריווח אויפן קאַפּיטאַל, וואָס דער ערדבאַזיצער פאַרנוצט אויפן פאַרבעסערן די ערד. צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער טעכניק, וועט וואַקסן אַבסאָלוט און רעלאַטיוו דער פאַרדינסט פונעם אַרבעטער, אַזוי אַז ער וועט מיט דער צייט ווערן קאַפּיטאַליסט. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער אומלאָגישקייט פון זיין לערע, האָט ער אָבער די 48ער יאָרן געהאַט דערפאָלג ביי דער בורזשואַזיע. פון די וויכטיקסטע ווערק: „קאָבדען און ליגע", „עקאָנאָמישע סאָפיזמען", „עקאָנאָמישע האַרמאָניעס".

באַסטיאַן־לעפּאַזש זשול (1848—1884), פראַנצ. מאָלער, געשאַפן אין סטיל פון געזונטן, פולבלוטיקן רעאַליזם. אַסך געמאָלן אויס לאָטרינגען — די מענטשן און די נאַטור. פון די וויכטיקסטע זאַכן: „אָפּרו אין פעלד",

„זשאַן ד׳אַרק״, „ייבע אין דאָרף״. פאַראַן אַסך רעפּראָדוקציעס.

באַסטיאַן אַדאָלף (1826—1905), באַקאַנטער דייטשער רייזנדער און עט־נאָלאָג, באַגרינדעט דעם דייטשן מלוכישן מוזעום פאַר פעלקערווּיסן, דעם גרעסטן דייטשן עטנאָלאָגישן זשורנאַל „צייט־שריפט פאַר עטנאָלאָגיע״ און די באַ־קאַנטע „בערלינער געזעלשאַפט פאַר אַנטראָפּאָלאָגיע, עטנאָלאָגיע און אור־געשיכטע״. משך 25 יאָר באַרייזט די וועלט, אָנגעזאַמלט אַ שפע מאַטעריאַל; זיך געריכט מיטן מעטאָד פון אויס־פאָרשן דער עיקר די גייסטיקע קולטור פון די פעלקער, און ווינציקער — די מאַטעריעלע, די טעכניק און באַ־לעבאַטישקייט. אין דער עטנאָלאָגיע איז ב. געווען דער שעפער פון דער טע־אָריע פון דעם אַ. ג. „עלעמענטאַר־געדאַנק״. דידאָזיקע טעאָריע האָט שוין ביי ב.ס לעבן אַרויסגערופן שטאַרקע פּאָלעמיקעס מיט די מאַטעריאַליסטיש־אינדיווידועלע געשיכטע־פאָרשער. אי־בערגעלאָזט זייער אַסך ווערק, וואָס זענען שווער סיי לויטן מעטאָד, סיי לויט דער שפּראַך. די גאָר־וויכטיקסטע זענען: „דער מענטש אין דער גע־שיכטע״ (3 בענד), „דער פעלקערגעדאַנק אינעם אויפבוי פון אַ מענטש־וויסנ־שאַפט״, „פאָרגעשיכטע פון דער עט־נאָלאָגיע״, „אַלגעמיינע שטריכן פון דער עטנאָלאָגיע״, „מזרח־אַזיאַטישע פעלקער״, 6 בענד, א. אַנד.

באַסטיד זשול (1800—1879), פראַנצ. פּובליציסט, היסטאָריקער און פּאָליטי־שער טוער, גענומען אַן אַקטיוו אָנטייל אין דער רעוואָלוציע 1830, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, 1834 באַגנעדיקט געוואָרן און זיך אומגעקערט. רעדאַק־

טירט די צייטונג „נאַסיאָנאַל״, „רעווי נאַסיאָנאַל״, אין וועלכע ער האָט באַ־גרינדעט דעם געדאַנק פון קריסטלעכן סאָציאַליזם. בעת דער רעוואָלוציע 1848 געווען אויסערנמיניסטער. 1851 אינגאַנצן אָוועק פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. פון די וויכטיקסטע ווערק: „די פראַנצויזישע רעפּובליק אין איטאַליע ד. יאָר 1848״ א. אַנד.

באַסיוע זשאַק בענין (1627—1704), אָנגעזעענער פראַנצויזישער טעאָ־לאָג און מוסרניק, אַ מיטגליד פון קעניגלעכן הויף, ווי דער דערציער פון לודוויק ד. XIVטן. זיינע היסטאָרישע און פּאָליטישע אָנשויונגען אַדורכגעפירט אין זיין בוך „פּאָליטיק אויפן סמך פון דער הייליקער שריפט״, ווו ער טרעט־אַרויס ווי אַ באַגרינדער פון אַבסאָלוטיזם אין זיין געטלעכער שליחות, וואָס שיידט זיך טאַקע דערמיט אונטער פון דעספּאָטיזם. אין זיין צווייט בוך „געדאַנקען איבער דער וועלט־געשיכטע״ פירט ער אויס, אַז די גע־שיכטע איז נאָר אַ באַשייד פון די וועגן פון געטלעכער באַשטימונג און אַז די השגחה דיקטירט אַלץ. דידאָ־זיקע געדאַנקען האָבן זיך לאַנג נישט געהאַלטן און שוין די ראַציאָנאַליסטן פון 18טן י״ה האָבן זיי פולשטענדיק באַ־זיגט.

באַסין פּיאָטר (1793—1877), רוסי־שער מאָלער, געאַרבעט אַ לענגערע צייט אין רוים. צו זיינע באַקאַנטסטע לייוונטן געהערן: „מאַרסיוס, וואָס לערנט אָלימפּוסן שפּילן פלייט״, „ערד־ציטערניש אַרום רוים״; אָבער דאָס באַקאַנטסטע ווערק איז: „שושנה אין באָד״, וואָס איז נאָך ביז היינט זייער

פּאָפּולער און דערהאַלטן אַסך רעפּראָדוקציעס.

באָש וואַן אַקען היעראָנימוס (1450—1516), אָנגעזעענער און אייגנאַרטיקער האָלענדישער מאָלער אויס סוף 15טן, אָנהייב 16טן י״ה. אין זיינע בילדער, ס׳רוב איבער רעליגיעזע טעמעס, באַנוצט ער דעם מעטאָד פון סימבאָליק: ער האָט געצייכנט וווּנדערלעכע, אויסטערלישע פּאַרזעניש, קאָמבינירט זיי פון פאַרשידענע טיילן מענטשלעכן און חיהשן קערפּער און סתם טויטע קעגנשטאַנדן; אַזוי אויך אין די געוויקסן, וואָס ער האָט געמאָלן אויף זיינע פּייזאַזשן. דאָך מאַכן זיי אַן אימפּאָזאַנטן איינדרוק. דער טאָן פון זיינע בילדער איז סאַטירע, אין וועלכער ער לאַכט בייסיק אויס די מענטשלעכע שוואַכקייטן — אפילו ביים באַהאַנדלען אַזעלכע טעמעס, וואָס פאָדערן פולשטענדיקן ערנסט. זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען זענען: „דאָס טראָגן דעם קרייץ״, „ישו אין דערנערקראַנץ״, די אַלעגאָריע „אַ וואָגן שטרוי״ און „דער גאָרטן פון תאוות״, ווו ס׳זענען אויסגעמאָלן אַלע 7 שטערבלעכע זינד.

באָעציוס אַניציוס (475—526), רוימישער פילאָזאָף, מאַטעמאַטיקער, פיזיקער. באַקאַנט פון זיין איבערזעצונג און קאָמענטאַרן צו אַריסטאָטעלס ווערק, ווי אויך צו ציצעראָס. זיין וועלטאָנשויונג איז אַן עקלעקטישער פּלאַטאָניזם: גאָט, ווי אַ פּלאַטאָנישע אידעע פון גוטקייט, פאַלט צונויף מיט דער קריסטלעכער אידעע פון גאָט־שאַפער, מיט דער סטאָאישער לערע איבער דער השגחה עליונה און מיט אַריסטאָטעלס קוק איבער דער אומבאַוועגלעכער סיבה

פון יעדער באַוועגונג. זיין וויכטיקסט ווערק איז: „איבער דער טרייסט דורך פילאָזאָפיע״, אָנגעשריבן אין תפיסה, ווו ער איז אויך געהרגעט געוואָרן איבער דעם חשד, אַז ער איז אַ ביזאַנטישער שפּיאָן. אויפן געביט פון מאַטעמאַטיק האָט ער געגעבן די ערשטע לאַטיינישע איבערזעצונג פון עוקלידעסן. אויסן געביט פון מוזיקאַלישער אַקוסטיק באַשאַפן אַ ריי עקספּערימענטן מיט פאַרשידענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן. אָנגעשריבן „איבער מוזיק פינף ביכער״, וואָס איז דער איינציקער קוואַל איבער דער מוזיקאַלישער קונסט פונעם קלאַסישן אַלטערטום און פריען מיטלעלטער.

באָפּ פראַנץ (1791—1867), דייטשער שפּראַכפאָרשער, באַגרינדער פון פאַרגלייכנדיקער שפּראַכוויסנשאַפט און סאַנסקריטאָלאָג. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז „איבער דעם קאָניוגאַציע־סיסטעם פון סאַנסקריט, גריכישער, לאַטיינישער פערסישער און דייטשער שפּראַך״. די דאָזיקע אַרבעט האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער טעאָריע פון אינדאָאייראָפּעישע שפּראַכן און זייער אָפּשטאַם. ס׳איז אויך באַרימט זיין פאַרגלייכנדיקע 3בענדיקע גראַמאַטיק איבער דידאָזיקע אַלע שפּראַכן, ווי אויך זיינע באַזונדערע מאָנאָגראַפיעס איבער קעלטיש, אַלבאַניש א. אַנד. אַרויסגעגעבן אויך אַ ריזיק סאַנסקריטיש־לאַטייניש ווערטערבוך.

באַפין ווילי‏אַם (1584—1622), באַקאַנטער ענגלישער פאָרשער פון די פּאָלאַרע לענדער. 1612 געשוווּמען צום מערב־ברעג פון גרענלאַנד, 1613—1614 צו די שפּיצבערגענער ברעגעס, 1615—1616 געזוכט אַ צפון־מערבדיקן דורכ־

גאַנג אין האָדסאָן־אויסגאַס. אויף זיין נאָמען איז פאַראַן אַ דורכגאַס לעבן דעם סמיט־אויסגאַס.

באָ־צו־אי (846—772), איינער פון די גרעסטע כינעזישע ליריקער, געדינט אויפן הויף, דערנאָך, צוזאַמען מיט נאָך 8 חברים, אַוועק אין די בערג. אין כינע איז שטאַרק פּאָפּולער די זאַמלונג טאַקע פון דידאָזיקע דיכטער־נזירים „סאַן־שאַן־צו־לאַאָ" (ניין סיאַן־שאַנער זקנים). ב. פאַרנעמט איינס פון די ערשטע ערטער אין דער כינעזישער פּאָעזיע. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין סובטעלער פּסיכאָלאָגיע, מיט פּראַכטפולן איבערגעבן די הערלעכקייט פון דער נאַטור. זיין בעסטע פּאָעמע איז: „די אייביקע עוולה". ער האָט אויך אָנגעשריבן אַן עקאָנאָמישע אַרבעט „איבער די ברונעם־פעלדער", אין וועלכער ער ווייזט אויף, אַז לעזן די ערדפּראַגע און פאַרקלענערן די נויט פון פאָלק קאָן מען נאָר דורך אומקערן זיך צו דער ברונעם־סיסטעם פון באַוואַסערן די פעלדער אין די געדיכט־באַזעצטע געגנטן.

באַציני אַנטאָניאָ (1897—1818), באַרימטער איטאַליענישער פידל־ווירטואָז, זינט 1882 געווען דירעקטער פון מילאַנער קאָנסערוואַטאָריע. כון זיינע שאַפונגען זענען בעיקר באַקאַנט זיינע פּיעסן פאַר פידל, זעקס סטרונע־קוואַרטעטן, אַ סטרונע־קווינטעט און אַ סימפאָנישע פּאָעמע „פראַנטשעסקאָ דאַ רימיני".

באָקאַטשאָ דזשאָוואַני (1375—1313), איטאַליענישער שרייבער, אַ זון פון אַן איטאַל. סוחר און אַ פראַנצויזין. געווען איינער פון די פאָרזאָגער פון דער „הומאַנישער", וועלכער אינ־

טעליגענץ. וואָס איז געקומען אויפן אָרט פון דער פעאָדאַלער און קלויסטערלעכער. געווען באַקאַנט מיט פּעטראַרקאַ (ז.), אונטער זיין איינפלוס געשטודירט און געשריבן איבער אַנטיקער מיטאָלאָגיע און ביאָגראַפיעס פון אָנגעזעענע מענטשן. פאַרנומען אויך עטלעכע פּאָליטישע אַמטן, געשטודירט די וויכטיקסטע שאַפונג אין דער איטאַליענישער ליטעראַטור—דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע", און ווען די פלאָרענטינישע סיניאָריע האָט אָרגאַניזירט עפנטלעכע לעזונגען פון איר, איז ב. געוואָרן דערצו פאַרבעטן; דערנאָך אָנגעשריבן איינס פון די וויכטיקסטע שטודיעס איבער דעמדאָזיקן ווערק. מיט זיין שאַפונג האָט ב. געלייגט דעם גרונט־שטיין פאַר דער נייער, בורזשואַזער ליטעראַטור פונעם רענעסאַנס. זיינע ערשטע ווערק: „פילאָסטראַטאָ", „טעזעידאַ", זענען אַ ריי ליבע־אַוואַנטורעס, אַדורכגענומען שוין מיט נייעם בירגערלעך - קעמפערישן, אפּיקורסישן טאָן. די אַנדערע ווערק: „ליבע־זצונג" און „קאָרבאַטשאָ", וואָס דאָס צווייטע איז אַ העפטיקער פּאַמפלעט קעגן פרויען, צוליב ב.ס ראָמאַנטישן דורכפאַל ביי אַ געוויסער אלמנה. די פּאָרעם איז נאָך אַ מיטלעלטערלעך־ריטערלעכע, אין „אָקטאַוועס", אָבער ביסלעכווייז ווידמעט ער זיך דעם פּראָזע־סטיל און מיט זיין גרעסט ווערק „דעקאַמעראָן",— דער בעסטער קינסטלערישער אָפּשפּיגל פון דער נייער בורזשואַזער קולטור— האָט ער באַשאַפן אַ נייעם ליטעראַרישן זשאַנער — די פּראָזאַישע נאָוועלע. „דעקאַמעראָן", (ווערטלעך: „צען טעג"), איז אַ געשיכטע פון צען יונגעלייט, מענער און פרויען, וואָס האָבן בעת דער דזשומע זיך פאַרזאַמלט און משך

צען טעג זיך פאַרציילט פאַרשידענע געשיכטעס. „ד.״ איז די שאַרפסטע אַנטיטעזע צו דער „געטלעכער קאָמעדיע״. ב. באַזינגט דאָ מיט אַ פול מויל דאָס עולם-הזה, דאָס לעבן און גענוס, געזונט און פרייד. אָבער „ד.״ס העלדן זענען אויך נייע — סוחרים, באַלעמעלאָכעס, פויערן; אויך דער טאָן איז אַן אויסגעהאַלטן-קעגנרעליגיעזער און קעגנקלעריקאַלער. „ד.״ האָט ממש געמאַכט אַן עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור. דאָך איז ב. אַליין נישט געווען גענוג שטאַנדהאַפטיק: נאָך אַ באַגעגעניש ד. יאָר 1361 מיט אַ גלח — אַ פאַנאַטיקער, וואָס האָט אים אויסגעמוסרט פאַר זיין אפיקורסות, האָט ער באַשלאָסן תשובה צו טון, זיך אָפּגעזאָגט פון דער ליטעראַטור און פאַרברענט זיינע איטאַליענישע ווערק. שפּעטער נאָך אָנגעשריבן עטלעכע ווערק אין לאַטייניש איבער וויסנשאַפט, פון וועלכע דאָס וויכטיקסטע איז „איבער בערג, וועלדער, קוואַלן, אָזיערעס, טייכן זומפּן און נעמען פון ימען״, אין וועלכן ער פאַראורטיילט שטרענג זיין אייגענעם „דעקאַמעראָן״.

באַקהאַוזען לודאָלף (1631—1708), האָלענדישער ים-מאָלער, באַקאַנט פון זיינע פאַרביקע, אימפּרעסיאָניסטישע בילדער; ער האָט גענוי אויסגעצייכנט אַלע פּרטים און באַלעבט די בילדער מיט אַ מענגע מענטשלעכע געשטאַלטן. זיין הויפּט-טעמע איז געווען — אַן אויפגעבּרויזטער ים און אויפן ערשטן פּלאַן — אַ הייפעלע מענטשן, וואָס קוקן מיט האַרצקלאַפּעניש אויפן שטורעם.

באַקונין מיכאַיל (1814—1876), רוסישער רעוואָלוציאָנער-אַנאַרכיסט,

גרויסע בונטאַרישע נאַטור. געב. און דערצויגן ביי אַ טאַטן אַ יחוס-דיקן פּריץ, געווען אַ געוויסע צייט אינעם אָפיצירן-קאָרפּוס. 1835 אַוועק קיין מאָסקווע, ווו גלייך אַריינגעטרעטן אין פאַרשידענע בילדונג-קרייזלעך, זיך איבערגענומען מיט העגעלס (ז.) פילאָזאָפיע און זי שטאַרק פּראָפּאַגירט, צ. אַ. — וו. ביעלינסקין (ז.), וואָס האָט ב.ן אַסך צו פאַרדאַנקען. אין רוסלאַנד זיך באַגייסטערט דווקא מיט דעם קאָנסערוואַטיוון אויסטייטש צו העגעלן, ציטירט און פּראָפּאַגירט דווקא די שטעלן, וואָס האָבן געקאָנט רעאַקציאָנער אויסגעטייטשט ווערן. אָבער 1840 אַוועק שטודירן קיין דייטשלאַנד, ווו באַגעגנט אַנדערע פריינד, פאָרשטייער פון דער העגעלער לינקער שול (רוגע א. אַנד.) און אונטער זייער איינפלוס געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. 1842 אָנגעשריבן אין רוגעס זשורנאַל „דייטשע יאָרביכער״ אַן אַרבעט „רעאַקציע אין דייטשלאַנד, באַמערקונגען פון אַ פראַנצויז״ א. פּס״ד זשול עליזאַר, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ באַרימט-געוואָרענער פראַזע: „די ליידנשאַפט פון צעשטערן איז די ליידנשאַפט פון בויען״. צוליב דייטשע פּאָליציי-רדיפות אַנטלאָפן צוזאַמען מיט ג. הערוועג (ז.), אין דער שווייץ; דאָרט באַקומען די ידיעה, אַז די רוסישע מאַכט האָט אים אונטער די אויגן פאַרמשפּט אויף קאַטאָרגע און קאָנפיסקירט זיין פאַרמעגן. דאַן האָט ב. אָנגעהויבן זיין רעוואָלוציאָנעריש וואַנדערלעבן, אין פּאַריז זיך באַקענט מיט קאַרל מאַרקס, זאַנד, פּרודאָן, אָנגעפירט אַן ענערגישע מינדלעכע און שריפטלעכע קאַמפּאַניע קעגן דער צאַרישער מאַכט, פאַר אַ פּאַנסלאַווישער

פאַרייניקונג. 29 נאָוו. 1847 אַרויסגעטראָטן אויף אַ פייערונג צום אָנדענק דעם פוילישן אויפשטאַנד; זיין אַרויסטריט האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז דער צאַרישער אַמבאַסאַדער אין פּאַריז, קיסעלעוו, האָט זיך כּסדר אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט פאַבריצירן קלאַנגען, אַז ב. איז אַ צאַרישער פּראָוואָקאַטער צווישן דער עמיגראַציע. הגם די קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אויסגעזויגן פון פינגער, האָבן זיי דאָך אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן און אַריינגעברענגט אַ היבשע צעמישעניש אין די עמיגראַציע־רייען. — אַ בונטאַרישע נאַטור, האָט ער אַגיטירט צו אויפשטאַנדן אין פאַרשידענע שטעט אין הייַנטיקן טשעכאָסלאָוואַקיי און דייטשלאַנד, אָנטיילגענומען אין דרעזדענער אויפשטאַנד מאַי 1849. אַפּריל 1850 פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אויסגעטוישט געוואָרן קיין עסטרייך, ווידער געוואָרן פאַרמשפּט צום טויט, אָפּגעזעסן אַ 2 יאָר אין מוראַדיקע באַדינגונגען, און 1851 אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם צאַר ניקאָלאַי I. אויפן צאַרס ווענדונג, אָנגעשריבן אים אַ „ווידוי“, אַז ער האָט חרטה אויפן ביזאַהעריקן אַוו. דאָס איז געווען אַ מין מאַנעווער מצד ב. צו געווינען דעם קיסר. דאָס האָט זיך נישט איינגעגעבן. אויסגעזעסן אין פאַרשידענע טורמעס ביז 1857, אַדאַנק זיינע הויכגעשטעלטע קרובים אַרויס אויף דער פריי, באַקומען אַ מלוכה־אַמט, אָבער 1861 ווידער אַוועק אין עמיגראַציע, געוואָלט מיטאַרבעטן אין הערצענס (ז.) „גלאָק“, אָבער זיינע גרונטנאַציאָנאַליסטישע שטעלונגען האָבן עס אים געמאַכט אוממעגלעך. זיין קאָנצעפּציע פון אַלסלאַווישן מלוכישן פאַרבאַנד, אפילו בראש מיט אַ קיסר, האָבן אים דערווייטערט פון יעדן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסט. 1864—1867 פאַרברענגט אין איטאַליע, ווו זיך אָפּגעזאָגט פון זיינע ביזאַהעריקע טעאָריעס, געשאַפן דעם אַנאַרכיסטישן קערן. געטרוימט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער פאַרייניקונג, אַרויסגעטרעטן וועגן דעם אין דער איטאַליענישער פּרעסע; געשאַפן אין איטאַליע אַזאַ מין רעוואָל. ברודערשאַפט. נאָך 1864, אין לאָנדאָן, האָט אים מאַרקס אַריינגענומען אין ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער אין איטאַליע האָט ב. אויסגענוצט די פּראָפּאַגאַנדע פאַרן אינטערנאַציאָנאַל פאַר זיין אייגענער ברודערשאַפט. 1867 אָנטיילגענומען אין גענף אין דער בורזשואַזער ליגע פאַר שלום און פרייהייט, אויסגעקליבן געוואָרן אין צ. ק., גלייכצייטיק געווען אַ מיטגליד אין גענפער סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל. 1868 אַרויס פון דער ליגע, געשאַפן אַן „אינטערנאַציאָנאַלן אַליאַנס פון סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע“ מיט אַן אַנאַרכיסטישן אונטערשלאַק. געפירט אַ ברייטע פּרעסע־קאַמפּאַניע, רעדאַגירט אין פראַנצויזיש די צייטונג „גלייכקייט“, געפירט גאָר אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ און דערוואָרבן זיך אַ גאַנץ היבש ביסל אָנהענגער צווישן דער שווייצאַרישער, פראַנצויזישער, שפּאַנישער, איטאַליענישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט איינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ דיסציפּלינירטער מאַסן־אַרבעטער־באַוועגונג. אינטערעסאַנט, אַז פון די אַרבעטער האָט ער געוווּנען סימפּאַטיע דווקא אין די עקאָנאָמיש־אָפּגעשטאַנענע לענדער — דער גרויזאַמער מאַרש פונם קאַפּיטאַליזם האָט זיי דיקטירט צו ראַדיקאַלערע, האַלב־הפקרדיקע שריט. ב. האָט זיך געשטיצט

נישט אויפן פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט,
נייערט אויף די פּויערשע און שוואַרץ־
אַרבעטער, אויפן אויסגעהונגערטן פּראָ-
לעטאַריאַט, וואָס אין אים געפינט זיך
טאַקע „דער גאַנצער פאַרשטאַנד און
די גאַנצע צוקונפט פון דער סאָציאַלער
רעוואָלוציע“. מיט אָט די מאַסן אין
אַלע לענדער האָט ב. גערעכנט אַדורכ-
צופירן דעם אַנאַרכישן אויפשטאַנד,
וואָס זאָל זיך פאַרשפּרייטן איבער דער
גאַנצער וועלט. ערשט „פון דערדאָזיקער
אַנאַרכיע, ד. ה. פון דעם פולן אויס־
דרוק פון צעלאָזענעם פאָלקס־לעבן,
דאַרף אַרויס די פרייהייט, גלייכקייט,
גערעכטיקייט—די נייע אָרדענונג“. צוליב
אַ ריי אומקלאָרע מאַטעריעלע ענינים,
האָט די מערהייט פונעם אינטערנאַ־
ציאָנאַל אָנגעפירט קעגן אים אַ העפ-
טיקן קאַמף; ב. מיט זיין גרופּע האָט
אויך נישט געשוויגן, און 1872 האָט
די ספּעציעלע קאָמיסיע אויסגעשלאָסן
ב. און זיין פריינד גיליאָם פונעם
אינטערנאַציאָנאַל; זיי האָבן געשאַפן
די אַ.ג. יורער פעדעראַציע, וואָס
האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל צווישן
דער מאַרקסיסטישער און באַקונינשער
ריכטונג אין אינטערנאַציאָנאַל. ב. האָט
שטאַרק באַקעמפט מאַרקס' „מלוכיש-
קייט“, פאַלש אין איר געזעען אַ פּאַנ-
גערמאַנישע קאָנצעפּציע. דערפאַר טאַקע,
בעת דער דייטש־פראַנצ. מלחמה 1870—
1871, געשטורעמט די וועלט מיט זיינע
אַרטיקלען, בריוו און רופן קעגן די
דייטשן, וואָס ווילן דערשטיקן די פריי-
הייט אין דער גאַנצער וועלט, באַדיי
שטיצן דאָס פראַנקרייך פון נאַפּאָלעאָן
III. די אַרומרייסענישן אינעם אינ־ל
האָבן געבראַכט צו זיין שפּאַלטונג.
מיט ב.ן זענען אַוועק די שפּאַנישע,
בעלגישע, יורער, ענגלישע, האָלענדישע

און איטאַליענישע דעלעגאַציעס; גאָר
אינגיכן — 1876 — איז זיך דער גאַנ-
צער אינ—ל צעפאַלן. צו יענער צייט
(1871—1874), אין זיין קאַמף מיט
מאַרקסן, אָנגעשריבן די וויכטיקע ווערק:
„די נאַהייקע-דייטשע אימפּעריע און
די סאָציאַלע רעוואָלוציע“, „מלוכישקייט
און אַנאַרכיע“ און אַ ריי אַנד. נאָך
די לעצטע יאָרן האָט דערדאָזיקער
מערקווערטיקער מענטש גענומען אַ
פּערזענלעכן אָנטייל אין די אויפשטאַנדן
אין שפּאַניע (1873), איטאַליע (1874).
דער דורכפאַל האָט אים שטאַרק אַנ־
טוישט און די לעצטע 2 יאָר זיך פאַר-
נומען מיט פּריוואַטע ענינים. „בישטאָ
אין די מאַסן — האָט ער 1875 גע־
שריבן צו ע. רעקליו (ז.) — קיין
רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, האָפענונג און
ליידנשאַפט“. „איך בין מיד און אַנ-
טוישט“; „מיר, מיט אונדזער גאַנצער
טעאָרעטישער ריכטיקייט, זענען הילפ-
לאָז געבליבן הענגען; די מאַסן האָבן
נישט געוואָלט קעמפן פאַר זייער איי-
גענער זאַך“. — נישט זייענדיק קיין
גרויסער טעאָרעטיקער, האָט אים אָבער
זיין אויפריכטיק-רעוואָלוציאָנער גע־
פיל געשטעלט אין די ערשטע רייען
פון די רעוו. קעמפער פון פאָריק י"ה.
זיינע אַרבעטן זענען פול מיט קראַפט
און אויסדרוק; אויך זיינע אָרגאַני-
זאַציאָנעלע אויפטוען האָבן אַ גרויסן
היסטאָרישן באַטייט.

באָקל הענרי טאָמאַס (1821—
1862), ענגלישער סאָציאָלאָג, מחבר
פונעם באַרימטן בוך „געשיכטע פון
דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד“, וואָס
איז נישט פאַרענדיקט איבער ב. ס
טויט און איז דערפירט בלויז ביז
איבערן 18טן יה. אויף דער קאַנווע

פונעם היסטאָרישן מאַטעריאַל וויקלט ער פאַנאַנדער זיינע פילאָזאָפישע און סאָציאָלאָגישע איבערצייגונגען, — דער פאָזיטיווער פילאָזאָפיע פון קאָנט. די געשיכטע איז, לויט אים, אַ געזאַמל געזעצלעך־פאָרגעקומענע פאַקטן; נאָכפאָרשן אַ היסטאָרישן פראָצעס דאַרף מען בלויז מיט דער הילף פון דער נאַטורוויסנשאַפט און סטאַטיסטיק, ווייל די געשיכטע איז די ווירקונג פון דער נאַטור אויפן מענטשן און פונעם מענטשן אויף דער נאַטור; די וויכטיקסטע פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אויפן מענטשן, זענען — קלימאַט, שפייז, באָדן און לאַנדשאַפט. בלויז דער געדאַנקלעכער פראָגרעס איז מעגלעך; קיין שטייגער־פראָצעס עקזיסטירט נישט. — דאָס ווערט אויך קלאָר, ווען מען ווייסט, אַז ב. איז געווען אַ ראַדיקאַלער בורזשואַ, אַ פאַרביסענער שונא פון מלוכישער אינטערווענץ אַזוי אינעם מאַטעריעלן, ווי אינעם גייסטיקן לעבן פון די בירגער. אָבער אָביעקטיוו האָט דאָס בוך געשפילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין כמעט דער גאַנצער וועלט (ס'איז איבערגעזעצט אויף אַסך שפראַכן) מיט זיין מוטיקן פראָטעסט קעגן דעספאָטיזם, שקלאַפעריי און מיליטאַריזם.

באַקלונד אָסקאַר (1848—1916), שוועדישער אַסטראָנאָם, אָנגעשריבן אַסך ווערק איבער דער הימלישער מעכאַניק און איבער פראַקטישער אַסטראָנאָמיע, בעיקר — איבער דער באַוועגונג פונעם קאָמעט ענקע, וואָס ווערט היינט אָנגערופן נאָך אים — ענקע־באַקלונד.

באַקס ערנסט בעלפאָרט (ס 1854), ענגלישער סאָציאַליסט, צוזאַמען מיט היינדמאַנען געשאַפן ד. יאָר 1881

די דעמאָקראַטישע פעדעראַציע, וואָס איז שפעטער (1884) געוואָרן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע. רעדאַגירט איר אָרגאַן „דזשעסטיס" (גערעכטיקייט), געווען כסדר דעלעגאַט פון ענגלאַנד אויף די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן. איבערגענומען זיך מיט רעוויזיאָניסטישע שטימונגען, געפירט אַ פאָלעמיק מיט ק. קאַוטסקין (ז.), וועלכן ער וואַרפט־פאָר, אַז ער שאַצט צופיל איבער די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן אין דער געשיכטע; ק. האָט אים דאַן גלענצנדיק אָפגעענטפערט. נאָך דער פאַראייניקונג פון די אַלע ענגלישע ס. ד. פאַרטייען אין איין גרויסער, בריטישער, איז ב. געוואָרן איר פירער. אינטערעסאַנט איז געווען זיין שטעלונג צו דער סופראַזשיסטישער באַוועגונג: ער האָט געהאַלטן, אַז זי ציט־אָפ דעם אַרבעטער פון זיין גלייכער קלאַסנליניע און האָט זי דעריבער העפטיק באַקעמפט. בעת דער וועלט־מלחמה פאַרנומען אַן אָפענע שאָוויניסטישע פאָזיציע. אויפן צוזאַמענפאָר 1916 אין סאַלפאָרד אַרויס פון דער פאַרטיי פאַר איר אינטערנאַציאָנאַלער שטעלונג. — אָנגעשריבן אַסך ווערק אויס געשיכטע און טעאָריע פון סאָציאַליזם; געשריבן אַ ריי אַרבעטן איבער דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דעם פויערנקריג 1525 אין דייטשלאַנד, ווי אויך „רעליגיע פוז סאָציאַליזם", „זכרונות" (1919).

באַקסט לעוו (לייב) (1866—1924), רוסישער מאָלער, צייכענער, דעקאָראַטער, געשפילט אַ גרויסע ראָל אין דער מאָלעריי פון ערשטן צענדליק 20טן י"ה, ווי דער פירער פון דער גרופע „מאָלערוועלט"; געצייכנט דע-

קאָראַציעס און סקיצן פאַרן רוסישן טעאַטער, וואָס האָט געהאַט אַ וועלט-רום. 1909, אַלס ייִד, אַרויסגעטריבן געוואָרן פון פעטערבורג, אַריבערגע-פאָרן קיין פּאַריז, ווו זיך פולשטענדיק אָפּגעגעבן דאָס טעאַטער. צו יענער צייט אויסגעשטעלט די באַלעטן „שע-כערעזאַדע", „דער וווּנדערפויגל", „קלע-אָפּאַטרע", בלויער גאָט", „די פּיין פון הל. סעבאַסטיאַן" — דידאָזיקע פאַר-שטעלונגען האָבן געהאַט אַן אומגע-ווײנלעכן דערפאָלג, אַדאַנק זייער בונט-קייט און פּראַכטפאַרביקייט. ב. האָט אויך פּראָיעקטירט פאַרשידענע דאַמענ-מלבושים, וואָס די פּאַריזער מאָדע-פירמעס האָבן אָפּגעקויפט—אַזוי, אַז אַסך היינטיקע קליידער זענען פון ב.ס קאָמפּאָזיציעס. — פון זיינע וויכטיק-סטע מאָלערייען, אַחוץ די באַלעטן: „אָוונט אין אַלזשיר", „אַ פּראָיעקט פון אַ פאַרהאַנג פאַרן קאָמיסאַרזשעווסקאַ-טעאַטער", „עליזעום" א. אַנד.

באַקעריני לויִדזשי (1743 — 1805), אָנגעזעענער איטאַליענישער קאָמ-פּאָזיטער, געהאַט אַ גרויסן באַטייט אינעם באַשאַפן די קלאַסישע סימפאָניע און קאַמערמוזיק; אויסגעפאָרן זייער אַסך מיט דערפאָלגרייכע קאָנצערטן. זיין מוזיק צייכנט זיך אויס מיט איר עלאַסטישקייט און שפע מאָדולאַטיווע טענער. ער איז אויך געווען איינער פון די גרעסטע וויאָלאָנטשעליסטן אין זיין דור. אָנגעשריבן: 90 שטרייך-קוואַר-טעטן, 125 שטרייך-קווינטעטן, 54 שטרייך-טריאָס, 12 פאָרטעפּיאַן-קווינטעטן, 18 קווינטעטן פאַר געמישטן באַשטאַנד, 20 סימפאָניעס, 4 פידל-קאָנצערטן און זייער אַסך קלויסטער-מוזיק.

באַקראַדזע דמיטרי (1826—1890),

אָנגעזעענער גרוזינישער היסטאָריקער און אַרכעאָלאָג. אָנגעשריבן אַ גרויסע „געשיכטע פון גרוזיע", „אַרכעאָלאָגישע נסיעות איבער גוריע און אַדזשאַר"; געגרינדעט די גרוזינישע אַרכעאָלאָגי-שע געזעלשאַפט; איינער פון די וויכ-טיקסטע רעפאָרמלער פון דער גרוזיני-שער שריפט.

באָר הערמאַן (1863 ◦), היינט-צייטיקער דייטשער שרייבער, קריטי-קער, דראַמאַטורג, ראָמאַניסט. שאַרף אַרויסגעטראָטן אין זיינער צייט קעגן דעם נאַטוראַליזם אין דער דייטשער ליטעראַטור („דאָס באַזיגן דעם נאַטו-ראַליזם", „די דערוואַכונג"), פּאָפּולאַרי-זירט די מאָדערנע שטרעמונגען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע. ער האָט אויך באַשאַפן די באַצייכענונג „מאָדערניזם". דער וויכטיקסטער שטריך פון זיין לעבן און שאַפונג איז די אייביקע פאַרענדערונג פונעם „איך". אַ טיפּישער פאַרשטייער פון דער בורזשואַזער אינטעליגענץ פון די גרויסע אייראָפּעישע שטעט — מיט איר נערוועישקייט, דער נישט-שטאַנד-האַפטיקייט אין אירע אָנשויונגען, וואָס זוכט זיך צו פאַרגעסן אינעם בייט פון די פאַרשידנערליי ריכטונגען — עס-טעטישע, פילאָזאָפישע, רעליגיעזע. ב. האָט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף דעם היינטיקן ראָמאַן און דראַמע: אַרום אים האָט זיך גרופּירט „יונג-ווין": שניצלער, האָפמאַנסטאַל, אַל-טענבערג (ז.) און אַנד. 1910 איבער-ראַשט ער אַלע מיט זיין נייעם קער: ער הערט-אויף צו זוכן נייע ריכטונ-גען אין דער ליטעראַטור און פילאָ-זאָפיע און ווערט אַ געהאַרכזאַמער זון פון דער קאַטוילישער קירך. פון די

וויכטיקסטע פּיעסן: „די גרויסע זינד״, „די מוטער״, „דער אָרעמער נאַר״, „די חתונה״ א. אַנד. פון די ראָמאַנען: „אַ גוטע שול״, „טעאַטער״, „דער שיינער יונגערמאַנטשיק״.

באָר נילס (1885 ◦), דענישער פיזיקער, מחבר פון דעם היינטצייטיקן מאָדעל פון אַטאָם, אָנפירער פונעם קאָפּענהאַגענער אינסטיטוט פאַר טעאָרעטישער פיזיק. 1922 באַקומען די נאָבעל-פּרעמיע, 1926 געוואָרן אַ מיטגליד פון דער ענגלישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע. אָנגעשריבן, צ. אַ.: „אָפּהאַנדלונגען איבער אַטאָם-בוי״, „אויפזאַצן איבער ספּעקטרן און אַטאָם-בוי״, „איבער דעם בוי פון אַטאָמען״ — די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים באַקומען די נאָבעל-פּרעמיע. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „פילאָזאָפישן מאַגאַזין״ (ניו-יאָרק) און „צייטשריפט פאַר פיזיק״ (בערלין).

באָראָדין איוואַן (1847 ◦), היינטצייטיקער רוסישער באָטאַניקער, האָט אַ וועלטרום אַ דאַנק זיין בוך „פיזיאָלאָגישע אויספאָרשן איבער דאָס עטעמען פון בלעטער-לויף״. אָנגעשריבן נאָך: „קורס פון אַנאַטאָמיע פון געוויקסן״, „קורצער איבערבליק איבער מיקאָלאָגיע״ און אַ ריי אַנדערע. 1916 געגרינדעט אין רוסלאַנד די ערשטע באָטאַנישע געזעלשאַפט, וואָס ער איז איר פירער ביז היינטיקן טאָג.

באָראָדין אַלעקסאַנדער (1834—1887), אָנגעזעענער קאָמפּאָזיטער און כעמיקער. אָנגעשריבן אַ ריי קאָמפּאָזיציעס, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפזען, ווי צבש. די אָפּערע „פירשט איגאָר״, די סימפאָניע C-dur, „אין מיטלאַזיע״, „קליינע סואיטע״,

„אַ פאַלקע״, „אַ סערענאַדע פון פיר קאַוואַלערן״ און אַ סך אַנד. זיין זשאַנער איז אַ פשוטער, אַ האַרציקער, ער שפּיגלט אָפּ די דעמאָלטיקע פאָלקיסטישע שטרעמונגען צווישן דער רוס. אינטעליגענץ, דאָס געזונטע, פרייליכע פויערשע. אויפן כעמיע-געביט אויסגעפאָרשט דעם אַמאַרין, דעם בענזאָל און אַנדערע—צוזאַמען אַ 20 אויספאָרשן.

באַראָו דזשאָן (1764—1848), ענגלישער געאָגראַף, אַרומגערייזט כינע און דרום-אַפריקע. אויף זיין נאָמען זענען אָנגערופן אַ טייך-קאַרטע און אַ דורכגאַס אויפן אינדזל אַלאַסקאַ. פון די וויכטיקערע ווערק: „אַ רייזע קיין כינע״, „אַ רייזע אין מיטן דרום-אַפריקע״.

באָראָוואָי אַלעקסיי (1876 ◦), רוסישער שרייבער-אַנאַרכיסט, געוועזן פּראָפעסער אין מאָסקווער אוניווערזיטעט, ווו געלייענט לעקציעס איבער דער אַרבעטערפראַגע, אַדמיניסטראַטיוון געזעץ און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, ווי אויך פאַר דער אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטישער וועלט-אָנשויונג. אַנטלאָפן קיין פּאַריז, נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע זיך אומגעקערט, פאַרנומען אַ מיליטערישן אַמט, היינט — אַן עקאָנאָמיסט אויף דער מאָסקווער געלט-בערזע. פון די וויכטיקסטע ווערק: „די געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט (ליבעראַליזם, סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם)״, „די רעוואָלוציאָנערע וועלט-אָנשויונג״, „די רעוואָלוציאָנערע שאַפונג און דער פּאַרלאַמענט״, „אַנאַרכיזם״, „די לעגענדעס איבער באַקונינען״.

באָראָוויקאָווסקי וולאַדימיר (1757—1825), אָנגעזעענער רוסישער

מאָלער, אָנגעהערט צו אַ מיסטישן קרייז פון טאַטאַרינאָוואַ און געמאַכט אַ בילד פון אַלע ברידער. ווערט געהאַלטן פאַרן שאַפער פונעם רוסישן ראָמאַנטיזם אין דער מאָלעריי. ער האָט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן טיפ פרוי, אַ טיף אינדיווידועלן און ספּעציעלן. געצייכנט פּאָרטרעטן פון זיינע צייט-מענטשן פון די „הויכע פענצטער".

באַראַטאַשווילי ניקאָלאַי (1816—1845), גרוזינישער דיכטער, דער שטאַרקסטער פאָרשטייער פונעם ראָמאַנטיזם אין דער גרוזינישער ליטעראַטור. אַדורכגעמאַכט אַ שווער לעבן אינעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ, זענען זיינע לידער, בעיקר אין דעם ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפן, אַדורכגעדרונגען מיט טיפן פעסימיזם, מיט אַנטוישונג, מיט אַן איינזאַמען און אַ שטילן פּראָטעסט קעגן די עקזיסטירנדיקע באַדינגונגען. דידאָזיקע כאַראַקטערשטריכן האָבן אים געשאַפן דעם נאָמען פונעם „גרוזינישן בייראָן" (ז.). דערצו נאָך האָט אים אויך שטאַרק געערגערט דער טרויעריקער צושטאַנד פון זיין היימלאַנד, וואָס האָט אויך געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין זיין שאַפן. — באַרימט געוואָרן ערשט נאָך זיין טויט. אַ גאָר גרויסן אינטערעס און באַטייט האָט זיין פּאָעמע „בעדי קאַרטליסאַ" (גרוזיעס גורל) און זיין גרויס ליד „מעראַני" (וואָלפיש).

באַראָכאַ-אי-נעס פּיוס (1872ס), שפּאַנישער שרייבער, מחבר פון אַ וועלט-באַרימטער טרילאָגיע „די ערד פון די וואַסקן", דאַן: „דאָס פאַנטאַסטישע לעבן", „די ראַסע", „דער קאַמף פאַרן לעבן", „דאָס פאַרגאַנגענע" און „שטעט" און לעצטנס (1925—

אַ טרילאָגיע „ים" און אַ באַאַרבעטונג פון זיין בן-עיר אַוואַרינעטס אַרכיוו, אַן אָנטיילנעמער אין די באַפרייַ-מלחמות אָנהויב 19 י"ה, אונטערן נאָמען: „זכרונות פון אַ מענטש פון טאַט". וועגן זיך זאָגט ב., אַז ער איז אַן „אינדיווידואַליסט און אַנאַרכיסט", „אַ שונא פון קירך און מלוכה". ער געהערט צו די ליבעראַלן, ווייל ער זעט אין זיי א פאַרניכטנדיקן (!) כוח. ער האַלט, אַז דאָס וויכטיקסטע כלי-זיין אין קאַמף מיט דער סאָציאַלער אומגלייכקייט איז דאָס „געדרוקטע וואָרט". אַ ראָמאַניסט האָט די אויפגאַבע „אויסצוואָרצלען די אַלט-פרענקישע אָבערגלויבנס". ב. שטייט בראש פון דער שול אין דער שפּאַנישער ליטעראַטור, וואָס וויל געבן דאָס לעבן אַזוי ווי עס איז, אָן „באַשרייבעכצער". די טרויעריקע לאַגע אין זיין לאַנד ווייט-אָן אַ טייל זיינע ווערק מיט לייכטן פעסימיזם. אין זיין ראָמאַן „קעניג-פּאַראַדאָקס" באַהאַנדלט ער די אידעאַלע קאָמוניסטישע אָרדענונג, אין זיין „ראַסע"—דעם פּראָבלעם פון געזונטן פאָלקס-פּאַטריאָטיזם.

באַראָמיני פראַנטשעסקאָ (1599—1667), אָנגעזעענער איטאַליענישער אַרכיטעקטער, איינער פון די פאָרשטייער פונעם באַראָקאַלישן סטיל, אויפגעפרישט אַ ריי ערשטקלאַסיקע געביידעס אין רוים, בעיקר — קאָלאָסאַלע קלויסטערס. אין זיינע געבייען איז אַלץ פול לעבן, באַוועג, טעמפּ. איז געוועזן אין זיין צייט, צוזאַמען מיט בערניני, דער אָנגעזעענסטער אַרכיטעקטער אין דער וועלט.

באַראַנד יאָאַכים (1799—1883), פראַנצויזישער פּאַלעאָנטאָלאָג און געאָ-

לאָג, צ.אַ. גרויסע אַרבעטן אויף פאַרעפנטלעכט 1200 טאָוולען פון פאַרשיידענע פּאַלעאָנטאָלאָגישע אויסגראָבונגען.

באַראַנפאָן ר ײ מ אָ ן (1895 ○), פראַנצויזישער לינק-רעוואָלוציאָנערער פובליציסט און טוער, איינער פון די פירער פון דער פראַנצויזישער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, רעדאַקטער פון אירע אָרגאַנען. 1919 אַרײַנגעטראָטן אין דער סאָצ. פּאַרטיי, שפּעטער — אין דער קאָמוניסטישער. 1924 אַרײַן אין פּאַרלאַמענט.

באַראָניוס צ ע ז אַ ר (1607—1538), קאַטוילישער היסטאָריקער פון דער קירך, מחבר פון אַ 12בענדיק „קלויסטער-אַנאַלן ביז 1198", אַן ענטפער אויף דער לוטעראַנישער קלויסטער-געשיכטע. דאָס בוך פאַרמאָגט אומגעהויער פיל מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער קירך.

באַראַס פּאָל פראַנסואַ זשאַן ניקאָלאַ (1829—1755), פראַנצויזישער פּאָליטישער טוער אויס דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אַן אַריסטאָקראַט לויט זײַן אָפּשטאַם, איז ער צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציע צוליב קאַריערע, אָבער ד. 9 טערמידאָר זיך געשטעלט קעגן ראָבעספּיערן, געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין זײַן פאַלן, געוואָרן פאָרזיצער פון דער דירעקטאָריע, דער רעגירונג פון בורזשואַזער דיקטאַטור, געהאָלפן קומען נאַפּאָלעאָנען צו דער מאַכט, אָבער דאָך האָט אים דער לעצטער באַזייטיקט אינגאַנצן פון פּאָליטישער מאַכט. באַזונדער זיך אויסגעצייכנט מיטן דערשטיקן די באַוועגונג פון די „גלײַכע" (ז. באַבעף). איבערגעלאָזט אינטערעסאַנטע מעמואַרן.

באַרבאָור דזשאָן (1395—1316), איינער פון די ערשטע שאָטלענדישע שרייבער. אַ טייל פאָרשער האַלטן אים פאַרן פאָטער פון דער שאָטלענדישער ליטעראַטור; זײַן וויכטיקסטע פּאָעמע איז „דער שטרויך", וווּ ער גיט אַ ריי טיפּן פון נאַציאָנאַלע העלדן; דערבײַ גיט ער אָבער אָן היסטאָרישע פאַקטן, וואָס שטימען נישט מיט דער ווירקלעכער געשיכטע.

באַרבאָזאַ די באָקאַזש מאַנאָעל מאַריאַ (1805—1765), פּאָרטוגעזישער דיכטער; אַ לײַדנשאַפטלעכע און דיכטערישע נאַטור, האָט ער צוליב זײַן באַנד „Vesdasus duras" (קעגן דער אומשטערבלעכקייט), מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, אַרויסגערופן קעגן זיך דעם צאָרן פון דער רעגירונג, וואָס האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון זײַנע הויכע אַמטן (1779—90 געווען מיליטער-הויפּט אין אינדיע) און אײַנגעזעצט אין תּפיסה. צום שענסטן זענען זײַנע קאַנטאַטעס, צ.א. „העראָ און לעאַנדער". 1876 זענען אַרויס זײַנע ווערק אין 7 בענד.

באַרבאָן ניקאָלאַ (1698—1640), אָנגעזעענער ענגלישער עקאָנאָמיסט, דער פאָרגייער פון דער סוביעקטיווער טעאָריע פון ווערט און פון דער לעגיטימער טעאָריע פון געלט. זײַן וויכטיקסט ווערק: „אָפּהאַנדלונג איבער דעם האַנדל". געפירט אַ פּאָלעמיק מיט לאָק איבער מינץ-געלט.

באַרביס אַנרי (1873 ○), פראַנצויזישער שרייבער, איינער פון די פירנדיקע גייסטער פון דער לינקער ריכטונג אין דער אַלוועלטלעכער ליטעראַטור. ביז צו דער מלחמה געווען אַ ליבעראַל-בורזשואַזער זשורנאַליסט,

רעדאַקטער אין דער ענציקלאָפּעדיע פון האַשעט (ז.), אָנגעשריבן דאַן אַ באַנד לידער „קלאָגער“, ראָמאַנען „די בעטנ־דיקע“, „גיהנום“ — ווו די עראָטיק פאַרנעמט דעם אויבנאָן, ווי אויך אַ טיף־פעסימיסטישע זאַמלונג דערציילונגען „מיר זענען איבעריקע“, ווו ער דערווייזט דעם גרויסן כּוח פונעם צופאַל. ערשט די אימפּעריאַליסטישע מלחמה, אין וועלכער ב. איז אַריינגעטרעטן אַלס אַ פרייוויליקער, האָט אים פולשטענדיק געענדערט; פון אַ בירגערלעכן ליבעראַל איז ב. געוואָרן אַן איבערצייגטער אַנטימיליטאַריסט. אין זיינע אַרטיקלען־מאַניפעסטן און בראָשורן „שרייבער און אוטאָפּיע“, „רעדעס פון אַ קעמפער“, „ליכט פון תהום“, „מיט אַ מעסער אין די ציין“ פאַרלאַנגט ער פונעם שריפטשטעלער, ער זאָל קלאָר דערקלאַרירן זיין געזעלשאַפטלעכע שטעלונג.—נאָך דער מלחמה אָנגעהויבן אַ פאַרצווייגטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אויף דער באַזע פונעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל, געגרינדעט אַ ליטעראַרישע גרופּע „קלאָרקייט“ — צו וועלכער געהאַט צוגעצויגן אַנ. פראַנס, זש. דיהאַמעל, זש. ראָמען, ע. סינקלער, וועלס, איבאַניעס, בראַנדעס, זאַנגוויל, סט. צוייג א.אַנד.; דיזאָזיקע גרופּע האָט פּראָפּאַגירט אינטערנאַציאָנאַליזם און מאָראַלישן אונטערהאַלט דער ראַטנמאַכט. לויט איר פּראָגראַם־מאַניפעסט האָט די גרופּע געזאָלט זיין אַ „ליגע פון אינטעלעקטועלער סאָלידאַריטעט פאַרן זיג פון אינטערנאַציאָנאַלע אויפגאָבן“. אָבער די וואַקלענישן און די סתירות צווישן די וועלטאָנשויונגען פון די פאַרשיידענערליי געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען אין איר האָבן פאַראַליזירט די אַרבעט; דער זשורנאַל „קלאָרקייט“ אונטער ב.ס רעדאַקציע איז אַרויס 4 און אַ האַלב יאָר (אָקטאָבער 1919 — אַפּריל 1924), דאַן — זיך אויפגעלייזט; אַ טייל פון די מיטאַרבעטער זענען בכלל אַוועק פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג, אַנדערע, ווידער, זענען צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויפן אָרט פון דער „קלאָרקייט“ האָט געזאָלט אַרויס אַ זשורנאַל „בירגערקריג“, אָבער ער האָט זיך נישט באַוויזן.—צו ב.ס בעלעטריסטישע אַרבעטן געהערט, קודם־כּל: „דאָס פייער — טאָגבוך פון אַ ראָטע“, — אַ דערשיטערנדיק ווערק פון דער לעצטער מלחמה, ווו עס ווערט פאָרגעשטעלט אין איר גאַנצער שוידערלעכער נאַקעטקייט, ווו זי דערווייזט די מוראדיקע חיהשקייט פונעם מענטשן און דאָך לאָזט עס אונדז גלויבן, אַז דערזעלבער מענטש וועט עס אַדורכפירן דעם ליכטיקן מאָרגן: „די מלחמה— זאָגט דאָרט אַ זעלנער — פירן 30 מיליאָן שקלאַוון; אָבער די צוקונפט ליגט ביי זיי אין די הענט... מען דאַרף דערהרגענען די מלחמה...“ דערביי דערהייבט זיך ב. אין זיינע נאַטוראַליסטישע בילדער צו אויסדריקלעכער סימבאָלישקייט פון פיין און ליידן. „קלאָרקייט“ שילדערט אַ קליין שטעטל, ווי עס האָט אויפגענומען די מלחמה, זיינע האָפענונגען און אַנטוישונגען. „רינגען“ — סקיצן פון דער סאָציאַלער אומגלייכקייט אויס אַלע עפּאָכעס; דאַן „ישו הנוצרי“, אַ מין מאָדערנע עוואַנגעליע, ווו ס'ווערט אין אַ ביבלישן טאָן איבערגעגעבן ישו הנוצריס לעבנסקוק. „כּלערליי“, „הענקער“, — בילדער פון שוידערלעכן ווייסן טעראָר אויף די באַלקאַנען, ווו ב. איז אַדורכגעפאָרן, וואַס ביים ליי־

ענען זיי ווערט פאַרגליווערט דאָס בלוט. — סוף 1928 האָט ב. געגרינדעט אַ וואָכנבלאַט „מאָנד" (וועלט), אַן אָרגאַן פאַרן ראַדיקאַלן ליטעראַרישן געדאַנק, דערביי געהערן צו דער רעדאַקציע: אַ. איינשטיין, מאַקסים גאָרקי, מיגועל ד'אונאַמונאָ, לואי ווערט א. אַנד. — היינט צו־טאָג איז ב. רעדאַקטער פונעם „מאָנד", ווי אויך רעדאַקציע־מיטגליד פון דער טעגלעכער אַרבעטערצייטונג „יומאַניטע" (מענטשהייט).

אויף יידיש: כמעט אַלע ווערק.

באַרביע אָגיסט (1805 — 1882), פראַנצויזישער דיכטער. זיך קונה־שם געווען מיט זיינע „יאַמבן", וואָס זענען אַרויס בעת דער רעוואָלוציע פון 1830, און וואָס זענען אַדורכגעדרונגען מיט אַ גרויסן פרייהייט־גייסט און לאַכן אויס די ראָל פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע בעת דעם יולי־אויפשטאַנד, ווי אויך דעם קולט פון נאַפּאָלעאָן („דעם געטש"). די יאַמבן האָבן אים געמאַכט פאַרן באַליבטסטן דיכטער אינעם דעמאָלטיקן פראַנקרייך. אָנגעשריבן נאָך: „הספד", וואָס באַווייַנט איטאַליעס שקלאַפעריי און „לאַזאַר", איבער זיין רייזע אין ענגלאַנד. באַקאַנט זענען נאָך זיינע שפּעטערדיקע לידער־זאַמלונגען „וועלטלעכע און רעליגיעזע", „הערא̇יִשע גראַמען", — וואָס זענען אָבער אַדורך כמעט ווי אומבאַמערקט. — געהאַט אַן איינפלוס אויך אויף די ליטעראַטורן אויסער פראַנקרייך, מיט זיין סאָציאַלן, פרייהייטלעכן אינהאַלט.

באַרביע ד'אָרעווילי זשול אַמאַדעוס (1808—1889), פראַנצויזישער שרייבער, געבוירן און דערצויגן אין

אַ העכסט־רעאַקציאָנערער, פעאָדאַלער און קלעריקאַלער משפחה; דאָס האָט געלייגט אַן ענדגילטיקן שטעמפּל אויף זיין שאַפונג און אַזוי־אַרום איז ער אויסגעקומען אַ פּאַראַדאָקסאַלע פיגור אין זיין צייט — אין דער עפּאָכע פון דעם פאַרשטאַרקנדיקן זיך רעזשים פון דער בורזשואַזיע. אין זיין „קאַוואַלער פון טוש" לויבט ער די אַוואַנטורעס פון די שואַנען — די קעניגלעכע לאָבוסלעך, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער בירגערלעכער רעוואָלוציע. זיין צווייט בוך הייסט „דער דאַנדיזם און זשאָרזש ברעמעל", — אין וועלכן ער פּרווט זיך צו אויפלעבן די אידעאַלן פון מיטלעלטער. 1846 שאַפט ער די „קאַטוילישע געזעלשאַפט", וואָס שטרעבט צוריק איינפירן די מיטלעלטערלעכע טראַדיציעס. זיין סטיל איז זייער בייסיק און שאַרף. אין זיין „באַווייבטן גלח" שפּעט ער אָפּ פון דער אָפיציעלער קירך, וואָס פּאַסט זיך צו צו די אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע און דערפילט נישט איר אייגנטלעכע אויפגאַב; דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם און איז דורך דער קירכלעכער מאַכט פאַרווערט געוואָרן. באַקאַנט זענען אויך זיינע „טייוולאָנימלעך", „ראָמאַן אָן אַ נאָמען" און „דאָס, וואָס שטאַרבט נישט", ווי אויך אַן אומגעהייערע צאָל פּאַמפלעטן און אַפּאָלאָגיעס איבערן מיטלעלטער. אַ געריכטפּראָצעס האָט אפילו אַרויסגערופן זיין „פערציק פּאָרטרעטן פון פראַנצויזישע אַקאַדעמיקער", אין וועלכן ער מאַכט מייסטערהאַפט צו־שאַנד און צו־שפּאָט די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע — די העכסטע גייסטיקע אינסטאַנץ אין פראַנקרייך.

באַרבעס אַרמאַן (1870–1809), פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנער, געשטאַמט פון אַ רייכער היים, יונג אַריינגעטרעטן אין דער באַוועגונג, עטלעכע מאָל אָפּגעזעסן שטראָפן אין תּפיסה. 1837, נאָכן אַרויסקומען פון תּפיסה, צוזאַמען מיט בלאַנקי (ז.) געגרינדעט די אומלעגאַלע געזעלשאַפטן „געזעלשאַפט פון זאָמען", „די געזעלשאַפט פון די יאָר־צייטן". 1839, אַלס פירער פון אויפשטאַנד, געוואָרן שווער פאַרוואונדעט, מ'האָט אים אַרעסטירט און פאַרמשפּט צום טויט. די גאַנצע פראַנצויזישע מאַסע האָרעפּאַשניקעס און ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָבן דאַן אויפגעהויבן אַזאַ שטורעם, אַז די רעגירונג האָט פאַרביטן די טויט־שטראָף אויף אייביקע תּפיסה. די רעוואָלוציע פון 1848 האָט אים באַפרייט; אין פּאַריז איז ער געוואָרן פאָרזיצער פונעם „קלוב פון רעוואָלוציע", און דערנאָך געוואָרן אַ מיטגליד פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. זינט דאַן זיך אָנגעהויבן רוקן רעכטס, אָנטיילגענומען אין דער העצע קעגן בלאַנקין. די רעוואָלוציאָנערע מאַסן האָבן אים אָבער מיטגעשלעפּט, און נאָכן אָנטייל אין עטלעכע אומגעלונגענע אַרויסטריטן, האָט מען אים ווידער אַרעסטירט. אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר, איז ער צוריקגעקומען און דערזען די מאָנאַרכיע, נישט געוואָלט זי אָנערקענען און אַוועק קיין בעלגיע, וווּ ער איז אויך געשטאָרבן.

באַרבעקאָ פעליקס (ט 1876), פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער טוער און פּובליציסט, אומדערמידלעכער פּראָפּעסיאָנעלער טוער, היינט — לינקער דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. באַרימט איז זיין קאַמף אין די 90ער יאָרן פאַרן פאַרמאַכן די געשעפטן 8 אין אָוונט, כּדי די אָנגעשטעלטע זאָלן לענגער נישט אַרבעטן.

באַרגבאַרג פרעדעריק העדעגאַרד יעפּעסען (ט 1866), היינטצייטיקער פירער פון דער דענישער ס. ד. נאָכן ענדיקן דעם טעאָלאָגישן פּאַקולטעט, ד. יאָר 1888, אַריין אין דער פּאַרטיי, 1892 אין צ.ק., זינט 1890 שטענדיקער מיטאַרבעטער פונעם „סאָציאַלדעמאָקראַטען", זינט 1911 — הויפּט־רעדאַקטער. זיין גיכע קאַריערע פאַרדאַנקט ער זיין גרויסן אָרגאַניזאַטערישן און רעדנערישן טאַלאַנט. דאָס נוצט ער טאַקע אויס אין זיין אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן דער רעוואָלוציאָנער־מאַרקסיסטישער באַוועגונג; ער שטייט בראש פון די רעפאָרמיסטן אין דער פּאַרטיי און בעת דער וועלט־מלחמה פולשטענדיק זיך געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם פון דער דייטשער ס.ד.—שטאַרק באַקעמפט די צימערוואַלדער; פאַרביסענער קעגנער פון דער ראַטנמאַכט. די יאָרן 1920—1924 געווען אין אָפּאָזיציע צו דער בירגערלעכער רעגירונג; אין אַ פּאַרטייַ־רעדע געזאָגט, אַז „די אַרבעטער דאַרפן העלפן דעם סטאַביליזירן פונעם קאַפּיטאַליזם, ווייל מען קאָן נישט איבערנעמען היינט די מאַכט". געהאַט דאַן אַ גאַנץ היבשן אָנטייל אין אַ גרויסער געלט־אַפערע, וואָס האָט זיך געקניפּט מיט דייטשע אונטערנעמער און זייער פירער הענקעל. — אַפּריל 1924 ביז סוף 1926 געווען אַרבעטמיניסטער און סטאַונינגס ס. ד. קאַבינעט, געשאַפן אַן אַרביטר. קאָמיסיע מיט אַ בורזשואַזער מערהייט צו רעגולירן די קאָנפליקטן אין דער אינ-

דוסטרי. ער איז אויך איינער פון די שטענדיקע דענישע פאַרשטייער אין פעלקערבונד ; פאַרוואַלטונג - מיטגליד אין דענישן קאָאָפּעראַטיוון-פאַרבאַנד און אַרבעטער-בילדונג-פאַריין.

באַרגמאַן איוואַן (1914—1849), רוסישער פיזיקער, בעיקר אויס דעם געביט פון עלעקטראָמאַגנעטיזם. גענומען אַ העכסט-טעטיקן אָנטייל אינעם אָרגאַניזירן די רוסישע וויסנשאַפט. 1900 אויפגעבויט אין פעטערבורג דעם פיזישן אינסטיטוט, משך 30 יאָר רעדאַגירט דעם איינציקן אין רוסלאַנד פיזיקאַלישן „זשורנאַל פון דער רוסישער פיזיש־כעמישער געזעלשאַפט”, ווי אויך אַ סעריע איבער פיזיק אין דער ביבליאָטעק „בילדונג”. אין פּאָליטישן לעבן געווען אַ ליבעראַל.

באַרדאָ אַנרי (1870 ◦), פראַנצוישער ראָמאַניסט און טעאַטער-קריטיקער. אָנגעשריבן אַסך ראָמאַנען, אין וועלכע ער פירט אַדורך זיין מוסר-השכל און אידעאַל: רויק פאַמיליע-לעבן, געטריישאַפט צו דער קאַטוילישער קירך, ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד א. ד. גל.

באָרדאָווסקי פּיאָטר (1846—1886), פויליש-רוסישער רעוואָלוציאָנער, איינער פון די פירער פונעם ערשטן „פּראָלעטאַריאַט”, דער מחבר פונעם באַרימטן „אויפרוף צו אַלע מיליטערישע ראַנגעס”, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן די רוסישע סאָלדאַטן, וואָס זענען געשטאַנען אין פּוילן. געשטאַמט פון זייער אַ יחוסדיקער רוסישער משפחה. 1880 געוואָרן קרויזריכטער אין וואַרשע, 1882 אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי

„פּראָלעטאַריאַט”, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער דערנענטערונג פון די פּראָלעטאַריאַטשיקעס מיט די נאַראָדאָוואָלצעס, געהאַט ביי זיך אין וווינונג דעם צענטראַלן אַרכיוו פון ביידע פּאַרטייען. יוני 1884, צוליב דעם דורכפאַל פונעם זעצער פון דעם אומלעגאַלן פּאַרטיי־אָרגאַן, זאַגורסקי, אַריינגעפאַלן צו דער אָכראַנע און יאַנואַר 1886, צוזאַמען מיט וואַרינסקי, קוניצקי, פּיעטרושינסקי (ז.) — אויפגעהאָנגען געוואָרן אין דער וואַרשעווער ציטאַדעל.

באָרדאָנע פּאַריס (1571—1500), ווענעדישער מאָלער, אַ שילער פון טיציאַן. זיינע בילדער גיבן אונדז דאָס בונטע, פייערלעכע ווענעדיק פון 16טן י"ה. צו זיינע בעסטע בילדער געהערן: „דער פישער, וואָס גיט איבער דעם דאָזשע דעם רונג פון הל. מאַרק”, „אַלעגאָריע”, „די הל. משפחה” און „פרויענפּאָרטרעט”.

באָרדיגאַ אַמאַדעאָ (1889 ◦), איטאַליענישער רעוואָלוציאָנערער טוער, אינזשיניער. אין דער באַוועגונג אַריינגעטרעטן ד. יאָר 1910, צוגעשטאַנען צום לינקן פליגל, אָנגעפירט מיט אַ ריי באַוואָפנטע און שטרייק־אַקציעס אין לאַנד. בעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה געשטאַנען בראש פון די העפטיקסטע באַקעמפער פון סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם. 1917 געשאַפן אָפיציעל די לינקע פראַקציע א. נ. „רעוואָלוציאָנערע פראַקציע פון פשרהלאָזע”. אָנטיילגענומען אין דער מלחמה, געווען רעדאַקטער פון יוגנט־אָרגאַן „אַוואַנגאַרד”, 1918 געגרינדעט אַ צייטונג „דער ראַט”, אויף דעם קאָנגרעס אין באָלאָן געקעמפט פאַר באָיקאָטירן די

װאַלן, װאָס איז אָפגעװאָרפן געװאָרן. אױפן צוזאַמענפאָר אין ליװאָרנאָ אָנגעפירט מיט דער שפאַלטונג לטובת דער קאָמפאַרטײ, געװאָרן אײנער פון אירע פירער. צוליב זײַנע גאָר־לינקע אָפנײגן אַװעק פון קאָמינטערן און געשאַפן אַן אולטראַ־לינקע אָרגאַניזאַציע, װאָס האָט קײן גרױס דערפאָלג נישט געהאַט. זינט 1925 — פאַרשיקט דורך דער פאַשיסטישער רעגירונג אױפן אינדזל אוסטיקאַ.

באַרדילי כריסטאָף-גאָטפריד (1808—1761), דײטשער פילאָזאָף, דער באַגרינדער פונעם אַ. ג. „ראַציאָנאַלן רעאַליזם”; אין דער הינזיכט איז ער דער פאָרגײער פון העגעלן. דער אונטערשיד צװישן אים און ה. באַשטײט אין דעם, װאָס ער האַלט, אַז קײן שום זאַך, װאָס האָט אין זיך אַ סתירה עקזיסטירט נישט און אַלץ, װאָס אנטהאַלט נישט קײן סתירה, עקזיסטירט. העגעל, אנטקעגן, האָט געהאַלטן די סתירה פאַרן מאָטאָר פון יעדער עקזיסטענץ.

באַרט װיקטאָר (° 1887), רוסישער קינסטלער און קונסט־טעאָרעטיקער, געהערט צום ראַדיקאַלן פליגל אין דער קונסט, אַרױסגעבראַכט, בעיקר, די עלעמענטן פון קאָמפּאָזיציע און גראַפיק. זײַן װיכטיק בוך: „די טעאָריע פון קאָמפּאָזיציע אין דער מאָלערײ”.

באַרט טעאָדאָר (1909—1849), פירער פון לינקן פליגל פונעם דײטשן ליבעראַליזם, אַן אַקטיװער קעמפער פאַר פרײַען האנדל. גרינדער און אַרױסגעבער פון דער װאָכנצײַטונג „נאַציע”, װאָס האָט, װי איר ענגלישער שװעסטער־אָרגאַן אונטערן זעלבן נאָמען, העפטיק פאַרטײדיקט דעם פרײַען

האנדל, דעם אינטערנאַציאָנאַלן אױסגלײַך און סאָציאַלע רעפאָרמען. 1908 געשאַפן די „דעמאָקראַטישע פאַראײניקונג”, די לעצטע לינק-ליבעראַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אין דײטשלאַנד. נאָך זײַן טױט איז זיך די אָרגאַן. צעפאַלן.

באַרט פּאַול (1922—1858), דײטשער סאָציאָלאָג, אַ טיפּישער פאָרשטײער פונעם דײטשן אידעאַליזם אין זײַן צעפאַל-פעריאָד. אין זײַן בוך „די געשיכטס-פילאָזאָפיע העגעלס און די העגעליאַנערס ביז מאַרקס און האַרטמאַן” באַװײַזט ער, אַז ער באַגרײַפט נישט די יסודות פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם און אפילו העגעלס אידעאַליסטישע דיאַלעקטיק. אין זײַן בוך (1922) „פילאָזאָפיע פון געשיכטע אַלס סאָציאָלאָגיע” טרעט ער שאַרף אַרױס קעגן דעם מאַטעריאַליזם. לױט אים, איז די געזעלשאַפט אַ „גײַסטיקער אָרגאַניזם, אַ סיסטעם פון װילנפולע יחידים”. — ב. איז אײנער פון די איבערפלאַכלעכסטע קריטיקער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

באַרטאַ לאַיאָש (° 1878), אונגאַרישער ראָמאַניסט, דראַמאַטורג און פובליציסט, געשריבן אַ רײ ראָמאַנען, נאָװעלן, פיעסן און נאָװעלן אױסן פױערשן שטײגער לעבן. סאָציאַליסט. פאַר זײַן בעסטער שאַפונג װערט געהאַלטן דער ראָמאַן „אין אַ פאַרװאָרפן װינקל”, װאָס שילדערט דעם אױפקום פון די סאָציאַליסטישע אידעען אין דער פראָװינץ. הײַנט-צו-טאָג — פּאָליטישער אַנטלאָפענער.

באַרטאַ שאַנדאָר (° 1897), אונגאַרישער דיכטער און פראָזאַיקער, אַ מיטגליד פון דער גרופע אַקטיװיסטן.

אָנגעהויבן מיט עקספּרעסיאָניסטישע לידער, איז ער דערנאָך אַריבער צו האַלב־רעאַליסטישער, האַלב־סימבאָליסטישער פּראָזע. די לעצטע יאָרן זיך דערנענטערט צו פּראָלעטאַרישע טעמעס. אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אויס דער צייט פון פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע: „אַ וואונדערלעכע געשיכטע”. היינט־צו־טאָג איז ב. אַ פּאָליטישער עמיגראַנט.

באַרטאָלאָמע כריסטיאַן (° 1855), באַקאַנטער דייטשער שפּראַכפאָרשער, איינער פון די טיפסטע קענער פון דער אינדאָ־איראַנישער שפּראַכגרופּע. אַ גרויסן רום האָט זיין ריזיק „אַלט־איראַניש ווערטערבוך”.

באַרטאָלאָמע פּאָל אַלבער (° 1848), באַרימטער פראַנצויזישער סקולפּטער, זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין „דענקמאָל פאַר די געפאַלענע” אויפן בית־עולם פּער־לאַשעז אין פּאַריז (נאָך די געפאַלענע בעת דער פּאַריזער קאָמונע).

באַרטאָלד וואַסילי (° 1869), רוסישער מזרח־קענער, געשריבן זייער אַסך ווערק אויס דער געשיכטע פון נאָענטן מזרח און דער קולטור פון די מאַכמעדאַנישע לענדער. אין זיינע ווערק באַנוצט ער זיך מיטן סאָציאָלאָגישן פאָרשמעטאָד. פון די לעצטע, אויסשעפּנדיקע ווערק: „די געשיכטע פון די פאָרשונגען איבערן מזרח (1925), „די מאַכמעדאַנישע וועלט”, „דער איסלאַם”, „די קולטור פון מאַכמעדאַניזם”, „געשיכטע פון טורקעסטאַן”, „אולוג בעג און זיין צייט” א. אַנד.

באַרטאָק בעלאַ (° 1881), איינער פון די גרעסטע היינטצייטיקע קאָמפּאָזיטערס, אונגאַרישער פּיאַניסט, דער גרעסטער מוזיק־פאָלקלאָריסט פון אונגאַרן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, שעפער פון דער אונגאַרישער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט; פון די באַקאַנטסטע קאָמפּאָזיציעס: „דער פּרינץ געשניצט פון האָלץ”, „אַלעגראָ באַרבאַראָ”, „דער שלאָס פונעם הערצאָג בלויע־באָרד”, אַחוץ דעם אויך אַרויסגעגעבן רומענישע פאָלקס־לידער, אונגאַרישע, אַראַבישע. בעת דער ראַטנמאַכט אין אונגאַרן געהאַלטן ביים שאַפן אַ מוזיקאַלישע אַקאַדעמיע.

באַרטעל מאַקס (° 1893), דייטשער דיכטער, אַן אַרבעטער. אין דער קינדהייט געאַרבעט אין שטיינהאַקערייען און איבער פאַבריקן, אין דער יוגנט אַסך אַרומגערייזט איבער אייראָפּע. זיין סטיל אונטערשיידט זיך פון זיינע צייט־חברים — פון די פאַרשידענע „איזמען”; זיין שפּראַך איז מעכטיק מיט איר פּשטות. די טעמעס פון זיינע ווערק זענען פאַרשידענע — פון ליבשאַפט צו דער נאַטור, ליידנשאַפט צו שלעפּעריי, ביז לידער וועגן אַרבעט און אַרבעטערשן שטייגער (זיין זאַמלונג לידער „די אַרבעטערנשמה”). אַסך לידער האָט ער אויך געשריבן איבער דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. דער דיכטער פאַרשעלט זי „אין נאָמען פון מיליאָנען אָפּגענאַרטע און פאַרפּייניקטע”. פאַר דער רעוואָלוציע נאָנט געשטאַנען צו דער ס. ד., דערנאָך באַהעפט ער זיך מיט די ספּאַרטאַקיסטן און נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די וויכטיקסטע זאַמלונגען פון יענער צייט זענען „רעוואָלוציאָנערע געדיכטן”, „אוטאָפּיאַ” און „לאָזט אונדז געווינען די וועלט”, ווי אויך „דאָס רויטע אוראַל”, „דער פלאַץ פון פאָלקסנקמה” — ביידע

לעצטע ביכער איבער ראַטנפאַרבאַנד, ווי ער איז געווען. 1924 צוריק אַריבער צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

בארטעלס אַדאָלף (1862 ∘), דייטשער דיכטער און ליטעראַטור-היסטאָריקער, נאַציאָנאַליסט. פון דער מענגע אַרבעטן וועלן מיר אָנרופן די גרעסטע: „געשיכטע פון דער דייטשער ליטעראַטור", 3 טיילן, „דייטשע דיכטונג פון העבעל ביז היינט", 3 טיילן „דייטשעס שריפטטום", אַ טרילאָגיע „לוטער", ווי אויך „געזאַמלטע דיכטונגען".

בארטש רודאָלף-האַנס (1873∘), דייטשער ראָמאַניסט. אין זיינע ווערק איז בולט די שטימונג פון דער עסטרייכישער אינטעליגענץ — אַ סענטימענטאַלער „פאָלקיזם". באַקאַנט זענען זיינע ראָמאַנען: „די צוועלף מענטשן אויס שטייערמאַרק", „עליזאַבעט קעט", „פון דעם שטאַרבנדיקן ראָקאָקאָ", „דער לעצטער סטודענט" — אַלץ איז געשריבן אין נאַטוראַליסטישער פאָרעם, מיט לאָקאַלן קאָלאָריט און פשוטן פלאַן און שרייב-אופן.

בארי אַנטאָן דע (1831–1888), דייטשער באָטאַניקער, זיך געמאַכט אַ שם מיט זיינע אַרבעטן איבער שוואָמען, אָנגעשריבן אַ קלאַסיש בוך, סיי דורך זיין ים ביישפילן, סיי דורך זיין טעאָרעטישער באַלייכטונג: „פאַרגלייכנדיקע מאָרפאָלאָגיע און ביאָלאָגיע פון שוואָמען". אַ נאָמען האָט ער אויך צוליב זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון געוויקסנאַנאַטאָמיע, וואַסערגעוויקסן און געשיכטע פון געוועב-אַנטוויקלונג. פון זיין שול זענען אַרויס אַ ריי באָטאַניקער, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַ דויערנדיקן נאָמען אין דערדאָזיקער וויסנשאַפט (ברעפעלד, שטאַל, צאַכאַר-

יאַס, סאָלמס-לאַובאַך, וואָראָנין, גאָראָזשאַנקין, העבעל א. אַנד.).

בארי אַנטואַן לואי (1796–1875), אָנגעזעענער פראַנצ. סקולפטער פון חיות. צוליב זיין גענויער קענטשאַפט פון חיות-אַנאַטאָמיע האָט ער געשאַפן שעדעווורן אויפן דאָזיקן געביט. פון די באַקאַנטסטע: „דער לייב און די שלאַנג", פיר גרופעס רויב-חיות פאַרן מאַרסעלער מוזעום און די מאָנומענטאַלע גרופעס אויף דער געביידע פונעם לוווער.

בארי דזשעמס (1860∘), היינטצייטיקער ענגלישער שרייבער, פובליציסט, דראַמאַטורג. דער שעפער פון דער שאָטלענדישער ליטעראַרישער גרופע „קיילאַרד-שול", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט רעאַליסטישער שטייגער-באַשרייבונג מיט אַ סענטימענטאַלן סיפור-המעשה. די וויכטיקסטע ראָמאַנען: „דער סענטימענטאַלער טאָמי", „טאָמי און גריזעל", „מאַרגאַרעט אָדזשילווי" (אַ ביאָגראַפיע פון זיין מוטער), „אַ קליין פויגעלע". היינט-צו-טאָג געהערט ב. צו די פאָפולערסטע ענגלישע דראַמאַטורגן, ווייל ער טרעפט-צו דעם דורכשניטלעכן ענגלישן צוקוקער זיין געשמאַק און פאַרלאַנג. פון די באַקאַנטסטע דראַמעס: „פעטער פען", „דער פאַרגעטערטער קריטשטאָן" און אַנדערע.

באַרילי אַנטאָניאָ דזשוליאָ (1836–1908), איטאַליענישער שרייבער, אַ מיטקעמפער פון גאַריבאַלדי (ז.). רעוואָלוציאָנער געשטימט אין דעם פעריאָד פון זיין פאָליטישער טעטיקייט, האָט ער אין זיינע ראָמאַנען אָפגעשפיגלט דעם אידיליש-בורזשואַזן ראָמאַנטיזם: זיינע פרויען זענען אַלע

בילד-שיין און מלאכיש-גוט, די מענער זענען ריטעריש-געטריי און מיט גאָלדענע הערצער. פון די באַקאַנטסטע זאַכן: „מיט גאַריבאַלדין ביי די טויערן פון רוים", „קאַפּיטאַן דאַדערא", „אַן אויסטערלישע נאַכט" און אַ פּראַכטפולער הספד „צו גאַריבאַלדיס טויט".

באָריסאָוו-מוסאַטאָוו וויקטאָר (1870—1905), רוסישער מאָלער, אַן איבערגעצייגטער אימפּרעסיאָניסט, גרויסער מייסטער פון דעקאָראַציע. געווען זייער פּרוכטבאַר, געפונען אַן אייגנאַרטיקן טאָן אין דעם ליכט- און שאָטן-פּראָבלעם. פון זיינע בעסערע זאַכן: „מיידל מיט אַן איידלשטיין", „האַרמאָניע", „באַגעגעניש ביי אַ קאָלומנע", „גאָבעלען", „ביים וואַסערגרוב", „רעקוויעם" א. אַסך אַנד.

באַרבאַרד יוליאַן (○ 1868), דייטשער סאָציאַליסט, פּאָפּולאַריזאַטער פון מאַרקסיזם. די יאָרן 1900—1906 רעדאַגירט די ס. ד. צייטונגען „פאָלקס-בלאַט" (האַמבורג) און „פאָלקסצייטונג" (קעניגסבערג), 1911—1913 געווען דעפּוטאַט אין פּרייסישן לאַנדטאַג. 1913—1921 רעדאַגירט דעם מאַרקסיסטישן זשורנאַל „ליכט-שטראַלן", וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט די אָנשויונגען פון די ראַדיקאַלע ס. ד., בעת דער מלחמה געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף קעגן די סאָציאַל-אימפּעריאַליסטן און קאָוטסקיאַנער, אָנטיילגענומען אין צימערוואַלד, איינער פון דייטשלאַנד צוגעשטאַנען צו דער לינקער פראַקציע. נאָך דער מלחמה אַוועק פון אַקטיוון פּאָליטישן לעבן און גיט זיך אָפּ בלויז מיט ליטעראַטור — מיט דער פּאָפּולאַריזאַציע פון מאַרקס' עקאָנאָמישע לערעס און מיט דער דייטשער עקאָ-

נאָמישער געשיכטע. זייער באַקאַנט איז זיין פאַרקירצטע אויסגאַבע פון מאַרקס' „קאַפּיטאַל", „דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", „אַריינפיר אין וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם", „די אַקומולאַציע פון קאַפּיטאַל" א. אַנד.

אויף יידיש: „יסודות פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע".

באַרבאַרד רודאָלף (○ 1877), דייטשער ליריקער און דראַמאַטורג, נאָענט צו די עקספּרעסיאָניסטן. אַרויסגערופן גרויס אינטערעס מיט זיינע אָריגינעלע „נייע געדיכטן" און „פּאַרטוישטע לידער".

באָרכגרעווינק קאַרסטען (○ 1864), נאָרוועגישער רייזנדער, די יאָרן 1898—1900 געפאָרן מיט נאָך 9 חברים צו דער וויקטאָריאַ-ערד, איבערגעווינטערט דאָרט און דערגרייכט 78° 45′ — דעם גרעסטן רעקאָרד צו יענער צייט. מיטגעבראַכט פון דאָרט אַסך ערשטקלאַסיקע ידיעות פאַר כמעט אַלע צווייגן פון דער נאַטורוויסנשאַפט. אָנגעשריבן איבער דער דאָזיקער נסיעה: „דאָס ערשטע מאָל אין אַנטאַרקטישן קאָנטינענט".

באַרלאַך ערנסט (○ 1870), דייטשער סקולפּטער, ליטאָגראַף און דראַמאַטורג, זינט די לעצטע צען יאָר געוואָרן אַן עקספּרעסיאָניסט. זיינע סקולפּטורן אין האָלץ און ליים זענען מאָנומענטאַל, די פיגורן זענען פול באַוועגונג, לעבעדיק און האַרמאָניש. זיינע וויכטיקסטע סקולפּטורן: „מוזיקער" (פּאָרצעליי) „שלאָפנדיקער פויער", „ביים אַרויסנעמען די שווערד", „אַ זעונג" — האָלץ. די טעמע פון זיינע דראַמעס— גאָטזוכעניש, דער קאַמף פונעם מענטשן מיט דער ערדישער ווירקלעכקייט, וואָס ער האָט איבער זיין „געטלעכן אָפּ-

שטאָם" — קורץ, אַ מין קלײנבירגערלעכער אידעאַליזם, פול מיט אומבאַהאָלפענעם פּראָטעסט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. צו די וויכטיקסטע דראַמעס: „דער טויטער טאָג", „דער אָרעמער פּעטער", „דער געפונענער", „דער מבול" (1924).

באָרן (מוטערמילך) סטעפאַן (1824—1898), אָנגעזעענער דײַטשער אַרבעטער־פירער בעת דער עפּאָכע פון 1848. אין דער יוגנט געוואַנדערט איבער דײַטשלאַנד. צו 20 יאָר אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור „דער קאַמף צו דער הייבונג פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן און די פאָלקס־שטים איבער אים" מיט אַ ווידמונג „די דענקנדיקע אַרבעטער—פון זייערן אַ געטרײַען חבר". אין דער דאָזיקער בראָשור רופט ער די אַרבעטער זיך צו פאַראייניקן און אָרגאַניזירן, כדי צו הייבן דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ. כאַראַקטעריסטיש פאַר די דעמאָלטיקע אידעען איז: „מיר ווילן אויסקעמפן פאַר זיך די רעכט נישט דורך אָנווענדן רויע געוואַלט, נייערט מיט געטלעכן כוח פון אמת". 1846 אַריבער קיין פּאַריז, זיך באַקאַנט מיט פר. ענגעלס און געוואָרן אַן אַקטיווער טוער פון קאָמוניסטנבונד, געפאָרן לויט זײַן אויפטראָג איבער פאַרשידענע שטעט, אַרויסגעלאָזן בראָשורן און פאַמפלעטן, אָרגאַניזירט — מיט מאַרקס' הילף — אַן אַרבעטער־מאַסנאָרגאַניזאַציע „אַרבעטער־פאַרברידערונג", רעדאַגירט אירע אָרגאַנען: „פאָלק", „פאַרברידערונג", זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן פאָלקסרעדנער אין בערלין. דאָך איז ער אין דער פּראַקטישער אַרבעט וואָס־אַמאָל־ווײַטער אַוועק פון דער מאַרקסיסטישער ליניע און ביסלעכווײַז געוואָרן אַ גרויסער אָפּאָרטוניסט, געהאַלטן, אַז דער אַרב. קלאַס דאַרף גיין אין איין פראָנט מיט דער בורזשואַזיע, ווײַל מען באַקעמפט אַ געמיינזאַמען שונא — דעם פעאָדאַל; געווען קעגן די זעלבשטענדיקע אַרויסטרעטונגען פונעם אַרבעטערקלאַס. געווען אויך אַ קעגנער אויפן צ. ק. פון דער אַרב.־דעמאָנסטראַציע 20.4 1848 א. לאָזונג פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט. אָקטאָבער 1848, אויפן אַלדעמאָקראַטישן צוזאַמענפאָר, זיך געווענדט צו די אַרבעטער מיט אַ רוף אַרײַנצוטרעטן אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. דער צענטר.־אָרגאַן פון דער „פאַרברידערונג" האָט דאָס שאַרף קריטיקירט. בעת אין דײַטשלאַנד האָט אָנגעהויבן צו הערשן די רעאַקציע (1848—1849), האָט ער גערופן די אַרבעטער צו באַוואָפענען זיך, אַליין אָנטײלגענומען אין דרעזדענער אויפשטאַנד 1849, אַנטלאָפן אין דער שווייץ, וווּ איבערגעריסן מיט דער פּאָליטיק.— דאָרט זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפט און פּעדאַגאָגיק. צ. אַ. אָנגעשריבן „די ראָמאַנטישע שול אין דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך", געווען דירעקטער פון „באַזעלער נאַכריכטן". — אינעם יאָר פון זײַן טויט אַרויסגעלאָזן אַ באַנד „זכרונות פון אַן אַכטאונפערציקער", וווּ ער פאַלט־אָן פערזענלעך אויף ענגעלסן.

באַרנאַוו אַנטואַן (1761—1793), פראַנצויזישער דענקער און פּאָליטישער טוער אויס דער צײַט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, איינער פון די בעסטע רעדנער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אַ ליבעראַלער בורזשואַ,

טרעט ער אַרויס קעגן דעם אַלטן רעזשים נאָך פ אַ ר דער רעוואָלוציע; אָנהייב רעוואָלוציע ווערט ער שטאַרק פּאָפּולער אינעם יאַקאָבינישן קלוב; אָבער ער האָט מורא, אַז די רעוו. זאָל זיך נישט פאַרטיפן אויך אויפן סאָציאַלן געביט, און שוין 1791 זאָגט ער זיך אַרויס, אַז מען דאַרף שוין מאַכן „אַ גרענעץ דער רעוואָלוציע". געווען אַ קלאַנג, אַז ער איז געווען אַ קעגנער פון דער רעוואָלוציע איבער זיין ליבע צו דער קעניגין, אָבער די נייסטע פאָרשונגען וואַרפן עס קאַטעגאָריש אָפּ. 1793 געקעפּט געוואָרן אויף דער גיליאָטינע. איבערגעלאָזט אַ ריי היסטאָריש־פילאָזאָפישע אַרבעטן, וואָס ווייזן אויף זיין טיפן דענקשטייגער. שוין דאַן האָט ער זיך געשטעלט אויפן היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט און איז אַזויאַרום אַ פאָרגייער פון ק. מאַרקס. ער ווייזט־אָן, אַז די נייע חלוקה פון אייגנטום וועט מוזן מיט זיך ברענגען אַ נייע חלוקה פון מאַכט, ד. ה., אַז די געגעבענע עקאָנאָמישע באַדינגונגען דיקטירן דעם פּאָליטישן סדר.

באַרנאַרד עדוואַרד עמערסאָן (1857–1923), אַמעריקאַנישער אַסטראָנאָם, באַקאַנט בעיקר דערפון, וואָס ד. יאָר 1892 אַנטדעקט אין דער ליקישער אָבסערוואַטאָריע יופּיטערס 5טן מיטגייער, וואָס איז צומנאָנטסטן צו אָט דעם פּלאַנעט.

באַרנס דזשאָרדזש (○ 1859), ענגלישער אַרבעטער־טוער און פּובליציסט, יונג אַריינגעטראָטן אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, 1896–1906 געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם פאַראייניקטן מאַשינבויער־פאַרבאַנד. בעת

דער מלחמה פאַרנומען אַ הויך־שאָוויניסטישע פּאָזיציע, געווען מיניסטער אין לאָיד־דזשאָרדזשס קאַבינעט — ביז 1920, אָנטיילגענומען אין אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן אין נאָמען פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. היינט־צו־טאָג פאַרנעמט ער אין דער פּאַרטיי דעם עקסטרעם־רעכטן פליגל. זיינע וויכטיקסטע ווערק זענען: „פונעם וואַרשטאַט צום מלחמה־קאַבינעט" „אינדוסטריעלע סיכסוכים", „אַוועק מיטן וועג" (1924).

באָרעל עמיל (○ 1871), פראַנצ. מאַטעמאַטיקער, איינער פון די ערשטע אויפגעוויזן אויף די פאַרשידענע פאָרמען פון ענדלאָזיקייט און זיי צוגעפּאַסט צו דער לערע איבער פונקציעס. איינער פון די בעסטע סטיליסטן און גלענצנדער וויסנשאַפט־אָרגאַניזאַטער און פּעדאַגאָג. זיינע האַנטביכער איבער עלעמענטאַרער מאַטעמאַטיק האָבן אים געמאַכט אַ שם אויף דער גאַנצער וועלט. צו זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן געהערן: „איבער עטלעכע פונקטן פון דער פונקציע־טעאָריע". „איבער די מאָנאָגענישע פונקציעס", „דער צופאַל — אַריינפיר אין דער טעאָריע פון אומוואַרשיינלעכקייטן" און די באַרימטע „עלעמענטאַרע מאַטעמאַטיק".

באָרעל פּעטריו (1809–1859), פראַנצ. ראָמאַנטיקער, אָנגעפירט מיט די ליטעראַרישע גרופּעס פונעם „יינגן פראַנקרייך", — אַ באָהעמע־גרופּע, וואָס איר גאָט איז געווען די פאָרעם, אָן אַ טיפערן, אינערלעכן אַריינבליק אין דער זאַך. צו זיינע וויכטיקסטע ווערק געהערן: „שאַמפּאַניער, אוממאָראַלישע נאָוועלן", „מאַדאַם פּוטיפרע". זיין רעפּובליקאַנישקייט האָט נישט צו טון

מיט אידעע, נאָר איז אַ מין אַנאַרכיסטישער פּראָטעסט פון די ליטעראַרישע קרייזן, וואָס איז געווען צו יענער צייט אין דער מאָדע. — אַ רעאַקציאָנער לויטן געדאַנקענגאַנג, איז ער געווען קאָלאָניאַלער אינספּעקטער אין אַלזשיר.

באַרענץ ווילעם (1550–1597), האָלענדישער ים-רייזנדער, 1594 אַנטדעקט דעם מערב- און צפון-ברעג פון דער „נייער ערד", 1596 אַנטדעקט דאָס בערן-אינדזל און שפּיצבערגען, דערגאַנגען ביז דער 80° 11′ פון צפון-ברייט און געמוזט איבערווינטערן ביי נאָסאַו. דאָס איז געווען דער ערשטער ווינטער פון אַן אייראָפּעער אין די פּאָלאַרע לענדער. 1597 זיך געלאָזט מיט זיינע מיטפאָרער צוריק אויף צוויי אָפענע שיפלעך, אָבער 5 מאַן, צווישן זיי אויך ב., זענען אויפן וועג אומגעקומען. דער ים צווישן נאָרדקאַפּ און שפּיצבערגען ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען, ווי אויך איין אינדזל ביים מזרח-ברעג פון שפּיצבערגען.

באַרעס מאָריס (1862–1923), פראַנצויזישער ראָמאַניסט און פּובליציסט. לכתחילה געווען אַ שאַרפער אינדיווידואַליסט, געשריבן אָדעס לכבוד דעם פרייען יחיד. אין דער טרילאָגיע „דער קולט פונעם איך" ווערט פּראָקלאַמירט עקסטער אינדיווידואַליזם — עטישער און סאָציאַלער, פריי פון אַלע באַנדן. זיין „פרייער מענטש" (דער נאָמען פון אַ ראָמאַן אויס דער סעריע), איז אַן אַנאַרכיסטישער קעגנער פון דער „באַרבאַרישער קולטור" — אויך אַ נאָמען פון אַ ראָמאַן. דאַן גייען, אַלץ אינעם זעלביקן גייסט, „דער שונא פון געזעצן", „איבער בלוט, ליידנשאַפט און

טויט". אָבער 1889 אַריין אין פּאַרלאַמענט, ווי אַן אַנטי-דרייפוסיסט, און זיך מיטאַמאָל געשטעלט, צוזאַמען מיט מ אָ ר אַ ס ן (ז.), בראש פון דער קאָנסערוואַטיווער און נאַציאָנאַליסטישער ליטעראַטור. ער ווערט אַ הייסער שאָוויניסט און געזעצהיטער, שפּייט אויף זיין נישט-לאַנג-אָניקער פאַרגאַנגענהייט: ראָמאַן „מענטשן אָן אַ באָדן", דאַן — „זייער אָנבליק" — אַ טרילאָגיע „ראָמאַנען איבער דער נאַציאָנאַלער ענערגיע". ער ווערט אויך אַ געטרייער שומר פון דער קאַטוילישער קירך, 1906 לאָזט ער אַרויס אַן אויפרוף: „האָרכט זיך צו צו דער קאַטוילישער קירך — בלויז זי איז אַ מוטער און אַ לערערין". נאָכן טויט פון פּאָל ד ע ר ו ל ע ד (ז.) ווערט ער פּרעזידענט פון דער שוואַרצער, רעאַקציאָנערער „ליגע פון פּאַטריאָטן" און דער וואָרטזאָגער פון דער אידעע פון „רעוואַנש". — בעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אידעאַליזירט ער די מלחמה („ווי פּראַכטפול זענען אונדזערע באַשיצער אין די נאָרעס — ווען זיי נעמען אַרום די ערד"). 1915—1918 רעדאַגירט די רעאַקציאָנערע צייטונג „עקאָ דע פּאַריז" אין גייסט פון מיטלעלטערלעכער, אינקוויזיטערישער שנאה צו דייטשלאַנד און אַל'דאָס דייטשע. שפּעטער זענען די דאָזיקע אַרטיקלען אַרויס אין 12 בענד „כראָניק פון דער גרויסער מלחמה". אַ מענטש פון אַ גרויסן טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט, איז ער אָבער געווען אַ שוואַרצער פלעק אויפן פאָן פון פראַנקרייך, דעם לאַנד פון רעוואָלוציעס און באַריקאַדן.

באַרער ב ע ר ט ר אַ ן (1755—1841), פראַנצויזישער פּאָליטישער טוער און

פּובליציסט אויס דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע. אַ טיפּישער קאַריעריסט, האָט ער אויסגענוצט זיינע גרויסע פעיקייטן צו דינען דעם, וואָס איז אין דעם באַליביקן פאַל געווען ביי דער מאַכט. פון באַרוף אַן אַדוואָקאַט, האָט ער אין אָנהייב רעוואָלוציע אַרויסגעגעבן אַ מעסיק־מאָנאַרכיסטישן זשורנאַל „פרימאָרגן״; נאָכן זיג פון דער רעוואָלוציע צוגעשטאַנען צום לינקן פליגל פונעם יאַקאָבינישן קלוב, צו ראָבעספּיערן (ז.) און נאָכן פאַלן פון די זשיראָנדיסטן זיך אָפן דעקלאַרירט אַלס אָנהענגער פון רויטן טעראָר. אויף דעם נאַציאָנאַלן קאָנווענט, ווו ער איז געווען אַ מיטגליד, איז ער אַרויסגעטראָטן מיט פלאַמענדיקע רעדעס צו שיצן דעם טעראָר. ד. 9 טערמידאָר געשפּילט אַ צביעותדיקע ראָל; נאָך ראָבעספּיערס פאַלן געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון דער גזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער רעאַקציע. פונדעסטוועגן האָט מען אים, ווי אַ „טעראָריסט״ פאַרטריבן פון לאַנד. — ער האָט אויך געדינט נאַפּאָלעאָנען, ווי אַ געהיים־יועץ אין די ענינים פון אויסלענדישער פּאָליטיק. ערשט די רעוואָלוציע פון 1830 האָט אים דערמעגלעכט אומצוקערן זיך צוריק קיין פראַנקרייך. איבערגעלאָזט אַ בוך זכרונות.

באַרצעוויטש סטאַניסלאַוו (1858—1929), באַרימטער פּוילישער פידלער, געשאַפן אויך אַ ריי אייגענע קאָמפּאָזיציעס פאַר דער פידל; 1910—1919 געווען דירעקטער פון דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע.

באַרק עדמונד (1729—1797), ענגלישער פּאָליטישער טוער און שרייבער.

געווען דער הויפּט־פאָרשטייער פון דער גרויספּריצישער אָליגאַרכיע. אין זיין בוך (1770) „געדאַנקען איבער די סיבות פון דער איצטיקער אומצופרידנקייט״ פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז איצט קאָן מיט ענגלאַנד אָנפירן נאָר אַ פעאָדאַל־פּריצישע רעגירונג. זייער קרום געקוקט אויפן אויפוואַכנדיקן בורזשואַזן געדאַנק און אין זיינע „געדאַנקען איבער דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע״ שטאַרק זי באַקעמפט: דאָס אָנרירן די רעכט פון די גרויסע ערדבאַלעבאַטים אין פראַנקרייך האָט אים געשראָקן. דאָס בוך האָט פאָרגעשטעלט, אַז די רעוואָלוציע — דאָס איז דער זיג פון אַבסטראַקטע דאָקטרינעס, געמישט מיט בלוטדאָרשטיק פּעבל. דאָס דאָזיקע בוך איז טאַקע געוואָרן דער אַ.ב. פון דער אייראָפּעישער רעאַקציע. ער האָט פאָרגעזאָגט אַ קרייץ־צוג קעגן דעם רעוו. פראַנקרייך און אידעיש צוגעגרייט די קריגדערקלערונג ד. יאָר 1793. זיין לעצטער פּאַמפלעט איז געווען „בריוו איבער דער וועלט, וואָס דערהרגעט אירע קעניגן״, געווענדעט קעגן פּיטן, וואָס האָט געוואָלט צעברעכן די מאַשינען. — זיינע ביכער האָבן אין זייער צייט געהאַט גרויס דערפאָלג, אַזוי, אַז ער האָט אפילו באַקומען עפנטלעכע ליוב־בריוו פון ענגלישן קעניג דזשאָרדזש III און דער רוסישער, יעקאַטערינע II.

באַרקהאַוזען היינריך (° 1881), דייטשער געלערנטער אויפן טעכנישן געביט, איינער פון די גרעסטע ראַדיאָספּעציאַליסטן אין דער וועלט. זיין וויכטיקסט בוך: „עלעקטראָנעלע לאַמפּן״. די געמיינזאַמע שייכות צווישן די פּאַראַמעטרן פון דער לאַמפּ (SDR=1)

ווערט אָנגערופן „באַרקהאַוזענס פאָר־
מול".

באַרקלאַ טשאַרלז (1877 ○), פּראָ־
פעסער פון פיזיק אין עדינבורג, באַ־
רימט פון זיינע פאָרשונגען אויפן גע־
ביט פון רענטגען־שטראַלן. ער האָט
אַנטדעקט די פּאָלאַריזאַציע פון די
צעזייטע רענטגענשטראַלן. זיין וויכ־
טיקער אויפטו איז די אַנטדעקונג פון
די אַ. ג. „כאַראַקטעריסטישע
שטראַלן", ד. ה. פון אַ מאָנאָכראָ־
מאַטישער רענטגען־אויסמעסטונג, וואָס
די לענג פון איר כוואַליע הענגט־אָפּ
אויסשליסלעך פון די אייגנשאַפטן פונ־
נעם קערפּער, וואָס שאַפט די שטראַלן.
געשריבן זייער אַסך אָפּהאַנדלונגען.
1917 באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע.

באַרקראָפט דזשאָזעף (1872 ○),
ענגלישער פיזיאָלאָג, פּראָפעסער פון
פיזיאָלאָגיע אויפן קעמברידזשער אוני־
ווערזיטעט, באַקאַנט פון זיינע פאָר־
שונגען איבער דער אָטעם־פונקציע
פונעם בלוט. דערפונדן אַ ספּעציעלן
אינסטרומענט פאַרן פעסטשטעלן די
גאַזן — דעם דיפערענציאַלן מאַנאָמע־
טער. אָנגעשריבן אַ מענגע אַרבעטן
אויס דעמדאָזיקן געביט, געמאַכט 2
עקספּעדיציעס אין די אַנדן און אויף
מאָנט־ראָזאַ, כדי אויסצופאָרשן די ווירקונג פון די בערגשפּיצן אויפן בלוט.
ס'צייכענען זיך אויס זיינע ווערק: „די
אָטעמפונקציע פונעם בלוט", „איבער
דעם בלוטגאַז־אומבייט אין די פאַר־
שידענע אָרגאַנען".

באַרשטשעווסקי איוואַן (1851○),
רוסישער אַרכעאָלאָג, געפאָרשט אַסך
אויס דעם פּאַרהיסטאָרישן רוסלאַנד,
אַנטדעקט און געפונען אומגעהייערע
אוצרות אַרכיטעקטור, בגדים, הייליקע

בילדער א. אַ. וו. — פון איינער אַזאַ
רייזע צוריקגעבראַכט 3000 פאָטאָ־
גראַפיעס, וואָס דינען ווי דער אור־
קוואַל פאַר דעם דערפאָרשן די אַלט־
רוסישע קונסט.

באָש יעווגעניאַ (1879—1925), רו־
סישע לינק־רעוואָלוציאָנערע טוערין,
זינט 1901 גענומען אַן אָנטייל אין
דער ס. ד. פּאַרטיי, פאַרמשפּט געוואָרן,
אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, דערנאָך אָנ־
טיילגענומען אין דער בערנער קאָנ־
פערענץ, רעדאַגירט דאָרט דעם אָר־
גאַן „קאָמוניסט", געאַרבעט אין שוועדן
און נאָרוועגיע. נאָך דער פעברואַר־
רעוואָלוציע צוריקגעקומען, געאַרבעט
אין אוקראַינע, גענומען אַן אויסערגע־
וויינלעך־אַקטיוון אָנטייל אינעם קאַמף
מיט דער ווייסער קאָנטער־רעוואָלוציע
אויף אַלע אירע אָפּשניטן — קעגן דע־
ניקענען, וורַאַנגלען, יודעניטשן א. אַנד.
1920 געווען פאָרזיצער פון דער מי־
ליטעריש־היסטאָרישער קאָמיסיע ביי
דער רעגירונג. זינט 1922, צוליב אַ
שווערער קראַנקייט, געמוזט אַוועק פון
אַקטיווער אַרבעט און 925 זיך, איבער
דעם, גענומען דאָס לעבן. אָנגעשריבן
„די נאַציאָנאַלע רעגירונג און די ראַטנ־
מאַכט אין אוקראַינע" און „דאָס יאָר
פון קאַמף".

באָשקאָ־באָשקאָוויטש, סערבי־
שער לינק־רעוואָלוצ. טוער, פירער
פון דער באַלקאַנישער רעוואָלוציאָנע־
רער פעדעראַציע, איינער פון די אַק־
טיווסטע פויערנטוער. מחבר פון אַ ריי
אַרטיקלען אין דער „פּראַוודאַ", „פּוי־
ערן־אינטערנאַציאָנאַל", „קאָמינטערן"
און אַ ריי אַנד.

באַשאַליאַן לעאָן (1868 ○), טע־
טיקער אַרמענישער שרייבער און פּובּ־

ליציסט. אַרויסגעגעבן זשורנאַלן „אַרט" און „פּאַטערלאַנד". ווי די גאַנצע אַרמענישע בורזשואַזיע געהאַלטן, אַז די באַפרייונג פון זיין פאָלק פון אונטער דעם טערקישן יאָך קאָן קומען נאָר דורכן אַריינמיש פון די אייראָפּעיִשע מערב־פעלקער. געשריבן בעיקר נאָוועלן אויסן לעבן פון די מיטעלע שיכטן, און איז איינער פון די גרעסטע פאַרשטייער פונעם אַרמענישן רעאַליזם; זיין שפּראַך איז האַרט און פּשוט. פון די בעסטע ווערק: „שטאַרבנדיקע קינד", „טויבן", „דערוואַכונג", „טשערעפּאַכע", „שטים פון פאָלק".

באַשילאָוו מ י כ אַ י ל (1821—1870), אָנגעזעענער רוסישער צייכענער און אילוסטראַטער, געצייכנט צו די ווערק פון גריבאָיעדאָוו, שטשעדרין, טאָלסטאָי (ז.) — די לעצטע, אונטער ט.ס פערזענלעכער אויפזיכט.

באַשעליע אַ ל פ ר ע ד (1864◦), היינטצייטיקער פראַנצויזישער קאָמפּאָזיטער. היינט־צוטאָג — דירעקטער פון דער נאַנסיער קאָנסערוואַטאָריע. פון די באַקאַנטסטע אָפּערעס: „ווען דער גלאָק קלינגט" — אויס דער לעצטער דייטש־רוסישער מלחמה.

בהאַוואַבהוטי (אָנהייב 8 י"ה), איינער פון די גרעסטע אינדישע דראַמאַטורגן, געלעבט אויפן הויף פונעם קיסר יאַשאָוואַי מאַנאַ אין קאַניאַקובדזשע. אין זיינע דראַמעס, וואָס פון זיי זענען צו אונדז דערגאַנגען נאָר דריי, איז קענטיק דער הויפּישער, האַרעמישער כאַראַקטער פון אינטריגע. דאָס זענען: „מאַהאַוויראַקאַריטאַ" (דער גורל פון אַ גרויסן העלד), „אוטאַראַראַמאַקאַריטאַ" (ראַמאַס ווייטערדיקער גורל), „מאַלאַטימאַדהאַוואַ" (מאַלאַט און

מאַדהאַוואַ). די ערשטע צוויי זענען אַ דראַמאַטיזאַציע פונעם לעבן פון דער ראַמאַ־יאַנאַ, דאָס לעצטע — אַ ליבעגעשיכטע צווישןביידע העלדן פונעם טיטל.

בהאַסאַ (לערך סוף 2 י"ה), גרויסער אינדישער דראַמאַטורג. 1910 האָט דער אינדישער געלערטער האַנאַפּאַטי ש אַ ס ט ר י אַנטדעקט אַ כתב־יד מיט ב.ס עלפטהאַלבן דראַמעס, דערנאָך—נאָך צוויי. צו די וויכטיקסטע געהערן: „דער חלום — „שוואַפּוואַשאַוואַדאַטאַ", „טשאַרודאַטעס אָרעמקייט" — „דאַאידראַטשאַרודאַטאַ", „באַלאַטשיריטאַ" — די געשיכטעס פונעם יונג קרישנאַ.

בהאַסקאַראַ (12 י"ה), אינדישער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער, איבערגעלאָזט אַ גרויס ווערק איבער אַסטראָנאָמיע — אינגאַנצן אין פערזן. בלויז די באמערקונגען זענען געשריבן אין פּראָזע און אַנטהאַלטן — אין קעגנזאַץ צום חיבור — אַ ריי סימבאָלישע רמזים.

בואַגילבער פ י ע ר, ד ע (1646—1714), פראַנצויזישער עקאָנאָמיסט, פאַרנומען אונטער לודוויק דעם 14טן עטלעכע געריכטלעכע און אַדמיניסטראַטיווע אַמטן, נאָר מחמת זיין אויפריכטיק פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם פויערנטום (ביכער: „פּרטים איבער פראַנקרייך", „פאַקטן איבער פראַנקרייך"). אָנגעוווירן דעם חן אינעם קעניגס אויגן און פאַרטריבן געוואָרן פון אַלע שטעלעס. ער האָט זיך אָנגערופן, ווי דער „פאַרטיידיקער פון דער אַגראַרווירטשאַפט", אַנטשידן אָרויסגעטראָטן פאַר פרייען תבואה־אַרויספיר קיין אויסלאַנד, געשריבן, אַז „קיינמאָל איז דאָס פאָלק נישט אַזוי אָרעם, ווי

וועמען ברויט איז ביליק". ווי מיר זעען — דער וואָרטזאָגער פוּנעם מיטעלן און רייכערן פויערנקלאַס.

בוּאַזו עדוּאַרד (1840—1923), פראַנצויזישער קאָאָפּעראַטער, וויכטיקסטער פאָרשטייער פון דער קליינבירגערלעכער קאָאָפּעראַציע. געגרינדעט אין נים אַ קאָאָפּעראַטיוו „נימער בין" — אונטערן איינפלוס פון די ענגלישע סאָציאַל-קריסטן. געווען איינער פון די איניציאַטערס פונעם אינטערנאַציאָנאַלן קאָאָפּעראַטיוון פאַרבאַנד, צוזאַמען מיט שאַרל זשיד (ז.) געשאַפן די נימער קאָאָפּעראַציע-שוּל. זינט 1887 ביז 1920 רעדאַגירט דעם קאָאָפּעראַטיוון אָרגאַן „באַפרייוּנג".

בוּאַלאָ דעפּרעאָ ניקאָלאַ (1636—1711), פראַנצ. דיכטער, סאַטיריקער, באַקאַנט פון זיין גרויסן טראַקטאַט אין פערזן „די פּאָעטישע קונסט". געווען דער וואָרטפירער פונעם אַ. ג. „פּסייּדאָ-קלאַסיציזם", וואָס איז באַשטאַנען אין נאָכמאַכן די קלאַסיקער פון גריכנלאַנד און אַלטן רוים, און אַזוי-אַרום געשפּילט אַ רעגרעסיווע ראָל מיט זיין פאַרהאַלטן און צוימען די פּאָעזיע פון זיין צייט. אָנגעשריבן נאָך אַ קאָמישע פּאָעמע „אַנאַלאָע", „געדאַנקען איבער דעם העלד לאָנגינוס", „דיאַלאָגן פון העלדן פון אַ ראָמאַן" א. אַנד.

בוּאַלדיע פראַנסואַ אַדריאַן (1775—1834), באַקאַנטער פראַנצויזישער אָפּערנקאָמפּאָזיטער. אָנגעשריבן 38 אָפּערעס, וואָס די וויכטיקסטע זענען „באַגדאַדער קאַליף", „זשאַן פון פּאַריז", „רויט היטעלע" און „ווייסע דאַמע" (ווערט נאָך געשפּילט ביז היינט). באַקאַנט פון זיין מעלאָדישן צופּאַסן די טעמעס, דעם לייכטן הומאָר און דעם שעפּן פון די פאָלקס-קוואַלן געזונטן, פיינעם, פּשוטן טאָן און סטיל.

בוּאַלעזו רענע, פּסד. טאַרדיוואָ (1867—1926), פראַנצויזישער שרייבער, געמאָלן אין זיינע פילע ראָמאַנען דעם לעבנ- און געדאַנקשטייגער פון דער קליינער פּראָווינציעלער בורזשואַזיע מיט איר קאָנסערוואַטיזם, איינטאָניקייט און פאַרבלאָזן לעבן. ער מאָלט דעם פּראָטעסט פונעם יחיד נישט אויפן פאָן פונעם סאָציאַלן אַרום, נייערט ער אינטערעסירט אים מיט זיינע פּערזענלעכע, יחידישע איבערלעבונגען. באַזונדער שטאַרק קומען ביי אים אַרויס די מאָמענטן, ווו די שוואַכערע נאַטורן באַרויקן זיך און גיבן זיך אונטער. צו זיינע כאַראַקטעריסטישסטע ראָמאַנען געהערן: „פויגלשפּייז", „דאָס קינד ביי דער באַלוסטראָדע", „פריילן מאַדלען", ווי אויך אַ שאָוויניסטיש-מיליטאַריסטישער ראָמאַן „איצט ביסטו שוין גאָרנישט" (1917).

בוּאָנאַראָטי מיקעל-אַנדזשעלאָ לאָדאָוויקאָ דע — זע מיקעל-אַנדזשעלאָ.

בוּאָנאַראָטי פיליפּ (1761—1837), פראַנצ.-איטאַליענישער רעוואָלוציאָנער און היסטאָריקער, נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון גראַקך באַבעף (ז.). געשטאַמט פון גאָר גרויסן איטאַליענישן יחוס. אין די יונגע יאָרן אַנטלאָפן, מחמת פּאָליטישע רדיפות, פון איטאַליע קיין קאָרסיקע, רעדאַגירט דאָרט דעם „פריינד פון איטאַליענישער קולטור" און אָנגעפירט מיט דער גאַנצער נעץ איטאַליענישע אומלעגאַלע רעוואָל. קרייזלעך. זינט דער רעפּובליק אין פראַנקרייך אַוועק קיין פּאַריז, גענומען

אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָל. אַרבעט, געווען קאָמיסאַר, מיטגליד פון יאַקאָבינישן קלוב, באַקומען דעם טיטל „ערנבירגער פון דער פראַנצויזישער רעפובליק", פאָרזיצער פונעם קלוב „פאַנטעאָן". בעתן פּראָצעס פון די „גלייכע" זיך געהאַלטן זייער שטאָלץ און מוטיק. פאַרמשפּט געוואָרן צו אייביקער פאַרשיקונג, געזעסן עטלעכע יאָר אין תפיסה און לסוף באַגנעדיקט געוואָרן, אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך, זיך באַזעצט אין דער שווייץ, דערנאָך אין בריסעל, און דאָרט אָנגעשריבן דאָס אויסשעפנדיקסטע ווערק „געשיכטע פון דער פאַרשווערונג פון גלייכע, אָנגעפירט דורך באַבעפן" — דאָס וויכטיקסטע ווערק אויף דעם געביט, וואָס האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויפן גאַנצן דור רעוואָלוציאָנערן אין פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד. די לעצטע יאָרן ווידער פאַרברענגט אין פאַריז, געבליבן ביזן טויט אַן אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער טוער.

בואַסיע פּיער עדמאָן (1810—1885), שווייצאַרישער באָטאַניקער, באַרימט פון זיין ריזיקן הערבאַריום, וואָס געפינט זיך אין זיין שטעטעלע שאַמבעזי, לעבן גענף — אויף זיין נאָמען, און פון זיין 6בענדיקער „אָריענטאַלישע פלאָרע", וואָס אַנטהאַלט באַשרייבן פון כמעט 12 טויזנט טיפּן בלומען־געוויקסן — פונעם ברעג מיטללענדישן ים, ביז איבער אַרמעניע, פערסיע, קאַווקאַז, טורקעסטאַן און מאָנגאָליע.

בואַסען פראַנסואַ (1728—1807), אָנגעזעענער פראַנצויזישער אוטאָפּישער סאָציאַליסט אויס דער עפּאָכע פון דער גרויסער רעוואָלוציע. געווען, שוין אין

עלטער פון 65 יאָר, איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פון יאַקאָבינישן קלוב. בעת ראָבעספּיער (ז.) האָט (21—4 1793) איבערגעלייענט פאַר די יאַקאָבינער זיין פּראָיעקט דעקלאַראַציע פון מענטש און בירגער, איז ב. אַרויסגעטראָטן מיט אַ קעגנפּראָיעקט, וואָס איז געגאַנגען אַסך ווייטער פון ר.ס דעקלאַראַציע — פון רעכט פון די סאַנקילאָטן (אָנהויזנדיקע). בעת דער רעוואָלוציע געווען אַ ריכטער אינעם בירגער־געריכט אין סען־דעפּאַרטאַמענט. בעת נאַפּאָלעאָנס עפּאָכע אָנגעשריבן אַ הימן לכבוד אים, אָבער דאָך באַטאָנט דאָרט די באַדערפעניש פון אַ סאָציאַלן איבערבוי. 1789 אַרויסגעלאָזט אַ „קאַטעכיזם פון מענטשלעכן מין" — וואָס האָט אַרויסגערופן שטאַרקע אויפרעגונג אַזוי אין די הערשנדיקע קלאַסן, ווי צווישן די כלי־קודש. אינעם דאָזיקן ביכל האָט ער געגעבן אַ בייסיקע כאַראַקטעריסטיק פונעם עקזיסטירנדיקן סדר און זיך באַמיט גענוי אָנצומערקן די קומענדיקע אָרדענונג. אַלע מענטשן, זאָגט זיך דאָרט, האָבן גלייכע רעכט אויף עקזיסטענץ און אויף געניסן פון לעבן. אויב ס'איז נישט אַזוי, זענען דערין שולדיק דריי זאַכן: רעליגיע, חתונה און פּריוואַט־אייגנטום. נאָך אַ דרייסטן אַנאַליז פון דידאָזיקע דריי אינסטיטוציעס, פירט ער אויס, אַז מען דאַרף אומברענגען אָט דעם „מענטשנמערדערישן, פאַרקויפטן און קעגנגעזעלשאַפטלעכן סדר", און אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט אַזוי, אַז „אַלע אירע קינדער זאָלן געפינען אין איר שויס דיזעלבע קוואַלן צו באַפרידיקן זייערע פיזישע באַדערפענישן, ווי זיי געפינען באַלד נאָך זייער קומען אויף דער וועלט — אין דער מוטערס ברוסט".

ער האָט אויך געוואָרפן דעם לאָזונג, וואָס סען-סימאָן האָט שפּעטער אונטערגעהאַלטן: „דאָס גאָלדענע י"ה איז נישט הינטער אונדז, נאָר פאַר אונדז". בעת דעם איבערגאַנג פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם דאַרף מען נאָך דאָס פּריוואַט-אייגנטום נישט אומברענגען, נייערט די געזעלשאַפט אַליין רעגולירט די פּראָדוקציע און פאַרברויך פון די אַרטיקלען פון ערשטן געברויך, אָרגאַניזירט גרויסע פאַבריקן און ריזיקע מאַגאַזינען אאַוו. דער עיקר איז, אָבער, די נייע דערציונג: זי דאַרף טייטן דאָס געפיל פון עגאָיזם אינעם מענטשן און אַנטוויקלען אין אים דעם אַלטרואיזם. דערום דאַרף מען די שולן אָפּטיילן פון דער עלטערער געזעלשאַפט, מען דאַרף דאָרט איינפירן דעם קולט פון אַרבעט. די יינגלעך דאַרפן דערצויגן ווערן דורך ערלעכע זקנים, די מיידלעך — אין גרויסע פּאַלאַצן, כדי זיי פאַרגיטיקן פאַר דער עוולה, וואָס די מענטשהייט באַגייט קעגן דער פרוי. זיין בוך האָט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף באַבעפן און זיינע פריינד. דאָס איז אַ וויכטיקער בייטראַג צום איבערגאַנג פון ריין-אוטאָפּישן צום פּראַקטישן עלעמענט אין סאָציאַליזם. נאָך אַנדערע ביכער: „קעגן דעם אַלגעמיינעם צוואַנג", „דער ציווילער קאָדעקס פון פראַנקרייך אָדער דער פּלאַן פון פרייהייט".

בובניק יוזעף, טשעכישער פּראָלעטאַרישער פּובליציסט, ביז 1925 געווען אָנגעזעענער מיטגליד פון דער טשעכישער קאָמפּאַרטיי, שפּעטער, נאָך דער בלוטיקער דעמאָנסטראַציע אויף דער „וואַצלאַוווער פּאָרשטאָט" אין פּראַג,

ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ שחיטה איבער די אַרבעטער, אַריבער צו דער רעכטער אָפּאָזיציע, געשאַפן אַן אייגענע פּאַרטיי „אומאָפּהענגיקע קאָמוניסטן", אַרויסגעגעבן זיין צייטונג „הלאָס פּראַוודי" (שטים פון אמת). נאָכן דורכפאַל ביי די וואַלן צום פּאַרלאַמענט 1925, פונאַנדערגעלאָזט זיין פּאַרטיי און גערופן אַריינצוטרעטן אין דער ס. ד. זינט 1926 אַוועק פון פּאָליטישן לעבן.

בוגענוויל לואי אַנטואַן דע (1729—1811), פראַנצ. ים-רייזנדער פון 18טן י"ה. נאָך לאַנגע בלאָנדזשעניש, געפונען זיין באַרוף פון אַ רייזנדן און ד. יאָר 1766 זיך געלאָזט, בראש פון אַן עקספּעדיציע, אויף דער שיף „די קאַפּריזנע" אויף אַ רייזע אַרום דער וועלט, בעיקר זיך אינטערעסירט מיטן דרום-טייל פון גרויסן אָקעאַן. אַנטדעקט דאָן 4 פרישע אינדזלען פון יענער געגנט (טאַיטי) — איינער איז אויף זיין נאָמען. זיין רייזע איז געווען די ערשטע פראַנצויזישע נסיעה אַרום דער וועלט. זיין בוך „רייזע אַרום דער וועלט" (1776—1777), האָט באַרייכערט די דעמאָלטיקע געאָגראַפיע מיט אַסך נייס איבער פּאָלינעזיע, ווי אויך בכלל איבער אָקעאַאַניע.

בודין לואי (1874 ◦), אַמעריקאַנישער מאַרקסיסטישער עקאָנאָמיסט, געאַרבעט אין סאָציאַל. באַוועגונג אין אַמעריקע. פון די וויכטיקסטע ווערק: „דאָס טעאָרעטישע סיסטעם פון ק. מאַרקס אין ליכט פון נייסטער קריטיק" — אַן אַנאַליז פון דער מאַרקסיסטישער סאָציאָלאָגישער און עקאָנאָמישער סיסטעם און פון אירע קריטיקער; „סאָציאַליזם

„און מלחמה" (1916), מיטגעאַרבעט אין דער בערלינער ס.ד.שער „נייע צייט".

בוזאָני פערוטשאָ בענווענוטאָ (1866–1924) איטאַליעניש-דייטשער קאָמ-פּאָזיטער און וועלט-באַרימטער פּיאַ-ניסט. שוין אין עלטער פון 9 יאָר איבעראַשט מיט זיין גרויסער מוזיקאַ-לישער קענטעניש, און הגם ער האָט זיך שפּעטער ביי קיינעם נישט גע-לערנט, זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע קינסטלער. כמעט משך זיין גאַנצער קאַריערע אַרומגעפאָרן איבער די גרעסטע שטעט פון איי-ראָפּע און אַמעריקע, באַקומען אַ ריי מוזיקאַלישע פּרעמיעס; 1915 געוועזן אין אַמעריקע, נאָר היות ווי אַמעריקע האָט זיך געגרייט צו דער מלחמה, אַריבערגעפאָרן אין דער שווייץ, ווו געוועזן ביז 1919, ווייל, ווי ער האָט דערקלערט, „אַלס פּרינציפּיעלער קעג-נער פון מלחמה, נישט געוואָלט אויפ-טרעטן אין קיין קריגפירנדיק לאַנד". 1920 זיך באַזעצט אין בערלין. ווערט געהאַלטן פאַרן גרעסטן פּיאַניסט פון ערשטן פערטל 20 י"ה; ער האָט אויך אויפגעצויגן אַ גאַנצן דור קינסטלער און פּיאַנאָ-ווירטואָזן. פאַרפאַסט לערך 100 זאַכן פאַר פאָרטעפּיאַנאָ, אַסך פאַר אָרקעסטער, 5 מוזיקאַליש-דראַמאַטישע ווערק — דאָס לעצטע, „דאָקטער פאַוסט", איז אויסגעפירט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל שוין נאָך ב.ס טויט — 1925, אין בערלין. אָנגעשריבן אויך אַ „סקיץ פון נייער עסטעטיק פון מוזיקאַלישער קונסט".

בוהעליע סאַן זשאָרזש, דע — פס"ד פון סטעפאַן זשאָרזש (1876°), פראַנצויזישער דיכטער, פּי-דער פונעם „נאַטוריזם", וואָס פאַר-

לאַנגט אַ פאָטאָגראַפיש-געטרייע קאָפּיע פונעם לעבן. אָנגעשריבן די קאָמפּבי-כער: „דאָקומענטן פון נאַטוריזם", „אַי-בערקוק פון נאַטוריזם" — ווי אויך די בעלעטריסטישע ווערק „לידער פון פלאַמיקן לעבן", „מענטשלעכע פּאָעמע", אַ ראָמאַן „שוואַרצער וועג", אַ דראַ-מע „דער קאַרנאַוואַל פון די קינדער".

בוהטורי אַבו אובאַדאַט (820–897), אַראַבישער דיכטער, צונויפגע-שטעלט אַן אַנטאָלאָגיע פון אַלט-אַראַ-בישער ליריק „די קליינע האַמאַסע" — צו אונטערשיידן פון זיין לערער אַבו-טעמ-מאַיס גרעסטער „האַמאַסע". די אַראַבישע קריטיק האַלט אָבער ב.ן העכער פון זיין לערער.

בוטאַשעוויטש-פּעטראַשעוו-סקי — ז' פּעטראַשעווסקי.

בויטאָ ענריקאָ האַניבאַלע (1868–1912), איטאַליענישער דראַמאַטורג. זיין ליטעראַרישע אַרבעט צייכנט זיך אויס מיט איר טענדענציעזקייט — דעם מחברס עקסטן קאָנסערוואַטיזם און זיין שאַרפן קאַמף קעגן אַלדאָס נייע אין דער געזעלשאַפט. באַקאַנט זענען אויך זיינע ראָמאַנען „אויטאָמאַט", „נשמה"; פּיעסעס — „דער סוף פון אַן אידעע", „אַטעיסטן".

בוטלעראָוו אַלעקסאַנדער (1828–1886), באַקאַנטער רוסישער כע-מיקער, געוועזן איינער פון די באַ-גרינדער פון דער מאָלעקולערער אָדער סטרוקטורעלער כעמיע, געהערט צו די וויכטיקסטע וועלטפירער פון דער טע-אָריע פון אָרגאַנישער כעמיע. צווישן אַ ריי אַנדערע ערשטראַנגיקע אַנטדע-קונגען, אויך אַנטדעקט — די דרייאַי-קע ספּירטן, די „אומגעזעטיקטע" קוילנ-

וואַטערן, די מעטאַל-אָרגאַנישע פאַריי-
ביקונגען א. אַנד. אַרויסגעגעבן אַ ריי
גרויסע כעמיקער מיט אַ וועלטנאָמען
(זאַיצעוו, לוואָוו, וואַגנער א. אַנד.).
די וויכטיקסטע ווערק: „די כעמישע
סטרוקטור פון קערפּערס״, „די פאַר-
שידענע דערקלערונגען פון איזאָמעט-
ריע״, „גרונטבאַגריפן פון כעמיע״ (אַ
פּאָפּולערע שריפט) א. אַנד. אָנגעשריבן
אויך אַ בוך איבער בינענצוכט, ווי
אויך איבער ספּיריטיזם, וואָס האָט אים
אינטערעסירט.

בוטס וויליאַם (1829—1912), ענג-
לישער מוסרניק, דער גרינדער פון
דער באַרימטער „רעטונג-אַרמיי״ — אַ
רעליגיעז-פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציע,
וואָס האָט פאַר אַ ציל צו קעמפן מיט
דער פאָלקס-אָרעמקייט דורך צדקה און
מעשים-טובים און אַזוי-אַרום אָפּווענדן
די מאַסן פון אַנדערע, מער-ממשות-
דיקע וועגן. 1865 געגרינדעט די „דרום-
לאָנדאָנער קריסטלעכע מיסיע״, וואָס
האָט 1878 זיך פאַרוואַנדלט אין דער
ד. אַ. סיי דעם קעניג, ווי דער רע-
גירונג און די הערשנדיקע קלאַסן איז
די רעט.-אַרמיי שטאַרק צום האַרצן
און זי ווערט געשטיצט מיט אַ ברייי-
טער האַנט. די פירונג אין דער אָר-
גאַניזאַציע גייט איבער בירושה. זיין
גרונט-ווערק, ווו ער באַגרינדעט די
נייטיקייט פון דערדאָזיקער אַרמיי, איז
אַרויס ד. יאָר 1890 און הייסט „ענג-
לאַנדס נויטן און דער אויסגאַנג פון
זיי״.

בוטס טשאַרלז (1840—1916), ענג-
לישער שרייבער, דעמאָקראַט. זיין
וויכטיקסטע אַרבעט הייסט „לעבן און
אַרבעט פון לאָנדאָנער פאָלק״ (1903) —
17 בענד, ווו ער גיט, אויפן סמך פון

ריזיקן סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, אַן
אַלזייטיק בילד פון דער לאָנדאָנער
אָרעמקייט. אָנגעשריבן נאָך, איבער
עמעריטור פאַר אַלטע האַרעפּאַשניקעס,
„די עלטער-עמעריטור״, „די אָרעמע
אַלטעלייט אין ענגלאַנד און וועלס״.

בוטרו עמיל (1845—1921), פראַנ-
צויזישער פילאָזאָף, אידעאַליסט; באַ-
גרינדעט די צופעליקייט פון די נאַ-
טור-געזעצן, די פרייקייט פון מענטש-
לעכן גייסט, די אומאָפּהענגיקייט פון
די באַזונדערע וויסנשאַפטן. אָנגעשריבן
צ. אַ. „די צופעליקייטן פון די נאַ-
טורגעזעצן״, „דאָס נאַטירלעכע געזעץ״,
„וויסנשאַפט און רעליגיע אין היינט-
צייטיקער פילאָזאָפיע״, „פּאַסקאַל״.

בוכאַרי אַבו-אַבדאַלאַה-מחמד
(810—870), אַראַבישער שרייבער, דער
וויכטיקסטער זאַמלער פון די „כאַדיסן״—
מסורות איבער די רעדעס און מעשים
פונעם נביא מחמד. זיין זאַמלונג פון
7.275 כאַדיסן ווערט ביי די פרומע
מאַכמעדאַנער געהאַלטן אַזוי הייליק,
ווי דער קאָראַן אַליין.

בוכאַרין ניקאָלאַי (1888 ○), רו-
סישער עקאָנאָמיסט און רעוואָלוציאָ-
נער, איינער פון די פירער פון דער
ראַטנמאַכט, מיטגליד פון אַ ריי רו-
סישע און אינטערנאַציאָנאַלע אינ-
סטאַנצן. אין דער רעוואָלוציאָנערער
באַוועגונג אַריין צו 17 יאָר, 1906
אַריין אין דער באָלשעוו. אָרגאַניזאַציע,
אָנגעפירט אַ גרויסע אַגיטאַציע-אַרבעט
צווישן רוסישע אַרבעטער. עטלעכע מאָל
געוואָרן אַרעסטירט, 1911 אַנטלאָפן קיין
דייטשלאַנד; מיטגעאַרבעט אין אַ ריי צייַ-
טונגען און זשורנאַלן, בעיקר „פּראַוודאַ״,
„בילדונג״; דעם אָנהייב מלחמה פאַר-
בראַכט אין דער שווייץ, שוועדן, נאָר-

וועגיע, מערערע מאָל געוועזן פאָרשטייער פון דער פאַרטיי אויף די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן. 1912 ארויסגעלאָזט אַ בוך „די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פונעם רענטיע״, צו דערזעלבער צייט אויך אַ ריי פּאַמפלעטן און פּאָלעמישע אַרבעטן איבער די פארשידענע נישט-מאַרקסיסטישע און רעפאָרמיסטישע עקאָנאָמישע טעאָריעס. אין יענע יאָרן אויך פון אויסלאַנד אָנגעפירט מיט דער ארבעט פון דער דומע-פראַקציע. — אָנהייב מלחמה האָט מען אים אין עסטרייך ארעסטירט, ווי אַ רוסישן שפּיאָן, גיך אַרויסגעלאָזט. אַוועקגעפאָרן קיין שווייץ, ווו אָנגעשריבן אויך אַ גרויס בוך „די וועלטווירטשאַפט און דער אימפּעריאַליזם״. אין שוועדן ווידער אַרעסטירט געוואָרן פאר אַנטי-אימפּעריאַליסטישער פראָפּאגאנדע, אַוועק קיין נאָרוועגיע, דענעמאַרק, פאַר. שטאַטן. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, אַקטיוו געהאָלפן דער אָקטאָבער-איבערקערעניש — סיי אין שריפט, סיי אין רעדע, סיי מיט דער אָרגאַניזאטארישער איניציאַטיוו. סוף 1918 אַריבער קיין דייטשלאַנד, צוזאַמען מיט קאַרל ליבקנעכטן (ז.) געהאָלפן שאפן דעם ספּאַרטאַקוס-בונד. — היינט-צו-טאָג — איינער פון די וויכטיקסטע טוער אין קאָמינטערן און אין דער ראַטנמאַכט, גרויסער טעאָרעטישער כּוח און אויסגעצייכנטער פּאָלעמיסט. צוליב זיין אָנגעהעריקייט צו דער אַ. ג. רעכטער אָפּאָזיציע, איז ער די לעצטע צייט באזייטיקט געוואָרן פון אַ ריי אַמטן, אָבער דאָך הערט ער נישט אויף צו זיין פון די צענטראַלע פיגורן אין היינטצייטיקן מאַרקסיזם. צו די וויכטיקסטע ביכער, אַחוץ די

שוין-געדאַכטע: „די עקאָנאָמיק אינעם איבערגאַנג-פעריאָד״, „דער אימפּעריאַליזם און די אַקומולאַציע פון קאפּיטאַל״, און די זייער פּאָפּולערע „טעאָריע פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם״, ווי אויך „פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע און קולטור״.

אויף יידיש: כמעט אלע וויכטיקערע ווערק.

בויוויד אָטאָ (1857 ○), פּוילישער געלערטער, באַקטעריאָלאָג. באַקאַנט דערמיט, וואָס דער ערשטער איינגעפירט אין פּוילן די פּאַסטער-(ז.) מעטאָדע צו היילן מענטשן, וואָס זענען צעביסן דורך משוגענע חיות.

בויסאָן פערנאַנד עדואַרד (1841 ○), פראנצויזישער פּעדאַגאָג און פּאָליטישער טוער, פירער פון די ראַדיקאַל-סאָציאַליסטן, צוזאַמען מיט וויקטאָר באַשן — לידער פון דער פרנצ. ליגע פאַר מענטשן- און בירגער-רעכט, זינט 1902 שטענדיקער דעפּוטאַט אין פּארלאמענט (אַן אויסנאַם 1914—1919). איינער פון די וויכטיקסטע קעמפער פאר אַן אָנרעליגיעזער שול, מחבר פון אַסך געזעץ-פאָרלייגן אין פּאַרלאַמענט. אַחוץ אַסך ספּעציעל-פּעדאגאָגישע ווערק, אָנגעשריבן צ. אַ.: „רעליגיע, זיטלעכקייט און וויסנשאַפט — זייער קאָנפליקט אין דער היינטצייטיקער דערציונג״, „דער רעליגיעזער יסוד פון וועלטלעכער מאָראַל״, „פּעדאַגאָגישע שמועסן״, „פּעדאגאָגישע ענציקלאָפּעדיע״.

בוכנער עדואַרד (1860—1917), אָנגעזעענער דייטשער כעמיקער, בעיקר זיך פאַרנומען אויפן געביט פון גערונג פון עסיק-עטער, פון זויער-שטאָף, אַדורכגעפירט אַ ריי פאָרשונגען איבער הייוון. פאר זיין ארבעט „די צימאַ-

סע־גערונג" באַקומען 1907 די נאָבעל־פּרעמיע פאַר כעמיע. געפאַלן אין דער לעצטער מלחמה אויפן פראָנט.

בול ד ז ש אָ ר ד ז ש (1815—1864), ענגלישער לאָגיקער און מאַטעמאַטיקער, באַגרינדער פון דער מאטעמאטישער סימבאָלישער לאָגיק — אַ לערע, וואָס שטיצט זיך אויף באַצייכענען זאַכן, מענטשן, געשעענישן דורך אותיות אָדער מאטעמאטישע סימנים, וואָס דערפירט צו גאָר אַבסורדאַלע, פּאַראַדאָקסאַלע און, סוף־כל־סוף, נישט־ריכטיקע אויספירן. אָנגעשריבן: „מאַטעמאַטישער אנאליז פון לאָגיק", „די געזעצן פון געדאַנק" א. אַנד.

בול, אַ משפּחה פראַנצויזישע מעבל־קינסטלער. דער באַקאַנטסטער — אַנדרע־שאַרל ב. (1641—1731), וואָס האָט געאַרבעט מעבל פאַר די פאַלאַצן אין לוווער און פאַריז, ווי אויך פאַרן ו ע ר ס אַ ל ע ר פאַלאַץ. דאָס מעבל איז דאָס רוב שוואַרץ, באַפּוצט מיט אינקרוסטאַציעס. כאַראַקטעריסטיש איז די שווערקייט, מאַסיווקייט און שווערע באַגילדנקייט. דערדאָזיקער סטיל האָט לאַנג אָנגעהאַלטן און ווערט אָנגערופן — ב ו לישער.

בולגאַקאָוו מ י כ אַ י ל (° 1891), רוסישער שרייבער, לכתחילה — אַ ווייסער עמיגראַנט, שפּעטער אַ באָלשעוויסטיש־סימפּאַטיזירנדיקער בעלעטריסט. באַקאַנט איז זיין ראָמאַן „ווייסע גוואַרדיע", ווו ער לייגט אַרויף די גאַנצע שולד פון אירע אכזריותדיקייטן אויף דער גענעראַליציע; דאַן די פּיעסעס — „טעג פון די טורבינס" און „זאָיקאַס דירה" — אין וועלכע ער שטעלט פאַר די שלעכטע זייטן פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט. דידאָזיקע פּיעסן

זענען אויך איבערגעזעצט און געשפּילט אין אַסך שפּראַכן.

בולווער = ל י ט אָ ן ע ד ו אַ ר ד ד ז ש אָ ר ד ז ש (1803—1873), ענגלישער שרייבער, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן, ווי אַ פירער פון די ליבעראַלן, שפּעטער, זייענדיק עטלעכע מאָל מיניסטער, אַריבער צו די קאָנסערוואַטערס. זיין שאַפונג איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן איבערגאַנג־פּעריאָד פון ראָמאַנטיזם צו רעאַליזם; ער האָט אויך גיך זיך צוגעפּאַסט צום ליטעראַרישן געשמאַק פון דעם לעזער־עולם. פון זיינע באַקאַנטסטע ראָמאַנען איז „פּעלהאַם", „אייזשען אַראַם", „די לעצטע טעג פון פּאָמפּיי", „די פּאַריזער", „וואָס וועט ער דערמיט טון?", „אַ מאָדנע געשיכטע", „מיין ראָמאַן" א. אַנד., ווי אויך לידער און דראַמעס, היסטאָרישע און קריטישע אַרבעטן. בעת זיין פּאָליטישער קאַריערע געווען דער פירער פון דער קאַמפּאַניע פאַר מחברים־רעכט.

בולענווילע אַ נ ר י (1658—1722), פראַנצויזישער היסטאָריקער, אַ גראַף. אין זיינע: „געשיכטע פון די אַלטע רעגירונגען אין פראַנקרייך", „די פראַנצויזישע מלוכה", „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער בירגערמייסטערשאַפט און פונעם פּאַרלאַמענט אין פּאַריז" א. אַנד. אַדורכגעפירט, אַז דאָס אמתדיקע פראַנצויזישע פאָלק זענען בלויז די אַריסטאָקראַטן, מחמת נאָר זיי שטאַמען פון די פראַנקן, די באַצווינגער פון די פריערדיקע באַוווינער פון פראַנקרייך.

בונגערט א ו י ג ו ס ט (1846—1915), פּאָפּולערער דייטשער קאָמפּאָזיטער,

געפּרוּווט אַנטקעגנשטעלן וואַגנערס (ז.) „רונג פון די ניבעלונגען" זיין מוזיקאַליש-דראַמאַטישן ציקל: „האָמערשע וועלט", וואָס איז כמעט ווי נישט געלונגען. באַקאַנט איז אויך זיין גרויסע סימפאָניע „צעפּעלינס ערשטער גרויסער אַרויספאָר".

בונזען ראָבערט ווילהעלם (1811—1899), איינער פון די גרעסטע כעמיקער פון 19טן י"ה. אַנטדעקט, צ. אַ., דאָס זייער פון קאַקאָדיל, ראַדיקאַל א. אַנד. כעמישע עלעמענטן, געפאָרשט אויך די גאַזן פון די הויזקוימענס, און זיין בוך איבער דעם געביט, „גאַזאָמעטרישע מעטאָדעס", איז אַ קלאַסישע אַרבעט נאָך ביז היינט. בעת זיין רייזע איבער אויסלאַנד געפאָרשט אויך די גייזערס, דעם איינפלוס פון ליכטיקייט אויף כעמישע רעאַקציעס, וואָס האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער פאָטאָכעמיע. געשאַפן אויך ממש וווּנדער אויפן געביט פון פייער-כעמיע, באַגרינדעט דעם ספּעקטראַלישן אַנאַליז, וואָס דערמעגלעכט אויסצופאָרשן די קערפּערס ביז 0,000,0001 (איין צענטהלק מיליאָן) מיליגראַם אין לאַבאָראַטאָריע און פאָרשן די באַשטאַנדטיילן פון דער זון און שטערן אויף מיליאַרדן קילאָמעטער ווייט. געשאַפן אַ שול כעמיקער, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן וועלטבאַרימט.

בונין איוואַן (1870 °), היינטצייטיקער רוסישער שרייבער, שטאַמט פון אַן אַלטער פּריצישער משפּחה. באַלד פון די יונגע יאָרן באַקומען אַ שנאה צו די מענטשן מיטן „בלויען בלוט", אָבער אויך די פּויערן אַרום האָט ער פיינד באַקומען מיט אומגעהייערן האַס. געהערט אין זיין צייט צו אַ ליטעראַרישן קרייז „סביבה" — צוזאַמען מיט מ. גאָרקי, אַנדרעיעוו, קופּרין, אי. בערגעזעצט לאָנגפעלאָן און בייראָנען, פאַר וואָס באַקומען גרויסע ליטעראַרישע פּרעמיעס. אָנגעשריבן, צ. אַ., די ראָמאַנען „דאָרף" און „טאָל", וווּ ס'ווייזט זיך אַרויס זיין פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן. היינט-צו-טאָג — אין אויסלאַנד, ווו ער פירט אַ העפטיקע קאַמפּאַניע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, קעגן די אַרבעטער און פּויערן פון זיין היימלאַנד. זיין פּרעכטיקן, שאַרפן סטיל נוצט ער אויס אין שאַרפער פּובליציסטיק קעגן די היינטיקע הערשער פון זיין היימלאַנד. 1924 האָט געמאַכט גרויס אויפזען זיין נייער ראָמאַן „מיטיאַס ליבע".

בוסירי (1213 — 1296), באַקאַנטער אַראַבישער דיכטער, באַוווּסט פון זיין פּאָעמע „בורדאַ", אין 161 שורות, וואָס יעדע ענדיקט זיך מיטן גראַם „מים" — דאָס ערשטע אות פונעם וואָרט מ ח מ ד. דאָס איז אַ מין לויבגעזאַנג צום נביא, וואָס האָט אים, ב.ן, מנצל געווען אינמיטן שלאָף. פאַראַן פון דערדאָזיקער פּאָעמע עטלעכע וואַריאַנטן און פירושים — אויף פּערסיש, טערקיש, אַראַביש.

בוסע ווילהעלם (1865 — 1920), דייטשער רעליגיע-היסטאָריקער און בעיקר — פון קריסטנטום, איינער פון די ראַדיקאַלסטע און דרייסטסטע פּראָטעסטאַנטישע היסטאָריאָגראַפיקער, אָנגעמאַכט אין די קאָנסערוואַטיווע קריטיקער-קרייזן אַ גרויסן רושם. צו די וויכטיקסטע ווערק ווערן פאַרעכנט: „הויפּטפּראָבלעמען פון גנאָזיס", „די רעליגיע פון יידנטום אין צייטעלטער

פון דער ברית-חדשה", „דער אַנטי־קריסט" און „יוחנן המטבילס אַנטפּלעקונג" -- די לעצטע אויסן געביט פון אַפּאָקאַליפּטיק.

בוסענגאָל זשאַן באַטיסט (1887—1802), שעפער פון דער כעמיש-פיזיאָלאָגישער שול פון וויסנשאַפטלעכער אַגראָנאָמיע, געווען לעקטער פון אַגראָנאָמיע אין אַ צענדליק הויכאַנשטאַלטן אין פראנקרייך, געפאָרשט אין דרום-אַמעריקע, פונוואַנען צוריקגעקומען מיט זייער אַסך מאַטעריאַלן איבער עורדקענטעניש. זיין מעטאָד איז געווען — די קינסטלעכע קולטורן, ד. ה. פאַרפלאַנצן די געגעבענע צמחים אין קינסטלעכע סביבות. געשאַפן דערמיט אַ נייע ווענדונג אין דער אַגריקולטור. אָנגעשריבן בס"ה 147 ווערק, פון וועלכע ס'זענען די וויכטיקסטע: „אַגראָנאָמיע, אַגראַרע כעמיע און פיזיאָלאָגיע" (8 בענד), „אַגראַרע עקאָנאָמיע", 2 בב., „כעמישע סטאַטיק פון געוויקסן" א. אַנד.

בוק נילס, דענישער גימנאַסטיקטעאָרעטיקער, מחבר פון דער „פרימיטיווער" גימנאַסטיק, וואָס ז'אַרף באַזייטיקן די חסרונות פונעם מענטשלעכן קערפּער. די שול האָט אַ סך אָנהענגער.

בוקיי מאָריס, פּס"ד פון מ. קויבאַ (1866°), פראנצ. דיכטער, איינער פון די בעסטע אין דער גרופּע סאָציאַלע זינגער אויפן מאָנמאַרטר ד. 90ער יאָרן פ. י"ה. אין זיינע „רויטע געזאַנגען", „נייע לידער" אויסגעדריקט די רעוואָלוציאָנער-דעמאָקראַטישע שטימונגען פון זיין צייט. ב. איז ווייט פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, אָבער האָט אַ גרויס געפיל פאַר גערעכטיקייט און נעמט דעריבער אונטער

זיין שוץ אויף דעם רענטיע, וואָס די בענק האָבן אים רואינירט. זיינע לידער זענען געווען באַגרינדעט אויף פאָלקס־ניגונים און האָבן מיט זייער פשטות און מעלאָדישקייט אַסך אויסגענומען; ס'זענען נאָך אויך באַקאַנט זיינע „לידער פון ליבע" — מיט אַ פאָרוואָרט פון פ. ווערלען. אַריין אין פאַרלאַמענט, האָט ער זיך ביסלעכווייז דערקייקלט וואָס אַמאָל רעכטער, געווען האַנדלס-מיניסטער אין קאַיאָס קאַבינעט (1911), דערנאָך — אין בריאַנס (ז.).

בוקער וואַשינגטאָן טאַליאַפעראָ (1915—1859), נעגריש-אַמעריקאַנישער פובליציסט און טוער, געב. אַלס שקלאַף אויף אַ פלאַנטאַציע אין ווירדזשיניאַ, גיך זיך אַרויסגערוקט ווי אַ נעגערפירער, זיך פאַרנומען מיט פעדאַגאָג. אַרבעט צווישן נעגערס און אינדיאַנער. 1891 געווען דער איניציאַטער פון דער ערשטער נעגער־קאָנפערענץ אין טוסקעדזשי, וואָס פלעגן שוין דערנאָך פאָרקומען נאָרמאַל יעדעס יאָר מיט 8—9 טויזנט אָנטיילנעמער. ווי אַ קליינבירגערלעכער דעמאָקראַט, זיך באַמיט צו אָרגאַניזירן קודם־כל די שוואַרצע פאַבריקאַנטן און סוחרים, געפאָדערט אויף אַ „בהדרגהדיקן" וועג צו גלייכבאַרעכטיקן די שוואַרצע מיט די ווייסע אמעריקאַנער. געווען אויך אַ לענגערע צייט דירעקטער פונעם אינדוסטריעלן אינסטיטוט פאַר נעגער אין טוסקעדזשי. געווען דער פאָפולערסטער נעגערפירער אין אַמעריקע, געהאַט צווישן די רייכע קרייזן פון די ווייסע אַסך פריינד. רעדאַגירט עטלעכע נעגער־זשורנאַלן, אָנגעשריבן, צ. אַ., „פון שקלאַפעריי

צו רום", "פון שקלאַפעריי צו די רייכטימער פון דער וועלט".

בּורדאַ לואי (1900—1824), פראַנצ. פילאָזאָף-פּאָזיטיוויסט, 1882 ארויסגעלאָזט צוויי בענדער "טעאָריע פון וויסנשאַפט", וו ער קלאַסיפיצירט דאָס מענטשלעכע וויסן פון פּאָזיטיוויסטישן שטאַנדפּונקט; אין זיינע "די כּוחות פון דער אינדוסטריי" און דאָס "באַצווינגען די היות-וועלט" באַמיט ער זיך צו דערוויזן, וויאַזוי דער מענטש האָט באַצוואונגען די נאַטור. אין זיין "געשיכטע און היסטאָריקער" ווייזט ער אויף, אַז די געשיכטע קאָן ווערן אַ פּאָזיטיווע וויסנשאַפט נאָר דאַן, ווען זי וועט זיך פאַרנעמען מיט די מאַסן, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר די מענטשהייט. אין זיין בוך "דאָס פּראָבלעם פון טויט, זיינע פלומרשטע באַשיידונגען און די פּאָזיטיווע וויסנשאַפט" באַהאַנדלט ער די פראַגע טיף-מאַטעריאַליסטיש, פאַרוואַרפט די השארת-הנפש און ווייזט-אויף, אַז די נשמה איז אַ פונקציע פונעם אָרגאַניזם, וואָס איז פולשטענדיק פאַרבונדן מיט זיין לעבנטעטיקייט. דאָך איז ב., אין געוויסע פּרטים, נישט אינגאַנצן מאַטעריאַליסטיש אויסגעהאַלטן.

בּורדעל עמיל אַנטואַן (° 1861—1929), פראַנצ. סקולפּטער, זיך געלערנט ביי ראָדענען (ז.), וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר זיין בעסטן תּלמיד; אַ לענגערע צייט טאַקע געשטאַנען אונטער זיין איינפלוס, שפּעטער אַוועק צו דער גריכישער און גאָטישער סקולפּטור, צו פלאַנמעסיקער קאָנסטרוקציע און עקספּרעסיאָניסטישן אויסדרוק. פון די באַקאַנטסטע פיגורן: "בעטהאָווענס קאָפּ", "דענקמאַל פאַר לעאָן קלאָדעל", "העראַקלעס שיסט פון אַ פייל־נבויגן", "אַפּאָלאָ", "די מאַדאָנע פון עלזאַס", ווי אויך אַ ריי צייכענונגען פאַר די פאַריזער טעאַטערס. 1928 אויפגעשטעלט אין פאַריז אַ דענקמאָל פאַרן גרויסן פּוילישן דיכטער אַ. מיצקעוויטש.

בּורדעראָן אַלבער (° 1858), פראַנצויזישער פּראָפעסיאָנעלער טוער און פּובליציסט, אָנטיילגענומען אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ. גייט אָן אין דער פראַנצ. פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פאַר אַ לינקן, כאָטש ער שטייט נישט אָפּ פון זיינע חברים אין רדיפות אויף די ראַדיקאַלע פאַרייןעלעמענטן. מיט איינעם אונטערשיידט ער זיך יאָ פון זיינע רעכטע פריינד; ער איז אַ מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער הילף, בעת זיי באַקעמפן זי און מסרן.

בּורהאַוו הערמאַן (1738—1668), אָנגעזעענער האָלענדישער דאָקטער און כעמיקער; געשאַפן אַ וועלט־באַרימטע שול קליניציסטן, אַדורכגעפירט דעם סיסטעם פון לעקציעס ביים בעט פון קראַנקן, וו די שילער האָבן געקאָנט זיך גלייך אויפן אָרט איבערצייגן. אויפן כעמישן געביט באַקאַנט פון זיינע אַרבעטן איבער קוועקזילבער, אומגעוואָרפן אַ ריי אַלכעמישע הנחות, וואָס האָבן נאָך דאַן אָנגעהאַלטן. דער ערשטער אָנגעווענדעט פאַרענהייטס (ז.) טערמאָמעטער אויסצומעסטן די טעמפּעראַטור בעת כעמישע רעאַקציעס. אָנגעשריבן אַ גרויסן סיסטעמאַטישן בוך "כעמישע עלעמענטן".

בּורזש עלעמיר (1925—1852), פרנצ. שרייבער, מחבר פון פאַנטאַסטישע, מיסטישע ראָמאַנען און סימבאָלישע

י. מאַטענקאַ

דראַמעס. צומכאַראַקטעריסטישסטן איז
זיין ראָמאַן „די פייגל פליען אַוועק,
די בלומען פאַלן“, וואָס ענדיקט זיך
לסוף, ווי אַ הימן פון אַבסאָלוטער
רעזיגנאַציע פאַרן נישט-זיין. דער
מחבר ברענגט זיינע העלדן פאַר
גרויסע נסיונות, כדי צו באַווייזן דעם
גאַנצן הבל־הבלים פון מענטשלעכן
גליק, פון זיין גלויבן, פון זיין קאַמף.
באַקאַנט איז אויך זיין „אומקום פון
געטער“. זיין סטיל איז זייער מייס-
טעריש, זיין אינהאַלט — אַ קינסטלע-
רישע באַלייכטונג פון שאָפּענהויערס
טעאָריעס.

בורזשע פּאָל (1852○), פראַנצויזי-
שער שרייבער, אָנגעהויבן מיט עטלע-
כע זאַמלונגען לידער אונטערן איינ-
פלוס פון באָדלער און מיוסע (ז.):
„אומרויק לעבן“, „התוודות“, „לידער“.
נאָר אַ נאָמען באַקומען ערשט אַדאַנק
זיינע ראָמאַנען. מען האַלט אים פאַרן
שעפער פונעם פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן
אין פראַנקרייך — ס'איז קענטיק אויף
אים דער איינפלוס פון סטענדהאַל און
דאָסטאָיעווסקי. פאַרטיידיקט אין זיינע
ווערק די אַלטע, גוטע פאַמיליע-טראַ-
דיציעס, וואָרנט די בורזשואַזיע פאַר
די פרוון צו „באַנייען“. די וויכטיק-
סטע ראָמאַנען: „שרעקלעכע רעטעניש“,
„פאַרברעך פון ליבע“, „ליגן“, „דער
שילער“ (דער באַרימטסטער ראָמאַן),
„עטאַפּ“ — אין וועלכן ער שטעלט
אַנטקעגן צוויי וועלטן — פון אַ פּי-
לאָזאָף-קאַטויליקער און קאָנסערוואַטער
און פון אַ דעמאָקראַט, אַ „יאַקאָבינער“,
און דער אויסגאַנג, ווי אויך דער
מוסר-השכל פונעם ראָמאַן פאַלט-אויס
לטובת דעם ערשטן. אין זיין „דרומ-
דיקן טייוול“ פאַרטיידיקט ער דעם רע-

ליגיעזן אינסטינקט און באַקעמפט די
נייע שטרעמונגען אין דער קאַטוילי-
שער קירך. אין זיין פּיעסע „באַריקאַ-
דע“ טרעט ער אַרויס, ווי אַ פאַרבי-
סענער שונא פון דער אַרבעטער-באַ-
וועגונג. — געשריבן אויך ליטעראַרי-
שע און פילאָזאָפישע עטיודן, קריטיק
און סילועטן. צוזאַמען אָנגעשריבן נאָענט
צו 60 בענד.

בורזשעלאַ קלאָד (1779–1712),
פראַנצויזישער וועטערינאַר, געגרינדעט
די ערשטע העכערע וועטערינאַרישע
שול-אַנשטאַלטן אין דער וועלט. אָנגע-
שריבן אויך עטלעכע גרונט-ווערק אויס
דעם געביט.

בוריאַן עדמונד (1878○), טשע-
כיש-מאָראַווישער רעוואָלוציאָנערער טו-
ער, פובליציסט און שרייבער; סוף די
90ער יאָרן אַריין אין דער עסטרייכי-
שער ס. ד., אָנגעפירט מיטן גרויסן
טעקסטיל-שטרייק 1898 אין ברין און
אומגעגנט. 12 יאָר געווען מיטגליד
פון צענטראַלקאָמיטעט פון דער פאַר-
טיי, הויפּטרעדאַקטער פון איר טשע-
כישן אָרגאַן „גלייכקייט“, זינט 1910
אָנגעפירט מיט דער „צענטראַליסטי-
שער“ שיטה, זינט דאַן געווען מיט-
גליד פון אויספ.-קאָמיטעט. רעדאַגירט
דעם, „פּראָלעטאַריער“ „דעלניצער טאָג-
בלאַט“ (1918). 1920 אַריין אין דער
קאָמ. פאַרטיי, ווידער רעדאַגירט די
„גלייכקייט“, פאַרנומען און פאַרנעמט
אַ ריי העכערע אַמטן, מיטגעאַרבעט
אין אַ ריי זשורנאַלן, ווי „דער קאַמף“,
„די נייע צייט“ א. אַנד. געשריבן, צ.
אַ.: „סאָציאַליסטישע בריוו“, „פּראָבלע-
מען פון טשעכאָסלאָוואַקישער סאָציאַל-
דעמאָקראַטיע“, „די מלחמה און דער
וועלט-אימפעריאַליזם“ א. אַנד.

בורליוק דוד (1882°), רוסישער קינסטלער און קונסט-קריטיקער, איינער פון די ערשטע פירער פונעם רוסישן פוטוריזם. 1918—1923 אַרומגעפאָרן אין אַ ריי שטעט אין לאַנד און אויסלאַנד (יאַפּאַן, אַמעריקע), ווו געשאַפן אַ ריי לינק-קינסטלערישע קרייזלעך. אָנגעזעענער באַגרינדער פון דער סאָוויעטישער קולטור און קונסט-קריטיקער.

בורצעוו װלאַדימיר (1862°), רוסישער פובליציסט און פּאָליטישער טוער. אין די סטודענטישע יאָרן זיך דערנענטערט צו דער פאָלקיסטישער באַוועגונג פון יענע יאָרן, אַרעסטירט געוואָרן, איינגעזעצט אין דער באַרימטער פעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג און דערנאָך אַרויסגעשיקט קיין סיביר, פונוואַנען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. 1889 אַרויסגעגעבן אין גענף דעם זשורנאַל „פרייע רוסלאַנד", ווו געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר פארייניקן די רעוואָל. באַוועגונג צוזאַמען מיט דער ליבעראַלער, אָבער אין דערזעלבער צייט געווען פ אַ ר פּאָליטישן טעראָר. 1891 אַוועק קיין לאָנדאָן, ווו שטודירט די געשיכטע פון רעוו. באַוועגונג אין רוסלאַנד, אַרויסגעלאָזט אַ בוך געשיכטע „פאַר הונדערט יאָר", רעדאַגירט דעם זשורנאַל „נאַראָדאָוואָליעץ". די ענגלישע פּאָליציי, אונטערן דרוק פון דער רוס. רעגירונג, האָט אים אַרעסטירט, אָנגעקלאָגט אין העצן צו דערהרגענען ניקאָלאַי II און פאַרמשפּט צו אַנדערהאַלבן יאָר תּפיסה. נאָכן אָפּזיצן, אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „בילאָיע" (וואָס געווען), וואָסאַמאָל זיך דערנענטערט צום דעם ליבעראַליזם. 1905 אָנגעשריבן אַ בריוו צום פּרעמיער װ י ט ע,

אַז ער איז גרייט אַרויסצוטרעטן קעגן טעראָר, אויב מען וועט אויפהערן צו פאַרפאָלגן רעוואָלוציאָנערן. די רעוואָלוציע פון 1905 האָט אין אים געפונען אַ שונא — ער האָט זי אָנגערופן „אַן אומגליק". זינט 1907 אָנגעהויבן זיין באַרימטע דעמאַסקיר-אַרבעט פון פּאָליצייאישע פּראָוואָקאַטערס, בעיקר מיט זיין דעמאַסקירן אַזעפן און האַרדינג-לאַנדאייזענען. די דאָזיקע אַרבעט איז געוואָרן זיין הויפּט-באַרוף. בעת דער מלחמה פאַרנומען אַ שאָוויניסטישע שטעלונג, בעת ביידע רעוואָלוציעס געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף קעגן די רעוואָל. טוער און אָרגאַניזאַציעס. 1917 אַרויסגעגעבן אַ צייטונג „אַלגעמיינע זאַך", ווו אונטערגעשטיצט גענעראַל קאָרנילאָוו. נאָך דעם אָקטאָבער-אויפשטאַנד אַוועק קיין אויסלאַנד, ווידער אַרויסגעגעבן די „אַלגעמיינע זאַך", ווו טאָג-איין טאָג-אויס אַדורכגעפירט דעם געדאַנק פון מיליטערישער אינטערווענץ מצד די גרויסע מלוכות קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, איז נאָך ביז היינטיקן טאָג איינער פון די אָנגעזעענסטע ווייסע פירער. אָנגעשריבן נאָך: „זכרונות", „אין קאַמף מיט די באָלשעוויקעס און די דייטשן".

בוש ווילהעלם (1832—1908), דייטשער הומאָריסט. געשטודירט לכתחילה מאָלעריי און צייכענונג, אָנגעהויבן מיט קאַריקאַטורן און קאָמישע צייכענונגען און לסוף אַליין צוגעגעבן הומאָריסטישע דערקלערונגען צו זיינע בילדער. אין זיינע צייכענונגען אָפּגעלאַכט פון די בירגערלעכע, פאַרעלטערטע מנהגים און אינסטיטוציעס, ווי חתונה און דערציונג, ווי אויך די צביעות און פאַלשקייט („הער און פרוי"

קלאָפּ״, „פרומע העלענע״, „פּאָטער פילוציוס״). אַ וועלטרום באַקומען אַדאַנק זיין קאָמישער פּאָעמע „מאַקס און מאָריץ״. זיין סטיל איז אַ פּשוטער, אַ גלייכע ליניע, וואָס פירט צו אַן פּרימיטיווער סיטואַציע. געשריבן אויך אַסך פאַר קינדער.

אויף יידיש: אַ צענדליק קינדער-ביכלעך.

בושאַן געאָרג (○ 1863), דייטשער אַנטראָפּאָלאָג, עטנאָגראַף און דאָקטער. באַקומען אַ וועלטנאָמען אַדאַנק זיין 4בענדיקער „די זיטן פון פעלקער״, „אילוסטרירטע פעלקערפירער״, „געשלעכט און פאַרברעכן״. צוזאַמען אָנגעשריבן איבער 100 גרעסערע אַרבעטן. רעדאַקטער פונעם „צענטראַלבלאַט פאַר אַנטראָפּאָלאָגיע״.

בושער פראַנסואַ (1703—1770), גרעסטער פראַנצויזישער מאָלער אויסן 18טן י״ה. זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן זענען: „אַפּאָלאָ און דאַפניס״, דערנאָך — אַ ריי ליבע-סיוזשעטן פון דער אַנטיקער מיטאָלאָגיע. זיין הויפּט-מאָטיוו זענען האַלבנאַקעטע פיגורן, אָנגעטון אין פאַנטאַסטישע פאַרביקע מאַנטלען, אַרומגערינגלט מיט סימבאָלישע אַקסעסוּאַרן אויפן פאָן פון אַ פאַנטאַסטישן פּייזאַזש. אַ פאַוואָריט פון דער באַרימטער זנותניצע מאַדאַם פּאָמפּאַדור, האָט ער ווירקלעך — אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין — פאָרגעשטעלט די שטימונגען פון דער פראַנצ. אַריסטאָקראַטיע פון יענער צייט, וואָס האָט געהאַט פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס און האָט געזוכט פאַנטאַסטישע, איבערנאַטירלעכע. באַקומען מאַקע, פינף יאָר פאַרן טויט, דעם טיטל „דעם קעניגס ערשטער מאָלער״,

אָבער זינט דאַן האָט זיין טאַלאַנט אָנגעהויבן צו גיין צוריק.

בושער דע פּערט זשאַק (1788—1868), פראַנצ. שרייבער און אַרכעאָלאָג, עקאָנאָמיסט, דראַמאַטורג. פאַרנומען ביי נאַפּאָלעאָן I אַ הויכן דיפּלאָמאַטישן אַמט. די באַקאַנטסטע ווערק זענען: „איבער דעם פאַרמבולדיקן מענטשן״, „קעלטישע און פאַרמבולדיקע אַלטערטימלעכקייטן״, „ווענעמס קינדער, וועמענס — אַ נעגערס, צי אַ ווייסנס?״ און אַ גרויסע פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

בושעושינסקי מיעטשיסלאַוו (1858—1911), באַקאַנטער פּוילישער וויסנשאַפט-פּאָפּולאַריזאַטער. געגרינדעט אַ פאַרלאַג אויף זיין נאָמען, וואָס האָט די לעצטע 2 יאָרצענדליק פאָריק י״ה און דאָס ערשטע י״צ היינטיק י״ה אַסך געהאָלפן צו דער פּאָפּולאַריזירונג פון דער וויסנשאַפט. באַאַרבעט, אַרויסגעגעבן עטלעכע הונדערט ביכלעך — איבער אַלע געביטן פון וויסן. אַ גרויסער טייל היינטצייטיקער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך דערצויגן אויף דידאַקטיקע ביכלעך.

בי אָסקאַר (○ 1864), דייטשער קונסט-קריטיקער, געווען רעדאַקטער פון דער „נייער דייטשער רונדשוי״ און דער „פרייער בינע״. באַקאַנט זענען זיינע צוויי פונדאַמענטאַלע אַרבעטן: „דער טאַנץ״, „די אָפּערע״, אָנגעשריבן אין עסטעטישן מאַניער — ער גיט גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס, אָבער ער איז שטאַרק סובּיעקטיוו און האַלט בכלל נישט צופיל פון אָביעקטיווע פאַקטן.

ביאָ זשאַן באַטיסט (1775—1862), פראַנצ. מאַטעמאַטיקער, פיזיקער, גע־

אָדעזיסט און אַסטראָנאָם. צו 26 יאָר שוין געווען פּראָפעסאָר אין קאָלעזש דע פראַנס, צו 29 יאָר געוואָרן מיטגליד אין דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אַסך געאַרבעט אויף די אַלע געביטן, געווען אַ מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער געאָדעזישער קאָמיסיע אויסצומעסטן דעם מערידיאַן; אָנגעשריבן אַ ריי אַרבעטן אויס דער פּאָלאַריזאַציע פון ליכטיקייט. אָנגעשריבן עטלעכע געשיכטעס פון וויסנשאַפט: די אַנטיקע אַסטראָנאָמישע, די ארמישע, עגיפּטישע, כינעזישע, אַלט־פראַנצויזישע א. אַנד. אויף זיין נאָמען איז אויך פאַראַן דער עיקר־געזעץ פון עלעקטראָדינאַמיק — דאָס געזעץ פון ביאָ־סאַוואַר.

ביאַנקי לואידזשי (○ 1856), איטאַליענישער געאָמעטער, באַקאַנט פון זיינע אויפטוען אויפן געביט פון געאָם. אינוואַריאַנטן (ד. ה. גרויסן, וואָס זענען נישט אָפּהענגיק פון זייער קאָאָרדינאַט, נאָר האָבן אַ זעלבשטענדיקן געאָמעטרישן באַטייט). אָנגעשריבן אַ גרויסע, 3בענדיקע „לעקציעס איבער דיפערענציאַלער געאָמעטריע", וואָס ווערט נאָך ביז היינט גערעכנט פאַרן בעסטן טראַקטאַט איבער אָט דעם קעגנשטאַנד אין דער וועלט.

ביאַנקי מיקעלע (○ 1882), לכתחילה — אַן איטאַליענישער סאָציאַליסטישער טוער, היינט — אַ פאַשיסטישער פירער. אין די יונגערע יאָרן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער סאָציאַליסט. באַוועגונג אין אַסך שטעט, אין טריעסט רעדאַגירט דעם פּאַרטיי־אָרגאַן „פּיקאָלאָ" און צוליב דעם אַרויסגעשיקט געוואָרן. בעת דער מלחמה געהערט צום לאַגער „אינטערווענציאָ־

ניסטן" (אָנהענגער פון איטאַליעס אַריינמישן זיך אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט), אריינגעטראָטן פרייוויליק אין דער אַרמיי, געווען איינער פון מוסאָליניס ערשטע מיטאַרבעטער. נאָך דער איבערקערעניש פאַרנומען עטלעכע הויכע אַמטן, צווישן זיי — פון וויצע־אינערן־מיניסטער. רעדאַקטער פון „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ" — אַ פאַשיסטישע טאָגצייטונג.

ביביק אַלעקסיי (○ 1878), רוסישער שרייבער, אַן אַרבעטער. געאַרבעט ביי פאַרשידענע פאַכן, 1900 אַריין אין דער ס. ד. פּאַרטיי, אַרעסטירט געוואָרן פאַר פּראָפּאַגאַנדע צווישן פויערן און פאַרשיקט. זיין סטיל איז פּשוט ביז גאָר, זיינע טעמעס — טאָגטעגלעכע, וואָכעדיקע פאַרלויפן אין אַרבעטערשע און באַלמעלאָכישע שטיבער — אין די יאָרן פאַר דער וועלט־מלחמה. זיינע ראָמאַנען: „צום ברייטן שליאַך", „אויפן שוואַרצן פּאַס" — וואָס שילדערן די יאָרן פון רעאַקציע אין דער אַרבעטער־סביבה. פּאָפּולער איז אויך זיין „האַרטער מענטש".

ביבל קאָנסטאַנטין (○ 1901), טשעכישער דיכטער, געהערט צו דער „ליטעראַרישער גרופּע", נאָענטער מיטאַרבעטער פונעם לינק־ליטעראַרישן זשורנאַל „האָסט" (גאַסט). זיין ליריק איז שטאַרק דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע מאָטיוון. צו זיינע באַקאַנטסטע זאַכן געהערן: „מיט דער שיף, וואָס האָט געברענגט טיי און קאַווע", „לידער", „אַפּריס", א. אַנד. אַ גרויסן רעש האָט אַרויסגערופן זיין ליד איבער לענינען, אין וועלכן ער חוזקט־אָפּ פונעם גרעסטן נאַציאָנאַלן טשעכישן העלד — דעם הלק. וואַצלאַוו

און שטעלט אים אַנטקעגן לעבינגען, „דעם וואַיעוואָדע פון אונדזער ערד".

ביבערבאך לודוויג (° 1886), אָנגעזעענער דייטשער מאַטעמאַטיקער. באַקאַנט, הויפּטזאַכלעך, פון זיינע אַרבעטן איבער דער טעאָריע פון פונקציעס פון דער קאָמפּלעקסיווער ענדערונג. אָנגעשריבן אויף דעם געביט גרונטווערק „איינפירונג אין דער קאָמפּאַרמער אָפּבילדונג", ווי אויך אַ „לערנבוך פון דער פונקציע-טעאָריע", „דיפערענציאַלע און אינטעגראַלע אויסרעכענונגען", „טעאָריע פון דיפערענציאַל-גלייכונגען".

ביגורדאַן גיליאַם (° 1854), אָנגעזעענער פראַנצויזישער אַסטראָנאָם פון פּאַריזער אָבסערוואַטאָריע, געפאָרשט און אַנטדעקט פאַרנעבלונגען, ווי אויך שטערן-גרופּעס. אָנגעשריבן עטלעכע ווערק איבער געשיכטע פון אַסטראָנאָמיע.

ביידל דזשאָן (1615—1662), ענגלישער טעאָלאָג, באַקאַנט מיט זיין אַפּיקורסישן אַוועקשטעלן דעם ענין געטלעכע דרייאייניקייט. 1645 אַרויסגעלאָזט אַ בוך „12 אַרגומענטן, וואָס פאַרלייקענען די געטלעכקייט פון הייליקן גייסט" און נאָך אַנדערע, וווּ ער ווייזט אויף, אַז גאָט איז איינער און דער געדאַנק וועגן דרייאייניקייט איז ניט-לאָגיש. אויסגעזעסן דערפאַר אַסך, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אָבער געשטאָרבן אין תפיסה. — אַזוי-אַרום איז ער דער באַגרינדער פונעם „אוּניטאַריאַניזם" און איינער פון די ערשטע ראַציאָנאַליסטן אין דער טעאָלאָגיע.

בידערמאַן קאַרל (1812—1901), דייטשער היסטאָריקער, פּובליציסט און

פּאָליטישער טוער, געווען איינער פון די פירער פון די ליבעראַלן. אַרויסגעגעבן אַ קוואַלנרייכע „געשיכטע דייטשלאַנדס 1815—1871".

ביומאָנט פראַנסיס (1584—1616), ענגלישער דראַמאַטורג, אַ צייטחבר פון שעקספּירן. זיין ערשטע זאַך איז „פרויען-האַסער", אָנגעשריבן פאַר אַ קינדער-טרופּע; 1608 צוזאַמען מיט דזשאָן פלעטשער (ז.) אָנגעהויבן שרייבן פּיעסעס, וואָס האָבן באַקומען אַ גרויסן נאָמען. זייערע געמיינזאַמע פּיעסעס זענען אַרויס צוזאַמען א.נ. „קאָמעדיעס און טראַגעדיעס פון ביומאָנט און פלעטשער" — 50 פּיעסעס, און האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אינעם יענעמצייטיקן ענגלישן טעאַטער. אין זיין פּיעסע „דער ריטער פון ברענענדיקן דאָרן", פירט ער אַרויס אויף דער סצענע אַ טעאַטער מיט אַ פּובליקום — מיט זייערע גוואַלדן און איינדרוקן פון דער פּיעסע. דאָס איז אַ גלענצנדע פּאַראָדיע אויף דער דעמאָלטיקער ענגלישער שטאָט און אירע טעאַטראַלישע געשמאַקן און שטימונגען.

ביוקענען דזשאָרדזש (1506—1582), שאָטישער הומאַניסט און פּאָליטישער דענקער. שטודירט אין פּאַריז, איז ער פרי אַוועק פון קאַטוילישקייט. זיין ערשטע פּאָעמע „שלאָף" איז אַ בייסיקע סאַטירע איבער דעם גזירישן לעבן. צוליב די רדיפות אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, נאָר אין פּאָרטוגאַל האָבן אים די יעזויטן געכאַפּט און איינגעזעצט. 1560 צוריקגעקומען קיין שאָטלאַנד, אָפן צוגעשטאַנען צום קאַלוויניזם. דאָרט געוואָרן דער דערציער פון דער קעניגין מאַריאַ סטיו-

אַרט, דערנאָך פונעם קעניג דזשעקאָב VI. זיין וויכטיקסט ווערק: „איבער דאָס קעניגלעכע רעכט ביי די שאָטן’’— אַ דיאַלאָג צווישן לערער און תּלמיד, ווו ער פירט־אויס, אז דער אמתער טרעגער פון געזעץ איז דאָס פאָלק, אַז דער קעניג איז פון דער נאטור גופא באַגרענעצט אין זיינע רעכט, אַז דאָס פאָלק דאַרף קעמפן מיט די טיראַנישע הערשער און זיי באַשטראָפן. איז טאַקע דאָס בוך דורכן פּאַרלאַמענט (ב. איז אויך געווען דעפּוטאַט) פאַרווערט געווען משך דאָס גאַנצע 17טע י״ה, און 1683 פייערלעך פאַרברענט געוואָרן אין אָקספאָרדער אוניווערזיטעט.

ביוקענען ראָבערט (1841–1907), ענגלישער דיכטער. געבוירן און דערצויגן אין אַ משפּחה סימפּאַטיקער פון אָועֶן (ז.), געליטן נויט, געהאַט אַסך פאַכן און אַזוי־אַרום זיך דערנענטערט צום לעבן פון די לאָנדאָנער און גלאַזגאָווער פּראָלעטאַריער. מאָלט אין זיינע „לאָנדאָנער פּאָעמעס” די גרוילן פון שטאָטישער נויט, און אין די „פּאָעמעס פון צפון־ברעג” — דאָס ביטערע לעבן פון די שאָטלענדישע פישער און פויערן. אין זיינע „באַלאַדן איבער לעבן, ליבע און הומאָר’’ — פילט זיך אַ שטאַרקער סאָציאַלער געשריי; שפּעטער געשריבן אין ראָמאַנטישן טאָן, אָבער אומגעראָטן. באַקומען אַ נאָמען נאָך אַדאַנק דער סאָציאַלער דיכטונג זיינער, און פאַר זיינע לידער איבער הונגער, אַרבעט און אומרו באַקומען דעם נאָמען „דיכטער פון רעוואָלט”.

ביזע זשאָרזש (1838–1875), פרנצ. קאָמפּאָזיטאָר; 1857 געענדיקט, ווי אַ לאַורעאַט, די פּאַריזער קאָנסערוואַטאָ-

ריע, געשטודירט אין רוים, דערנאָך זיך ווידער אומגעקערט קיין פּאַריז, ווו קוים אַדורכגעשלאָגן זיך די צייט. זיין ערשטע אָפּערע איז „די פּערלפאַנגער’’ (1863), דערנאָך—„די יפיפיה פון פּערט”, „דזשאַמילע” און „אַרלעזיאַנקע” (טעקסט פון א. דאָדע — ז.), דאַן די סימפאָניעס: די אוּווערטור „פּאַטערלאַנד”, די סימפאָניע „רוים”, די סויטע „קינדערשפּיל”, — אָבער דאָס אַלץ האָט קיין גרויס דערפאָלג נישט געהאַט. זיין לעצטע אָפּערע (1875) „קאַרמען” איז אויך אויפגענומען געוואָרן זייער קאַלט: דעם עולם האָט אָפּגעשטויסן דער אָפענער רעאַליזם, מיט וועלכן ב. באַהאַנדלט זיין טעמע. גיך דערנאָך איז ב. געשטאָרבן, און אַ נאַכט פאַרן טויט איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז מ׳האָט ק. אָנגענומען אין דער ווינער אָפּערע. זינט דעמאָלט אָן איז „קאַרמען” איינע פון די באַרימטסטע, פּאָפּולערסטע און באַליבטסטע אָפּערעס אין דער וועלט, פול מיט אָריגינעלער און בונטער מעלאָדיק. דאָס איז ווירקלעך אַ פּראַכטפולע מוזיקאַלישע שאַפונג; „קאַרמען” איז אָבער אינטערעסאַנט אויך דערמיט, וואָס צום ערשטן מאָל האָט דאָרט ב. אַרויסגעפירט אויף דער סצענע די געזעלשאַפטלעכע „נידעריקע” קלאַסן: פאַבריקס־מיידלעך, זעלנער א.אַ.וו. — און זיי געמאַכט פאַר די העלדן. דאָס איז געווען צו יענער צייט אַ דרייסטקייט.

ביטעל קאַרל (○ 1892), דייטשער קאָאָפּעראַטאָר, זינט די יונגע יאָרן זיך פאַרנומען מיט קאָאָפּעראַציע און 1913 רעדאַגירט אַ זשורנאַל „קאָאָפּעראַטיווע קולטור”, געאַרבעט אין אַ ריי שטעט און געשאַפן אַ נעץ קאָאָ-

פּראַטיוון. 1919 אַריין אין דער דייטשער קאָם. פּאַרטיי און אָנגעהויבן רעדאַגירן איר קאָאָפּער. אָרגאַן „די פֿאַרבּרויך-קאָמונע", נעמט אויך אָנטייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציאָנערער קאָאָפּעראַטיוו-באַוועגונג. אָנגעשריבן אַסך בראָשורן איבער דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

ביטשלי אָטאָ (1848—1920), אָנגעזעענער דייטשער זאָאָלאָג, געמאַכט אַ ריי ציטאָלאָגישע פאָרשונגען, ד. ה. איבער דער כּסדרדיקער טיילבאַרקייט און פרוכפּערונג פון די אייעלעך אין די בעלי-חי. פון די וויכטיקסטע ווערק: „פּראָטאָצאָאַ" (3 בענד, דעם 4טן נישט באַוויזן צו ענדיקן). געווען איינער פון די שעפער פון דער פּראָטאָפּלאַזמע-טעאָריע. געהאַט אַ ריי תּלמידים, וואָס רעכענען זיך היינט צו די וויכטיקסטע זאָאָלאָגן אין דער וועלט.

ביטשער-סטאָו האַריעט (1811—1896), אַמעריקאַנישע שרייבערין. געבוירן און דערצויגן אין אַ פרומער משפּחה אין סינסינעטי, אויפן גרענעץ פון דעם שקלאַפנהענדלערישן שטאַט קענטאָקי. דאָרט האָט זי זיך אָנגעזען מיט די מוראדיקע שקלאַפעריי-באַדינגונגען, איז געוואָרן אַן אַקטיווע באַקעמפערין פון שקלאַפעריי, אָבער, פאַרשטייט זיך — נישט פון זייערע עקאָנאָמישע סיבות; אַזוי פלעגט זי, ווי אַ לערערין — אומעטום האַלטן רעדעס און אויפווייזן לויט דער ביבל און דעם נייעם טעסטאַמענט, אַז עס איז אַן עבירה. אירע קינדערביכלעך, מיט וועלכע זי האָט אָנגעהויבן איר ליטעראַרישע קאַריערע, זענען פאַרביי אומבאַמערקט; אַ גרויסן רעש האָט

ערשט אַרויסגערופן איר „פּעטער טאָמס הייזל", וואָס איז נאָך ביז היינט איינס פון די פּאָפּולערסטע ביכער, בפרט — פאַר יוגנט. אינעם דאָזיקן ראָמאַן זענען פאַראַן 2 זייטן: אַ באַשרייבונג פון די ווירקלעכע פאַקטן, און אַ רעליגיעז-מיסטישער באַלייכט פונעם הויפּט-העלד, וואָס ס'גיט צו דעם בוך אַ פאַלש-סענטימענטאַלן טאָן. אַזוי למשל, ענטפערט דער הויפּט-העלד, טאָם, אויף אַלע עוולות און פּורעניות מיט אַ ליבן שמייכעלע און מיט תּפילה צו גאָט. — אירע ווערק זענען אַרויס אין 16 בענד (1897), פון וועלכע נאָך „פּעטער טאָם" זענען די באַקאַנטסטע: „דאָס לעבן פון די דרום-שטאַטן", „מיר און אונדזערע שכנים, אָדער דער יחוס-בריוו פון אַ פאָלקס-גאַס אין ניו-יאָרק".

בייל פּיער (1647—1706), פראַנצ. שרייבער, פילאָזאָפישער סקעפּטיקער. נאָך עטלעכערליי רעליגיעזע גילגולים זיך דערקלערט בכלל פאַר רעליגיעלאָז און אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר רעליגיעזער טאָלעראַנץ, פאַר פרייער מאָראַל אדגל. צוליב די רדיפות פון דער מאַכט, אַנטלאָפן קיין האָלאַנד, וווּ אַרויסגעלאָזט זיין „פאַרשידענע געדאַנקען איבער דעם קאָמעט", וווּ ער באַקעמפט די שטערנזעעריי און דערווייזט, אַז דאָס בעסטע איז אפּיקורסות, וואָס באַקעמפט די רעליגיע און די אָבערגלויבנס. אָנגעשריבן אויך, איבער רעליגיעזער טאָלעראַנץ, „פילאָזאָפישער פּירוש אויף קריסטוס'ס ווערטער: „לאָז זיי אַריינגיין", וווּ ס'ווערט אויפגעוויזן, אַז ס'איז נישטאָ קיין עקלהאַפטערס, ווי מיט גוואַלד עמעצן נייטן צו אמונה". זיין וויכטיקסט ווערק איז

„היסטאָריש און קריטיש ווערטערבוך", וואָס האָט משך גאַנצע יאָרצענדליק געדינט פאַר אַ דערפרישנדיקן קוואַל פאַר אַלע פריידענקערישע מענטשן פון יענער צייט. דאָס ווט"ב האָט ווירקלעך געמאַכט אַ רעשיקן איבערקער אין די מוחות פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפט; נאָך אַ ריי אויספירן און ראיות, אָפטמאָל זייער בייסיקע און שאַרפזיניקע, ווי אויך אָפט גענומען פון די הייליקע ספרים גופא, פאָדערט ער אָפּצוטיילן די קירך פון דער מלוכה. רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן 1864—1867 דעם זשורנאַל „גייס פון דער ליטעראַרישער רעפּובליק", אַדאַנק וועלכן מ'האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען „דער פאָטער פון דער פראַנצ. אויפקלערונג דאָס 18טע י"ה". לאַנגע יאָרן נאָך זיין טויט איז אפילו געווען אַ גאַנצע שיטה „ביילליסטן".

ביילי סעמיועל (1791—1870), ענגלישער עקאָנאָמיסט אויס דער עפּאָכע פון דער אַ. ג. פּאָליטישער עקאָנאָמיע—וואָס אָנערקענט נישט דעם אַבסאָלוטן ווערט פון דער סחורה, נייערט זיין ווערט כּלפּי דער אַנדערער סחורה, און אַזוי־אַרום באַקעמפט ריקאַרדאָס (ז.) טעאָריע פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. זיין וויכטיקסט ווערק איז „קריטישע דיסערטאַציע איבער דער נאַטור, אַרבעט און סיבות פון ווערט". געשריבן אויך איבער פילאָזאָפיע, פּאָליטיק, פּסיכאָלאָגיע — אין גייסט פונעם ענגלישן עמפּיריזם.

ביילים וויליאַם מעדאָק (1860—1924), באַרימטער ענגלישער פיזיאָלאָג, געווען פּראָפעסאָר פון אַלגעמיינער פיזיאָלאָגיע אויפן לאָנדאָנער אוניווערזיטעט. אַ שם האָט אים געמאַכט זיין

אַנטדעקן דעם „סעקרעטין" — אַ מין האָרמאָן, וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אין דעם גליטשיקן ווענטל פון דער צוועלפפאַכיקער קישקע. דידאָזיקע אַנטדעקונג האָט געהאַט אַ גאָר גרויסן באַטייט, ווייל זי האָט דאָס ערשטע מאָל פעסטגעשטעלט, אַז ס'עקזיסטירט אַ קעגנזייטיקע רעגולאַציע פון די פאַרשידענע קערפּערטיילן דורכן בלוט, אומאָפּהענגיק פון דער פון פריער באַקאַנטער נערוון רעגולאַציע. ב. האָט אויך געמאַכט אַסך אַנטדעקונגען אויפן געביט פון די כעמישע פונקציעס אינעם מענטשלעכן קערפּער, צ. אַ. אויך דעם געזעץ פון דאָנאַן. — בעת דער מלחמה דערפונדן אַ מין קעגנגיפט צו די כעמישע גאַזן, וואָס מ'האָט אָנגערופן „גומיסאַלין". פון די וויכטיקסטע ביכער: „פּרינציפּן פון אַלגעמיינער פיזיאָלאָגיע" — אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, איינס פון די טיפסטע ווערק איבער פיזיאָלאָגיע; „די רעגולאַציע פון דעם בלוט־פאַרזאָרג", „די כעמישע קאָאָרדינאַציע פון די קערפּער־פונקציעס" און נאָך אַסך אַנדערע.

ביילשטיין פרידריך (1838—1906), דייטשער כעמיקער, געווען משך 30 יאָר פּראָפעסאָר אויפן פעטערבורגער אוניווערזיטעט. אַחוץ אומצייליקע פאָרשונגען אויפן כעמישן געביט, אָנגעשריבן אַ בוך א. נ. „האַנטבוך פון דער אָרגאַנישער כעמיע", ווו ער האָט צונויפגענומען אַ קאָלאָסאַלע שפע כעמישע עקספּערימענטן — כמעט אַלע, וואָס זענען מעגלעך אויסצופירן. היות דידאָזיקע אַרבעט איז געווען איבער זיינע כּוחות, האָט ער די אויסגאָב פונעם דאָזיקן בוך איבערגעגעבן דער בערליגער כעמישער געזעלשאַפט. דאָס

בוך האָלט בסך-הכּל לערך 19.500 זייטן און איז דאָס וויכטיקסטע האַנטבוך ביז אויף היינטיקן טאָג. קיין שום לאַבאָראַטאָריע אין דער וועלט קאָן זיך אָן דעם נישט באַגיין.

בייער אַדאָלף (1914—1855), דייטשער געלערטער, איינער פון די גרעסטע כעמיקער-אָרגאַניסטן, געפּאָרשט און געשאַפן אַסך נייס אויס דעם געביט פון אינדיגאָ. אין מינכען געשאַפן אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריע און געהאַט זייער פיל שילער, וואָס די גרעסטע טייל פון זיי פאַרנעמען היינט אַן אָנגעזעענע אָרט אין דער כעמישער וויסנשאַפט. 1905 באַקומען די נאָבעל-פּרעמיע פאַר כעמיע. פאַר זיינע 60 יאָר וויסנשאַפטלעכער אַרבעט פאַרעפנטלעכט לערך 300 אַרבעטן. זיין גרעסט פאַרדינסט איז, וואָס ער האָט אַדורכגעפירט אַ ריי עקספּערימענטאַלע פאָרשן, וואָס אַדאַנק זיי האָט די כעמיע פאַרנומען פרישע געביטן. אַלע זיינע כּתבים זענען אַרויס א. ג. „געזאַמלטע ווערק״.

בייערליין פראַנץ אַדאַם (1871 ○), היינטצייטיקער דייטשער שריפטשטעלער. אַ גרויס אויפזעען האָט אַרויסגערופן זיין ראָמאַן „יענאַ אָדער סעדאַן?״, וואָס האָט אין בולטע פאַרבן געשילדערט דעם מאָראַלישן צעפאַל פון דער דייטשער אַרמיי, ווי אויך זיין דראַמע „צאַפּנשטרייך״, וואָס האָט, אין זיינער צייט, אפילו אַרויסגערופן אַ פּראָצעס קעגן דעם מחבר. באַקאַנט אויך זיינע ראָמאַנען: „אַ ווינטערלאַגער״, „שטאַרב און ווער געבוירן״, „קין און הבל״, ווי אויך די דראַמעס: „דער גרויסקנעכט״, „דאָס וווּנדער פון דער הייליקער טערינץ״.

בייערן אַבּראַהם (1674—1620), האָלענדישער מאָלער, געצייכנט אין אַ וואַרעמען קאָלאָריט, גלענצנד אויסגענוצט די שאָטנליכט. זיין געשניצטער מזבח אין קלויסטער אין מאַסמוס מיט די בילדער פון ים, פיש, שרצים, וואָס די איינוווינער פון שטעטל האָבן ביי אים באַשטעלט צוליב אַ גרויסן הערינג-פאַנג, איז אַ בולטער סימן פונעם צוזאַמענהאַנג פון דער עקאָנאָמיע און דער קונסט אין יענער צייט.

בייראָן דזשאָרדזש גאָרדאָן, לאָרד (1824—1788), באַקאַנטער ענגלישער דיכטער. געשטאַמט פון אַ הויך-אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, וואָס האָט געשמט פון איר אַוואַנטוריזם; ב.ס פאָטער איז געווען אַ גרויסאַרטיקער גוואַרדיע-אָפיציר, נאָר זיין תּשוקה צו עמאָציעס און אַוואַנטורעס האָט אים רואינירט און דערום האָט מען אים גערופן „משוגענער דזשעק״. דער יונגער ב. איז דערום דערצויגן געוואָרן — פון איין זייט אין גייסט פון אַוואַנטוריזם און אויסטערלישקייט, פון דער צווייטער זייט — אין אַ משפּחה פון יורדישע יחוסדיקע אַריסטאָקראַטן, וואָס האָבן גאַנץ אָפט אונטערגעהונגערט (דער פאָטער איז זייער יונג אָפּגעשטאָרבן). ס׳איז אים דערום זייער שווער אָנגעקומען צו לעבן און זיך צופּאַסן אין די נייע באַדינגונגען, אין דעם רעאַלן לעבן פון קאַפּיטאַל און האַנדל, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אַנשטאָט דעם אַלטן, פּריצישן, אַריסטאָקראַטישן יחוס. אין דער יוגנט — אַ קרענקלעכער בחור, אַ הינקענדיקער זיין גאַנץ לעבן, האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט דער נערוועז-קראַנקער מוטער (דער „אַלמנה״ — ווי ער אַליין



דזשאָרדזש גאָרדאָן בײראָן



די מאַשינען-צעברעכער

די אומרוען אין ענגלאַנד צוליב אײַנפירן מאַשינען. אַ בילד פון 1808.

צו דער מאָנאָגראַפיע: דזשאָרדזש גאָרדאָן בײַראָן

האָט זי אָנגערופן), דערנאָך אַריבער אין קעמברידזשער אוניוו., ווו געפירט אַ זאָרגלאָז סטודענטיש לעבן. 1807 איז אַרויס זיין ערשט לידערבוך „שעהן פון אומעט", וואָס די קריטיק אין דעם איינפלוסרייכן זשורנאַל „עדינבורגער איבערזיכט" האָט שטאַרק אַרונטערגעריסן. דאָס האָט ב.ן שטאַרק צערייצט, און ער האָט געענטפערט זיינע קריטיקער מיט אַ פּאָעמע-פּאַמפלעט, ווו ער גיט אַ טאַלאַנטפולן איבערזיכט איבער אַלע ליטעראַרישע טוער פון זיין צייט און רופט-אַרויס מיט זיין פּראַכטפולער פּאָרעם גרויס אויפזען. אַ שטימונגס-מענטש, האָט ער גלייך פאַרלאָזט דעם קאַמפּלאַץ און געלאָזן זיך וואַנדערן איבער שפּאַניע, אַלבאַניע, גריכנלאַנד, אייראָפּעיש טערקיי. דאָרט אָנגעשריבן די ערשטע צוויי טיילן פון זיין „טשיילד העראָלד" (1812). שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד אין לאָרדנהויז, זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע צוויי רעדעס: איינמאָל, לטובת די אירלענדישע קאַטויליקן, וואָס די פּראָטעסטאַנטישע ענגלישע רעגירונג האָט אונטערגעדריקט, און אַ צווייט מאָל — קעגן דעם טויט-שטראָף־געזעץ איבער די אַרבעטער, וואָס האָבן דאַן, אונטער דעם אָנפיר פון נעד לוד, זיך גענומען ברעכן די מאַשינען (ז' רילע, „קולטורגעשיכטע", ווי אויך דעם פּראָלאָג פון טאָלערס „מאַשינען-צעברעכער"). אין דערדאָזיקער רעדע ווייזט ער זיך אַרויס, ווי אַן אינטואיטיווער נביא פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

(„אפהאקן עטלעכע קעפ איז נישט קיין מיטל צו ירשטיקן די מלחמה פון אסך. ווען די אָרעמע און הונגעריקע באפעלקערונג זעט אינעם טויט איר איינציקע רעטונג, מיינט איר, אז די דראגונער וועלן זיי מאכן רויק?") — די ערשטע צוויי טיילן פון „טשיילד העראָלד" האָבן אים גלייך געמאַכט וועלטבאַרימט, און ב. האָט נאָך ביים לעבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער דעמאָלטיקער וועלטליטעראַטור. יענץ יאָר זענען אויך אַרויס זיינע מזרחדיקע פּאָעמעס: „דער גיאַור" (אנדערגלויביקער), „די בתולה פון אַבידאָס", „דער זעגלער" א. אַנד. ב. אי: דאַן שטאַרק אַריין אין דער מאָדע, איז געוואָרן דער אָפּגאָט פון די פרויען פון דער געזעלשאַפט און זיין נאָמען איז געווען די הויפּט-טעמע פון די סאַלאָנשמועסן. אָבער צוגלייך דערמיט איז אויך געוואָקסן די צאָל זיינע שונאים, וואָס האָבן אים באַשולדיקט אין כלערליי אויסגעלאַסנקייט; שוין אפילו אַסך יאָרן שפּעטער האָט ביטשער-סטאָו (ז.), די מחברטע פון „פעטער טאָמס הייזל", אַרויסגעגעבן אַ בוך, ווו זי דערווייזט, אַז ב. האָט פאַרברענגט געשלעכטלעך מיט זיין שוועסטער אויגוסטאַ לי. 1816 אַנטלויפט ער פון ענגלאַנד, באַקענט זיך אין דער שווייץ מיטן דיכטער שעלי (ז.), וואָס דערנענטערט ב.ן צום רעאַלן לעבן. ב.ס דיכטונג פון יענער צייט טראָגט אַ פּעסימיסטישן שטעמפּל. פון די וויכטיקסטע איז אָנצומערקן דאָס דריט ליד „טשיילד העראָלד", „דער געפאַנגענער פון שילאָן", די טראַגעדיע „מאַנפרעד", „הימל און ערד", „אָפּגרונט". אין איטאַליע דערנענטערט ער זיך צו דער באַפריי-באַוועגונג, און אינעם גייסט פון פרייהייט און סאָציאַלן יושר שרייבט ער אָן שפּעטער: „בעפּאָ", „דאָן-זשואַן" (אַ ראָמאַן), „אַסרדניפּול", דאָס פערט ליד „טשיילד העראָלד", „דאַנטעס נביאות", „דער בראָנזענער דור" און „קין" — אַ הערלע-

כער הימן צום מענטשלעכן געדאַנק, וואָס האָט זיך באַפרייט פון די רע-ליגיעזע קייטן. ב. איז אַריינגעטראָטן צו די איטאַליענישע פרייהייטקעמפער, קאַרבאָנאַרן; 1823 זיך געלאָזט, בראש פון אַן אָפּטיילונג פרייוויליקע, קיין גריכנלאַנד — העלפן איר אינעם באַ-פרייקאַמף אונטערן טערקישן יאָך. אַרויס-געוויזן אינעם דאָזיקן קאַמף גרויס העל-דישקייט, ווי בכלל אין אים געשפּילט זייער אַן אַנגעזעענע ראָל; אָבער לערך אַ יאָר נאָכן קומען, 19 אַפּריל 1824, געשטאָרבן פון פיבער. די גרעסטע דיכטער פון זיין דור, צווישן זיי — היינע, פּושקין, שעלי האָבן אים געווידמעט גרויסע טרויער-פּאָעמעס, אָנרופנדיק אים — דער גרעסטער זשע-ני פון יענער צייט. ב.ס העלדן: טשיילד העראָלד, גיאַור, סעלים, מאַנ-פרעד — זענען מענטשן-יחידים, וואָס לעבן אויסער דער געזעלשאַפט, האָסן זי און האַלטן זיך פון איר העכער. ב. גיסט אויס אין זיי זיין גאַנצע פאַרביטערונג קעגן דער וועלט, וואָס האָט אים אַזוי באַוואָלהט. אָבער די-דאָזיקע געשטאַלטן טרעטן שפּעטער אָפּ פאַר די גרויסע אידעען פון פרייהייט און פריידנקערישקייט, וואָס זענען דער הויפּט-מאָטיוו פון ב.ס שפּעטער-דיקע ווערק. די אַרבעטנדיקע מאַסן, ווי אויך די אונטערגעדריקטע פעל-קער פון דער גאָרער וועלט האָבן — מיט רעכט — שטאָלץ גערעכנט ב.ן פאַר זייערן אַ דיכטער. איז דערום געווען פול צביעות די גרויסע פייערונ-גען, וואָס די בורזשואַזע ליטעראַטור-קרייזן האָבן איינגעאָרדנט ד. יאָר 1924, צו ב.ס 100טן יאָרצייט. ווייל ב. אַליין איז געווען אַ לעבעדיקער סימבאָל פון קאַמף קעגן אונטערדריקונג, אומ-

גלייכקייט, אָבערגלויבן, פאַלשער מאָ-ראַל.

אויף יידיש: עטלעכע קלענערע פּאָעמעס.

ביכנער לודוויג קאַרל כריסט-יאַן (1824—1899), דייטשער פילאָזאָף-מאַטעריאַליסט, פון באַרוף — אַ דאָקטער. אונטערן איינפלוס פון י. מאָלעשאָטס (ז.) בוך „די ראָד פון לעבן" זיך פאַר-פעסטיקט אין דער מאַטעריאַליסטישער וועלטאַנשויונג. 1855 אַרויסגעלאָזט זיין באַרימט בוך „קראַפט און שטאָף". דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין די קאָנסערוואַטיוו-קלעריקאַלע קרייזן, מען האָט אים באַזייטיקט פון זיין קאַ-טעדער אין טיבינגען, אָבער זינט דאַן האָט זיך ב. געוואָרפן אין פייער פון קאַמף פאַר מאַטעריאַליסטישער און גאָטלאָזער געדאַנקאָנשויאונג. אָנגעשריבן די ביכער: „פון נאַטור און וויסנשאַפט", „נאַטור און גייסט, אָדער שמועסן פון צוויי פריינד איבער מאַטעריאַליזם און פילאָזאָפישע קעגנוואָרט-פּראָבלעמען", „פיזיאָלאָגישע בילדער" „דער גאָט-באַגריף" א. אַנד., וואָס זענען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. זינט 1881 געווען דער פירער פונעם דייטשן פריידענ-קער-פאַרבאַנד.

ביכנער געאָרג (1813—1837), דייי-טשער דראַמאַטורג, פּובליציסט און פּאָליטישער טוער, עלטערער ברודער פון לודוויג ב. (ז.). נאָך יונגערהייט אַריינגעטראָטן אין דעם גלח ווײדיגס דעמאָקראַטיש קרייזל, גיך אַרויסגעטראָטן און 1834 געשאַפן אין גיסען און דאַרמ-שטאַט אַן אומלעגאַלע „געזעלשאַפט פון מענטשנרעכט", פאַרפאַסט פאַר איר די פּראָגראַם-דעקלאַראַציע. באַרימט איז זיין „אויפרוף צו די העסענער פּויערן" (אַלס מיטרעדאַקטער פונעם „העסענער

פאָלקשליח״). דער אויפרוף איז איג־
טערעסאַנט, וואָס ס׳ווערט דאָרט גע-
רופן צום אויפשטאַנד דאָס פויערטום
און די בעלי-מלאכהס. דער אינדוסט-
ריעלער פּראָלעטאַריאַט ווערט דאָרט נישט
דערמאַנט. אויפן קעפּל פונעם אויפ-
רוף שטייט געשריבן „שלום די כאַ־
טעס — מלחמה די פּאַלאַצן״. אין די
פּריוואַטע בריוו צו קאַרל גוצקאָוון
(ז.), שרייבט ב.: „די באַציונג פון די
אָרעמע צו די רייכע איז דער איינ-
ציקער רעוואָלוציאָנערער כּוח אין דער
וועלט״, און אַז „איר האָט שלעכט
געטון, וואָס איר ווילט ענדערן די
געזעלשאַפט מיט דער הילף פון אינ-
טעליגענץ. אונדזער צייט איז אַ מאַ-
טעריאַליסטישע״. באַרימט אין זיין
דראַמע „דאַנטאָנס טויט״ (פאַראַן אויף
יידיש), ווו ס׳ווערט פאָרגעשטעלט די
טראַגעדיע פונעם אינטעליגענט, וואָס
וויל זיך פאַרבינדן מיטן פאָלק און מוז
דערום אומקומען. די דראַמע איז גע-
בויט פון באַזונדערע פראַגמענטן, וואָס
מאַכן אָבער, צוזאַמען, אַ שטאַרקן
איינדרוק. פאַראַן אויך נאָך זיינער אַ
דראמאטישער סאָציאַלער עטיוד „וואָי-
צעק״.

ביכער קאַרל (ס 1847), אָנגעזע-
ענער ווירטשאַפטס-היסטאָריקער, אידע-
אַליזירט אין זיינע פאָרשונגען די פאַר-
קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפטספאָרמען.
די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג צע-
טיילט ער אין דריי פּעריאָדן: 1) גע-
שלאָסענע הויז-באַלעבאַטישקייט פון
אָנהייב מיטלעלטער, ווען דער פּראָ-
דוקט איז פאַרבריכט געוואָרן, ווו
מ׳האָט אים אויסגעאַרבעט; 2) שטאָ-
טישע באַלעבאַטישקייט פונעם מיטל-
עלטער, ווען דער פּראָדוקט איז גע-

גאַנגען דירעקט פונעם בעל-מלאכה צום
פאַרברויכער; 3) פאָלקס-ווירטשאַפט פון
אונדזער צייט, וואָס צייכנט זיך אויס
מיט דער מענגע פאַרמיטלער צווישן
דעם פּראָדוצירער און דעם פאַרברוי-
כער. דידאָזיקע קלאַסיפיקאַציע האָט
אַרויסגערופן און רופט נאָך ביז היינט
אַרויס פאַרשידענע קעגנערישע מיינונ-
גען. צו זיינע וויכטיקסטע ווערק גע-
הערן: „דער אַנטשטיי פון דער פאָלק-
ווירטשאַפט״, „אַרבעט און ריטעם״ (ווו
ער ווייזט אויף, אַז די פּרימיטיווע
ווירטשאַפט איז געווען ענג פאַרבונדן
מיט דער קונסט און פאַרקער; די
פּרימיטיווע פּאָעזיע און מוזיק זענען
געווען ענג פאַרבונדן מיט די באַוועגונגען
בַיי דער אַרבעט; קורץ—אַ מאַ-
טעריאַליסטישער מעטאָר), „געזאַמלטע
אויפזאַצן איבער צייטונגוועזן״ (1926).
היינט־צו־טאָג — דירעקטער פון דעם
דורך אים געגרינדעטן אינס—ט (ביים
לייפּציקער אונ—ט) צו דערפאָרשן דאָס
צייטונגוועזן.

בילאָ-וואַרען זשאַן ניקאָלאַ
(1819—1756), פראַנצויזישער פּובליציסט
און טוער אויס דער צייט פון דער
גרויסער רעוואָלוציע, מיטגליד פון
נאַציאָנאַלן קאָנווענט און פונעם קאָ-
מיטעט פון אַלגעמיינער רעטונג. גע-
ווען איינער פון די גרעסטע אָנהענ-
גער פון טעראָר, אריינגעטראָגן פאַר־
שידענע געזעץ-פּראָיעקטן קעגן דער
געוו. אַריסקאָקראַטיע, צווישן זיי אויך
איבער צונעמען די בירגערלעכע רעכט
אַלע „קעגנסאָציאַלע״ עלעמענטן. זיין
השפּעה איז געווען זייער גרויס. ער
האָט אויף זיך גענומען די פאַראַנטוואָרט-
לעכקייט פאַרן רויטן טעראָר, געשיקט
צום עשאַפאָט די מעסיקע דאַנטאָניסטן

און אין דערזעלבער צייט צוגעגרייט ראָבעספּיערס פּאַלן. נאָך טערמידאָר איז ער פאַרשיקט געוואָרן קיין קאַיען, זיך שפּעטער אָפּגעזאָגט צו דינען נאַפּאָלעאָנען און געשטאָרבן אין גלות.

ביל-בעלאָצערקאָווסקי וולאַדימיר (1884 ∘), רוסישער דראַמאַטורג, געאַרבעט ביי פאַרשידענע מלאָכות, אויסגעוועזן אין אַלע טיילן וועלט, 1917 געקומען צוריק קיין רוסלאַנד, אַריין אין דער באָלש. פּאַרטיי, אָנטיילגענומען אין דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, פאַרוואונדעט געוואָרן. מיט ליטעראַטור פאַרנעמט ער זיך זינט 1918. זיינע וויכטיקסטע זאַכן: „ביפשטיקס מיט בלוט“, „עטאַפּן“, „אינסטינקט“, „עכאָ“, „לינקס דעם רודער“. די וויכטיקסטע פּיעסע איז „שטורעם“ — אַ בולטער אָפּשפּיגל פון דער בירגערמלחמה.

בילדערדייק ווילעם (1656—1831), האָלענדישער שרייבער, געווען אין זיין צייט זייער פּאָפּולער אין זיין היימלאַנד. געבוירן אין די „הויכע פענצטער“, אַדורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן, איז ער אין זיינע ווערק דער אידעאָלאָג פון די אַריסטאָקראַטישע קרייזן אין יענער שווערער צייט, ווען זיי האָבן אינעם עקאָנאָמישן לעבן זיך געמוזט בויגן פאַר ענגלאַנדס מאַכט: די דעמאָלטיקע הערשנדיקע קרייזן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק פון אַ שטאַרקער מאַכט. ב. איז געווען זייער פרוכטבאַר און זיין ליטעראַרישער אוצר באַטרעפט איבער 100 בענד— ממש איבער אַלע געביטן פון שרייבן: פון עפּיגראַמעס ביז עפּאָס, פון טראַגעדיע ביז געאָלאָגיע, באָטאַניק און אַ 13בענדיקע געשיכטע פון האָלאַנד. זיין

גראַמאַטיק פון דער האָלענדישער שפּראַך האָט נישט אָנגעווירן איר ווערט ביז היינטיקן טאָג.

בילזע פריץ אָסוואַלד — פּס"ד פון פריץ פאָן דער קורבורג (∘ 1878), דייטשער שרייבער. אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט זיין ראָמאַן „אויס אַ קליינעם גאַרניזאָן“ (1903), אין וועלכן ער מאָלט אין די שוואַרצסטע פאַרבן די זעלנערישע און אָפיצירישע סביבה. דאָס קריגס-מיניסטעריום האָט אים אָנגעקלאָגט אין געריכט פאַר רכילות, אָבער אויפן פּראָצעס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַל'דאָס באַשריבענע איז ריכטיק ביז צו דער קלענסטער זאַך; דאָס געריכט האָט אים באַפרייט, פונדעסטוועגן האָט מען דעם ראָמאַן אַדמיניסטראַטיוו קאָנפיסקירט. זיינע אַנדערע, ווייניק באַקאַנטערע ווערק: „ליב פאָטערלאַנד“, פּיעסעס „אמת“ און „דער בלויער שלאָס“.

בילִיאָ אַדאַן, באַקאַנט אויך אַלס מעטר אַדאַן — מייסטער אַדאַן (1602—1662), אַ טאָקער, איינער פון די פּריסטע פאָרשטייער פון דער פראַנצויזישער האַנטווערקער-פּאָעזיע; דער ליטעראַרישער פאָרשטייער פונעם פּריווילעגירטן האַנטווערקערטום, וואָס האָט באַדינט דעם קעניגלעכן הויף, אָבער דער ערשטער איינגעפירט דעם טאָן פון בורלעסק, פון גראָבן סטיל; פאַראַן אויך אין זיינע לידער אַסך פאָלקסהומאָר און אַ שפּאָר ביסל סאַטירע, בפרט אין זיינע „רעפריינען“. די נעמען פון זיינע לידער-זאַמלונגען זאָגן אויך אַסך: „וואַרשטאַט“, „שרויפּאייזן“ א. אַנד.

בילער געאָרג (1837—1898), דייטשער סאַנסקריטאָלאָג; געזאַמלט אַ

ריזיקע קאָלעקציע פון 5000 כתב־ידן און זיי אַלע דערקלערט. צוזאַמען מיט קילהאָרן, אַרויסגעגעבן די באַרימטע סעריע אַלט־אינדישע מקורים „באָמבייאישע סאַנסקריט־סעריעס״. געווען דער שעפער פון דער גרויסער „ענציקלאָפעדיע פאַר אינדישער פילאָלאָגיע און געשיכטע״, אין וועלכער ס׳נעמען אָנטייל די וויכטיקסטע אינדאָלאָגן פון דער גאָרער וועלט. פאַרנומען פראָפעסער־קאַטעדרעס אין באָמביי און ווין.

בינדינג קאַרל (1841—1920), דייטשער געלערטער, פירער פון דער א. ג. קלאַסישער שול פון קרימינאַל־געזעץ. אַחוץ אַ האַנטבוך איבער אַלגעמיינעם און טיילווייזן קרימינאַל־געזעץ, אָנגעשריבן אַ גרויסע 4בענד. אַרבעט „די נאָרמען און זייער איבערטרעטן״ (געאַרבעט דערויף איבער 40 יאָר — 1872—1919). לויט אים קומט־אויס, אַז דער פאַרברעכן טרעט נישט איבער דעם שטראָף־קאָדעקס אָדער אַ קרימינעל־רעכטלעכע נאָרמע — ער טרעט נאָר איבער די נאָרמע, וואָס האָט, אַלס אַזוינע, אַ זעלבשטענדיקע עקזיסטענץ, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי פון יענעם קאָדעקס.

בינע אַלפרעד (1857—1912), אָנגעזעענער פראַנצויזישער פסיכאָלאָג. ער האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס דענקען איז נישט קיין געזעמל בילדער, וואָס קומען אויף לויט די אַלגעמיינע כּללים פון אַסאָציאַציע, נייערט אַז חלומות, ריינע געדאַנק־פּראָצעסן, שפּילן פון שאַכיסטן א. אַנד. זענען אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פון די זע־ און אַנדערע פאָרשטעלונגען. דאָס טראַכטן איז אַן אומבאַוווסטזיניקער פּראָצעס, וואָס ערשט

מיטן רעדן ווערט עס אַ באַוווסטזיניקער יש. אַזוי־אַרום שטייט ער אויפן שטאַנדפּונקט פון דעם אַ. ג. פונקציאָנעלער פּסיכאָלאָגיע. דאָך האַלט ער, אַז דאָס טראַכטן איז נישט קיין אַבסטראַקט־אידעאַליסטישע זאַך, נייערט אַז עס איז אַן אָפּשפּיגל פון דער אינערלעכער מימיק, פּסיכישער פּאָזע אָדער גרייטקייט צו טון, וואָס איז פולשטענדיק ענלעך צו דער פיזישער גרייטקייט. ב. האָט אויך אַסך אויפגעטון אויפן ספּעציעלן געביט פון גייסטיקן אויספאָרש פון קינדער; דערביי האָט ער זיך באַנוצט מיט ריין־עמפּירישע (דערפאַרלעכע) מיטלען. זיין מעטאָד ווערט נאָך ביז היינט געפאָרשט און געפּרובירט, אָבער דאָך ווערט ער אין רוב פאַלן אָנגעווענדט, ווייל ער איז דער איינציקער וועג צו לייזן די אויפגאָב פון אויספאָרשן די העכערע געדאַנק־פונקציעס לויטן עלטער־פּרינציפּ. אַרויסגעגעבן אַ „פּסיכאָלאָגישן יאָרבוך״. ביכער: „נשמה און גוף״, „דער מעכאַניזם פון דענקער״. „די פאַרענדערונגען פונעם יחיד״, „איינפיר אין עקספּערימענטאַלער פּסיכאָלאָגיע״, „די סוגעסטיע־בילדונג״, „אינטעליגענץ״.

בינץ קאַרל (1832—1913), גרויסער דייטשער געלערטער אויפן געביט פון פאַרמאַקאָלאָגיע. דורך זיין אויספאָרש איבער דער ווירקונג פון כינין, דערפונדן אַ מין פּאַראַזיט, וואָס ציט אָפּ די מאַלאַריע. אַרויסגעגעבן „לעקציעס איבער פאַרמאַקאָלאָגיע״.

ביסאָלאַטי לעאָן (1857—1920), איטאַליענישער סאָציאַליסטישער טוער, מיטגרינדער פון דער איט. סאָצ. פּאַרטיי (1892), לאַנגע יאָרן געווען רע־

דאַקטער פון אירע וויכטיקסטע זשורנאַלן „סאָציאַלע קריטיק“, „קלאַסנקאַמף“ און פון דעם באַקאַנטן טאָגבלאַט „אַוואַנטי“ (פּאַריס). זינט 1897 ביזן טויט געווען דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. 1911 אַרויס, בראש פון אַ קליינער גרופּע, פון דער פּאַרטיי און געשאַפן די „סאָציאַל־רעפאָרמיסטישע“ גרופּע, וואָס האָט געשטיצט די דעמאָלטיקע אימפּעריאַליסט. רעגירונג פון דזשיאָליטי. בעת דער מלחמה געווען אַן אַקטיווער אָנהענגער פון איט. אַריינטריט אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט, פון 1916 ביז דעצעמבער 1918 געווען מיניסטער אין 2 קאַבינעטן. דערנאָך אַרויס אין דעמיסיע, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז איטאַליע דאַרף נישט פאַרכאַפּן קיין נישט־איטאַליענישע געגנט, מיטן אויסנאַם פון פיומע. 1920 איז אַרויס אַ זאַמלונג אַרטיקלען און רעדעס „די אויסערלעכע פּאָליטיק“.

ביעדני דעמיאַן, פּס"ד פון יעפים פּרידוואָראָוו (1883 ◦), היינטצייטיקער רוסישער שרייבער. ביז 13 יאָר געלעבט אין דאָרף אין גרויס נויט, אין דער סביבה פון גרעסטער אויסגעלאַסנקייט און אכזריות, שפּעטער אָנגעקומען אין אַ מיליטערישער שול, וואָס האָט אים דערצויגן אין אַ הויך־מאָנאַרכיסטישן, קלעריקאַלן גייסט. ערשט די גרויסע סטודענטישע אומרוען 1904—1905 האָבן אים דערנענטערט צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אָנגעהויבן שרייבן אין די באָלשעוויסטישע אָרגאַנען — „שטערן“, „אמת“ א. אַנד. גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אויסגעוועזן אויף כמעט אַלע פראָנטן. געווען — ווי טראָצקי זאָגט — דער

„דיכטער פון דער רויטער אַרמיי“. זיין הויפּט־טעמע איז דער אָנטייל פון נעם פויער אין דער ראַטנבויונג. צו זיינע באַקאַנטסטע זאַכן געהערן: די פּאָעמעס „רויטאַרמייער“, „פויערן“, „קיסר אַנדראָן“, די קעגנרעליגיעזע פּאָעמעס „די הייליקע פּאָטערס מיט זייערע זינדיקע געלוסטן“, „די ברית־החדשה“ — אַ מין פּאַראָדיע איבער דער עוואַנגעליע א. אַנד. צו זיינע בעסטע לירישע ווערק געהערן „אומעט“, „שנייעלעך“. זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט און ליבשאַפט (לויט דער סטאַטיסטיק — דער צומיינסט געלייענטער שרייבער אין די זעלנערשע ביבליאָטעקן) האָט ער זיך דערוואָרבן אַדאַנק זיינע פּאָליטישע לידלעך מעניפּיידיומא, געבויט אויפן עלעמענט פון פאָלקסליד און פאָלקלאָר, — פון די־דאָזיקע אומצייליקע שאַפונגען לאָמיר דערמאָנען: „איבער מיט׳קע, וואָס האָט עוקר געווען און זיין שוואַרצער סוף“. זייער באַקאַנט זענען אויך זיינע עפּישע שאַפונגען, וואָס דאָס וויכטיקסטע איז: „איבער ערד, פרייהייט, איבער אַרבעטערשן גורל“, „די הויפּטגאַס“ א. אַנד.

ביעלי אַנדריי, פּס"ד פון באָריס בוגאַיעוו (1880 ◦), רוסישער שרייבער; געב. און דערצויגן אין אַן אינטעליגענט־בורזשואַזער פאַמיליע (דער פאָטער איז פּראָפעסער פון מאַטעמאַטיק), איז זיין דיכטונג גלייך געווען אַן איידעלע, אַ סובטעלע, מיט אַ שפּאָר ביסל מיסטיק אין דער פאָרעם, אַ שטרענג־יחידישע. זיין ערשטע זאַמלונג האָט געהייסן „צווישן פעלדער“ (1904—1907) און איז פול מיט סימבאָליק און אויך אַ דינע שיכט רעלי־

גיעזישקייט. זינט 1912 זיך באַפריינדט מיטן באַקאַנטן שווייצאַרישן אַנטראָפּאָזאָף רודאָלף ש ט יי נ ע ר (ז.), מיט וועלכן אָנגעפירט די גאַנצע באַוועגונג, רעזידירט אין זיין „יוהנישער געביידע". צו זיינע וויכטיקסטע ווערק געהערן: ראָמאַנען — „זילבערנע טויב" (דער ערשטער פון אַ ציקל „מזרח צי מערב"), „פּעטערבורג", „קאָטיק לעטאַיעוו", „קינדהייט און יוגנט", ווי אויך די ערשטע ראָמאַנען פונעם ציקל „מאָסקווע" — „מאָסקווער אויסטערלישער מענטש", „מאָסקווע אונטערן קלאַפּ" (1926). צו זיין באַקאַנטסטער ליריק געהערט: „גאָלד אין בלויקייט", „אַש", „אורנע"; דאַן זיינע גרויסע פּאָעמעס „די ערשטע באַגעגעניש", „קריסטוס' תחית-המתים"; סימפאָניעס — אַן איבערגאַנג צו פּראָזע — די דראַמאַטישע, די העראָאישע — די צפונדיקע, קריטישע ווערק: „סימבאָליזם", „גרינע לאָנקע", „די פּאָעזיע פונעם וואָרט", „די טראַגעדיע פון דער שאַפונג: טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי". נאָך דער רעוואָלוציע, ווען ס'איז פאַרטיליקט געוואָרן דער עקאָנאָמישער קוואַל פון זיין סימבאָליזם—דער פּוסטעפּאַסניקער, באַלעבאַטישער סאַלאָן — אַ שטיקל צייט געטרויערט; דאַן זיך געשטעלט אין דינסט פונעם בילדונגקאָמיסאַריאַט, פאַר וועמען ער אַרבעט נאָך ביז היינטיקן טאָג — אין שרייבערפאַריין, אין טעאַטערוועזן א.אַ.וו.

ביעליאַווסקי ס ע ר ג יי (○ 1883), רוסישער אַסטראָנאָם, באַקאַנט פון זיין אומגעהייער-גרויסער אַרבעט איבער אַסטראָפאָמעטריע און פאָטאָגראַפירן קלענערע פּלאַנעטן, וואָס ער האָט אויך עטלעכע אַנטדעקט, צ. ב. „וואָלאַ-

דילען", „מאַרטין" א. אַנד. צ. אַ. אויך אַרויסגעגעבן אַ „קאַטאַלאָג פון פאָטאָגראַפישער גרויס פון 2.777 שטערן".

ביעליטש (○ 1876), סערבישער שפּראַכפאָרשער, אָנגעשריבן עטלעכע וויכטיקע ווערק אויס דעם געביט. צ. אַ.: „דיאַלעקטאָלאָגישע קאַרטע פון סערבישער שפּראַך", „מקור-דיאַלעקטן פון סערביע", „באַמערקונגען איבער טשאַקאַווישער שפּראַך".

ביעלינסקי וויסאַריאָן (1811—1848), באַקאַנטער רוסישער קריטיקער; געהערט צו איין ליטעראַרישן קרייזל מיט באַקונינען, באָטקינען א. אַנד., געווען אַ הייסער העגעליאַנער און פון דעם שטאַנדפונקט באַטראַכט די ליטעראַטור: „די קונסט איז איצט נישט קיין האַר, נאָר אַ שקלאַף; זי דינט צו אַנדערע, זייטיקע צילן". געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין דער ליטעראַטור די ערשטע העלפט 19ט י"ה און אויך לאַנגע יאָרן שפּעטער. מיט זיין אַרונטעררייסן די אַלטע פאָרמען, מיט זיין אַנטשידענעם קאַמף קעגן דער רעליגיעזער, פּריציש-עקספּלואַטאַטערישער אַפּאָלאָגיע, אַסך געהאָלפן דער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער ליטעראַטור און פונעם פרייען געדאַנק אין זיין צייט. אויף זיינע קריטישע אַרבעטן האָט זיך דערצויגן דער גאַנצער רעוואָלוציאָנער-ליבעראַלער דור רוסישער אינטעליגענץ אויס יענער צייט. צוליב זיין אַנטשלאָסנקייט און דער קריטיק, אויסגעשטאַנען אַסך פּאָליציייִשע רדיפות. — אַ פולע זאַמלונג זיינע ווערק אין 10 בענד איז אַרויס ד. יאָר 1914.

ביערנאַצקי יאָהאַן כריסטאָף (1840—1795), דייטשער שרייבער, מחבר פון איינעם פון די ערשטע דייטשע רעאַליסטישע ראָמאַנען: „די האַליג, אָדער די שיפברוכיקע אויפן אינדזל אינעם צפון־ים“ (1836), וואָס שילדערט אין העלע פאַרבן דאָס לעבן פונעם פישער־עולם ביים ברעג צפון־ים.

ביערנסאָן ביערנסטערנע מאַרטיניוס (1910—1832), אָנגעזעענער נאָרוועגישער שרייבער. זיך דערצויגן אין אַ סביבה פון פויערן און פישער, און דאָס האָט אויך געלייגט דעם שטעמפּל אויף ב.ס אַרבעט. זיין ערשטע זאַך איז געווען אַן אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן „יוהייעס“. 1852 אָנגעהויבן שרייבן ליריק, גלייך געוואָרן פּאָפּולער אַלס דיכטער, און זיין פאָלקסליד „יאָ, מיר ליבן דאָס־דאָזיקע לאַנד“ איז געוואָרן נאָרוועגיעס נאַציאָנאַלער הימן. זיינע ווייטערדיקע ביכער דיכטונג זענען „גילס פין“, „אַרניאָט העלקע“ א. אַנד. זייער באַליבט זענען אויך געווען זיינע ראָמאַנטיש־רעאַליסטישע ראָמאַנען פון פויערשן לעבן „סינעווע סאָלבאַקען“, „אַרנע“, „דער פריילעכער יאַנט“. זיינע דראַמעס, אויף די טעמעס פון סקאַנדינאַווישע סאַגעס — „קעניג סווערע“, „צווישן שלאַכטן“, „די הינקעדיקע הילדע“ — שפּיגלען־אָפּ ב.ס קאַמף און יאוש פאַר נאַצ. טעאַטער און ליטעראַטור. אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע, אָנגעשריבן דאָרט אַ טיף־פּעסימיסטישע טרילאָגיע „דער צעחושטער סיגורד“, זיך אומגעקערט אַהיים מיטן רום פון אַ גרויסן דיכטער. דאַן האָט ער זיך געוואָרפן אין פלאַם פון פּובליציסטישער אַרבעט, געפּלאַנט אַ

גרויסן בונד פון אַלע סקאַנדינאַווישע מלוכות מיט דייטשלאַנד און די פאַר. שטאַטן (עס איז געווען נאָך דער פרייסיש־פראַנצ. מלחמה — 1870). פאַרן אַרויסרופן דעם קעניג אויף אַ דועל, פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד, געווען אין אַמעריקע, אַרויסגעטראָטן מיט פלאַמענדיקע רעדעס קעגן קעניגרייך, פאַר אַ רעפּובליק, קעגן דער אַלמאַכט פון דער קירך. צו יענער צייט אָנגעשריבן פּאָליטיש־טענדענציעזע דראַמעס „דער באַנקראָט“, „דער רעדאַקטער“, „דער קעניג“, „לעאָנאַרדאָ“ — וווּ ער באַקעמפט דעם קעניג, די געלט־גיריקייט פון דער גרויס־בורזשואַזיע. אין זיין ראָמאַן „שטויב“ (1882) פּראָפּאַגירט ער אַ נייעם לעבנמעטאָד, אָנשטאָט רעליגיע — שטרענגע וויסנשאַפט, אין די פּיעסעס „די הענטשקע“, „געאָגראַפיע און ליבע“ פאַרטיפט ער דאָסדאָזיקע פּראָבלעם און פאַרברייטערט עס אויפן געביט פון דערציונג. זיין באַרימטסטע פּיעסע איז די טאָפּל־דראַמע „איבער די כוחות“ — אין וועלכער ער גיט אַ מעכטיק בילד פון די רעליגיעזע קייטן אויף די פיס פון דער פאָרויסגייענדיקער מענטשהייט, דאַן דעם אומברחמנותדיקן קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל און די נעבעכדיקע לאַגע פון די צווישן־שיכטן. — אָבער, קעגן יעדער דערוואַרטונג, ווערט די דראַמע פאַרענדיקט מיט אַן אַלעגאָרישער פאָרשטעלונג פון צוויי פיגורן „גלויבן“ און „האָפענונג“, וואָס הייסן זיך איינהאַלטן, באַזינען, באַקעמפן די קאַפּיטאַליסטישע טיראַניי אויף אַ פרידלעכן אופן — קורץ, אין גייסט פון ב.ס ליבעראַלער אָנשויונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו קומען נאָך דער רעוואָלוציאָנערער היץ. שפּעטער ווערט ב.

שוין אַ גאַנץ-פאַרמעגלעכער ערדאייגנטימער און פראָפּאַגירט אין זיינע פיעסעס אַן „אַרבעטזאַם לעבן" („לאָמיר אַרבעטן" — 1901), פאַרייניקן די העכערע קולטור מיט דעם גרויספריצנטום („דער פאַמיליע דאַגס משפחהאייגנטום"), קעגן דער פריצישער עםהארצות („אבשלומס האַר") און קעגן דער אומגעזונטער אַטמאָספער פון קאַפּיטאַליסטישן הוהאַ-לעבן (ראָמאַן „מאַר"). זיין לעצטע פיעסע (1909) איז „ווען יונגוויין בליט" — פול מיט אָפּטימיזם, אָבער אָן זיין אַמאָליקער שאַרפקייט און בייסיקייט. ב. האָט אויך אַקטיוו געקעמפט פאַר נאָרוועגיעס פאָליטישער זעלבשטענדיקייט, וואָס זי האָט טאַקע 1905 דערגרייכט. 1903 באַקומען די נאָבעל-פּרעמיע.

ביערק אָ ס ק אַ ר (° 1860) שוועדישער סאָציאַלער מאָלער–רעאַליסט. באַקאַנט זענען זיין „קוזשניע", „דער שפּייכלער" און „די פאַבריק".

ביערקנעס ו י ל ה ע ל ם, (° 1862), נאָרוועגישער פיזיקער, איינער פון די גרעסטע ספּעציאַליסטן איבער הידראָדינאַמיק אין היינטיקער צייט, אַנטדעקט אַ טעאָרעמע, וואָס טראָגט זיין נאָמען. 1921, צוזאַמען מיט זיין זון יאַקאָב, אויסגעאַרבעט אַ פרישע טעאָריע איבער די ווינטן צ י ק ל אָ נ ע ן, וואָס שטייט היינט אין צענטער פון דער גאַנצער מעטעאָראָלאָגיע. צ. אַ. אָנגעשריבן: „דער הידראָדינאַמישער פונדאַמענטאַל-זאַך און זיין אָנווענדונג", „דינאַמישע מעטעאָראָלאָגיע און הידראָגראַפיע", „הידראָדינאַמישע ווייטקרעפטן", „די קראַפט-פעלדער".

ביפאָן ז ש אָ ר ז ש ל ו אי ל ע ק ל ע ר ק (1788–1707), באַקאַנטער פרנצ. נאַטור-

פאָרשער; אָנגעשריבן אַ קאָלאָסאַלע, 36בענדיקע „נאַטורגעשיכטע, אַלגעמיינע און באַזונדערע", וואָס האָט אָבער היינט אַ קנאַפּן ווערט מחמת דעם פעלן פון קריטישן צוגאַנג צום געביט. דאָך האָט דאָס ווערק לאַנגע יאָרן געשפּילט אַן ערשטראַנגיקע ראָל אינעם דערלערנען די נאַטורוויסנשאַפט. אַרויסגעזאָגט אין דערדאָזיקער אַרבעט זייער וויכטיקע געדאַנקען, ווי–אַז די נאַטור איז איין גאַנצקייט און אַז די געזעצן פון דער נאַטור זענען חל אויף אַלע געביטן; אַז אונטערן איינפלוס פון דער סביבה (קלימאַט, שפּייז) קאָנען זיך די מינים ענדערן. אָבער דאָס איז נישט סיסטעמאַטיזירט געוואָרן אין אַ זעלבשטענדיקער לערע און אַרויסגעזאָגט געוואָרן אגב-אורחא, און דערום האָט די „געשיכטע" נישט געשפּילט י ע נ ע ראָל אין דער ביאָלאָגיע, וואָס עס וואָלט איר געקומען.

ביקענספילד, ז' ד י ז ר אַ ע י בענדזשאַמין.

ביקערמאַן י ו ס ף (° 1867), רוסישער פּובליציסט, אַ ייד; געהערט אַ געוויסע צייט צו די ליבעראַלע פּובליציסטן, אין יידישן לעבן אָנטיילגענומען, ווי אַן אָנהענגער פון אַסימילאַציע, באַקעמפט פון איין זייט דעם ציוניזם, פון דער צווייטער זייט — דעם יידישיזם, ווי רעגרעסיווע באַוועגונגען ביי יידן. 1902 פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג „איבערן ציוניזם", וואָס האָט דאַן אַרויסגערופן אַסך בייז בלוט. — שפּעטער אַרויסגעגעבן עטלעכע ווערק איבער יידישער עקאָנאָמיק אין רוסלאַנד, רעדאַגירט און מיטגעאַרבעט אין עטלעכע ליבעראַל-בורזשואַזע זשורנאַלן. נאָך

דער פעברואַר-רעוואָלוציע איבערגעריסן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט, נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע אַוועק קיין אויסלאַנד, ווו זיך אָנגעשלאָסן אָנעם מאָנאַרכיסטישן, שוואַרצמאהדיקן פליגל רוסישע עמיגראַציע, און איז היינט איינער פון אירע וואָרטזאָגער.

ביר אויגוסט (° 1861), דייטשער מעדיצינער, געהערט צו די גרעסטע היינצייטיקע אויטאָריטעטן אויפן געביט פון כירורגיע; געמאַכט אַן עפּאָכע מיט זיינע אַרבעטן איבער דער כירורגיע פונעם מאָגן, איבער דעם היילן די אַקטיווע און פּאַסיווע אַנעסטעזע (בלוט-שטאַנד), איבער דער רעגענעראַציע און איבער פּלאַסטישער כירורגיע. דירעקטער פון דער וועלט-באַרימטער שווינדזוכט-סאַנאַטאָריע הינטער בערלין — האַהענליכען. זיינע וויכטיקסטע ווערק: „היפּערעמיע, אַלס היילמיטל", „באַהאַנדלונג פון געלענק-שווינדזיכטיקע מיט שטויונג-היפּערעמיע", „קאָנגענעראַציע", „באַאָבאַכטונגען איבער רעגענעראַציע ביי מענטשן", „היילאָנצינדונג און היילפיבער" א. אַנד.

בירא לאַיאָש (° 1880), אונגאַרישער בעלעטריסט און פּובליציסט, געהערט צו דער גרופּע ראַדיקאַלע בורזשואַזע שרייבער; שילדערט אין זיינע בעסטע ראָמאַנען און דערציילונגען די פינצטערניש פונעם אונגאַרישן לעבן און די טיפע סתירות צווישן דעם פעאָדאַלן קלאַס און דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. זיין באַקאַנטסטער ראָמאַן איז „דאָס שוואַרצע קעניגרייך".

בירבאָם מאַקס (° 1872), ענגלישער שרייבער און קאַריקאַטוריסט; געשטאַנען נאָענט צו דער עסטעטישער

ריכטונג סוף פּאַריק י"ה (אוויילד, בערדסלי א. אַנד.). ביז 1909 געצייכנט בלויז קאַריקאַטורן, וואָס זענען זייער הויך געשעצט געוואָרן. אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן „איבעראַנייס", „אַ וויינאַכט - ביימל", „אַלעמאָל ניי" לאַכט ער אויס דעם נייעם דור ענגלישע שרייבער, בפרט קיפּלינג, וועלס, בענעט (ז.). זיין איינציקער ראָמאַן איז אַ סאַטירע אויף די „גוטע" מידות אין אָקספאָרד „זולייקאַ דאָבסאָן". אַן עסטעטיקער, איז ער גלייכגילטיק צו סאָציאַלע פּראָבלעמען. „איך וואָלט וועלן — זאָגט ער — אַז יעדער זאָל טון, ווי אים איז באַקוועמער, נאָר ער זאָל נישט טון קיין זאַך, וואָס זאָל מיר נישט געפעלן".

בירבוים אָטאָ (1865—1910), דייטשער שרייבער, עסטעט און דעקאַדענט, געפירט אין דייטשלאַנד דעם אימפּרעסיאָניזם. פון זיינע באַקאַנטסטע ווערק: דער ראָמאַן „שטילפּע", לידער-זאַמלונגען „לאַבירינט פון ליבע", „איבערגעלעבטע געדיכטן". גאָר באַקאַנט זענען זיינע ראָמאַנען „פּרינץ קוקוק" און „סטודענטנווידויס" — שיין לויט דער פאָרעם, באָהעמיש און יחידיש לויטן אינהאַלט.

בירגער גאָטפריד אויגוסט (1747—1794), דייטשער דיכטער, איינער פון די שעפער פונעם דייטשן ראָמאַנטיזם, געהערט צום דיכטער-קרייזל „האַינבונד" זינט ד. י. 1768. אַדורכגעמאַכט אַ לעבן אין נויט און רדיפות צוליב זיינע פּערזענלעכע אוממאָראַלישע מעשים, האָט ער דאָך זיך דערשלאָגן צו אַ פּראָפעסער-קאַטעדער אין געטינגען (פון עסטעטיק און סטיליסטיק). ב. ווערט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן

מייסטער פון באַלאַדע, פון וועלכע עס צייכענען זיך אויס „לענאָרע“, „דער ווילדער יעגער“, „דעם גלחס טאָכטער פון טויבענהיין“, „דאָס ליד פונעם בראַוון מאַן“, „דער קיסר און דער גלח“ — אַלץ אויפן פאַן פון פאָלקס-לעגענדעס מיט אַ שפּאָרן צומיש פאָלקס-שפּראַך. האַלטנדיק, אַז די פּאָעמע דאַרף זיין צוגענגלעך דעם גאַנצן פאָלק, בכיוון באַפּאַרבט זיינע באַלאַדעס מיט מאָראַלישן מוסר-השכל און רעליגיעזן גייסט. פונדעסטוועגן, אין קעגנזאַץ צו כמעט אַלע דעמאָלטצייטיקע דייטשע שרייבער, אַרויסגעוויזן וואַרעמע סימפּאַטיע דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און אין איין ליד גערופן דאָס פאָלק נישט צו העלפן די פירשטן אין זייער קאַמף מיט דער פראַנצ. רעוואָלוציע. זיין פּאָליטישע ריכטונג האָט אין אַ געוויסן זין צוגעגרייט אַ באָדן פאַר היינריך היינעס (ז.) פּאָליטישער ליריק.

בירויקאָוו פּאַוועל (1860 ○), רוסישער שרייבער, באַקאַנט ווי דער בעסטער ביאָגראַף פון ל. נ. טאָלסטאָי. משך אַסך יאָרן געווען ט.ס סעקרעטאַר און אויף דעם סמך אָנגעשריבן אַ גרויסע, 4בענדיקע ביאָגראַפיע זיינע, ווו ט. אַליין האָט אויך מיט-אַריינגעגעבן מאַטעריאַלן און דאָקומענטן. די ערשטע 2 בענד זענען אַרויס ביי ט.ס לעבן (1905 און 1908), די לעצטע צוויי — 1921 און 1923.

בירנוף אייזשען (1801—1852), באַקאַנטער פראַנצויזישער אָריענטאַליסט, אויפגעטון אַסך נייס אין דער סאַנסקריטאָלאָגיע און כינאָלאָגיע, בעיקר אָבער — אינעם דערפאָרשן דעם בודיזם. אָנגעשריבן, צ. אַ. „געשיכטע

פון אינדישן בודיזם“, ווי אויך גרויסע מאָנאָגראַפיעס איבער די שפּראַכן פּאַלי, זענד-אַוועסטאַ א.אַנד.

בירע אייזשען (1811—1842), פראַנצ. סאָציאַליסטיש-אוטאָפּיסטישער שרייבער, אַ קינד פון עקסטער נויט. 1840 אַרויסגעלאָזט אַ בוך „די נויטן פון די אָרבעטנדיקע קלאַסן אין ענגלאַנד און פראַנקרייך“ — אַ מין אוטאָפּיסטיש-סאָציאַליסטיש פּראָגראַם, ווי איינצושטעלן אַ גערעכטיק און גלייך לעבן אויף דער וועלט.

בירקעלאַנד קריסטיאַן (1867—1917), נאָרוועגישער פיזיקער, באַקאַנט פון זיינע אַרבעטן אויפן געביט פון עלעקטרע און ערד-מאַגנעטיזם, געפאָרשט די טעאָריע פון פּאָלאַרע לייכטונגען, אָנטיילגענומען אין די נאָרוועגישע עקספּעדיציעס איבער דער פּראַגע, 1899—1900 און 1902—1903. דערפונדן אַן עלעקטרישן אויוון אויף דירעקטן באַקומען אַזאָט-זויער פון אַטמאָספערישער לופט. זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן: „נאָרוועגישע עקספּעדיציע“ (פון יעדער עקספּ. באַזונדער), איבער דער פּאָלאַרער אַוראָרע, א. אַסך אַנד.

בישאַ מאַרי פראַנסואַ קסאַוויע (1771—1802), אָנגעזעענער פראַנצ. אַנאַטאָם, פיזיאָלאָג און דאָקטער, דער באַגרינדער פון דער וויסנשאַפט איבער דעם געוועב פון קערפּער. צו 26 יאָר געלייענט אין פּאַריז לעקציעס איבער מעדיצין, צו 31 יאָר אומגעקומען פון אַן אָנשטעקונג מיט מתים-גיפט. — זיין אומשטערבלעכער פאַרדינסט איז דער, וואָס ער האָט דער ערשטער אָנגעוויזן אויף די געוועבן, ווי די הויפּטעלעמענטן פון קערפּער און די אויספירער פון עלעמענטאַרע פונקציעס,

באַהאַנדלט דאָס לעבן מאַטעריאַליסטיש, ווי אַ ביאָלאָגישן פּראָצעס. אויפגעטון אַסך אויך אין דער פּראַקטישער מעדיצין, איבערהויפּט ביים פונאַנדערנעמען די קערפּערס פון מתים. זיין וויכטיקסט ווערק איז: „טראַקטאַט איבער די גלידער בכלל און די פאַרשידענע גלידער בפרט", „אַלגעמיינע אַנאַטאָמיע", „פיזיאָלאָגישע נאָכפאָרשן איבער לעבן און טויט" א. אַנד.

בישאָף קאַרל גוסטאַוו (1792—1870), דייטשער כעמיקער און געאָלאָג, געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער נייער כעמישער ריכטונג אין דער געאָלאָגיע — אין קעגנזאַץ צו דער פריערדיקער, דער „וולקאַנישער". זיין וויכטיקסט בוך „לערבוך פון פיזיקאַלישער כעמיע", אין 3 טיילן.

בישע פיליפּ זשאָזעף בענזשאַמען (1796—1865), פראַנצויזישער היסטאָריקער און סאָציאַליסט; צו 20 יאָר צוגעשטאַנען צו באַזאַרן (ז.), שפּעטער געוואָרן איינער פון די פירער פון דער סען-סימאָנישער שול, 1830 איבערגעריסן מיט ביידע און מיטגעגרינדעט די „געזעלשאַפט פריינד פון פאָלק", וו געפּרעדיקט צו גרינדן אַרבעטער-פאַריינען לויט דער פּראָפעסיע. געגרינדעט „זשורנאַל פון מאָראַלישע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן", שפּעטער געענדערט אויף „אייראָפּעער", וו פּראָפּאַגאַנדירט אַרבעטער-קאָאָפּעראַציע און באַמיט זיך צו שלום-מאַכן צווישן די יאַקאָבינישע אידעען און דער קריסטלעכער מאָראַל. 1840 געגרינדעט דעם זשורנאַל „אַטעליע" מיט אַ ריין-פּראָלעטאַרישער רעדאַקציע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון פאַר-

שווערערישע אידעען און גערופן די אַרבעטער צו בויען שטאַרקע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס. די אַגיטאַציע האָט געברענגט פרוכט און ס'זענען אַנטשטאַנען אַ ריי פאַריינען. בעת דער פעברואַר-רעוואָלוציע 1843 אָנטיילגענומען אין די גאַסנקאַמפן, געוויילט געוואָרן פון פאַריז אין דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג. די לעצטע יאָרן זיך אומגעקערט צו דאָקטעריי און געשיכטע. אין זיינע ווערק נישט געגעבן קיין אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטישע ליניע, נייערט אַ געמיש פון עקסטער דעמאָקראַטיע מיט קריסטלעכקייט, געפיל, סענטימענט א. ד. גל. געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די שפּעטערדיקע דורות סאָציאַליסטן. צו די וויכטיקסטע ביכער: „די וויסנשאַפט איבער דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט", „פּאַרלאַמענטאַרישע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", „פילאָזאָפיע פונעם שטאַנדפּונקט פון קאַטאָליציזם און פון פּראָגרעס" (3 בענד), „טראַקטאַט איבער פּאָליטיק און געזעלשאַפט-וויסנשאַפט", „די געשיכטע פון דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַליטעט".

בלאַגאָיעוו דמיטר (1855—1924), בולגאַרישער פּובליציסט און רעוואָלוציאָנערער טוער; פון דער יוגנט זיך אָנגעזאַפּט מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט. געלעבט אַן אמת-פּראָלעטאַריש לעבן, וו גענעכטיקט נישט געטאָגט, אַדאַנק זיין שטאַרקן ווילן און גרויסן דורשט נאָך וויסן זיך דערשלאָגן צום פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, דאָרט אָנגעהויבן אַ מאַרקסיסטישע אַרבעט. 1884 געגרינדעט די ערשטע גרופּע ס. ד. אין רוסלאַנד, אַרויסגעגעבן 1885

די ערשטע ס. ד. צייטונג אין רוס־
לאַנד „אַרבעטער‟, זיך שפּעטער פאַר־
בונדן מיט דער גרופּע „באַפרייונג פון
אַרבעט‟. די רוסישע מאַכט האָט אים
אַרויסגעשיקט, ווי אַן אויסלענדער. —
אין בולגאַריע זיך פאַרנומען מיט ס.
ד. אַרבעט, געפירט אויך אַ העפטיקן
קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפריי־
ונג פון די קליינע באַלקאַנישע פעל־
קער, געשטודירט עקאָנאָמיע און גע־
ווען דער ערשטער בולגארישער עקאָ־
נאָמיסט. 1891 אַרויסגעלאָזט זיין ער־
שטע סאָציאַליסטישע בראָשור „צי האָט
דער סאָציאַליזם ביי אונדז אַ באָדן?‟
געגרינדעט די ס. ד. פאַרטיי אין בול־
גאַריע, האָט ער אויך געגרינדעט די
ערשטע ס. ד. צייטונג „דער אַרבע־
טער‟; פון אָנהייב אָן געפירט אַ העפּ־
טיקן קאַמף קעגן די אָפּאָרטוניסטישע
און קליינבירגערלעכע עלעמענטן אין
דער פאַרטיי. בעת דער שפּאַלטונג
אויף „ברייטע‟ און „ענגע‟ (לינקע),
איז ב. געשטאַנען בראש פון די צוויי־
טע. בעת דער מלחמה געווען פון די
ווינציקע, וואָס האָבן זי באַקעמפט מיט
אַלע מעגלעכע כוחות. אַקטיוו אָנטייל־
גענומען אין די אַרבעטן פון דער צי־
מערוואַלדער קאָנפערענץ, און שפּעטער
געווען איינער פון די גרינדער פון
קאָמאינטערן. — אחוץ די דערמאָנטע
זשורנאַלן, רעדאַגירט אַ ריי צייטונגען, ווי
„סאָציאַליסט‟ און „אַרבעטער־נייס‟.
משך 22 יאָר רעדאַגירט דעם אָרגאַן
„נייע צייט‟, וואָס האָט איפגעהערט
צו ערויסצוגיין נאָכן פּאָגראָם אויף דער
פאַרטיי. אָנגעשריבן אַסך בראָשורן,
איבערגעזעצט אויף בולגאַריש מאַרקס׳
„קאַפּיטאַל‟, 1טן באַנד.

בלאוואַטסקי העלענאַ, פּס״ד:

ראַדאַ־באַי (1831—1891), רוסישע שריי־
בערין־טעאָזאָפין. 10 יאָר אַרומגעוואַנ־
דערט איבער אינדיע, ציילאָן און אַנ־
דערע עקזאָטישע מקומות און געשטו־
דירט די פאַרשידענע מיסטישע לערעס
פון מזרח. 1873 אַריבערגעפאָרן קיין
ניו־יאָרק, 1875 געגרינדעט דאָרט די
טעאָזאָפישע געזעלשאַפט. אירע מיסטיש־
אָקולטישע אידעען האָבן באַקומען אַ
גאַנץ־לעבעדיקן אָנהאַלט צווישן די
הויכע, אַריסטאָקראַטישע קרייזן, וואָס
האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די אָפיציע־
לע רעליגיעס און געזוכט עפּעס אַ
פרישן, עקזאָטישן „גאָט‟. געווען מיט
איר אַביסל סקאַנדאַלן איבער די אַנט־
פלעקונגען, וואָס מ׳האָט געמאַכט, אַז
זי איז גאָר כלל נישט קיין מיסטיקע־
רין א. אַ. וו. דאָך האָט זי געהאַט
אַ היבש ביסל אָנהענגער און זינט 1890
עקזיסטירט אפילו אין לאָנדאָן אַ ספּע־
ציעלע „בלאַוואַטסקי־לאָזשע‟. פון די
וויכטיקסטע אַרבעטן: „איזיס אָן אַ
שלייער‟, „די געהיימע דאָקטרינע‟,
„דער שליסל צו טעאָזאָפיע‟.

בלאָוויץ היינריך (1825—1903),
פראַנצויזישער זשורנאַליסט און פּובלי־
ציסט, געשטאַמט פון טשעכיע (אַ ייד),
נאָר צוליב זיינע גרויסע פּראָוואָקא־
טערישע פאַרדינסטן בעת דער פּאַרי־
זער און מאַרסעלער קאָמונע, האָט אים
טיער נאַטוראַליזירט. געווען זינט 1871
דער פּאַריזער קאָרעספּאָנדענט פון
„טיימס‟; זיך אויסגעצייכנט מיט זיין
פלינקייט און פיפיקייט אין אַרויסבאַ־
קומען פאַרשידענע וויכטיקע מלוכישע
דאָקומענטן. אַריינגעפירט דער ערשטער
אין דער פּרעסע דעם א י נ ט ע ר וו י ו.
איבערגעלאָזט אויך אַ בוך „זכרו־
נות‟.

בלאָך ערנסט (○ 1880), היינטצייטיקער קאָמפּאָזיטער, אַ שווייצאַרישער ייד, וווינט אין אַמעריקע, ווו ער פירט אָן מיטן מוזיקאַלישן לעבן. פון זיינע פּאָפּולערסטע שאַפונגען: „מאַקבעט", אַ לירישע דראַמע, 2 סימפאָנישע פּאָעמעס „ווינטער" און „פרילינג", ווי אויך דריי יידישע פּאָעמעס פאַר אָרקעסטער. פאַרנעמט איינס פון די חשובסטע ערטער אין דער היינטיקער מוזיק.

בלאָמסטראַנד קריסטיאַן-ווילהעלם (1897–1826), שוועדישער כעמיקער און מינעראַלאָג. בעיקר באַקאַנט אויס זיינע פאָרשונגען איבער די כעמישע באַשטאַנדן פון ב ל ײ, געווען אויך — אומבאַוווסט פאַר זיך אַליין — דער פאָרזאָגער פון דער סטערעאָכעמיע. זיין וויכטיקסט בוך הייסט „די כעמיע פון איצטיקער צייט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער עלעקטראָכעמישער אויפפאַסונג, אַנטוויקלט פון בערצעליוס' לערע אָן".

בלאַן לואי (1882–1811), פראַנצויזישער סאָציאַלער רעפאָרמער און היסטאָריקער. יונג אַריינגעטרעטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אַ ראַדיקאַל, לכתחילה אין אַראַס, שפּעטער אין פּאַריז. 1838 געגרינדעט אַ זשורנאַל „רעווי פון פּאָליטישן, סאָציאַלן און ליטעראַרישן פּראָגרעס", ווו אָפּגעגעבן דאָס הויפּטאָרט דעם סאָציאַלן פּראָבלעם. דאָרט אויך געדרוקט אין המשכים זיין שפּעטער באַרימט-געוואָרן ווערק „אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט". אין דעמדאָזיקן ווערק געגעבן אין בונטע פאַרבן אַ בילד פון דער פראַנצויזישער נויט. אָדורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז מיטן סאָציאַלן איבערבוי דאַרף זיך

פאַרנעמען די גאַנצע געזעלשאַפט, בתוכם אויך די פאַבריקאַנטן און קאַפּיטאַליסטן, נאָר די הויפּט-אויפגאַב האָט דאָ די מלוכה. געשעען דאַרף דאָס דורך אַרבעטער-פּראָדוציר- און פאַרברויך-קאָאָפּעראַטיוון, געשאַפענע מיט מלוכישער הילף. דער פאַרדינסט דאַרף געטיילט ווערן אויף דריי טיילן: צווישן די מיטגלידער, אויף אַרבעטער-געצייג און פאַר אַלטע לייט. אויך די קאַפּיטאַליסטן דאַרפן געבן צושטייער זייער געלט, דערביי גאַראַנטירט זיי די מלוכה די צינדזן. פונעם פאַרדינסט טאָרן זיי נישט געניסן. אַזויאַרום וועלן די דאָזיקע ק–ון פאַרקאָנקורירן דעם פּריוואַטן פאַבריקאַנט. אויך די אַגראַרע פראַגע דאַרף געלייזט ווערן אויף דעם אופן, וואָס מען וועט אָפּשאַפן דאָס רעכט פון ירשנען. בעת דער רעוואָלוציע געווען אַ מיטגליד פון דער צייטוו. רעגירונג, געשאַפן עטלעכע פּראָגרעסיווע געזעצן, ווי: 10-שעהדיקער אַרבעטסטאָג, ראַיאָן-ביוראָס פאַר אַרבעטס-פאַרמיטלונג, — אָבער די בורזשואַזע מערהייט פון דער רעגירונג האָט עס אָפּגעוואָרפן. בעת דער מאַי-רעוואָלוציע אַריין אין דער רעוו. רעגירונג, נאָכן דערשטיקן זי אַנטלאָפן קיין לאָנדאָן, 1870 זיך אומגעקערט, 1876 בעת דער קאָמונע זי באַקעמפט. געוואָרן אַ מיטגליד פונעם פאַרלאַמענט, אָדורכגעפירט אַן אַמנעסיע-געזעץ פאַר די קאָמונאַרן. אַ וואַקלדיקער מענטש, האָט ער זיך געשראָקן פאַר מאַסן-אויפברויז און אין די דעצידירנדיקע מאָמענטן זיך געשטעלט קעגן דעם פאָלק. פון די וויכטיקסטע אַרבעטן, אַ חוץ דער שוין-געדאַכטער: „געשיכטע פון צען יאָר (1840–1830)", „געשיכטע פון דער רעוואָלוציע 1848",

„אויפרוף צו ערלעכע מענטשן״, „פראַגן פון היינט און פון מאָרגן״, „סאָציאַליזם. רעכט אויף אַרבעט״.

בלאָנדעל אַנדרע (◦1863), פראַנצויזישער פיזיקער, געאַרבעט און געשאַפן ווונדער אויפן געביט פון ראַדיאָטעכניק, אַנטדעקט די היינטיקע אַנטענע, וואָס איז געווען אָנגערופן אויף זיין נאָמען — ב.ס ראַדיאָ-נעץ.

בלאָנסקי פּאַוועל (◦1884), רוסישער פּעדאַגאָג, פילאָזאָף און פּסיכאָלאָג, האָט אַ גרויסן שם אין דער וועלט מיט זיינע פּעדאַגאָגישע ווערק, בעיקר „די אַרבעט-שול״ (1919). ביז דעמאָזיקן ווערק געווען אַ רעליגיעזער אידעאַליסט, נאָך יענץ יאָר געוואָרן אַן אַנטשידענער מאַטעריאַליסט — אַזוי, אַז דאָס בוך ליידט אפילו פון היפּער-אינדוסטריאַליזם. דאָך איז עס געווען די ערשטע פּעדאַגאָגיק זינט נאָך דער רעוואָלוציע. זינט דאַן אָנגעשריבן זייער אַסך איבער נייער פּעדאַגאָגיק, אָנטיילגענומען אין אַסך פּעדאַגאָגישע אָנפירערישע קערפּערשאַפטן. זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן: „פּלאָטינס פילאָזאָפיע״, „קורס פון פּעדאַגאָגיק״, „פּעדאַגאָגיע״, „פּסיכאָלאָגיע״ א. אַנד.

אויף יידיש: „די שול אין מערב-אייראָפּע און ביי אונדז״.

בלאַנקאָ-פאָמבאָנאַ רופינאָ (◦1874), שפּאַניש-אַמעריקאַנישער שרייבער, געב. אין ווענעצועלאַ. אָנטיילגענומען אין דער באַפרייונג-באַוועגונג פון זיין פאָלק. מ'האָט אים אַרויסגעשיקט פון זיין היימלאַנד. היינט-צוטאָג אין מאַדריד, ווו פאַרוואַלטער פונעם „אַמעריקאַנער פאַרלאַג״. זיין שטימונג איז אַנאַרכיש, ווילד, פאַרעבדערלעך — אַן אָפּשפּיגל פון זיין שטורמיש לעבן.

אין זיינע ראָמאַנען איז ער אַ רעאַליסט: „דער אייזערנער מענטש״, „דער גאָלדענער מענטש״ א.אַנד. זיין לידער-זאַמלונג „פאָטערלאַנד״ ווייזט אויף אַ נישט-דורכשניטלעכן טאַלענט. געשריבן אויך אַ בוך קריטישע אָפּהאַנדלונגען „די שפּאַניש-אַמעריקאַנישע שרייבער און געלערטע״, „די גרויסע אַמעריקאַנער שרייבער״ און אַ „פּאָליטישע און אַלגעמיינע עוואָלוציע פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור״.

בלאַנקי לואי אָגיסט (1805—1881), פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערער טוער און היסטאָריקער, געב. אין דער פאַמיליע פון אַ הויכן רעגירונג-באַאַמטן, האָט ער, גלייך נאָך דער רעסטאַווראַציע פון די בורבאָנען, אָנגעהויבן צו ליידן נויט. נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן און געשיכטע. אַלס סטודענט, שוין אַריינגעטרעטן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי אַ רעפּובליקאַנישער פאָרקעמפער. משך ד. יאָר 1827 דריי מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן אין די גאַסנקאַמפן, אין דעם יולי-אויפשטאַנד 1830 געווען אויף די באַריקאַדן. דאַן צוגעשטאַנען צו דעם „פאַריין פון פאָלקס-פריינד״, ווו איינגיכן איבערגענומען די פירערשאַפט. יאַנואַר 1832 געשטאַנען דערפאַר פאַרן געריכט. די געשווירענע האָבן אים באַפרייט, אָבער פאַר דער רעדע אויפן געריכט, ווו ער האָט שאַרף אָנגעגריפן די בירגערלעכע מלוכה, באַקומען אַ יאָר תפיסה און אַ געלט-שטראָף. 1834 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „פרייהייטקעמפער״, פון וועלכן ס'איז דערשינען נאָר איין נומער: „דאָס פאָלק איז פון אייביק-אָן דער גערודפ-

טער און געדריקטער — שרייבט ער
דאָרט. — מיר זענען נישט קיין רע-
פּובליקאַנער לשמה. אויב די רעפּוב-
ליק וועט אונדז נישט באַווערן אונ-
דזערע האָפענונגען, וועלן מיר זי באַ-
קעמפן. די מלוכה-פאָרעם איז נישט
קיין ציל, נאָר אַ מיטל". ער האַלט,
אַז לייזן דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם וועט
נישט די בורזשואַזיע דורך אַ גוטער
געזעצגעבונג, נייערט די אַרבעטנדיקע
מאַסן אַליין. — נאָכדעם, ווי דער גע-
דאַכטער „פאַריין" איז געוואָרן אומ-
לעגאַל, איז ב. אין מערץ 1836 ווי-
דער פאַרמשפט געוואָרן צו 2 יאָר פאַר
צוגרייטן אויפרייס-מאַטעריאַל, אָבער
אַדאַנק דער אַמנעסטיע 1837 איז ער
באַפרייט געוואָרן. 1838 האָט ב. אויפ-
סניי געגרינדעט די רעוואָלוציאָנערע
„געזעלשאַפט פון די צייטן פון יאָר",
וו ער האָט אָנגענומען בלויז אַרבע-
טער. ד. 12 מאַי 1839 האָט די גע-
זעלשאַפט געמאַכט אַ פאַרשווערונג,
וואָס איז אָבער נישט געלונגען. ב. איז
אַנטלאָפן, זיך אויסבאַהאַלטן, אָבער ביי
דער שווייצאַרישער גרענעץ האָט מען
אים אַרעסטירט, שפּעטער פאַרמשפט
צום טויט, וואָס מ'האָט אים פאַרביטן
אויף לעבנלענגלעכע תפיסה. יאַנואַר
1842 געפּרוווט אַנטלויפן, צוזאַמען מיט
נאָך חברים, אָבער ס'האָט זיך נישט
איינגעגעבן; מ'האָט די אַרעסטאַנטן
אַזוי צעממיתט, אַז זיי זענען קראַנק
געוואָרן; מ'האָט גערעכנט, אַז ב. האַלט
ביים שטאַרבן און 1844 אים באַפרייט,
קעגן וואָס ב. אַליין האָט עפנטלעך
פּראָטעסטירט. אַפּריל 1847 האָט מען
אים ווידער אַרעסטירט פאַר אָרגאַני-
זירן די אומרוען אין בלויא, אָבער
דאָס געריכט האָט אים באַפרייט. 1848
געקומען קיין פּאַריז, צוזאַמען מיט די
איבערגעבליבענע פריינד ווידער גע-
שאַפן דעם „צענטראַלן רעפּובליקאַנישן
פאַריין", וואָס האָט שפּעטער געשפּילט
אַ גרויסע ראָל. די צייטווייליקע רע-
גירונג האָט ער שטאַרק באַקעמפט.
בעיקר איז באַרימט זיין רעדע, אין
וועלכער ער האָט געפאָדערט צו מאַכן
פאַר פראַנקרייכס נאַציאָנאַלער פאָן —
די פאָן פון די באַריקאַדן, די רויטע,—
ווי אויך זיינע מינימום-פאָדערונגען,
וועלכע די רעגירונג האָט נישט אָנ-
גענומען. ב.ס פּאָפּולאַריטעט איז גע-
וואָקסן, און דאַן האָט די רעגירונג זיך
געכאַפּט אויף אַ פּראָוואָקאַציע: מ'האָט
אים אין דער צייטונג „רעטראָספּעקטיווע
רעווי" באַשולדיקט, אַז ער האָט פאַ-
ראַטן זיינע חברים. ב. האָט גלייך דע-
רויף געענטפערט מיט אַ פאַרצווייפלטן
„ענטפער פונעם בירגער אָג. בלאַנקי",
אָבער מ'האָט אים פאַרשריגן. נאָך דער
אומגעלונגענער מאַניפעסטאַציע ד. 15
מאַי מיט די פאָדערונגען: קאַמף קעגן
אַרבעטסלאָזיקייט, שטיצע פאַר אָרעמע
און הילף פאַר פוילן, האָט מען
אים ווידער אַרעסטירט און פאַרמשפט
צו 10 יאָר תפיסה. דאָרט האָט ער
פאָרגעזעצט זיין טעטיקייט, אַרויסגע-
לאָזט אויפרופן צום פאָלק, מען זאָל
שטימען און שטיצן די סאָציאַליסטן
א. אַנד. דאַן האָבן אויך זיינע אָנהענ-
גער אויף דער פריי זיך פאַרבונדן מיט
מאַרקס און ענגעלס און געשאַפן, צו-
זאַמען מיט ענגלישע חח., דעם „אינ-
טערנאַציאָנאַלן פאריין פון קאָמ.-רע-
וואָלוציאָנערן". 1859 איז ב. אַרויס פון
תפיסה, אָבער גיך ווידער אַרעסטירט
געוואָרן און באַקומען 4 יאָר תפיסה.
דאָרט זיך באַפריינדעט מיט אַסך יונ-
געלייט, זיינע אָנהענגער (צ. אַ. לאַ-
פאַרג, לאָנגע, קלעמאַנסאָ), און צוזאַ



לואי אָגיסט בלאַנקי

מיכאַיל באַקונין

מען מיט זיי רעדאַגירט דעם זשורנאַל „קאַנדיד“, געווידמעט פילאָזאָפיע, רעליגיע, מאָראַל און געשיכטע. די פּאָליציי האָט דעם זשורנאַל, צוליב זיין אַטעיסטישן און מאַטעריאַליסטישן אינהאַלט, פאַרמאַכט ביים 8טן ג״מ. ב. איז דאַן אַנטלאָפן פון תפיסה קיין בריסעל, אָבער צוליב זיין נויטיקייט אין דער דירעקטער אָנפירונג מיט דער אָרגאַניזאַציע, פלעגט ער אָפט אומלעגאַל צופאָרן קיין פּאַריז. צו יענער צייט אויך אָנגעשריבן זיינע אַרטיקלען, ווערק, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען: „געזעלשאַפטלעכע קריטיק“, „די פאַרשקלאַפטע אַרמיי“, „אינסטרוקציע פאַרן באַוואָפנטן אויפשטאַנד“ א. אַ. בעת דער דייטש־פראַנצ. מלחמה איז ב. ווידער געווען אויף זיין פּאָסטן, בראש פון אַ גרופּע בלאַנקיסטן זיך געפּרוווט ווידער פאַרכאַפּן אַ קאַזאַרמע אויף לאַווילעט־גאַס. די פּחדנות פון דער רעגירונג האָט ער העפטיק באַקעמפט, אַרויסגעגעבן זיין „פּאַטערלאַנד איז אין געפאַר“, ווו גערופן זיך ענערגיש אַנטקעגנשטעלן דעם דייטשן מיליטאַריזם און צו פאַרטיידיקן פראַנקרייך, דאָס לאַנד פון רעוואָל. אידעען. 1871 האָט מען אים פאַרמשפט צום טויט אונטער די אויגן, באַלד דערנאָך געכאַפּט און איינגעזעצט אין באָרדאָ. די פּאַריזער קאָמונע האָט אים אויסגעוויילט פאַר איר מיטגליד, אָבער דער פירער פון די ווייסע, טיער, האָט אים נישט געוואָלט אַרויסגעבן (מ׳האָט אים געוואָלט אויסטוישן אויפן פּאַריזער אַרציביסקופּ), ווייל „ס׳איז גלייך, ווי איך וואָלט די בונטאַרן געשיקט צו־הילף אַ גאַנצן קאָרפּוס זעלנער“. אין תפיסה האָט ב. אָנגעשריבן אַ פילאָזאָפיש ווערק „די אייביקייט לויט

די שטערן“. 1878 האָט זיך אָנגעהויבן אַ העפטיקע קאַמפּאַניע צו אַמנעסטירן בלאַנקין, וואָס עס איז געלונגען. באַלד נאָכן באַפרייט־ווערן האָט ער געמאַכט אַ טור איבער פראַנקרייך און אומעטום באַגייסטערט אויפגענומען געוואָרן. אַרויסגעגעבן דאַן אַ בוך „נישט קיין גאָט, נישט קיין באַלעבאָס“. געשטאָרבן ניי־יאָר 1881, ביזן לעצטן הויך בלייבנדיק אַ רעוואָלוציאָנער.

בלאַסקאָ־איבאַניעז וויסענטע, ז׳ איבאַניעז בלאַסקאָ וויסענטע.

בלאַנש זשאַק עמיל (° 1861), הייַנטצייטיקער פראַנצויזישער מאָלער, אַ גלענצנדער פּאָרטרעטיסט, סובטעלער אַנאַליטיקער און הערלעכער טעכניקער. אויסגעפירט אַ ריי פּאָרטרעטן פון שרייבער און באַקאַנטע מענטשן.

בלאַנשאַר מאַריע, הייַנטצייטיקע שפּאַנישע שרייבערין, אַרבעט אין פּאַריז. איז איינע פון די וואָרטפירערינס פונעם מאָדערנעם עקספּרעסיאָניזם.

בלאָק אַלעקסאַנדער (1880—1921), רוסישער דיכטער, געב. אין וואַרשע אין אַן אינטעליגענטער היים. די ערשטע צייט געשריבן אין גייסט פון מיסטיק און סימבאָלישקייט. באַקאַנט פון דעם מין זענען זיינע לידער וועגן זיין אויסגעטרוימטער „פּראַכטפולער דאַמע“. שפּעטער, בעת דער רעוואָלוציע 1905, דאָמינירט אין זיין פּאָעזיע דער רחמנותדיק־סאָציאַלער מאָמענט און דאָס געפיל פון זיין יחידישער הילפלאָזיקייט („דער קונצנמאַכער“, „דער קעניג אויפן פּלאַץ“, „די שניי־מאַסקע“). שפּעטער הייבט ער אָן צו שאַפן אין רעאַלן גייסט: „לידער פון גורל“, „לידער איבער רוסלאַנד“, „יאַמבן“, „די

דראַמע „רויז און קרייץ" א. אַנד. באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע געשאַפֿן זיין באַרימטע פּאָעמע „צוועלף", אַ ראָמאַנטישע אַפּאָלאָגיע פֿון דעם ריזיקן אויפֿשטאַנד. די העלדן זענען דאָרט צוועלף אָפּגעריסענע, געפּרווירענע רויט־אַרמייער, וואָס בראש פֿון זיי גייט קריסטוס מיט אַ רויטער פֿאָן אין האַנט. דידאָזיקע פּאָעמע איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פֿיל שפּראַכן. דאַן גייט זיין צווייטע שאַפֿונג „סקיטן", אין וועלכער ער שטעלט אַנטקעגן דער באַלעבאַטישער אייראָפּע דאָס אַלטע „סקיטישע" רוסלאַנד. דערנאָך — אַ זאַמלונג עסייען „רוסלאַנד און די אינטעליגענץ", אין וועלכער ער רופֿט די רוסישע אינטעליגענץ צו שטעלן זיך אויף דער זייט פֿון דער ראַטנמאַכט. צו יענער צייט אויך געווען געזעלשאַפֿטלעך אַקטיוו, ווי אַ מיטגליד פֿון דער „קאָמיסיע צו פֿאָרשן די פֿאַרברעכנס פֿון די צאַרישע מיניסטערס", אַ באַאַמטער אין בילדונג־קאָמיסאַריאַט, אין דעם גרויסן דראַמאַטישן טעאַטער, אין דעם פֿרייען פֿילאָזאָפֿישן פֿאַרבאַנד. די לעצטע 2 יאָר פֿון זיין לעבן איז ב. געווען פֿיזיש קראַנק און אויך זיין סטיל און טאָן האָט פֿאַרלוירן די גרויסע ראָמאַנטישע פֿאַרב. דאַן אָנגעשריבן אַ פּיעסע פֿון עגיפּטישן לעבן „געמיש".

אויף יידיש: „צוועלף".

בלאָקיטני וואַסילי, פּס"ד פֿון וואַסילי יעלאַנסקי (1891—1925), אוקראַאינישער רעוואָלוציאָנער, זשורנאַליסט, דיכטער. זינט גאָר די יונגע יאָרן אָנגעהויבן שאַפֿן רעוו. קרייזלעך, די „יונגע קרייזן", אין די סטודענטנ־יאָרן אַריין אין דער ס. ר. פּאַרטיי. אין

די שפּעטערדיקע יאָרן געפֿירט אַן אַקטיוון רעוו. קאַמף, נאָך דער פֿעברואַר־רעוואָלוציע געפֿירט מיט דער שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי, רעדאַגירט דעם אָרגאַן פֿון די לינקע אָפּגעשפּאָלטענע באָראָטביסטן — „קאַמף". גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם בירגערקריג. 1920 אַריין אין דער באָלש. פּאַרטיי, רעדאַגירט די „נייס", אָפֿיציעלן אָרגאַן, געווען דירעקטער פֿונעם אוקראַאינישן מלוכה־פֿאַרלאַג. געגרינדעט די ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציע „האַרט", אָנגעשריבן, צ. אַ., אַ בוך לידער (פּס"ד עלאַן): „קלעפּ פֿון האַמער און פֿון האַרץ", געשריבן אויך סאַטירעס. אויף זיין נאָמען הייסט דאָס הויז פֿון פּראָלעטאַרישע שרייבער אין כאַרקאָוו.

בלואַ לעאָן (1846—1917), פֿראַנצויזישער שרייבער, געהערט צו דער קאַטוילישער גרופּע (ווילִיע דע ליל אַדאַן, באַרבע דע אָרעווילי). שטאַרק געפֿילט און געזען די סאָציאַלע סתּירות פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט, נאָר נישט געהאַט דעם מוט זיי צו לייזן און זיך מיט זיי פֿאַרנומען אויף אַ מיסטישן וועג. פֿונדעסטוועגן האָט אים זיין קעמפֿערישע נאַטור אָפֿט געצוווּנגען זיך „אַראָפּצולאָזן" אויף דער ערד. באַזונדער העפֿטיק זענען געווען זיינע אָנגריפֿן אויף דער אָפֿיציעלער קאַטוילישער קירך, וואָס פּאַסט זיך צו צו אַלע שוואַכקייטן און פֿאַרברעכנס פֿון דער מאַטעריאַליזירטער מענטשהייט. אָנגעפֿאַלן אויך זייער שאַרף און בייסיק אויף כמעט אַלע זיינצייטיקע שרייבער, וואָס האָבן זיך נישט געשטעלט אויף זיין שטאַנדפּונקט (הוגאָ, מאָפּאַסאַן א. אַנד.). אָבער זיינע געדאַנקען און אידעען זענען נישט געווען אין

געשמאַק פון דער זיינצייטיקער בורזשואַזיע און מען האָט אים שטאַרק איגנאָרירט. דידאָזיקע „פאַרשווערונג פון פאַרשוויגן" האָט ער באַשריבן אין זיין 8בענדיקן טאָגבוך. צו די באַקאַנטסטע ווערק געהערן: „יידן־רעטער", ווו ער ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ שטאַרקן אַנטיסעמיט; „דריי פאַרלייקנטע", „דאָס בלוט פון אַן אָרעמען" (געשריבן — „אויס שנאה צו די גבירים"), „די אָרעמע פרוי" און „דער אַנטוישטער" — זיין שנאה און עקל צו די „דאַמען פון דער געזעלשאַפט".

בלוילער אויגען (1855°), באַרימטער שווייצאַרישער פּסיכיאַטער, דירעקטאָר פון דער פּסיכיאַטרישער קליניק ביים ציריכער אוניווערסיטעט. אַ רום באַקומען אַדאַנק זיין אויספאָרשן די „פריע שוואַכזיניקייט" — דעמענציע פּרעקאָקס. אַסך אויך געפאָרשט און געשאַפן דעם באַגריף „אַוטיזם", וואָס דער חולה איז גלייכגילטיק צו דער וועלט און איז פאַרטון בלויז אין זיך. אַסך געשריבן און געפאָרשט איבער פּסיכיאַטריע, פּסיכאָלאָגיע, פּסיכאָפּאַטאָלאָגיע, אַ צייטלאַנג זיך שטאַרק באַגייסטערט פון פרוידס (ז.) טעאָריע און וועגן דעם אויך אָנגעשריבן אַ בוך. אָבער לעצטנס אַביסל אַוועק, ווייל ער איז נישט מסכים מיט פ., אַז די הויפּטראָל ביים מענטשן שפּילט זיין סעקסואַליטעט. אָנגעשריבן אַן ערשטקלאַסיק „לערבוך פון פּסיכיאַטריע".

בלום לעאָן (1872°), הייַנטצייטיקער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער טוער, פירער פון דער סאָצ. פּאַרטיי; לכתחילה אַ טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיקער, האָט ער סוף די 90ער יאָרן

זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען, אונטערן איינפלוס פון זשאָרעס, מיט פּאָליטיק, אַרויסגערוקט זיך אין פאָדערגרונד בעת דער מלחמה. 1919 געווען דער רעפערענט פונעם נייעם פּאַרטיי־פּראָגראַם. געוווסט ווען צו לאַווירן צווישן די מאַסן, האָט ער זיך דערוואָרבן גרויס פּאָפּולאַריטעט, איז אַ שטיקל צייט געווען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „דער פּאַריזער פאָלקסמענטש". אָנגעשריבן אַסך אַרבעטן אויס דער ליטעראַרישער קריטיק און פּובליציסטיק; זייער פּאָפּולער איז זיין בוך: „געדאַנקען איבער דער חתונה". מיטגליד פון דער ציוניסטישער „יידישער אַגענץ".

בלום ראָבערט (1848—1807), דייטשער פּאָליטישער טוער און פּובליציסט, געפרווט פאַרשידענע פאַכן, גיך זיי געטוישט און ערשט די 40ער יאָרן געפונען זיין באַרוף: דעמאָקראַטיש־ראַדיקאַלער טוער און רעדנער. רעדאַגירט דעם ראַדיקאַלן אָרגאַן „פאָרויס". 1848 געווען פירער פון דער זאַקסישער דעמאָקראַטיע, מיטגליד אין פראַנקפורטער פּאַרלאַמענט. 1848 האָט די לינקע פראַקציע געשיקט ב.ן, בראש פון אַ דעלעגאַציע, מיט אַ באַגריסונג צום רעוואָלוציאָנערן ווין, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין פייער פון רעוואָלוציע. אָנטיילגענומען אין די גאַסן־קאַמפן, נאָכן פאַלן פון ווין האָט אים דער גענעראַל ווינדישגרעץ דערשאָסן. — דאָס האָט דאַן אַרויסגערופן אין גאַנץ דייטשלאַנד גרויסע אויפרעגונג און גאַסנדעמאָנסטראַציעס.

בלומענבאַך יאָהאַן פרידריך (1840—1752), דייטשער אַנאַטאָם, אַנטראָפּאָלאָג און זאָאָלאָג. ער האָט עס

דער ערשטער פאַרגעלייגט צו צעטיילן די מענטשהייט אין פינף הויפט-ראַסעס, וואָס האַלט נאָך אָן ביזן היינטיקן טאָג: די קאַווקאַזער — ווייסע ראַסע, מאָנגאָלישע — געלע, עטיאָפישע — שוואַרצע, אַמעריקאַנישע — רויטע און מאַלאַישע — ברוין-גרויע. געווען דער שעפער פון דער קראַניאָלאָגיע — דער וויסנשאַפט איבער ראַסנשאַרבנס. דער ערשטער אָנגעווענדעט דעם מעטאָד פון פאַרגלייך-אַנאַטאָמיע צום מענטשן. די וויכטיקסטע ווערק: „האַנטבוך פון נאַטורגעשיכטע", „האַנטבוך פון דער פאַרגלייכנדיקער אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע".

בלייבטרוי קאַרל (1859 ∘), דייטשער שרייבער, געהערט צום ערשטן דור דייטשן נאַטוראַליזם, וואָס זיינע פרינציפן האָט ער איבערגעגעבן אין זיין פראָגראַמאַטישער בראָשור-פאַמפלעט „רעוואָלוציע פון דער ליטעראַטור". דער העלד פון זיינע ראָמאַנען, דערציילונגען און דראַמעס איז אַ טעטיקער, ענערגישער מענטש, וואָס פאַסט צו די סביבה אין זיין גייסט. ווי אַזוי ס'דאַרף אויסזעען דער „אמתדיקער מענטש", ווייזט אונדז ב. אין זיין ראָמאַן „שלעכטע געזעלשאַפט" — אַ מאָלער, וואָס פאַרבייט זיין פענדזל אויף אַ האַק פון אַ קאָלאָניזאַטער. ער האָט אויך אָנגעשריבן איבער זיינע באַליבטע: שעקספיר („שעקספירס סוד"), בייראָן („דער דיכטער-לאָרד"), נאַפאָלעאָן („שיקזאַל" — אַ דראַמע). ער האָט אויך אָנגעשריבן אויף מיליטערישע טעמעס: „טאָג פון צאָרן", „קראָמוועל", „ביסמאַרק" און אַ ריי פאַמפלעטן — בעיקר, איבער דער געשיכטע פון די נאַפאָלעאָנישע מלחמות און דער קאַמפאַניע 1870—1871.

בלייווייס יאַנעז (1808—1881), אָנגעזעענער סלאָווענישער קולטור-טוער. אַסך אויפגעטון צו דערהייבן דעם גייסטיקן און פאָליטישן מצב פון די סלאָווענער, וואָס זענען געווען אַ פאַרשקלאַפטע מאַסע צו עסטרייך-אונגאַרן. 1843 אַרויסגעגעבן אַן אַגראַר-בלאַט „נייס", פאָלקס-ביכער, קאַלענדאַרן א. אַנד. און איז אַזוי-אַרום געשטאַנען אין צענטער פון דער סלאָווענישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. אָבער סיי די דייטשע בורזשואַזיע און פריצים, ווי די אונגאַרישע פעאָדאַלן און זייערע פאַרבינדעטע, האָבן אים שטאַרק גערודפט.

בליבר קאַרל (1826—1907), דייטשער פאָליטישער טוער און פובליציסט, צוגעשטאַנען יונג צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אויסגעשטאַנען צרות צוליב זיין פאַמפלעט „דער דייטשער הונגער און די דייטשע קייזערס", 1848 אָנטיילגענומען אין אויפשטאַנד אין באַדען און פאַרמשפט געוואָרן צו 8 יאָר תפיסה, אָבער דער נייער אויפשטאַנד 1849 האָט אים באַפרייט. די יאָרן פון רעאַקציע פאַרברענגט אויף עמיגראַציע, ווו הרטה באַקומען און שוין זינט די 60ער יאָרן אַרויסגעטרעטן אין דער פובליציסטיק ווי אַ רעאַקציאָנער, נאַציאָנאַליסט און פאַרביסענער שונא פון די סאָציאַליסטן. געווען נאָענט באַפריינדעט מיט ביסמאַרקן. זיין שטיפזון, פערדינאַנד קאָגען-בלינד, האָט אָבער די זאַך גענומען ערנסט און געמאַכט אַן אומגעלונגענעם אַטענטאַט אויף ביסמאַרקן (7 מאַי 1866), און אין תפיסה זיך גענומען דאָס לעבן.

בליס אַרטור (1891 ∘), היינטצייטיקער ענגלישער קאָמפאָזיטאָר, ווערט

פאַרעכנט צו די גרעסטע אין דער וועלט. פון זיינע פילע שאַפונגען זענען באַזונדער אינטערעסאַנט די בלומען־ און די פלאַנצן־סימפאָנעס.

בלעמערט אברהם (1564–1651), האָלענדישער מאָלער, געשטאַנען בראש פון דער אוטרעכטער מאָלעריי־שול; געצייכנט פאָרטרעטן, שטייגער, היסטאָרישע בילדער און פייזאַזשן. געהאַט אַסך תלמידים.

בלענט ווילפריד סקאַוען (1840–1922), ענגלישער פאָליטישער טוער און דיכטער, איינער פון די פייערדיקסטע קעמפער קעגן דער אימפעריאַליסטישער פאָליטיק פון די קאפיטאליסטישע מלוכות. 1870 געוואָרפן זיין גלענצנדע דיפלאָמאַטישע קאַריערע, משך 10 יאָר געוואַנדערט איבערן נאָנטן מזרח, און געווידמעט זיין לעבן דעם קאַמף מיטן ענגלישן אימפעריאַליזם אין מצרים, אינדיע, אַראַביע א.אַנד. 1881 אָפן צוגעשטאַנען צו אַראַבי־פאַשאַס באַפריי־באַוועגונג אין עגיפטן, געהאָלפן אַסך מיט אַלעם, וואָס נאָר געקאָנט, שפעטער צוגעשטאַנען צו דער באַפריי־באַוועגונג אין אינדיע, אירלאַנד, געווען אַ שטיקל צייט אַרעסטירט. צו קיין שום פאַרטיי נישט געהערט. געשריבן פראַכטפולע לידער, וואָס זיינע צייט־חברים האָבן בכיוון פאַרשוויגן. צו די בעסטע ווערק פון דער ענגלישער פאָעזיע צווייטע העלפט 19 י"ה געהערט זיין „ווינט און שטורעם" (צוליבן פאַרכאַפן עגיפטן), „דער שטן — בעל־תשובה" — אַ פראַכטפולע סאַטירע אויף די אימפעריאַליסטן. אָנגעשריבן עטלעכע בענד זכרונות פון אַ הויכן ווערט, צווישן זיי „די געהיימנישפולע געשיכטע פון דער בריטישער

אָקופאַציע פון עגיפטן", „טאָגבוך", „די ערד־מלחמה אין אירלאַנד" און אַנד., וואָס האָבן אַן אומגעהייערן היסטאָרישן באַטייט און זענען אַ מוסטער פון סטיל.

בלעקסטאָן וויליאַם (1723–1780), ענגלישער יוריסט, באַרימט דורך זיין קלאַסיש, 4בענדיק בוך „דערקלערונג צו די ענגלישע געזעצן"—איינס פון די גרינטלעכסטע ווערק אויפן געביט פון יוריספרודענץ ביז אויף היינטיקן טאָג.

בלעקסלי אַלבערט פרענסיס (°1874), אַמעריקאַנישער באָטאַניקער, זיך קונה־שם געווען אַדאַנק זיינע פאָרשונגען איבער שוואָמען. אַנטדעקט, דעם אַ. ג. העטעראָטאַליזם ביי די שוואָמען.

בלעריאָ לואי (°1872), פראַנצויזישער אַוויאַטער און קאָנסטרוקטער פון אַעראָפלאַנען, דערפינדער. 1908 געשלאָגן דעם ערשטן וועלט־רעקאָרד פון 14 קמ.—פון טורי קיין אַרטעניי (פראַנקרייך), 1909 דאָס ערשטע מאָל איבערגעפלויגן דעם קאַנאַל לאַמאַנש (35 קמ.). ביז היינט געשאַפן אַ 120 טיפן אַעראָפלאַנען (האָט אַן אייגענע פאַבריק).

בעביט, דער הויפט־העלד פון אַ ראָמאַן פונעם אַמעריקאַנישן שרייבער סינקלער לויס (ז.) אונטערן זעלבן נאָמען (פאַראַן אויף יידיש). ב. איז דער טיפ פון אַ דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער, אַן אויפגעקומענעם גביר, אַ סנאָב. אין דעם בוך ווערט מייסטערהאַפט געשילדערט די קליינבירגערלעכע, עיפושדיקע סביבה, וואָס אויף איר פאָן ווערט בולט פאָרגעשטעלט דאָס מייסטערהאַפטע פיגורל פונעם העלד ב. — דאָס בוך איז געוואָרן משך עט־

לעכע יאָר אזוי אומגעהייער פּאָפּולער, אַז „בעביט" איז שוין היינט אַ שם־נרדף פאַר יעדן פיליסטער, אפילו אויסער אמעריקע. דערדאָזיקער נאָמען איז אריין אין לעבן, ווי אַ באַצייכענונג, אזוי ווי סערוואַנטעס' דאָן־קישאָט באַטייט אַן אַמביציעזן שלים־מזל, אָדער ווי אין דער יידישער ליטעראַטור — שלום־עליכמס „מנחם מענדל", פּרץ „באָנטשע שוויג".

בעבעל אויגוסט (1913—1840), גרויסער דייטשער סאָציאַליסטישער פירער. געב. און דערצויגן אין אַ באַלעבאַטיש־מאָנאַרכיסטישער סביבה, איז ער געוואָרן אַ סאָציאַליסט פאַרהעלטענישמעסיק שפּעט, אונטערן איינפלוס פונעם שטרייק פון די לייפּציקער דרוקער ד. י. 1865, פון דער פּראָפ. פאַריינען־באַוועגונג, פון לאַסאַלס בראָשורן און, בעיקר, אונטערן איינפלוס פון פערזענלעכער באַרירונג מיט ווילהעלם ליבקנעכטן (ז.). דאַן האָבן ביידע זיך גענומען ענערגיש אָרגאַניזירן פאַרשידענע פּראָפ. פאַריינען, אין וועלכע מען האָט אויך אריינגענומען קליינע מייסטערלעך, כאַלופּניקעס, סוחרימלעך, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר אַ דעמאָקראַטיש־רעוו. כוח. די פאַריינען, אַלס גאַנצע, זענען אריין אין דעם באַשטאַנד פון דער נאַציאָנאַלער פּאַרטיי. 1870 האָט ב. אַרויסגעלאָזט זיין ערשטע סאָציאַליסטישע בראָשור „אונדזערע אויפגאַבן". גאָר גיך איז אָבער דער שלום געפּלאַצט און ד. זעלבע יאָר 1870 האָט ב. אָנגעפירט מיט דער שפּאַלטונג און מיטגעגרינדעט די זעלבשטענדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי. 1867 אויסגעוויילט געוואָרן אין רייכסטאַג, באַלד געוואָרן איינע פון די צענטראַלע פיגורן, פאַנאַטיש באַקעמפט ביסמאַרקן און זיין פּאָליטיק. בעת דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה, ד. 21 יוני 1870, ביים אָפּשטימען אין רייכסטאַג איבער די מלחמה־קרעדיטן, האָט ער צוזאַמען מיט ליבקנ. זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען: שטימען קעגן האָט ער געהאַלטן פאַר נישט צוועקמעסיק (ליבקנ. האָט דאָס פאַלאַנגט), ווייל אויפגעוויזן, אַז עס וואָלט געהייסן אונטערגעהאַלטן דעם פראַנצויזישן קעניג נאַפּאָלעאָן III. אינטערעסאַנט, אַז אפילו קעגן אָט דער מעסיקער פאָרעם פּראָטעסט קעגן דער מלחמה איז געווען דער צק. פון דער פּאַרטיי — ער האָט געהייסן שטימען פאַר. נאָך דייטשלאַנדס ניצחון, געשטימט אָפן קעגן די קרעדיטן פאַר דער רעגירונג, וועלכע האָט אים, גלייך נאָכן פאַנאַנדערלאָזן דעם פּאַרלאַמענט, אַרעסטירט. מערץ 1871 ווידער אויסגעוויילט געוואָרן דורך די זאַקסישע וועבער. באַרימט איז דאַן זיין רעדע אין רייכסטאַג, ד. 23 מאַי, צו פאַרטיידיקן די פּאַריזער קאָמונע: „מיינע הערן, זאָלן אין אייערע אויגן די שטרעבונגען פון דער קאָמונע ארויסרופן האַס; לאָמיר אפילו זאָגן, ווי ס'איז דאַ נעכטן דערמאָנט געוואָרן, אַז זיי זענען משוגע. אָבער זייט זיכער, אַז דער גאַנצער אייראָפּעישער פּראָלעטאַריאַט און יעדער מענטש, ביי וועלכן ס'איז נאָך געבליבן דאָס געפיל פון פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, קוקט מיט ליבשאַפט אויף פּאַריז. אויב אין דער איצטיקער מינוט איז פּאַריז באַזיגט, דערמאָן איך אייך, אַז דער קאַמף אין פּאַריז איז נאָר געווען אַן אַוואַנגאַרד־צוזאַמענשטויס. דער אמתדיקער קאַמף איז נאָך פ א ר אונדז. ס'וועט אַדורך עטלעכע יאָרצענדליק, און דער רוף פונעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט וועט ווערן דער לאָזונג פון גאַנצן אייראָפּעישן אַרבעטער־

קלאַס. מלחמה די פּאַלאַצן, פרידן די כאַטעס, אַ פויט דער גויט און דעם ווילטאַג!" מערץ 1872 באשולדיקט געוואָרן אין מלוכה־פּאראט און צוזאמען מיט ליבקנעכטן פאַרמשפּט געוואָרן צו 2 יאָר תּפיסה, דאַן נאָך צוגעקריגן 9 חדשים. דאָרט זייער אַסך שטודירט און געלערנט, אָנגעשריבן די בראָשורן „דער פּויערנקריג אין דייטשלאַנד", „דער מאַכמעדאַניש־אַראַבישער קולטור־פּעריאָד", אָנגעהויבן זיין מאָנאָגראַפיע איבערן פראַנצ. אוטאָפּיסט פוריע, ווי אויך זיין באַרימט בוך „פרוי און סאָציאַליזם". נאָכן אַרויסקומען פון תּפיסה, אונטער די שרעקלעכע באדינגונגען פון באַקאַנטן „סאָציאַליסטנגעזעץ", ווייטער אַקטיוו געאַרבעט אין דער פּאַרטיי, מיטגעווירקט צו דער פאַרייניקונג פון די אייזענאַכער מיט די לאַסאַליאַנער. געשאַפן זיך אַ קליין טאָקער־פאַבריקל, כּדי, ביים ארומפאָרן נאָך באשטעלונגען, גרינדן אומלעגאַלע אָרגאַניזאציעס אויף דער פּראָווינץ. געשאפן אין אויסלאַנד דעם פּאַרטיי־אָרגאַן „סאָציאַלדעמאָקראַט". אָרגאַניזירט אין ווידען (שווייץ) ד. יאָר 1880 אַן אומלעגאַלן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. ב. איז דאַן געשטאַנען אין ענגן פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט מאַרקס און ענגעלס. אויפן ערפורטער צוזאַמענפאָר — שוין נאָכן בטל־ווערן פונעם סאָציאַליסטנגעזעץ, אין 1891, איז שוין ב. דער אָנערקענטער פירער פון דער פּאַרטיי. די פּאַרטיי איז זיך דורך דער צייט אומגעהייער פאַנאַנדערגעוואָקסן. ס'זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע ריכטונגען — אַנאַרכיסטישע, און פון דער אַנדערער זייט — רעפאָרמיסטישע (ז' בערנשטיין). ב. האָט קאָנסעקווענט געקעמפט קעגן ביידע, הגם צופיל אַכט געלייגט אויף

פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט. דאָס האָט אויך ביסלעכווייז געבערענגט דערצו, אַז 1912 איז די פּאַרטיי געגאַנגען צו די וואַלן אין אַ בלאָק מיט דער פּאַרטיי פון האַנדל־ און פינאַנס־בורזשואַזיע. די דאָזיקע פּאָליטיק האָט ב. פּאַרענטפערט דערמיט, וואָס ער וויל פאַר יעדן פּרייז צעקלאַפּן דעם איינהייטלעכן בירגערלעכן פראָנט און פאַרמיידן, אויף וויפל ס'לאָזט זיך, די מלחמה. — ב. איז געווען דער בעסטער סאָציאַליסטישער רעדנער פון זיין צייט, דער באַליבטסטער פריינד פון די דייטשע אַרבעטער־ און פאָלקסמאַסן. געשטאָרבן ערב יענעם מאָמענט, ווען דער אינטערנאַציאָנאַליזם, דער א. און תּיו פון ב.ס וועזן, האָט געליטן אַזאַ שענדלעכע מפּלה ביי אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, בתוכם אויך — די דייטשע. איבערגעלאָזט 3 בענד זכרונות.

אויף יידיש: „די פרוי און דער סאָציאַליזם".

בעגאַ קאָרנעליס (1620—1664), האָלענדישער מאָלער, געמאָלט הויפּטזאַכלעך אויסן שטייגער פון די פּויערן און באַלעמעלאָכעס און ספּעציעל פון שענקען, גאָרקיכן, קנייפּעס; ער האָט געמאָלן שטרענג־רעאַליסטיש, נאָר מיט אַ טענדענץ צו פאָרשטעלן שוואַרצער די באַהאַנדלטע קעגנשטאַנדן. זייער באַקאַנט זענען: „די וועבער־משפּחה", „די שפּיל אין טריקטראַק", „אין שענק".

בעדאַ דער חשובער (672—735), אַנגלאָ־זאַקסישער גלח, איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין פריען מיטלעלטער, מחבר פון אַסך ווערק — בעיקר איבער דער געשיכטע פון דער קירך. זיין וויכטיקסט ווערק איז „געשיכטע פונעם ענגלישן פאָלק". ס'איז

כדאי צו וויסן, אַז „ענגלאַנד" שטאַמט פון וואָרט ענגעל — מלאך. די איינוווינער פון די ענגלישע אינדזלען זענען געהאַלטן געוואָרן פאַר מלאכים. דאָס בוך איז אַ גרויס קוואַלנבוך פאַר ענגלישער געשיכטע.

בעדיע זשאָזעף (1864 ○), פראַנצויזישער ליטעראַטור־היסטאָריקער. זיינע וויכטיקסטע ווערק באַציען זיך צו דער מיטלעלטערלעכער ראָמאַנישער ליטעראַטור. זיין סטיליזירטע איבעראַרבעטונג פון „טריסטאַן און איזאָלדע" ווייזט, אַז ער האָט זיך פולשטענדיק איינגעלעבט אין דעם גייסט פון אייראָפּעישן מיטלעלטער. צ. אַ. געשריבן: „די עפּישע לעגענדעס", 4 טיילן, „פאַבלען", „די לידער פון די קרייצטרעגער", קריטישע עטיודן", „געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור" (1924).

בעדעקער קאַרל (1801—1859), באַקאַנטער פאַרפאַסער פון רייזע־האַנטביכער. די אַלע באַהאַנדלטע לענדער האָט ער אַליין באַזוכט, און אַדאַנק זיין קינסטלערישן צונויפשטעלן די האַנטביכער, געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער. נאָך זיין טויט, האָבן די האַנטביכער געשריבן זיינע זין — אזוי, אַז יעדעס יאָר דערשיינט אַ פרישער „בעדעקער",— ביז היינט.

בעהאַלי פּאַוועל, היינטצייטיקער סערבישער פּראָלעטאַרישער שרייבער, רעדאַקטער פון דעם מאַרקסיסטישן זשורנאַל „נייע ליטעראַטור". היינט־צו־טאָג — אין תפיסה, ווי אַ פּאָליטישער פאַרברעכער.

בעהאַם האַנס זעבאַלד (1500—1550), דייטשער מאָלער, געשטאָכן אונטערן איינפלוס פון דירער (ז. ז.,

געמאַכט 1.074 האָלץ־ און 252 קופּער־גראַווירן. געוויסע זיינע שאַפונגען שרייבט מען צו, הגם אומגערעכטיק, דירערן, ווי למשל: „קריסטוס' קאָפּ אין דערנער־קרוין".

בעהיים מאַרטין (1459—1506), דייטשער געאָגראַף און רייזנדער; באַקומען אן אומשטערבלעכן נאָמען אַדאַנק זיין „ערד־עפּל" — אַ גלאָבוס, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן נאָך ביז היינטיקן טאָג און וואָס גיט אַן אנונג איבער די געאָגראַפישע באַגריפן אין אָנהייב פון דער עפּאָכע פון גרויסע אַנטדעקונגען.

בעזאַ טעאָדאָר (1519—1605), זשענעווער רעפאָרמאַטער און קאַלוויניסטישער שרייבער; געווען זייער שטרענג אין אָפּהיטן אַלע כּללים פון רעפאָרמאַציע. נאָך קאַלווינס טויט, 35 יאָר געווען דיקטאַטער אין זשענעוו, אָנגעפירט מיט דער קאַלווינישער באַוועגונג אין אַ גרויסער טייל אייראָפּע. די לעצטע יאָרן אַביסל פאַרלייכטערט די כּללים פון קאַלוויניזם און זיי צוגעפּאַסט צו די אינטערעסן פונעם פאַרמעגלעכן בירגערטום.

בעזאַנט עני (1847 ○), ענגלישע שרייבערין און טעאָזאָפין. אַמאָל אָנטיילגענומען אין דער סאָציאַליסטישער און פריידענקערישער באַוועגונג, אַרויסגעגעבן דעם „נאַציאָנאַלן רעפאָרמער". זינט 1907 וווינט זי אין אינדיע, ווו זי פירט אַ ברייטע טעאָזאָפישע אַרבעט, נעמט אָנטייל אין דער אינדישער אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג (ז. גאַנדי) און איז בעת דער מלחמה געווען אינטערנירט. גיט אַרויס דעם „טעאָזאָפיסט" און „צענטראַלער אינדישער אוניווערזיטעט־מאַגאַזין", „ניי אינדיע".

ביכער: „אוראַלטע חכמה“, „סטודיע איבער דאָס באַוווסטזיין“, „אָקולטישע כעמיע“, „דער מענטש און זיין קערפּער“, „פּאָפּולערע פּאָרטראָגן איבער טעאָזאָפיע“ און אַן אויטאָביאָגראַפיע „ענני בעזאַנט“.

בעזרוטש פּיאָטר, פּס"ד פון וולאַדימיר וואַשעק (° 1867), טשעכישער דיכטער, געהערט צו דער גרופּע רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן פון דער עפּאָכע, וואָס פאַר דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה. אָנגעהויבן צו שרייבן אונטערן איינפלוס פון די סימבאָליסטן, אָבער פּאָפּולער אַדאַנק זיינע קאַמפּלוסטיקע, פּראָלעטאַרישע לידער, וואָס ער האָט געשעפּט פאַר זיי טעמעס פונעם שלעזישן פּראָלעטאַריאַט און פונעם קלאַסנקאַמף פון די מאָראַווישע קוילנגרעבער (זאַמלבוך לידער „שלעזיע“). נאָך דער רעוואָלוציע 1918 געענדערט דעם פראָנט און גענומען באַזינגען דאָס „זיגרייכע טשעכישע פאָלק“.

בעטהאָווען לודוויג וואַן (1770—1827), באַרימטער דייטשער קאָמפּאָזיטער, טיטאַן פון דער מאָדערנער מוזיק. די קינדהייט פאַרבראַכט אין גרעסטער נויט און חשכות: דער פאָטער, אַ הויפמוזיקער ביים באָנער פירשט, אַ שלים־מזל און אַ שיכור, די מוטער — אַ דערשלאָגענע, הילפלאָזע פרוי, דער זיידע, אויך אַ געוועזענער הויפמוזיקער ביים פירשט — אַ יאָושדיקער, קלאָגעדיקער זקן. ב.ס ערשטער עפנטלעכער מוזיקאַלישער אויפטריט איז געווען צו 8 יאָר, אין קעלן. 1782 ווערט ב. אַ תּלמיד ביים באַקאַנטן דייטשן מוזיקער נעפע; דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו קומען אין די דעמאָלטיקע מוזיקאַלישע

קרייזן אין באָן, וווּ זיך באַקענט מיט די גרויסע מוזיקער פון זיין צייט: גאָסעק, מעהיל, קערוביני א. אַנד. ד. זעלבע יאָר, 1782, אַרויסגעלאָזט אין דרוק זיין ערשטע קאָמפּאָזיציע „וואַריאַציעס אויף דרעסלערס מאַרש“, און אין אַ יאָר אַרום — נאָך 3 פּאָרטעפּיאַן־סאָנאַטעס. פרילינג 1787 געשפּילט פאַר מאָצאַרטן (ז.), וואָס האָט דערנאָך דערקלערט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ מוזיקאַלישן גאון. די ערשטע אָפּקלאַנגען פון די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין דער ריין־געגנט פאַרכאַפּן אים, ווי אַ הייסן רעפּובליקאַנער, און ער שאַפט אַ כאָראַלע קאָמפּאָזיציע צו די ווערטער פון שילערס (ז.) „אָדע צו דער פרייד“. 1792 זיך באַזעצט אין ווין, וווּ געווען אַ צייט היידנס (ז.) תּלמיד, דערנאָך געמאַכט אַ רייזע איבער די גרעסערע שטעט פון דייטשלאַנד און עסטרייך, אומעטום ענטוזיאַסטיש אויפגענומען געוואָרן. פאַרהאַרטעוועט אין זיין שווערער קינדהייט, איז ב. געווען אַן אַמביציעזער, פאַרביסענער, שטאָלץ זיך געהאַלטן לגבי זיינע רייכע פאַרערער, וואָס האָבן אים מאַטעריעליש געשטיצט. ב. איז דאַן אָנגעגאַנגען פאַר אַ לינקן ראַדיקאַל, ווייל ער האָט נישט פאַרהוילן זיינע וואַרעמסטע סימפּאַטיעס צו די אידעען פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דאַן אויך, די 90ער יאָרן, אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע באַרימטע קאָמפּאָזיציעס. די באַקאַנטסטע פון זיי זענען די 9 סימפאָניעס. די ערשטע, C-Dur, איז פול מיט אָפּטימיזם און לעבנפרייד. אין דער צווייטער באַמיט זיך שוין ב. צו שאַפן נייעס אין דער מוזיק, וואָס עס איז אים פולשטענדיק געלונגען: די

אומגעהייערע קראַפט און דער קלאַנ-
גען-קאָנטראַסט מאַכט אַן אומפאַרגעס-
לעכן איינדרוק אויפן צוהערער. די
דריטע סימפאָניע, באַקאַנט אַלס ה ע-
ר אָ י ש ע, איז פול מיט העלדנאָנשטרעב-
גונג, מיט העראָישן אויפברויז און
קרישטאָל-ריינעם פּאַטאָס. די דאָזיקע
סימפאָניע האָט לכתחילה געזאָלט הייסן
ב אָ נ אַ פּ אַ ר ט ע, לכבוד נאַפּאָלעאָן דעם
פעלקער-באַפרייער. אָבער ווען נאַפּ.
האָט זיך דערקלערט אַלס אימפּעראַ-
טער און פאַרשקלאַפט זיין פאָלק, האָט
ב. די סימפאָניע געווידמעט העראָיש-
קייט בכלל. צו יענער צייט אויך קאָמ-
פּאָנירט דעם באַלעט „פּראָמעטעוס'
שאַפונג". די יאָרן 1804—1809 געשאַפן
די 4טע, 5טע און 6טע סימפאָניעס
(די לעצטע הייסט אויך „פּאַסטאָראַלע"),
די אוווערטורעס „קאָריאָלאַן" און „לעאָ-
נאָרע נר. 3", די גרויסע אָפּערע „פי-
דעליאָ", אַ ריי קאָנצערטן פאַר אָר-
קעסטער, פידל־אָרקעסטער און די באַ-
רימטע פּאָרטעפּיאַן-סאָנאַטע „אַפּאַסיאָ־
נאַטאַ". דאָ דאָמינירט די מאַסנסצענע,
די פלאַמיקע פאָלקס-אויסברוכן. — צו
יענער צייט איז מיט ריזנשריט גע-
גאַנגען פאָרויס זיין מוראדיקע קראַנ-
קייט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך
ד. יאָר 1796 — ט ו י ב ק י י ט. פונ־
דעסטוועגן פאַרפאַסט ער 1809 זיין
פּראַכטפולן פּאָרטעפּיאַן-קאָנצערט נר. 5,
1810 — די הערלעכע מוזיק צו ג ע-
ט ע ס „עגמאָנט", און 1812 — די 7טע
און 8טע סימפאָניעס. 1813, נאָך נאַ-
פּאָלעאָנס פאַלן, ווען אין דייטשלאַנד
איז אָנגעקומען אַ כוואַליע פּאַטריאָ־
טיזם, האָט אויך ב. געשאַפן אַ גרוי-
סע קאַנטאַטע „די פאַרגענגלעכקייט
פון רום" — און 1815 „וועלינגטאָנס
ניצחון". דאַן איז אויסגעבראָכן די קאַ-

טאַסטראָפע: ב. ווערט פולשטענדיק
טויב. זיין שלעכטע מאַטעריעלע לאַ-
גע, די אָן אַ שיעור חובות, האָבן אים
גאָר צו־דערשלאָגן און (ווי ס'איז צו
זען פון זיינע בריוו און נאָטיצן פון
יענער צייט) ער טראַכט ערנסט וועגן
זעלבסטמאָרד. די לעצטע 5 יאָר פון
זיין לעבן, טויבערהייט, באַשאַפן זיינע
גרעסטע ווערק: די 9טע סימפאָניע, —
(1823), די טיפסטע, דערהויבנסטע מוזיקאַ-
לישע שאַפונג ביז אויף היינטיקן טאָג,
די לעצטע סעריע 5 קוואַרטעטן און
די לעצטע פּאָרטעפּיאַן-סאָנאַטע. דעם
7 מאַי 1824 צום לעצטן מאָל דירי-
גירט די 9טע סימפאָניע. אייגנטלעך
האָט ב. נ י ש ט דיריגירט — ער האָט
נאָר, ווי אַ נישט־דאָ־יקער, אָנגעוויזן
די טעמפּאָס דעם אָרקעסטער, וואָס
האָט געשפּילט אונטערן אָנפיר פון אַן
אַנדער דיריגענט. ב. האָט קיין באַ־
גריף נישט געהאַט וועגן די שטור-
מישע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן גע-
דונערט הינטער זיינע פּלייצעס. ערשט
איינע פון די זינגערינס האָט אים
אויסגעדרייט צום פּובליקום. — גע־
שטאָרבן 26 מערץ 1827, און 5 נאָ-
וועמבער ד. זעלבע יאָר זענען זיינע
זאַכן און כתבים פאַרקויפט געוואָרן
דורך זיינע בעלי־חובות אויף אַ ליצי-
טאַציע, און אַזוי־אַרום זענען פאַר־
פאַלן געוואָרן אַסך ווערטפולע מאַטע-
ריאַלן. היינט איז זיין הויז, וווּ ער
האָט געוווינט, אַ בעטהאָווען-מוזיי. נאָך
ב. שטייען אויך עטלעכע דענקמעלער—
אין באָן, ווין, ניו־יאָרק. מערץ 1927,
אין זיין הונדערטסטן יאָרצייט, האָט
די גאַנצע וועלט געפייערט זיין אָנ־
דענק.

בעטויער הוגאָ (1880—1924), פּאָ־
פולערער עסטרייכיש-יידישער שריפט־

שטעלער און זשורנאַליסט. באַקאַנט פון זיין העפטיקן קאַמף קעגן די עסטרייכישע אַנטיסעמיטן (צ. אַ. איז באַקאַנט זיין בוך „אַ שטאָט אָן יידן“). אַרויסגעגעבן אַ צייט־לאַנג עראָטישע זשורנאַלן: „אדם און חוה“, „ער און זי“, „דו און איך“ — אין וועלכע פראָפּאַגירט פולשטענדיקע געשלעכטלעכע פרייהייט. די רעגירונג האָט די זשורנאַלן כסדר קאָנפיסקירט צוליב זייער פּאָרנאָגראַפיע, אָבער מיט יעדן נומער זענען זיי געוואָרן מער פּאָפּולערער און געלעזן. אומגעקומען פון אַ רעוואָלווער־קויל פון אַ קריסטלעך־סאָציאַלן פאַנאַטיקער.

בעציכער הערמאַן (° 1887), היינטצייטיקער דייטשער דראַמאַטורג, געהערט צום רעכטן פליגל פון ליטעראַרישן עקספּרעסיאָניזם. זיין גרעסט ווערק איז „פרידריך דער גרויסער“ (1917), די גרעסטע עקספּרעסיאָניסטישע היסטאָרישע דראַמע, וואָס לייזט דאָס פּראָבלעם פון די ווייטערדיקע דורות אין גייסט פון פרייסישן נאַציאָנאַליזם. זיינע אַנדערע ווערק: „גאָטס ליבע“, אַ מיסטישע פּיעסע אויס דער עפּאָכע פון דייטשן ראָמאַנטיזם, „שוואַרץ־שבת“, און „סאָנעטן פון אַ בעל־תשובה“.

בעבער פּאַול, דייטשער רעוואָלוציאָנערער טוער און שרייבער, נעמט אָנטייל אין דער רעוו. באַוועגונג זינט 1905. האָט געהערט צום לינקן פליגל אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, שפּעטער אַריין אין דער קאָמ. פּאַרטיי, געווען רעדאַקטער פון איר לייפּציגער אָרגאַן; אין דעם קאָאַליציע־קאַבינעט פון די ס.ד. מיט די קאָמוניסטן געווען פינאַנס־מיניסטער. אָנגעשריבן אַ ריי פּאָליטישע בראָשורן, ווי אויך די געשיכטע פון דער רוסי-

שער רעוואָלוציע. צוזאַמענגעשטעלט אַ ביבליאָגראַפישע רשימה פון די ווערק אין דער גאַנצער וועלט, וואָס זענען געווידמעט דערדאָזיקער פראַגע. די רשימה האָט אַ גרויסן אָנווייז־ווערט.

בעטלער סעמיועל (1835—1902), ענגלישער שרייבער. יונג איבערגעריסן מיט דער היים, אַנטלאָפן קיין ניי־זעלאַנד, געווען דאָרט אַ שעפּסנקלייבער, געשטודירט דאַרווינען און אַרויסגעלאָזט אַ ביייזוויליקן פּאַמפלעט „דאַרווין צווישן מאַשינען“, דאַן — אויך קעגן ד.ן „לעבן און ווירנען“, „עוואָלוציע אַמאָל און היינט“ א. אַנד. 1864 צוריקגעקומען קיין ענגלאַנד, אָנגעשריבן אַ ריי פּאַמפלעטן איבער כמעט אַלץ, — איבער דער נאַטורוויסנשאַפט, איבער רעליגיע, איבער געזעלשאַפטלעכן סדר. זיין וויכטיקסט ווערק איז „עריוואָן“, — אַ פּאַראַדאָקסאַלע, שטרענג־לאָגישע פּאַראָדיע, וואָס לאַכט אַלץ אויס און דערפירט צו אַבסורד אפילו די פּאַראָדיע גופא. דער נאָמען Erewhone איז אַ פאַרקערטע זילבנצעטיילונג פון nowhere — אין ערגעץ נישט. — ס׳איז אַן אוטאָפּיש לאַנד, ווו די אַנטוויקלונג פון דער מאַשין האָט אַזוי פאַרשקלאַפט דעם מענטשן, אז ער האָט זיך צעבונטעוועט, פאַרטיליקט אַלע מאַשינען און פאַרווערט לעולם ועד זיך מיט זיי צו באַנוצן. — דערביי פירט ב. אַרויס אַ ריי אינסטיטוציעס, ווי קירך, געריכט, שול אאַוו. און לאַכט זיי בייסיק אויס. אין זיין צווייטן גרויסן פּאַמפלעט „דער וועג פון יעדן חומר“ פאַלט ער אָן אויף דער פּוריטאַנישער דערציונג. אָבער אין זיין קריטיק איז ער נישט אויסגעהאַלטן אין זיין קאַמף, נייערט ער וויל דורך זיינע סאַטירעס

באַלעבן און לייטערן די טראַדיציע. די שטרענגע ענגלישע בירגערלעכע געזעלשאַפט פון יענער צייט האָט ב.ן טויט-געשוויגן און דאָס געדאַכטע ווערק „וועג פון יעדן חומר" איז אַרויס ערשט ד. יאָר 1903, נאָך ב.ס טויט, וואָס האָט געעפנט די אויגן און זיינע ביכער האָבן אָנגעהויבן צו האָבן אַ וואַסאַמאָל-גרעסערן דערפאָלג. אין ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן זיך געגרינדעט געזעלשאַפטן א. נ. פון אַט דעם „גרעסטן שרייבער פון סוף 19טע י"ה" — ווי ס'זאָגט וועגן אים בערנאַרד שאָו, וועגן וועמען אַסך קריטיקער זאָגן, איז בסך-הכול נעמט זיך ש.ס גאַנצע שאַרפזיניקייט פון ב.ן, און אַז שאָו איז נישט מער, ווי „אַ פליגקער פּאָפּולאַריזאַטער פון ב.ס פּאַראַדאָקסאַלע געדאַנקען".

בעטס העגרי, היינטצייטיקער אַמעריקאַנישער קרימינאַליסט - סאָציאָלאָג. באַרימט געוואָרן פון זיין פּאָרטראַג אויף דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון גייסטיקער היגיענע אין וואַשינגטאָן 1930. פאַרטרעט די אַ.ג. וויסנשאַפטלעכע שיטה אינעם קאַפּיטאַליסטישן תפיסה-וועזן, ד. ה., אַז דער אַרעסטאַנט דאַרף ווערן וויסנשאַפטלעך-באַאָבאַכט און לויט די רעזולטאַטן דערפון דאַרף מען אים באַהאַנדלען אינדיווידועל. ווי דאָס רוב בורזשואַזע סאָציאָלאָגן, איז אויך ב. נישט קאָנסעקווענט אין זיין אייגענער פּראַקטיק: ער איז שעף פון תפיסה-וועזן אין דעם אַמעריקאַנישן יוסטיץ-מיניסטעריום, וואָס האָט אַ מוראדיקן רום אין דער וועלט מיט זיינע שוידערלעכע מעטאָדן באַהאַנדלען אַרעסטאַנטן.

בעטס העגרי וואָלטער (1825—1892), ענגלישער רייזנדער-ביאָלאָג, אַסך בייגעשטייערט צום פאַרטייטשן דעם דאַרוויניזם אין דער מימיקריע, ד. ה. אויפן געביט פון די קלענסטע באַשעפענישן. פון 1848 ביז 1859 געווען אין דרום-אַמעריקאַנישע וועלדער און פעלדער, פון וואַנען ער האָט געברענגט אַ גראַנדיעזע קאָלעקציע פון איבער 8.000 פאַרשידענע מינים אינזעקטן. אָבער זיין גרעסטע אַרבעט האָט ער אָוועקגעלייגט איבער דער מימיקריע פון זומערפייגעלעך. נאָכן אומקערן זיך, געווען סעקרעטאַר פון דער קעניגלעכער געאָגראַפישער געזעלשאַפט. זיין הויפּטבוך הייסט „דער נאַטוראַליסט אויף דער אַמאַזאָנע" — וואָס איז ביז היינט דאָס וויכטיקסטע קוועלנבוך אויס דעם געביט.

בעטסאָן וויליאַם (1861—1926), ענגלישער ביאָלאָג, באַגרינדער פון היינטצייטיקער וויסנשאַפט איבער ירושה-אייגנשאַפטן — גענעטיק (ב.ס נאָמען). זיין קאַפּיטאַליש בוך איבער דער פראַגע „מאַטעריאַלן פאַרן שטודירן די וואַריאַציע", האָט אַסך פאַרגיכערט די אַנטוויקלונג פון דער גענעטיק. אין זיין צווייט בוך „טעאָריע פון אָנוועזנהייט און אָפּוועזנהייט" קלערט ער אויף אַסך פאַרפלאָנטערטע פּראָבלעמען פון ירושהדיקייט. 1910 געגרינדעט און רעדאַגירט ביזן לעצטן טאָג דעם „זשורנאַל פון גענעטיק". 1914 דערהייבן געוואָרן צום העכסטן וויסנשאַפטלעכן זכות אין ענגלאַנד: פאָרזיצער פון דער בריטישער וויסנשאַפטלעכער אַסאָציאַציע. זיין לעצטע אַרבעט „סעגרעגאַציע" איז אַ מין פּראָגראַם פון דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער

גענעטיק און האָט אויסגעגלייכט אַסך סתירותדיקע און אומאויפגעקלערטע פּראָבלעמען פון ירושהדיקייט.

בעטע אַלבּרעכט (° 1872), אַנגעזעענער דייטשער פיזיאָלאָג, דער פאָרשטייער פון דער אַ. ג. אָביעקטיווער ריכטונג אין דער פּסיכאָלאָגיע פון חיות. ער האַלט, אַז אַלע חיות האָבן נישט קיין געפילן און קיין חושים; אפילו די אינזעקטן מיט בפירושער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע — מוראַשקעס, בינען — לעבן און טוען נאָר אויפן גרונט פון מעכאַנישער קראַפט. זיך אויך פאַרנומען מיט אַנאַטאָמיע און פיזיאָלאָגיע פון דער נערוונסיסטעם. צו די וויכטיקסטע ווערק געהערן: „פאָרשלאָגן צו אָביעקטיווירן די נאָמענקלאַטור אין דער פיזיאָלאָגיע און אינעם נערוונסיסטעם", „צי דאַרפן מיר צושרייבן פיזישע חושים די בינען און מוראַשקעס", „נאָטיצן איבער דעם דערהאַלטן די גלייכגעוויכט פון קערפּער ביי שווימענדיקע חיות"; רעדאַקטער פון „פליגערס אַרכיוו פאַר פיזיאָלאָגיע" און „האַנטבוך פון נאָרמאַלער און פּאַטאָלאָגישער פיזיאָלאָגיע".

בעטענאָ זשאָזעף (° 1883), פראַנצויזישער אינזשיניער, איינער פון די גרעסטע ראַדיאָ-קענער אין דער וועלט, געשאַפן די פראַנצויזישע ראַדיאָ-עלעקטרישע געזעלשאַפט. רעדאַקטער פון דער „עלעקטרישער ליכט". פון די וויכטיקסטע ווערק: „איבער דעם רעזאָנאַנס-אינדוקטער", „טעאָריע פון אומקער-פאַרבינדונג" א. אַנד.

בעטקער יאָהאַן-פרידריך, (1687—1719), דייטשער אַלכעמיקער, געווען אַפּטייקער אויפן הויף פון פוילישן

קעניג אויגוסט II. צוזאַמען מיט טשירנהאַוזען אַנטדעקט דאָס פּאָרצעלאַן.

בעיס-באַלאָט כריסטאָף הענריך דידעריך (1817—1890), באַקאַנטער האָלענדישער מעטעאָראָלאָג. אַ וויכטיקן באַטייט האָט „דאָס געזעץ פון ב. ב.", לויט וועלכן מען קאָן, לויט דער ריכטונג פונעם ווינט, פעסטשטעלן, וווּ עס זענען פאַראַן די צענטערס פון הויכן אָדער נידעריקן דרוק. די דערפינדונג איז אַ פּשוטע: אויב ביי אונדז, אויף דער צפונדיקער האַלבקויל וועלן מיר זיך אַוועקשטעלן מיטן פּנים צום ווינט, וועט לינקס זיין דער נידעריקערער דרוק און רעכטס — דער העכערער; אויף דער דרום-האַלבקויל איז די זאַך פאַרקערט. דאָס קאָן מען פעסטשטעלן צוליב דעם, וואָס די ערד דרייט זיך כסדר. זיין וויכטיקסט בוך איז: „באַמערקונגען איבער אַן אַלגעמיין סיסטעם מעטעאָראָלאָגישע אָבסערוואַציעס"; ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דאָס „וואָכנבלאַט פון נידערלענדישן מעטעאָראָלאָגישן אינסטיטוט".

בעיערינק מאַרטין (19 י"ה), האָלענדישער געלערנטער, איינער פון די גרעסטע באַקטעריאָלאָגן פון לעצטן פּעריאָד. נישטאָ קיין איין געביט פון דערדאָזיקער וויסנשאַפט, ווו ב. זאָל נישט האָבן געזאָגט זיין וואָרט, און זי האָט אים אומגעהייער-פיל צו פאַרדאַנקען. לכתחילה אַרויסגעגעבן זיינע אָפּהאַנדלונגען אין דער „באַטאַנישער צייטונג", דערנאָך אינעם „צענטראַלבלאַט פון באַקטעריאָלאָגיע" ווי אויך אין אַסך באַזונדערע אויסגאַבן.

בעכטערעוו וולאַדימיר (1857—1927), באַרימטער רוסישער פּסיכיאַטער און נעוראָלאָג. זינט די יונגסטע

יאָרן זיך געווידמעט דעמאָזיקן קעגנ־שטאַנד. 1908 געגרינדעט דעם ערשטן פסיכאָ־נעווראָלאָגישן אינסטיטוט, ביזן טויט געווען זיין פּאָרזיצער. נאָך דער רעוואָלוציע געשאַפן דעם „אינסטיטוט צו דערפאָרשן דעם מוח". אָנגעשריבן לערך 500 אַרבעטן, רעדאַגירט אַ מע־רערע צאָל וויסנשאַפטלעכע זשורנאַלן. האָט אַנטדעקט דעם מקור פון נערוונ־פּאַראַליז ביי עלטערע מענטשן און דערפאַר הייסט די מחלה „בעכטעריע־ווישע קראַנקייט". פון זיינע באַקאַנטסטע ווערק: „די אָפּפירוועגן פונעם שול־טער און קאָפּ־מאַרך", „יסודות פון דער וויסנשאַפט איבער די מוח־פונקציעס", „אָביעקטיווע פסיכאָלאָגיע", „אַלגעמיי־נע דיאַגנאָסטיק פון נערוונקראַנקייטן" און בעיקר — „יסודות פון דער מענטש־לעכער ר ע פ ל ע ק ס י אָ ל אָ ג י ע" — אַ טערמין, וואָס ב. האָט באַשאַפן פאַר אַ ספּעציעלן מין מוח־קראַנקייט. אויף זיי־נע ווערק האָבן זיך געלערנט אַלע וויכטיקסטע פסיכאָלאָגן און נערוונקע־נער פון סוף פאָריק און אָנהייב היינ־טיק י"ה. אָנגעשריבן אויך עטלעכע לערנביכער פון פסיכאָלאָגיע, וואָס מ'האָט געלערנט אין די שולן. געווען אויך אַ גרויסער פּאָפּולאַריזאַטער.

בעכער יאָהאַן יאָאַכים (1635—1682), דייטשער געלערטער, אַלכעמי־קער. געווען פּראָפעסער פון מעדיצין און אַלכעמיע אין עטלעכע שטעט, געפירט אַ ברייטע וויסנשאַפטלעכע און האַנדל־טעטיקייט, געשאַפן אַן עסטריי־כיש־אינדישע געזעלשאַפט צו עקספּלואַ־טירן די אינד. רודע און איבעראַר־בעטן אויף גאָלד. פון די וויכטיקסטע ביכער: „כעמישע טעזעס", „פּאָליטישער דיסקורס איבער די סיבות פון דעם

אויף־ און אָפּנעמען פון שטעט, לענ־דער און רעפּובליקן".

בעכער יאָהאַנעס (1891 °), היינט־צייטיקער דייטשער רעוואָלוציאָנערער פּאָעט, שטאַמט פון אַ רייכער, בורזשואַזער היים. אין זיין ערשטן ווערק „אומקום און טריומף" (1914) האַלט ער, אַז די אַרומיקע וועלט איז שוין רייף צום אומקום; אין זיינע אַנאַר־כאָ־יחידישע שטימונגען זעט ער נאָכ־נישט דעם שונא און אויך נישט דאָס, וואָס וועט קומען מאָרגן. ערשט די וועלטמלחמה האָט אים געעפנט די אויגן, און אין זיין „פּעאַן קעגן דער צייט" טרעט ער שוין אָפן אַרויס קעגן דער בלוטיקער געוואַלט, קעגן די הענ־קער. די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט אים שוין איינגאַנצן קלאָר־געמאַכט אי־בער זיין אויפגאָב. גלייכצייטיק דער־מיט ווערט אויך זיין סטיל פּשוטער, פאָלקסטימלעכער, אַזוי, אַז זיינע „גע־דיכטן איבער לאָטע" אין יענער צייט דערמאָנען אפילו ערטערוויז די פאָלקס־לידער. זיין דראַמע „אַרבעטער, פּויערן, סאָלדאַטן" איז אַ לויבגעזאַנג צו די־דאָזיקע דריי שיכטן פאָלק און אַ הימן צו דער רעוואָלוציע. די הויפּטראָל פאַרנעמען די מאַסן מיט זייערע פריידן און ליידן, זאָרג און זיג. זיין וויכ־טיקסטער ראָמאַן איז „(CHCl—CH) As", וואָס באַטייט אַ כעמישע פאָרמול אויפן שרעקלעכן גאַז ל ו י ז י ט. דאָס איז די געשיכטע פון דער קאַפּיטאַליסטישער אייראָפּע, וואָס שאַפט אַליין די גרע־סטע סמען און וואָס גייט אַליין צום אָפּגרונט. מיט אַ טרוקענער, פּשוטער שפּראַך רעדט ער דאָרט איבער דער גראַנדיעזער מלחמה פון די פעלקער, בעת וועלכער קיינער טאָר נישט בלייבן

אָן אַ זייט. די אויפגאַב פונעם דיכטער, — זאָגט ב., — איז דירעקטער אָנטייל מיט וואָרט און טאַט אין פּאָליטישן קאַמף. 1925 האָט די מאַכט קאָנפיסקירט זיין זאַמלונג לידער „דער מת אויפן טראָן", ווו ער אַנטפּלעקט דעם צביעותדיקן כאַראַקטער פונעם „דעמאָקראַטישן" דייטשלאַנד.

בעל אַלעקסאַנדער גרעהעם (1847—1922), ענגליש-אַמעריקאַנישער פיזיקער; געאַרבעט הויפּטזאַכלעך אויפן געביט פון טעלעגראַף און דערפונדן דעם אופן אַרויסצושיקן עטלעכע דעפּעשן מיטאַמאָל. ב. האָט אויך דערפונדן אַן אַפּאַראַט צו דערלערנען די טויבשטומע דערמיט, וואָס ער האָט די קלאַנג-וואַקלונגען געמאַכט זעבאַר. 1875 דערפונדן דעם טעלעפאָן—אין דער פאָרעם, ווי ער ווערט היינט באַנוצט (אַ פּרימיטיווערן און נישט-אָנגענומענעם מוסטער פון טעלעפאָן האָט דערפונדן ד. יאָר 1860 דער דייטשער לערער פיליפּ רייס). ב. האָט זיך אויך פאַרנומען מיט דער פלי-מעכאַניק.

בעל טשאַרלז (1774—1842), אָנגעזעענער ענגלישער אַנאַטאָמיקער און פיזיאָלאָג; אַנטדעקט דעם אַ. ג. „בעל-געזעץ", לויט וועלכן די שפּיצן פון די פליצע-מוח-נערוון פירן־אויס פאַרשידענע פונקציעס: די אונטערשטע אַנטהאַלטן די פיל-פעדעמלעך און די פאָדערשטע — די באַוועגנדיקע.

בעלאַ גאַבריעל (° 1882), פראַנצויזישער אַרבעטער-דיכטער און מאָלער, אַן אַליינלערנער, אַליין אילוסטרירט און אויסגעגראַווירט בילדער צו זיינע לידער. פון די באַקאַנטסטע ווערק „די סען-לואי-אינדזל" — אַ פּערטל פונעם אַלטן פּאַריז, וואָס ער האָט

אַליין געשריבן, אילוסטרירט, געגראַווירט און געדרוקט. דאָס אַלץ האָט ער געטון אין די נעכט, ווייל בייטאָג האָט ער געאַרבעט אין פאַבריק.

בעלאָוו געאָרג (° 1858), אָנגעזעענער היינטצייטיקער דייטשער היסטאָריקער, איינער פון די געציילטע אין דער וועלט ספּעציאַליסטן איבער דער ווירטשאַפט-געשיכטע פון דער מיטלעלטערלעכער שטאָט; אַנטשלאָסענער קעגנער פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, צייכנט ער זיך אויס מיט זיין אויסערסט־פּינקטלעכער און גענויער פאַקטן-אָנווענדונג, אַזוי אויך מיט דער טיפקייט פון זיין אַנאַליז. אַחוץ אַ ריי דאָזיקע אַרבעטן אויך געאַרבעט איבער געשיכטע פון קאָנסטיטוציעס און מלוכהפאָרעם אין מיטלעלטער. פון די וויכטיקסטע ווערק: „די אַנטשטייונג פון דער דייטשער שטאָטגעמיינדע", „דער אורשפּרונג פון די דייטשע שטאָט-איינריכטונגען", „די דייטשע מלוכה אין מיטלעלטער", „טעריטאָריע און שטאָט", „דייטשע געשיכטשרייבונג פונעם באַפרייונג-קריג ביז אויף היינטיקער צייט", „סאָציאָלאָגיע, ווי אַ לערפאַך".

בעלאָך יוליוס (° 1854), דייטשער היסטאָריקער, בעיקר פון דער אַנטיקער וועלט. הגם ער איז אַן אידעאַליסט אין זיין מעטאָד, האַלט ער פאַר וויכטיקסטן פאַקטער די גייסטיקע קולטור; איינער פון די ערשטע היסטאָריקער פון דער אַלטער וועלט, וואָס רוקט אַרויס אויף אַ חשובן פּלאַן די סאָציאַל-עקאָנאָמישע באַדינגונגען; פאַרלייקנט דעם ספּעציעלן באַטייט פון דעם גרויסן יחיד. אָנגעשריבן איינע פון די גרעסטע „גריכישע געשיכטע",

ווי אויך „די באַפעלקערונג פון דער גריכיש־רוימישער וועלט“, וואָס האָט בשעתו (1886) אָנגעמאַכט אַ רושם צוליב די פיל רעוויזיאָניסטישע סטאַטיסטישע באַווייזן. אַחוץ דעם — נאָך אַ ריי ריזיקע אַרבעטן איבער אנטיקער געשיכטע.

בעלאַמי עדוואַרד (1850—1898), אַמעריקאַנישער שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער; זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען האָבן לכתחילה געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּן דערפאָלג. ערשט ד. יאָר 1887 אַרויסגעלאָזן דעם ראָמאַן „אַ בליק צוריק 2000—1887“ (אויף יידיש: „אין 100 יאָר אַרום“), וואָס האָט אים געמאַכט אַ וועלט־שם. דערדאָזיקער ראָמאַן גיט אי אַ שניידנדיקע קריטיק איבער דעם היינטיקן וועלט־סדר, אי אַ בילד איבער דער קומענדיקער מלוכה, אין וועלכער ס'הערשט געמיינזאַמע אַרבעט און פונאַנדערטיילונג. די קומענדיקע וועלט וועט זיין אַן אַלגעמיינער פאַרבאַנד, ווו יעדער בירגער פון 21 ביז 45 יאָר וועט מוזן אַרבעטן („אינדוסטרי—אַרמיי“). די פרוי ווערט גלייך מיטן מאַן; נישט פאַראַן קיין שום אונטערשיד צווישן מענטש און מענטש; די בילדונג ווערט אַ מוזזאַך פאַר יעדן; אַלע באַקומען דעמזעלבן לוין; פיזישע אַרבעטער מוזן געניסן פון אַ ריי הנחות; דאָס געלט ווערט אונטערגעבראַכט — אין לאַנד און אין אויסלאַנד — און ווערט פאַרביטן אויף „אַרבעט־טשעקן“. די געזעלשאַפט ווערט איינגעטיילט אין 4 קלאַסן: „שוואַרצאַרבעטער“, „שילער“, „פולע אַרבעטער“ און „אָפיצירן פון דער אינדוסטריעלער אַרמיי“. דאָס געזעץ איבער ירושה בלייבט אומצאַרירט. —

הגם דאָסדאָזיקע בוך איז אָנגעשריבן געוואָרן אונטערן איינפלוס פון דער ליטעראַטור פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, בפרט פון בעבעלס „פרוי און סאָציאַליזם“, מאַכט עס אָבער אַן איינדרוק פון אינטעליגענטיש־בורזשואַזע טרוימערייען. דאָס בוך איז אויפגעקומען אין אַ צייט פון פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף אין אַמעריקע און אין אַ מאָמענט, ווען די קליינע פערמערס זענען געגאַנגען צו־גרונד; דידאָזיקע לאַגע האָט געבראַכט צו אַ שטאַרקער ראַדיקאַליזירונג פון די מאַסן. — בלויז אין אַמעריקע איז זיך דאָס בוך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַ האַלבן מיליאָן און איז איבערגעזעצט כמעט אין אַלע אייראָפּעישע שפּראַכן. גיך זענען אין אַ ריי אַמעריקאַנישע שטעט אַנטשטאַנען „ב.־קלובן“, וואָס האָבן זיך שפּעטער געענדערט אויף „נאַציאָנאַלישע קלובן“ (נאַציאָנאַליש — אין הינזיכט פון נאַציאָנאַליזירן). נאָך שפּעטער האָבן זיך די קלובן פאַראייניקט אין איין פּאַרטיי, וואָס איז אָבער די 90ער יאָרן אַראָפּ פון דער אויבערפלאַך. ב. אַליין האָט זיך וואָסאַמאָל מער דערנענטערט צו דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי. ד. יאָר 1897 אַרויסגעגעבן אַ המשך פונעם „בליק צוריק“ — „גלייכקייט“, וואָס האָט שוין אָבער נישט געהאַט אַזאַ דערפאָלג.

בעלאָק גילער (ס 1870), ענגלישער שרייבער. אַ זון פון אַ פראַנצויזישן אַדוואָקאַט און אַן ענגלישער קלעריקאַלער שרייבערין, האָט עס זיך אָפּגערופן אויף ב.ס געמיט: ס'איז פאַר אים כאַראַקטעריסטיש די פראַנצויזישע לייכטקייט און שאַרפזיניקייט, ווי דער געוויסנהאַפטער צוגאַנג צו דער



אויגוסט בעבעל



לוּדוויג וואַן בעטהאָווען

טעמע און דער ענגלישער הומאָר. ער שרייבט ראָמאַנען, עסייען, סאַטירעס, אוטאָפּיעס, פילאָזאָפישע ווערק, לידער, קינדערלידער, ווי אויך קורצע עפּיגראַמען מעניפּי־דיומא — אַלץ שאַרפזיניק, בייסיק, פּאַראַדאָקסאַליש. אַ שטיקל צייט געווען ליבעראַלער פּאָליטיקער אין פּאַרלאַמענט — דעפּוטאַט; די קאַפּיטאַליסטישע אומגערעכטיקייט האָט אים אָבער שטאַרק אַדורכגענומען און ער איז אַריבער צום עקסט־קאָטוילישן לאַגער, וועלנדיק אַזוי־אַרום קעמפן קעגן דער בורזשואַזיע - פאַר אַ פעאָדאַלער מלוכה. באַקאַנט זענען זיינע „מיסטער קלעטערבעקס וואַל״ און „אַ טויש אינעם קאַבינעט״, ווו ער גיט אַ בייסיקע כאַראַקטעריסטיק פון דעם שאַכער־מאַכער פון די אַלגעמיינע וואַלן. דאַן „אַלאַהס זיידהאַנדל״ — אַ סאַטירע איבער דער ענגלישער געלט־פּלוטאָקראַטיע ; „מיסטער פּעטרע״ (1925) — וואָס שילדערט די קאָמבינאַציעס פונעם ענגלישן קאַפּיטאַליזם. דער שטענדיקער אילוסטראַטער צו זיינע ווערק איז טשעסטערטאָן, וואָס האָט אויך אַדורכגעמאַכט דעמזעלבן גייסטיקן וואַנדל, ווי ב.

בעלטאַוו — פּס״ד פון געאָרגי פּלעכאַנאָוו (ז.).

בעליאַר אַדאָלף (1877°), פראַנצויזישער אַרבעטער־דיכטער. צו 13 יאָר שוין געאַרבעט ביי אַ שטיינהאַקער, דערנאָך אַריין אין פּלאַט, אַרומגעוואַנדערט אַ האַלבע וועלט, געוואָרן שפּעטער אַ טאָקער. אַרויסגעוואָרפן געוואָרן נאָך אַ שטרייק, אַרבעט ער איצט, ווי אַן אָפּעראַטער אין אַ קינאָ. זיינע לידער זענען פול מרה־שחורה און בענקשאַפט נאָך ווייטע, עקזאָטישע

לענדערייען. זיין שווער לעבן קומט אין די לידער פולשטענדיק צום אויסדרוק. זיינע לידער זענען געדרוקט אין פאַרשידענע, אויך בירגערלעכע, זשורנאַלן.

בעלינג רודאָלף (1886°), היינטצייטיקער דייטשער סקולפּטער, באַמיט זיך אין זיינע אַרבעטן איבערצוגעבן דעם ריטעם פון באַוועגונג (די פיגור „די טענצערין״). זינט 1919 זיך געלאָזט אויף קאָנסטרוקטיוויסטישער פּאָרעם, דערנאָך ווייזט ער אַרויס עקספּרעסיאָניסטישע טענדענצן. באַקאַנט אויך, ווי אַ גלענצנדער דעקאָראַטער פון שוי־פענצטער און עפנטלעכע לאָקאַלן, טעאַטער־פּאַיעס א׳ ד. גל. אַסך מאָדערנע שויפענצטער אין בערלין האָט ער פּראָיעקטירט.

בעליני ווינטשענצאָ (1801—1835), אַנגעזעענער איטאַליענישער אָפּערן־קאָמפּאָזיטער, געהאַט אַ גרויסן אָנטייל אין דער מוזיקאַליש־דראַמאַטישער קונסט ד. 19טע י״ה. אָנגעשריבן 11 אָפּערעס, וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג, אַחוץ איינער. פון די באַקאַנטסטע: „ראָמעאָ און יוליע״, „סאָמנאַמבולאַ״, „נאָרמאַ״, „פּוריטאַנער״. זיינע מעלאָדיעס זענען וואַריאירט לויט די פאָלקס־לידער, און דערום זענען זיי אַזוי מעלאָדיש און פשוט, אָפט דערהויבן זיי זיך צו טיפן דראַמאַטישן פּאַטאָס. אין אַלגעמיין איז זיין מוזיק ווייך, מיט אַן אָפּשיין פון טרויער — און גלייכצייטיק אַ רעאַקציע קעגן די איבערגעלאָדענע מאָטיוון פון זיינע פאָרגייער און צייטמענטשן. זיין שוואַכער פונקט — זענען די אָרקעסטראַלישע באַגלייטונגען, וואָס ער האָט נישט אינגאַנצן באַהערשט. געהאַט אַן

איינפלוס אויף דער אָפּערע-מוזיק, ווי אויך אויף שאָפּענס (ז.) פּאָרטעפּיאַן-מוזיק.

בעליני 1) יאַקאָפּאָ (1400—1464), ווענעדישער מאָלער. אַסך פון זיינע לייוונטן זענען פאַרפאַלן געוואָרן; פון די געבליבענע זענען די וויכטיקסטע: „די קרייצונג", עטלעכע „מאַדאָנעס", ווי אויך צוויי זייער אינטערעסאַנטע אַלבומען צייכענונגען; 2) דזשענטילע, זיין זון (1427—1507), געצייכנט אַסך אויס ווענעדיק פון יענער צייט, מיט איר האַנדל און אויסערלעכער פּראַכט, ווי אויך פון דער רעליגיעזער וועלט. געשאַפן, צוזאַמען מיט זיין ברודער דזשאָוואַני (ז' אונטן) די ווענעדישע מאָלעריי-שול, וואָס איר הויפּט-סימן איז געווען עקסטער קאָלאָריט; פון זיינע באַקאַנטסטע בילדער: „נסים פון הייליקן קרייץ", „הייליקער יוסטיניאַן". 3) דזשאָוואַני (1428—1516), דער באַרימטסטער פון דער משפּחה, דער ערשטער, אמת-דיקער מאָלער-קאָלאָריסט. פון זיין שול זענען אַרויס כמעט אַלע באַרימטע ווענעדישע מאָלער פון זיין צייט. געשאַפן אַ ספּעציעלן טיפּ צו מאָלן „מאַדאָנעס". אַחוץ דידאַקטישע בילדער באַקאַנט זיינע „אַלעגאָריעס", פון צווישן וועלכע ס'טיילט זיך אויס „די גילגולים פון דער נשמה".

בעלמאָנט לעאָ (1865°), פּס"ד פון לעאָפּאָלד בלומענטאַל (אַ ייד). פּוילישער שרייבער און פּובליציסט, פון פאַך אַן אַדוואָקאַט. 1890 אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „אין נערוועזן דור", וווּ ס'ווערט אַרויסגעפירט דאָס ערשטע מאָל אין דער פּוילישער ליטעראַטור דער טיפּ פונעם „איבעריקן מענטשן".

ער אַליין זאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן צווישן די קעמפנדיקע נאַציאָנאַליטעטן און קלאַסן; געווען אַ גרויסער קעמפער פאַר דער אַסימילאַציע פון די יידן מיט די פּאָלאַקן; אַ געוויסע צייט אויך געאַרבעט פאַר אַ דערנענטערונג צווישן דער פּוילישער און רוסישער בורזשואַזיע — כדי צוזאַמען צו צעקלאַפּן דעם פיינד — דעם אַרבעטערקלאַס. פונדעסטוועגן שטערט עס אים נישט אַרויסצוטרעטן אין אַ ריי אָרגאַנען פאַר דער דעמאָקראַטיזירונג פונעם צאַריסטישן רעזשים, פאַר פרייהייט פון וואָרט. אין זיין זשורנאַל „פרייע וואָרט" (1906) געפירט אַ קאַמף קעגן דעם שוואַרצמאהדיקן אַנטיסעמיטיזם און רעאַקציע. אָנהייב וועלט-מלחמה געשריבן לטובת דער אַנטאַנט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע געדינט געטריי דעם דייטש. — נאָך דער מאַי-איבערקערעניש 1926 געוואָרן אַן אַקטיווער פּילסודטשיק, אַן אָנהענגער פון קאַפּיטאַליסטישער דיקטאַטור און אַ פאַרביסענער קעגנער פון דער ראַטנמאַכט.

בעלערס דזשאָן (1654—1725), ענגלישער געזעלשאַפטלעכער טוער, איינער פון די פאָרגייער פון היינטציטיקן סאָציאַליזם. ב. האָט אויסגעאַרבעט פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע פּראָיעקטן, און ווי דעם וויכטיקסטן מאָמענט געהאַלטן בלויז די אַרבעט. אין דער עפּאָכע פון דעם מערקאַנטילישן טאַנץ אַרום גאָלד, האָט ער דערוויזן, אַז געלט איז כלל נישט דער מקור פונעם וווילשטאַנד. — אָנגעשריבן אַסך אַרבעטן, און אַלע זענען דורכגעדרונגען מיט לויטערן גלויבן אינעם מענטשן, מיטן באַוווּסטזיין פונעם

מענטשנס מאַכט איבער אַלץ און זיין אומדערשיטערט רעכט אויפן פולן פּראָדוקט פון זיין אַרבעט. אָנגעשריבן אַסך פּראָיעקטן פאַרן פּאַרלאַמענט איבער כמעט אַלע צווייגן פאָלקס-לעבן; פאַראַן צווישן זיי אויך אַ פּלאַן צו אויסמיידן מלחמות, דורכדעם, וואָס מען וועט שליסן אַ פעלקער-בונד; פאַראַן אויך דאָרטן פּלענער, ווי אַזוי דערציִען אָרעמע קינדער, אויסבעסערן די תּפיסות, הקדשים פאַר די שנאָרערס. זיין הויפּטווערק (1695) הייסט: „פּאָרשלאָג וועגן שאַפן אַ שול פאַר אינדוסטרי פאַר אַלע נוציקע מלאכות און ערדאַרבעט דערמיט, אַז סיי די גבירים זאָלן האָבן זייערע באַקוועמלעכקייטן און די אָרעמעלייט זאָלן קאָנען לעבן צופרידן, אַזוי אויך, כּדי צו געבן אַ גוטע דערציִונג דער יוגנט", נאָך מיט אַן אויפשריפט: „אַרבעט ברענגט ווילשטאַנד. — דער פוילענצער דאַרף גיין אָנגעטון אין שמאַטעס. ווער עס אַרבעט נישט, דאַרף נישט עסן". פאַראַן דאָרט, צ. א., אַ סכעמע פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג פון אַרבעטער, אַלטע-לייט, אַרבעט-אינוואַלידן; עס ווערט דאָרט אויך גענוי אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון צוזאַמענאַרבעט און גלייכן פונאַנדערטייל. — געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף ראָבערט אָוען (ז.), וואָס האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ פרישע אויפלאַגע פון ב.ס „אינדוסטרי-שול".

בעלשע ווילהעלם (° 1861), דייטשער ביאָלאָג און פּאָפּולאַריזאַטער, קריטיקער, קונסט-טעאָרעטיקער. האָט אַ וועלטרום אַדאַנק זיינע געלונגענע פּאָפּולאַריזאַציעס פון וויסנשאַפט, בעיקר — פון דער ביאָלאָגיע. דאָך לײדן די

פּאָפּולאַריזאַציעס פון צו-ווינציק וויסנשאַפטלעכער אויסגעהאַלטנקייט און פון צופיל פּאָעטישע באַשרייבן. זיינע באַקאַנטסטע ווערק זענען „דער אָפּשטאַם פונעם מענטשן" און „העקעלס ביאָגראַפיע". ער האָט אויך געמאַכט עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע פּרוּוון צו פאַראייניקן די נאַטורוויסנשאַפט מיט דער בעלעטריסטיק. באַקאַנט: „די נאַטורוויסנשאַפטלעכע יסודות פון דער פּאָעזיע". אָנגעשריבן אויך עטלעכע היסטאָרישע ווערק.

אויף יידיש: „די ליבע אין דער נאַטור", 3 בענד, „מענטש און חיה".

בעם פאָן באַווערק אויגען (1851—1914), דער וויכטיקסטער פאָרשטייער פון דער עסטרייכישער שול אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע; שטאַרק באַאיינפלוסט איר פאַרשפּרייטונג צווישן די בורזשואַזע קרייזן אויסן 19טן און 20טן י"ה. זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן: „גרונטשטריכן צו דער טעאָריע פון ווירטשאַפטלעכן גיטערווערט", „קאַפּיטאַל און קאַפּיטאַל-צינז", 2 בענד, „צום אָפּשלוס פון מאַרקס' סיסטעם". העכסט אָריגינעל איז זיין פעסטשטעלונג איבער דער ריווח-טעאָריע: ריווח, האַלט ער, איז דער אונטערשיד פון די סוביעקטיווע אָפּשאַצן פון די היינטיקע און קומענדיקע גיטער; אין זיינע ווערק געווען אַ פאַרביסענער קעגנער פון ק. מאַרקס. כמעט אַלע היינטיקע בורזשואַזע מאַרקס-קריטיקער שעפּן פון אים אַרגומענטן קעגן מאַרקסן.

בעמבאָ פּעטראָ (1470—1547), איטאַליענישער הומאַניסט. אַ גלח, שפּעטער אַ קאַרדינאַל, נאָר געשריבן גאַנץ וועלטלעכע לידער איבער ליבע,

דיאַלאָגן א. אַנד. רעדאַגירט די ווערק פון פּעטראַרקאַ און דאַנטע (ז.). זיינע איטאַליענישע כּתבים געהערן צו די שענסטע ווערק אויס דער עפּאָכע פון הויכן רענעסאַנס.

בעמע יאַקאָב (1575—1624), דייטשער פילאָזאָף און מיסטיקער; געב. געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן אין שלעזיע, איז ער אויסגעשטאַנען כּלערליי צרות, געפּאַשעט שאָף, זיך געלערנט שוסטעריי א. אַנד. 1612 אַרויסגעלאָזט אַ בוך „אַוראָרע, אָדער דער מאָרגנרויט אין אויפגאַנג", וווּ ער האָט אַרויסגעזאָגט שטאַרק אפּיקורסישע געדאַנקען; די מאַכט האָט אים דערפאַר איינגעזעצט און אַרויסגעלאָזט נאָר אונטער דעם תּנאי, אַז ער וועט מער נישט שרייבן; דאָך האָט ער יאָ געשריבן און האָט געמוזט אַנטלויפן קיין טיף דייטשלאַנד. — געהאַט ריכטיקע דיאַלעקטישע געדאַנקען, נאָר נישט געווען בכּוח זיי ריכטיק אָנצוכאַפּן און דערום זיי פאַרוואַנדלט אין מיסטישע סימנים. אַזוי ווייזט ער אַרויס דעם געדאַנק פון טעזע — אַנטיטעזע — סינטעזע און פאַרוואַנדלט עס אין אַ געטלעכער דרייאייניקייט. אין זיינע ווערק שווימלט פון דיאַלעקטישע פעסטשטעלונגען. אַזוי זאָגט ער: „אַלץ, וואָס האָט אַן אָנהייב, מוז אויך האָבן אַ סוף", „דאָס לעבן דערהייבט זיך איבערן טויט, דאָס גוטע איבערן שלעכטן און דאָס שלעכטע, ווידער, איבערן גוטן". אָנגעשריבן נאָך: „איבער דעם מענטשנס דרייפאַכיק לעבן", „איבער די דריי פּרינציפּן פון געטלעכן וועזן" א. אַנד. די לעצטע צייט, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַלגעמיינער כוואַליע מיסטיק אין דער אינטעלעקטועלער בורזש. געזעלשאַפט, וואַקסט אויך דער אינ־

טערעס צו ב.ן.

בעמערט קאַרל-וויקטאָר (1829—1918), דייטשער עקאָנאָמיקער און סטאַטיסטיקער, פאַרנומען עטלעכע הויכע אַמטן אין דער דייטשער רעגירונג. מחבר פון אַ ריי אַרבעטן איבער דער אַרבעטערפראַגע, אַרויסגעגעבן די ציי־טונגען „אַרבעטערפריינד", „סאָציאַלקאָרעספּאָנדענץ" און „פאָלקס-וויל", אָרגאַן פונעם צענטראַלפאַריין פאַרן וויל פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן. זיין קוק אויף דער אַרבעטער-פראַגע איז דער, אַז הגם די מלוכה דאַרף זיך אויך אריינמישן אין די קאַמפן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, דאַרף מען אָבער די הויפּטגעוויכט לייגן אויף דער יחידישער זעלבסטהילף און אַליינדערציִונג. ער האָט אויך באַאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַרבעטער-אָנטייל אין דעם ריווח פון די אונטערנעמונגען. אָנגעשריבן, צ. אַ., „אָנטייל אינעם ריווח", „אוניווערזיטעט-בילדונג פון פרויען".

בען אַלעקסאַנדער (1818—1903), אָנגעזעענער ענגלישער פּסיכאָלאָג, אָנהענגער פון דער ענגלישער, עמפּירישער ריכטונג. דערוויזן, אַז אַלע געזעצן פון פּסיכאָלאָגיע קאָנען דערוויזן ווערן אָנשוילעך, אָן דער הילף פון טעאָרעטישע סברות. דערום אָנגעוויזן אויף דער נויטיקייט צו דערלערנען די פיזיאָלאָגישע און נערוונ-פּראָצעסן, וואָס דאָס אַליין קאָן געבן אַ געזונטן יסוד פאַר דער וויסנשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע. אָנגעוויזן, אַז כאָטש די פיזישע און גייסטיקע פּראָצעסן זענען פון זיך אומאָפּהענגיק, גייען זיי דאָך אָבער פּאַראַלעל אין זייער טעטיקייט. געווען אַן אָנהענגער פונעם אַ. ג. אַסאָציאַציאָניזם, ד. ה., אַז יעדע פּסיכישע דערשיינונג אין מוח

שלעפט מיט זיך אַ צווייטע. אויף דעם סמך געפאָדערט צו רעפאָרמירן די דערציִונג אין דער ריכטונג. צו די וויכטיקסטע ווערק: „גייסטיקע און מאָראַלישע וויסנשאַפט", „שטודיע איבערן כאַראַקטער", „דעדוקטיווע און אינדוקטיווע לאָגיק", „גייסט און קערפּער", „דערציִונג, אַלס אַ וויסנשאַפט".

בען אַ פ ר אַ (1640—1689), ענגלישע שרייבערין; פאַרברענגט די יוגנט אין מזרח־אינדיע, וווּ זי האָט געזען דעם גרויל פון שקלאַפנהאַנדל. 1688 אַרויסגעלאָזט איר ראָמאַן אויסן שקלאַפנלעבן „אָרנוקאָ, אָדער דער קעניגלעכער שקלאַף", וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער אייראָפּעישער לעזערוועלט. איר טאָן איז סענטימענטאַל און זיס; פאַר אַן אויסגאַנג צו דער לאַגע האַלט זי — דאָס גוטע האַרץ פונעם שקלאַפנהענדלער.

בען דזשאָנסאָן, ריכטיקער: ד ז ש אָ נ ס אָ ן בנימין (1573—1637), ענגלישער דראַמאַטורג, אַ צייטחבר פון ש ע ק ס פּ י ר ן. נאָך אַ שטורמיש נעווענדיש לעבן זיך אומגעקערט קיין ענגלאַנד און געוואָרן אַן אַקטיאָר און דראַמע-שרייבער. געשאַפן אין צוויי, גרונט-פאַרשידענע סצענישע זשאַנערס: קאָמעדיעס פאַר שטאָטישע טעאַטערס און „מאַסקעס" — פאַר קאָמישע באַלעטן פאַרן הויף. אין זיינע קאָמעדיעס בייסיק אויסגעלאַכט די מענטשלעכע שוואַכקייטן, אילוסטרירט עס מיט אָפגעריסן־באַזונדערע עפּיזאָדן. צומבאַקאַנטסטן זענען „יעדער מענטש און זיין שטימונג", „יעדער קומט אַרויס פון זיין שטימונג", „סינטיאַס מאַסקעס", „דער פאָעטעסטער" — אַ פאַמפלעט אויף דעם ליטערארישן געשמאַק

פון זיין צייט. אָבער זיין באַרימטסטע קאָמעדיע איז „וואָלפּאָנע" — אַ געניאַלע פאָרשטעלונג פון מענטשלעכע שוואכקייטן און גיריקייט. געענדערט און מאָדערניזירט דורך סטעפאַן צ ו ו יי ג (ז.), איז „וואָלפּאָנע" משך די לעצטע יאָרן דערפאָלגרייך אויפגעפירט געוואָרן אויף אַ ריי בינעס אין אייראָפּע און אַמעריקע, צ. אַ. — אויך אין יידישן טעאַטער.

בענאַווענטע כ אַ ס י נ ט אָ (1866ס), שפּאַנישער דראמאטורג; 1894 אַרויסגעגעבן די ערשטע דראַמע „אַ פרעמדע נעסט". אין זיין שאַפן איז ער אַ סקעפּטיקער, וואָס האָט זיך אַנטוישט אין די אידעאַלן פון דער שפּאַנישער בורזשואַזיע און וואָס האָט נישט דעם מוט און דעם כוח זיך צו באַהעפטן מיטן פּראָלעטאַריאַט. ער לאַכט אויס די אידעען פון זיין קלאַס, אָבער קיין מיטל צו זיי זעט ער נישט. זיין דיאַלאָג איז לעבעדיק, סצעניש, כאָטש אַביסל צופיל איבערגעלאָדן מיט סצענישקייט. 1922 באַקומען די נאָבעלפּרעמיע. פון זיינע באַקאַנטסטע דראַמען: „די באַשאפענע אינטערעסן", „דער פייערדיקער דראַגונער", „די נאַכט פון שבת".

בענבאָו וו י ל י אַ ם (1784—?184), ענגלישער רעוואָלוציאָנער, אָנטיילגענומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון די 20ער יאָרן פאָריק י"ה, געווען איינגעזעצט איבער זיין אָנטייל אין דעם „מאַנטשעסטערשן אויפשטאַנד". צו יענע יאָרן אַרויסגעלאָזט אַ פאַמפלעט „אויסגעשטעלטע צענזור", אין וועלכן ער רופט אָן די ענגלישע רעגירונג טיראַניי און דעספּאָטיע. אין לאָנדאָן אַרויסגעגעבן די „פאָלקסטריבונע" (1832),

דאָסזעלבע יאָר אַרויסגעלאָזט זיין באַקאַנטן פאַמפלעט „דער גרויסער נאַציאָנאַלער יום־טוב און דער קאָנגרעס פון די פּראָדוקטיווע קלאַסן", אין וועלכן ער רוקט־אַרויס דעם שטרייק ווי אַ מיטל נישט נאָר פון עקאָנאָמישן קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס, נייערט אויך פון אינגאַנצן אומוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג; זיין געדאַנק איבער דעם „געהייליקטן חודש", ד. ה. דעם שטרייק פון ענגלאַנדס גאַנצער באַפעלקערונג, איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין דער טשאַרטיסטישער באַוועגונג פון די 30ער און 48טן יאָרן. ד. יאָר 1841 ווערט ער נאָך דערמאָנט צווישן די לעבעדיקע. מער קיין ידיעות איז וועגן אים נישט פאַראַן.

בענדיקסען פרידריך (1864—1920), אָנגעזעענער נאָרוועגיש־דייטשער בורזשואַזער עקאָנאָמיסט, באַגרינדער פון דער נאָמינאַליסטישער (מלוכישער) געלט־טעאָריע. לויט אים, איז געלט אַליין נישט קיין שום ווערטזאַך און האָט אַן־און־פאַר זיך נישט קיין שום באַטייט. דאָס איז נאָר אַן אַבסטראַקטער איינס פון ווערט אָדער חשבון. דאָס בעסטע „קלאַסישע" געלט איז פּאַפּיר־געלט — מיט דעם תנאי, אַז זייער אַרויסלאָז דאַרף זיין שטרענג אויסגעגליכט מיט די באַדערפענישן פון סחורה־אומזאַץ. זיין וויכטיקסט ווערק איז „דאָס וועזן פון געלט", „געלט און קאַפּיטאַל", „ווערונגפּאָליטיק און געלט־טעאָריע אין ליכט פון דער וועלט־מלחמה" (1916).

בענוא פיער (1886°), פראַנצויזישער שרייבער. די קינדעריאָרן פאַרברענגט אין טוניס און אַלזשיר, אַסך אַרומגעפאָרן איבערן מזרח; געפינט

זיך אינעם ווירק־קרייז פון דער רעאַקציאָנערער פּרעסע; זענען טאַקע זיינע קאָלאָניאַלע ראָמאַנען אַדורכגענומען מיט העכסטער ליבע און באַוווּנדערונג פאַר דער העלדישער פראַנצויזישער אַרמיי אין די קאָלאָניעס. אַ גאַנץ קנאַפּער קענער פון דער געשיכטע, ברענגט ער אָבער אַריין אין זיינע ראָמאַנען נעמען פון גרויסע געשיכטלעכע העלדן פון אַמאָל און פון דער הייַנטיקער צייט, פאַרבינדט זיי אין אַ פאַבולע, וואָס לאָזט זיך פריי אויף די פליגל פון דער פאַנטאַזיע. זיינע הויפּט־העלדן זענען ס׳רוב מאַנעקינען. דאָס באַרימטסטע ווערק זיינס איז „די אַטלאַנטיד", וואָס איז פול מיסטיק פון די האַלב־ווילדע מזרחדיקע פעלקער. דער ראָמאַן האָט אַנטשפּראָכן דעם אָנשטעל פון דער פראַנצ. בורזשואַזיע גלייך נאָך דער מלחמה; האָט אים טאַקע די פראַנצ. אַקאַדעמיע באַשאָנקען ד. יאָר 1919 מיטן פּריז. נאָך באַקאַנט: „די הערשערין פון לבנון", וואָס שילדערט דעם קאַמף צווישן די 2 קאָלאָניאַלע מאַכטן—ענגלאַנד און פראַנקרייך; „קעניגסמאַרק", וואָס שילדערט דאָס דייטשע הויף־יונקערטום האַרט פאַר דער מלחמה; „דער וועג פון ריזן" — די אירלענדישע נאַציאָנאַל־באַוועגונג. אַלע זיינע ראָמאַנען, אַחוץ דעם לעצטן, זענען פילמירט.

אויף יידיש: „אַטלאַנטידאַ", „יעקבס ברונעם".

בענוא פיער לעאָנאַר (1834—1901), אָנגעזעענער בעלגישער קאָמפּאָזיטער, געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פלאַמאַנדרישער באַוועגונג. אָנגעשריבן אַסך קלאַסישע, ווי אויך פאָלקס־אָפּערעס פון פלאַמאַנדרישן לעבן, געבויט אויף די מאָטיוון פון פאָלקס־לי־

דער. געשריבן אויך אַסך איבער די לויפנדיקע פראַגן פון דער פלאַמאַנדרישער מוזיק. 1867 געגרינדעט די אַנטווערפענער פלאַמאַנדרישע קאָנסערוואַטאָריע.

בענטהעם ירמיה (1832–1748), ענגלישער דענקער, דער טעאָרעטישער באַגרינדער פון דער אוטיליטאַרישער לערע איבער מאָראַל, זיך געווידמעט דעם דערלערנען די יסודות פון דער אינדיווידואַליסטישער מאָראַל. די געזעלשאַפט — האַלט ער — איז אַ געזאַמל פון יחידים, וואָס אַלע שטרעבן באַזונדער צו ווילשטאַנד. בלויז די באַציונגען פון קעגנזייטיקער באַקוועמלעכקייט שאַפן אַן אינערלעכע האַרמאָניע פון די אינטערעסן צווישן די באַזונדערע יחידים און בינדן זיי צוזאַמען אין אַ געזעלשאַפטלעכער גאַנצקייט. אָבער זיין עטישער פרינציפ פון „גרעסטן גליק פאַר דער גרעסטער צאָל מענטשן” ווערט אינדעראמתן דערפירט צו פרייהייט פונעם בורזשואַזן פאַבריקאַנט, ווייל די מלוכה באַשיצט אים. דערום איז נישט קיין וווּנדער, וואָס זיינע לערעס זענען געוואָרן די תורה פון ענגלישן ליבעראַליזם. זיינע ווערק זענען אַרויס אין 11 בענד.

בענסאָן פרענק ראָבערט (1858 ○), אָנגעזעענער ענגלישער רעזשיסער, זיך ספעציאַליזירט אויפן שעקספיר-רעפערטואַר און אים אייגנאַרטיק אינטערפרעטירט. משך 26 יאָר געווען דער הויפט-אָרגאַניזאַטער פון די יערלעכע שעקספיר-פייערונגען אין סטרעדפאָרד.

בענעט אַרנאָלד (1867 ○), דער גרעסטער פאָרשטייער פונעם היינטצייטיקן ענגלישן רעאַליסטישן ראָמאַן.

זיינע העלדן זענען גרויע, וואָכעדיקע מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר, פראָווינצער טיפן; פאַר אַ פאָן פון זיינע דערציילונגען דינט אים דער אייגנטאָניקער שטייגער פון סטרעדפאָרשירער געגנט, פון וואַנען ער שטאַמט. אָבער ער פאַרמאָגט די קונסט צו אַנטפלעקן פיל פאַרביקייט און פולבלוטיקייט דווקא דאָרט, ווו עס ווייזט זיך אונדז אויס גרוי און פשוט. אין זיין „ווידוי פונעם מחבר” זאָגט ער: „איך גאַר גוואַלטיק נאָך שיינקייט; און איך בין זיכער, אַז מען קאָן זי געפינען דאָרט, ווו זי איז קלאָמפערט נישטאָ”. הגם ער אידעאַליזירט נישט זיינע טיפן און זיין סביבה, אָבער דערדאָזיקער דראַנג זיינער צו שטעלן אין אויבנאָן פון זיין שאַפן דווקא דעם קליינבירגער—מאַכט אים טאָקע פאַרן ליטעראַרישן פאָרשטייער פונעם קליינבירגערטום. אָנגעשריבן זייער אַסך. צו די וויכטיקסטע ראָמאַנען געהערן: „די גרויסע געשעעניש”, „די שיינע פרוי”, „דער רייזעמאַן סטעפס” א. אַסך אַנד.

בענעט דזשעמס גאָרדאָן (1872–1794), אַמעריקאַנישער זשורנאַליסט און צייטונגמאַן. לכתחילה אַ קליינער רעפאָרטער פון פאַרשידענע אַמעריקאַנישע בלעטער, האָט ער ד. יאָר 1835 געגרינדעט דעם „ניו-יאָרק-העראַלד”, וואָס איז גלייך געוואָרן איינע פון די פאָפולערסטע צייטונגען — אַ טיפישער בורזשואַזער בלאַט, וואָס פאַסט זיך צו צום נידעריקסטן געשמאַק פון דער גאַס און וואָס פאַרדאַנקט זיין גרויסן טיראַזש די רכילותן, סקאַנדאַלן, בעט-געשיכטעס א. ד. גל. פאַר דעם פאַרנעם פון דער צייטונג איז אינטערעסאַנט, אַז ב. האָט דאַן

אַרויסגעשיקט ספּעציעלע נייס-שיפן אַנטקעגן די גרויסע שיפן, וואָס האָבן געבּרענגט נייס פון דער וועלט. דער פאַרדינסט פון דער צייטונג אַ יאָר האָט באַטראָפן דריי-פערטל מיליאָן דאָלאַר. — אויך זיין זון, גאָרדאָן (1918–1841) האָט ווייטער געפירט דאָס „געשעפט” אין גרויסן מאָסשטאַב. ער האָט אויך ספּעציעל פאַר דער צייטונג אַרויסגעשיקט זיין רעפּאָרטער ס ט ע נ ל י (ז.) אין די טיפענישן פון אַפריקע.

בענעלי ס ע ם (° 1877), הייַנטצייטיקער איטאַליענישער דראַמאַטורג. שוין זיין ערשטע דראַמע „ברוטוס׳ מאַסקע” האָט אים געמאַכט אַ גרויסן שם. דאַן גייען די דראַמעס „אָונטערבּרויט פון וויצן”, „צעריסענער מאַנטל”, „די ליבּע פון דריי קעניגן”, „ראָסמונדע”, „די חתונה פון די צענטאַורן”, א. אַנד. — אַלץ אין פערזן, וואָס זענען אָבער נאָנט צו דער געוויינלעכער רעד-שפּראַך; ער האָט אויך אָנגעשריבּן אַ היסטאָרישע דראַמע „לאַסאַל”. פאַר סיוזשעטן פאַר זיינע פּיעסעס נעמט ער שטאַרקע, צילבאַוווסטע פערזענלעכקייטן אויס דער עפּאָכע פון רענעסאַנס: ער דערפירט, אַז דעם העלדס אומקום ברענגט אַלעמאָל אַ ניצחון פאַר די אידעאַלן, פאַר וועלכע דער העלד האָט געקעמפט. אין „לאַסאַל” ווייזט ב. אויך, אַז דערדאָזיקער גרויסער בונטאַר און פרייער מענטש האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיינע פּריוואַטע לעבנסיטואַציעס נאָר אַדאַנק דעם, וואָס ער האָט נאָכגישט אויסגעלעבט אין זיך די רעשטלעך פון זיין סביבה. ערשט זיין טויט לייזט אים אויס.

בענעקע פ ר י ד ר י ך ע ד ו אַ ר ד

(1854–1798), דייטשער פּסיכאָלאָג און פילאָזאָף, געהערט צו די אַ. ג. האַלבּקאַנטיאַנער, וואָס זענען געווען אין אָפּאָזיציע סיי צו העגעלן און סיי צו דער אידעאַליסטישער שול. פאַר דער וויכטיקסטער פילאָזאָפישער לערע געהאַלטן די פּסיכאָלאָגיע, וואָס דאַרף זיך אַנטוויקלען, ווי אַן „אינערלעכע דערקענטעניש” — בלויז אויפן סמך פון דערפאַרונג. אָבער דער יסוד פון יעדער דערפאַרונג — האַלט ב. — איז אַליינבאָאַבאַכטונג, ווו די דערשיינונג און דאָס זיין זענען גלייך. אַזוי-אַרום איז זיין פּסיכאָלאָגיע אַ געמיש פון מעטאַפיזישע און עמפּירישע דערקענטעניש. ער האָט אַריינגעפירט אין זיין סיסטעם דעם באַגריף פון אומבאַוווסטזיניקע בילדער — „סימנים” אין באַצוג צו דער פאַרגאַנגענער סיבה. געאַרבּעט אויך איבּער לאָגיק, מעטאַפיזיק, פּעדאַגאָגיק און עטיק. זיין וויכטיקסט ווערק איבּער פּסיכאָלאָגיע — „לערבּוך פון פּסיכאָלאָגיע ווי אַ נאַטורוויסנשאַפט”.

בענעש-ט ז ש ע ב י צ ק י ו ואַ צ ל אַ ו (1884–1849), טשעכישער שרייבּער, אָנגעשריבּן אַ ריי היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס האָבן געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג. זיינע ראָמאַנען זענען פול מיט אומגעהייערער ליבשאַפט צו זיין פאָלקס פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט נאָך צו ב.ס צייט געלעבט אין גלות ביי עסטרייך. דאָס איז בכלל געווען די שטימונג ביי דער טשעכישער אינטעליגענץ די 2טע העלפט 19טע י״ה. פון די באַקאַנטסטע ראָמאַנען: „אַנעשקאַ פּרעמיסלאָוונאַ”, „פאַרבלאָנדזשעטע נשמות”, „קעניגין דאָגמאַר”, „אין קאַליכס וואַלד” א. אַסך אַנד.

בענפיי טעאָדאָר (1809–1881), דייטשער געלערטער, שפּראַכפאָרשער, איינער פון די טיפסטע קענער פון קלאַסישער פילאָלאָגיע, פארגלייכנדיקער שפּראַכוויסנשאַפט און אינדישער פילאָלאָגיע. אָנגעשריבן אַ „גריכישן וואָרצל-לעקסיקאָן" (2 טיילן), וואָס גיט דאָס ערשטע מאָל אַ וויסנשאפטלעכע באַאַרבעטונג פון גריכישער עטנאָלאָגיע. דאַן די „סאַמאַוועדאַ", „פּאַנטשאַטאַנטרן", „געשיכטע פון דער שפּראַכוויסנשאַפט" — וואָס האָט אַ גרויסן באַטייט נאָך ביז הייַנטיקן טאָג.

בענסאַלקאָ פּאַוועל (1880–1920), רוסישער דיכטער—רעוואָלוציאָנער, געאַרבעט אַלס באַן-אַרבעטער, צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, אַרעסטירט געוואָרן, איינגעזעצט און אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, געאַרבעט אַ לענגערע צייט אין פּאַריז. 1917 זיך אומגעקערט, געאַרבעט אין אַסך קולטור-אַנשטאַלטן, רעדאַגירט דעם „דונערנדיקע", „רויטער קעמפער", 1920 געשטאָרבן אויפן וועג אין כאַרקאָוו. געווען אַ גוטער טעאָרעטיקער פון פּראָלעטאַרישער קולטור. אָנגעשריבן: „פּראָבלעמען פון פּראָלעטאַרישער קולטור", „פוטוריזם און פּראָלעטאַרישע קולטור", „איבער אַרבעטערשער און פויערשער פּאָעזיע". אין זיין ציקל ראָמאַנען, וואָס האָבן אַסך אויטאָביאָגראַפישן עלעמענט — „קוזקעס קינדהייט", „אומבאַוווסטזיניקערהייט", „קאַטאַסטראָפע", „צום וועג" — פירט ער אַדורך אַ יינגל, אַ סטאָלער, וואָס וואַקסט אויף פאַר אונדזערע אויגן אין אַ רעוואָלוציאָנערן העלד. אָנגעשריבן אויך עטלעכע פּיעסעס, צווישן זיי „דער ברוקירער", ווי אויך זאַמלונגען לידער.

בעספּיראַ פערנאַנדעס כוליאָ (° 1780), שפּאַנישער סאָציאַליסטישער פּובליציסט און פירער, אַקטיווער פּראָפעסיאָנעלער טוער, פירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן די לינקע עלעמענטן אין די שפּאַנישע פאַריינען און בכלל קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָך דער איבערקערעניש פון פּרימאָ דע ריווערא אַסך נאָכגעלאָזט פון זיין סאָציאַליזם, געווען דער איניציאַטער פון אַ בלאָק צווישן בירגערלעכן צענטער און די סאָציאַליסטן. מחבר פון אַ ריי אַרבעטן אויסן געביט פון שפּאַנישער סאָציאַליסטישער געשיכטע.

בעסעל פרידריך ווילהעלם (1784–1846), באַקאַנטער דייטשער אַסטראָנאָם, אַן אַליינלערנער. 1810 אויפגעבויט די קעניגסבערגער אָבסערוואַטאָריע, וואָס האָט נישט געהאַט אין דער גאַנצער וועלט איר גלייכן מיט דער שפע אינסטרומענטן און מכשירים, נאָכגעפאָרשט דאָס אָרט און דעם גאַנג פון 75.011 שטערן; רעפאָרמירט די פּראַקטישע אַסטראָנאָמיע, דערפירט זי צו הויכער וויסנשאַפט, אַנטדעקט עטלעכע פונקציעס, וואָס הייסן נאָך אים, פעסטגעשטעלט די מאָסן פון די פּלאַנעטן די טעאָריע פון לקוי חמהס, קלאַסיש, אויסגעשטעלט די לענג פונעם סעקונדאַרן אומרו. די וויכטיקסטע ביכער: „אַסטראָנאָמישע פונדאַמענטן אין באַאָבאַכטונג" און „אַסטראָנאָמישע אונטערזוכונגען".

בעסעמער הענרי (1813–1898), ענגלישער דערפינדער, דערפונדן אַ מיטל ווי צו באַקומען שטאָל (ווערט אָנגערופן אויף זיין נאָמען), ווי אויך פאַרשידענע טעכנישע אויסבעסערונגען אויפן געביט פון מעטאַל — הגם נישט

געהאַט קיין שום טעאָרעטישע צו-
גרייטונג.

בעער מאַקס (1864 ◦), היסטאָרי-
קער פון סאָציאַליזם, געהערט אַמאָל
צום לינקן פליגל פון דער ס. ד.
(„יונגע״). נאָכן פאַלן פון סאָציאַליסטנ-
געזעץ אין דייטשלאַנד, רעדאַגירט אין
מאַגדעבורג די „פאָלקס-שטימע״, אַרעס-
טירט געוואָרן, אָפּגעזעסן 14 חדשים,
דערנאָך אוועק קיין לאָנדאָן; משך 10
יאָר 1901—1911 געוועזן לאָנדאָנער
קאָרעספּאָנדענט פון בערלינער „פאָר-
ווערטס״. אונטערן איינדרוק פון דער
ענגלישער אַרבעטער-באַוועגונג, איז
ער געוואָרן אַן אָפּאָרטוניסט און זיי-
נע קאָרעספּאָנדענצן געגומען פון רע-
פאָרמיסטישן קוקווינקל. 1913 אַרויס-
געגעבן „געשיכטע פון דער אַרבעטער-
באַוועגונג אין ענגלאַנד״, וואָס איז
רייך מיט מאַטעריאַל, אָבער ווו ס׳איז
בולט ב.ס סימפּאַטיעס פאַרן רעכטן
פליגל פון דער אַרבעטער-באַוועגונג.
בעת דער מלחמה אַריבער קיין דייטש-
לאַנד און העפטיק פּאַרטיידיקט אין
דער פּרעסע דעם פּאַטריאָטיש-מיליטאַ-
ריסטישן שטאַנדפּונקט פון זיין פּאַרטיי.
אָבער נאָך דער מלחמה, אונטערן
איינדרוק פון דער רוסישער און דיי-
טשער רעוואָלוציעס, זיך צוריקגעצויגן
פון זיין ליניע, וועגן וואָס עס זאָגט
עדות זיין ביאָגראַפיע פון מאַרקסן און
די פּאָפּולערע „געשיכטע פון סאָציאַ-
ליזם״; די יאָרן 1922—5 זיך דערנענטערט
צו די קאָמוניסטן. — אַ חוץ די גע-
דאַכטע ווערק, איז נאָך פאַראַן זיין
„מלחמה און אינטערנאַציאָנאַל״.

אויף יידיש: „געשיכטע פון סאָציאַליזם״, 5 טיילן.

בענצאָלד פרידריך (1848 ◦), דיי-
טשער היסטאָריקער, ווערט געהאַלטן
פאַר איינעם פון די בעסטע קענער

פון דער רעפאָרמאַציע-צייט און פון
די פאָלקס-באַוועגונגען צו יענער צייט.
הגם ער לייגט גרויס אַכט אויף די
סאָציאַלע באַוועגונגען פון דער אויס-
געפּאָרשטער צייט, שטערט אים אָבער
זיין אידעאַליסטישער מעטאָד צו געבן
דערפון אַ ריכטיקן אַנאַליז. צומיינסט
באַקאַנט זעגען: „מלך זיגמונד און די
מלוכהקריגן קעגן די הוסיטן״ (3 בענד),
„צו דער געשיכטע פונעם הוסיטנטום״,
„געשיכטע פון דער דייטשער רעפאָר-
מאַציע אויס מיטלעלטער און רענע-
סאַנס״.

בעק אַנרי פראַנסואַ (1837—
1899), פראַנצויזישער דראַמאַטורג, באַ-
גרינדער און שעפער פון דער נאַטור-
ראַליסטישער קאָמעדיע, דרייסט אַדורכ-
געפירט די ליניע פון לעבנווירקלעכ-
קייט אין דער דראַמע; אָבער דאָס
פּובליקום פון זיין צייט האָט אים נישט
פאַרשטאַנען און זיך גאַנץ קריטיש באַ-
צויגן צו זיינע פּיעסעס. אזוי האָט ער
געמוזט זיין ערשטע פּיעסע „מישעל
פּאַפּער״ (1870) שטעלן מיט די אייגע-
נע מיטלען, ווייל קיין שום דירעקטער
האָט זי נישט געוואָלט אָננעמען; אין
דערדאָזיקער דראַמע שילדערט ער דעם
קאַמף פון צוויי סאָציאַלע גרופּעס. אין
זיין סאַטירע „קראָען״ שילדערט ער
די רויבערישע טיפּן פון דער היינטי-
קער בורזשואַזיע. אין זיין „פּאַריזערין״
שילדערט ער דעם אומקום פון די
יסודות פון דער היינטצייטיקער בור-
זשואַזער פאַמיליע.

בעק יאַקאָב (1761—1840), דייטשער
פילאָזאָף, אַ תּלמיד פון קאַנט; כמעט
דער ערשטער אָנגעוויזן אויף די סתּי-
רות אין קאַנטס לערע איבער „דער
זאַך אַן-און-פאַר זיך״. מיט דערדאָזי-

קער קריטיק צוגעגרייט דעם איבער-
גאַנג פון קאַנטס קריטישער פילאָזאָפיע צו פיכטעס (ז.) סוביעקטיווען אידעאַליזם. זיין וויכטיקסט ווערק איז: „דער איינציק־מעגלעכער שטאַנדפונקט, אויס וועלכן די קריטישע פילאָזאָפיע מוז באַהאַנדלט ווערן".

בעק קאַרל (1817—1879), אונגאַרישער שרייבער, געשריבן אין דייטש. איינער פון די ערשטע אַריינגעברענגט אין דער פּאָעזיע אינדוסטריעלע טעמעס („די באַן"). געקוקט אויף זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, ווי אויף פּראָפּאַגאַנדע פון פרייהייט-געדאַנקען; אָנגעשריבן אַ „קללה צו די צאַרן", אין וועלכער, ער נעמט זיך אָן פאַר די אונטערגעדריקטע פעלקער — יידן (אליין אויך געווען אַ ייד), אונגאַרן, פּאָליאַקן און פאַר די סאָציאַלע אונטערקלאַסן. זיין באַקאַנטסט בוך איז דער ראָמאַן אין פערזן „יאַנקאָ, דער אונגאַרישער פּאַסטעך", ווי אויך „לידער פון אַן אָרעמאַן", „קעניג שאול", „אויסן היימלאַנד".

בעקאָן פרענסיס (1561—1626), ענגלישער דענקער און מלוכהמאַן. אַ זון פון מיניסטער פונעם קעניגלעכן סטעמפּל, נעמט ער גאַנץ פרי אַן אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן, איז מיטגליד פון פּאַרלאַמענט. 1597 אַרויסגעגעבן זיין ערשט בוך „מאָראַלישע און פּאָליטישע שמועסן, אָדער עסייען". 1618 אונטער דזשעקאָב I געוואָרן פּרעמיערמיניסטער אין ענגלאַנד, 1621 — סענט-אַלבאַניער גראַף. צו יענער צייט אויך אָנגעשריבן אַ ריי פילאָזאָפישע כתבים פון גרויסן ווערט. אין דער ערשטער ריי: „די חשיבות און גרויסקייט פון וויסנשאַפטן", „אַ פּאָדעם

פונעם לאַבירינט, אָדער די פאָרמול פון נאָכפאָרש", „געדאַנקען און פאָרשונגען", „איבער דעם אויספאָרש פון דער נאַטור 12 געדאַנקען", „באַשרייב פון דער אַלטער וועלט" א. אַזן אַנד. 1620 אַרויסגעגעבן זיין וויכטיקסט ווערק „דאָס נייע אָרגאַנום". צו יענער צייט האָט אים, דעם פּרעמיער, דער פּאַרלאַמענט חושד געווען אין שוחד. פאַרמשפט צו תפיסה, האָט ער, הגם באַגנעדיקט דורכן קעניג, זיך אָבער נישט געוואָלט אומקערן צום פּאָליטישן לעבן, זיך געווידמעט בלויז דער פילאָזאָפיע. אָנגעשריבן דאַן, צ. אַ., „די געשיכטע פון ווינטן", „געשיכטע פון לעבן און טויט", „נייע אַטלאַנטיס". — ב.ס פילאָזאָפיע שפיגלט אָפּ און אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם אויפקום פון דער נייער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע. די פעאָדאַלע וועלט איז דאַן שוין געווען אין רעכטן מיטן פון איר אונטערגאַנג. ב. פירט-אויס, אַז צוזאַמען מיטן אויסברייטערן פון די מאַטעריעלע ווערטן, מיטן אַנטדעקן די נייע ערדטיילן, ימען, דרוק, קאָמפּאַס — מוז זיך אויך אַנטשפּרעכנדיק אויסברייטערן דער גייסטיקער האָריזאָנט. ער דערווייזט, אַז די צייט פון גאָטס הערשאַפט איז שוין אַוועק — איצט איז געקומען די הערשאַפט פונעם מענטשן. ב. אונטערשיידט 4 הויפּט-„געטשן", idolon, וואָס שטערן דעם מענטשן זיך צו באַשאַפן אַ ריכטיקע באַציונג צו דער וועלט: דער געטש פון דער הייל — אַנטשטייט מחמת דעם, וואָס דער מענטש באַטראַכט די וועלט פון זיין הייל אַרויס; דער געטש פון טעאַטער — שטיצט זיך אויפן גלויבן אין אויטאָריטעטן, וואָס דערמאַנען אָן פיעסן; דער געטש פון

י. מאַטענקאַ

פלאַץ — דער מענטש בלאָנדזשעט צוליב דער אַלטפרענקישער שפּראַך, וואָס אַנטשפּרעכט נישט די נייע באַגריפן; דער געטש פונעם מין — אַדאַנק דעם מענטשנס טעאָלאָגישן קוק אויף דער וועלט. ב. זאָגט־פאָר די אינדוקטיווע לאָגיק — געשטיצט אויף פאַקטן און דערפאַרונג, באַהאָפטן מיט ריכטיקער סברה. ב.ס באַטייט פאַר דער געשיכטע פון דער מאַטעריאַליסטישער, גאָטלאָזער פילאָזאָפיע, איז אומגעהייער. ק. מאַרקס שרייבט וועגן אים, אַז ער איז „דער שעפער פונעם ענגלישן מאַטעריאַליזם און פון דער גאַנצער עמפּירישער וויסנשאַפט פון דער נייער צייט". לויט די לעצטע פאָרשונגען, זאָל ב. אויך האָבן געווען דער ווירקלעכער מחבר פון שעקספּירס (ז.) דראַמען.

בעקאָן ראָדזשער (1214–1294), גרויסער ענגלישער מיטלעלטערלעכער נאַטורפאָרשער. פאַר זיינע אַפּיקורסישע געדאַנקען און כתבים, העכער אַ דריטל לעבן אויסגעזעסן אין פאַרשידענע תפיסות, קלויסטערס, מאָנאַסטירן. זייענדיק אַרעסטירט אין קלויסטער, האָט ער, בשתיקה פאַר זיינע וועכטער, געשיקט זיינע כתבים צום פויבסט קלעמענטוס IV, וואָס האָט זיי אַליין געפאָדערט: „דאָס גרויסע", „דאָס קליינע", „דאָס דריטע". דער פויבסט האָט אים מקרב געווען, אָבער ער איז גיך געשטאָרבן און ב. איז ווידער פאַרמשפט געוואָרן צו 14 יאָר תפיסה, וואָס ער איז טאַקע אָפּגעזעסן. — אין זיינע כתבים, קודם־כל, דעמאַסקירט די דעמאָראַליזאַציע פון דער קירך. דאַן זיך איינגעשטעלט פאַרן עקספּערימענטעלן מעטאָד פון דערלערנען וויסנשאַפט און פאַר אָפּטיילן זי פון

דער אמונה. האָט שטאַרק פּראָפּאַגירט די מאַטעמאַטיק, וואָס—ווי ער שרייבט — מ'האָט זי פאַרנאַכלעסיקט און נישט געלערנט, דערפאַר, וואָס זי האָט געהאַט דאָס אומגליק נישט צו זיין באַקאַנט די פירער פון דער קירך. ער האַלט הויך דאָס דערלערנען די אַלטע שפּראַכן, כדי צו וויסן, ווי מען האָט געלעבט פאַר אונדז, דאַן אויך— די פיזיק, אַדאַנק וועלכער, האַלט ער „מען קאָן אויסגעפינען אַ מיטל צו שווימען אָן זעגל, פאָרן אָן שפּאַן, פליען איבער דער לופט מיט פליגל, וואָס זענען גלייך צו די פייגלשע"; גרויס האָפענונג אויך געלייגט אויף דער ליכט-טעאָריע, פאָרגעזען, ווי פריער, פאַרשידענע אָפּטישע מכשירים, די פאַרגרעסער- און דערנענטער-גלעזער אדגל. שאַרף באַקעמפט די „מאַגיע", פּראָפּאַגירט איינצופירן אַ קאַלענדאַר און געגעבן די אַסטראָנאָמישע ידיעות דערצו. (דער אויסגעבעסערטער גרעגאָריאַנישער קאַלענדאַר איז אין איראָפּע איינגעפירט געוואָרן 300 יאָר נאָך ב.)—ער האָט געטרוימט צו שאַפן, מיטן פויבסטס הילף, אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון נאַטור-ליבהאָבער — צו דערפאָרשן זי אין דעם גייסט, וואָס ער וויל. מיט זיין שאַרפער קריטיק פון דער קירך געווען איינער פון די ערשטע אָנזאָגער פון דער רעפאָרמאַציע.

בעקאַריאַ טשעזאַרע (1738—1794), איטאַליענישער שרייבער־ראַציאָנאַליסט און געזעץ-פאָרשער, מחבר פון אַ באַרימט-געוואָרענעם טראַקטאַט, „איבער פאַרברעכן און שטראָף". נאָך מאָנטעסקיע (ז.), האָט ער דער ערשטער אויפגעהויבן זיין שטים צו „פאַרטיידיקן דעם יחיד", קעגן דער

ברוטאַלער פּאָליציייאישער רעפּרעסיע, קעגן דער נוצלאָזער טויט-שטראָף (פֿאַר רעוואָלוציאָנערע צייטן האָט ער זי דערלאָזט) און בכלל קעגן באַגרענעצן די פֿרייהייט פֿון דער פּערזאָן. מיט זיינע פֿאָדערונגען געווען דער אויסדריקער פֿון די פֿאַרלאַנגען פֿון דער נאָר-וואָס אַנטשטאַנענער בורזשואַזיע און דערום געווען זייער פּאָפּולער. זיין „טראַקטאַט” האָט געלייגט אַ געוויסן סטעמפּל אויף די געזעץ-זאַמלונגען פֿון פֿאַרשידענע לענדער — פּרייסישע, עסטרייכישע, טאָסקאַנישע. זיין שול איבער קרימינאָלאָגיע האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פֿאַר דער קלאַסישער קרימינאָלאָגיע.

בעקלין אַרנאָלד (1827—1901), באַקאַנטער שווייצאַרישער מאָלער. געווען אונטערן איינפֿלוס פֿון די באַרימטע מאָלער שירמער און דרעבער, וואָס ווערן געהאַלטן פֿאַר די וויכטיקסטע פֿאָרשטייער פֿון דעם אַ. ג. „העלדישן פּייזאַזש”. שוין ד. יאָר 1857 האָט זיין בילד „פּאַן צווישן שטיינער” אַרויסגערופֿן גרויס אויפֿזעען. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן ביסלעכווייז אָוועק פֿונעם געדאַכטן העלדישן פּייזאַזש און ב. שאַפֿט אַ זעלבשטענדיקן, אייגנאַרטיקן סטיל: אַנטיקע פֿיגורן אויפֿן פֿאָן פֿון מאָדערנע טעמעס. זיך באַנוצט צום דאָזיקן ניי־ראָמאַנטישן סטיל מיט אַן אוצר פֿרעכטיק־צוגעקליבענע פֿאַרבן — דערביי האָט ער געצייכנט די נאַטור נישט ווי זי איז, נייערט ווי ער וויל זי זען. פֿון די גאָר־באַקאַנטסטע לייוונטן: „אויטאָפּאָרטרעט מיטן טויט, וואָס שפּילט פֿידל”, „מרימס קלאָג”, „טריטאָן און נערעיִד”. „די פֿעלדער פֿון די זעלי-

קע”, „שלאַכט פֿון די צענטאַורן”, „דאָס אינדזל פֿון טויטע”, „אין שפּיל פֿון כוואַליעס”. זייער פּאָפּולער זענען זיינע 2 וואַריאַנטן פֿון דער „מלחמה”. ב. גייט־אָן פֿאַר איינעם פֿון די באַדייטנדיקסטע קינסטלער אויסן 19טן י״ה.

בעקמאַן ערנסט (1853—1923), דייטשער כעמיקער, אַנטדעקט דעם א. ג. בעקמאַנישן טערמאָמעטער, וואָס מאַכט מעגלעך פֿעסטצושטעלן די טעמפּעראַטור ביז 0,001° (אַ טויזנטסטל גראַד) און אַסך אַנד. וויכטיקע אַנטדעקונגען. געשריבן אַסך אָפּהאַנדלונגען, הויפּטזאַכלעך אין דער „צייטשריפֿט פֿאַר פֿיזיקאַלישער כעמיע”.

בעקסטאָן נאָעל (° 1869), פּאָפּולערער ענגלישער סאָציאַליסט פֿון רעכטן פֿליגל, געהערט אַ לאַנגע צייט צום לינקן, פּאַציפֿיסטישן פֿליגל פֿון דער ליבעראַלער פּאַרטיי; איינער פֿון די בעסטע קענער פֿון נאָענטן מזרח און בפֿרט פֿון באַלקאַן, האָט ער בעת דער מלחמה שטאַרק באַאַרבעט די בולגאַרישע רעגירונג, זי זאָל אַריבער אויף דער זייט פֿון דער אַנטאַנט. אין מעקדאָנאַלדס ערשטן קאַבינעט (1924) געווען אַגראַר-מיניסטער. מיטגליד אין פּאַרלאַמענט. אָנגעשריבן, צ. אַ. „אייראָפּע און די טערקן”, „די מלחמה און דער באַלקאַן”, „די באַלקאַנישע פֿראַגע און דער אייראָפּעישער שלום”.

בעקע פֿרידריך (° 1855), אונגאַרישער מינעראַלאָג, באַקאַנט פֿון זיינע אויפֿטועו אין דער קריסטאַלאָ-אָפּטיק; אַנטדעקט געוויסע מעטאָדן פֿון פֿאָרשן מינעראַלן אונטער אַ מיקראָסקאָפּ, וואָס ווערט באַנוצט ביז היינטיקן טאָג. שטענדיקער און חשובֿער מיטאַרבעטער

אין די ערנסטע מינעראַלאָגישע זשורנאַלן אויף דער גאַנצער וועלט.

בעקער אויגוסט (1814 — 1875) („דער רויטער בעקער“), דייטשער רעוואָלוציאָנערער טוער, אַ זון פון אַ גל״ח. נאָך זייענדיק אַ סטודענט פון טעאָלאָגיע, צוגעשטאַנען צו ביכנערס (ז.) קרייזל „געזעלשאַפט פאַר מענטשנרעכט“, אַרעסטירט געוואָרן און נאָך לאַנגע פאָרשונגען פאַרמשפט געוואָרן צו 9 יאָר תפיסה, אַמנעסטירט געוואָרן און אַוועק קיין שווייץ. דאָרט זיך דערנענטערט צו דער אַרבעטער-באַוועגונג און געוואָרן אַ הייסער חסיד פון ווייטלינג (ז.). געשריבן זייער אַסך. פון די באַוווסטע: „פאָלקס-פילאָזאָפיע פון אונדזערע טעג“, „וואָס ווילן די קאָמוניסטן“ (1844). מיטגעאַרבעט אין דער ראַדיקאַלער „ריינישע צייטונג“ און אין פּאַריזער „פאָרווערטס“. בעת דער רעוו. 1848 אַרויסגעגעבן אין גיסן אַ צייטונג „דער יינגסטער טאָג“.

בעקער הערמאַן (1820 — 1885), דייטשער פּאָליטישער טוער און פּובליציסט. בעת דער רעוואָלוציע 1848 געווען רעדאַקטער פון דער „וועסט־דייטשער צייטונג“ אין קעלן, דערנאָך מיטגליד פון צ. ק. פונעם אומלעגאַלן „קאָמוניסטנבונד“. אַרויסגעגעבן אויך ק. מאַרקס׳ געזאַמלטע ווערק — בלויז דעם ערשטן באַנד. אויפן קעלנישן קאָמוניסטנפּראָצעס 1852 פאַרמשפט געוואָרן צו 5 יאָר תפיסה. אויפן פּראָצעס זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּחדן און אַ רודף-כבוד. נאָכן אָפּזיצן, צוגעשטאַנען צום ליבעראַלן „נאַציאָנאַל־פאַרבאַנד“ און העפטיק באַקעמפט די סאָציאַליסטן. ביסמאַרק האָט אים געהאַלטן פאַרן בעסטן פּובליציסט פון

ליבעראַלן לאַגער. די בורזשואַזיע האָט אים דערפאַר אָפּגעדאַנקט און געגעבן אַ פּאָר הויכע אַמטן, צ. א. אויך פון אויבערבירגערמייסטער אין קעלן; דאָך האָט מען אים חוזקדיק גערופן „דער רויטער בעקער“ — ז׳ אויבן: ב. אויגוסט.

בעקער יאָהאַן פיליפּ (1809—1880), דייטשער ס. ד. טוער, מיטגליד פון 1טן אינטערנאַציאָנאַל, אַ בערשטער. אָנטיילגענומען אין אַלע רעוו. אַרויסטרעטונגען פון זיין צייט — אין דייטשלאַנד און שווייץ, וווהין ער האָט געמוזט אַנטלויפן. אין די אומרוען 1848 און 1849 אָנגעפירט מיט גרופּעס קעמפנדיקע און אַרויסגעוויזן גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט. אין דער עפּאָכע פון 1טן אינטערנאַציאָנאַל געווען ק. מאַרקס׳ וויכטיקסטער העלפער, בעיקר אין זיין קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן. הגם ער האָט גאַנץ אָפט געמאַכט פאַרשידענע פעלערן, האָבן אים מ. און ענגעלס גערן מוחל געווען. געווען רעדאַקטער פונעם זשענעווער אָרגאַן פון 1טן אינטערנאַציאָנאַל „פאָרבאָטע“ — דער אָנזאָגער (1866—1871).

בעקער פּאַול (○ 1882), אָנגעזעענער היינטצייטיקער מוזיקאַלישער קריטיקער און טעאָרעטיקער, איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אויפן דאָזיקן געביט; אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון דער נייער מוזיק. אַ וועלט-רום האָט זיין בוך איבער בעטהאָווען (ז.) — די 36טע אויפלאַגע אין 1926. פון זיינע ווייטערדיקע וויכטיקע ווערק: „מוזיק און רעוואָלוציע“ (1919), „די סימפאָניע פון בעטהאָווען ביז מאַלער“, „היינטצייטיקע מוזיק“, „דייטש מוזיקאַליש לעבן, אַ פּרווו פון סאָציאָ-

לאַגישער אויספאָרשונג", „איבער דער נאַטור פונעם קלאַנג", „ריכאַרד וואַגנער", „געשיכטע פון מוזיק אינעם ליכט פון דער טעאָריע איבער מוזיקאַלישע פאָרמען" (1926).

בעקערעל, אַ זיידע, אַ פאָטער, אַ זון און אַן אייניקל — 4 דורות גרויסע פראַנצויזישע פיזיקער: 1) אַנטואַן סעזאַר (1788—1878), זיך לכתחילה פאַרנומען מיט מינעראַלאָגיע, דאָס האָט אים געבּרענגט צו דער עלעקטריציטעט, וועלכער ער האָט געווידמעט זיין גאַנצע אַרבעט. אַנטדעקט און דערפונדן אומצייליקע קעגנשטאַנדן, צ. אַ. אַ טערמאָעלעקטרישן אַפּאַראַט אויסצומעסטן די טעמפּעראַטור פון באָדן און לופט, אַן עלעקטראָמאַגנעטישע וואָג א. אַסך אַנדערע, נישט-ווייניקער וויכטיקע אַנטדעקונגען. אָנגעשריבן זייער פיל, פון וועלכע די וויכטיקסטע: „עקספּערימענטאַלער טראַקטאַט איבער עלעקטרע און מאַגנעטיזם און זייערע נאַטירלעכע אייגנשאַפטן", 7 בענד, „קאָמפּלעטער טראַקטאַט איבער מאַגנעטיזם". 2) אַלעקסאַנדער עדמאָן (1820—1891), אַ זון פונעם פריערדיקן. באַקאַנט פון זיינע אַרבעטן איבער עלעקטראָכעמיע, אַנטדעקט, צ. אַ., דעם „בעקערעל-עפעקט"— די דערשיינונג פון עלעקטראָבאַוועגלעכן כּוח ביים שיין פון עלעקטראָדן, אינפראַ-רויטע ספּעקטרן, קאָלירפאָטאָגראַפיע און איבער פאָספאָר (פאַראַן אויך אַ „בעקערעל-פאָספאָראָסקאָפ"). דאָס וויכטיקסטע ווערק: „די ליכטיקייט, אירע סיבות און איר מהות"; 3) אַנרי (1852—1908), אַ זון פונעם פריערדיקן, זיך געווידמעט הויפּטזאַכלעך דער פאָספאָרעסצענץ. אַנטדעקט, אַז די אוראַניש שטראַלן, ווען מען שטעלט זיי נישט אַרויס אויף דער ליכט, מאַכן שוואַרץ די פאָטאָגראַפישע פּלאַסטע, און דאָס האָט אים דערפירט צו אַנטדעקן די ספּעציעלע, אַ. ג. „בעקערעל-שטראַלן" און צוגלייך מיט דעם די ראַדיאָאַקטיוויקייט. דאָס האָט אים געמאַכט שטאַרק פּאָפּולער. 1903 האָט ער באַקומען, צוזאַמען מיטן פּאָרפּאָלק קירי, די נאָבעל-פּרעמיע. אָנגעשריבן „עלעקטראָכעמיע" און „פאָרשונגען איבער נייעם אינהאַלט פון דער מאַטעריע". 4) זשאַן, אַ זון פונעם פריערדיקן. היינטצייטיקער פיזיקער, אַסך אויפגעטון איבער דער מאַגנעטאָ-אָפּטיק פון די קרישטאַלן.

בער קאַרל ערנסט (1792—1876), דייטשער געלערטער, איינער פון די גרעסטע נאַטורפאָרשער אויס דער ערשטער העלפט 19טן י"ה, פאַרנומען אַ ריי קאַטעדערס אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד; דער אייגנטלעכער גרינדער פון דער מאָדערנער עמבריאָלאָגיע (איבער דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער זרע אין דער מוטערטראַכט). אַלע זיינע אַרבעטן זענען גלייך וויכטיק און עפּאָכאַליש מיט זייער גרינטלעכקייט און נייקייט. אַזוי איז „איבער דעם אָפּשטאַם פונעם איי פון די מילכזייגנדיקע און דעם מענטשן", „איבער דער אַנטוויקלונגס-געשיכטע פון די חיות". זיך געהאַלטן ביי דער שיטה פון דער איינקייט פון מענטשלעכן מין, אַסך אויפגעטון ביים אויספאָרשן די שאַרבנס און באַשטימען זייער מין.

בעראָוז עדגאַר רייס (1875 היינטצייטיקער אַמעריקאַנישער שרייבער, אַ פאַבריקאַנט און גרויסער גוט-

באַזיצער. באַקומען אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן אַמעריקאַנישן לעזערעולם, ווי אויך אין אייראָפּע, צוליב זיין האַלב-סענסאַציאָנעלער, כמו-וויסנשאַפטלעכער סעריע געשיכטעס איבער דעם לעבן פון טאַרזאַן — אַ מענטש, וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין די וועלדער צווישן מאַלפּעס; ביז היינט זענען שוין אַרויס פון דער סעריע 10 ביכער. דידאָזיקע ראָמאַנען זענען אמתדיק בולוואַרמעסיק, דעם הויפּט־געוויכט לייגט דער מחבר אויף טאַרזאַנס געשלעגן מיט די חיות און מענטשן. אַ צווייטע סעריע ראָמאַנען ב.ס געהערט צום לעבן אויפן מאַרס — אָבער אויך גענומען פונעם זעלבן קוקווינקל— פון שלאָגן זיך און אויסדראַפּען זיך די אויגן. — זיינע ראָמאַנען זענען ממש געשלונגען געוואָרן אין די האַלב-אַנאַלפאַבעטישע און יוגנטלעכע קרייזן— די קוואַזי-עקזאָטיק האָט געריצט און געצויגן, בפרט אין דער עפּאָכע פון נאָך־מלחמהדיקער נייראַסטעניע און אַוואַנטורע-זוכעניש.

בעראַנזשע פּיער זשאַן (1780—1857), פראַנצויזישער דיכטער. אין דער יוגנט געטון כלערליי אַרבעטן, געאַרבעט אין אַן אכסניה, ביי אַ זעצער, ביי אַ גאָלדשמיד און נאָך, ווי אויך געהאָלפן דעם פאָטער — אַ שרייבער. יונג אַריינגעטרעטן אין דעם ליטעראַרישן באָהעמישן קרייזל „קעלער”, הי ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו זינגען דווקא שטאָט־לידלעך, גענומע; אויסן פאָלקסליד, אויף באַשטימטע פּאָליטישע טעמעס. אַזוי האָט געהאַט גרויס רום זיין ליד „קעניג איוועטאָ”, ווו ער שטעלט־פאָר אַ ווילן קיסר, וואָס רייט־אַרום זיין לאַנד אויף אַן אייזל — געווען דאָרט אַן אומגעהייער־שאַרפע קריטיק אויף נאַפּאָלעאָנס אימפּעריאַליסטישער פּאָליטיק. אָבער דעם פולסטן אויפבלי האָט זיין פּאָליטישע סאַטירע דערגרייכט, ווען ס'זענען צוריקגעקומען די בורבאָנען. ער שאַפט מעכטיקע סאַטירישע לידער, אין וועלכע ער באַקעמפט העפטיק דעם אויסלענדישן אַריינמיש, דעם איינפלוס פון די גלחים און אַריסטאָקראַטן („הייליקער בונד פון באַרבאַרן”, „מאַרקיז דע קאַראַבאַס”, „אַ לויב די פּריסטער”, „אַ סטאַדע אויסגעפּאַשעטע הינט” און „דער פּאַיאַץ”), אָבער צוגלייך מיט דעם בענקט ער אויך נאָך דער „העלדישער” עפּאָכע, ווען ס'האָט געהערשט דער זשעני פון נאַפּאָלעאָן.— ד. יאָרן 1821, 1825, 1828 גיט ער אַרויס העפטיקע, בייסיקע און שאַרפע סאַטירעס איבער דער מאָנאַרכיע, דעם הויף און דעם קלער: „ווייסע קאָקאַרדע”, „אַלטע פאָן”, „טויט פונעם טייוול”, „מיסיאָנערן”, „שטובזינגער” א. אַנד. די מאַכט זעצט אים איין אין תפיסה, און דאָס מאַכט אים נאָך פּאָפּולערער. זיינע לידער, ווי די לידער פון אַ בירגערלעכן דיכטער, האָבן אַסך געהאָלפן צום צוגרייט פון דער רעוואָלוציע 1830. — אין דער עפּאָכע פון דער יולי-מאָנאַרכיע זענען די רעוואָלוציאָנערע קלאַנגען אין זיין שאַפונג אַנטשטומט געוואָרן און ער באַזינגט שוין עפטער זיך, אַלס יחיד; פון צייט צו צייט רופט ער זיך אָפּ אויף די אַקטועלע פּאָליטישע געשעענישן: „פּאָניאַטאָווסקי” — אַ רוף צו העלפן פוילן, „פּסאַראַ” — אַן אַפּעל איבער דעם באַפריי-קאַמף פון די גריכן. זיינע פאָלקסלידער איבער דעם „אָרעמען פאָלק” ווערן וואָסאַמאָל ווייטער פּאַ־

סיווער און סענטימענטאַלער, ווי אין: „דער געלער זשאַן“, „דער אָרעמער זשאַק“, „דער אַלטער שלעפער“. — 1848 ווערט ער, קעגן זיין ווילן, אויסגעוויילט מיט 200.000 שטימען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וווּ געבליבן געטריי זיינע רעפּובליקאַנישע אָנשויונגען. דאָך האָט קעניג נאַפּאָלעאָן III, געדענקענדיק אָן ב.ס ליבגעזאַנגען פאַרן באָנאַפּאַרטיזם, אים געקרוינט מיטן נאָמען נאַציאָנאַלער דיכטער; דאָס האָט אים שטאַרק אַרונטערגעריסן ביים פאָלק אין די אויגן. — זיין שאַפונג האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פון דעם פּראָטעסטירנדיקן סאָציאַלן ליד אויסן 19 י״ה און געשאַפן די טראַדיציע פון דעם אַרבעטערליד, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן, בפּרט אין די צייטן פון פאָלקס־אויפברויזן, געווען אַ שטאַרק פאַרשפּרייטע פאָרעם. זיינע געזאַמלטע ווערק זענען אַרויס אין 5 בענד.

בערבערדזש ריטשאַרד (*1619), באַרימטער טראַגיקער, אַ פריינד פון וו. שעקספּיר (ז.), אויסגעפירט די וויכטיקסטע טראַגישע ראָלעס פון ש.ס דראַמעס. זיין רום אינעם אויספירן די ראָלן פון אָטעלאָ, ליר, האַמלעט און ריטשאַרד III האָט זיך נאָך דערהאַלטן ביז היינט. פאַר זיין קענטעניש זיך צו ענדערן אין יעדער ראָל, האָבן אים זיינע צייטמענטשן אָנגערופן „דער הערלעכער פּראָטעוס“.

בערבענק לוטער (1849–1926), באַקאַנטער אַמעריקאַנישער געוויקסן־פּראַקטיקער און סעלעקציאָנער, באַשאַפן זייער אַסך פרישע מינים געוויקסן, געקריגן אַ וועלט־רום אַדאַנק זיינע ווונדערלעכע פאַר־עקספּערימענטן אויפן דאָזיקן געביט, וואָס ער האָט אויסגעפירט — אין זיינע 2 פאַרמעס אין קאַליפאָרניע. — צו זיינע באַקאַנטסטע שאַפונגען געהערט אַ ספּעציעלער מין פלוים, וואָס האָט נישט קיין שום קער, און אויך אַ מין, וואָס פאַרמאָגט אַסך מער צוקער, ווי די געוויינלעכע פלוימען; דאַן איז אויך באַקאַנט זיין ספּעציעלער מין קאַקטוס־ביימער, רויטע יאַגאָדעס, נייע מינים וויינטרויבן, עסנפּעיקע גערשטן, ניס און אַפילו קאַרטאָפל. געהאַט אַ ספּעציעלן חוש אינעם צופּאַסן די געוויקסן און אַרויסבאַקומען פון זיי דווקא דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט: אַזוי, למשל, איז ב.ס פלוים אַ פּראָדוקט פון זוימען פון פיר וועלט־טיילן.

בערבער דזשאָן (1320—1395), דער עלטסטער שאָטישער נאַציאָנאַלער דיכטער. 1375 אַרויסגעגעבן אַ כראָניק אין פערזן איבער דער שאָטישן נאַציאָנאַלן העלד קעניג ראָבערט II — „ברוס“. דאָס בוך איז היסטאָריש און ליטעראַריש זייער הויך. פאַראַן נאָך עטלעכע ביכער: אַ זאַמלונג לעגענדעס און אַן עפּאָס אויס דער צייט פון דער טראָיאַנישער מלחמה, ווי אויך אַ בוך איבער אלכסנדר מוקדון— וואָס וועגן זיי איז נאָר פאַראַן אַ סברה, אַז ב. האָט זיי אָנגעשריבן.

בערג אַלבאַן (○ 1885), אָנגעזעענער עסטרייכישער קאָמפּאָזיטער. זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען: אַ סטרונע־קוואַרטעט אָר. 3 און די אָפּערע „וואָצעק“, וואָס האָט אַרויסגערופן (1925) אומגעהייער־גרויסע באַגייסטערונג.

בערגמאַן ערנסט (1836–1907), וועלטבאַקאַנטער דייטשער כירורג, געשאַפן אַן אויסגעצייכנטע שול דייטשע

כירורגן. געשאַפן העכסט-וויכטיקע אַנטדעקונגען אין דער כירורגיע, ווי איבער פוילנדיקע קעגנשטאַנדן, אַ גאַנצריי עקספּערימענטן איבער וווּנד-אינפעקציעס; אָנגעשריבן עטלעכע ערשט-ראַנגיקע ווערק, צווישן זיי די לעצטע: „קאָפּ-שעדיקונגען" און „די כירורגיע פון געהירן". דער ערשטער אין דער וועלט אויסגעפירט די אימפונג פון ראַק. אַדאַנק זיינע הייל-אַנטדעקונגען געהאַט אָן אַ שיער פּאַציענטן; ע וועלט צו בויען ספּעציעלע שפּיטעלער פאַר מצורעים. האָט דערפאַר גרויסע פאַרדינסטן.

בערגסאָן אַנרי (1859°), פראַנצ. פילאָזאָף, אַ ייד. דערצויגן אין אַ באַלעבאַטיש-סוחרישער היים. זיין ערשט בוך (1896) „מאַטעריע און זכרון" גייט אַדורך אומבאַמערקט. ערשט זיין „שעפערישע עוואָלוציע" (1907) מאַכט אים פּאָפּולער איבער דער וועלט. פון די נאָך וויכטיקסטע ווערק: „דאָס געלעכטער, עסיי איבערן קאָמיזם", „אַריינפיר אין מעטאַפיזיק", „די גייסטיקע ענערגיע". ב. איז דער פאָרשטייער פונעם מאָדערנעם, מעטאַפיזישן אידעאַליזם, ווי אַ קעגנאָנשויונג צום מאַטעריאַליזם. זיין הויפּט-מאָטיוו אין דער פילאָזאָפיע איז „די כסדרדיקייט", די פּערמאַנענץ. דאָס איז אַן אינטויטיווער, נ י ש ט-דערוויזענער באַגריף פון צייט, אַ קעגנגעוויכט צו דער פיזישער און מאַטעמאַטישער צייט. ער ווייזט-אויף, אַז די פיזישע, מאַטעמאַטישע און אַנדערע ד ע ר ו ו י י ז-וויסנשאַפטן דאַרפן דינען נאָר צו פּראַקטישע צוועקן; אָבער אַזיסט די צייט פ י ל ן מיר. „די באַוועגונג, ווי דער איבערגאַנג פון איין פונקט צום צווייטן, איז אַ ג י י ס ט י ק ע ר סינטעז". ב. איז אַ טעלעאָלאָג, האַלט, אַז די עוואָלוציע איז סיידן אַ פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס. דערום איז אויך ב. אַ קעגנער פונעם דאַרוויניזם, איז אַן אָנהענגער פון השארת-הנפש. זיין פילאָזאָפיע האָט אַסך אָנהענגער סיי צווישן די בורזשואַזע דענקער, ווי, פון דער אַנדערער זייט, צווישן די פרנצ. און איטאַליענישע סינדיקאַליסטן, ווי צבש. ס אָ ר ע ל (ז.). 1927 באַקומען די נאָבעל-פּרעמיע.

אויף יידיש: „דאָס געלעכטער", „אַריינפיר אין מעטאַפיזיק".

בערגסטעדט ה ע ר אַ ל ד (1877°), היינטצייטיקער דענישער שרייבער; 1913 און 1915 דעביוטירט מיט זיינע 2 גרויסע זאַמלונגען „פּראָווינצער לידער". זייער פּאָפּולער אין דענעמאַרק איז זיין מעשהלע „דער טייוול האָט זיך פאַרקליבן אין גערטנדל". די וועלט-מלחמה האָט אין אים אַרויסגערופן אַ שטאַרקן איבערברוך: ער ווערט אַן אַקטיווער שונא פון דער בורזשואַזיע און אירע העלפער און שרייבט, מיט שוים אויף די ליפּן, „זיין „אַלעקסאַנדערסען" (1918), אין וועלכן ער שילדערט בייסיק די בורזשואַזיע מיט איר גיריקייט — די הויפּט-שולדיקע אין דער וועלט-שחיטה. זיין צווייט ווערק פון דעם פּעריאָד איז „דער יום-טוב פון הל. יאָרגען", וואָס שילדערט די כלי-קודש. אין זיין לעצטן ראָמאַן, איבער אַלקאָהאָליזם: „די מלוכה פון משוגעת", הערט מען, לעבן דער סאַטירישער גאַלעריע בורזשויען, דאָס אונטערערדישע קלאַפּן פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, די דערנענטערונג פון „יענער איינציקער קול-

טור פון דער צוקונפט, וואָס וועט משך די נאָנטסטע 10—20 יאָר אומבאַדינגט פאַרדעקן, ווי אַ ים מיט די כוואַליעס, די גאַנצע אַלטע קולטור". באַקאַנט איז אויך זיין דראַמע „דער געקרוינטער גנב".

בערגען דירק וואַן (1661—1690), האָלענדישער מאָלער, געמאָלן בעיקר בהמות אויפן פאָן פון האָלענדישער לאַנדשאַפט און פּאַסטעך-אידיליעס; איינגעפירט פּראַכטפולע זון-באַלייכטונג אין גאָלדיקן טאָן.

בערגער אַלפרעד (1853°), דייטשער דראַמאַטורג און טעאַטער-טוער, פאַרנומען עטלעכע הויכע דירעקטאָרשע אַמטן אין דייטשלאַנד און עסטרייך. אָנגעשריבן די זייער באַקאַנטע: „דראַמאַטישע פאַרטראָגן", „דראַמע און טעאַטער" און זיין הויפטווערק „מיין האַמבורגער דראַמאַטורגיע".

בערגער וויקטאָר (1860—1929), אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער טוער. די ערשטע צייטן פון זיין קאַריערע געאַרבעט אין דער שטאָט מילוואָקי, וו ד. יאָרן 1892—1900 אַרויסגעגעבן אין דייטש די טאָגבלעטער „פאָרווערטס" און „וואָרהייט". זינט 1901 (דער גרינדונג) ביז 1929 געווען מיטגליד פון אויספירקאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. 1900—1911 אַרויסגעגעבן „סאָציאַל-דעמאָקראַטישער העראַלד", „דערנאָך געענדערט אויף „מילוואָקי-לידער". שטאַרק אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע I.W.W. (אינדוסטריעלע אַרבעטער פון דער וועלט), ביזן לעצטן טאָג געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע שונאים פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-

באַוועגונג. 1911 אַריין, ווי דער ערשטער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט, אין קאָנגרעס און געווען ביז 1928. בעת דער מלחמה פאַרנומען אַ פּאַציפיסטישע פּאָזיציע, וואָס האָט דערפירט צו אַ פּראָצעס, וועלכער איז אָבער נישט צושטאַנדגעקומען. מחבר פון אַסך בראָשורן און פּאַמפלעטן איבער סאָציאַליזם.

בערדיאיעוו ניקאָלאַי (1874°), רוסישער פילאָזאָף-פּובליציסט. גיך אַוועק פון דער סאָצ. באַוועגונג, צוזאַמען מיט די גרויסע מאַסן אינטעליגענץ אין די יאָרן פון רעאַקציע האָט ער זיך באַמיט אַריינצוברענגען אינעם מאַרקסיזם אַ ריי „קריטישע אויסבעסערונגען". איז געווען דער פירער פון דער ריכטונג, אַז „צוזאַמען מיט דער סאָציאַלער דעמאָקראַטיזירונג פון דער געזעלשאַפט דאַרף מען זי אויך אַריסטאָקראַטיזירן". ביסלעכווייז האָט זיך אויך אויסגעשיילט זיין מיסטיש-מעטאַפיזישע אידעאָלאָגיע. די מלחמה איז ביי אים געווען אַ „היסטאָרישער פּאַטוס", די רעוואָלוציע 1917—„אַן אַפּיקורסישער אויפברויז". די ראַטנרעגירונג איז אַ „שטנאָקראַטיע". אין זיינע פילע פּובליציסטישע אַרבעטן ווייזט ער אויף, אַז מיר זענען אַריין אין אַ „נייעם מיטלעלטער", און אַז די איינציקע רעטונג פאַר דער ציוויליזאַציע וואָלט געווען דער אומקער צו די אַלטע, פעאָדאַלישע באַדינגונגען. פון די וויכטיקסטע ווערק: „די נייע רעליגיעזע דערקענטעניש", „דער גייסטיקער קריזיס פון דער אינטעליגענץ", „די פילאָזאָפיע פון פרייהייט", „די פילאָזאָפיע פון אומגלייכקייט", „בריוו איבער סאָציאַלער פילאָזאָפיע", „דאָס נייע מיטלעלטער".

בערדסלי אָבּרי ווינסענט (1872–1898), ענגלישער גראַפּיקער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אַלע אייראָפּעיִשע שולן פון גראַ-פיק, בעיקר — אויף דער בוך-גראַ-פיק. זיינע ערשטע צייכענונגען (1892–1893) איבעראַשן דאָס פּובליקום מיט זייער דרייסטן פאַרנעם און טעמאַטיק. ער גיט אין זיינע צייכענונגען אַ שאַר-פע קריטיק פון דעם צעפוילטן גע-שמאַק פון דער בורזשואַזיע. אַ שווער קראַנקער אויף טובערקולאָז, האָט ער דאָך געאַרבעט פאַרן זשורנאַל „סאַ-וואָי", פאַר אַסך ביכער, און געשאַפן אַ נייע גראַפישע שפּראַך. אַסך אויפ-געטון פאַרן געברויך פון די ניי-אַנט-דעקטע פאָטאָמעכאַנישע, צינקאָגראַפי-שע מעטאָדן ביים צייכענען. — גע-צייכנט לרוב מיט טוש און בלייפע-דער. זיין סטיל, הגם אַ דעקאַדענטי-שער, פאַרמאָגט אָבער אָן אַ שיער סאַטירע און לעבן די פּולשטענדיק-פאַנטאַסטישע צייכענונגען, געפינען מיר מיר אויך אין אים גאַנץ אַקטועלע פּאָ-ליטישע טעמעס (צבש. די סאַטירע „די נייע ענגלישע מטבעות"). אַן עקסטער אינדיווידואַליסט, האָט ער געשאַפן די שול אין דער גראַפיק פון „צווישן די שורות".

בער-האָפמאַן ריכאַרד (1866°), היינטצייטיקער דייטש-יידישער דראַמאַ-טורג. 1904 אָנגעשריבן אַ דראַמע „גראַף דע שאַראָלע", וואָס האָט גע-האַט אין איר צייט גרויס דערפאָלג. דערנאָך אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער אַ גרויסע ביבלישער טרילאָגיע „בית-דוד", וואָס דער פּראָלאָג „יעקבס חלום" (1918), האָט געהאַט גרויס דער-פאָלג — סיי אין בוכפאָרעם, סיי אויף

דער סצענע (משך 2 יאָר — 20 אויפ-לאַגעם). געהערט צו דער גרופּע עס-טעטן און דעקאַדענטן, וועמענס פּי-רער ס'איז געווען פאָן האָפמאַנס-טאַל (ז.). אַן אָנהענגער פון יענער ליטעראַרישער ריכטונג, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די רעאַקציע פון די רייך-געוואָרענע קליינבירגערלעכע שיכטן קעגן דעם נאַטוראַליזם פונעם מיטל-קלאַס און דער פּרימיטיווקייט פונעם פאָלקס-טעאַטער. זיינע פערזן זענען ראַפינירט און שטאַרק סובטעל.

בערהעם קלאַס (1620—1683), האָ-לענדישער מאָלער, געצייכנט הויפּט-זאַכלעך פון דער נאַטור, — יאַגדן, פּאָרטן, נאָר בעיקר — שטובחיות. זיי-נע לעבנסלוסטיקע, קאָלירנפולע ביל-דער זענען שטאַרק געפעלן דעם האָ-לענדישן בירגערטום, וואָס האָט גע-זעען נאָר דעם איינטאָניקן לאַנדשאַפט פון זיין לאַנד, און דערום האָט ב. געהאַט גרויס דערפאָלג.

בערווי וואַסילי, פּס"ד: פלעראָווס-סקי, נאַוואַליכין (1829—1918), רו-סישער ס.רישער טוער און פּובליציסט. צו 32 יאָר האָט מען אים פאַרגעלייגט די קאַטעדער פון רעכט אויפן פּע-טערבורגער אוניווערזיטעט, נאָר מחמת זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט מען זי צוריקגעצויגן. אויסגעשטאַנען גרויסע רדיפות. 1871 אָנגעשריבן, לויטן אויפטראָג פון די פאָלקיסטן אויף פּאַר-שיקונג, אַן „א.ב. פון סאָציאַלע וויסנ-שאַפטן", וואָס איז געוואָרן אַ האַנט-בוך פון דער דעמאָלטיקער רוסישער רעוו. יוגנט. שפּעטער אָנגעשריבן אַ ביכל: „ווי אַזוי דאַרף מען לעבן לויט די געזעצן פון נאַטור און אמת". גע-שריבן זייער אַסך — אין דער אויס-

לענדישער און אינלענדישער (אומלעגאַלער) פרעסע. זייער פּאָפּולער איז געוועזן זיין בוך „די לאַגע פונעם אַרבעטערקלאַס אין רוסלאַנד״ (1869). ק. מאַרקס האָט דאָס בוך זייער הויך געשעצט. הגם אַן אידעאַליסט, האָט ער אָבער אין זיינע ווערק און אַרטיקלען באַוויזן אַריינצוברענגען אַ גרויסע צאָל פאַקטן און מאַטעריאַלן. נאָך פון די וויכטיקערע ווערק: „אויף טויט און אויף לעבן, „די פילאָזאָפיע פונעם אומבאַוווסטזיין, דער דאַרוויניזם און דער רעאַלער אמת״, „דריי פּאָליטישע סיסטעמען״ א. אַנד. — ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם קלאַסנקאַמף און געהאַלטן, אַז רוסלאַנד דאַרף באַקומען אַזעלכע קאָנסטיטוציאָנעלע איינריכטונגען, ווי אויפן מערב. — נישט געקוקט אויף זיין אוטאָפּישקייט, האָט ער אָבער בולט געשילדערט די גרוילן פון דער עקזיסטירנדיקער צאַרישער גוואַלטמאַכט.

בערזין יאַן, פס״ד „זעגעליס״, „ווינטער״ (1881 ○), לעטישער רעוואָלוציאָנערער טוער און פובליציסט; אַלס לערער אין לעטלענדישע דערפער געפירט אַ סאָציאַליסטישע אויפקלערארבעט, 1902 אַריין אין ס. ד., עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן, איין מאָל אַנטלאָפן פון תפיסה, 1907 געוועזן סעקרעטאַר פון פעטערבורגער קאָמיטעט ס. ד., אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, אויסגעוועזן די וויכטיקסטע לענדער אין אייראָפּע און אַמעריקע, רעדאַקטירט און מיטגעאַרבעט אין עטלעכע צייטונגען, צ. אַ. געוועזן רעדאַקטער פונעם לעטישן צענטראַל־אָרגאַן „ציניאַ״. אָנטיילגענומען אין דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ, 1917 רעדאַקטירט אין

באָסטאָן (אַמעריקע) די ס. ד. צייטונג „סטראַדנעקס״ און (ניו־יאָרק) — די לינק־אינטערנאַציאָנאַליסטישע „נייע וועלט״. ביי דער ראַטנמאַכט פאַרנומען עטלעכע דיפּלאָמאַטישע אַמטן, זינט 1925 — אַמבאַסאַדער אין עסטרייך. — זיינע אַרבעטן, אַסך אין צאָל, באַציען זיך צו פאַרשידענע געביטן — פון פּאָליטיק ביז קולטור־קינסטלערישער קריטיק.

בערזשעראַק סיראַנאָ דע, סאַוויניאַן (1655—1620), פראַנצויזישער שרייבער, — אַ ריטער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרברענגט אויף דועלן און געפעכטן און וואָס וועגן זיינע העלדנטאַטן גייען אַרום לעגענדעס. אין זיין פּראָזע, דראַמע און פּאָעזיע ווייזט ער זיך אַרויס פאַר אַ מייסטער פון גראָטעסק־אַרטיקן סטיל, פון צווייַדייטיקע שאַרפזיניקע אָנמערקונגען, וואָרטשפּיל און רמזים, וואָס ווערט אָנגערופן בורלעסק. דערדאָזיקער סטיל איז געוועזן אינעם גייסט פון דער דעמאָלטיקער וועלטלעכער געזעלשאַפט. זיין מאַטעריאַליסטישע אָנשויונג האָט אים פאַרבונדן מיטן לאַגער פון די פריידענקערשע פראַנצויזישע שרייבער אין 17 י״ה. צו זיינע וויכטיקסטע ראָמאַנען געהערן: „קאָמישע געשיכטע אָדער די נסיעה צו דער לבנה״, „קאָמישע געשיכטע איבערן צושטאַנד און דעם אָרט פון דער זון״, „סאַטירישע בריוו״ א. אַנד. — ב. איז אויך אַ העלד פון דעם פראַנצ. שרייבער ראָסטאַנס (ז.) אַ פּאָפּולערער פיעסע, וואָס הייסט טאַקע „סיראַנאָ דע בערזשעראַק״.

בערטאָלע קלאָד־לואי (1748—1822), פראַנצויזישער כעמיקער, דער

שעפער פון כעמישער מעכאַניק; אַנטדעקט אַסך אויס דער כעמיע, דער ערשטער אַנטדעקט, אַז כלאָר ווייסט; צוזאַמען מיט לאַוואַזיע איבערגעאַנדערשט די גאַנצע כעמישע נאָמענקלאַטור. בעת דער רעוואָלוציע געווען הויפּט-אויסאַרבעטער פון פולווער, קאָמיסאַר פאַר ערדאַרבעט און מלאכה. געקריגן אַ וועלטרום איבער זיין בוך „סטאַטישע כעמיע״, וואָס האָט שפּעטער געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער טעאָריע פון דער אַ. ג. כעמישער גלייכגעוויכט.

בערטעלאָ מאַרסעליאַן (1827–1907), באַקאַנטער פראַנצויזישער כעמיקער, דעביוטירט ד. יאָר 1851 און זינט דעמאָלט־אָן אומגעהייער פיל געאַרבעט אויפן דאָזיקן געביט, אַרויסגעגעבן איבער 1800 אַרבעטן (אין 34 בענד). פונדעסטוועגן האָט נאָך ביי אים געקלעקט צייט אויף פירן זייער אַ ברייטע, גייסטרייכע קאָרעספּאָנדענץ און פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט אַ גרויסן קרייז דענקער און שרייבער, אויף נסיעות און אויף לערנען אַסך אָריענטאַלישע שפּראַכן (גלענצנד אויך באַהערשט יידיש), אויף פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. זינט 1881 געווען סענאַטער ביזן טויט, 2 מאָל געווען מיניסטער (בילדונג- און אויסערן-). זיין הויפּטאַרבעט באַשטייט אין אַדורכפירן סינטעזעס פון פאַרשידענע כעמישע שטאָפן — בענזאָל, גליצערין, צוקער, פעטס א. אַנד. — פון דאַנען נעמט זיך זיין אַרבעט „אָרגאַנישע כעמיע, געשטיצט אויף סינטעז״. אויפגעטון זייער אַסך נייס אין דער וואַרעמקייט-כעמיע, אין דעם דינאַמיט, ווי בכלל אין דער כעמיע פון אויפ-

רייס-מאַטעריאַלן. זיין באַקאַנטשאַפט אין די אַלטע שפּראַכן האָט אים אויך דערמעגלעכט אָנצושרייבן אַ געשיכטע פון אַלכעמיע — פון אַשור, סיריע, אַראַביע, גריכנלאַנד, ביז די לעצטע צייטן. ערשט די לעצטע צייטן אָנערקענט די נייע שטרעבונגען אין דער וויסנשאַפט, צ.ב.ש. — איבער דער מאָלעקולאַרער און אַטאָמישער טעאָריע. פון די באַקאַנטסטע ביכער: „כעמישע מעכאַניק, געשטיצט אויף טערמאָכעמיע״, איבער דעם כוח פון אויפרייס-מאַטעריאַלן אויפן יסוד פון טערמאָכעמיע״, „כעמיע פון געוויקסן און באָדן״, אין וועלכער ער אַנטדעקט די צופּאַסונג פון לופט-אַזאָט מיט דער הילף פון באָדנבאַקטעריעס, און — „די וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע״, „געזאַמלטע ווערק פון די אַלטע גריכישע אַלכעמיקער״, „דער אויפקום פון אַלכעמיע״ און „די אַלכעמיע אין מיטלעלטער״. אינטערעסאַנט איז אויך זיין בריוו-אויסטויש מיט רענאַנען (ז.).

בערטראַן זשאָזעף-לואי-פראַנסואַ (1822–1900), פראַנצ. מאַטעמאַטיקער, איינגעפירט געוויסע נייע געזעצן אין דער אַלגעברע; זיינע לעקציעס איבער דערדאָזיקער לערע האָבן געהאַט אַ וועלט-באַטייט; אָנגעשריבן דערפון 3 בענד, אָבער דער 3טער באַנד, דער וויכטיקסטער, איז אין כתב-יד פאַרברענט געוואָרן און מ׳האָט אים נישט געקענט צוריקשטעלן.

בערטראַן לואי (° 1866), פראַנצויזישער שרייבער, אָנגעשריבן היסטאָרישע און עקזאָטישע ראָמאַנען, וואָס זענען פול מיט טרוימערייען איבער דער העגעמאָניע פון דער „לאַטיינישער ראַסע״ (ד. ה. אייגנטלעך

— פראַנקרייך). זייער באַקאַנט זענען
זיינע: „דאָן-זשואַנס קאָנקורענט", „דער
הייליקער אויגוסטין", „לודוויק XII"
א. אַנד.

בערטראַן לואי (○ 1856), בעלגי-
שער סאָציאַליסט פון רעכטן לאַגער,
זינט 1875 טעטיק אין דער אַרב.-באַ-
וועגונג. 1878 אַרויסגעגעבן די „אַר-
בעטער-שטימע", זינט 1894 ביז היינט
— מיטגליד פון פּאַרלאַמענט, אַ ריי
יאָרן געווען פּאָרזיצער פון דער פראַק-
ציע. געגרינדעט און רעדאַגירט
די איינציקע טעגלעכע סאָציאַליסטישע
צייטונג אין בעלגיע „פּעפּל" — דאָס
פאָלק. איינער פון די גרינדער פון
דער בעלג. סאָצ. פּאַרטיי און פון דער
בעלגישער אַרב.-קאָאָפּעראַציע, היינט-
צו-טאָג — פּאָרזיצער פון די לעצטע.
אַ רעפאָרמיסט, שאַצט ער איבער
זייער שטאַרק דעם באַטייט פון דער
קאָאָפּעראַציע פאַרן סאָציאַליזם און
האַלט, אַז זי איז אַ מין פרידלעכער
וועג צום סאָציאַליזם. אין דער פּראַק-
טישער אַרבעט — דער רעכטסטער פון
דער גאַנצער בעלגישער סאָצ. פּאַרטיי.
1918 געווען מיטגליד פון מיניסטאָרן-
קאַבינעט. צו די וויכטיקסטע ווערק:
„50 יאָר גליק און אייגנטום", „איבער
שכירות", „געשיכטע פון קאָאָפּעראַציע
אין בעלגיע", „געשיכטע פון סאָציאַ-
ליזם און דעמאָקראַטיע אין בעלגיע"
און פיל אַנדערע.

בערטראַן דע באָרן (1140—1216),
פּראָוואַנסאַלישער (אַלט-פראַנצויזישער)
טרובאַדור; געווען אין זיין צייט
שטאַרק פּאָפּולער, אַדאַנק זיינע סאַ-
טירישע לידער, סירווענטן, וואָס
ער האָט פאַרפאַסט אויף באַשטעלונג
פון איין פעאָדאַל קעגן דעם צווייטן;

אַליין אויך געשפּילט אַ גאַנץ וויכטי-
קע ראָל אין דעם פּאָליטישן לעבן פון
זיין צייט. דאַנטע (ז.) ווידמעט אים
אין זיין „גיהנום" (סוף 28-טע ליד)
אַן אָנגעזועען אָרט צווישן די פאַר-
שפּרייטער פון האַס. אַ שטאַרקער
רכילותניק, אַ ברויזנדיקע נאַטור, וואָס
האָט ממש געצאַפּלט נאָך אויסטערלישע
איבערלעבונגען, האָט ער אַזוי גע-
זאָגט: „איך וויל תמיד נאָר איינס:
אַז די מעכטיקע באַראָנען זאָלן זיין
איינער אויפן אַנדערן מלא-כעס", וייל
דאַן וואָלט ער געקאָנט שאַרן גאָלד
פון ביידע צדדים. אַ פולע זאַמלונג
זיינע לידער, אין אַ צאָל פון 42, איז
דאָס ערשטע מאָל אַרויס ד. יאָר 1879
אין דייטשלאַנד.

בערינג עמיל אַדאָלף (1854—
1917), דייטשער וויסנשאַפטלער, באַ-
קאַנט פון זיינע עפּאָכאַלישע דערפינ-
דונגען אויפן מעדיצינישן געביט, בעיקר
זיך געווידמעט דעם קאַמף קעגן שווינד-
זוכט. דער ערשטער אָנגעוויזן אויף
קו-מילך, ווי אַ קוואַל פון אָנשטעקונג,
ווי אויך, אַז דער אָנהייב פון טובער-
קולאָז קומט אין דער יוגנט; דערום
האָט ער די גרעסטע אַרבעט געפירט
אין דער ריכטונג פון קאַמף מיט
שווינדזוכט צווישן די בהמות. אין
זיינע פאָרשונגען איבער דיפטעריע,
אַנטדעקט 1913 אַ מין געמיש פון
דיפטערישן טאָקסין מיט אַנטיטאָקסין
(טאַ), וואָס האָט געגעבן גלענצנ-
דיקע רעזולטאַטן. געשריבן דווקא ווי-
ניק, אָבער זייער וואָגיק און געניי.

בערליאָז העקטאָר (1803—1869),
גרויסער פראַנצ. קאָמפּאָזיטער און מו-
זיק-דראַמאַטורג, איינער פון די וויכ-
טיקסטע מוזיקאַלישע שעפער ד. 19-טע

י״ה. 1830, 3 יאָר נאָך בעטהאָווענס טויט, אָנגעשריבן די „פאַנטאַסטישע סימפאָניע״, די ערשטע פּראָגראַמאַטישע סימפאָניע אין דער געשיכטע פון מוזיק. פאַר זיין קאַנטאַטע „סרדנאפּול״ באַקומען די רוימישע פּרעמיע. אַחוץ דעם נאָך פאַרפאַסט: „לעליאָ, אָדער דער אומקער צום לעבן״, אַ מעלאָדראַמע „קעניג ליר״, „דער זעגלער״. לויט פּאַגאַניניס (ז.) בקשה, אָנגעשריבן אויף בייראָנס טעמע „העראָלד אין איטאַליע״. 1835 אָנגעשריבן די אָפּערע „בענווענוטאָ טשעליני״, 1837—לזכרון די געפאַלענע קרבנות אין דער יולי־רעוואָלוציע — אַ גראַנדיעזן „רעקוויעם״, 1849 — זיין פּאָפּולערסטע סימפאָניע „ראָמעאָ און יוליע״, דערנאָך גייט זיין דראַמאַטישע לעגענדע „פאַוסטס משפט״, 1854 — אַ ביבלישע לעגענדע „ישוס יוגנט״; די יאָרן 1856—58 געשאַפן זיין גרויסע אָפּערע־דולאָגיע (אויף 2 אָוונטן) „די טראָיאַנער״, 1862 די קאָמישע אָפּערע „בעאַטריטשע״. אַסך אַרומגערייזט, אויסגעווען כמעט גאַנץ אייראָפּע, האָט ער אומעטום שטאַרק אויסגענומען אין די מוזיקאַלישע קרייזן. אין זיין מוזיק אַנטשפּרעכט ער די געפילן פון די פאָלקסמאַסן, וואָס האָבן אין זיין צייט בלוטיק געקעמפט פאַר מאַכט. אָנגעשריבן אויך עטלעכע מעטאָדישע ווערק, קריטיק, 2 בענד זכרונות. געווען אויך ביבליאָטעקאַר פון דער פאַריזער קאָנסערוואַטאָריע.

בערליץ מאַקס, דייטשער לערער, באַקאַנט דערמיט, וואָס איינגעפירט אינעם שפּראַך־לערנען אַ נייס: די שפּראַך ווערט געלערנט נאָר אין דעם געגעבענעם לשון, אָן שום פרעמ-

דער, אַפילו נישט אין דער אומגאַנגסשפּראַך פונעם לערער אָדער שילער. היינט־צוטאָג זענען פאַראַן ב.־שולן אין אַלע גרעסערע שטעט אין דער וועלט. דער סיסטעם האָט אָבער אַ חיסרון, וואָס מען קאָן זיך מיט אים אויסלערנען נאָר שמאָל־פּראַקטישע קעגנשטאַנדן, אָבער נישט קיין אַבסטראַקטע באַגריפן.

בערנאַר טריסטאַן דע (° 1866), היינטצייטיקער פראַנצויזישער דראַמאַטורג, באַקאַנט בעיקר פון זיינע קאָמעדיעס, כאָטש געשריבן אויך ראָמאַנען, נאָוועלן, מעשהלעך. דאָס ערשטע י״צ פון היינטיק י״ה זיך גערעכנט צו די גרעסטע דראַמאַטורגן. געשריבן קליינע, נישט־איבערגעשפּיצטע, פריילעכע קאָמעדיעס און וואָדעווילן. באַקאַנט: „דער גליקלעכער אויסגאַנג״, „ברייטע נאַטורן״ א. אַנד.

בערנאַר עדמאָן (° 1873), פראַנצויזישער אַרבעטער־דיכטער. דערצויגן אין אומבאַשרייבלעכער נויט, געאַרבעט ביי אַ שניידער, האָט ער פון קינדווייז־אויף געהאַט אַ נייגונג צו ליטעראַטור, הויפּטזאַכלעך זיך באַגייסטערט מיט וו. הוגאָ (ז.). זיינע לידער און פּאָעמעס זענען אַדורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט צו די אַרבעטמענטשן, צו די „האָרעפּאַשניקעס פון פּאַריז, פון פראַנקרייך, פון דער וועלט״. 1923 געגרינדעט אַן אייגענע ליטעראַרישע צייטונג „די פייגל״.

בערנאַר סאַראַ (1923—1844), גרויסע פראַנצויזישע אַקטריסע, איינע פון די געניאַלסטע אַרטיסטינס אין דער וועלט. אַרויס אויף דער סצענע 1862, איז זי גיך פון איר אַוועק, נאָר זינט 1869 איז זי „אַנטדעקט געוואָרן און

זינט דאַן איז איר לעבן אַ גרויסע קייט לויטער דערפאָלגן. גאַסטראָלירט איבער גאַנץ אייראָפּע, אַמעריקע, אוי־סטראַליע, אויף די סקאַנדינאַווישע אינדזלען. אַריינגעבערענגט אין דער דראַמע די נערוועישקייט און אויפרע־גונג פון דער פרוי פון 19טן י״ה. געשפּילט אויך אַ ריי מענער־ראָלן: האַמלעט, לאָרענזאַטשאָ, דאָס אָדלערל. אַ ריי פּראַנצ. דראַמאַטורגן האָבן גע־שאַפן דראַמעס ספּעציעל פאַר איר. אירע זכרונות גיבן אַן אומגעהייער־רייכן מאַטעריאַל סיי איבער איר, ווי אַ טיפּ, סיי איבער דעם צושטאַנד און געמיט פון דער אייראָפּעישער אינטע־ליגענץ סוף 19טן י״ה.

בערנאַרד פון קלערוואָס (1153—1090), אָנגעזעענער טעאָלאָגישער שרייבער און פילאָזאָף, העפטיק באַ־קעמפט די אָפּנייגן פון דער גאָטס־פאָרכטיקער ליניע. געשריבן אַסך פי־לאָזאָפיש־טעאָלאָגישע כתבים, צ. אַ., „דער ביאור אויף שיר־השירים", „אי־בער וועלטאָנשויונג" און אַ ריי היס־טאָריש־וויכטיקע בריוו.

בערנאַרדען דעסען־פּיער (1814—1737), פראַנצויזישער שרייבער, אַ נאָכגייער פון זש. זש. רוסאָ (ז.). אַן אידעאָלאָג פון פרימיטיוויזם, פון אומקער צו פשטות, צום קולט פון דער נאַטור. 1784 זיך קונה־שם געווען מיט זיינע „מעטאָדן איבער דער נאַטור", אין וועלכע ער ווייזט־אויף, אַז די השגחה העליונה האָט באַשאַפן די נאַ־טור צוליב דעם וווּיל פונעם מענטשן; זיין פאַלן כורעים פאַר דעם אַבסטראַקטן כוח פון דער נאַטור האָט געגרילצט שוין דעמאָלט אין זיין צייט, ווען די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן העפטיק אַגי־

טירט פאַר נאַטורקענטעניש. אין דער נאַטור האָט ער געזעען אַ מיסטישן כוח, צו וועלכן מען טאָר זיך נישט צורירן. באַקאַנט איז אויך זיין „פּאָל און ווירזשיניע" — אַ מעשהלע איבער דער ליבע פון צוויי יונגעלייט אויפן פּאָן פון דער ווילדער נאַטור אין אַ טראָפּיש לאַנד; די געזעלשאַפט צעשיידט זיי, ווירגיניע קומט־אום בעת אַ שיפברוך און פּאָל שטאַרבט אינגיכן. דאָס דאַרף סימבאָליש פאָרשטעלן דעם אומקום פון דער ציוויליזאַציע. בייראָן אין זיין „דאָן־זשואַן" האָט געשעפט מאָטיוון אויס דעמדאָזיקן ראָמאַן.

בערן־דזשאָנס עדואַרד (1833—1898), באַקאַנטער ענגלישער מאַלער, געהערט צו דער איטאַליענישער שול, געמאָלן דאָס רוב ביבלישע און מי־טאָלאָגישע טעמעס. צו זיינע באַקאַנט־סטע שאַפונגען געהערן: „קעניג קאָ־פעטואַ", „דאָס ראָד פון מזל", „יום רביעי" — דער פערטער טאָג פון וועלט־באַשאַף, „ליבע צווישן רואינען", „דאָס ליד פון ליבע". ער האָט אויך געשאַפן עטלעכע קינסטלערישע פּראָ־יעקטן פון מעבל.

בערנהאַרד געאָרג (1875°), אָנ־געזעענער דייטשער בורזשואַזער זשור־נאַליסט, פּאָליטישער רעדאַקטער פון דער „פאָסישער צייטונג", איינער פון די דירעקטערס פון דער פירמע אולשטיין (ז.). זיין זשורנאַליסטישע אַר־בעט אָנגעהויבן, ווי אַן ס.ד. זשורנאַ־ליסט איבער עקאָנאָמישע פראַגן, צו־געשטאַנען צו די רעוויזיאָניסטן. 1903 אַריבער אין בירגערלעכן לאַגער און פאַרטרעט זינט דאַן די אינטערעסן פונעם בורזשואַזן ליבעראַליזם. בעת דער מלחמה זיך אָריענטירט אויף רוס־

לאַנד און פראַנקרייך, געזעצן רעם הויפּט־שונא אין ענגלאַנד. נאָך דער מלחמה — איינער פון די אייפעריקסטע רעפּובליקאַנ. און שפּעטער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין זיינע אַרבעטן איבער פינאַנסיעלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען זוכט ער נייע וועגן צו פאַרפעסטיקן דעם קאַפּיטאַליזם. נאָכן אויפלעזן די דעמ. פּאַרטיי (אָקטאָבער 1930), געבליבן אויסער יעדער פּאָליטישער פּאַרטיי.

בערנהיים היפּאָליט (1837—1919), פראַנצויזישער מעדיצינישער וויסנשאַפטלער, איינער פון די ערשטע וויסנשאַפטלעכע דערפאָרשער און אָנווענדער פונעם היפּנאָז. געשטאַנען בראש פון דער נאַנסיער שול, וווּ עס האָט אויך געאַרבעט דער באַרימטער אַפּטייקער עמיל קוּע (ז.). זיין הויפּט־ווערק: „איבער דער סוגעסטיע און דער היפּנאָטישער מאַכט״.

בערנולי, צוויי ברידער און אַ זון, — האָלענדיש־דייטשע מאַטעמאַטיקער אויסן 17—18טן י״ה: 1) יאַקאָב (1654—1705), באַשאַפן די אַ. ג. קאָמבינאַטאָריק, אין דער טעאָריע פון וואַרשיינלעכקייטן באַגרינדעט זיין טעאָרעמע; אומגעהייער פאַרטיפט די לערע פון די אָנסופיקע רייען; געלייגט דעם גרונטשטיין פאַרן וואַריאַציאָנעלן אויסרעכן. אָנגעשריבן לערך 10 ביכער, דערפון בלויז איבער די אָנסופיקע רייען — 5 גרויסע אַרבעטן. 2) יאָהאַן (1667—1748), זיין ברודער, געאַרבעט אויפן געביט פון אַנטוויקלען דעם אויסרעכן פון די אָנסופיק־קליינע. 1692 צונויפגעשטעלט דאָס ערשטע האַנטביכל איבער דעם, וואָס איז אַרויס צושט מיט 50 יאָר שפּעטער — 1742.

ביים לייזן די אַ. ג. איזאָפּערימעטרישע אויפגאַב איז צווישן אים און זיין ברודער יאַקאָב (ז.) אַנטשטאַנען אַ סיכסוך, וואָס האָט זיך געענדיקט ערשט מיט יאַק.ס טויט. די וויכטיקסטע מאַטעמאַטיקער פון זייער צייט האָבן זיך דערין באַטייליקט. אַחוץ זיינע כתבים, איז 1743 אויך אַרויס זיין בריוו־אויסטויש מיט לייבניצן (ז.), וואָס האָט אַ גרויסן באַטייט פאַר דער וויסנשאַפט־געשיכטע. 3) דניאל, יאָהאַנס זון (1700—1782), אויך אַ גרויסער מאַטעמאַטיקער. באַקאַנט זענען זיינע אויספאָרשן אויסן געביט פון הידראָדינאַמיק, וווּ ביז היינט איז דאָ זיינס אַ געזעץ, אַ טעאָרעמע, וואָס שטעלטפעסט די שייכות צווישן דעם דרוק און דער גיכקייט אין יעדן פונקט פון דער שווערער פליסיקייט. אויף דעראָזיקער טעאָרעמע שטיצט זיך די גאַנצע היינטצייטיקע הידראַוליק.

בערנס דזשאָן (° 1858), איינער פון די גרינדער פון דער ענגלישער ס. ד. פעדעראַציע, שפּעטער — ענגלישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. סוף די 80ער יאָרן זיך אַרויסגערוקט, ווי איינער פון די פעיִקסטע פירער פון די אַרבעטער, אָרגאַניזירט זיי, געפירט מיט די שטרייקן פון די אומקוואַליפיצירטע און מיט אַרבעטלאָזע־דעמאָנסטראַציעס. אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ מיטינג אין לאָנדאָן, איז זיין רעדע אויפן געריכט געווען אַ מעכטיק אַגיטאַציע־מיטל פאַר די ס.ד., וואָס האָבן עס אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדערן אָפּדרוק א. נ. „דער מענטש מיט דער רויטער פאָן״. פון 1892 ביז 1914 געווען דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. 1893 אַריינגעטראָטן אין דער אומאָפּהענגי-

קער אַרבעטער־פּאַרטיי, אָנגעהויבן אַ
קאַמף קעגן ס. ד., געהאַלטן זי פאַר
אַ שטער אויפן וועג צו פאַרבעסערן
די לאַגע פון די אַרבעטער. ביסלעכ-
ווייז זיך דערקייקלט צו די ליבעראַלן,
און 1905 אַריין אין אַ ליבעראַלן קאַ־
בינעט, וווּ ער איז געווען ביז 1914,
בעת ער האָט אינעם טאָג, ווען ס'איז
באַשלאָסן געוואָרן ענגלאַנדס אַריינטריט
אין דער מלחמה, זיך אָנגעגעבן אין
דעמיסיע — מיטן מאָטיוו, אַז ס'ווערט
באַגאַנגען אַ גרויסער פעלער. בעת
דער מלחמה באַקעמפט די אַרבעטער-
פּאַרטיי, אָבער געבליבן אַן אויסגע־
האַלטענער פּאַציפיסט. 1918 אינגאַנצן
אַוועק פון פּאָליטיק.

בערנס ראָבערט (1759—1796), שאָ-
טישער דיכטער; אַ קינד פון נויט,
האָט ער נאָך דער דאָרפשול זיך אַליין
געלערנט און דערגאַנגען צו אַ הויכער
מדרגה פון קענטעניש. יונג אָנגעהויבן
צו שרייבן, איז זיין ערשטע גרעסערע
זאַך „דער זומער-אָוונט פון אַ ישובניק"—
געווידמעט דעם אָנדענק פון זיין פאָ-
טער, וואָס איז דאַן (1784) געשטאָרבן.
צוזאַמען מיטן ברודער געפירט אַ
שטיקל נחלה אין מאָסהיל (שאָטלאַנד),
באַנקראָטירט, שוין געווען נאָנט אַריינ-
צופאַלן אין תפיסה, נאָר זיין קליין
ביכעלע „געזאַנגען" (1786) האָט אים
אומגעריכט אַרויסגעהאָלפן. ס'איז דאַן
אָנגעגאַנגען אַ גרויסע פאָלקלאָריסטישע
אַרבעט און מ'האָט דאַן זיין ביכל
פאָלקס־לידער גאָר וואַרעם אויפגענו־
מען. דאָך איז ער אין מאַטעריעלן
לעבן געווען אַ גרויסער שלים-מזל,
ווידער באַנקראָטירט צוליב אַ פאַרם,
געוואָרן אַ שטייערמאָנער, אַסך גע-
שיכורט און פרי געשטאָרבן. — דער

הויפטשטריך פון זיין דיכטונג איז די
אויפריכטיקייט און אמתע דיכטעריש־
קייט. צוזאַמען מיט מענלעכקייט און
דרייסטקייט, האָט ער פאַרמאָגט איידל-
קייט און ממש-פרויאיע צאַרטקייט. ער
ווענדט זיך אין זיינע לידער „צו דער
פעלדמויז", וואָס זיין אַקער האָט איר
צעשטערט איר נעסט, „צו דער אָפּ-
געריסענער מאַרגאַריטקע", ווי אויך צו
זיינע פריינד, וואָס ליידן. ער איז
דער ערשטער דיכטער פון פויערשן
שווייס אין דער ענגלישער ליטעראַטור.
זיין פיינע פּאָעמע „טאָם אָשענטער"
גיט אין איידעלער איראָניע די אָבער-
גלויבנס פון די שאָטישע פויערן. מיט
יוסטן הומאָר איז אויך אָנגעפילט זיין
קאַנטאַטע „הוליע קבצן". מיט זיין סאַ-
טירישער פעדער שמייסט ער אויך די
איבלען פון דער „אַלטער אָרדענונג":
די אומגלייכקייט, די צביעות, דעם
ווילטאָג פון די הערשנדיקע קלאַסן
א. אַ. וו. זיין ליד „קודם-כל" איז
אַן אמתער הימן צו ערלעכער פּראַצע.
נישט געקוקט אויף זיין הייסער ליבע
צו זיין פאָטערלאַנד, איז ער אָבער
נישט קיין נאַציאָנאַליסט.

בערנע לודוויג (1786—1837), דייַ-
טשער שריפטשטעלער, אַ ייד. אויפגע-
צויגן אין די מויערן פון געטאָ, האָט
ער אין דער יוגנט געטרוימט וועגן
דער נאַציאָנאַל־יידישער אויפלעבונג
און עס פאַרבונדן מיט אַלגעמיין-דעמאָ-
קראַטישע און רעוואָלוציאָנערע געדאַנ־
קען. אין בערלין, וווּ די עלטערן האָבן
אים אַרויסגעשיקט אויף צו שטודירן
אויף דאָקטער, זיך אַריינבאַקומען אין
די ליטעראַרישע סאַלאָנען און גיך גע-
וואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פאָר-
שטייער פונעם נאַציאָנאַל-ליבעראַלן

דייטשן בירגערטום. 1818 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „די וואָג", וואָס האָט שטאַרק אָנגעגריפן די דייטשע מיליטער- און פּאָליציי־סאַטראַפּן. 1819 אַריבערגעפאָרן קיין פּאַריז, פון וואַנען געשריבן קאָרעספּאָנדענצן, וואָס האָבן אים פאַרשאַפט אַ וועלטנאָמען. די יולי־רעוואָלוציע 1830 האָט אים געמאַכט פאַר אַן אַנטשידענעם פאָלקספריינד. ב. האָט אָנגעהויבן אַ העפטיקע קאַמפּאַניע (אין די בריוו). קעגן די געלטזעק, דער בורזשואַזיע, דעם פינאַנסקאַפּיטאַל. „ראָטשילד — שרייבט ער — איז בעסער פון זיין אורפאָטער, יהודה איש קריות. יענער האָט פאַרקויפט ישוע פאַר דרייסיק טאָלער, ראָטשילד וואָלט אים אָבער ג ע ק ו י פ ט, ווען מען וואָלט אים אויסגעשטעלט צו פאַרקויפן". אויך אין זיינע קריטישע ווערק מעסט ער די שריפטשטעלער, אפילו די גרעסטע, מיט דער מאָס פון זייער געזעלשאַפטלעכן נוצן. „געטע—שרייבט ער — איז דער דיכטער פון די זאַטע, נישט פון דער מאַסע. פאַרוואָס זאָל איך אים שעצן? צי האָט ער ווען ס'איז פאַרלייכטערט עמעצן זיינע ליידן? צי האָט ער אויסגעטריקנט די טרערן ביי אַ וויינענדיקן?" ב. איז אַזוי־אַרום געווען דער פאָרשטייער פון דעם „יונגן דייטשלאַנד". אין פאַריז געגרינדעט אַ זשורנאַל „באַלאַנס" צו דערנענטערן דייטשלאַנד מיט פראַנקרייך. אויך זיין סטיל האָט לאַנגע יאָרן געגאָלטן פאַר אַ מוסטער. אַ פולע זאַמלונג זיינע ווערק האָלט 12 בענד.

בערנשטיין אַ ב ר י (° 1876), פראַנצויזישער דראַמאַטורג פון דער אַ. ג. פּסיכאָלאָגישער שול. זיינע דראַמעס שפּיגלען־אָפּ דעם אומברחמנותדיקן

קאַמף צווישן די צוויי וועלטן: דער אַלטער, קאָנסערוואַטיווער, פעאָדאַלער, אַריסטאָקראַטישער, אָבער ביזן גרונט־צעפוילטער וועלט — און דער נייער, דער פולבלוטיקער, קאַפּיטאַליסטישער בורזשואַזיע. אין דערדאָזיקער אַטמאָספער פון שנאה קומען־פאָר טיפע קאָנפליקטן, וואָס זענען אַ דאַנקבאַר מאַטעריאַל פאַר סצענישער באַאַרבעטונג. ב. צייכנט זיך אויס מיט זיין טיפער קענטעניש פון דער טעמע, מיט די רייד, שטייגער, — און אויך מיט דער טעכניק פונעם טעאַטער. אָבער ווייטער פון זיינע קאַפּיטאַליסטישע ד' אמות גייט ער נישט אַרויס; די היינטיקע עפּאָכאַלישע קאַמפן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל גייען פאַר אים פאַרביי כמעט אומבאַמערקט. געוויסע זיינע פּיעסן, ווי, למשל, „ישראל", האָבן אַרויסגערופן אַ שטורעם פּראָטעסטן מצד דעם פראַנצויזישן אַדל און קלער. ב. איז אויך באַקאַנט ווי אַ גוטער, שאַרפזיניקער, פּאָלעמיסט.

בערנשטיין ע ד ו אַ ר ד (° 1850), באַקאַנטער סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער און פּובליציסט, אַ ייד. דערצויגן אין אַ דעמאָקראַטיש־אויפגעקלערטער משפחה (זיין פעטער, אהרון ב., איז געווען רעדאַקטער פונעם דעמאָקראַטישן אָרגאַן „בערלינער פאָלקסצייטונג"), איז ער, אונטערן שטאַרקן איינדרוק פון די פּראָצעסן קעגן בעבעלן, ליבקנעכטן א. אַנד., צו 22—3 יאָר צוגעטרעטן צו דער ס.ד. בעת דעם סאָציאַליסטנגעזעץ האָט ב. געוווינט אין דער שווייץ, אַסך דאָרט שטודירט און געלערנט; דאָרט זיך אויך פּערזענלעך באַקענט מיט די פּאָליטישע עמיגראַנטן — מיט די פראַנצ. קאָמונאַרן און איטאַליאַנישע אַנאַרכיסטן, ווי אויך אָנגע-

קניפט פריינדשאַפט מיט קאַוטסקין
(ז.), וואָס האָט אויך דאַן אָנגעהויבן
זיין סאָצ. טעטיקייט. — 1880 באַשטימט
געוואָרן צו רעדאַגירן דעם אומלעגאַלן
אָרגאַן פון דער דייטשער ס. ד. „סאָ-
ציאַלדעמאָקראַט‟; די צייטונג האָט
זיך געפונען אונטער דער שטענדיקער
אויפזיכט פון פרידריך ענגעלס (ז.)
נאָכדעם איז דער „ס.ד.‟ פאַרמאַכט
געוואָרן; ב. איז אַריבער קיין לאָנדאָן,
ווו ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע אַר-
בעטן: „סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע
אין דער גרויסער ענגלישער רעוואָ-
לוציע‟, אַ גרויסן היסטאָרישן אַריינ-
פיר צו לאַסאַלס כתבים, און אַ גרוי-
סע צאָל פאַמפלעטן קעגן די בירגער-
לעכע קעגנער פונעם מאַרקסיזם. דאָרט
איז ער אויך געווען אַ נאָנטער מיט-
אַרבעטער פון דער „נייער צייט‟.
1897 האָט ב. איבערגעזעצט הערט-
יערס „געשיכטע פון דער רעוואָלו-
ציע 1848 אין פראַנקרייך‟; צום דאָ-
זיקן בוך האָט ער צוגעשריבן אַ קאַ-
פיטל, וואָס האָט געלייגט דעם יסוד
פאַר זיין שפּעטערדיקער רעוויזיע
פונעם מאַרקסיזם, וואָס אַלס אַזעלכער
איז ער בעיקר באַקאַנט. ער ווייזט
דאָרט אויף, אַז די רעוואָלוציע איז
אַן אומגעווונטשענע זאַך שוין בלויז
צוליב דעם אַליין, וואָס זי מאַכט-אָן
אַ כאַאָס אינעם ווירטשאַפטלעכן לעבן,
און דערמיט טוט זי דאָך אַ שאָדן
דעם אַרבעטער-קלאַס אַליין. „די אַרבע-
טער קאָנען אין אַ געוויסן מאָמענט זיין פאַר-
אינטערעסירט אָפּצושטעלן די רעדער פונעם
סאָציאַלן מעכאַניזם, אָבער זיי זענען נישט
באַין-אופן פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז די-
דאָזיקע רעדער זאָלן פאַרזשאַווערט ווערן‟.
אין זינען פון דידאָזיקע אויספירן ווייד-
מעט ער זיין גאַנצע ענערגיע. אין זיין
אָפּהאַנדלונג „פּראָבלעמען פונעם סאָ-
ציאַליזם‟, דערווייזט ער, אַז מאַרקס
איז נישט גערעכט מיט זיין טעאָריע
וועגן עקאָנאָמישן קריזיס פונעם קאַ-
פּיטאַליזם. ב. ווייזט-אָן, אַז דער קאַפּ.
איז גענוג עלאַסטיש, כדי אויסצומיידן
אַלע קריזיסן; אויך דער וווקס פון די
ענגלישע פּראָפאַריינען, אין זייער אַפּאָ-
ליטישקייט האָבן אים דערפירט צו
דעם געדאַנק, אַז אַ רעוואָלוציע איז
בכלל אַן איבעריקע זאַך. מיט דער
הילף פון דעמאָקראַטישע רעפאָרמען קאָן
מען ביסלעכווייז פאַרוואַנדלען די קאַפּי-
טאַליסטישע געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַ-
ליסטישער. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע וואָס
איז נישט לאַנג אַרויס, געפינען מיר
אַ דערקלערונג פאַר דידאָזיקע אויס-
פירן: דער ערשטער באַנד פון מאַרקס'
„קאַפּיטאַל‟ האָט אים שטאַרק אַדורכ-
גענומען מיטן באַשרייב פון דער גרוי-
סער נויט פון די אָרעמע קלאַסן; אין
די ווייטערדיקע בענד האָט ער זיך
אָבער, פשוט, נישט געהעריק פאַנאַנ-
דערגעקליבן און ס'איז אים אויסגעקו-
מען, אַז ס'ליגט ממש אין די אינטע-
רעסן פון די אונטערגעדריקטע קלאַסן,
אַז זיי זאָלן נישט ענדערן די עקזיס-
טירנדיקע ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען.
1898 האָט ב. אָנגעשריבן אַ בריוו צום
שטוטגאַרטער קאָנגרעס פון דער פאַר-
טיי, 1899 אַ בוך „די פאָרויסזעצונגען
פון סאָציאַליזם און די אויפגאָבן פון
דער ס.ד.‟, אין וועלכן זיין רעוויזיאָ-
ניזם איז שוין קריסטאַליזירט, ווי אַ
פיינדלעכע באַוועגונג פאַרן פּראָלעטאַ-
רישן קלאַסנקאַמף. ער האַלט, אַז די
אינטערנאַציאָנאַלע ארב.-באַוועגונג דאַרף
שטרעבן צו סאָציאַלע און פּאָליטישע
רעפאָרמעס, און אָנגעוויזן, אַז „דער
קאַמף קעגן דעם אימפּעריאַליזם איז אַן

„אוטאָפּיע". אַרויסטרעטנדיק קעגן דער אומענטשלעכער טיראַניי פון די קאַפּ. מלוכות אין די קאָלאָניעס, האָט ער פאַרלאַנגט פון דער ס.ד., אַז זי זאָל דערלאָזן צו דער עקספּלואַטאַציע פון די קאָלאָניאַלע פעלקער, ווייל „וואָס רייכער ס'איז די געזעלשאַפט, אַלץ לייכטער איז צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם". סיי דער האַנאָווערשער צוזאַמענפאָר פון דער ס. ד. (1899), ווי דער דרעזדענער (1903), האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו רעווידירן דאָס פּראָגראַם. 1901 איז ב. צוריקגעקומען קיין דייטשלאַנד, אויסגעקליבן געוואָרן אין פּאַרלאַמענט און זינט דאַן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם קאָמפּאָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטן „סאָציאַליסטישע מאָנאַטשריפטן". 1914 געשטימט, ווי אַלע ס. ד. פירער, פאַר די מלחמה־קרעדיטן, אָבער גיך דערזעען דעם חורבן, וואָס די מלחמה מאַכט אין קאַפּיטאַליזם, און פון די ערשטע גערופן צו שלום. געהערט דאַן צום אַ. ג. צענטער, אָבער גלייך נאָכן סוף קריג צוריקגעקומען צו די שיידעמענער, עבערטס, נאָסקעס. אויף זיינע ווערק זענען דערצויגן געוואָרן די גרעסטע טייל היינטצייטיקע סאָציאַליסטישע פירער; ליידער, האָבן אַ סך פון די פּאַקטיש איבערגענומען זיין תורה און באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. נאָך היינט, אַן 81יעריקער זקן, נעמט ער אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאָליטישן און פּאַרטייאישן לעבן, איז אַן אַקטיווער ציוניסטישער סימפּאַטיקער, מיטגליד פונעם דייטשן פּראָ־פּאַלעסטינע־קאָמיטעט. זיינע וויכטיקסטע ווערק, אַחוץ די שוין־געדאַכטע, „די דייטשע רעוואָלוציע, 1 ב.—1924", „סאָציאַליזם אַמאָל און היינט" א. אַ. אַנד.

אויף יידיש: „פּ. לאַסאַל", „די דייטשע רעוואָלוציע".

בערעזאָווסקי מאַקסים (1745—1777) אוקראַינישער קאָמפּאָזיטאָר, שטודירט אין איטאַליע, וווּ אויך אויסגעשטעלט זיין אָפּערע „דעמאָפאָנטעס". 1774 זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, וווּ אָנגעשריבן עטלעכע קאָמפּאָזיציעס פון קלויסטערלעכער מוזיק; מ'האָט אים אָבער אין ערגעץ נישט אָנערקענט און ער איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

בערעזאָווסקי פּעאָקטיסט (° 1877), רוסישער פּראָלעטאַרישער שרייבער, שטאַמט פון קאָזאַקן־פּויערן. צו 6 יאָר אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ שוועבעלעך־פאַבריק, צו 18 יאָר געוואָרן טעלעגראַפיסט, צו 27 יאָר אַריין אין ס. ד. און 1906 פאַרמשפּט געוואָרן צום שיסן, צופעליק זיך גערעטעוועט. אַנטיילגענומען אין בירגערקריג, בעיקר אין אָמסק (סיביר). אָנגעהויבן שרייבן 1900, זינט 1922 רעדאַקטער פונעם זשורנאַל „סיבירישע פייערן". אָנגעשריבן ראָמאַנען: „די מוטער", „אין סטעפּישער ווייטקייט". זיין שאַפן איז געווידמעט הויפּטזאַכלעך דעם סיבירער לעבן.

בערענט וואַצלאַוו (° 1873), פסד. „ס.אַ.מ.", „וול. ראַוויטש", היינטצייטיקער פּוילישער שרייבער. זיינע ערשטע ראָמאַנען: „דער פאַכמאַן" און „דער לערער" זענען אַדורך אומבאַמערקט. ערשט זיין גרויסער ראָמאַן „פּרוכנאָ" (1901) — פויל האָלץ — האָט געמאַכט אַ גרויסן רעש. ב. שילדערט דאָרט אין שוואַרצע פאַרבן די וועלט פון די „פרייע" קינסטלער, וואָס מוזן נאָכגיין דעם געשמאַק און ווילן פון דעם רייכן געלטגעבער. דאַן גייט „ווינטערתבואה" (1911), אין וועלכן ער פאַרנעמט זיך מיטן פּראָבלעם פון די

ביאָלאָגישע יסודות פֿון דער געזעל-
שאַפֿט; ער שילדערט צום סוף די
כּוחות, וואָס וועלן קומען פֿאַרבייטן די
„פֿרוכנע". אין זיין לעצטן ווערק
„לעבעדיקע שטיינער" (1918) שילדערט
ער אויפֿן פֿאָן פֿונעם מיטלעלטער די
וועלט פֿון די קינסטלער און מוזיקער
אין זייער באַציונג מיטן זאַטן ביר-
גערטום. — ב. איז אַ גלענצנדער סטי-
ליסט, האָט איבערגעזעצט אין פּויליש
אַ ריי אייראָפּעישע ווערק, צ. אַ. אויך
ניטשעס (ז.) „אַזוי האָט גערעדט
זאַראַטוסטראַ". 1930 באַקומען די לי-
טעראַטור-פּרעמיע פֿון וואַרשע.

בערענס פּעטער (° 1868), דייַ-
טשער קינסטלער, מאָלער און אַרכי-
טעקטער, איינער פֿון די טאַלאַנטפֿול-
סטע פֿאָרשטייער פֿונעם מאָדערניזם.
זינט 1902 זיך געווידמעט די נייע
וועגן אין דער אַרכיטעקטור; באַקאַנט
איז „ב.ס הויז" — אַ מאָדערנע וווּנ-
איינריכטונג, ווו אַלץ, ביז דער קלענ-
סטער זאַך, האָט ער פּראָיעקטירט.
זיין קונסט באַשטייט אינעם פֿאַרוואַרפֿן
די בילדער פֿון דער נאַטור און, אַנט-
קעגן, אַרויסרוקן אויפֿן ערשטן פּלאַן
די געאָמעטרישע קאָמבינאַציעס, דער-
ביי אונטערגעשטראָכן די שטרענגקייט
פֿון די פֿאָרמען. די פּשטות און
דרייסטקייט פֿון די פֿאָרמען, די ציל-
באַוווּסטקייט און דער שטרענגער פּלאַן
פֿון צונויפֿשטעלן, שטעלן אים אין די
ערשטע רייען פֿון דער היינטיקער
אַרכיטעקטור. געבויט אַסך הייזער
אין דייטשלאַנד און אויסלאַנד, פֿון
צווישן וועלכע ס'צייכנט זיך אויס
דאָס הויז פֿון דער אַלגעמיינער
עלעקטריציטעט-געזעלשאַפֿט אין בער-
לין.

בערעספֿאָרד דזשאָן (° 1873),
ענגלישער ראָמאַניסט, טיפּישער פֿאָר
שטייער פֿון דער ענגלישער ראַדיקאַ-
לער אינטעליגענץ. דאָס רוב ראָמאַנען
אָנגעשריבן אין רויער, רעאַליסטישער
פֿאָרעם. דאָס ווייזט זיך אַרויס אין
זיין אויטאָביאָגראַפֿישער טרילאָגיע
„דזשעקאָב סטעל", „אַ קאַנדידאַט פֿאַרן
אמת" און „דער אומגעזעענער גוטער
פֿריינד", וואָס האָט געהאַט גרויס דער-
פֿאָלג, ווי אויך אינעם ראָמאַן „זיזווי-
גים", אין וועלכע דער אמת ווערט
אָפֿט אַדורכגעפֿלאָכטן מיט אויסטראַכ-
טעניש. זיינע העלדן זענען טיפּישע
ענגלישע אינטעליגענטן. זיין הויפּט-
טעמע איז „די איבערדערציונג פֿונעם
יחיד": ער האָט געזען, אַז די גרוי-
סע סאָציאַלע קאַמפֿן פֿון אונדזערע
טעג שאַפֿן־אָפּ אויך די אַלטע אָבער-
גלויבנס, אַפֿילו אין דעם „שטרענגן
ענגלאַנד", און אָנשטאָט דעם אָנגע-
צויגענעם „דזשענטעלמען" קומט דער
„מענטש". זיין האָרנבי, דער העלד
פֿון זיין „פֿריינד", וואָס קערט זיך אום
פֿון דער מלחמה אַן אינוואַליד, זאָגט
אַזוי: „אויב מיר קאָנען זיך באַפֿרייען
פֿון אַלעראַרט אונטערדריקונג בלויז
אויפֿן וועג פֿון רעוואָלוציע, אַזוי קאָן
אויך די רעוואָלוציע זיין אַ טוגנט".
ער באַמיט זיך אויך אומצוּוואַרפֿן די
אַלטע מאָראַל אויף אַלע געביטן פֿון
מענטשלעכן לעבן, און אין זיין ראָ-
מאַן: „גאָטס צווייטער קעגנפּונקט"
בעיקר — אויפֿן געביט פֿון דער קעגנ-
זייטיקער באַציונג פֿון די געשלעכ-
טער.

בערצעליוס יענס יאַקאָב
(1779—1848), גרויסער שוועדישער כע-
מיקער, געשאַפֿן אומגעהויער פֿיל אויס

דער עלעקטראָכעמישער טעאָריע. 1810 אַרויסגעלאָזן אַ בוך „פּרוּוו צו פעסטשטעלן די שטענדיקע און פשוטע פּראָפּאָרציעס, אין וועלכן די באַשטאַנדטיילן פון דער אומאָרגאַנישער וועלט זענען צווישן זיך פאַרייניקט", וואָס גיט אַ וווּנדערלעך־גענויעם באַשרייב פון דער וואָג פון אַן ערך 50 עלעמענטן. משך 10 יאָר אַדורכגעפירט איבער 2000 פאַרייניקונגען, וואָס אַ טייל פון זיי גילטן נאָך אַפילו היינט. זיין השפעה אויף דער כעמיע איז זייער גרויס. געגרינדעט און משך 24 יאָר רעדאַגירט דעם זשורנאַל „יאָר־באַריכט איבער די פאָרשריטן פון כעמיע און מינעראַלאָגיע". לויט זיין טעאָריע, באַשטייען אַלע זאַכן פון צוויי העלפטן: פון אַ פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער, וואָס זענען מיט זיך פאַרבונדן דורך דעם עלעקטרישן צוצי. — זיין רום איז בשעתו געווען זייער גרויס. די 20ער יאָרן פאָריק י"ה איז ער אָנגעגאַנגען פאַרן אָנערקענטן וואָרטזאָגער אין דער כעמיע. מיט אַן ערך 20 יאָר שפּעטער איז אויפגעקומען די נייע אוניטאַרישע ריכטונג אין דער כעמיע, וואָס האָט אַלץ פאַרייניקט. די היינטצייטיקע כעמיע שעפּט זייער אַסך פון ב.ס עקספּערימענטן און דערווייזן.

בערקאָוויטשי קאָנראַד (1882°), אַמעריקאַניש־רומענישער שרייבער (אַ ייד); אַדורכגעמאַכט אַ שטורמיש לעבן, ווי אַ וואַנדערנדיקער פידלער, דערנאָך זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, ווו ער שרייבט דערציילונגען און ראָמאַנען, בעיקר אויסן לעבן פון די באַזונדערע ניו־יאָרקער עמיגראַנטישע חפלטעלעך. באַקאַנט זענען זיינע נאָ-

וועלנזאַמלונגען: „ניו־יאָרקער שטויב", ווי אויך די דערציילונגען אויסן ציגיינערשן און טאָטערשן לעבן: „מורדאָ", „איליאַנאַ", „היזאַ" א. אַנד. — הגם אין די לעצטע ווערק גייט־אַדורך אַ סענטימענטאַלער טאָן, זענען זיי אַלע שטרענג רעאַליסטיש אין דער פאָרעם.

בערשע דזשיאָוואַני (1783—1851), איטאַליענישער דיכטער, איינער פון די גרינדער פון דער ראָמאַנטישער שול „יונג־איטאַליע". אַלע זיינע זייער־אָריגינעלע ראָמאַנסן, לידער, פּאָעמעס און פאַנטאַזיעס, געווידמעט דער פּראַקטישער פּראָפּאַגאַנדע פאַר אייניקייט פון גאַנץ איטאַליע, זענען פול מיט שנאה צו די פרעמדע באַדריקער און חוזק איבער די גלייכגילטיקע פאָלקס־ברידער. לאַנג אַרומגעוואָגלט אין דער פרעמד, צוליב די רעפּרעסיעס, און די בעסטע זאַכן האָט ער טאַקע אָנגעשריבן אין גלות. זיינע הייסע, באַגייסטערטע רופן זענען אין זיין היימלאַנד געווען שטאַרק פּאָפּולער. זיינע באַקאַנטסטע: „קלאָרקייט", „פאַנטאַזיע" א. אַנד.

בעשיקטאַשליאַן מקרטיטש (1828—1868), איינער פון די באַגרינדער פון דער ניי־אַרמענישער ליריק. געשריבן און געלעבט אין סטאַמבול, געבילדעט זיך אין איטאַליע, זיך אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון דער דעמאָלטיקער אייראָפּעישער ליטעראַטור. דער לייטמאָטיוו אין זיינע ווערק איז די ליבשאַפט צום היימלאַנד, צו דער נאַטור, צו זיין פאָלק און צו דער גאַנצער מענטשהייט. זיין גרויסע פּאָעמע „מיר זענען ברידער" האָט באַקומען גרויס פּירסום און ס'איז צו איר געוואָרן

צוגעפּאַסט מוזיק. זיין נאַציאָנאַלע פּאָ־
עזיע איז ענג פאַרבונדן מיטן דעמאָל־
טיקן אויפשטאַנד פון די בערגוווינער
אין זייטון (1862). ער האָט אויך אי־
בערגעזעצט אויף אַרמעניש אַ סך לי־
רישע מייסטערווערק פון מערב־אייראָפּ.
ליטעראַטור.

בראַג פאָטער און זון — צוויי באַ־
קאַנטע ענגלישע פיזיקער 1) וויליאַם
הענרי (○ 1862), דירעקטאָר פונעם קע־
ניגלעכן גרויסבריטאַנישן אינסטיטוט,
פאַרנעמט זיך מיט די ראַדיאָאַקטיווע
דערשיינונגען און מיט די רענטגען־
שטראַלן, אַ סך דאָרט באַנייט. אָנגע־
שריבן, צווישן אַסך אַנד., „איבער דער
טבע פון זאַכן", „די וועלט פון קלאַנ־
גען". 2) וויליאַם לאָרענס
(○ 1890), צוזאַמען מיטן פאָטער גע־
אַרבעט איבער קרישטאָלן. דערוויזן
די טעאָריע פון יאָנען און מאָלעקולן
אין די קרישטאָלן. צוזאַמען אָנגע־
שריבן אַ בוך „איקס־שטראַלן און גע־
בוי פון קרישטאָלן". 1915 צוזאַמען
באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פאַר
פיזיק.

בראַגאַ טעאָפיל (1843—1924),
פּאָרטוגעזישער פּאָליטיקער, דיכטער
און געלערנטער. צו זיינע באַקאַנטסטע
לידער־זאַמלונגען געהערן: „גרינע בלע־
טער", „די זעונג פון דער צייט" און
„דער אָפּקלאַנג פון דונערס" — אַלע
טראָגן אַ פילאָזאָפישן כאַראַקטער. אין
זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט האָט ער
אָנגעשריבן אַ ריי אַרבעטן איבער דער
פּאָרטוגעזישער ליטעראַטור, פּאָרטוגע־
זישן רעכט, איבער פּעדאַגאָגיק, גע־
שיכטע, פאָלקלאָר, פּאָליטיק און
קונסט. פּאָליטיש געווען אַ נאַציאָנאַל־
ליבעראַל, געווען אַ שטיקל צייט פּרע־

מיער־מיניסטער. אין זיינע פילאָזאָפי־
שע אַרבעטן ווייזט ער זיך אַרויס
פאַר אַ פּאָזיטיוויסט.

בראָד מאַקס (○ 1884), דייטש־
טשעכישער שרייבער, אַ ייד. באַקאַנט
פון זיינע ראָמאַנען אויס דער עפּאָכע
פונעם רענעסאַנס, בעיקר: „טיקאָ בראַ־
העס וועג צו גאָט" און „דוד הראובני",
ווו ער גיט אין אַ גלענצנדיקער פאָר־
רעם די דעמאָלטיקע צייט מיט איר
שטייגער לעבן און אויסערלעכער פאָ־
רעם. ווי אַ נאַציאָנאַל־ציוניסטישער
טוער, אָנגעשריבן אויך: „היידנטום,
קריסטנטום און יידנטום" און „אינעם
קאַמף פאַר דאָס יידנטום". הגם ער
שרייבט אין דייטש, האָט ער אָבער
סוף 1930 באַקומען די פּרעמיע פון
דער טשעכישער רעפּובליק פאַר זיין
געדאַכטן ראָמאַן „ראובני".

אויף יידיש: „טיקאָ בראַהעס וועג צו גאָט",
„די פרוי פון אונדזער בענקשאַפט".

בראָדי שאַנדאָר (1863—1924), אָנ־
געזעענער אונגאַרישער רעאַליסט־פּראָ־
זאַיקער. אָנגעהויבן פון ראָמאַנטישע
דערציילונגען, גאָר גיך אַריבער צום
רעאַליזם. אין זיינע פּיעסעס „די אַם"
און „די לערערין" שטעלט ער פאָר,
פון בירגערלעך־ראַדיקאַלן שטאַנדפּונקט,
די אַנטיטעזע פון שטאָט און דאָרף:
אַ דאָרפיש מיידל אין דער גרויס־
שטאָט און אַ לערערין אין דאָרף.
בעת דער ראַטנמאַכט אין אונגאַרן אָנ־
געשריבן אַן אַגיטאַציע־פּיעסע, הגם
אַליין געווען ווייט פון דער רעוואָ־
לוציע. זינט איר פאַלן ביז 1924 גע־
ווען אין אויסלאַנד, ווי אַ פּאָליטישער
עמיגראַנט, באַלד נאָכן אומקערן זיך
געשטאָרבן.

בראָדמאַן קאַרביניאַן (1868—

1918), באַרימטער דייטשער היסטאָפּאַטאָלאָג-פּסיכיאַטער, געמאַכט אומשטערבלעכע אויפטוען אויפן געביט פון מוח-געביי. פון די באַקאַנטסטע ווערק: „די ציטאָאַרכיטעקטאָנישע קאָרטעקס-גלידערונג פון די האַלבמאַלפּעס", „פאַרגלייכנדיקע לאָקאַליזאַציע-לערע פון די גרויסגעהירן און זייערע יסודות, פעסטגעשטעלט אויפן סמך פון זייער צעלנבוי".

בראָדסקי יצחק (1884), היינטצייטיקער רוסישער מאָלער; נאָך לאַנגע זוכענישן און בלאָנדושענישן זיך אומגעקערט צו דעם רעאַליסטישן מאַסנפּאָרטרעט. אַזוי זענען באַקאַנט זיינע בילדער אויס די וויכטיקסטע פייערלעכקייטן, אין וועלכע ס'נעמען אָנטייל טויזנטער מענטשן, און דאָך איז יעדנס פּנים געטריי איבערגעגעבן. די רעפּראָדוקציעס פון זיינע בילדער זענען אין היינטיקן רוסלאַנד זייער פּאָפּולער.

בראַהע טיקאָ דע (1546—1601), באַקאַנטער דענישער אַסטראָנאָם. זינט די יונגע יאָרן אַרויסגעוויזן גרויס ליבשאַפט צו אַסטראָנאָמיע, כאָטש זיך געמוזט פאַרנעמען מיט יורי און האַנדל. 1572 נאָכגעפאָרשט אַ נייעם שטערן, וואָס האָט פּלוצלינג אויפגעלויכטן אין דער שטערנמאַסע פון קאַסיאָפּייאַ. 1576 געוואָרן פירער פון דער אַסטראָנאָמישער אָבסערוואַטאָריע אויפן אינדזל הווען לעבן קאָפּענהאַגען, וואָס איז געווען אין זיין צייט די בעסט-איינגעאָרדנטע אָבסערוואַטאָריע אין דער וועלט. משך 21 יאָרן געפאָרשט די שטערן, פּלאַנעטן און קאָמעטעס און דערביי אַרויסגעוויזן אומגעהייערע גענויאיקייט, אַנטדעקט צוויי אומגלייכקייטן אין דער לבנה, דערוויזן, אַז די קאָמעטעס זענען הימלישע קערפּערס, וואָס גייען

אַוועק פון דער ערד ווייטער פון דער לבנה, געשאַפן די רעפראַקציע-טאָוולען. געשאַפן אַן אייגענע טעאָריע, אַ געמיש פון פּטאָלאָמעוס מיט קאָפּערניקן: די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, וואָס שטייט אין צענטער פונעם וועלטבאַשאַף, און די פּלאַנעטעס—אַרום דער זון. — זיין אָבסערוואַטאָריע האָט ער אַ נאָמען געגעבן אוראַניעבורג, און אינגיכן איז זי געוואָרן אַ גרויסער קולטור-צענטער. ב. האָט צוגעצויגן צו זיך אַלע גרויסע וויסנשאַפטלער. די פּויערן האָט ער העכער געשעצט פון דעם אַדל און אַליין חתונה געהאַט מיט אַ פּויערטע; דאָס האָט קעגן אים דערוועקט גרויס האַס מצד די „הויכע פּענצטער". ער האָט געמוזט אַנטלויפן (1597), 2 יאָר געווען אין דייטשלאַנד, נאָכהער אַריבערגעפאָרן קיין פּראָג. דאָ האָט ער זיך גענומען פאַר אַ מיטאַרבעטער יאָהאַנעס קעפּלער (ז.), ביי וועמען ס'זענען, נאָך ב.ס טויט, געבליבן אַלע וויכטיקסטע זיינע אויספאָרשן. פון זיינע וויכטיקסטע ווערק: „גלייבגעוויכטיקע אַסטראָנאָמיע", „מהות פון מעכאַנישער אַסטראָנאָמיע" א. אַנד. נאָך זיין טויט איז פון אוראַניעבורג געוואָרן אַ תל.

בראַון דזשאָן (1800—1859), אַמעריקאַניש-נעגערישער פּובליציסט, קעמפער פאַר נעגערישער גלייכבאַרעכטונג. באַשאַפן אין זיינער צייט די ערשטע געהיימע נעגער-אָרגאַניזאַציע און טשאַטאַמאַ (קאַנאַדע), צו באַפרייען די נעגער מיט געוואַלט. 16 אָקט. 1859, צוזאַמען מיט נאָך 18 מיטשטימער (5 זענען געווען נעגערס) פאַרכאַפּט דעם אַרסענאַל אין הערפּערס-פערי; אָבער דאָס רעגירונג-מיליטער האָט זיי זייער לייכט צעקלאַפּט און אַלע אויסגעשאָכטן,

ב.ן. ווידער, פאַרמשפּט אָפּיציעל צום העגגען. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין די פאַרייניקטע שטאַטן און נאָך פאַרגיכערט דעם איבעררייס צווישן צפון און דרום.

בראַון לילי (1865—1916), דייטשע סאָציאַליסטין און שרייבערין; געשטאַמט פון הויכן מיליטערישן יחוס, יונג אַריין אין דער אַ. ג. „עטישער" באַוועגונג — איר ערשטער מאַן, גיזשיצקי, איז גע־ווען פאָרזיצער פון דער „געזעלשאַפט פאַר עטישער קולטור". נאָך פאַרן אַריינגיין אין דער ס. ד., אָנגעשריבן „די פרויענפראַגע", „פרויענאַרבעט און הויזווירטשאַפט", „די פּאָליטיק און די פרויען". 1896 חתונה געהאַט מיטן ס. ד. היינריך בראַון, צוזאַמען מיט אים אַרויסגעגעבן דעם רעפאָרמיסטישן זשור־נאַל „די נייע געזעלשאַפט". גענומען דעם סאָציאַליזם פון עטיש־אינטעליגענ־טישער זייט, האָט זי קיינמאָל נישט געקאָנט זיין קיין אַקטיווע סאָציאַליס־טין. 1909 אַרויסגעגעבן 2 בענד „זכ־רונות פון אַ סאָציאַליסטין", ווו די־דאָזיקע אָפּגעריסנקייט קומט טאַקע צום אויסדרוק. 1912 אַוועק פון פּאָליטישן לעבן, אָנגעשריבן אַ גרויסן ראָמאַן „די ליבע־בריוו פון אַ מאַרקיזין", ווו זי שילדערט מיט אויסערגעוויינלעכער קענטעניש און טאַלענט די עפּאָכע ערב דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָ־לוציע.

אויף יידיש: „מעמוארן פון אַ סאָציאַליסטין".

בראַון עדוואַרד (1862—1926), ענג־לישער אָריענטאַליסט און פּאָליטישער טוער, בעיקר זיך ספּעציאַליזירט אויף דער ניי־פּערסישער ליטעראַטור („גע־שיכטע פון דער פּערסישער ליטעראַ־טור", 4 בענד, „די פּרעסע און דיכ־

טונג פונעם מאָדערנעם פּערסיע", (1914). אין פּאָליטישן לעבן געווען אַ פּאַנאַ־טישער פריינד פון דער פּערסישער באַפריי־באַוועגונג אָנהייב 20טן י"ה, געגעבן די פּערסישע נרדפים מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף. אָנגעשריבן, צ. אַ., „געשיכטע פון דער פּערסישער רעוואָלוציע" (ביז 1910) — איבער דער באַפריי־באַוועגונג.

בראַון פערדינאַנד (1850—1918), אָנגעזעענער דייטשער פיזיקער. זיינע אַרבעטן איבער דראָטלאָזן טעלעגראַף האָבן אַן עפּאָכאַלישן באַטייט. 1909 באַקומען, צוזאַמען מיט מאַרקאָני (ז.) די נאָבעל־פּרעמיע, געווען דער שעפער פון דער באַרימטער עלעק־טרישער פאַבריק בראַון־זימענס. ביזן טאָג פון זיין טויט זיך גערעכנט פאַרן גרעסטן אויטאָריטעט אויפן דאָזיקן גע־ביט. אויף זיין נאָמען זענען פאַראַן אַ גאַנצע ריי טעכנישע אויפטוען.

בראַון ראָבערט (1773—1858), ענג־לישער באָטאַניקער, איינער פון די וויכטיקסטע געלערטע ד. 19טע י"ה, אַנטדעקט אַ שפּע פּראָצעסן אין דער געוויקסנוועלט, צ. אַ. אויך — דאָס שטייג, די יאָדער, אַ גרופּע הויזלערס, א. אַ ריי אַנד. פאַראַן אויף זיין נאָ־מען אַ געזעץ אין דער באָטאַנישער פיזיק — בראָונס באַוועגונג. זיינע ווערק זענען אַרויס אין 8 בענד.

בראַונינג עליזאַבעט (1806—1861), די פרוי פון ראָבערט ב. (ז.), ענגלישע דיכטערין, זיך אויסגעצייכנט מיט איר צאַרטער, הומאַנישער ליריק. בעיקר איז באַקאַנט: „די פענצטער פון גווידיס הויז", פול סימפּאַטיע צו דער איטאַליענישער באַוועגונג 1848—49 און „דער מאַרגנרויט" — די לעבנ־

געשיכטע פון אַ מיידל, וואָס האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די האַרטע דינים פון דער מאָראַל. אירע ווערק זענען ד. יאָר 1890 אַרויס אין 6 בענד.

בראַונינג ראָבערט (1812—1889), ענגלישער דיכטער, צייכנט זיך אויס אין זיינע ווערק מיט דער גרויסער מאָס אָפּטימיזם. באַקאַנט זענען: „פּאַולין", „אונדזער פריינד דזשאָן", „פּאַראַצעלס", „סאָרדעלאָ" — אין וועלכע ס'דאָמינירט דער אינטערעס צו עטישע פּראָבלעמען און לייכטער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז. זייער פּאָפּולער איז געוועזן זיין ראָמאַן „מענער און פרויען", ווי אויך זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „דער רינג און דאָס בוך" — געשעפּט אויס דער אַלט-איטאַליענישער געשיכטע (ער האָט דאַן געוווינט אין פלאָרענץ). באַקאַנט איז זיין סאַטירע אויף נאַפּאָלעאָן III „פּרינץ האָהענשטיל-שוואַנגאַו". פאַרנעמט אין דער ענגלישער ליטעראַטור אַן אָנגעזעען זעלבשטענדיק אָרט, און די ענגלישע קריטיק האָט אים באַצייכנט פאַרן צווייטן, נאָך שעקספּירן (ז.), דיכטער-פּסיכאָלאָג.

בראַונס יוליוס (1857°), דייטשער קאַליגראַפיקער, דער באַגרינדער פון דער מאָדערנער סטענאָגראַפיע (שנעל שרייבן), וואָס ווערט היינט גענוצט אין אַלע וויכטיקסטע מלוכישע און קאָמונאַלע אַנשטאַלטן.

בראַון-סעקאַר שאַרל עדואַרד (1817—1894), באַקאַנטער פראַנצויזישער פיזיאָלאָג, געאַרבעט אַ שטיקל צייט אין אַמעריקע. ד. יאָר 1889 באַגרינדעט אויף דער זיצונג פון דער פראַנצ. ביאָלאָגישער געזעלשאַפט, אַז די פאַרעלטערונג פונעם מענטשלעכן אָרגאַניזם גייט פּאַראַלעל מיט זיין געשלעכט-ווערקונג און אַז אַן איינשפּריצונג פון געשלעכטלעכן אייזן דאַרף אים פאַריונגערן (ז' וואָראָנאָוו, וויזנער, שטייַנאַך). ער האָט אפילו די ערשטע פּראָבע געמאַכט אויף זיך — צו 70 יאָר, און ס'איז געלונגען. זיין מיטל, ספערמין, האָבן באַלד אויסגענוצט פאַרשידענע אַמעראַצים און שווינדלער, אָבער היות בר.-סעק. האָט נישט געוווסט נאָך פון דעם כעמישן עלעמענט, וואָס פעלט דערצו, זענען כמעט אַלע שפּעטערדיקע אָפּעראַציעס נישט געלונגען און ס'זענען אויסגעבראָכן גרויסע סקאַנדאַלן. באַקאַנטסטע ווערק: „לעקציעס איבער פיזיאָלאָגיע און פּאַטאָלאָגיע אין דעם צענטראַלן נערוון-סיסטעם", „פאַריונגערונג" א. אַנד.

בראַוער אַדריאַן (1606—1638), פלאַמאַנדרישער מאָלער, דער מיטשעפער פון דער נידערלענדישער שטייגער-מאָלעריי. שטעלט-פאָר אין זיינע לייוונטן בילדער פון פּשוטן פאָלק, פון כאַטעס און שענקען, ווו מען שלאָגט זיך, מ'שיכורט — און מיט זיין פיינעם פענדזל אַרויסבאַקומען פון דיראָזיקע מענטשן דעם אויסדרוק פון פּשטות און ערלעכקייט.

בראַוער לויצען עגבערט זשאַן, היינטצייטיקער האָלענדישער מאַטעמאַטיקער, באַגרינדער פון דער טאָפּאָלאָגיע, דער אַבסטראַקטער וויסנשאַפט איבער די חללישע באַציונגען; באַקאַנט אויך אַלס פירער פונעם אינטואיציאָניזם — די רעוואָלוציאָנערע ריכטונג אין דער מאַטעמאַטיק, וואָס גיט אַ שאַרפע קריטיק פון דעם היינטצייטיקן מאַטעמאַטישן אַנאַליז און

פאַרלאַנגט אַ פולשטענדיקן איבערבוי
פון דעמדאָזיקן סיסטעם.

בראַיל לעווי (1809—1852), פראַנ־
צויזישער לערער פון בלינדע, אַליין
אַ בלינדער זינט ד. 3טע יאָר פון זיין
לעבן. באַקאַנט ווי דער דערפינדער
פונעם אין דער קולטור־וועלט אָנגע־
נומענעם שריפט פאַר בלינדע — דער
א. ג. בראַילס אלף־בית.

בראַיס דזשעמס (1838—1920),
ענגלישער היסטאָריקער, יוריסט און
מלוכהמאַן. 1864 אַרויסגעלאָזט אַ בוך
איבער דער „הייליקער רוימישער
אימפעריע", וואָס האָט אויסגעהאַלטן
4 אויפלאַגן און אים פאַרשאַפט אַ קאַ־
טעדער אין אָקספאָרדער אוני׳ט, וווּ
ער איז געווען אין די יאָרן 1870—
1880. דאַן זיך אַריינגעוואָרפן אין פאָ־
ליטישער אַרבעט, פאַרנומען אַ ריי
הויכע מיניסטער־שטעלעס און דיפלאָ־
מאַטישע שליחותן. געווען אַ קעגנער
פון דער ענגלישער מזרח־פאָליטיק און
הייסער אָנהענגער פון אירלאַנדס
זעלבסטפאַרוואַלטונג. אין זיין „איינ־
דריקן פון דרום־אַפריקע" געטאַדלט
די ענגל. אימפעריאַליסטישע פאָליטיק
דאָרט. אָנהייב מלחמה, ווי אַן אַנטי־
אימפעריאַליסט און פאַציפיסט, געווען
קעגן איר, אָבער גיך זיך דערפון
אויסגעניכטערט און גערופן צו מלחמה,
ווי אַלע אַנדערע, געווען אַפילו פאָר־
זיצער פון דער פאַרלאַמענט־קאָמיסיע
אויף אויסצופאָרשן די „דייטשע
אַכזריות אין בעלגיע און פראַנקרייך".
אָנגעשריבן אַן אויסשעפנדיקע סאָציאָ־
לע אַרבעט „די אַמעריקאַנישע רעפּ־
פובליק", אַ צווייבענדיקע שטודיע „די
היינטצייטיקע דעמאָקראַטיעס", איבער
פראַנקרייך, שווייץ, פאַרייניקטע שטאַטן,

קאַנאַדע, אויסטראַליע און ניי־זעלאַנד.

בראַכפאָגעל אַלבערט עמיל
(1824—1878), דייטשער ראָמאַניסט און
דראַמאַטורג, געווען אין זיין צייט
זייער פאָפולער — אַ דאַנק זיין פיי־
נעם אופן דערציילן און בינדן אַ סיו־
זשעט, ווי אויך אַדאַנק דער קאָמפּלי־
צירטער אינטריגע. צו זיינע בעסטע
ווערק געהערן: „פרידעמאַן באַך", ווי
אויך די פיעסע אויס דער עפּאָכע
פון לודוויק XV — „נאַרציס", וואָס
האָט זיך אויפגעהאַלטן אויף דער סצע־
נע ביז היינטיקן טאָג.

בראַמאַהופּטאַ (598—660), איינער
פון די אָנגעזעענסטע אינדישע מאַ־
טעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען. צו
אונדז איז בלויז דערגאַנגען זיין איין
ווערק „בראַמאַס סיסטעם אין דער
אַסטראָנאָמיע", — וואָס איז אין זיין
גרעסטער טייל געווידמעט דער אַריט־
מעטיק און דער אַלגעבראַ, בעיקר אי־
בער דער אַריטמעטישער פּראָגרעסיע—
די סומירונג און דאָס לייזן די קוואַד־
ראַטישע אויסגלייכן.

בראַמאַנטע דאָנאַטאָ ד'אַנ־
דזשעלאָ (1444—1514), אָנגעזעענער
איטאַליענישער אַרכיטעקטער און מאָ־
לער. געבויט אַסך מאָנומענטאַלע
בנינים, צווישן זיי די קירכע פון הל.
סאַטיראָ אין מילאַן, דעם בעלוועדער
אין רוים, אַ טייל פונעם קלויסטער
פון הייליקן פעטער אין רוים און
נאָך אַנדערע, נישט ווייניקער קאַפּי־
טאַלע ווערק. ב. איז איינע פון די
וויכטיקסטע געשטאַלטן אינעם רענע־
סאַנס, האָט באַשאַפן אַ שול, צווישן
וועלכער ס'זענען געווען אַסך וויכטיקע
אַרכיטעקטערס, צווישן זיי: בראַמאַנ־
טינאָ, פס"ד פון באַרטאָלאָמעאָ סו־

אַרדי (* 1536), באַצירט מיט זיינע בילדער, פיגורן און פרעסקעס אַ ריי הייזער אין איטאַליע; ס'ווייזט זיך אין זיי אַרויס אַן עמפינדלעך אויג פאַר פערספעקטיוו.

בראַמס יאָהאַנעס (1833–1897), גרויסער דייטשער קאָמפּאָזיטער, באַקאַנט מיט זיינע סימפאָנישע און קאַמעראַלע שאַפונגען. נאָך גאָר יינגערהייט געמוזט פאַרדינען אויף ברויט דורך זיין אַ פּיאַניסט אין פאַרשידענע האַמבורגער שענקן, צו 17 יאָר שוין קאָנצערטירט און צו 20 יאָר שוין אַרומגעפאָרן, זיך באַקענט מיט די גרויסע מוזיקאַלישע גאונים פון זיין צייט — מיט ליסט, יאָאַכים, שומאַן. דער לעצטער האָט אין אים אַנטדעקט אַ גרויסן טאַלאַנט, ווי דער „יורש פון בעטהאָווען". 1878 זיך באַזעצט אין ווין, ווו ער איז אויך געשטאָרבן. זיין זשאַנער איז נאַציאָנאַלע מאָטיוון; אַרויסבאַקומען פון אַ קלייניקייט אַ גאַנצן מוזיקאַלישן בנין. אין זיינע לידער און פאָרטעפּיאַן-קאָמפּאָזיציעס איז ער דער פאָרזעצער פון שובערט-און שולמאַן-טראַדיציעס. אָנגעשריבן 121 אָפּוסעס, אַ ריי פאָרטעפּיאַן-שאַפונגען און באַלאַדעס, אָראַטאָריעס, וואָס די גרעסטע זענען: „דער דייטשער יזכור", „דאָס ליד פונעם שיקזאַל", „דאָס טריאומפאַלישע ליד" און זייער אַסך אַנדערע.

בראַנדלער היינריך (○ 1881), דייטשער אַרבעטער-טוער, פונעם פאַך — אַ שטיינהאַקער. צו 15 יאָר אָנגעהויבן צו אַרבעטן, צו 16 יאָר אַריין אין דער אַרב.-באַוועגונג; 1901 זיך גענומען ערנסט צו טעאָרעטישער אַרבעט און בעת דער דיסקוסיע צווישן די רעווי-

זיאָניסטן און מאַרקסיסטן — אונטער דער אָנפירונג פון ר. לוקסעמבורג, פאַרוווס, קאַוטסקי, ראַדעק — נאָך מער פאַרטיפט זיין וויסן און אים געפירט אין דער לינקער ריכטונג פון דער דייטשער ס. ד., וואָס איז שפּעטער אויסגעוואָקסן צום בונד פון ספּאַרטאַקוס. אויפן צוזאַמענפאָר 1904 צוגעשטאַנען צו ק. ליבקנעכטן, וואָס האָט געפאָדערט שאַפן אַ יוגנט-אינטערנאַציאָנאַל און באַקעמפט דעם מיליטאַריזם. זינט דאַן געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן דער פאַרטיי-ביוראָקראַטיע, אָפט געקומען אין שאַרפע צוזאַמענשטויסן מיט איר, בפרט מיט פר. עבערט, אַזוי אַז דאָס י. 1908 איז געווען אַ פאָרשלאָג אים אויסצושליסן. די מערהייט האָט אים שטאַרק שיקאַנירט, געמאַכט פאַרשידענע מיאוסע פאָרשלאָגן, און סוף כל סוף איז ער אַוועקגעפאָרן אויף 4 יאָר אין דער שווייץ. 1914 זיך אומגעקערט, געאַרבעט אין כעמניץ, דער רעפאָרמיסטישער פעסטונג, בעת דער מלחמה אַרויסגעטראָטן מיט זייער שאַרפע אַטאַקעס קעגן דער ס. ד. פאַר איר מיליטאַריסטישער האַלטונג; 1916 האָט מען אים אויסגעשלאָסן פון דער ס. ד.—געשטעלט זיך בראש פון דעם ניי-אָרגאַניזירטן ספּאַרטאַקוס-בונד, געפירט אַן אומלעגאַלע טעכנישע אַרבעט, אָנגעבונדן באַציונגען מיט אַלע פראָנטן און בעיקר מיט די פרויען-זעלנער. אויפן וועג צו דער צימערוואַלדער קאָנפערענץ האָט מען אים אַרעסטירט. אָנטיילגענומען אין דעם ערשטן קאָנגרעס פון דער דייטשער רעוו. אַרבעטערשאַפט, געווען מיטגליד אין צ. ק. פון 1919 ביז סוף 1923. — געווען אַ מיטגליד פון דער זאַקסישער רע-

גירונג פון לינקע ס.ד. און קאָמוניסטן, אָבער, ווי מען גיט איבער, גאָרנישט געטון אויסער איר, נישט געפירט קיין אַרבעט צו אָרגאַניזירן די ברייטסטע מאַסן אַרום דער רעגירונג און אויך פאַרנאַכלעסיקט די פראַגע פון באַוואָפענען דעם פּראָלעטאַריאַט. דער קאָמינטערן האָט אים דאַן אַרויסגעפאָדערט קיין מאָסקווע, אָפּגעשטעלט אין דער אַרבעט; דאָך האָט ער געפירט ווייטער אַ פראַקציאָנעלע טעטיקייט, ביז מ'האָט אים אויסגעשלאָסן פון קאָמינטערן. היינט-צוטאָג, צוזאַמען מיט טאַלהיימער — פירער פון דער אַ. ג. „רעכטער" אָפּאָזיציע צווישן די דייטשע קאָמוג. אַרבעטער.

בראַנדעס געאָרג, פסד. פון משה כהן (1927—1842), באַקאַנטער דענישער קריטיקער, ליטעראַטור-היסטאָריקער און פּובליציסט. אין זיין ערשט ווערק „די צווייאיקייט פון אונדזער גייסטער פילאָזאָפיע" (1866) אַרויסגעטראָטן ווי אַ העפטיקער קעגנער פון די ראָמאַנטישע און רעליגיעזע טראַדיציעס אין דער ליטעראַטור. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער וועלט, וואָס עס האָבן נאָך מערער פאַרשטאַרקט זיינע לעקציעס איבער די וויכטיקסטע שטרעמונגען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור ד. 19טע י"ה, — ער איז אַ הייסער אָנהענגער פון דערנענטערן די ליטעראַטור צום לעבן. דערביי האָט ער זיך באַנוצט מיט אַן אויסערסט-שאַרפן סטיל און אַגרעסיווער פאָרעם, און ס'איז אַנטשטאַנען אין די אייראָפּעישע ליטעראַטור-קרייזן אַ העפטיקער קאַמף איבער זיינע מיינונגען. ב. האָט געהאַלטן, אַז „דאָס אמתע ליטעראַטור-לעבן דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס איבער די פּראָבלעמען אַנטשטייען העפטיקע וויכוחים". זיינע אַרטיקלען האָבן אויפגערודערט די געזעלשאַפט, אויפגעפרישט די טוכלע אַטמאָספער פון דעם דענישן ליטעראַטור-לעבן, געהאַקט איבערן קאָפּ דעם קלעריקאַליזם און קאָנסערוואַטיזם, אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר פרייער קריטיק. געיאָגט אין זיין היימלאַנד, האָט ער ד. יאָר 1877 אָנגעווירן זיין קאַטעדער אין קאָפּענהאַגען און משך 6 יאָר געוווינט אין בערלין, דערנאָך זיך אומגעקערט. זינט דאַן האָט ער אויפגעהויבן זיין שטים תמיד, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער ליגנערישער און צביעותדיקער היינטצייטיקער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע. אינטערעסאַנט, אַז די רוסישע רעגירונג האָט אים אין זיין צייט נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין לאַנד און קאָנפיסקירט זיינע ווערק. אָפט פלעגט ער זיך אויך אַריינמישן אין ריין-פּאָליטישע פראַגן, ווו ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאַמף פאַר מענטשלעכע רעכט. נאָך דער מלחמה (1919), ווען באַרביס האָט געשאַפן די גרופּע „קלאָרקייט", איז צו איר אויך צוגעשטאַנען ב. — לעבן פראַנס, דיהאַמעל, סינקלער, בלאַסקאָ-איבאַניעז א. אַנד. פּראָגרעסיווע דענקער — אַרויסגעטראָטן ערשט דאַן, ווען די באַוועגונג איז זיך צעפאַלן. — זיין וויכטיקסטע אַרבעט זענען די 6 בענד פון „די וויכטיקסטע שטרעמונגען", וואָס נעמען-אַרום די ליטעראַטור פון די פראַנצויזישע עמיגראַנטן, די רעאַקציע אין פראַנקרייך, דעם נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד, בייראָנען מיט זיין גרופּע, די ראָמאַנטישע שול פון פראַנקרייך און „יונג-דייטשלאַנד" — איבער דעמאָזיקן ווערק האָט ער געאַרבעט משך

20 יאָר (1872—1891). זיין פאָרש-מעטאָד איז נישט אַלעמאָל שטרענג-וויסנשאַפטלעך; אָפט באַהאַנדלט ער זיינע טעמעס פּובליציסטיש, אָבער אַלעמאָל מיט זיין פייערדיקן טעמפּעראַמענט; אָפט נעמט ער אויך מאַטעריאַל פון צווייטע און דריטע הענט, פירט־אַדורך אָפטמאָל היפּאָטעזעס, וואָס שטימען נישט איינגאַנצן מיט די פאַקטן. זייער אָפט נעמט ער זיך צום מאַטעריאַליסטישן מעטאָד פון אַנאַליז; אָבער ער גייט אָפט פון אים אַוועק, דערווייזט, אַז די אידעען אַנטשטייען אָפטמאָל זעלבשטענדיק, אָן אַ מאַטעריעלן צוזאַמענהאַנג מיט דער צייט און מיט די באַדינגונגען. זיין סטיל איז מוסטערהאַפט, האַלב-בעלעטריסטיש, און אַדורכגעוואָרפן מיט גרויסאַרטיקע פאַראַדאָקסן. אין יעדער שורה פילט זיך דער סאָציאַלער אינסטינקט, דער גייסט פון אַקטיוויקייט, דער ווילן צום קאַמף. אָפטמאָל ווערן זיינע השערות איבער דער אַנטוויקלונג פון דעם אָדער יענעם שרייבער, פון דער אָדער יענער דערשיינונג, מקוים מיט דער גענויסטער פּינקטלעכקייט. באַגריסט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע און דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווו, ווי ער האָט געזאָגט, „ס'קלאַפּט דער געדאַנק פון דער האָרעפּאַשנער מענטשהייט". 1919 אַרויסגעלאָזט אַ בוך „דער צווייטער אַקט פון דער טראַגעדיע", ווו ער פאַלט שאַרף אָן אויפן ווערסאַלער טראַקטאַט. דאָס לעצטע יאָר פון זיין לעבן—אויך אַ זייער קריטיש און הויך-אַפּיקורסיש בוך איבער קריסטוסן.

אויף יידיש זענען פאַראַן אַלע וויכטיקסטע ווערק ב.ס. אין 15 בענד — אַמעריקאַנער אויסגאַבע.

בראַנט סעבאַסטיאַן (1457—1521), דייטשער הומאַניסט און דיכ-

טער. צווישן זיינע פילע כתבים איז די פּאָפּולערסטע פּאָעמע „דאָס נאַרנשיף" — אַן אַלעגאָרישע סאַטירע, ווו ער לאַכט-אויס אַלע דעמאָלטיקע „פּני" פון דער געזעלשאַפט און ווייזט־אָן אויף זייער הינטערקוליסן-שפּיל, אויף שוחד, שיכּרות, פאַלשקייט פון די גלחים, אַלכעמיקער, ריכטער. נישט געקוקט אויף דעם רעליגיעזן קאָנסערוואַטיזם, פילט זיך אָבער אין דער פּאָעמע דער אָנקום פון דער רעפאָרמאַציע.

בראַנטאָם פּיער (1527—1641), פראַנצ. אַוואַנטוריסט, דערנאָך געוואָרן אַ גלח (פריער געהייסן פּיער דע בורדייל); באַקאַנט פון זיינע באַשרייבן: „לעבן פון באַקאַנטע מענטשן און מיליטערפירער", „לעבן פון אָנגעזעענע דאַמען", וואָס האָבן אפילו נישט קיין ליטעראַרישן און קינסטלערישן ווערט, דינען אָבער פאַר אַ גלענצנדיקן קוואַלן־מאַטעריאַל צו דערלערנען די דעמאָלטיקע צייט.

בראַנטינג קאַרל היאַלמאַר (1860—1925), פירער פון דער שוועדישער ס.ד., איינער פון די פירער פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל. זינט 1884 גענומען אַן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, לכתחילה אַלס ליבעראַל און רעדאַקטער פון דער צייטונג „טידען"; 1889 מיטגעגרינדעט די ס. ד., פון דאַן אָן רעדאַגירט ביז 1917 דעם „סאָציאַלדעמאָקראַטען", אַחוץ דעם אויך 1908—1917 דעם ס. ד. זשורנאַל „טידען". זיין גאַנץ לעבן געהערט צו די מעסיקע ס. ד., און קעגן זיין ווילן ד. יאָר 1902 אָנגעפירט מיטן דריי-טאָגיקן שטרייק פאַר דעם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט; געשטרעבט צו דערגרייכן

רעפּאַרמען דורך פרידלעכע מיטלען. 1917, צוזאַמען מיט נאָך 3 ס. ד., געזעסן אין עדענס ליבעראַל־סאָצ. קאַבינעט, וואָס האָט געהאָלפן דער פינלענדישער בורזשואַזיע צו דערשטיקן די אַרבעטער־רעוואָלוציע. געשאַפן דריי ס.ד. רעגירונגען — 1920, 1921, 1924. אין דער פּראַקטישער און טעאָרעטישער אַרבעט געווען אַ וואָרער רעוויזיאָניסט. געפירט אַן אַקטיוון קאַמף קעגן די לינקע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי, געהאַלטן פון פרידלעכן אַריינגיסן זיך פונעם סאָציאַליזם אינעם קאַפּיטאַליזם אַריין, באַקעמפט די שטערונגען אין דער פּאַרטיי צו אַראָפּוואַרפן דעם קעניג און ענדערן די קאָנסטיטוציע. בעת דער מלחמה זיך אָריענטירט אויף דער אַנטאַנט, וואָס האָט אים שפּעטער הויך באַלוינט. געגעבן אַן אַמט פון שוועדנס שטענדיקן פּאַרטרעטער אין פעלקערבונד. גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם צוריקאויפבויען דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אַקטיוו געקעמפט קעגן דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געפועלט ביי קלעמאַנסאָ און לאָיד־דזשאָרדזש צו שיקן מיליטער. די לעצטע יאָרן זיך צוריקגעצויגן, אָבער געשטאָרבן ווי אַ בלוטיקער פיינד פונעם באַפרייקאַמף פון די מאַסן.

בראָנטע שאַרלאָטע (1816–1855), ענגלישע ראָמאַניסטין. אין די יונגע יאָרן געווען אַ גוווערנאַנטקע, וואָס עס האָט איר געגעבן מאַטעריאַל פאַר איר ערשטן ראָמאַן „דזשען אייר" (א. פּסד. קעיער בעל), וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג און געגעבן דעם אָנהייב פון דעם „ראָמאַן פון אַ גוווערנאַנטקע". דערנאָך זענען געקומען „שירלי", „ווילעט" — אַלץ אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען, וואָס שילדערן דאָס ביטערע לעבן פון די גוווערנאַנטקעס. ד. יאָר 1900 איז אַרויס אירס אַ זאַמלונג ווערק אין 6 בענד.

בראָניאַר אַדאָלף (1801–1876), פראַנצ. באָטאַניקער, דער באַגרינדער פון דער פילאָפּאַלעאָנטאָלאָגיע, ד. ה. דער פּאַלעאָנטאָלאָגיע (פאָרשטייונג) פון געוויקסן. זיינע אויפטוען האָבן נישט פאַרלוירן זייער ווערט אפילו היינט. געגרינדעט דעם באַרימטן נאַטור־היסטאָרישן זשורנאַל „אַנאַל דע סיאַנס נאַטירעל" (יאָרבוך פון נאַטורוויסנשאַפט), וואָס גייט נאָך אַרויס ביז היינטיקן טאָג.

בראָניעווסקי וולאַדיסלאַוו (1898 ∘), פּוילישער רעוואָלוציאָנערער דיכטער. אַדורכגענומען מיטן ראָמאַנטיזם פון פּילסודסקיס לעגיאָנען, האָט ער זיך ד. יאָר 1915 אָן זיי אָנגעשלאָסן, אָנטיילגענומען אין די פראָנטן, געוואָרן אַ קאַפּיטאַן. שפּעטער אָנגעקומען אויפן אוניווערזיטעט, דערנאָך געמאַכט אַ נסיעה איבער מערב-איראָפּע — ווו זיך אָנגעזאָפּט מיט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, אויסגעדריקט זיי אין פּראַכטפולע רעוואָלוציאָנער-לירישע לידער און פּאָעמעס. נאָך זיין ערשטן בוך „ווינטמילן" (1925) האָט אים די גאַנצע קריטיק אָנגערופן „דיכטער־באָלשעוויק". 1926 אַרויסגעגעבן, צוזאַמען מיט נאָך צוויי פּראָלעטאַרישע פּאָעטן, סט. ר. סטאַנדע און וו. וואַנדורסקי (ז.), אַ זאַמלונג „3 זאַלפן", וואָס דאָס פּראָלעטאַרישע פּוילן האָט באַגייסטערט אויפגענומען. 1928 אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער „רויך איבער שטאָט", וואָס

צייכענען זיך אויס מיט זייער פשטות און גלייכצייטיק מיט זייער דירעקטער טענדענץ. זינט סוף 1929 איינער פון די הויפט-מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן פונעם מאַרקסיסטישן „ליטעראַרישן חודש-בלאַט”. ב.ס לידער און איבערזעצונגען (באַקאַנט, צ. א., זיינע פרעכטיקע איבערזעצונגען פון יעסיענינען און מאַיאַקאָווסקין (ז.)) — ווערן דעקלאַמירט אויף כמעט יעדן פראָלעטאַרישן אָוונט אין פוילן. ב. איז אויך איינער פון די פירער פון דעם פוילישן פראָלעטאַרישן דראַמקרייז אין וואַרשע.

בראָנסקי מיעטשיסלאַוו (○1882), פוילישער רעוואָלוציאָנערער פובליציסט און טוער; געב. ביי אַ רייכן וועבער-פאַבריקאַנט, צו 20 יאָר אַריין אין דער ס. ד. פון קעניגרייך פוילן און ליטע. פריער געפירט אַ רעוואָלוציאָנערע אַרבעט צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט אין דעם גייסט, געווען אין אויסלאַנד, זינט 1905 צוריק אין פוילן, געווען קאָמיטעט-מיטגליד אין אַ ריי שטעט, אויסגעשטאַנען אַסך אַרעסטן און רעפרעסיעס. 1906 רעדאַגירט דעם צענטראַל-אָרגאַן „טשערוואָני שטאַנדאַר” (רויטע פאָן), 1907 אַוועק אין דער שווייץ, אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער דאָרטיקער ס. ד. פאַרטיי און פרעסע, ווי אויך אין דער פוילישער גרופע, אָנטיילגענומען אין דער קינטאַלער קאָנפערענץ; זינט 1917 אין רוסלאַנד, וווּ רעדאַגירט עטלעכע פוילישע אַרבעטער-צייטונגען: „טריבונאַ”, „פראַוודאַ”, פאַרנומען עטלעכע הויכע אַמטן; היינט-צוטאָג — רעדאַקטער פון דער „סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט”. — אָנגעשריבן, צ. אַ.: „די פרי-

ציש-פויערשע פאַרהעלטענישן און די פויערנפראַגע אין פוילן ד. 18טע י״ה” (דייטש, 1914), „ווער זאָל צאָלן די מלחמה-חובות?” (דייטש, פסד. מ. בראַון), „פראָבלעמען פון עקאָנאָמישער פאָליטיק” (רוסיש) א. אַנד.

בראָנען אַרנאָלד (○1895), דייטשער דראַמאַטורג, עקספרעסיאָניסט. באַשעפטיקט זיך דאָס רוב מיטן פראָבלעם פון געשלעכטלעכער פאַטאָלאָגיע. די באַקאַנטסטע: „די עקסצעסן”, „די געבורט פון דער יוגנט”, „פאָטערמאָרד” — וואָס האָט בעתן אויפפירן (1922) אַרויסגערופן גרויסע סקאַנדאַלן.

בראָסע מאַרי פעליסיטע (1802—1880), אָנגעזעענער שפראַכפאָרשער, בעיקר איבער גרוזיע, אַרמעניע, כינע א. אַנד. אָנגעשריבן 271 ווערק איבער פילאָלאָגיע, וואָס אַסך פון זיי פאַרנעמען צו עטלעכע בענד. דער אייגנטלעכער באַגרינדער פון דער גרוזינישער גראַמאַטיק און פילאָלאָגיע. אָנגעשריבן אויך ערשטראַנגיקע ווערק איבער דער געשיכטע פון דידאָזיקע לענדער.

בראָקאַ פאָל (1824—1880), פראַנצ. אַנטראָפאָלאָג און כירורג, געשאַפן ספעציעלע אינסטרוקציעס צום אויסמעסטן אויף אַ לעבעדיקן מענטשן און אויף אַ שאַרבן; געגרינדעט דעם ערשטן אַנטראָפאָלאָגישן זשורנאַל „אַנטראָפאָלאָגישע רעוויו”, געגרינדעט אַ גרויסן אַנטר. מוזיי אויף זיין נאָמען. זיינע וויכטיקסטע פאָרשונגען באַציִען זיך צו דעם שאַרבן, צום פנים, צו ירושה, פאַרהיסטאָרישער אַרכעאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע. ער האָט אויך אַנטדעקט דעם אַ. ג. „בראָקאַס צענטער”— דעם באַוועגלעכן צענטער פון שפראַך

אין דער הויט פון די גרויסע האַלבֿ־קוילן אין מוח. אָנגעשריבן, צ. אַ.: „אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען“, „איבער דעם פיזישן כאַראַקטער פונעם פאַר־היסטאָרישן מענטשן“ א. אַנד.

בראַק זשאָרזש (1882 ○), פראַנ־צויזישער מאָלער, איינער פון די שע־פער פונעם קוביזם, מיט אַ נייגונג צום עסטעטיזם און דעקאָראַטיוויקייט. האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די מאָדערנע שטרעמונגען און זוכע־נישן אין דער קונסט.

בראַק, פס״ד פון אַלעקסאַנדער דערוסאָ (1861 ○), פראַנצ. געלער־טער און סאָציאַליסטישער טוער, אַ זון פונעם דיכטער דערוסאָ. פירער פון דעם לינקן פליגל אין דער פאַרטיי, געווען עטלעכע מאָל דעפּוטאַט אין פאַרלאַמענט, 1924 אַליין אַראָפּגענומען זיין קאַנדידאַטור. באַקאַנט פון זיינע אַרויסטרעטן קעגן דעם אָנטייל פון די סאָציאַליסטן אין די בורזשואַזע רעגי־רונגען. מחבר פון זייער אַסך בראָ־שורן און אַרטיקלען אין סאָציאַליסטי־שע זשורנאַלן און טאָגבלעטער. אים געהערט אויך אַ ריי אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון דער גריכישער ליטעראַטור. פאָרזיצער פון דער „געז. א.ג. פון ג. פלעכאַנאָוו“.

בראַקאָ ראָבערטאָ (1861 ○), איטאַליענישער דראַמאַטורג. לכתחילה געווען אַ ציַיטונג־רעפּאָרטער, דערנאָך אַריבער צו דראַמע, וואָס האָט אים געמאַכט שטאַרק פּאָפּולער אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אָנגעהויבן פון נאָכ־מאַכן די פראַנצ. קאָמעדיע, איז ער ביסלעכווייז אַריבער צו ערנסטערע פסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, ווי אין זיינע „מאַסקעס“, „די אומגעטרייע“,

„דער נצחון“ — אין וועלכע דאָס פּראָבלעם פון אומגעטרייִשאַפט צווישן מאַן און פרוי ווערט באַהאַנדלט אויף ריין־עטישער פלאַך. „דאָס רעכט אויף לעבן“ באַהאַנדלט דעם צוזאַמענשטויס פון אינטעליגענטער אַרבעט מיט קאַ־פּיטאַל, אָבער ער דערפירט אים נישט צום סוף און לאַווירט אויף דער הייך פון קליינבירגערלעכער סאָציאַלער פי־לאָזאָפיע. זייער אינטערעסאַנט איז זיין „קליינער הייליקער“ — אַ פרווו פון פסיכאָ־אַנאַליטישער דראַמע.

בראָקהאַוז, דער גרעסטער דייטשער פאַרלאַג און בוכהאַנדל, געגרינדעט 1805 דורך פרידריך אַרנאָלד ב. די צאָל אויסגאַבן איז קרוב 10.000. וועלטבאַרימט זענען די ענציקלאָפּעדיעס און לעקסיקאָנען פון אַלע וויסנצווייגן, וואָס דער פאַרלאַג האָט אַרויסגעלאָזט און גיט נאָך ביז היינט אַרויס. אַזוי האָט ד. יאָר 1930 אָנגעהויבן אַרויס־צוגיין אַ באַנייטער, פאַרמערטער „גרוי־סער ב.“, וואָס איז אויסגערעכנט אויף 20, דורכשניטלעך 1000זייטנדיקע בענד, וואָס מיט זיין גרינדלעכקייט, זאַכלעכ־קייט און אויסערלעכן אויסזען פאַר־נעמט ער פון די ערשטע ערטער. דער בוכהאַנדל (געפינט זיך אין לייפּציק) האָט אויף קאָמיסיע דעם פאַרקויף פון אַרום 250 גרעסטע פאַרלאַגן אין לאַנד און אין אויסלאַנד. היינט־צוטאָג גע־הערט די פירמע צו פריץ און האַנס ב.

בראָקעס בערטהאָלד היינריך (1680—1747), דייטשער דיכטער. זיין וויכטיקסט בוך „ערדיש פאַרגעניגן אין גאָט“ איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָפּטימיסטישער האָפערדיקייט פון

דער דעמאָלטיקער בורזשואַזיע. אָנגעשריבן אויך עטלעכע ביכער לידער.

ברוגש היינריך (1827—1894), באַקאַנטער דייטשער עגיפּטאָלאָג און אַרכעאָלאָג, געפירט אַ קאָלאָסאַלע פאָרש- און אויסגראָב-אַרבעט. באַרימט איז געוועזן זיין „געשיכטע פון מצרים ביי די פּרעהס", „היעראָגליפיש-דעמאָטיש ווערטערבוך" (7 בענד), „געאָגראַפיש ווערטערבוך פון אַלטן מצרים" (3 בענד).

ברוין לאַורידס וואַלדעמאַר (1864 ∘), הייַנטצייטיקער דענישער שרייבער; געשטאַמט פון אַ פריצישער היים, פון גרויס יחוס, נאָר אַליין געוועזן אַ יורד. אין זיינע ערשטע ווערק חלומט ער טאָקע איבער דער פריציש-פעאָדאַלישער גוטער צייט און דער קאָלאָניאַלער מאַכט. זיינע ווערק פון יענער צייט: „די קרוין", „דער קעניג פון אַלע זינדיקע", „די לעגענדע איבער אבשלומען", „דער לעצטער פרייער ערדפּיטערער". שפּעטער פאַרנעמט ער זיך מיט די היינטיקע פּראָבלעמען, שרייבט-אָן אַ באַרימטן ציקל ראָמאַנען אויפן סמך פון זיינער אַן אייגענער רייזע, „די מסעות פון וואַן-צאַנטען": „וואַן-צאַנטענס גליקלעכע טעג", „וואַן-צאַנטענס גליקלעכער אינדזל", „די באַטריבטע אלמנה", „וואַן-צאַנטענס פּאַסירונגען" (1926). דערדאָזיקער ציקל איז אַ מייסטערישער געמיש פון פאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט, אָביסל רעאַקציאָנעריש באַפאַרבט, פון פיינער קענטעניש פון דער נאַטור א. א. וו. אין דייטשלאַנד, למשל, האָבן די ערשטע 2 ביכער פונעם ציקל אויסגעהאַלטן צו איבער 200 אויפלאָגן. באַקאַנט זענען אויך, אויסער דעם ציקל: „דער אייביקער", פון „דער משפּחה ביגן", „פּאַן" און „חצותדיקע זון".

ברוינשטיין מיעטשיסלאַוו, פסד. מ. **בראַון** (1901 ∘), הייַנטצייטיקער פּוילישער דיכטער, געהערט צו דער לינקער גרופּע פון „סקאַמאַנדער". 1923 אָנגעשריבן אַ קליינע פּאָליטישע גראָטעסק „די באָמבאַרדירונג פון אייראָפּע", וואָס איז מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויף אַסך פּוילישע און יידישע אַרבעטער-בינעס. 1926 אַרויסגעגעבן אַ בוך „מלאכהס", ווו ער זינגט אַ ליב צו אַלערהאַנט פיזישער אַרבעט. 1930 אָנגעשריבן אַ ראַדיאָ-אוידיציע „שמועס מיטן מאַרס".

ברוך מאַקס (1838—1920), באַקאַנטער דייטשער קאָמפּאָזיטער, פאַרפאַסט אַ ריי קאַמעראַלע, סימפאָנישע און כאָראַלע שאפונגען, ווי אויך 3 אָפּערעס. זיין מוזיק צייכנט זיך אויס מיט איר מעלאָדישקייט און פּאָפּולערקייט. באַרימט איז זיין פידל-קאָנצערט G-Moll און דער ניגון פאַר וויאָלאָנטשעל און אָרקעסטער צו „כל-נדרי", וואָס ווערט נאָך ביז היינט אויסגעפירט אין די „אייראָפּעישערע" שולן און בתי־תפילה.

ברונאָ דזשאָרדאַנאָ (1548—1600), איינער פון די גרעסטע פילאָזאָפן פונעם רענעסאַנס, קעמפער פאַר אַ נייער, גאָטלאָזער וועלט־אָנשויונג. אין דער יוגנט געווען אַ מאָנאַך, נאָר גיך געוואָרן אַן אפּיקורס און אַנטלאָפן. אַרומגעוואַנדערט איבער כמעט גאַנץ מערב-אייראָפּע, אומעטום געהאַלטן דרשות און לעקציעס איבער דער נייער וועלטאָנשויונג, אויסגענוצט קאָפּערניקס (ז.) אַנטדעקונגען אויף צו באַגרינדן זיין לערע, וואָס איז אין אַסך פּרטים אויך ענלעך צו אונדזער

אָנשוידונג. 1592 זיך אומגעקערט קיין איטאַליע, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער ווענעדישער, און שפּעטער רוימישער אינקוויזיציע, וואָס האָט אים 7 יאָר געפּייניקט אין אירע קעלערס, אָבער דאָס האָט נישט געמינערט זיין איבערצייגונג און דרייסטקייט („ס'קאָן זייער מעגלעך זיין, אַז איר גיט אַרויס אייער אורטייל מיט מער מורא, ווי איך נעם אים אויף") און דאַן האָט מען אים 17 פעב. 1600 פאַרברענט לעבעדיקערהייט אין רוים, אויף קאַמפּאָ דעי פיאָרי. — ב. איז געווען איינער פון די טאַלאַנט־פולסטע פאָרשטייער פון יענעם קאַמף, וואָס די פּראָגרעסיווע שיכטן אינדוס־טריעלע און קאָמערציעלע בורזשואַזיע האָבן געפירט קעגן דער דיקטאַטור פון דער קירך. ער האָט דערוויזן, אַז די זון איז נישט דער צענטער פונעם גאַנצן וועלטאַל, נאָר בלויז פון אונ־דזער סיסטעם, אַז ס'איז נישטאָ קיין „קרישטאָלענע ספערן", ווו די שטערן העגנען אומבאַוועגלעך; ער צעברעכט די „ווענט פון דער וועלט" און ווייזט־אויף די סופלאָזיקייט פונעם חלל. די שטערן, וואָס מיר זעען זיי אומבאַ־וועגלעך — דאָס זענען זונען פון אַנ־דערע סיסטעמען. אַזוי האָט ב. אויך אין דער פילאָזאָפיע געלייגט דעם גרונטשטיין פאַרן פּאַנטעיזם, ווייזט־אָן, אַז גאָט איז נישט דער כוח, וואָס זיצט אויבן און רעגירט דאָ אונטן, נייערט ער איז דער גייסט, וואָס איז פאַראַן אומעטום; די מאַטעריע איז נישט קיין צווייטראַנגיקער, נאָר אַ גלייכבאַרעכטיקטער גליד אין דעם געבוי פון דער וועלט. אין זיין ווערק „איבער דער סיבה" רייסט ב. דרייסט אַרונטער דעם מאַנטל פון קלאָמערש־טער וויסנשאַפטלעכקייט ביי די דע־

מאַלטיקע קירך־פירער. ב. האָט אויך באַגרינדעט (אויף אַן אָריגינעלן אופן) די טעאָריע פון טעזע—אַנטיטעזע, ווייזט־אויף, אַז צווישן די סתירות איז פאַ־ראַן אַ טיפע אינערלעכע שייכות. אַזוי־אַרום איז ב. איינער פון די פאָדער־שטע מענטשן פון זיין דור. פון זיינע וויכטיקסטע ווערק: „איבער דער סיבה, אָנהייב און איינציקן", „איבער דעם אין־סוף, דעם חלל און וועלטן", „דאָס פאַרטרייבן די טריאומפירנדיקע חיה", „איבער דעם דרייערלייאיקן קלענסטן און איבער דער מאָס", „איבער דעם מאָנאַד, צאָל און ציפער", „איבער די אָנהייבן, עלעמענטן און סיבות פון זאַכן".

ברוני לעאָנאַרדאָ (1369—1444), איינער פון די בעסטע פאָרשטייער פון איטאַליענישן הומאַניזם, זייער אַ פרוכטבאַרער שרייבער; געשריבן לי־דער און קאָמעדיעס, דיאַלאָגן און פּאַמפלעטן, פילאָזאָפישע, פּעדאַגאָגישע און מאָראַלישע טראַקטאַטן, געשיכטע און ביאָגראַפיע, איבערגעזעצט אַ רייִ גריכישע פילאָזאָפן אין לאַטיין. אָפּ־געשפּיגלט די וועלטלעכע שטרעמונגען פון זיין צייט: ער האָט זיך נישט געשטעלט קעגן דער רעליגיע, נייערט קעגן די כלי־קודש, האַלט־הויך דעם שכל, פאָדערט צו דערציען אויך דעם קערפּער. אין זיינע היסטאָרישע ווערק איז ער שטרענגער וויסנשאַפטלער, גרענעצט זיך אָפּ פון די מסורות און מעשיות. צומיינסט באַקאַנט איז זיין 12בענדיקע „געשיכטע פון פלאָרענץ, זינט איר אַנטשטיי ביז 1402".

ברונעטאָ לאַטיני (1210—1295), איטאַליענישער שרייבער. אויף פּאָלי־טישער עמיגראַציע אין פראַנקרייך אַנ

געשריבן זיין באַרימטן „בוך פון אוצרות" — אַ מין כל־בו, ווו ס'זענען געווען אָפּגעשפּיגלט אַלע דעמאָלטצייטיקע קענטעניש איבער געשיכטע, פילאָזאָפיע, פיזיק, מאָראַל. דאָס בוך איז געווען שטאַרק פּאָפּולער, און אפילו דאַנטע דערמאַנט עס אין זיין „געטלעכער קאָמעדיע" (גיהנום, 15 ליד). אין דער פרעמד אָנגעשריבן נאָך אַ צווייט בוך „קליינער אוצר" — אַ נסיעה פונעם מחבר איבער די מדינות פון נאַטור, רעכטפאַרטיקייט און ליבשאַפט.

ברוס פּאָל (1912—1854), פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער טוער, פון פאַך — אַ דאָקטער. פאַרן אָנטייל אין דער פּאַריזער קאָמונע 1871 פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה, אָבער אַנטלאָפן קיין שפּאַניע, שפּעטער — קיין שווייץ. זיך דערנענטערט צו באַקונינען און געוואָרן אַן אַנאַרכיסט; אַקטיוו געאַרבעט, אָנגעשריבן עטלעכע בראָשורן איבער דעם, גערופן צו אינדיווידועלן טעראָר איבער די „געקרוינטע מערדער". שפּעטער זיך באַקענט מיט מאַרקס און ענגעלס, געוואָרן אַ סאָציאַליסט, אָבער נאָכן אומקערן זיך קיין פראַנקרייך, געוואָרן דער פירער פון די רעפאָרמיסטן, העפטיק באַקעמפט די פּאַרטיי־פּראָגראַם פון ג ע ד און ל אַ פ אַ ר ג (ז.). 1882 געשפּאָלטן, צוזאַמען מיט אַלמאַנען (ז.), די פּאַרטיי, בראש פון אַסך אָנהענגער געשאַפן די ריכטונג „פּאָסיביליסטן", וואָס האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן, 1905 זיך אומגעקערט צו דער פאַראייניקטער סאָצ. פּאַרטיי און זינט 1906 ביזן טויט געווען דעפּוטאַט. איינער פון יענע, וואָס האָבן איבערגעגעבן די סאָצ. באַוועגונג אין פראַנקרייך אין אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. ער האָט אַזוי געטענהט: יעדע פאָרעם אינדוסטריי אין דער קאַפּיטאַל. אָרדענונג דערגייט צו מאָנאָפּאָל; מאָנאָפּאָל, ווידער, גייט איבער צו דער מלוכה אין די הענט. אַזוי־אַרום קאָן מען, אָן געוואַלטזאַמע טרייסלען, אויך אַריבערנעמען די אינדוסטריי אין מלוכישע הענט. אָנגעשריבן, צ. אַ.: „דער מאַרקסיזם אינעם אינטערנאַציאָנאַל", „די געמיינזאַמע ווירטשאַפט און די געזעלשאַפטלעכע דינסט" א. אַ. וו.

ברופּבאַכער פ ר י ץ (1875°), שווייצאַרישער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער, פונעם באַרוף — אַ דאָקטער־מעדיצין. זינט 1898 אָנגעהויבן פירן אַ ס. ד. אַרבעט, פריער — בלויז אַ קולטורעלע, שפּעטער — אַ פּאָליטישע. 1900 אַרויסגעגעבן אין לינק־סאָציאַליסטישן גייסט אַ זשורנאַל פאַר דער יוגנט „די יונגע שווייץ", 1903 פאַרן אָפּדרוקן דעם איצט־באַרימטן אַרטיקל מיט אַ שאַרפער קריטיק פונעם צ. ק. ס. ד. — אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון איר, געפירט דערנאָך אַ קאַמף קעגן דער אָפּאָרטוניסטישער ס.ד.; זינט דעם אַנטשטיי פון דער ק. פּ. — אירער אַן אַקטיווער מיטגליד, רעדאַקטער פון איר אָרגאַן „דער קעמפער". אַחוץ אַ ריי פּאָפּולערע בראָשורן איבער מעדיצין און אַרבעטער־היגיענע, אויך אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי פּאָליטישע עטישע אַרבעטן, אויף וועלכע ס'איז קענטיק אַנאַרכיסטישער איינפלוס, ווי, למשל, זיין גרויס בוך „מאַרקס און באַקונין" (געשיכטע פון 1טן אינטערנאַציאָנאַל), „איבער דער מאָראַל, אַפּאָריזמען", „דער מענטש" א. אַנד.

ברוק ריפּערט (1887—1915), ענגלישער דיכטער, בעת דער לעצטער מלחמה אַריין פּרייוויליק אין דער אַרמיי און אומגעקומען פון בלוטפאַרגיפטונג. געווען דער לייטנדיקער גייסט פון דער דיכטערגרופּע „געאָרגיאַנער"; באַקאַנט איז זיין ביכל „פּאָעמעס" (1911), ווי אויך „1914" — אַ גרויסע פּאָעמע איבער דעם מאַרטירערטויט פון דער לעבנסלוסטיקער יוגנט אויפן שלאַכטפעלד. דאָס לעצטע בוך האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג.

ברוקער לואי דע (1870°), ליידער פון די בעלגישע סאָציאַליסטן; געב. אין אַ רייך הויז, צו עטלעכע און 20 יאָר אַריין אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. רעדאַגירט באַלד אַן אַנטימיליטאַריסטישן זשורנאַל „דער רעקרוט", פאַרמשפט געוואָרן צו אַ האַלב יאָר תפיסה. די ערשטע צייטן געהערט צום לינקן פליגל, געהאָלפן די ,רוסישע רעוואָלוציאָנערן, גערופן דעם בעלגישן אַרבעטערקלאַס זיך צו לערנען ביי די רוסן. 1911, צוזאַמען מיט דע מאַנען (ז.), אַרויסגעלאָזט אַ ביכל, וווּ ס׳ווערן שאַרף קריטיקירט די רעפאָרמיסטישע אָפּנייגן אין דער בעלגישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט אויך העפטיק באַקעמפט דעם אָנטייל פון דער פּאַרטיי אין אַ בירגערלעכער רעגירונג. בעת דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה אַריבער אין לאַגער פון די סאָציאַל־שאָוויניסטן, אַרומגעפאָרן איבער די אַנטאַנט־מלוכות און דערמוטיקט צו מלחמה. זינט דער ווידערגרינדונג פון 2טן אינטערנאַציאָנאַל — מיטגליד פון זיין אויספירקאָמיטעט, עטלעכע מאָל געווען מיניסטער אין די קאָאַליציע־קאַבינעטן, באַ־

קעמפט די לינקע ריכטונג אין לאַנד — אויף אַלע מעגלעכע אופנים; שטענדיקער דעלעגאַט פון בעלגיע ביים פעלקערבונד, וואָס ער האַלט פאַר „אַ געווער פון שלום". — אָנגעשריבן עטלעכע ביכער איבער דער אַרבעטער־באַוועגונג אין בעלגיע, 1925 — „די קאָנטער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד".

בזשאָזאָווסקי סטאַניסלאַוו לעאָפּאָלד, פּס"ד: „אַדאַם", „טשעפּיעל" (1876 — 1911), פּוילישער ליטעראַטור־קריטיקער און שרייבער. געסימפּאַטיזירט אַ לענגערע צייט מיט דער פּוילישער ס. ד. פון קעניגרייך פּוילן און ליטע, געפירט אַ העפטיקן ליטעראַרישן קאַמף (אין וואַרשע) אין דעם ראַדיקאַלן זשורנאַל „גלאָס" (די שטים) מיט אַלדאָס אַלטע, שוואַרצע, נאַציאָנאַליסטישע און קלעריקאַלישע אין דער פּוילישער ליטעראַטור, אָנגעמאַכט אַ שטורעם מיט זיין בייסנדיקער קריטיק איבער הענריק שענקעוויטש (ז.) — דעם אָפּגאָט פונעם פּוילישן בירגערטום. — אויף זיינע אַרטיקלען דערצויגן אַ דור סאָציאַליסטישער יוגנט. אָבער שוין זינט 1905, אין די יאָרן פון רעאַקציע, זיך ביסלעכוויינז צוריקגעצויגן פון די פּאָזיציעס, זיך דערנענטערט צו פּ.פּ.ס. מיט איר נאַציאָנאַליזם, אָנגעהויבן פּרעדיקן ניי־קאַטוילישקייט. אין זיין „לעגענדע פון יונג־פּוילן" (1910) דריקט זיך טאַקע אויס זיין אידעאָלאָגישער פּלאָנטער. באַקאַנט איז זיין ראָמאַן „פלאַמען", וווּ ס׳שפּיגלט זיך אָפּ ווירקלעכע רעוואָלוציאָנערע ליידנשאַפט מיט אידעישער אומקלאָרקייט. זאָל האָבן, אין די סטודענטישע יאָרן, געמאַכט אין דער זשאַנדאַרמעריע אַ ריי אַנטהילונגען איבער דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט

און איבער איינצלנע טועך. בורצעוו (ז.) באַווייזט אַפילו, אַז ב. האָט גענומען געלט פון דער רוסישער אָכראַנע און גיט־אָן אָריגינעלע קבלות. דאָס צווישן־פּאַרטייאישע געריכט אין קראָקע ד. יאָר 1910 האָט אים אָנערקענט פאַר שולדיק, נאָר די ליטעראַרישע וועלט וויל עס נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט אָנערקענען און האַלט, אַז עס איז אַן אויסטראַכטעניש.

אויף יידיש: „פלאַמען״.

בריאַ־סאַוואַרען אַנסעלם (1826–1755), פראַנצ. שרייבער, איבערצייגטער מאָנאַרכיסטישער טוער. 1792, פאַר דער רעוואָלוציע אַנטלאָפן קיין שווייץ און צוריקגעקומען ערשט נאָכן 18טן ברימער. אָנגעשריבן נישט לאַנג פאַרן טויט אַ קלאַסישע „פיזיאָלאָגיע פון געשמאַק״ — אַ טראַקטאַט, געווידמעט די פראַגן פון ראַציאָנעלער שפּייזונג, אָנגעשפּיקעוועט מיט אַפאָריזמען, אַנעקדאָטן, סתּם מעשהלעך און אַפילו לירישע לידער. דאָס בוך האָט מיט זיין לייכטן סטיל געהערט צו די פּאָפּולערסטע ביכער און איז איבערגעדרוקט געוואָרן לערך אַ 20 מאָל.

בריאַקסיס (צווייטע העלפט 4 י״ה פאַר קר.), גריכישער סקולפּטער, געאַרבעט ביים באַפּוצן דעם מאַוזאָליי אין האַליקאַרנאַס. באַקאַנט אָבער בעיקר זיין סטאַטוע פון סעראַפּיס אין דעם טעמפּל אין אַלעקסאַנדריע (שפּעטער צעבראָכן געוואָרן דורך קריסטלעכע קנאים). דאָס איז געווען אַ קלאַסישע אַרבעט, וואָס אויף איר אופן האָבן זיך געלערנט אַ ריי שפּעטערדיקע סקולפּטערס.

בריגס הענרי (1630–1556), ענגלישער מאַטעמאַטיקער, אָנגעווענדעט די

לאָגאַריטמען, דאָס צענער־סיסטעם ; פאַראַן אויף זיין נאָמען „בריגישע לאָגאַריטמען״. אַרויסגעגעבן עטלעכע טאָוולען לאָגאַריטמען, וואָס זענען אויסגערעכנט מיט דער גענויאיקייט ביז 14 צענטל־צייכנס.

ברידזשעס ראָבערט (1844 ◦), ענגלישער דיכטער, באַקאַנט פון זיין פּשוטן, רויען, רויקן טאָן אין זיין פּאָעזיע, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף דעם יינגן דור דיכטער. פון זיינע פילע לידער־זאַמלונגען זענען די וויכטיקסטע: „פּראָמעטעוס״, „עראָס און פּסיכע״, „קליינע לידער״, „אָקטאָבער״ (1920). געשריבן אויך דראַמען, קאָמעדיעס, פילאָלאָגישע פאָרשונגען. איז אַן אָנהענגער פון אַריינפירן דעם בוי פון דער אומגאַנגשפּראַך אין דער דיכטונג.

בריואַן אַריסטיד (1851 ◦) (נישט דער פראַנצויזישער מלוכהמאַן) פראַנצ. דיכטער ; אָנגעהויבן זיין קאַריערע אין די מאָנמאַרטרער שענקלעך, ווי אַ זינגער פון זיינע אייגענע שאַפונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס, און ווי גראָבער טאָן און סתּם פּאָרנאָגראַפיע זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט טיפן מענטשלעכן מיטלייד צו די קרבנות פון דער בורזשואַזער וועלט — גאַסנפרויען, גנבים, אַפּאַשן א.אנד. וועגן די אַרבעטער רעדט ער אויך מיט רחמנות, נישט אינעם טאָן פון רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט. סוף כּל סוף אַריבער אין רעאַקציאָנערן לאַגער. באַקאַנט, צ. אַ., זיין זאַמלונג „אין דער גאַס״.

בריולאָוו קאַרל (1852–1799), רוסישער מאָלער, געשטודירט אין איטאַליע. זיין באַרימטסט ווערק איז

האָנאָרע דע באַלזאַק

זשאָרזש ביזע

וויסענטע בלאַסקאָ איבאַנעז

שאַרל באָדלער

(קאַריקאַטור)

בילדער פון די ווייטערדיקע בענד

היינריך היינע


RULES

OF THE

International Working Men's

Association.

FOUNDED SEPTEMBER 28TH, 1864.

LONDON:

PRINTED BY THE WESTMINSTER PRINTING COMPANY,

132, DRURY LANE, LONDON, W.C.

שער־בלאַט פונעם סטאַטוט פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, 1864.

צו דער מאָנאָגראַפיע: קאַרל מאַרקס

„עקצע האָמאָ“

דאָס איז דער בּירגערלעכער מענטש, מישטיינס געזאָגט. ער רעגירט עס מיט דער וועלט!

צו דער מאָנאָגראַפיע: געאָרג גראָש

„די לעצטע טעג פון פּאָמפּיי“, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ רײ נאָכמאַכונגען. געשאַפן אין דער געשיכטע פון דער רוסישער מאָלערײ אַ ספּעציעלע שול — בריולאָווצעס, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען: אָרלאָוו, פּיאָטראָווסקי און קאַפּקאָוו.

בריוסאָוו וואַלערי (1873–1924), גרויסער רוסישער דיכטער און בעלעטריסט, איינער פון די גרעסטע ד. הײנטיקע י״ה. זינט די יונגע יאָרן זיך אַרומגעטראָגן מיט ראַדיקאַלע אידעען, שוין צו 13 יאָר זיך געהאַלטן פאַר אַ דיכטער, געשריבן לידער שוין אין שול. אונטערן איינפלוס פון דער פּאָעזיע פון מאַלאַרמע און ווערלען, באָדלער (ז.), געקומען זיך צו סימבאָליק, אַרויסגעלאָזט 3 זמ״ב „רוסישע סימבאָליקער“, געוואָרן דער וואָרטפירער פון דעם רוסישן סימבאָליזם; רעדאַגירט זייער אָרגאַן „וואָג“, 1904, מיטגעאַרבעט אינעם „רוסישן געדאַנק“, געווען בעת דער לעצטער מלחמה פראָנט־קאָרעספּאָנדענט פון די „רוסקיע וויעדאָמאָסטי“ (רוסישע ידיעות). אין די ערשטע צייטן נאָך דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג באַזונגען אין זײנע לידער די רעוואָלוציע פון 1905, די „העלדישע הונען“, וואָס וועלן אומברענגען די פאַרשאָלטענע בורזשואַזע קולטור. נאָך אַ לענגערער צייט פון יאוש, פּאַטריאָטישע טעמעס (1908–16) זיך ווידער געשטעלט אין דינסט פון דער רעוואָלוציע, און הגם נישט געקאָנט איינגאַנצן אידעאָלאָגיש פאַרדײען דאָס נײע, דאָך — אומבאַוווסטזיניק מיטגעגאַנגען מיט זײן „בראָנדזענעם טאָן“ מיט די פּראָלעטאַרישע פּאָעטן. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיך גע-

שטעלט אויף איר זײט, געהאַט אַ רײ ליטעראַרישע און קולטורעלע, בילדונג־אַמטן, געגרינדעט דעם ערשטן „העכערן ליטעראַריש־קינסטלערישן אינסטיטוט“ — אַ הויכשול פאַר ליטעראַטור. — ער האָט דער ערשטער איינגעפירט אין רוסיש דעם פרייען פערז. אָנגעשריבן אויך עטלעכע ראָמאַנען („מזבח פון ניצחון“, „פייערדיקער מלאך“, „דאַשעס פאַרלאָבונג“ — אַ בילד פון זײן פאָטער א. אַנד.), איבערגעזעצט אַ גאַנצע רײ קלאַסישע ווערק — מעטערלינק, ראָלאַן, געטע, אויילד, אַרמענישע דיכטער, עדגאַר פּאָ, ווערגיל, מאָליער, א. אַנד. ער איז אויך געווען איינער פון די אָריגינעלסטע און געוואַגסטע קריטיקער פון זײן צייט.

בריוסטער דוד (1781–1868), ענגלישער פיזיקער, געמאַכט אַ רײ אַנטדעקונגען אויפן געביט פון פּאָלאַרער לייכטונג; אויף זײן נאָמען איז פאַראַן איין געזעץ פון דעם צווייג. האָט אויך דעם גרעסטן אָנטייל אין דער דערפינדונג פונעם קאַליידאָסקאָפּ, געפאָרשט אַ סיסטעם פון ים־טורעמס און אַרײנגעפירט אַ רײ נײס.

בריזאָן פּיער (1878–1923), פראַנצ. סאָציאַליסטישער פּובליציסט און פּאָליטישער טוער. זינט 1910–1919 מיטגליד פון פּאַרלאַמענט; פאָרגעלייגט צו שטימען קעגן די קריג־קרעדיטן נאָר דאַן, ווען די דייטשע ס.ד. וועט אויך זײן קעגן זיי. ווי אַ קעגנער פון דער מלחמה, אָנטיילגענומען אין קינטאַלער קאָנפערענץ, אויסגעשטאַנען רדיפות מצד דער מאַכט. 1918 אַרויסגעגעבן אַ ראַדיקאַלן זשורנאַל „די כוואַליע“, וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער בײ די פראָנטזעלנער. 1921 אַרײן אין דער

קאָמפּאַרטײ, נאָך 3 יאָר צוריק אַרויס. אָנגעשריבן „געשיכטע פון דער אַרבעט און פון די אַרבעטער", ווי אויך דעם 8טן באַנד פון דער סאָציאַליסטישער ענציקלאָפּעדיע: „קאָאָפּעראַציע".

ברײ דזשאָן פרענסיס, ענגלישער סאָציאַל. דענקער די 30—40ער יאָרן 19טע י"ה, אַ נאָכגײער פון אָוּען (ז.). אָנגעשריבן אַן אײנפלוסרײך בוך „אומגערעכטיקײטן לגבי דער אַרבעט און דאָס מיטל זײ אויסצובעסערן, אָדער דאָס י"ה פון כּוח און דאָס י"ה פון געזעץ" — פירט דאָרט אַדורך אַ גענויע אַנאַליז פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פונעם אַרבעטער, פּראָיעקטירט, צ. אַ., אָפּצושאַפן דאָס געלט, שאַפן „אַרבעט-באַנקעס", „באַזאַרן פון גערעכטיקן אויסטויש", „פּראָדוציר-געזעלשאַפטן" — און אַזויאַרום דערפירן, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן און דאָס נאָר 5 שעה אַ טאָג. כאַראַקטעריסטיש, אַז ב. גלויבט שוין נישט, ווי אָוּען, אין דעם גוטן האַרצן פון די אַריסטאָקראַטן, ווי אויך ער זאָגט נישט „אַרבעטנדיקע קלאַסן", נײערט ער רעדט וועגן אײן אַרבעטערקלאַס. ער האָט אויך אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אַן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל.

ברײ טשאַרלז (1811—1884), אַ צווײטער אָוּענשער נאָכגײער, אַ זון פון אַ פאַבריקאַנט. 1841 פאַרעפנטלעכט זײן וויכטיקסטע אַרבעט: „די פילאָזאָפיע פון דער נויטווענדיקײט". אָנטײלגענומען אין אָוּענס קאָמונע, געגרינדעט אַ רײ אַרבעטער־פאַרײנען. אחוץ אָוּענען אויך זיך שטאַרק איבערגענומען מיט די אידעען פון טאָמאַס קאַרלײל (ז.), אָנגעווענדט זײן הומאַניטאַרישע לערע אויף דעם גע-

ביט פון דער קומענדיקער וועלט־אָרדענונג.

ברײגעל פּיטער (1525—1559), האָלענדישער מאָלער, באַהאַנדלט אין זײנע לײוונטן אַ שפע טעמעס. פאַראַן צווישן זײ סײ רעליגיעזע, סײ שטײגערישע, סײ מוסר־סצענעס, סײ פּשוטע פײזאַזשן. אויסגעצײכנט אויך אַ מוסר־סעריע פלאַמאַנדרישע שפּריכווערטער, אָפּגעשפּיגלט אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן דעם געמיט און גײסט־צושטאַנד פון זײן צײט.

ברײזיג קורט (°1866), דײטשער היסטאָריקער און סאָציאָלאָג, אָנגעשריבן אַ רײ וויכטיקע אַרבעטן, צ. אַ., אויך „די געשיכטע פון אײראָפּע" אין דער לעצטער צײט און „די געשיכטע פון דער מענטשהײט", ווי אויך „די געזעצן פון דער וועלט-געשיכטע". ב. איז דער פאָרשטײער פון דער אַ. ג. „פּסיכאָלאָגישער" שול, וואָס באַהאַנדלט די געשיכטע כּמעט ווי אָפּגעריסן פונעם עקאָנאָמישן פאַקטער, נײערט שטיצנדיק זיך אויף די פאַקטן, וואָס נעמען זיך פון דער פּסיכיק פון דער געגעבענער געזעלשאַפט.

ברײטשײד רודאָלף (°1874), דײטשער ס. ד., פאַרנעמט זיך זײנט זײנע גאָר־יונגע יאָרן מיט פּובליציסטיק. געווען ביז 1910 מיטגליד פון דער ליבעראַלער פאַרטײ, סעקרעטאַר פון דער „געזעלשאַפט פון האַנדלס־אָפּמאַכן" — אַ גרויס־קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע צו שיצן דעם האַנדל. 1912 זיך איבערצײגט אין דער לעבנסלאָזיקײט פון זײן „דעמאָקראַטישער פאַרײניקונג" און זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ס. ד., ווו זיך גלײך באַקומען אַ רײ הויכע אַמטן, צווישן זײ — פון רע-

דאַקטער פון דער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פרעסע־קאָרעספּאָנדענץ", וואָס האָט געזייט רעפאָרמיזם צווישן די אַרבעטער־מאַסן. בעת דער מלחמה — אַ פּאַציפיסט, זיך אָנגעשלאָסן אין דער או. ס. ד. פּאַרטיי. ד. יאָרן 1918—19 געווען פּרייסישער אינערנמיניסטער. היינטצוטאָג — דער בעסטער דייטשער אויסלאַנד־קענער, געווען מערערע מאָל קאַנדידאַט אויף אויסערנמיניסטער, אָריענטירט זיך אויף פראַנקרייך, וואָס שטערט אים נישט צו זיין דער אויסדריקער פון די אימפּעריאַליסטישע גלוסטן פון זיין בורזשואַזיע. איינער פון די בעסטע דייטשע רעדנער.

בריילספאָרד הענרי נאָעל (° 1873), באַקאַנטער היינטצייטיקער ענגלישער פּובליציסט. אין דער יוגנט, 1897, אָנטיילגענומען, ווי אַ פרייוויליקער, אין דער מלחמה צווישן גריכנלאַנד און טערקיי — אויף דער גריכישער זייט (קענטיק דאָ דער איינפלוס פון בייראָן און שעלי, ז.). די מלחמה האָט זיך געענדיקט שלעכט פאַר גריכנלאַנד, און ב. איז אַהיימגעקומען אַן אַנטוישטער; אָבער זינט דאַן באַקומען אַ גרויסן אינטערעס פאַר די באַפריי־מלחמות פון די קליינע פעלקער, און הויפּטזאַכלעך — אויפן באַלקאַן. דאַן הייבט ער טאַקע אָן זיין פּובליציסטישע אַרבעט, אין וועלכער ער שטעלט זיך אויפן צד פון די אירלענדישע, אינדישע, עגיפּטישע נאַצ. שטרעבונגען, ווי אויך אויף דער זייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע 1905. ער ווערט דאַן איינער פון די פירער פון די בירגערלעכע ליבעראַלן, גרינדעט דאַן די צייטונגען „ניישאָן" (פּאָלק) „טריביון"; דאָס האָט אים אָבער נישט צופרידנ־

געשטעלט — די אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן און פּאָליטישע מאַכינאַציעס פון די ליבעראַלן זענען געווען נישט אַן ערך גרעסער פון די קאָנסערוואַטיוו. 1912 טרעט ער אַריין אין דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, פירט אויך אָן דעם קאַמף פון די סופראַזשיסטקעס. בעת דער מלחמה אַרויסגעטראָטן ווי איר קעגנער, געפאָדערט אַ „שלום אויפן סמך פון אַ הסכם", באַגריסט די פעלקערליגע. נאָך לאַנגע וואַקלענישן, גייט ער איבער וואָסאַמאָל לינקער, ווערט אַן אַקטיווער קעגנער פון מעקדאָנאַלדס ערשטער רעגירונג, ווערט הויפּט־רעדאַקטער פונעם אָרגאַן פון די אומאָפּהענגיקע „ניו־לידער". געווען 2 מאָל אין ראַטנפּאַרבאַנד, זיך אויסגעדריקט איבער אים מיט גרויס לויב. בעת מעקד. צווייטער רעגירונג (1929–1930) אָנגעפירט מיט דער אָפּאָזיציע פון די לינקערע עלעמענטן. — אָנגעשריבן, צ. אַ., „מאַקעדאָניע", „די מלחמה פון שטאָל און גאָלד", „אַ פעלקערבונד" (1917), „נאָך דעם שלום" — אַ שאַרפע קריטיק פונעם ווערסאַלער טראַקטאַט, „די רוסישע אַרבעטער־רעפּובליק" — ווי אויך אַן אומצאָליקע ריי ערשטקלאַסיקע אַרטיקלען, וווּ ער ווייזט אַרויס גרויס קענטעניש אין די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן.

ברייענט וויליאַם קולען (1794–1878), אַמעריקאַנישער דיכטער און זשורנאַליסט, איינער פון די פירער פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי; געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנישער פּאָעזיע אַ גאַנץ חשובע ראָל, געגעבן איר אַ ריי טעמעס און געשאַפן די דידאַקטיש־סאַטירישע ריכ־

טונג. פון די באַקאַנטסטע זאַכן זענען: „עמבאַגאָ“, וואָס ער האָט געשריבן צו 13 יאָר און „די דורות“ — אַ פּאָעמע איבער דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן מין. געווען רעדאַקטער פון דער „אָוונט-פּאָסט“ אין ניו-יאָרק.

ברייערלי בענדזשאַמין (1825—1896), ענגלישער שרייבער, אַליינלערנער. געווען לכתחילה אַ וועבער, 1863 זיך גענומען צו דער פעדער. זיינע שענסטע דערציילונגען זענען „אַ טאָג אויסער דער היים“ און „דער טאָנאַרבעטער דזשימי“ — גלענצנדע בילדער אויסן לעבן פון די לאַנקאַשירער אַרבעטער. געשריבן אויך דראַמעס און לידער, אויפן לאַנקאַשירער דיאַלעקט: „מאַי“ און „דער טרעגער פון וועלברעך“. נאָך זיין טויט האָט מען אים אין מאַנטשעסטער אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל.

ברינטאָן דעניעל העריסאָן (1837—1899), אָנגעזעענער אַמעריקאַנישער אַרכעאָלאָג, פּראָפעסער אין עטלעכע הויכשולן איבער אַרכעאָלאָגיע און אַלטע שפּראַכן. באַקאַנט פון זיין עפּאָכאַלישער ביבליאָטעק, ווו ער האָט געדרוקט אויסשליסלעך די אָריגינעלע ווערק איבער דעם אויספאָרש די דיאַלעקטן און קולטורן פון די אַמעריקאַנער ראַסעס (8 בענד). אויפגעוויזן, אַז די אינדיאַנער איז אַ באַזונדער צווייג מענטשהייט, וואָס איז אויפגעקומען בלויז אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. צו די ווייטערדיקע ווערק: „דאָס רעליגיעזע געפיל“, „אַמעריקאַנישע העלדנמיטן“, „די אַמעריקאַנער ראַסע“ א. אַנד.

ברינעטיער פערדינאַנד (1849—1906), באַקאַנטער פראַנצויזישער שרייבער, ליטעראַטור-היסטאָריקער און טעאָרעטיקער, קריטיקער און פילאָזאָף. פּאָליטיש — אַ קאָנסערוואַטער, חלומט ער וועגן דער אַלמאַכט פון דער קאַטוילישער קירך, וואָס דאַרף ברענגען סאָציאַלן שלום; די לעצטע יאָרן אַרויסגעטראָטן אפילו, ווי אַן אָפענער רעאַקציאָנער. דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשפיגלט אין זיין ליטעראַרישער אַרבעט. ער האָט פאַרטיידיקט דעם אַריסטאָקראַטישן קלאַסיציזם; ער באַטראַכט די ליטעראַרישע עוואָלוציע, אָפּגעריסן פון אַנדערע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונגען, גיט-צו אַן אומגעהייערן באַטייט דעם שאַפנדיקן יחיד, וואָס ברענגט-אַריין אין דער קונסט בלויז זיין אייגנס, וואָס איז פון גאָר נישט אָפּהענגיק. זיין גרויסער טאַלאַנט און עסטעטיש געפיל גאַראַנטירן אים אַ חשוב אָרט אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור-וויסנשאַפט. פון די וויכטיקסטע ווערק: „קריטיק איבער דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור“, 8 בענד, „געשיכטע פון דער ליטעראַטור“, 3 בענד, „דער נאַטוראַליסטישער ראָמאַן“, „די עוואָלוציע פון זשאַנערס אין דער פראַנצ. ליטעראַטור“, „די עוואָלוציע פון דער לירישער דיכטונג ד. 19טע י״ה“, „די עפּאָכעס אינעם פראַנצויזישן טעאַטער“ א. אַ גאַנצע ריי אַנדערע.

בריסאָ דע וואַרוויל זשאַן פּיער (1754—1793), אָנגעזעענער פראַנצ. פּאָליטישער טוער, זשיראָנדיסטישער פירער. אָנגעהויבן אַ יוריסטישע קאַריערע, די 70ער יאָרן אַריבער קיין פּאַריז, ווו געאַרבעט ביי אַ פּראָקוראָר אין קאַנצעלאַריע צוזאַמען מיט ראָבעספּיערן. 1778 אָנגעשריבן

זיין גרויסע אַרבעט „טעאָריע פון קרימינעלע געזעצן", ד. יאָרן 1782–86 אַרויסגעלאָזט 10 בענד פון זיין „פילאָזאָפישע ביבליאָטעק פונעם געזעצגעבער, פּאָליטיקער און יוריסט", דאַן „פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען איבער דאָס רעכט פון אייגנטום און גנבה", אין וועלכער ער קומט צום אויספיר אין פּרודאָנס (ז.) גייסט, אַז „אייגנטום איז גנבה". געווען קאָרעספּאָנדענט פון ענגלאַנד אין דער פּראָגרעסיווסטער דאַן צייטונג „קוריער דע ל'איראָפּ", אָנגעשריבן אַ בוך „פילאָזאָפישע כתבים איבער דער ענגלישער געשיכטע", איבער אַמעריקע — „איבערקוק פון דער נסיעה פונעם מאַרקיז דע שאַטעליו קיין צפון-אַמעריקע" א. אַנד., געגרינדעט אין פּאַריז אַ געזעלשאַפט „פריינד פון די שוואַרצע" (נעגערס). נאָך דעם אויפשטאַנד צוריקגעקומען, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זיין „פראַנצויזישן פּאַטריאָט" — דעם אָרגאַן פון דעם פּראָגרעסיווסטן טייל בורזשואַזיע, וואָס האָט אָבער מורא געהאַט פאַרן צאָרן פון די מאַסן. געוואָרן דער פירער פון די זשיראָנדיסטן, געריסן זיך צו אַ מלחמה קעגן איראָפּע, כדי צו באַקומען פרישע מערק. שפּעטער געשפּילט די ערשטע פידל אין דער קאָנטער-רעוואָלוציאָנעראָר פּאָליטיק פון דער זשיראָנדע. זיין לעצט שטיקל אַרבעט איז געווען אַ מלחמה-דערקלערונג צו ענגלאַנד. אין זיין לעצטן מאַניפעסט „ק. פּ. בריסאָ צו זיינע ווייִלער" פאָדערט ער פונאַנדערצולאָזן די פּאַריזער רעוואָלוציאָנערע קאָמונע און פאַרמאַכן דעם יאַקאָבינישן קלוב. דער רעוואָלוציאָנערער טריבונאַל האָט אים געבראַכט צו דער גיליאָטינע (31 אָקט. 1793).

בריסבען אַלבערט (1809–1890), אָנגעזעענער פוריעריסטישער (ז.) טוער אין אַמעריקע, שטודירט אין איראָפּע. לכתחילה געווען סען-סימאָנס (ז.) אַן אָנהענגער, נאָר נאָך דער שפּאַלטונג געוואָרן פוריעס אַן איבערגעגעבענער מיטשטימער. 1834 זיך אומגעקערט קיין אַמעריקע, געפירט אַ ברייטע אַגיטאַציע, אָנגעשריבן „די סאָציאַלע שליחות פונעם מענטשן" — אַ מין פּאָפּולאַריזאַציע פון פוריעס ווערק. דאָס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און דאָס לייענבאַרסטע בוך איבער פוריעריזם. געגרינדעט פוריעריסטישע זשורנאַלן „טריבון" און „פאַלאַנג" א. אַנד., ווו גערופן צו שאַפן פוריערישע פאַלאַנגן אין אַמעריקע. די 50ער יאָרן, נאָכן דורכפאַל פון דער פוריערישער באַוועגונג, אַוועק פון געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און זיך געווידמעט דער וויסנשאַפט און קונסט.

בריע עזשען (1858 ○), פראַנצויזישער דראַמאַטורג. באַקאַנט פון זיינע מוסר-השכלדיקע פּיעסן אינעם גייסט פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, באַהאַנדלט פונעם דאָזיקן קוקווינקל די פּראָבלעמען פון חתונה, גט, מוטערשאַפט א. ד. גל. פון זיינע באַקאַנטסטע פּיעסן: „בלאַנשעט", „דער רויטער מאַנטל", „הער דיופּאָנס דריי טעכטער", „קליינער פריינד", „דער אַדוואָקאַט" א. אַנד.

בריקנער אַלעקסאַנדער (1856 ○), באַקאַנטער פוילישער ליטעראַטור-היסטאָריקער און שפּראַכפאָרשער. זיין וויכטיקסט בוך איז „געשיכטע פון דער פוילישער ליטעראַטור", וואָס גייט-אַרויס יעדע עטלעכע יאָר אין פאַרגרעסערטע אויפלאַגעס; באַקאַנט זענען אויך זיין „ציוויליזאַציע און שפּראַך", „סלאַווישע מיטאָלאָגיע", „גע-

שיכטע פון דער פוילישער שפּראַך״ — אַהוץ אַ מענגע קלענערע אַרבעטן און טויזנטער אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטשריפטן. אין זיין מעטאָד פון געשיכטע נעמט ער פאַר אַ פאָן פון דער געגעבענער צייט אירע פּאָליטישע און קולטורעלע דערשיינונגען, אָבער ער מיידט־אויס כמעט אינגאַנצן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען. הויפּט־רעדאַקטער פון דעם גרויסן „עטימאָלאָגישן ווערטערבוך פון דער פוילישער שפּראַך״.

בריקנער עדואַרד (° 1862), היינטצייטיקער דייטשער געאָגראַף און מעטעאָראָלאָג, באַרימט געוואָרן פון זיין אַנטדעקונג איבער דעם 35־יעריקן פּעריאָד פון קלימאַטישע ענדערונגען (אָנגערופן אויף זיין נאָמען). דידאָזיקע אַנטדעקונג האָט אויך אַ קאָלאָסאַלן פּראַקטישן באַטייט, און איבער דער גאַנצער וועלט מערט זיך די צאָל פאָרשונגען איבער דעם; דאָס רוב פאָרשער האָבן באַשטעטיקט, מיט געוויסע שינויים, די אַנטדעקונג: דורכשניטלעך 3 מאָל אין אַ יאָרהונדערט קומען פאָר געוויסע קלימאַטישע ענדערונגען — נישט אומעטום דיזעלבע, נישט אין נאָרמאַלע אָפּזאַצן, אָבער 20 פּראָצ. פון אַלע קלימאַט־טרייסלונגען קומען־פאָר יעדע 35 יאָר. זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן: „קלימאַט־שוואַנקונגען זינט 1700״, „שוואַנקונגען, ימען און טייכן״, „די אַלפּן אינעם פּעריאָד״, „קלימאַט־שוואַנקונגען און פעלקערוואַנדערונג״.

ברעגער קאַרל (° 1886), דייטשער דיכטער, געוו. פאַבריק־אַרבעטער. זינט 1914 — רעדאַקטער פון דער ס. ד. פּאַרטיי־צייטונג אין נירענבערג. אַרויסגעגעבן לידער־זאַמלונגען: „לידער״, „די זינגענדיקע שטאָט״, „חבר, ווען

מיר זענען געגאַנגען״, „די זעלנער פון דער ערד״, „דער פלאַם״, „אונדזערע הערצער קלינגען״, „הימנען און באַלאַדעס״, „פרימאָרגן״, „דייטשלאַנד״ און אַן אויטאָביאָגראַפישן ראָמאַן „דער העלד אין שאָטן״. זיינע טעמעס זענען — אַרבעטער, פאַבריקן, די שטאָט פונעם מאָרגן. ער קען די אַרבעטער־פערטלען, אָבער ער פאַרמאָגט נישט קיין קלאַסנאידעאָלאָגיע און דערום פעלט אים דער קאַמפגייסט. ווייטער פון דער „וועלט־ליבע״ גייט ער נישט. אָפט שעפּט ער בילדער פון דער ביבל, און וווּ־נישט־וווּ טרעפן זיך פאַטריאָטישע טענער.

ברעד דזשעמס (1795—1860), ענגלישער דאָקטער, זיך קונה־שם געווען, וואָס 1841 דערוויזן, אַז ווען מען קוקט נאָכאַנאַנד אויף אַ גלאַנציקער זאַך, ווערט מען שלעפעריק און אַזוי־אַרום דער ערשטער אַנטדעקט דעם היפּנאָז (דעם נאָמען האָט טאַקע געגעבן ער אַליין). אָנגעשריבן דאָס גרונט־בוך איבער דעם.

ברעדיג געאָרג (° 1868), דייטשער כעמיקער, אַ שילער פון ווילהעלם אָסטוואלד (ז.). דערוויזן אַ פולשטענדיק נייעם געזעץ אין דער טעאָריע פון עלעקטריש־פייערדיקע פערמענטן. אָנגעשריבן איבער דעם „אַנאָרגאַנישע פערמענטן״.

ברעדלאָ טשאַרלז (1833—1891), ענגלישער בורזשואַזער ראַדיקאַל, איינער פון די אָנגעזעענסטע אַפּיקורסים. אַדורכגעמאַכט זייער אַ שווערע יוגנט, זיך געמוזט אַפילו אויס נויט אָנדינגען פאַר אַ זעלנער. נאָך 3 יאָר, האָט אים די מוטער זיינע אויסגעקויפט, און זינט דאַן האָט ער זיך אָפּגעגעבן אויס־

שליסלעך מיט ליטעראַרישער אַרבעט. אָנגעשריבן: „אַ האַלבע שעה מיט פריידענקער" און, צוזאַמען מיט עני בעזאַנט (ז.) רעדאַגירט די ראַדיקאַלע צייטונג „נאַציאָנאַלער רעפאָרמלער". מיט זיינע רעפובליקאַנישע און פריידענקערישע מעשים געצויגן אויף זיך רעפרעסיעס פון דער רעגירונג. 1880 געגרינדעט אין ענגלאַנד די ערשטע „פריידענקער־ליגע". ס'איז אָבער אינטערעסאַנט אין אים דאָס, וואָס ער לייקנט נישט אָפּ גאָט בכלל, נייערט יענעם גאָט פון די הייליקע ספרים. געפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק מיט די סאָציאַליסטן, פאַרטיידיקט דעם גרויסן ערד־באַזיץ. אויסגעקליבן 1880 אין פּאַרלאַמענט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט רעליגיעז צו שווערן, מ'האָט אים אויסגעשלאָסן און ערשט נאָך אַ פּראָצעס נאָך 6 יאָר האָט ער זיך דערשלאָגן ס'זייניקע. אין אַלגעמיין — איינער פון יענע דרייסטע יחידים אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט דאָס פאַרגאַנגענע י"ה, וואָס האָבן זיך דערהויבן איבער דעם געדאַנקענגאַנג פון זיין צייט, געפונען דעם וועג פון פריידענקעריי, אָבער האָבן נישט אָנגעווענדעט דעמדאָזיקן פּרינציפּ אויך אויף אַלע סאָציאַלע, ווי פּאָליטישע דערשיינונגען.

ברעדלי דזשעמס (1762–1692), אָנגעזעענער ענגלישער אַסטראָנאָם, נאָך לענגערע פאָרשונגען 1728 אַנטדעקט די אַבעראַציע (אויסקרימונג) פון ליכט. 1737 אַנטדעקט די נוטאַציע פון דער ערדישער אַקס, נאָך האַליס טויט, איז ער (1742) באַשטימט געוואָרן פאַר דירעקטער פון דער גרינוויטשער אָבסערוואַטאָריע. זינט 1750 אָנגעהויבן זיינע באַקאַנטע מערידיאַלע

פאָרשונגען, וואָס האָבן דערמעגלעכט אַ גענויע אַבעראַציע, נוטאַציע און פּראָצעסיע, וואָס אָן דעם קאָנען נישט געמאָלט זיין קיין ריכטיקע אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען.

ברעדלי פרענסיס הערבערט (1924–1846), ענגלישער פילאָזאָף, אין אַ געווויסער הינזיכט געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון העגעלן (ז.). ער דערווייזט, אַז דער ווירקלעכער סוביעקט פון יעדער באַטראַכטונג איז די אַבסאָלוטע רעאַלקייט, וואָס שליסט איין אין אַן אָרגאַנישער גאַנצקייט די גאַנצע וועלט פון עקספּערימענט און דערפאַרונג. אָבער אָנשטאָט וואָס ה. ווייזט־אָן, אַז די וועלט שליסט אין זיך איין דווקא די סתירות אין איר, האַלט ב., אַז מען דאַרף די רעאַלקייט אָפּרייניקן פון די סתירות, אַז די רעאַלקייט מיט סתירות איז עפּעס אַ מין מיספאַרשטענדעניש און אַזוי־אַרום טראָגט זיין פילאָזאָפיע אַ האַלבמיסטישן כאַראַקטער. זיינע וויכטיקסטע ווערק זענען: „די פּרינציפּן פון לאָגיק", „דערשיינונגען און ווירקלעכקייט".

ברעהמער הערמאַן (1889–1826), דייטשער דאָקטער, באַרימט פון זיין מעטאָד צו היילן שווינדזוכט. ביז אים האָט אין דער דאָקטערוועלט געהערשט די איבערצייגונג, אַז שווינדזוכט איז אומהיילבאַר. ערשט ב.ס סאַנאַטאָריע, וואָס ער האָט 1859 געגרינדעט אין הערבערסדאָרף, האָט גלענצנדיק דערוויזן, אַז די קראַנקייט איז דווקא יאָ היילבאַר. פון זיינע וויכטיקסטע ווערק: „די כראָנישע לונגענשווינדזוכט, סיבות און היילונג", „די טעראַפּיע פון כראָנישער שווינדזוכט".

ברזוויבא אָטאָקאַר, פּס"ד פון וואַצלאַוו יעבאַווי (1868—1929), טשעכישער דיכטער — אַ סימבאָליסט, אַן אָנהענגער פון מעטערלינק און באָדלער; זיין סטיל איז אָפט מיטלעלטערלעך־מיסטיש, זיין טעמע — מענטשלעכער ווילן. אָנגעהויבן אין דער דעקאַדענטישער „מאָדערנער רעווי", און פאַרן טויט אָנגעגאַנגען פאַרן גרעסטן היינטצייטיקן טשעכישן דיכטער. פון די באַקאַנטסטע זאַכן: „געהיימנישפולע ווייטן", „שקיעה אין מערב", „אויסגעקליבענע לידער". זינט טשעכיס זעלבשטענדיקייט באַקומען אַן אייביקע מלוכהפּענסיע.

ברעט האַרט פרענסיס (1839—1902), אַמעריקאַנישער שרייבער, אויסגעוועזן אַסך פאַכן, צ. אַ., אויך צוגפירער אין די גאָלדגרובן אין סאַן־פראַנציסקאָ. דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן דאָס לעבן פון די גאָלדמאַגנאַטן און אין זיין אייגענער צייטונג „דער אָווערלענדער חודשניק" אָפּצודרוקן אַ ראָמאַן „די הצלחה פונעם נייעם קוילנגרעבער", „די פאַרטויבענע פון פּאָקער־פלעט" א.אַנד., וואָס די אָרטיקע בורזשואַזיע האָט שלעכט אויפגענומען — איבער די ריכטיקע בילדער, וואָס ער שילדערט דאָרט. ער שילדערט דעם מענטשן, ווי אַ יחיד, אָן צוזאַמענהאַנג מיט זיין אַרומיקער סביבה. זיין סטיל איז פּראַכטפול און רוי, ווי די נאַטור פון זיינע העלדן. ער איז געווען דער שעפער פון די קורצע דערציילונגען. זינט 1878 געוווינט אין ענגלאַנד. אַ זאַמלונג זיינע ווערק איז אַרויס אין 19 בענד.

ברעטאַן אַנדרע, פראַנצויזישער

שרייבער, דער באַגרינדער פונעם אַ.ג. „דאַדאַיזם" און שפּעטער „סיר־רעאַליזם"— נייע שטרעמונגען אין דער פראַנצויזישער קונסט און ליטעראַטור. זיין פּראָגראַם־בוך איבער דאַדאַיזם הייסט „פאַרלוירענע טריט" (1924). נאָכן צעפאַל פון דער גרופּע אַרויסגעגעבן אַ „מאַניפעסט פונעם סיר־רעאַליזם". פון זיינע ראָמאַנען: „מאַגנעטישע פעלדער", צוזאַמען מיט סופּאָ, „לאָמבאַרד", „צעגאַנגענער פיש" א. אַנד. די לעצטע צייט איז אין דערדאָזיקער גרופּע „סיר־רעאַליסטן" פאָרגעקומען אַ שטיקל בונט, אַ טייל מיטגלידער: דענאָ, וויטראַק א. אַנד. זענען אַוועק. ב.ן ווערט פאָרגעוואָרפן פּאַרקויפטקייט, אַלס קונסטקריטיקער, געקויפטע רעקלאַמע אאַוו.

ברעטאַן זשול (1827—1906), פרנצ. מאָלער, געצייכנט אויסן פויערשן שטייגער לעבן אין אַ געטריי־רעאַלער פאָרעם. אונטערן איינפלוס פון די יולי־טעג 1848 אויסגעשטעלט 1849 אַ בילד „אָרעמקייט און אַנטוישונג", 1851 — „הונגער".

ברעטאַן דע לאָס הערעראָס מאַנועל (1796—1873), שפּאַנישער דראַמאַטורג, געשילדערט די מיטלבירגערלעכע סביבה, פון וועלכער ער האָט אַליין געשטאַמט. אָנגעשריבן לערך 180 פּיעסעס. פון די וויכטיקסטע: „מאַרסעלע, אָדער וועלכער פון די דריי", „שטאַרב, וועסטו זען", „שול פון חתונה־האָבן", „כ'קער מיך אום קיין מאַדריד", „בעלידאָ דאָלפּאָס" א. אַנד.

ברעכט בערטאָלד (° 1898), דייטשער דראַמאַטורג און רעזשיסער. שילדערט אין זיינע פּיעסעס דעם אומבאַהאָלפענעם יחיד אין דער גרויסער

שטאָט און זיין קאַמף פאַרן זיין. באַ-
קעמפט דעם אידעאַליזם מיט דער ראָ-
מאַנטישקייט און פּראָפּאַגירט רויען
פּראַקטיציזם. די זאַכלעכע אַמעריקע,
בעיקר טשיקאַגע, מיט אירע שעכטהייזער,
בערזעס, צירקן — דאָס איז ב.ס
פאָן; פאַראַן אויך עטלעכע זיינע פּיעסן
אויס דעם פאַנטאַסטישן אַמעריקאַנישן
ווילדן מערב („אוויילד אועסט"). אין
הינזיכט פון טעאַטער, איז ער אַן אָנ-
הענגער פונעם אַמעריקאַנישן „לונאַ-
טעאַטער", ווו יעדער קאָן זיך פריי
באַוועגן און טון וואָס ער וויל. פאַר
אַזאַ טעאַטער שרייבט ער זיינע טיף-
קאָנצענטרירטע קליינע פּיעסעס; פאַר
יעדער סצענע מעלדעט דער קאָנפע-
ראַנסיע, וואָס ס'וועט געשפּילט ווערן.
פון זיינע באַקאַנטסטע שטיק: „פויקנ-
קלאַפּ אין דער נאַכט", „בעל", „דאָס
לעבן פון עדוואַרד דעם צווייטן", „גאַ-
לי גייגיי, אָדער דער מאַנספאַרשוין
איז מאַנספאַרשוין", ווי אויך אַן אָרי-
גינעל זאַמלבוך הויז-נאָוועלן — „הויז-
פּאָסטיל באַלאַדנבוך".

ברעכער גוסטאַוו (○ 1879), דייטשער קאָמפּאָזיטער, איינער פון די
גרעסטע היינטצייטיקע דיריגענטן. זינט
1924 — פירער פון לייפּציקער אָפּערע.
זיין באַקאַנטסטע מוזיקאַלישע שאַפונג
איז די סימפאָנישע פּאָעמע „אונדזערע
טעג".

ברעם, פּאָטער און זון, דייטשע
זאָלאָגן: 1) כריסטיאַן לודוויג
(1787—1864), איינער פון די גרעסטע
סיסטעמאַטיקער, געשאַפן און באַשריבן
אַ קאָלאָסאַלע קאָלעקציע אייראָפּעישע
פייגל (איבער 9 טויזנט מינים). די
וויכטיקסטע אַרבעטן: „בייטראָגן צו
דער פויגלקענטעניש", 3 בענד. 2)

אַלפרעד עדמונד (1829—1884),
זיין זון. אויסגעפאָרן גאַנץ אייראָפּע,
אַ שטיק אַפריקע און צפונלענדער —
מיט וויסנש. צוועקן. 1867 געשאַפן
דעם בערלינער אַקוואַריום. אַ גרויסן
רום האָט זיין „לעבן פון חיות" — 6
בענד; „רייזע־סקיצן פון צפון-אַפריקע",
„פונעם נאָרדפּאָל ביזן עקוואַטאָר" און
אַנדערע.

ברעמלי פרעד (1874—1925), אָנ-
געזעענער ענגלישער סאָציאַליסטישער
פּובליציסט און פּראָפעסיאָנעלער פירער,
משך 1923—25 גענעראַל־סעקרעטאַר פון
די טרייד־יוניאָנס. גאָר יונג זיך אַרויס-
געררוקט אין די פאָדערשטע רייען פון
דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. די
90ער יאָרן געוואָרן אַ סאָציאַליסטישער
אַגיטאַטער, באַקאַנט ווי אַ גוטער רעד-
נער. אויף די באַזונדערע קאָנגרעסן
1924 און 1925 געפירט אַ העפטיקן
קאַמף פאַר פאַרברייטערן די פולמאַכטן
פונעם גענעראַלראַט און פאַר איבער-
בויען די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע באַ-
וועגונג אויף אינדוסטריעלע יסודות.
הגם באַקעמפט די קאָמוניסטישע איינ-
פלוסן אין די פאַריינען, דאָך נאָוועמ-
בער 1924 געוועזן אין ראַטנפאַרבאַנד
און געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז
שאַפן אַ געמיינזאַמען פראָנט מיט די
רוסישע פאַריינען פאַר דער איינהייט
פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָפ.
באַוועגונג. דער אַמסטערדאַמער אויס-
פירקאָמיטעט האָט זיך אָבער פיינדלעך
באַצויגן צום דאָזיקן פּלאַן. ב. האָט
דאַן געאַרבעט, כדי די ענגלישע פאַ-
ריינען אַליין זאָלן אויף זיך נעמען
דידאָזיקע איניציאַטיוו — און אינמיטן
דער אַרבעט — אין אַמסטערדאַם, האָט
ער באַקומען אַ האַרצשלאָג און גע-
שטאָרבן.

ברעמער פרעדעריקאַ (1801—1865), שוועדישע שרייבערין, געשאַפן דעם ריכטיקן שוועדישן פאַמיליע־ראָמאַן, אָפּגעשפּיגלט בכלל די גאַנצע אייראָפּעישע בורזשואַזע משפּחה פון איר צייט. 1828 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ סעריע ראָמאַנען „שטריכן פון באַוואוּלהט לעבן", וואָס צו די בעסטע געהערן: „שכנים" און „דאָס היימהויז". אירע אַמעריקאַנער איינדריקן איבער דער פרוי באַשריבן אין „די משפּחה אין דער נייער וועלט". אויפגעוויזן, אַז די פרוי דאַרף נישט שטרעבן צו גלייכבאַרעכטונג אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, נייערט איר העכסטער געבאָט דאַרף זיין — העלפן דער משפּחה, דערפילן די אידיליע פון פאַמיליען־לעבן. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט זענען: „הערטאַ, אָדער די געשיכטע פון אַ נשמה", „פאָטער און טאָכטער".

ברענאָ פּאָל (° 1880), פראַנצויזישער אינזשיניער, וויכטיקסטער פאָרשטייער פון דער ראַדיאָוויסנשאַפט אין פראַנקרייך, דערפונדן אַסך מילואים אין ראַדיאָ, דירעקטער פון דער פראַנצויזישער ראַדיאָ־עלעקטרישער געזעלשאַפט.

ברענגווין פרענק (° 1867), גרויסער היינטצייטיקער ענגלישער מאָלער, צייכנט זיך אויס מיט זיין אייגנאַרטיקן קאָלאָריט און דעקאָראַטיווער מאַניער, מיט די קאָנטראַסטן פון שוואַרצער און ווייסער מאַסע. זיינע באַליבטסטע טעמעס זענען בריקן, בנינים, האַפנס, וואָקזאַלן, שיף־בוי און סצענעס פון מענטשלעכער אַרבעט. אַחוץ זיין רייבילדער, אויך אילוסטרירט עטלעכע וועלטבאַרימטע ביכער צו וואַלטער סקאָט, ווערהאַרן, אָמאַר כאַיאַם, סערוואַנטעס' „דאָן קיכאָט" א. אַנד.

ברענטאַנאָ לויאָ (° 1844), דייטשער אָנגעזעענער עקאָנאָמיסט פון דער אַ. ג. היסטאָריש־עטישער ריכטונג. 1872 מיטגעגרינ׳דעט דעם „פאַרבאַנד פאַר סאָציאַלער פּאָליטיק", וואָס האָט געפאָדערט אַרבעטער־רעפאָרמען, כדי זיי אָפּצוציען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין זיין בוך „די אַרבעטערגילדעס פון דער קעגנוואַרט" האַלט ער הויך די ענגלישע טריידיוניאָנס און לייגט־פאָר דאָסזעלבע איינצופירן אין דייטשלאַנד. דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס און אַסך מיטגעווירקט צו דער פאַרשפּרייטונג פונעם געדאַנק איבער אַרבעטער־קאָאַליציע צווישן דער אינטעליגענץ. ער ווייזט דאָרט אויף, אַז די אַרבעטקראַפט דאַרפן ערשט ווערן „אמתע סחורה". אין זיין צווייט באַקאַנט בוך „איבער דער פאַרהעלטעניש פון אַרבעטסלוין און אַרבעטצייט צו דער אַרבעטלייסטונג" דערווייזט ער, אַז אויך די קאַפּיטאַליסטן דאַרפן מסכים זיין צו העכערן די שכירות, ווייל דאָס פאַרגרעסערט די פּראָדוקטיווקייט און ס׳האַלט אונטער דעם „סאָציאַלן שלום" צווישן די קלאַסן. — זיין שיטה האָט געהאַט אַ ריי וויכטיקע מיטשטימער און אָנגעזעענע וואָרטפירער. אַחוץ זיין קאַמף מיט די באַלעבאַטים האָט ער אָנגעפירט אַ העפטיקע פּאָלעמיק מיט ק. מאַרקס. נאָך, אַחוץ די דערמאַנטע ווערק: „קלאַסישע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע", „איבער די סיבות פון דער היינטיקער סאָציאַלער נויט", „פּרווו פון אַ טעאָריע פון באַדערפעניש".

ברענטאַנאָ פראַנץ (1838—1917), אָנגעזעענער עסטרייכישער פּסיכאָלאָג,

געפירט זיינע שיטות פון אַריסטאָטעלן און דער סכאָלאַסטיק, אידעאַליסטישער פילאָזאָף. יעדער פסיכישער אַקט, האָט ער דערוויזן, האָט זיין קעגנשטאַנד, נאָר די באַציונג פונעם אַקט צו זיין קעגנשטאַנד קאָן זיין אַ דרייפאַכיקע: דער קעגנשטאַנד ווערט פ אָ ר ג ע ש ט ע ל ט (אין פאָרשטעלונג), אָנערקענט אָדער אָפגעוואָרפן (אינעם געדאַנק), געליבט אָדער געהאַסט (אין דער ליבע אָדער שנאה). דערום אונטערשיידט ער 3 מינים פסיכישע דערשיינונגען: פאָרשטעלונג, געדאַנק און געפיל. ער האַלט אויך, אַז די באַשרייב־פסיכאָלאָגיע באַשטייט פון 2, גאָר באַזונדערע וויסנשאַפטן: די ערשטע איז אַן אינדוקטיווע, אַ וויסנשאַפטלעכע, די צווייטע איז אַן אַפּריאָרישע, אַן „אויפן־סמך“דיקע. ווי אַן איבערגעצייגטער טעיסט, האָט ער אָנגעווענדעט דעם רעליגיעז־אידעאַליסטישן מעטאָד פונעם מיטלעלטער צו דער פסיכאָלאָגיע; אַזוי האַלט ער, אַז זי באַגרענעצט זיך נישט בלויז מיט דער אונדזערער וועלט, נייערט זי באַציט זיך אויך צו דער אומשטערבלעכער נשמה. ב.ס פאַרדינסט איז גרויס דערמיט, וואָס ער האָט קלאָר פונאַנדערגעשיידט די ביידע מעטאָדעס פסיכאָלאָגיע: פון עמפּירישער וויסנשאַפט ביז אידעאַליסטישער. אָנגעשריבן, צווישן אַנדערן: „איבער דער קלאַסיפיקאַציע פון פיזישע פענאָמענען“, „איבער דעם אורשפרונג פון זיטלעכער דערקענטעניש“.

ברענטאַנאָ קלעמענס (1778–1842), דייטשער ליריקער, פּראָזאַיקער און דראַמאַטורג, אייגער פון די גרעסטע דיכטער פונעם צווייטן דור ראָמאַנ־

טיקער. געהערט צו יענער „יונג־ראָמאַנטישער שול“, וואָס האָט באַזונגען די פעאָדאַלע עפּאָכע, צו דער צייט „פון רעכטפאַרטיקע געפילן און רעכטפאַרטיקע מענטשן“. צוזאַמען מיט אַכים פון אַ ר נ י ם (ז.) אַרויסגעגעבן „דעם יינגלס וווּנדערהאָרן“—אַ זאַמלונג אַלטדייטשע פאָלקסלידער. אָנגעשריבן, צ.אַ., „די געשיכטע איבער דעם בראַוון קאַספּער און דער ווונדערשיינער אַנערלע“, אַ קאָמעדיע „פּאָנסע דע לעאָן“. 1818 אַוועק אין אַ קאַטוילישן מאָנאַסטיר, אָנגעשריבן אַ ריי רעליגיעזע ווערק, צווישן א.: „די ליידן פון אונדזער האַר יעזוס קריסטוס לויט די סימנים פון דער מאָנאַכין קאַטרינע עמעריך“.

ברעפעלד אָ ס ק אַ ר (1839–1925), דייטשער באָטאַניקער, זיך הויפּטזאַכלעך אָפגעגעבן דעם אויספאָרשן שוואָמען און זייערע קרובישע אָרגאַניזמען. אין די פ ו פ צ ן בענד פון זיינע „אונטערזוכונגען איבער דער מיקאָלאָגיע“ געגעבן אַ ריי פינקטלעכע, גענויע ידיעות אויס דערדאָזיקער וויסנשאַפט. ביי דער פאָרש־אַרבעט בלינד געוואָרן אויף ביידע אויגן — פון אָנשטעקונג מיט שוואָמען.

ברעש פ י ל י פ (°1877), היינטצייטיקער היסטאָריקער פון דער גרויסער פראַנצ. רעוואָלוציע, אַ שילער פון אָ ל אַ ר ס (ז.) שול, שטודירט די געשיכטע פון די פאַריזער מאַסן לויט די גאַסן און פערטלען. זיין וויכטיקסטע אַרבעט איז „די קאָמונע פונעם 10 אויגוסט 1792“, אַרויסגעגעבן און דערקלערט זייער אַסך וויכטיקע היסטאָרישע אויטענטישע דאָקומענטן.

ברעשקאָ - ברעשקאָווסקאַיאַ י ע ק אַ ט ע ר י נ אַ („די באָבע“) (°1844),

רוסישע רעוואָלוציאָנערע טוערין. געבוירן, דערצויגן, חתונה־געהאַט אין אַ רייכער פריצישער פאַמיליע, צו 26 יאָר (1870) פאַרלאָזט די היים און זיך געלאָזט „אין פאָלק"; אויסגעגאַנגען גאַנץ אוקריינע, געפירט רעוואָלוציאָנער'ע פּראָפּאַגאַנדע, אַרעסטירט געוואָרן, אָפּגעזעסן תפיסה — 3 יאָר, 5 יאָר קאַטאָרגע, אַנטלאָפן, מ'האָט זי געכאַפּט און פאַרמשפט אויף פרישע 4 יאָר און 40 שמיץ, — דאָס לעצטע האָט מען נישט אויסגעפירט, דערנאָך ווידער פאַרשיקט געוואָרן. ווי אַן איבערצייגטע ס.ר.ין, האָט זי גלייך פון אָנהויב באַקעמפט די אויפקומענדיקע ס.ד.־קישע באַוועגונג, געשריבן בראָשורן, געהאָלפן אין דער טעראָר־אַרבעט — אַזעפן, גערשונין, אַרומגעפאָרן איבער אייראָפּע, אַמעריקע, פון וואַנען 1905 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד און זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. 1907 האָט זי אַזעף אויסגעגעבן און 1910 האָט מען זי פאַרשיקט. זי האָט געפרוווט אַנטלויפן, נאָר מ'האָט זי געכאַפּט און אַזוי איז זי אָפּגעווען אין סיביר ביז דער פעברואַר־רעוואָלוציע 1917. פאַרנומען אַן אָנגעזעענע אָרט אין דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג, געווען אַ וויכטיקער שטיק פון קערענסקיס רעגירונג, זיך געשטעלט בראש פונעם עקסט־רעכטן פליגל פאַרטיי ס. ר.—נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַוועק קיין אויסלאַנד, קיין פאַריז, ווו זי פירט אָן נאָך ביז היינט אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד. אַ נאָענטע מיטאַרבעטערין פון דער ט.ר.ישער צייטונג אין פאַריז „דני" (פעג).

ס ו ף פ ו נ ע ם ע ר ש ט ן ב אַ נ ד